STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10636

A MENTSH BA LAYTN

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול־בּיבּליאָטעק

מ. גאָרקי

א מענטש בּאלייַטנ

ייִדיש — נויעכ לוריע

מעלוכע־פארלאג
פאר די נאציאָנאלע מינדערהייַטנ אינ אוססר
קיִעוו — 1940

I

איך בין א מענטש בא יענעם, איך בין א „ייִנגל“ אין א מאגאזין פון „נייַ־מאָדנע שוכווארג“ אפ דער שטאָטישער הויפּט־גאס.

מייַן באַלעבאָס איז א קליין קייַלעכיק מענטשל, ער האָט אן אָפּגעריבן ברוינ־ברודיק פּאָנעם, גרינע ציין, קויטיק־וואסערדיקע אויגן. ער ווייַזט מיר אויס בלינד; איך וויל זיך איבערצייַגן אין דעם, מאך איך האווייַעס.

— קרים ניט די צורע, — זאָגט ער שטיל, נאָר שטרענג.

ס'איז ניט אנגענעם, וואָס אָט די מוטנע אויגן זעען מיך, און סע גלייבט זיך ניט, אז זיי זעען. עפּשער, שטויסט ער זיך נאָר אָן, דער באַלעבאָס מייַנער, אז איך מאך האווייַעס.

— איך האָב געזאָגט — קרים ניט די צורע, — זאָגט ער נאָך שטילער, קוים וואָס ער רירט מיט די גראָבע ליפּן.

— קראַץ ניט די הענט, — קריכט צו מיר זייַן טרוקענע שעפּטשערייַ, — דו דינסט אין אן ערשטקלאסיקן מאגאזין אפ דער הויפּט־גאס פון שטאָט. דאָס דארף מען געדענקען. א ייִנגל דארף שטיין בא דער טיר, ווי א סטאטוע...

איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז אזוינס א סטאטוע, איך קען זיך ניט אייַנהאלטן פון קראַצן די הענט: ביידע זייַנען זיי מיר ביז די עלנבויגנס באדעקט מיט רויטע פלעקן אין וווּנדן. די קרעץ בייַסט, ניט איבערצוטראָגן.

— מיט וואָס אזוינס האָסטו זיך פארנומען אינדערהיים? — פרעגט דער באַלעבאָס, באטראכטנדיק מייַנע הענט.

איך דערצייל, ער שאָקלט מיטן קייַלעכיקן קאָפּ, וואָס איז שטייַף באקלעפּט מיט גרויע האָר, און רעדט באליידיקנדיק:

— אלטווארגערייַ איז ערגער פון בעטלערייַ, ערגער פון גנייווע.

מיט א געוויסן שטאָלץ מעלדע איך:

— איך האָב זיך שוין פארנומען מיט גנייווע אויך.

אוועקגעלייגט די הענט אפן קאָנטאָר־שאפקעלע, ווי א קאָטער די לאפּעס, שטעלט ער אָן דערשראָקן זייַנע פוסטע אויגן מיר אין פּאָנעם און צישעט:

— וואָ־אָס? מיט גנייווע?

איך גיב צו פארשטיין — וויאזוי און וואָס.

— נו, דאָס, קאָן מען רעכענען, איז א קלייניקייַט. נאָר אויב דו וועסט בא מיר גאנווענען א פּאָר שיך אָדער געלט, וועל איך דיך פארזאָרגן מיט טורמע ביז דייַנע עלטערע יאָר...

ער האָט עס געזאָגט גאנץ רויִק, איך האָב זיך דערשראָקן און האָב אים נאָך מער ניט ליב געקריגן.

אויסער דעם באַלעבאָס איז נאָך אין מאַגאַזין בײַם פאַרקויף געשטאַנען מײַן שוועסטערקינד, סאשע יאקאָווס, און דער עלטערער פּריקאַשטשיק — א פלינקער, קלעפּיקער און ראָזבאַקיקער מענטש. סאשע האָט געטראָגן א ברוין-געל סורדוטל, א מאַנישקע, א שניפּס, הויזן איבער די שטיוולעטן, איז געווען גרויס בײַ זיך און פלעג מיך ניט באַמערקן.

ווען דער זיידע האָט מיך געבראַכט צום באַלעבאָס און דערבײַ געבעטן סאַשען, ער זאָל מיך צולערנען, — האָט זיך סאשע אָנגעכמורעט מיט א וויכטיקער מינע, וואָרענענדיק:

— דערצו איז נייטיק, ער זאָל מיך פאָלגן!

דער זיידע האָט אַרופגעלייגט די הענט אף מײַן קאָפּ און מיר אײַנגעבויגן דעם האַלדז.

— פאָלג אים, ער איז עלטער פון דיר סײַ אין די יאָרן, סײַ אין דער שטעלע...

און סאשע האָט, אויסגלאָצנדיק די אויגן, מיט מיר אײַנגעכאַזערט:

— געדענק-זשע, וואָס דער זיידע האָט געזאָגט!

און ער האָט באַלד פון ערשטן טאָג אָנגעהויבן שטאַרק אויסנוצן זײַן עלטערקײַט.

— קאַשירין, גלאָצ ניט די באָלעכעס, — אייצעט אים דער באַלעבאָס.

— איך — וווּ?... — ענטפערט סאשע, אַנבייגנדיק דעם קאָפּ. נאָר דער באַלעבאָס טרעט אָלץ ניט אָפּ:

— בייג ניט אַזוי דעם האַלדז, די קונים וועלן מיינען, דו ביסט א באָק...

דער פּריקאַשטשיק לאַכט דערעכערעצדיק, דער באַלעבאָס צעציט העסלעך די ליפּן, סאשע גיסט זיך אָן פלאַם-רויט מיט בלוט, באַהאַלט זיך אונטער דער סטויקע.

מיר זײַנען די רייד ניט געפעלן געווען, אַסאַך ווערטער האָב איך ניט פאַרשטאַנען, אַן אַנדער מאָל פלעג דוכטן, אַז די דאָזיקע מענטשן ריידן אף א פרעמדער שפּראַך.

אַז א קונעטע גייט אַרײַן, נעמט דער באַלעבאָס אַרויס די האַנט פון קעשענע, רירט אָן די וואָנצעס און קלעפּט צו אף זײַן פּאָנעם א זיסן שמייכל, וואָס באַדעקט זײַנע באַקן מיט קנייטשן, נאָר פאַרענדערט ניט די בלינדע אויגן. דער פּריקאַשטשיק ציט זיך אויס, די עלנבויגן שטײַף צוגעקוועטשט צו די זײַטן און די הענט דערעכערעצדיק צעהאַנגען אינדערלופטן. סאשע פינטלט דערשראָקן, באַמיט זיך צו באַהאַלטן די אויסגעבאָלעכטע אויגן, איך שטיי בײַ דער טיר, קראַצ אומבאַמערקלעך די הענט און קוק נאָך דער פאַרקויף-צערעמאָניע.

שטייענדיק פאַר דער קונעטע אף די קני, מעסט דער פּריקאַשטשיק צו א שוך, וווּנדערלעך צענעמענדיק די פינגער. די הענט זײַנען ציטערן, דעם פיס פון דער פרוי רירט ער אָן אַזוי פּאָרזיכטיק, פונקט ער וואָלט מוירע האָבן, אַז אָט צעברעכט ער אים, און דער פוס איז דאַפקע א גראָבער, ענלעך צו א פלאַש מיט אויסגעקײַלעכטע פלייצעלעך, מיטן העלדזל אַראָפּ.

איינמאָל האָט עפּעס א דאַמע, דריגענדיק מיטן פוס און זיך פאַרקנייטשנדיק, געזאָגט:

— אַך, וואָס קיצלט איר...

— ס'איז פון העפלעכקייט, — האָט אײַליק און הייס דערקלערט דער פּרי־קאַשטשיק.

ס'איז געווען אַ געלעכטער צו קוקן, וויאַזוי ער קלעפּט זיך אָן אָן דער קוינעטע, און, קעדיי זיך ניט פאַנאַנדערלאַכן, פלעג איך זיך אָפּקערן צו דער טיר־שויב. ס'האָט אָבער גוואַלדיק געצויגן אָנקוקן, ווי סע גייט צו דער פּאַרקויף. די גענג און שטיק פונעם פּריקאַשטשיק זײַנען געווען זייער טשיקאַווע, דערבײַ האָב איך געקלערט, אַז איך וועל קיינמאָל ניט קענען אַזוי העפלעך צעגעמען די פינגער, אַזוי פלינק אַרופזעצן אַ שוך אַף אַ פרעמדן פוס.

אָפט פלעג זיך מאַכן, דער באַלעבאָס גייט פון מאַגאַזין אַוועק אין קליינעם אַל־קערל, וואָס הינטער דער סטויקע, און רופט אַהינצו אַרײַן סאַשען; דער פּריקאַ־שטשיק בלײַבט אויג אַף אויג מיט דער קוינעטע. איינמאָל האָט ער, אָנרירנדיק דעם פוס פון עפּעס אַ רויטהאָריקער פרוי, צונויפגעלייגט די פינגער אין אַ בינטל און זיי אַ קוש געטאָן.

— אַך, — האָט די פרוי אויסגעזיפּצט, — איר זײַנט אַזאַ שטיפער!

און ער האָט אָנגעבלאָזן די באַקן און שווער אַרויסגעזאָגט:

— ממ־וכ!

דאָ האָב איך זיך אַזוי צעלאַכט, אַז איך האָב זיך געמוזט אָנכאַפּן אָנעם טיר־הענטל, קעדיי ניט צו פאַלן פון די פיס. די טיר האָט זיך צעעפנט, און איך האָב געטראָפן מיטן קאָפּ אין שויב אַרײַן און האָב זי אַרויסגעהאַקט. דער פּריקאַשטשיק האָט אַף מיר געטופּעט מיט די פיס, דער באַלעבאָס האָט געקלאַפּט איבער מײַן קאָפּ מיטן שווערן גאָלדענעם רינג, סאַשע האָט געפּרוווט מיך רײַסן בײַ די אויערן, און, גייענדיק מיט מיר אינאָוונט אַהיים, האָט ער מיך געמוסערט:

— מע וועט דיך אַרויסטרײַבן פאַר אַט די שטיק! וואָס איז דאָ פאַראַן צו לאַכן?

און ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין: אויב דער פּריקאַשטשיק האָט חיין בײַ די דאַמען, לייזט מען בעסער.

— אַן אַנדער דאַמע דאַרף גאָר ניט קיין שיך, און זי וועט קומען קויפן אַן איבעריקע פּאָר, אַבי אַ קוק טון אַף אַן אָנגענעמענעם פּריקאַשטשיק. אַסאַך פאַר־שטייסטו, נאָר בלויז אייסעק זיך מיט דיר.

דאָס האָט מיך פאַרדראָסן — קיינער האָט זיך מיט מיר ניט אָנגעהויבן אייסעקן, און ער — וואַדע ניט.

פרימאָרגן וועקט מיך די קעכן, אַ פרוי אַ קראַנקע און אַ בייזע, מיט אַ שאָ פריער, ווי אים. איך פוץ די שיך און דאָס אָנטאָן פאַר די באַלעבאַטים, פאַרן פּרי־קאַשטשיק, פאַר סאַשען, שטעל דעם סאַמאָוואַר, טראָג אָן האָלץ פאַר אַלע אויוונס, רייניק דאָס געפעס צו מיטיק. געקומען אין מאַגאַזין, קער איך די פּאָל, וויש דעם שטויב, מאַך טיי, צעטראָג די קונים די אײַנגעהאַנדלטע סכוירע, גיי אַהיים נאָך מיטיק. מײַן שטעלע בײַ דער טיר פּילט אויס אין דער צײַט סאַשע. ער האַלט, אַז ס'איז אַ פאַרמינערונג פון זײַן ווערדע און וואַרפט מיר אויס:

— פויל שטיק פלייש! שטיי און האָרעווע פאַר דיר...

ס'איז מיר געווען שווער און אומעטיק. איך בין געוווינט געווען צו אַרבעטן

זעלבשטענדיק, פון אינדערפרי ביז באנאכט אפ די זאמדיקע גאסן פון קונאווינאָ, אפן ברעג פון דער מוטנער אָקאַ, אין פעלד און אין וואלד. ס'האָט מיר געפעלט די באבע, די כאווײרים. ס'איז ניט געווען מיט וועמען אויסצורײדן א וואָרט, און דאָס לעבן האָט מיך אופגערעגט, אויסשטעלנדיק מיר די מיִעסע, דורכגעפוילטע לינקע זײַט זײַנע.

אָפטמאָל טרעפט, א קוינעטע גייט אוועק און האָט גאָרניט געקויפט, דענסטמאָל פילן זיך די דרײַ באליידיקט. דער באלעבאָס באהאלט אין קעשענע דעם זיסן שמייכל זײַנעם און קאָמאנדעוועט:

— קאשירין, ראָם צו די סכוירע!

און זידלט:

— אָט אָנגעריִעט — ווי א כאזער! ס'איז איר אומעטיק, דער בעהיימע, צו זיצן אין שטוב, שלעפט זי זיך ארום איבער די מאגאזינען. ווען אזא איז מײַן ווײַב — וואָלט איך זי...

זײַן ווײַב, א טרוקענע, א שווארץ־אויגיקע, מיט א גרויסער נאָז, פלעג טופען אפ אים מיט די פיס און שרײַען אפ אים, ווי אפ א באדינער.

אָפטמאָל האָבן זיי באלד נאָכן ארויסבאגלייטן א באקאנטע קוינעטע מיט העפלעכע פארנייגונגען און ליבלעכע ווערטער גערעדט וועגן איר שמוציקע און אומפארשעמטע זאכן; בא מיר פלעג עס אופוועקן א פארלאנג ארויסלויפן אין גאס, דעריאָגן די פרוי און דערציילן, וויִאזוי מע רעדט וועגן איר.

איך האָב, פארשטייט זיך, געוווסט, אז מענטשן ריידן אין אלגעמיין שלעכט איינע וועגן די אנדערע הינטער די אויגן, נאָר די האָבן וועגן אלעמען גערעדט באזונדערס מיִעס, פונקט ווי עמעצער וואָלט זיי אנערקענט פאר די סאמע בעסטע מענטשן און זיי באשטימט פאר ריכטער איבער דער וועלט. פול מיט קינע צו אנדערע, האָבן זיי קיינמאָל קיינעם ניט געגלייבט און האָבן וועגן איטלעכן געוווסט צו דערציילן עפעס ניט שיינס.

איינמאָל איז אין מאגאזין ארײַן א יונגע דאמע מיט א העל־רויטער פארב אין די באקן, מיט בליצנדיקע אויגן, זי איז געווען אָנגעטאָן אין א סאמעטענער ראָטאָנדע מיט א קאָלנער פון שווארצן פוטער, — איר פּאָנעם האָט זיך דערהויבן איבערן פוטער, ווי א זעלטן בלימל. אראָפגעוואָרפן די ראָטאָנדע פון די אקסלען אפ סאשעס הענט, איז זי געוואָרן נאָך שענער: די שלאנקע פיגור איז געווען שטײַף ארומגעצויגן מיט בלוילעך־גרויען זײַד, אין די אויערן האָבן געבליצט בריליאנטן, — זי האָט מיר דערמאנט די שיינע וואסיליסע, און איך בין געווען זיכער, אז דאָס איז די גוּבערנאטאָרשע אליין. מע האָט זי אופגענומען מיט באזונדערער אכטונג, געבויגן זיך פאר איר, ווי ארום א פײַער, פארכלינעט זיך מיט ליבלעכע ווערטער. אלע דרײַ האָבן זיך ארומגעטראָגן איבערן מאגאזין, ווי די רוכעס. אפ די שויבן פון די שאפעס האָבן זיך געגליטשט זייערע אָפשפיגלונגען, ס'האָט געדוכט, אז אלץ ארום האָט זיך אָנגעצונדן, צעגייט און וועט באלד אָנעמען אן אנדער אויסזען, אנדערע פאָרמעס.

און נאָכדעם, אז זי האָט גיך אָפגעקליבן א פּאָר טײַערע שיכלעך און אוועק, האָט דער באלעבאָס, צוטשמאָקענדיק, געזאָגט מיט א פײַף:

— צ־צויג...

— מיט איין וואָרט — אן אקטריסע, — האָט מיט פאראכטונג געזאָגט דער פריקאשטשיק.

און זיי האָבן גענומען אויסדערציילן איינע די אנדערע וועגן דער דאמעס ליבהאָבער און איריע הוליאנקעס.

נאָכן מיטיק האָט זיך דער באלעבאָס געלייגט שלאָפן אינעם אלקערל הינטערן מאגאזין, און איך האָב, צעעפנענדיק זײַן גאָלדענעם זייגער, אָנגעקאפעט אין מעכאניזם ארײַן עסיק. ס'איז געווען אן עמעסער פארגעניגן צו זען, ווי ער גייט נאָכן שלאָפן ארויס מיטן זייגער אין די הענט און באָלבעט א צעטומלטער:

— וואָס איז עס פאר אן אָנשיקעניש? דער זייגער שוויצט! ס'גאָר קיינמאָל אזעלעכס ניט געווען — שוויצט! צו גוטן זאָל עס זײַן.

כאָטש ס'איז געווען גענוג טומלעניש אין מאגאזין און ארבעט אין שטוב, איז בא מיר פונדעסטוועגן געווען א געפיל, אז איך ווער אנשלאָפן פאר שווערן לאנגווײַל, און אלץ אָפטער איז מיר געקומען דער געדאנק: וואָס טוט מען אוף עפעס אזוינס, מע זאָל מיך ארויסטרײַבן פון מאגאזין?

פארשנייטע מענטשן שווינדלען שווײַגנדיק פארבײַ דער טיר פון מאגאזין. ס'ווײַזט זיך אויס, אז זיי באגלייטן עמעצן צו קווורע, גייען אפן צווינטער, נאָר זיי האָבן פארשפעטיקט צום ארויסטראָגן און אײַלן זיך אָנצויאָגן דעם קאטאפאלק. סע טרייסלען זיך די פערד, קוים וואָס זיי שפאנען איבער די שניי־הויפנס. אפן גלעקערטורעם פונעם קלויסטער הינטערן מאגאזין קלינגט מען אלע טאָג טרויעריק — ס'זײַנען די טעג פון גרויסן טאָנעס. די קלעפ פונעם גלאָק שלאָגן איבערן קאָפ, ווי מיט א קישן: ס'טוט ניט וויי, נאָר ווערסט דערפון פארדולט און פארטויבט.

איינמאָל, ווען איך האָב אין הויף, פאר דער טיר פון מאגאזין, פאנאנדערגעקליבן א קאסטן מיט אָקאָרשט אָנגעקומענער סכוירע, איז צו מיר צוגעגאנגען דער קלויסטער־וועכטער, א קרום־זײַטיקער אלטיטשקער, א ווייכער, ווי פון שמאָכטעס געמאכט, און א צעשויבערטער, פונקט ווי הינט וואָלטן אים געריסן.

— עפשער וואָלסטו פאר מײַנעטוועגן, גאָטס מענטשל, צוגעצויגן א פאָר קלאָשיקלעך, א? — האָט ער פאָרגעלייגט.

איך האָב אָפגעשוויגן. ער האָט זיך צוגעזעצט אפ א פוסט קעסטל, א געגעצגעטאָן, איבערגעציילעמט דאָס מויל — און ווידער:

— שלעפ צו, א?

— גאנוועגען טאָר מען ניט! — גיב איך אים צו וויסן.

— און דאָך גאנוועט מען! טו א טויווע אן אלטן מענטשן!

ער איז געווען אנגענעם ניט ענלעך אפ די מענטשן, צווישן וועלכע איך האָב געלעבט. איך האָב דערפילט, אז ער איז דורכויס זיכער אין מײַן גרייטקײַט צו גאנווענען, און האָב אײַנגעשטימט אים צו דערלאנגען א פאָר קאלאָשן דורכן פענצטער־פאָרטקעלע.

— אָט אזוי פארשטיי איך, — האָט ער רויק, אָן פרייד געזאָגט. — נארסט ניט אָפ? נו, נו, איך זע דאָך, ביסט ניט פון די, וואָס נארן.

ער איז געזעסן א מינוט שווײַגנדיק, צערײַבנדיק דעם קויטיקן, נאסן שניי מיטן

זויל פונעם שטיוול, נאָכדעם האָט ער פאַרוויכערט זײַנע לײמענע פּיפּקע און פּלוצעם האָט ער מיך איבערגעשראָקן:

— און אויב איך וועל דיך אָפּנאַרן? וועל נעמען די דאָזיקע קאַלאָשן, וועל זיי אָפּטראָגן צום באַלעבאָס און וועל זאָגן, אַז דו האָסט זיי מיר פאַרקויפט פאַר א האַלב קערבל? א? זייער פּרײַז איז העכער צוויי רובל, און דו האָסט זיי אָפּגעגעבן פאַר א האַלב קערבל! אַף צוקערקעס, א?

איך האָב אים שטום אָנגעקוקט, פּונקט ווי ער וואָלט שוין געטאָן דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט, און ער האָט גערעדט שטילינקערהייט, אונטערפּאָנפּענדיק, און דערבײַ געקוקט אַף זײַן שטיוול און געפּעכקעט מיט בלויליכן רויך.

— און טאָמער ווײַזט זיך אַרויס, אשטייגער, אַז דאָס האָט מיך דער באַלעבאָס טאַקע אָנגעלערנט: גיי פּרוּוו מיר אויס דעם באָכער — צי איז ער ניט קיין גאַנעוו? ווי וועט דענסטמאָל זײַן?

— איך גיב דיר ניט קיין קאַלאָשן, — האָב איך געזאָגט בייז.

— איצט מוזסטו שוין געבן, וויבאַלד דו האָסט צוגעזאָגט!

ער האָט מיך אָנגענומען פאַר א האַנט, האָט מיך צוגעצויגן צו זיך, און, קלאַפּנ־דיק מיט א קאַלטן פינגער איבער מײַן שטערן, האָט ער פויל ווײַטער גערעדט:

— ווי־זשע פויעלסטו עס בא זיך אײַנמיטנדרינען — נא, נעם!

— האָסט אַליין געבעטן.

— מאַלע, וואָס איך קאָן בעטן! אָט וועל איך דיך בעטן א קלויסטער באַראַבעווען, איז ווי־זשע, וועסטו גיין און ראַבעווען? מע מעג דען פאַרטרויען א מענטשן? אַך, דו נאַרעלע!..

און, אָפּשטופּנדיק מיך, איז ער אויפגעשטאַנען.

— קיין קאַלאָשן קיין געגאַנווענע דאַרף איך ניט. איך בין ניט קיין פּאָרעץ, קיין קאַלאָשן טראָג איך ניט. דאָס האָב איך נאָר געמאַכט א שפּאַס... און פאַר דײַן פּראָסטהאַרציקײַט וועל איך דיך, אַז פּאַסכע וועט אונטערקומען, אַרופלאָזן צו די גלאָקן, וועסטו קלינגען, וועסט די שטאָט אָנקוקן....

— איך קען די שטאָט.

— פון דער הייך איז שענער...

אײַנגראָבנדיק די נעזער פון די שטיוול אין שניי, איז ער לאַנגזאַם אוועק, פאַר־קערעוועט הינטערן ראָג פונעם קלויסטער, און איך האָב, אים נאָכקוקנדיק, צע־קלעמט און דערשראָקן געטראַכט: צי האָט ער אינדערעמעסן געמאַכט א שפּאַס, דער אַלטיטשקער, אָדער דער באַלעבאָס האָט אים אונטערגעשיקט מיך אויספּרוּוון? ס'איז געווען א מוירע צו גיין אין מאַגאַזין.

סאַשע איז אַרויסגעשפּרונגען אין הויף מיט א געשריי:

— צו וועלכע שוואַרצע יאָר פאַרעסטו זיך דאָ?

איך האָב זיך פאַרמאָסטן אַף אים מיט די אָפּצווענגעס אין פּלוצעמדיקן כאַס.

איך האָב געוווּסט, אַז ער מיטן פריקאַשטשיק באַגאַנווענען דעם באַלעבאָס: זיי פלעגן פאַרשטעקן א פּאָר שיך אָדער טופליעס אין קוימענע פונעם אויוון, און נאָכ־דעם, אַוועקגייענדיק פון מאַגאַזין, זיי באַהאַלטן אין אַרבל פונעם מאַנטל. דאָס

איז מיר ניט געפעלן געווען, און ס'האָט מיך געשראָקן — איך האָב פאַרגעדענקט, וויאַזוי דער באַלעבאָס האָט מיך געוואָרנט.

— דו גאַנוועסט? — האָב איך סאַשען געפרעגט.

— ניט איך, נאָר דער עלטערער פּריקאַשטשיק — האָט ער מיר שטרענג דער־קלערט. — איך העלף אים נאָר. ער זאָגט — טו א געפעליקייט! — מוז איך פאָלגן, אַניט קען ער מיר אונטערשטעלן א פּיסל. דער באַלעבאָס! ער איז דאָך אַליין א געוועזענער פּריקאַשטשיק, ער פאַרשטייט אַלצדינג. און דו שווייַג!

ריידנדיק, האָט ער געקוקט אין שפּיגל און האָט פאַריכט דאָס האַלדזטיכל מיט די זעלבע באַוועגונגען פון די אומנאַטירלעך־צענומענע פינגער, ווי דאָס פלעג טאָן דער עלטערער פּריקאַשטשיק. ער האָט נאָכאַנאַנד אַרויסגעוויזן זייַנע עלטערקייַט און זייַן מאַכט איבער מיר, האָט געשריגן אף מיר מיט א באַסאָווען קאָל און, עפּעס באַפוילנדיק מיר, פלעג ער אויסציִען די האַנט פאָרויס מיט אן אָפּשטויסנדיקן זשעסט. איך בין געווען העכער פון אים און שטאַרקער, נאָר ביינערדיק און אומ־געלומפּערט, ער, ווידער — א געפּאַקטינקער, א ווייכער, א פעטערנער: אינעם סור־דוט און אין די הויזן איבער די שטיוולעטן האָט ער אויסגעזען זייער וויכטיק, סאָ־ליד. ס'איז אָבער געווען אין אים עפּעס ניט־אַנגענעמס, קאָמישעס. ער האָט פייַנט געהאַט די קעכן, א מאָדנע פרוי — מע האָט ניט געקענט פאַרשטיין, צי איז זי א גוטע, צי איז זי א שלעכטע.

— בעסער פון אַלץ אין דער וועלט האָב איך ליב געשלעגן, — פלעג זי אָפּט זאָגן, ברייט צעעפּענענדיק די שוואַרצע, הייסע אויגן. — אַלציינס, וואָס פאַר א געשלעג: סיי ווען הענער רייַסן זיך, סיי הינט אָדער פויערים — אַלציינס!

און טאָמער האָבן זיך אין הויף געשלאָגן הענער אָדער טויבן, פלעג זי, פאַר־לאָזנדיק די אַרבעט, נאָכשפּירן נאָכן געשלעג ביז צום סאָף, געקוקט אין פענצ־טער טויב און שטום. אָוונט־צייַט פלעג זי אָפּט זיך אָנרופן צו מיר מיט סאַשען:

— וואָס זיצט איר, יאַטיקלעך, ליידיק, צעשלאָגט זיך אַביסל!

סאַשע ווערט בייז:

— איך בין דיר, בעהיימע, ניט קיין יאַטיקל, נאָר דער צווייטער פּריקאַ־שטשיק!

— נו, דאָס זע איך ניט. פאַר מיר איז, אַזוי לאַנג דו האָסט ניט כאַסענע גע־האַט, ביסטו א יאַטל!

— בעהיימע, נאַרישער קאָפּ!...

— דער טייַוול איז קלוג, — נאָר גאָט האָט אים ניט ליב.

אירע ווערטלעך פלעגן סאַשען באַזונדערס אופּרעגן. ער האָט זי געדרייצט, און זי פלעג, אָנקוקנדיק אים ביטלדיק מיט א קאָסע בליק, אים אַרייַנזאָגן:

— עך, דו, טאַראַקאַן, גאָטס פעלער!

ניט איינמאָל האָט ער מיך צוגערעדט אָנשמירן איר, ווען זי שלאָפט, דאָס פּאָ־נעם מיט שוואַקס אָדער סאַזשע, אָנשטעקן איר אין קישן שפּילקעס אָדער ווי־ניט־איז אף אן אַנדער אופן „א שפּאַס טאָן" איבער איר, נאָר איך האָב מוירע געהאַט פאַר דער קעכן, דערצו איז זי געשלאָפן וואַכיק, האָט זיך אָפט אופגעכאַפּט; כאַפּט זיך אוף, צינדט אָן דעם לאָמפּ און זיצט אפן בעט, קוקנדיק ערגעץ אין א ווינקל.

אַן אַנדערש מאָל קומט זי צו מיר הינטערן אויוון, וועקט מיך אויף און בעט הייזעריק:

— סע שלאָפט זיך מיר ניט, לעקסייקע, עפּעס האָב איך מוירע, כ׳ווייס אַליין ניט פאַרוואָס. רייד מיט מיר אַביסל.

פון שלאָף פלעג איך עפּעס דערציילן, און זי פלעג זיצן שווייַגנדיק און שאָק־לען זיך. מיר האָט געדוכט, אַז איר הייסער קערפּער שמעקט מיט וואַקס און ווייַ־רעך, און אַז זי וועט אינגיכן שטאַרבן, אָט באַלד טאַקע, עפּשער, פאַלט זי מיטן פּאָנעם צו דער ערד און שטאַרבט. פון שרעק הייב איך אָן רעדן הויך אויפן קאָל, באָר זי שטעלט מיך אָפּ:

— שש! אַניט וועלן זיך די מענוואָלים אופכאַפּן, וועלן זיי מיינען, דו ביסט מייַן געליבטער...

געזעסן איז זי לעבן מיר שטענדיק אין איין פּאָזע: צונויפגעבויגן, די הענט פאַרלייגט צווישן די קני, צונויפגעדריקט זיי מיט די שאַרפע ביינער פון די פיס. קיין בריסטן האָט זי אינגאַנצן ניט געהאַט, און אפילו דורכן גראָבן לייַוונט פונעם העמד זייַנען אַרויסגעטראָטן די ריפּן, ווי רייפן אויף אַ צעטריקנטער פאַס. זי זיצט לאַנג און שווייַגט.

און פּלוצעם שעפּטשעט זי אַרויס:

— אוועקשטאַרבן, צי וואָס, אַזאַ קלעמעניש — אָן אַ סאָף...

אָדער זי טוט אינמיטן אַ פרעג בייַ עמעצן:

— אָט האָב איך שוין דערלעבט, איז — נו?

— שלאָף! — זאָגט זי, איבערשלאָגנדיק מיך אינמיטן די רייד, גלייַכט זיך אויס און ווערט צעגאַנגען אין רויש אין דער טונקלקייַט פון דער קיך.

— מעכאַשייפע! — רופט זי סאַשע הינטער די אויגן.

איך האָב פאַרגעלייגט:

— זאָג עס איר אין די אויגן!

— מיינסט, איך וועל זיך דערשרעקן?

נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרקנייטשט:

— ניין, אין די אויגן וועל איך ניט זאָגן! טאָמער איז זי טאַקע אַ מעכאַ־שייפע...

בייַ איר ביטלדיקער און בייזער באַציִונג צו אַלעמען האָב איך אויך פון איר קיין האָניק ניט געלעקט. פּלוצעם זעקס אַזייגער אינדערפרי טוט זי מיך אַ שלעפּ פאַר אַ פוס און צעשרייַט זיך:

— גענוג פּאָפּן! האָלץ גיי טראָג אָן! דעם סאַמאָוואַר שטעל! קאַרטאָפל שייל!

סאַשע כאַפּט זיך אויף און טייַנעט:

— וואָס גוואַלדעוועסטו? כ׳וועל זאָגן דעם באַלעבאָס, לאָזסט ניט שלאָפן..

שנעל טראָגנדיק איבער דער קיך אירע טרוקענע ביינער, פייַערט זי אין זייַן זייַט מיט אירע אויגן, וואָס זייַנען צעפּאַליעט פון שלאָפלאָזיקייַט:

— אוי, גאָטס פעלער! אַ שאָד, וואָס דו ביסט ניט מייַן שטיפזון, איך וואָלט דיך שוין אַרומגעפּליקט.

— אזא פֿאַרשאָלטענע! — זידלט זיך סאשע אויס, און אפֿן וועג צום מאַגאַזין רעדט ער מיר איין: — מע דאַרף מאַכן אַזוי, מע זאָל זי אַרויסטרייבן. מע דאַרף שטילערהייט צושיטן זאַלץ אין אַלצדינג, וואָס זי קאָכט. אַז אַלצדינג וועט זיין איבערגעזאַלצן, וועט מען זי אַרויסטרייבן. אָדער קעראָסין! וואָס גענעצסטו?

— און דו?

ער האָט אַ צאָרנדיקן פּאָרשקע געטאָן:

— טרוס!

די קעכן איז געשטאָרבן פֿאַר אונדז אין די אויגן: זי האָט זיך אָנגעבויגן אויפֿצוהייבן דעם סאַמאָוואַר, און האָט זיך פּלוצלינג אַראָפּגעזעצט אפֿן פּאָל, פּונקט ווי עמעצער וואָלט זי אַ שטויס געטאָן אין ברוסט, — דערנאָך האָט זי זיך שווייגנדיק איבערגעוואַלגערט אף אַ זייט, די הענט אויסגעצויגן פֿאָרויס, און פֿונעם מויל האָט געגאָסן רינען בלוט.

מיר האָבן ביידע גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז געשטאָרבן, נאָר, פֿאַרקלעמט פֿונעם דערשרעק, האָבן מיר לאַנג אף איר געקוקט, ניט אימשטאַנד אויסצורײדן אַ וואָרט. ענדלעך האָט סאשע זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן פֿון דער קיך אַרויס, און איך, ניט וויסנדיק, וואָס צו טאָן, האָב זיך צוגעטוליעט צום פֿענצטער, אין דער ליכטיק. ס'איז געקומען דער באַלעבאָס, האָט זיך צוגעזעצט מיט אַ פֿאַרזאָרגטער מינע אף די שפּיצ פֿיס, אַ טאַפּ געטאָן מיט אַ פֿינגער דער קעכנס פּאָנעם, געזאָגט:

— טאַקע אינדערעמעסן געשטאָרבן... וואָס איז דאָס?

און האָט גענומען זיך צײלעמען צום ווינקל, צום קליינעם בילדל פֿון ניקאָלע באַלגעס, און נאָך דער טפֿילע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן אין פֿירהויז אַריין:

— קאַשירין, לויף, מעלדע אין פּאָליציע!

ס'איז געקומען אַ פּאָליציאַנט, האָט זיך אַ ווײַלע געטאָפּטשעט, געקריגן טײַגעלט, איז אַוועק; נאָכדעם ווידער געקומען אײנײנעם מיט אַ פֿורמאַן; זיי האָבן גענומען די קעכן פֿאַר די פֿיס, פֿאַרן קאָפּ און האָבן זי אַרויסגעטראָגן אף דער גאַס. די באַלעבאָסטע האָט אַרײַנגעקוקט פֿונעם פֿירהויז, מיר באַפֿוילן:

— וואַש אויס דעם פּאָל!

און דער באַלעבאָס האָט געזאָגט:

— גוט, וואָס זי איז געשטאָרבן אינאָוונט...

איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, מיט וואָס איז עס אַזוי גוט. ווען מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן, האָט מיר סאשע געזאָגט אומגעווײנלעך מילד:

— לעש ניט דעם לאָמפּ.

— האָסט מורא?

ער האָט פֿאַרוויקלט דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע און איז אַ צײַט געלעגן שווייגנדיק. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, פּונקט ווי זי וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט, אף עפּעס געוואַרט, און מיר האָט אַלץ געדוכט, אַז אָט וועט מען באַלד, אין דער סעקונדע, אַ קלינג טאָן אין גלאָק, און אַלע אין שטאָט וועלן פּלוצעם בעמען אומלויפֿן, שרײַען אין גרויסער בהלה פֿון שרעק.

סאשע האָט אַרויסגעשטעקט די נאָז פֿון אונטער דער קאָלדרע און האָט שטילערהייט פֿאָרגעלייגט:

— קום, לאָמיר זיך לייגן אפּן אויוון, ביידע אינײנעם.
— אפּן אויוון איז הייס.
נאָך א שווײַגן האָט ער געזאָגט:
— ווי פּלוצעם זי האָט עס געמאכט, א? אָט האָסטו דיר א מעכאַשייפע... כ'קאָן ניט אנשלאָפן ווערן.
— איך אויך ניט.
ער האָט גענומען דערציילן וועגן מייסים, ווי זיי גייען ארויס פון די קוואָרים, בלאָנקען אום ביז האלבער נאכט איבער דער שטאָט, זוכן, ווו זיי האָבן געוווינט, ווו עס געפינען זיך זייערע אייגענע.
— מייסים געדענקען נאָר די שטאָט, — האָט ער שטיל גערעדט, — די גאס אָבער און דאָס הויז געדענקען זיי שוין ניט...
ס'איז געוואָרן אלץ שטילער, פינצטערער, סאשע האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט:
— ווילסט, וועלן מיר א קוק טאָן מײַן קופערט?
מיר האָט זיך שוין לאנג געגלוסט געווירע ווערן, וואָס באהאלט ער אינעם קופערט. ער פלעג אים פארשפארן מיט א הענגען־שלאָס און עפענען שטענדיק מיט א באזונדער פאָרזיכטיקײַט, און אז איך פלעג אמאָל פרווון ארײַנקוקן אין קופערט, פלעג ער גראָב פרעגן:
— וואָס דארפסטו? נו?
אז איך האָב אײַנגעשטימט, האָט ער זיך געזעצט אפּן בעט, ניט אראָפּלאָזנדיק די פיס אפּן פּאָל, און שוין מיטן טאָן פון א באפעל האָט ער מיר געהייסן אוועקשטעלן דעם קופערט אפּן בעט, צו זײַנע פיס. דער שליסל איז געהאנגען בא אים אפּן הײַטאָג צוזאמען מיטן לײַב־צײלעם. גוט ארומגעקוקט די פינצטערע קיך־ווינקלען, האָט ער זיך ערנסט אָנגעכמורעט, אָפּגעשלאָסן דעם שלאָס, א בלאָז געטאָן איבער דער אויבערדעק פונעם קופערט, פונקט ווי זי וואָלט געווען א הייסע, און ענדלעך זי אונטערגעהויבן און ארויסגענומען עטלעכע פּאָר וועש.
דער קופערט איז געווען ביז העלפט אָנגעפּאקט מיט אפּטייק־פּודעלעך, מיט פּעקלעך פון פארשיידנקאָליריקן טיי־פּאפּיר, מיט בלעכענע פּושקעלעך פון שוואקס און סארדינען.
— וואָס איז עס?
— אָט וועסטו זען...
ער האָט ארומגענומען דעם קופערט מיט די פיס און האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים, אונטערזינגענדיק שטילינקערהייט:
— מײלעך הימלשער...
איך האָב זיך געריכט צו דערזען שפּילעכלעך: כ'האָב קיין שפּילעכלעך קיינמאָל ניט געהאט און האָב זיך באצויגן צו זיי מיט אויסערלעכן ביטל, נאָר ניט אָן קינע פונדעסטוועגן צו יענעם, וואָס האָט זיי פארמאָגט. ס'איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, וואָס סאשע, אזא סאָלידער, האָט שפּילעכלעך; כאָטש ער באהאלט זיי שעמעוודיק, נאָר מיר איז פארשטענדלעך געווען די דאָזיקע בושע.
צעעפנט דאָס ערשטע פּודעלע, האָט ער ארויסגענומען פון דאָרט א ברילן־

דעמל, האָט עס אָנגעטאָן אַף דער נאָז, שטרענג מיך אָנקוקנדיק, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז אַ קלייניקייט, וואָס דאָ זײַנען ניטאָ קיין גלעזער, אַזוינע ברילן זײַנען עס שוין!

— ווײַז אַ קוק טאָן!

— זיי זײַנען ניט פֿאַר דײַנע אויגן. דאָס איז פֿאַר טונקעלע אויגן, און דײַנע זײַנען עפּעס אַזוינע ליכטיקע, — האָט ער דערקלערט און באַלעבאַטיש אַ הוסטל געטאָן, נאָר טייקעף, אַן איבערגעשראָקענער, באַקוקט די גאַנצע קיך.

אין אַ פּושקעלע פֿון שוואַקס איז געלעגן אַ מענגע פֿאַרשיידנערליי קנעפּלעך. מיט שטאָלץ האָט ער מיר געגעבן צו דערקלערן:

— דאָס האָב איך אַלץ אַף דער גאַס צונויפֿגעקליבן! אַליין. זיבן און דרײַסיק שוין...

אינעם דריטן פּושקעלע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, ליגן גרויסע קופּערנע שפּילקעס, אויך צונויפֿגעקליבן אַף דער גאַס, אויסער דעם — שוסטערשע פֿידקאָוועלעך, אָפּגעריבענע, צעבראָכענע און גאַנצע, ספּראָנזשקעס פֿון שיך און טופֿליעס, אַ מעשנטיר־הענטל, אַ צעבראָכענע ביינערנע גאַלקע פֿון אַ שטעקן, אַ מיידלש קאָפּ־קעמעלע, אַ „כאַלוימעס־טרעפֿער און אָראַקול" און נאָך אַסאַך זאַכן פֿון דעם זעלבן ווערט.

אין דער צײַט פֿון מײַן האָבן צו טאָן מיט קלײַבן שמאַטעס און ביינער וואָלט איך גרינג געקענט צונויפֿקלײַבן אַזוינע פּוסטע זאַכענישן פֿאַר איין כוידעש צען מאָל אַזויפֿיל. סאַשעס פּודעלעך האָבן בײַ מיר אַרויסגערופֿן אַ געפֿיל פֿון אַנטוישונג, פֿאַרלעגנהייט און מאַטערנדיקן ראַכמאָנעס צו אים. און ער האָט איטלעך זאַכעניש אויפֿמערקזאַם אַרומגעקוקט, מיט ליבשאַפֿט עס געגלעט מיט די פֿינגער, זײַנע גראָבע ליפּן האָבן זיך ערנסט אויפֿגעבלאָזן, די אויסגעבאַנקעוועטע אויגן האָבן געקוקט פֿרום צעשמאָלצן און פֿאַרזאָרגט, נאָר די ברילן האָבן צוגעגעבן זײַן קינדערשן פּאָנעם אַ קאָמישן אויסזען.

— צו וואָס דאַרפֿסטו עס?

ער האָט געכאַפּט אַ קוק אַף מיר דורך די ברילן־רעמלעך און מיט אַ ברעכיקן דיסקאַנט אַ פֿרעג געטאָן:

— ווילסט, וועל איך דיר עפּעס שענקען?

— ניין, מע דאַרף ניט.

באַליידיקט, אַפּאָנעם, דערפֿון, וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט און האָב אַרויסגעוויזן ווייניק אינטערעס צו זײַן פֿאַרמעגן, האָט ער געשוויגן אַ מינוט, דערנאָך שטיל פֿאָרגעלייגט:

— נעם אַ האַנטעך, וועלן מיר עס איבערווישן, ס'איז שוין שטאַרק פֿאַרשטויבט...

אַז אַלצדינג איז געווען איבערגעווישט און צוריק אַרײַנגעלייגט, האָט ער זיך אַ וואַלגער געטאָן אַפֿן געלעגער מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. אַ רעגן האָט אָנגעהויבן גיין, ס'האָט געקאַפּעט פֿון דאַך. דער ווינט האָט געטאַרקעט די פֿענצטער.

ניט אויסקערעוודיק זיך צו מיר, האָט סאַשע געזאָגט:

— ווארט, אז אין סאָד וועט ווערן טריקענער, וועל איך דיר ווײַזן אזא מיב זאַכ — ווּעסט זיכ פארן קאָפּ כאַפּן.

איכ האָב ניט געענטפערט, גענומענע ווײַטער גרייטן זיכ צום שלאָף.

ס'זײַנען אריבער נאָכ עטלעכע סעקונדעס, פּלוצעם איז ער אופגעשפרונגען און, דראַפּענדיק די וואנט מיט די הענט, האָט ער מיט דערשיטערנדיקער איבערצײַגנדיקײַט זיכ צערעדט:

כ'האָב מוירע... גאָט מײַנער, כ'האָב מוירע! גאָטעניו, דערבארעמ זיכ! וואָס־זשע איז עס אזוינס?

דאָ האָב איך זיכ אליין איבערגעשראָקן צום שטום ווערן: ס'האָט זיכ מיר אויסגעוויזן, אז באַם פענצטער, וואָס צום הויף, שטייט מיטן רוקן צו מיר די קעכן, אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אָנגעשפּארט מיטן שטערן אין שויב, ווי זי פלעג שטיין לעבעדיקערהייט, קוקנדיק אפ א הענער־געשלעג.

סאשע האָט געיאָמערט, דראַפּענדיק די וואנט, דריגענדיק מיט די פיס. איכ בין מיט אָנשטרענגונג, ווי איבער הייסע קוילן, ניט אומקוקנדיק זיכ, דורכגעגאנגען די קיכ און האָב זיכ צוגעלייגט לעבן אים.

אָנגעוויינט זיכ ביז מידקײַט, זײַנען מיר אנשלאָפן געוואָרן.

אין עטלעכע טעג ארום נאָכ דעם איז געווען עפּעס א יאָנטעוו, די קלייט איז געווען אָפן ביז האלבן טאָג. געמיטיקט האָט מען אינדערהיים, און אז די באַלעבאטים האָבן נאָכ מיטיק זיכ געלייגט שלאָפן, האָט סאשע סוידעסדיק צו מיר געזאָגט:

— קום, לאָמיר גיין!

איכ האָב זיכ שוין אָנגעשטויסן, אז באלד וועל איך דערזען דאָס דאָזיקע, וואָס איכ וועל זיכ מוזן דערפון כאפּן פארן קאָפּ.

מיר זײַנען ארויס אין סאָד. אפ א שמאָלן פּאס ערד, צווישן צוויי הײַזער, איז געשטאנען אן אָנדערהאלבן צענדליק אלטע ליפּעס, די מעכטיקע שטאמען זײַנען געווען באדעקט מיט גרינער וואטע פון לישײַען, שווארצע נאקעטע סוקן האָבן געסטארטשעט, ווי טויטע, קיין איין קראָען־נעסט איז ניט געווען צווישן זיי. בײַ־מער, ווי דענקמעלער אפ א צווינטער. אויסער די ליפּעס איז אין סאָד גאָרניט ניט געווען, קיין קוסט, קיין גראָז; די ערד אפ די שטעגלעך שטײַף אײַנגעקלאַפּט און שווארץ, ווי פון טשוהון. אין די ערטער, וווּ סע זעען זיכ ארויס אירע פליכן פון אונטערן פאראיאָריקן פויל־פארגעלטן בלעטערוואַרג, איז זי אויכ פארצויגן מיט שימל, ווי שטייענדיקע וואסער מיט ריאסקע.

סאשע איז פארגאנגען הינטערן ראָג, צום פארקאן פון דער גאס, האָט זיכ אָפּגעשטעלט אונטער א ליפּע און מיט אויסגעבאנקעוועטע אויגן א קוק געטאָן אין די מוטנע פענצטער פונעם שכײנישן הויז. ער האָט זיכ צוגעזעצט אפ די שפּיצ פינגער, צעגראבלט מיט די הענט א קופּע בלעטער, — האָט זיכ אנטבלויזט א גראָ־בער וואָרצל, און לעבן אים צוויי ציגל, טיפ ארײַנגעקוועטשטע אין דער ערד. ער האָט זיי אונטערגעהויבן — האָט זיכ אונטער זיי באוויזן א שטיק דאכ־אײַזן, אונטערן אײַזן — א קוואדראט ברעטל; ענדלעכ, האָט זיכ פאר מיר צעעפנט א גרויסע לאָכ ארונטערן וואָרצל אראָפּ.

סאשע האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע, דערנאָך א שטיקל וועקסענע ליכט, האָט עס אריינגערוקט אין דער לאָך, און האָט צו מיר געזאָגט:

— קוק! האָב גאָר קיין מוירע ניט...

אליין האָט ער, וויזט אויס, גוט מוירע געהאט: דאָס ליכטל אין זיין האנט האָט געציטערט, ער איז געווען בלייך, האָט ניט־אנגענעם צעלאָזט די ליפן, זיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן, די פרייע האנט האָט ער פאמעלעך פארנומען הינטערן רוקן. זיין שרעק האָט געווירקט אף מיר, איך האָב זייער פאָרזיכטיק אריינגעקוקט אין דער פארטיפונג אונטערן וואָרצל, — דער וואָרצל האָט געדינט דער הייל פאר א געוועלב, — אינעווייניק דאָרטן האָט סאשע אָנגעצונדן דריי פייערלעך, זיי האָבן אָנגעפילט די הייל מיט בלויער שיין. זי איז געווען גאנץ ברייט, די טיף, ווי אַן עמער, נאָר ברייטער, די זייטן דורכויס באלייגט מיט פארשיידנקאָליריקע שטיקלעך גלאָז און שערבלעך פון טיי־געפעס. אין דער מיט, אף א העכערונג, וואָס איז באדעקט געווען מיט קארטון, איז געשטאנען א קליין טרונעלע, באקלעפט מיט בליי־פאפיר, ביז העלפט צוגעדעקט מיט א צוויקל פון עפעס ענלעכס אף א בראָ־קאטענער אויבערדעקע, פון אונטער דער אויבערדעקע האָבן זיך ארויסגערוקט גרויינקע פייגלשע לאפקעלעך און א שארפשנעבלדיק קעפעלע פון א שפערל. הינטערן טרונעלע האָט זיך דערהויבן א בימע, אף איר איז געלעגן א קופערנער לייב־ציילעם, און ארום דער בימע האָבן געברענט דריי וועקסענע ליכטלעך, איינגע־פעסטיקטע אין לייכטערלעך, וואָס זיינען ארומגעוויקלט געווען מיט זילבער־ און גאָלד־פאפיר פון קאָנפעקטן.

די שפיצן פון די פלעמלעך האָבן זיך געבויגן צו דער עפענונג פון דער הייל. אינעווייניק אין איר האָבן געגלאנצט פארשיידנקאָליריקע פונקען, פלעקן. דער רייעך פון וואקס, פון ווארעמער פוילעניש און ערד האָט מיר געשלאָגן אין פּאָנעם אריין, אין די אויגן האָט זיך געמינעט, איז געשפרונגען א צעברעקלטער רעגנבויגן. אלץ אינאיינעם האָט ארויסגערופן בא מיר א געפיל פון פיינלעכער פארוואונדערונג און האָט פארטויבט מיין שרעק.

— גוט? — האָט סאשע געפרעגט.

— צו וואָס איז עס?

— א קלויסטערל, — האָט ער פארטייטשט. — ענלעך?

— כ'ווייס ניט.

— און דאָס שפערל — א מעס! עפשער, וועט נאָך פון אים זיין א רעליקוויע, ווייל ער איז דאָך אן אומשולדיק־געליטענער, א קאָדעש...

— האָסט אים געפונען א טויטן?

ניין, ער איז פארפלויגן אין שטאל, און איך האָב אים פארדעקט מיטן היטל און דערשטיקט.

— צו וואָס?

— אזוי...

ער האָט מיר פארקוקט אין די אויגן און ווידער געפרעגט:

— גוט?

— ניין!

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן צו דער הייל, האָט זי אַפּגיך איבערגעדעקט מיט דער ברעט, מיטן אײַזן, האָט אַרײַנגעקוועטשט אין דער ערד די ציגל, האָט זיך אויפגעשטעלט אַף די פיס, און, אָפּרייניקנדיק די בלאָטע פון די קני, האָט ער שטרענג געפרעגט:

— פאַרוואָס געפעלט דיר ניט?

— א ראַכמאָנעס אַפן שפערל.

ער האָט א קוק געטאָן אַף מיר מיט אומבאַוועגלעכע אויגן, ווי א בלינדער, און א שטויס געטאָן מיך אין ברוסט מיט א געשריי:

— טיפּעש! פאַר קינע זאָגסטו, אַז דיר געפעלט ניט! מיינסט אוואַדע, אַז בא דיר אין סאָד אַף קאַנאַטנע גאַס האָסטו עס בעסער געמאַכט?

— פאַרשטייט זיך, בעסער!

סאַשע האָט אַראָפּגעוואָרפן אַף דער ערד זײַן סורדוטל, פאַרקאַשערט די אַרבל, אָנגעשפּיגן אַף די דלאָניעס און פאַרגעלייגט:

— אויב אַזוי, איז קום לאָמיר זיך שלאָגן!

שלאָגן זיך האָב איך קיין כיישעק ניט געהאַט, איך בין געווען געדריקט פון א מין אָפּשוואַכנדיקן לאַנגווײַל, ס'איז מיר געווען ניט־אָנגענעם צו קוקן אַפן שוועסטערקינדס צעבייזטן פּאָנעם.

ער איז אָנגעשפּרונגען אַף מיר, א זעץ געטאָן מיטן קאָפּ אין ברוסט, אומגעוואָלגערט מיך, האָט זיך אַרופגעזעצט אַף מיר רײַטנדיק און האָט אויסגעשריגן:

— לעבן אָדער טויט?

נאָר איך בין געווען שטאַרקער פון אים און בין זייער אין קאַס געוואָרן. אין א מינוט אַרום איז ער געלעגן מיטן פּאָנעם אַראָפּ, פאַרוואָרפן די הענט הינטערן קאָפּ, און האָט געכריפּעט. א דערשראָקענער, האָב איך אים גענומען אויפהייבן, נאָר ער האָט זיך געווערט מיט די הענט און מיט די פיס, אָנטרײַבנדיק אַף מיר אַלץ מער שרעק. אַז איך בין אָפּגעגאַנגען אין א זײַט, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן, האָט ער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— וואָס האָסטו זיך דערשלאָגן? אָט וועל איך ליגן אַזוי, ביז די באַלעבאַטים וועלן דערזען, און דערנאָך וועל איך דיך אָנקלאָגן פאַר זיי, וועט מען דיר געבן דעם וועג!

ער האָט געזידלט, געדראָט. זײַנע ווערטער האָבן מיך צערייצט, איך האָב זיך א לאָז געטאָן צו דער הייל, האָב אַרויסגענומען די שטיינער, דאָס טרונעלע מיטן שפערל האָב איך אַריבערגעוואָרפן איבערן פּאַרקאַן אַף דער גאַס אַרויס, האָב צעגראָבן אַלצדינג אינעווייניק אין דער הייל און זי אײַנגעטאָפּטשעט מיט די פיס.

— אָט האָסטו דיר, ס'טו געזען?

סאַשע האָט זיך באַצויגן צו מײַן בויאַנערײַ מאָדנע: זיצנדיק אַף דער ערד, האָט ער מיט א קאַפּל אַן אויפגעעפנטן מויל און צונויפגערוקטע ברעמען נאָכגעקוקט, וואָס איך טו, און קיין וואָרט ניט גערעדט, און אַז איך האָב פאַרענדיקט, איז ער פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען, האָט זיך אָפּגעטרייסלט, אַרופגעצויגן אַף די אַקסל דאָס סורדוטל און האָט רויִק און דראָענדיק זיך אָנגערופן:

— איצט וועסטו שוין זען, וואָס ס'וועט זײַן, ווארט נאָר צו! דאָס האָב איך דאָך אַלץ אומיסטן דיר געמאכט. ס'איז — קישעפ! אהא?..

איך האָב זיך שיר צוגעזעצט פון זײַנע ווערטער, ווי א פארטשמעליעטער, אַלץ אין מיר אינעווייניק איז פארקילט געוואָרן. און ער איז אוועק און זיך ניט אומגעקוקט, און מיט זײַן רויִקייט נאָך מער מיך צוגעפּלעטשט.

איך האָב באַשלאָסן מאָרגן טאַקע אַנטלויפן פון שטאָט, פון באַלעבאָס, פון סאשען מיט זײַן קישעפ, פון אָט דעם גאנצן נודנעם, לעפּישן לעבן.

אַפן מאָרגן אינדערפרי האָט די נײַע קעכן, אַז זי האָט מיך געוועקט, זיך צעשריגן.

— טאַטעלעך! וואָס איז עס געוואָרן מיט דײַן צורע?...

„ס'הייבט זיך אָן דער קישעף" — האָב איך א טראכט געטאָן מיט א געפאַלן געמיט.

נאָר די קעכן איז זיך פארגאנגען אין אזא פריילעכן געלעכטער, אַז איך האָב זיך ניטווילנדיק אויך צעשמייכלט און האָב געכאַפּט א קוק אין איר שפּיגל: דאָס פּאָנעם איז מיר געדיכט געווען אויסגעשמירט מיט סאַזשע.

— ס'איז סאַזשע?

— וואָס־זשע, איך? — האָט מיט א געלעכטער אויסגעשריגן די קעכן.

איך האָב גענומען פוצן דאָס שוכוואַרג, ארײַנגערוקט די האַנט אין א שטיוול, האָט זיך מיר אין פינגער ארײַנגעשטאָכן א שפּילקע.

— אָט איז ער — דער קישעף!

אין אַלע שטיוול, האָט זיך ארויסגעוויזן, זײַנען געווען שפּילקעס און נאָדלען, אײַנגעאָרדנט אזוי קונציק, אַז זיי האָבן זיך מיר ארײַנגעשטאָכן אין דער דלאָניע ארײַן. דעמאָלט האָב איך גענומען א קרוג קאַלטע וואַסער און האָב אים מיט גרויס פארגעניגן אויסגעגאָסן אַפן קאָפּ פונעם קישעפמאַכער, וואָס איז נאָך געשלאָפן, צי זיך געמאכט שלאָפנדיק.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך געפילט שלעכט: מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס טרונעלע מיטן שפּערל, זײַנע צונויפגעדרייטע לאַפּקעלעך און זײַן וועקסן שנעבעלע, וואָס האָט אזוי ראַכמאָנעס־וועקנדיק געסטאַרטשעט ארופצו, און ארום — די אָן אופהער שעמערירנדיקע פארשיידנפארביקע פונקען, פונקט סע וויל אופלײַכטן א רעגנבויגן, נאָר סע קען ניט. די טרונע איז אַלץ ברייטער געוואָרן, די נעגל פונעם פייגעלע זײַנען אַלץ געוואַקסן, האָבן זיך געצויגן ארופ און געציטערט אופלעבנדיק.

אַנטלויפן האָב איך באַשלאָסן דעם זעלבן טאָג אינאָוונט, נאָר פאַר מיטיק, אָנוואַרעמענדיק אַפן דער קעראָסינקע דאָס טעפּל מיט באָרשטש, האָב איך, פארטראַכטערהייט, געלאָזט עס פארזידן, און בייס איך האָב גענומען לעשן דאָס פײַער, האָב איך דאָס טעפּל איבערגעקערט זיך אַפן די הענט, און מע האָט מיך אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל.

כ'געדענק דעם שווערן קאָשמאַר פונעם שפּיטאָל: אין געלער וואַקלדיקער פוסטקײַט האָבן בלינד געווימלט, געאָכצט און געקרעכצט גרויע און ווײַסע פיגורן אין טאַכריכים, אַפן קוליעס איז ארומגעגאַנגען א לאַנגער מענטש מיט ברעמען, ווי וואָנצעס, ער האָט געטרייסלט מיט דער שוואַרצער באָרד און געריטשעט, אונטערפײַפנדיק:

— כ'וועל דערציילן דעם אל־ער־הייליקסטן!

די בעטלעך האָבן דערמאַנט אין טרונעס, די קראַנקע זײַנען, ליגנדיק מיט די נעז אַרוף, ענלעך געווען אויף טויטע שפּערן. די גלעזער וועגט האָבן זיך געהוידעט, די סטעליע האָט זיך אויסגעבויגן, ווי א זעגל. דער פּאָל האָט זיך געוויגט, צונויפּרוקנדיק און פאנאנדערוקנדיק די רייען מיט די בעטלעך. אַלץ איז געווען ניט זיכער, האָט אָנגעטריבן אַן איימע, און אונטער די פענצטער האָבן די ביימער־סוקעס געסטאַרטשעט, ווי ריטער, און עמעצער האָט מיט זיי געפאָכעט.

אין דער טיר האָט אונטערגעטאַנצט עפּעס א רויטהאָריקער דינינקער מעס, האָט געצופעט מיט קורצע הענטלעך די טאַכריכים אף זיך און געקוויטשעט:

— איך דאַרף ניט קיין מעשוגאָים!

און דער מענטש אף די קוליעס האָט אים געשריגן אין קאָפּ אַרײַן:

— דעם אל־ער־הייליקסטן...

דער זיידע, די באָבע און אַלע מענטשן האָבן שטענדיק גערעדט, אז אין שפּיטאָל פאַרמאָרעט מען מענטשן, — כ'האָב געהאַלטן, אז מײַן לעבן איז פאַרענדיקט. צו מיר איז צוגעגאַנגען א פרוי אין ברילן און, ווי אַלע, אויך אין טאַכריכים, האָט עפּעס אָנגעשריבן אף א שוואַרצן טאָוול בא מיר צוקאָפּנס, — דאָס קרײַדל האָט זיך צעבראָכן.

— ווי הייסטו? — האָט זי געפרעגט.

— איך הייס ניט.

— א נאָמען האָסטו דאָך?

— ניין.

— נו, מאַך ניט קיין שטיק, אניט וועט מען דיך שמײַסן!

כ'בין אזוי אויך געווען זיכער, אז מע וועט מיך שמײַסן, האָב איך דעריבער ניט געהאַלטן פאַר נייטיק איר צו ענטפערן. זי האָט א פאַרשקע געטאָן, ווי א קאַץ, און איז, ווי א קאַץ, שטיל אוועק.

מע האָט אָנגעצונדן צוויי לאָמפּן, זייערע געלע פּײַערן זײַנען געהאַנגען אונטער דער סטעליע, ווי עמעצנס פאַרלוירענע אויגן, — הענגען און פינטלען, בלענדן פאַרדריסלעך, שטרעבנדיק נעענטער זיך צורוקן איינס צום אַנדערן.

אין ווינקל האָט עמעצער געזאָגט:

— שפּילן מיר אין קאָרטן?

— וויאַזוי־זשע? איך בין דאָך אָן א האַנט.

— אהא, האָט מען דיר טאַקע אָפּגעשניטן די האַנט!

איך האָב זיך באַלד מעשאָער געווען: מע האָט אים די האַנט אָפּגעשניטן דערפאַר, ווײַל ער האָט געשפּילט אין קאָרטן. און וואָס וועט מען טאָן מיט מיר, איידער מע וועט מיך פאַרמאָרען?

די הענט האָט עס מיר געברענט און געריסן, פּונקט ווי עמעצער וואָלט פון זיי די ביינער געצויגן. איך האָב זיך שטיל צעוויינט פאַר ווייטעק און שרעק. מע זאָל די טרערן ניט זען, האָב איך פאַרשטעלט די אויגן, נאָר די טרערן האָבן אונטערגעהויבן די לעדלעך און זײַנען געגאַנגען איבער די שלייפן, אַרײַנקאַפּענדיק אין די אויערן.

ס'איז געקומען די נאַכט. אַלע מענטשן האָבן זיך אַנידערגעוואַלגערט אַף זייערע בעטלעך און האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די גרויע קאָלדרעס. מיט יעדער מינוט איז געוואָרן אַלץ שטילער, נאָר אין ווינקל האָט עמעצער געבעבעט:

— ס'וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם. ער איז אַ גאָרנישט, און זי איז אַ נישט...

זאָל איך נעמען אָנשרײַבן אַ בריוו צו דער באָבען, זי זאָל קומען און אַרויס־גאַנווענען מיך פון שפּיטאָל, אַזוי לאַנג איך לעב נאָך? קען איך ניט שרײַבן: די הענט דינען ניט, און ס'איז ניטאָ אַף וואָס, סײַדן פּרוּוון מאַכן פיס פונדאַנען?

די נאַכט איז געוואָרן אַלץ טויטער, פּונקט זי וואָלט זיך אײַנגעפּעסטיקט אַף אייביק. שטילינקערהייט האָב איך אַראָפּגעלאָזט די פיס אַפן פּאָל, בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, איין העלפט אירע איז געווען אופגעמאַכט, — אין קאָרידאָר, אונטערן לאָמפּ, האָט אַף אַ הילצערנער באַנק מיט אַ וועגטל געסטאַרטשעט און געדרויכערט זיך אַ גרויער שטעכלדיקער קאָפּ, אָנקוקנדיק מיך מיט די טונקעלע גריבער פון די אויגן. באַהאַלטן זיך איז שוין קיין צײַט ניט געווען.

— ווער שלעפּט זיך עס אַרום? קום נאָר אַהער!

דאָס קאָל — ניט קיין שרעקלעכס, אַ שטילס. איך בין צוגעגאַנגען, האָב גוט אָנגעקוקט דאָס קײַלעכדיקע פּנים, וואָס איז באַשטעקט געווען מיט קורצע האָר, — אַפן קאָפּ זײַנען זיי געווען לענגער און האָבן געסטאַרטשעט אין אַלע זײַטן, אַרומ־רינגלענדיק אים מיט זילבערנע שטראַלעכלעך, און אַפן גאַרטל בא דעם מענטשן איז געהאַנגען אַ בונט שליסלען. ווען זײַן באָרד און זײַנע האָר זײַנען לענגער, וואָלט ער געווען ענלעך אַפן אַפּאָסטאָל פּיאָטער.

— ס'איז די אָפּגעבריטע הענט? וואָס־זשע שליאָנדרעוועסטו אום באַנאַכט? לויט וואָס פאַר אַ געזעץ?

ער האָט אַרויסגעבלאָזן מיר אין ברוסט און אין פּנים אַרײַן אַ כמאַרע רויך, האָט מיך אַרומגענומען מיט אַ וואַרעמער האַנט פאַרן האַלדז און צוגעצויגן צו זיך.

— האָסט מוירע?

— כ'האָב מוירע!

— אַלע האָבן דאָ מוירע די ערשטע צײַט. און מוירע האָבן איז ניטאָ וואָס. איבערהויפּט מיט מיר — איך וועל ניט לאָזן טאָן קיין שלעכטס קיינעם... פאַרויכערן ווילסטו? נו, רויכער ניט. פאַר דיר איז נאָך פרי. וואַרט צו אַ פּאָר יאָר... און טאַטע־מאַמע ווו זײַנען? ניטאָ קיין טאַטע־מאַמע! נו, איז דאַרף מען ניט — מיר וועלן אויס־קומען אָן זיי. נאָר ציטער ניט! פאַרשטייסט?

איך האָב שוין לאַנג ניט געזען קיין מענטשן, וואָס זאָל רעדן פּראָסט און פרײַנט־לעך, מיט פאַרשטענדלעכע ווערטער, ס'איז מיר געווען אָן אַ שיר גוט צו הערן זײַנע רייד.

אַז ער האָט מיך אָפּגעפירט צום בעטל, האָב איך געבעטן:

— זיץ לעם מיר!

— מע קען.

— אָט דו — ווער ביסטו?

— איך? א סאָלדאַט, אַן עמעסער סאָלדאַט, א קאַווקאַזער. אַפּ דער מילכאָמע געוועןָ. ווי דען? א סאָלדאַט לעבט צוליב מילכאָמע. כ׳האָב זיך געשלאָגן מיט די וועגגערס, מיטן טשערקעס, מיטן פּאָליאַק — וויפל דו ווילסט! די מילכאָמע, ברודער, ס׳איז א גרויס־ויסע העפקיירעס!

איך האָב אַפּ א מינוט פאַרמאַכט די אויגן, און אַז איך האָב זיי געעפנט, איז אַפן אָרט פון דעם סאָלדאַט געזעסן א באַבע אין א טונקעלן קלייד, און ער איז געשטאַנען לעבן איר און האָט גערעדט:

— זײַנען אַלע, הייסט עס, אויסגעשטאָרבן, א?

אין דער פּאַלאַטע האָט געשפּילט די זון, — באַגילדט אַלצדינג און באַהאַלט זיך, און טוט דערנאָך ווידער העל א בליק אַפּ אַלעמען, פּונקט סע שטיפט א קינד.

די באַבע האָט זיך צו מיר אָנגעבויגן, פאַרגענדיק:

— וואָס, מײַן טײַבעלע, מע האָט דיך צעקאַליעטשעט? כ׳האָב אים געזאָגט, דעם רויטן שעד...

— אָט באַלד וועל איך אַלצ אָפּטאָן לויטן געזעצ, — האָט געזאָגט דער סאָלדאַט, אַוועקגייענדיק, און די באַבע האָט, אויסווישנדיק די טרערן פון פּאָנעם, גערעדט:

— אַן אונדזעריקער סאָלדאַט, פון באַלאַכנא, לאָזט זיך אויס...

איך האָב אַלצ געמיינט, אַז דאָס איז א כאָלעם, און האָב געשוויגן. ס׳איז געקומען א דאָקטער און האָט מיר איבערגעבונדן די אָפּגעבריטע ערטער, און אָט פּאָר איך שוין מיט דער באַבען אַפּ א דראָזשקע איבער די גאַסן פון דער שטאָט. זי דערציילט:

— דער זיידע איז שוין אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ, איז געוואָרן אַזוי זשעדנע, אַז סע שלאָגט צום האַרצן! און דאָ האָט נאָך זײַן נײַער גוטערפרײַנט, דער רויכווארגער כליסט, בא אים פון פּסאַלטיר א הונדערטער אַרויסגעשלעפּט. וואָס סע האָט זיך געטאָ־אָן!

די זון שײַנט העל, ווי ווײַסע פויגלען שווימען וואָלקנס אין הימל, מיר גייען מיט די בריקלעך איבער דער וואָלגע, דאָס אײַז הודעט, בלאָזט זיך אויף. וואַסער בליופּעט אונטער די ברעטער פון די בריקלעך, אַפּ דעם פלייש־רויטן קלויסטער פונעם יאַריד־פּלאַצ גליִען די גאָלדענע ציילעמער. א ברייט־צורעדיקע פּרוי מיט א בונט אַטלעסענע ווערבע־צווײַגלעך אין די הענט איז אונדז אָנגעקומען אַנטקעגן — ס׳גייט פרילינג, אינגיכן איז פּאַסכע!

דאָס האַרצ האָט זיך צעצאַפּלט, ווי א זשאַוואָראָנעק.

— כ׳האָב דיך זייער ליב, באַבעניו!

דאָס האָט זי ניט פאַרכידעשט. מיט א רויִקער שטים האָט זי זיך אָנגערופן:

— ביסט דאָך אַן אייגענער, און מיך, מעג איך זאָגן אָן באַרימערײַ, האָבן פרעמדע אויך ליב, א דאַנק דער גאָט־געווינערן!

שמייכלענדיק, האָט זי צוגעגעבן:

— אָט וועט זי דערפרייט ווערן אינגיכן, איר זון וועט ווידער אופלעבן! און וואַריושע, די טאָכטער מײַנע...

און זי איז אַנשוויגן געוואָרן.

II

דער זיידע האָט מיך באַגעגנט אין הויף — ער האָט געזעסן מיט דער האַק אויף א קלאָץ, שטייענדיק אַף די קני. ער האָט אויפגעהויבן די האַק, פונקט ווי ער וואָלט זיך קלייבן א שליידער טאָן זי מיר אין קאָפּ אַריין, און אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, האָט ער שפּאָטיש געזאָגט:

— א גוט־מאָרגן אייך, כאַשעווער פּאַרשוין, אייער ווויל־געבוירט! אָפּגעדינט? נו, איצט איז שוין, ווי איר ווילט אייך, אַזוי לעבט אייך, יאָ! עך, אי — יר...

— מע ווייס, מע ווייס, — האָט די באָבע, אָפּפּאַכנדיק זיך פון אים, געשווינד א זאָג געטאָן, און נאָכן אַריינקומען אין צימער האָט זי, שטעלנדיק דעם סאַמאָוואַר, דערציילט:

— איצט איז שוין דער זיידע געבליבן אינגאַנצן באַ גאָרניט: וויפל געלט ער האָט געהאַט, האָט ער אַלץ אָפּגעגעבן זיין קוואַטער־זון ניקאָלאַי אַף פּראָצענט, און קיין צעטלעך האָט ער באַ אים, ווייזט אויס, ניט גענומען, — כ'קען דיר ניט זאָגן, וויאַזוי ס'איז באַ זיי דאָרטן פאָרגעקומען, נאָר ער איז געבליבן באַ גאָרניט, אויס געלט. און אַלץ דערפאַר, ווייל מיר האָבן ניט געגעבן קיין הילף דעם אָרעמען, קיין ראַכמאָנעס ניט געהאַט אַפן אומגליקלעכן, דעריבער האָט דער אייבערשטער זיך באַטראַכט: צו וואָס־זשע האָב איך די קאַשירינס מיט גוטס באַשאָנקען? זיך באַטראַכט און אָוועקגענומען אַלץ ביז לעצט...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט און צוגעגעבן:

— איך סטאַרע זיך, — ווי איך קען, אים באַגיטיקן, דעם אייבערשטן, ער זאָל דעם אַלטן פונדעסטוועגן ניט אַזוי שווער צודריקן, — איך גיב פון מיינע פאַרדינסטן שטילע צדאָקע באַנאַכט. ווילסט, וועלן מיר היינט גיין, — כ'האָב געלט...

דער זיידע איז אַריין, פאַרזשמורעט אַן אויג און געפרעגט:

— איר פאַרמעסט זיך פרעסן, ווי איך זע?

— ניט דיינס, — האָט די באָבע געזאָגט. — און אויב דו ווילסט, זעץ זיך מיט אונדז. ס'וועט פאַר דיר אויך קלעקן.

ער האָט זיך געזעצט צום טיש און שטיל געזאָגט:

— גיס אָן.

אַלץ אין שטוב איז געווען אַף זיין אָרט, נאָר דער מאַמעס ווינקל האָט טרויעריק געפּוסטעוועט, און אַף דער וואַנט, איבער דעם זיידנס געלעגער, איז געהאַנגען א בויגן פּאַפּיר מיט אַן אויפשריפט פון גרויסע געדרוקטע אויסיעס:

„יעזוס, דו איינציק לעבעדיקער! דיין הייליקער נאָמען זאָל מיר ביישטיין אין אַלע טעג און שאָען, ווי לאַנג איך וועל לעבן".

— ווער האָט עס געשריבן?

דער זיידע האָט ניט געענטפערט, די באָבע האָט אָפּגעוואַרט א ווײַלע און געזאָגט מיט א שמייכל:

— אָט דער פּאַפּיר קאָסט הונדערט רובל.

— ניט דיין אייסעק! — האָט דער זיידע אויסגעשריגן. — כ'וועל אַלצדינג צעגעבן פרעמדע מענטשן!

— שוין ניטאָ וואָס, און אז ס'איז געווען — האָסטו ניט געגעבן — האָט די באבע רויק געזאָגט.

— שווייַג! — האָט דער זיידע אויסגעשריגן מיט א קוויטש.

דאָ איז אַלץ אין אָרדענונג, אַלץ ווי געווען.

אין ווינקל אפן קופערט, אין דעם וועש־קאָרב, האָט זיך אופגעכאפט קאָליע און האָט געקוקט פון דאָרטן. די בלויע פאסיקלעך פון די אויגן זענען זיך קוים פון אונטער די לעדלעך. ער איז געוואָרן נאָך גרויער, נאָך מער שלאבעריק, צעגייענדיק. ער האָט מיך ניט דערקענט, זיך אָפגעקערט און צוגעשלאָסן די אויגן.

אין גאס האָבן געוואָרט אף מיר טרויעריקע נייַעס: וויאכיר איז געשטאָרבן. אין דער ערעוו־פאסכע־וואָך האָט אים „די ווינטיקע דערשטיקט". כאבי איז אוועק ווינען אין שטאָט אריין, בא יאזן זייַנען געליימט געוואָרן די פיס, ער איז אין ערגעץ ניט ארויסגעגאנגען. דערציילנדיק מיר די אַלע זאכן, האָט דער שווארץ־אויגיקער קאָסטראָמא א צרייצטער געזאָגט:

— עפעס זייער גיך שטארבן זיי אויס, די יאטלעך!

— געשטאָרבן איז דאָך נאָר איינער וויאכיר?

— אַלציינס: ווער ס'איז אוועק פון דער גאס, איז ער שוין אזוי גוט ווי געשטאָרבן. גייסט זיך נאָר מיט עמעצנס צונויף, ווערסט געוווינט, איז אָדער מע גיט אים אָפ, דעם כאווער דייַנעם, אף ארבעט, אָדער ער שטארבט. דאָ אף אייַער הויף, בא טשעסנאָקאָווס, ווינען נייַע — די יעווסייענקעס; א יאטל — ניושקא, גאנצע נישקאָשע, א געשיקטס! צוויי שוועסטער האָט ער, איינע איז נאָך א קליינינקע, די צווייטע איז א הינקענדיקע, גייט אף א קוליע, א שיינע.

ער האָט א טראכט געטאָן און דערנאָך צוגעגעבן:

— איך מיט טשורקען האָבן זיך אין איר, ברודער, פארליבט, מיר האַלטן אין איין קריגן זיך.

— — מיט איר?

— צו וואָס? צווישן זיך. מיט איר — זעלטן־ווען!

איך האָב, פארשטייט זיך, געוווסט, אז גרויסע באָכערים און באַיאָרטע מאנצבלען פארליבן זיך. כ'האָב וויל געוווסט דעם גראָבן באַטייַט דערפון. ס'איז מיר געוואָרן ניט־אנגענעם פאר קאָסטראָמאן, א פארדראָס און עפעס א בושע צו קוקן אף זייַן האמעטנעם קערפער און זייַנע שווארצע בייזע אויגן.

דאָס הינקענדיקע מיידל האָב איך דערזען אינאָוונט דעם זעלבן טאָג. אראָפּגייענדיק פונעם גאנעק צום הויף, האָט זי ארויסגעלאָזט פון איר האנט די קוליע און איז געבליבן אומבאהאָלפן שטיין אף די טרעפ, אייַנגעקלאמערט אין דעם פאָרענטש מיט די דורכזיכטיקע הענט, א דינע, א שוואכינקע. איך האָב געוואָלט אופהייבן די קוליע, נאָר די פארבינטעוועטע הענט האָבן שלעכט געדינט, איך האָב זיך לאנג געייסעקט, ס'איז מיר געווען א פארדראָס, און זי האָט, שטייענדיק העכער פאר מיר, שטיל געלאכט.

— וואָס איז עס מיט דייַנע הענט?

— אָפגעבריט.

— און איך אָט הינק. דו ביסט פון דעם הויף? דו ביסט עפּעס לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל? איך בין דאָרט געלעגן לאַ־אַנג!

אָפּגעזיפצט, האָט זי צוגעגעבן:

— זייער לאַנג.

זי איז אָנגעטאָן אין א ווײַס קלייד מיט בלויע פּידקאָווקעלעך, און אַלטינקס, נאָר א ריינינקס, די גלאַט צוגעקעמטע האָר זײַנען געלעגן אַף דער ברוסט פאַרפלאָכטן אין א דיקן קורצן צאָפּ. די אויגן — גרויסע, ערנסטע, אין זייער רויקער טיף האָט געברענט א בלוי פײַערל, באַלויכטנדיק דאָס מאָגערע שאַרפנעזלדיקע פּאָנעם. זי האָט אַנגענעם געשמייכלט, נאָר זי איז מיר ניט געפעלן געוואָרן. איר גאַנצע קרענק־לעכע פיגורקע האָט אַזויווי גערעדט:

— רירט מיך ניט אָן, איך בעט אײַך!

וויאַזוי האָבן עס די כאַווײרים געקענט זיך פאַרליבן אין איר?

— איך קרענק שוין לאַנג, — האָט זי דערציילט גערן און אַזויווי באַרימענדיק זיך. — א שכײנע האָט מיך פאַרקישעפט, האָט זיך צעקריגט מיט דער מאַמען און מיך פאַרקישעפט, איר אַף צעפּיקעניש... אין שפּיטאָל איז שרעקלעך?

— יאָ...

איך האָב זיך געפילט מיט איר ניט פרײַ, בין איך אַוועק אין שטוב אַרײַן.

קעגן האַלבער נאַכט האָט מיך די באָבע מילד געוועקט:

— מירן גיין, יאָ? וועסט זיך באַמיִען מענטשן צוליב, וועלן די הענט זיך גי־כער אויסהיילן...

זי האָט מיך גענומען פאַר א האַנט און געפירט אין דער פינצטער, ווי א בלינדן. די נאַכט איז געווען א שוואַרצע, א פײַכטע, א ווינט האָט געבלאָזן אָן אויפהער, פונקט ווי א טײַך וואָלט גיך געפלאָסן, דער קאַלטער זאַמד האָט געכאַפּט פאַר די פיס. די באָבע פלעג פאָרזיכטיק צוגיין צו די טונקעלע פענצטער פון די מעשטשאַנישע שטיבלעך, דרײַ מאָל זיך איבערצײילעמענדיק, פלעג זי אַוועקלייגן אַפן פענצטער־ברעט א פּיאַטאַקל און דרײַ בייגל, ווידער זיך געצײילעמט, קוקנדיק אין דעם אָנשטערנדיקן הימל, און געשעפּטשעט:

— דו אַלערהייליקסטע קיניגן אין הימל, העלף אויס די מענטשן! אַלע זײַנען פאַר דיר זינדיק, מוטער!

וואָס ווײַטער מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען פון הויז, אַלץ טויבער און טויטער איז געוואָרן אַרום. דער באַנאַכטיקער הימל, אָפּגרונטלעך פאַרטיפט דורך דער פינצטער־ניש, האָט אַזויווי אַף אייביק באַהאַלטן די לעוואָנע און די שטערן. פון ערגעץ האָט זיך אַרויסגעקײַקלט א הונט, האָט זיך אָפּגעשטעלט קעגן אונדז און זיך צעריטשעט. אין דער פינצטער ברענען זײַנע אויגן. איך האָב זיך פאַכדאָניש צוגעטוליעט צו דער באָבען.

— ס'איז גאָרניט, — האָט זי געזאָגט, — ס'איז פּאָשעט א הונט. פאַר א שעד איז איצט ניט די צײַט. שוין שפּעט פאַר אים, די הענער האָבן דאָך שוין געקרייט!

זי האָט צוגערופן דעם הונט, אים א גלעט געטאָן און אייצעט אים:

— דו, הינטעלע, שרעק מיר ניט מײַן הינדעלע!

דער הונט האָט זיך א ריב געטאָן אין מײַנע פיס, און ווײַטער זײַנען מיר שוין

געגאַנגענע אינדרייַען. צוועלף מאָל איז די באָבע צוגעגאַנגען הינטער די פֿענצטער, איבערלאָזנדיק „שטילע צדאָקע". ס'האָט אָנגעהויבן ליכטיק ווערן. פֿון דער פֿינצ־טער האָבן געגומענע אויסוואַקסן גרויע הײַזער, ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן דער גלאָקנ־טורעם פֿונעם נאָפּאָלנעם קלויסטער, א ווײַסער, ווי צוקער. דער ציגלנער צוים פֿון דעם צווינטער איז שיטער געוואָרן, ווי א שלעכטע ראָגאָזשע.

— שוין מאָט די אַלטע, — האָט די באָבע געזאָגט, — צײַט אהיים גיין! אינ־דערפֿרי וועלן זיך אויפֿכאַפּן די פּרויען, ערשט — פֿאַר זייערע קינדערס וועגן האָט גאָטס מוטער עפּעס אָנגעגרייט! אז אַלץ פֿעלט, איז עפּעס אויך א זאַך!... אָך־כאָ, אָליאָשא, אָרעמע לעבט דאָס פֿאָלק, און קיינער זאָרגט זיך גאָר ניט וועגן דעם.

דער רײַכער וועגן גאָט אין הימל טראַכט גאָרניט,
וועגן שרעקלעכן געריכט כאָלעמט זיך אים ניט,
וואָס איז אים דער אָרעמאַן — ניט קיין ברודער, ניט קיין פֿרײַנט,
ער ווייסט נאָר איינס — גאָלד זאַמלען וואָס מער, —
נאָר ווערן וועט פֿון דעם גאָלד קוילן אין גענעם!

— אָט וויִאַזוי! לעבן דאַרף מען איינער פֿאַר דעם אַנדערן, און גאָט — פֿאַר אַלעמען! און איך בין צופֿרידן, וואָס דו ביסט ווידער מיט מיר...

איך בין אויך רויִק צופֿרידן, אומקלאָר פֿילנדיק, אז איך האָב זיך באַהעפֿט צו עפּעס, וואָס איך וועל עס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. לעבן מיר איז געלאָפֿן א געלער הונט מיט א פֿוקסענער מאָרדע און גוטע שולדיקע אויגן.

— ער וועט פֿאַרבלײַבן מיט אונדז?

— פֿאַרוואָס ניט! זאָל ער בלײַבן, אויב ער וויל. אָט וועל איך אים געבן א בייגל, איך האָב נאָך צוויי, קום, לאָמיר זיך צוזעצן אויף א באַנק. עפּעס בין איך מיד...

מע האָט זיך צוגעזעצט בא א טויער אויף א באַנק. דער הונט האָט זיך אַנידער־געלייגט פֿאַר אונדזערע פֿיס, צעבײַסנדיק דעם טרוקענעם בייגל, און די באָבע האָט דערציילט:

— דאָ וווינט איינע א יידישע פֿרוי, זײַנען זיי נײַן מאַן, איינס קלענער פֿונעם אַנדערן. איך פֿרעג בא איר: וויִאַזוי־זשע לעבסטו, — מאָסיעוונאַ? זאָגט זי: איך לעב מיט ביטאָכן אויף גאָט אויף מײַנעם, מיט וואָס דען זאָל איך לעבן?

איך האָב זיך צוגעטוליעט צו דער באָבעס וואַרעמער זײַט און בין אַנשלאָפֿן געוואָרן.

דאָס לעבן האָט ווידער גענומען פֿליסן גיך און געדיכט, דער ברייטער שטראָם איינדרוקן האָט יעדער טאָג געבראַכט דער נעשאָמע עפּעס נײַס, וואָס האָט אָנ־ציקט און באַאומרויִקט, באַליידיקט און געצווונגען טראַכטן.

אינגיכן איז געוואָרן אזוי, אז איך האָב אויך מיט אַלע קויכעס געשטרעבט, וואָס אָפֿטער צו זען דאָס הינקענדיקע מיידעלע, ריידן מיט איר, אָדער שווײַגנדיק זיצן מיט איר באַנאַנד אויפֿן בענקל באַם טויער, — שווײַגן מיט איר איז אויך געווען א פֿאַרגעניגן. געווען איז זי א רייניקע, פּונקט ווי דאָס פֿייגעלע פּענעטשקע, און

האָט זייער שיין דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי סע לעבן די קאָזאַקן אַפן דאָן: דאָרט האָט זי לאַנג געלעבט בא א פעטער, א מאַשיניסט אין א אייל־זאַוואָד, דערנאָך איז איר פאָטער, א שלאָסער, אריבערגעפאָרן קיין ניזשני.

— און נאָך איז דאָ א פעטער, א צווייטער, יענער דינט באַם קייסער אַליין.

אָוונט־צײַט, בייס א יאָנטעוו, פלעג די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער גאַס ארויסגיין אויסער די „טויערן", באָכערים און מיידלעך פלעגן אוועק אַפן צווינטער פראַוועו קאַראַהאָדן, די מאַנצבלעען פלעגן זיך צעגיין איבער די טראַקטירן, אין גאַס פלעגן בלײַבן די פרויען און קליינע קינדער. די פרויען פלעגן זיך אויסזעצן בא די טויערן גלײַך אַפן זאַמד אָדער אַף די בענקלעך און פלעגן אופהייבן א הילכיקן געפילדער, קריגן זיך און באריידן די וועלט. קליינוואַרג פלעג זיך נעמען שפּילן אין לאַפּטא, אין פיקרעס [1], אין „שאַר־מאַזלאָ"; די מוטערס פלעגן נאָכקוקן נאָך די שפּילן, אונטערמונטערנדיק די פלינקערע, אויסלאַכנדיק די שוואַכערע שפּילער. ס'פלעג זײַן פארטויבנדיק־רוישיק און אומפארגעסלעך־פרייילעך. דאָס בײַזײַן און די אופמערקזאַמקײַט פון די „גרויסע" פלעג אונדז, קליינוואַרג, רעגן, ארײַנטראָגן אין אַלע שפּילן א באַזונדער אופלעבונג, א ליידנשאַפטלעכן ווילן איינס דאָס אַנדערע איבערצושטײַגן. נאָר ווי שטאַרק מיר דרײַ — קאָסטראָמא, טשורקע און איך, — זײַנען ניט געווען פארכאַפּט מיט דער שפּיל, פלעג פאָרט אַמאָל דער, אַמאָל יענער, צולויפן א באַרים טאָן זיך פארבּ הינקענדיקן מיידעלע:

— האָסט געזען, ליודמילע, ווי איך האָב אַלע פינף פיקרעס פון דער „שטאָט" ארויסגעפלעמט?

און זי פלעג ליב שמייכלען, צווינקען מיטן קאָפּ עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד.

פריער האָט אונדזער קאָמפּאַניע געזוכט צו האַלטן זיך אין אַלע שפּילן צוזאַמען, איצט האָב איך גענומען באַמערקן, אַז טשורקע און קאָסטראָמא שפּילן שטענדיק אין באַזונדערע פארטייעס, קאָנקורירנדיק איינער מיטן אַנדערן אין פלינקײַט, אין קויעך, אָפט — ביז טרערן און געשלעג. איינמאָל האָבן זיי זיך צעשלאָגן אַזוי ווילד, אַז דערוואַקסענע האָבן זיך געמוזט ארײַנמישן, און מע האָט די סאָנים פאַנאַנדערגעגאָסן מיט וואַסער, ווי די הינט.

ליודמילע האָט, זיצנדיק אַפן בענקל, געטופּעט אין דער ערד מיטן געזונטן פיסל, און אַז די שלעגער זײַנען צוגעלאָפן צו איר, האָט זי זיי אָפּגעשטויסן מיט דער קוליע, אויסשרײַענדיק אין שרעק:

— אוועקט! הערט אוף!

דאָס פּאָנעם איז איר געווען בלייך, אַזש בלוי, די אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן און האָבן זיך פארקויקלט, ווי בא אן עפּילעפּטישער.

א צווייט מאָל, אַז קאָסטראָמא האָט פארשפּילט טשורקען א פארטיע אין פיקרעס, האָט ער זיך באַהאַלטן הינטער א קאַסטן מיט האָבער בא דער באַקאַליי־קראָם, האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט אַף דער ערד און זיך שווײַגנדיק צעוויינט — דאָס איז געווען קימאַט א שרעק צו זען: ער האָט שטאַרק צונויפגעציפּעט די ציין, די באַקן־ביינער האָבן זיך ארויסגערוקט, דאָס מאָגערע פּאָנעם איז פארשטיינערט

[1] городки.

געוואָרן, און פון די שווארצע פארומערטע אויגן קײַקלען זיך ארויס שווערע, גרויסע טרערן. אז איך האָב אים גענומען טרייסטן, האָט ער ארויסגעשעפּטשעט, ווארגנדיק זיך מיט טרערן:

— ווארט... כ'וועל אים מיט א ציגל איבערן קאָפּ... ער וועט שוין זען.

טשורקע איז געוואָרן גרויס בא זיך, האָט געשפּאַנט איבער דער מיט גאס ווי סע שפּאנען כאסענע־יונגען, דעם קארטוז פארבראָכן אַפּ א זײַט, די הענט פאר־שטופּט אין די קעשענעס, ער האָט זיך אויסגעלערנט ווילױנגעריש ארויסשפּײַען פון צווישן די ציין און האָט צוגעזאָגט:

— אינגיכן לערן איך זיך אויס רויכערן, שוין צוויי מאָל געפּרוווט, נאָר סע נודעט.

מיר איז עס ניט געפעלן געווען. כ'האָב געזען, אז איך פארליר א כאווער, און שולדיק אין דעם, האָט זיך מיר געדוכט, איז ליודמילע.

איינמאָל אינאָוונט, ווען איך האָב אין הויף פאנאנדערגעקליבן צונויפגעקליבענע ביינער, שמאטעס און אלערליי אלטווארג, איז צו מיר צוגעגאנגען ליודמילע, זיך אונטערהוידענדיק, פאָכנדיק מיט דער רעכטער האנט.

— גוטן אָוונט, — האָט זי געזאָגט און דרײַ מאָל פארנייגט דעם קאָפּ, — קאָסט־ראָמא איז מיט דיר געגאנגען?

— יאָ.

— און טשורקע?

— טשורקע איז מיט אונדז אויס כאווער. דאָס ביסטו אין אלץ שולדיק. זיי האָבן זיך אין דיר פארליבט, שלאָגן זיי זיך.

זי איז רויט געוואָרן, נאָר געענטפערט האָט זי מיט שפּאָט:

— נא דיר אזוינס! וואָס־זשע בין איך שולדיק?

— און צו וואָס פארליבסטו?

— איך האָב זיי ניט געבעטן זיך פארליבן! — האָט זי געזאָגט בייז, און אוועק־גייענדיק, האָט זי צוגעגעבן: — ס'איז נארישקײַטן אלץ! איך בין עלטער פון זיי, מיר איז פערצן יאָר, אין עלטערע מיידלעך פארליבט מען זיך ניט...

— אסאך ווייסטו! — האָב איך איר נאָכגעשריגן מיטן מיין צו באליידיקן. — כליסטס שוועסטער די קרעמערן איז שוין גאָר אן אלטע, און דרייט זיך מיט באָ־כערים — נאָך ווי!

ליודמילע האָט זיך אומגעקערט צו מיר, טיף ארײַנזעצנדיק איר קוליע אין זאמד פונעם הויף.

— דו אליין ווייסט גאָרניט, — האָט זי זיך צערעדט אפגיך מיט טרערן אין קאָל, און אירע ליבע אויגן האָבן זיך שיין צעגליט. — די קרעמערן איז א צעלאָזע־נע, און איך בין דען אזא, ווי זי? איך בין נאָך א קליינע, מע טאָר מיך ניט טשע־פּען און ניט קנײַפּן, און אלץ... וואָלסט פריער געדארפט איבערלייענען דעם ראָ־מאן „קאמטשאדאלקא", צווייטער טייל, און נאָכדעם ריידן:

זי איז אוועק כליפּענדיק, ס'האָט מיר שוין באנק געטאָן: אין אירע ווערטער האָט געקלונגען עפּעס אן עמעס, וואָס איז מיר ניט געווען באקאנט. צו וואָס קנײַפּן זיי זי, די כאוויירים מײַנע? און זאָגן נאָך: זיי זײַנען פארליבט...

אפן צווייטן טאָג האָב איך, וועלנדיק פאַרגלעטן די שולד פאַר ליודמילען, איר בעקויפט פאַר א זעקסער קאנדל־צוקער, וועלכן זי האָט ליב געהאַט, ווי איך האָב געוווּסט.

— ווילסט?

זי האָט איבערגוואלד בייז געזאָגט:

— גיי אוועק, איך כאוועך זיך ניט מיט דיר!

נאָר זי האָט באלד גענומען די צוקערקעס מיט א באמערקונג:

— וואָלסט עס כאָטש אין א פאַפּירל פאַרוויקלט — די הענט דײַנע, זע, וויפל ברוד אַף זיי איז!

— כ'האָב געוואַשן, נאָר זיי וואַשן זיך שוין ניט אָפּ.

זי האָט גענומען מײַן האנט מיט אירער, דער טרוקענער און הייסער, האָט באַטראַכט:

— איבערגעפירט...

— און דײַנע פינגער — צעשטאָכן...

— פון דער נאָדל. איך נײ אסאך.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט זי מיר פאַרגעלייגט, זיך ארומקוקנדיק:

— הער זיך אײַן, קום לאָמיר זיך ערגעץ באהאלטן און לייענען „קאמטשאדאל־קא", ווילסט?

מיר האָבן לאנג געזוכט, ווו זיך צו באהאלטן. אומעטום איז געווען ניט באַקוועם. ענדלעך האָבן מיר באשטימט, אז דאָס גלײַכסטע איז פאַרקלײַבן זיך אין פּיר־הויז פון דער באָד: דאָרט איז פינצטער, נאָר מע קאָן זיך צוזעצן באַם פענצטער — עס גייט ארויס אין מיסטיקן ווינקל צווישן דער שטאל און דער שכײנישער יאטקע, מענטשן קוקן זעלטן וועג אַרײַן אהין.

און אָט זיצט זי, מיט א זײַט צום פענצטער, אויסגעצויגן דעם קראנקן פוס אַף דער באנק, דעם געזונטן אראָפּגעלאָזט אַפן פּאָל, זיצט, און, פאַרשטעלנדיק דאָס פּאָנעם מיטן צעשויבערטן ביכל, רעדט זי ארויס שטארק צערודערט א מענגע אומ־פאַרשטענדלעכע און לאנגווײַליקע ווערטער, נאָר איך בין אופגערעגט. זיצנדיק אַפן פּאָל, זע איך, ווי די ערנסטע אויגן באוועגן זיך מיט צוויי בלווילעכע פײַערלעך אי־בער די זײַטלעך פונעם ביכל, אַן אנדער מאָל באַפײַכט זיי א טרער, דאָס קאָל דעם מיידעלעס ציטערט, אײַליק אויסריידנדיק אומבאַקאנטע ווערטער אין אומפאַרשטענד־לעכע פאַרבינדונגען. פונדעסטוועגן כאַפּ איך אוף די ווערטער, פּרוּוו זיי אײַנפאסן אין פערזן, דריי זיי איבער אַף אלערליי אויפאַנים, און דאָס שטערט מיר שוין אײַנ־באַנצן צו פאַרשטײן עפּעס וואָס פון דעם, וואָס דאָס בוך דערצײלט.

אַף די קני בא מיר דרעמלט דער הונט, איך רוף אים — ווינט, ווײַל ער איז האָריק און לאנג, לויפט געשווינד און וואָרטשעט, ווי דער הארבסטיקער ווינט אין קוימען.

— דו הערסט זיך אײַן? — פרעגט דאָס מיידעלע.

איך ווינק צו מיטן קאָפּ שווײַגנדיקערהייט. דער געדרענג פון די ווערטער צע־רודערט מיך אלץ מער, אלץ אומרויִקער ווערט מײַן פאַרלאנג אויסצושטעלן זיי אנדערש, אזוי, ווי זיי זײַנען אויסגעשטעלט אין א ליד, ווי איטלעך וואָרט לעבט און ברענט, ווי א שטערן אין הימל.

אַז ס'איז געוואָרן פינצטער, האָט ליודמילע, אַראָפּלאָזנדיק די ווײַסגעוואָרענע האַנט מיטן בוך, געפרעגט:

— גוט, עמעס? אָט זעסטו...

זינט דעם אָוונט זײַנען מיר אָפט געזעסן אינעם באָד־פּירהויז. ליודמילע האָט, צו מײַן פרייד, זיך אײַנגיכן אָפּגעזאָגט ווײַטער לייענען „קאַמטשאַדאַלקאַ". איך האָב איר ניט געקענט ענטפערן, וועגן וואָס סע רעדט זיך אין אָט דעם אומענדלעכן בוך, אומענדלעכן, ווײַל נאָכן צווייטן טייל, פון וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער לייענען, האָט זיך באַוויזן אַ דריטער, און דאָס מיידעלע האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ פערטער.

באַזונדערס גוט איז אונדז געווען אין די נאַסע טעג, אויב די נעץ איז ניט אויסגעפאַלן אום שאַבעס, ווען מע האָט געהייצט די באָד.

אינדרויסן גיסט אַ רעגן — קיינער וועט אין הויף ניט אַרויס, וועט ניט אַרײַנקוקן צו אונדז, אין אונדזער טונקעלן ווינקל. ליודמילע האָט זייער מוירע געהאַט, מע זאָל אונדז ניט „פּאַקן".

— ווייסט, וואָס מע וועט דעמלט איבערקלערן? — האָט זי שטיל געפרעגט.

איך האָב געוווּסט, און האָב אויך מוירע געהאַט, מע זאָל אונדז ניט „פּאַקן". מיר פלעגן זיצן אינײינעם שאָענלאַנג, שמועסנדיק וועגן וואָס ניט איז, אַמאָל פלעג איך דערציילן דער באַבעס מײַסעס, אַמאָל ליודמילע — וועגן לעבן פון די קאָזאַקן אָפן טײַך מעדוועדיצע.

— אוי, ווי גוט דאָרט איז! — פלעג זי אָפּזיפצן. — דאָ איז וואָס? נאָר פאַר בעטלערס צו לעבן...

איך האָב באַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען איך וואַקס אונטער, גיי איך זיך דורכאומבאַדינגט אַ קוק טאָן אָפּ דעם טײַך מעדוועדיצע.

אײַנגיכן האָבן מיר שוין מער ניט געדאַרפט אָנקומען צום באָד־פּירהויז; ליודמילעס מוטער האָט געפונען אַרבעט באַ אַ רויכוואַרגער און פלעג פון אינדערפרי אוועקגיין פון דער היים, דאָס שוועסטערל האָט זיך געלערנט אין שול, דער ברודער האָט געאַרבעט אָפּ אַ קאַכל־זאַוואָד. אין רעגנדיקע טעג פלעג איך קומען צו דעם מיידעלע און העלפן איר קאָכן, אויפראָמען אין שטוב און אין קיך, און זי פלעג לאַכן:

— מיר לעבן מיט דיר, ווי מאַן און ווײַב, נאָר וואָס מיר שלאָפן באַזונדער. מיר לעבן נאָך בעסער אפילו — די מענער העלפן ניט די ווײַבער...

ווען כ'האָב געהאַט געלט, פלעג איך קויפן זיסע זאַכן, און מיר פלעגן טרינקען טיי, דערנאָך פלעגן מיר אָפּקילן דעם סאַמאָוואַר מיט קאַלטער וואַסער, ליודמילעס מאַמע די שרײַעריקע זאָל זיך ניט אָנשטויסן, אַז מע האָט אים געוואַרעמט. אַמאָל פלעג צו אונדז אַרײַנגיין די באַבע, פלעג זיצן, שטריקן שפּיצן אָדער אויסנייען און דערציילן ווונדערלעכע מײַסעס, און אַז דער זיידע פלעג אוועק אין שטאָט אַרײַן, פלעג זיך ליודמילע פאַרקלײַבן צו אונדז, און מיר פלעגן פאַרברענגען גאָר אַ ן זאָרג.

די באַבע פלעג זאָגן:

— אַך, לעבן מיר וויל! פאַר דײַן אייגענעם דרײַער ביסטו זיך א מענטש א פרײַער!

זי האָט געשטיצט אונדזער כאַווערשאַפט.

— פאַר א ייִנגל מיט א מיידל איז כאַווערן זיך א טײַערע זאַך! נאָר אָן צע־לאָזנקײַט...

און זי האָט מיט די פּאַשעטסטע ווערטער אונדז דערקלערט, וואָס הייסט „צע־לאָזנקײַט". גערעדט האָט זי שיין, באַגײַסטערט, און איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז מע טאָר ניט טשעפּען די בלומען, איידער זיי האָבן זיך צעבליט, אַניט וועט ניט זײַן פון זיי ניט קיין רייעך, ניט קיין יאַגעדעס.

„צעלאָזנ זײַן" האָט מיך ניט געצויגן, נאָר דאָס האָט ניט געשטערט מיר און לידמילען צו ריידן וועגן דעם, וועגן וואָס ס'איז אָנגענומען צו שווײַגן. גערעדט האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, פאַר גויט, ווײַל די באַציִונגען צווישן די געשלעכטער האָבן צו אָפּט און פּרעך אין דער גראָבסטער פאָרם געשפּאַרט אין די אויגן, האָבן אונדז צו שטאַרק באַליידיקט.

לידמילעס פאָטער, א שיינער מאַנצבל פון א יאָר פערציק, איז געווען געקרויזט־האָריק, היפּש־וואָנצעדיק און האָט זיגעריש באַוועגט מיט די געדיכטע ברעמען. ער איז געווען מאָדנע שווײַגנדיק, — כ'קאָן זיך ניט דערמאַנען קיין איין וואָרט פון אים. גלעטנדיק א קינד, האָט ער געמוקעט, ווי א שטומער, און אַפילע דאָס ווײַב האָט ער געשלאָגן שווײַגנדיק.

אין די אָוונטן, בייס א יאָנטעוו, טוט ער אָן א בלוי העמד, פּליסענע שאַראָווארן און שטאַרק אָנגעגלאַנצטע שטיול, גייט ארויס צום טויער מיט א גרויסער האַר־מאָניקע, פאַרוואָרפן אַף א רימען איבערן אַקסל, און שטעלט זיך דאָרטן אַפּ, ווי א סאָלדאַט אין דער פּאָזיציע „אַף קאַראול". באַלד הייבט זיך אָן פאַרבײַ אונדזער טויער „א שפּאַציר": ווי קאַטשקעלעך גייען איינע נאָך דער אַנדערער מיידלעך, ווײַבער, אַריבערקוקנדיק צו יעווסייענקען באַהאַלטענערהייט, פון אונטער די וויִעס, און אָפענערהייט, מיט באַגערנדיקע אויגן, און ער שטייט, אַרויסגערוקט די און־טערשטע ליפּ, און קוקט אָן אַלעמען מיטן איבערקלײַבנדיקן בליק פון זײַנע טונקלע אויגן. עפּעס ניטאַנגענעם־הינטישס איז געווען אין אָט דעם אויגן־געשפּרעך אָן ווערטער, אין דער לאַנגזאַמער, פאַרמישפּעטער באַוועגונג פון די פרויען פאַרבײַ דעם מאַנצבל, — ס'האָט זיך געדוכט, אַז יעדע איינע פון זיי, אויב דער מאַנצבל זאָל איר נאָר באַפעלעריש א ווינק טאָן, וועט זי אונטערטעניק זיך אַנידערוואַלגערן אין מיסטיקן זאַמד פון דער גאַס, ווי א דערהאַרגעטע.

— האָט זיך אויסגעשטעלט, דער צאַפּ, דער אומפאַרשעמטער פאַרצעפּ! — וואָרטשעט לידמילעס מוטער. א דינע און א הויכע, מיט א לאַנגן, ניט ריינעם פּנים, מיט קורץ־אָפּגעשוירענע האָר נאָכן טיפוס איז זי געווען ענלעך אַף אַן אויסגעריבענעם בעזעם.

לעבן איר זיצט לידמילע, און אומזיסט באַמיט זי זיך אָפּצוציִען איר אויפ־מערקזאַמקײַט פון דער גאַס, מיט אַקשאָנעס אויספרעגנדיק זי וועגן עפּעס.

— לאָז צורו, קליפּע, פאַרזעעניש דו אומגליקלעכע! — וואָרטשעט די מוטער, אומרויִק פּינטלענדיק. אירע שמאָלע מאָנגאָלישע אויגן זײַנען מאָדנע העל און

אומבאווענלעך, האָבן זיך פארטשעפּעט אין עפּעס און זיך אָפּגעשטעלט אף שטענדיק.

— צו וואָס זאָלסטו זיך אופרעגן, מאמינקע, ס'דאַכט שוין א פארפאלענע זאך, — זאָגט לּיודמילּע. — דו קוק נאָר אָן די ראָגאָזשניצע, ווי זי האָט זיך עס אויסגעפוצט!

— איך וואָלט זיך אביסל שענער אָנגעטאָן, ווען איך וואָלט אײַך דרײַען ניט געהאט, אופגעפרעסן האָט איר מיך, אײַנגעשלונגען, — רעדט די מוטער אָנראַבמאָנעסדיק און ווי דורך טרערן, די אויגן אײַנגעקלאמערט אין דער גרויסער, ברייטער אלמאָנע פונעם ראָגאָזשע־מאכער.

זי איז ענלעך אף א קליין הויז, די ברוסט אירע איז אויסגעשטעלט, ווי א גאנעק. דאָס רויטע פּאָנעם, וואָס איז איבערגעדעקט און פארשניטן מיט א גרינטיכל, דערמאנט א בוידעם־פענצטערל אין דער שאָ, ווען אין זײַנע שויבן שפּיגלט זיך די זון.

יעווסייענקאָ פארלייגט די הארמאָניקע איבער דער ברוסט און שפּילט. אף דער הארמאָניקע איז דאָ אסאך טאָן־רייען. אירע קלאנגען ציִען ערגעץ, אז ס'איז ניט בײַצושטיין, פון דער גאנצער גאס קײַקלען זיך קינדער, פאלן צו די פיס פונעם הארמאָניסט און פארבלײַבן אין זאמד אנטציקטע, אָפּגעשטאָרבן מיט אלע גלידער.

— ווארט, מע וועט דיר אָפּדרייען דעם קאָפּ, — זאָגט צו די יעווסייענקאָווע דעם מאן אירן.

ער קוקט זי אָן מיט א קאָסע בליק, שווײַגנדיק.

און דעם ראָגאָזשע־מאכערס אלמאָנע זיצט, ווי א שטיין, ניט ווײַט, אף א באנק לעם כליסטס קראָם, און, פארבויגן דעם קאָפּ אפן אקסל, הערט זי און פלאמט.

אין פעלד, הינטערן צווינטער, רויטלט זיך די אָוונט־שײַן, איבער דער גאס, ווי איבער א טײַך, שווימען פארביק אָנגעקלײדטע שטיקער לײַב, ווי א וויכער דרייען זיך אום קינדער, די ווארעמע לופט איז מילד און פארשיקערט. מיט עפּעס שארפס אָטעמט דער פון באטאָג אָנגעווארעמטער זאמד, באזונדערס לאָזט זיך פילן דער פעטער זיסלעכער רייעך פון די יאטקעס — דער רייעך פון בלוט, און פון די הויפן, ווו די רויכווארגער ווינען, שמעקט געזאלצן און בײַסיק מיט מעזדרע. דאָס ווײַבערשע גערייד, דאָס שיקערע רעווען פון די מאנצבלען, די קלינגענדיקע געשרייען פון די קינדער, דער געזאנג פון דער באסאָווע אונטערברומענדיקער הארמאָניקע — אלץ גיסט זיך צונויף אין א געדיכטן גערילך, דאָס זיפצט מעכטיק די ערד, וואָס ווערט ניט מיד צו שאפן. אלץ איז גראָב, נאקעט און פלאנצט אײַן א גרויסן שטארקן געפיל פון צוטרוי צו אָט דעם שווארצן לעבן, וואָס איז אזוי כײַיש־אומפארשעמט. איבערנעמענדיק זיך מיט די אייגענע קויכעס, זוכט עס מיט בענקשאפט און אָנגעשטרענגט, ווו־הין זיך אויסצוגיסן.

און דורכן ראש דערגייען צום הארצן, אף שטענדיק פארבלײַבנדיק אין זיקאָרן, אזוינע שוידערלעכע ווערטער:

— אלע פאראמאָל זאָלן שלאָגן איינעם, איז קיין יוישער ניט — מע דארף אייניציקווײַז, אין א ריי...

— ווער וועט אונדז שאנעווען, אז מיר שאנעווען זיך אליין ניט...

— ניט אנדערש, גאָט האָט די ווײַבער אַפּ אַ שפּאַס געבוירן?..

די נאַכט איז נאָענט. פרישער ווערט די לופט, שטילער — דער געהילכ. די הילצערנע הײַזער וואַקסן, ווערן געשוואָלן, טוען זיכ אָן אינ שאָטנס. די קינדער האָט מען צענומען אינ די הויפן אַרײַנ — שלאָפן. אַנדערע זײַנען אײַנגעשלאָפן דאָ גלײַכ אונטער די פּלויטן, באַ די פּיס און אַפּ די קני פון די מוטערס. די מער דערוואַקסענע קינדער ווערן קעגן נאַכט געהאָרכיקער, ווייכער. יעווסייענקאָ איז אומבאַמערקט פאַרשוואונדן, ווי צעגאַנגען. די ראָגאָזשניצע זעט מען אויכ ניט. די באַסאָווע אונטערברומענדיקע האַרמאָניקע שפּילט ערגעץ ווײַט, הינטערן צווינטער.

די מוטער לִיודמילעס זיצט אַפּ דער באַנק צונויפגעדרייט, אויסגעבויגן דעם רוקן, ווי אַ קאַץ. מײַן באַבע איז אַוועק טרינקען טיי צו אַ שכיינע, אַ הויב־אַם און אַ זינד־מעקלערן, אַ גרויסע אָדערדיקע פרוי מיט אַ קאַטשקענער נאָז און מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל „פאַר ראַטעווענ אומקומענדיקע" אַפּ דער פלאַטשיקער מאַנצ־בישער ברוסט. די גאַנצע גאַס האָט פאַר איר מוירע, האַלט זי פאַר אַ קישעפמאַכערנ, וועגן איר דערציילט מען, אַז זי האָט בייס אַ סרייפע אַרויסגעטראָגן פון פײַער דרײַ קינדער איינעם אַ פּאָלקאָווניקס און זײַן קראַנק ווײַב.

די באַבע איז מיט איר גוטע־פרײַנט. באַם געזעגענען זיכ אינ גאַס שמייכלען זיי איינע צו דער אַנדערער נאָכ פונדערווײַטנס באַזונדערס וויל.

קאָסטראָמאַ, לִיודמילע אינ איכ זיצן פאַרן טויער אַפּ אַ באַנק. טשורקע האָט אַרויסגערופן לִיודמילעס ברודער אַפּ אַ גערֿאַנגל, — אַרומגענומענ, שטויסן זיי זיכ אינ זאַמד און מאַכן אַ שטויב.

— הערט אויף! — בעט לִיודמילע, ציטערנדיק

קאָסע אָנגעשטעלט אַפּ איר די שוואַרצע אויגן, דערציילט קאָסטראָמאַ וועגן דעם יעגער קאַלינינ, אַ גרײַזנ אַלטיטשקן מיט כיטרע אייגלעך, אַ מענטש, וואָס האָט גע־האַט אַ שלעכטנ נאָמען און איז געווען באַקאַנט דער גאַנצער סלאָבאָדע. ער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן, אָבער מע האָט אים ניט פאַרגראָבן אינ דער צווינטער־ערד, נאָר אַוועקגעשטעלט די טרונע אויבן אַפּ דער ערד, אינ אַ זײַט פון די איבע־ריקע קוואָרים. די טרונע איז אַ שוואַרצע, אַפּ הויכע פיסלעך, דער צודעק איז באַ־מאָלט מיט ווײַסער פאַרב — אָנגעמאָלט איז דערויף אַ צײלעם, אַ שפּיז, אַ שטעקן און צוויי ביינער.

אַלע נאַכט, ווי נאָר סע ווערט פינצטער, שטייט דער אַלטער אויף פון טרונע און גייט איבערן צווינטער, זוכט עפּעס נאָכאַנאַנד, אַזוי ביז צו די ערשטע הענער.

— רעד ניט וועגן שרעקלעכע זאַכן! — בעט לִיודמילע.

— לאָז אָפּ! — שרײַט טשורקע, באַפרײַענדיק זיכ פון איר ברודערס אָרעמס, און רופט זיכ אָן מיט שפּאָט צו קאָסטראָמאַנ: — וואָס האַקסטו ליגנס? איכ האָב אַלייג געזען, ווי מע האָט פאַרגראָבן די טרונע, און אויבן שטייט אַ ליידיקע פאַר אַ דענקמאָל... און אַז אַ מעס גייט אום, דאָס האָבן די שיקערע קאָוואַליעס אויס־געטראַכט...

קאָסטראָמאַ האָט, ניט קוקנדיק אַפּ אים, בייז פאָרגעלייגט:

— גיי, כאַפּ אַ דרעמל אַפּן צווינטער, אויב אַזוי!

זיי האָבן זיך גענומען שפּאַרן, און ליודמילע האָט, אומעטיק שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געפרעגט:

— מאַמעלע, מייסים שטייען אוף באַנאַכט?

— שטייען אוף, — האָט די מוטער אָפּגעענטפערט, פונקט ווי. אַן עכאָ וואָלט זיך פונוויַיטן אָנגערופן.

ס'איז צוגעגאַנגען דער קרעמערנס זון, וואַליאָק, אַ דיקער, ראָזער באָכערעץ פון אַ יאָר צוואַנציק, ער האָט זיך איַינגעהערט אַ ביסל אין אונדזער קריג און האָט געזאָגט:

— ווער פון איַיך דריַיען וועט ביז טאָג איבערליגן אַף דער טרונע — גיב איך אַ צוואַנציקער און אַ צענדליק פּאַפּיראָסן, און ווער ס'וועט זיך דערשרעקן — דעם וועל איך פאַר די אויערן אָנדרייען, וויפל איכל וועלן. נו?

אַלע זיַינען צעטומלט אַנשוויגן געוואָרן, און ליודמילעס מוטער האָט געזאָגט:

— וואָס פאַרא נאַרישקיַיטן! ווי מעג מען עס קינדער אונטערהעצן אַף אַזאַ מין זאַך...

— גיט אַ קאַרבל, גיי איך! — האָט טשורקע בייז פאַרגעלייגט.

— און פאַר אַ צוואַנציקער — האָסטו מוירע? — האָט קאָסטראָמאַ געזאָגט און האָט וואַליאָקן געצייצעט: — גיב אים אַ קערבל, ער וועט סיַיווי ניט גיין, ער מאַכט נאָר דעם אָנשטעל...

— נו, נעם אַ קאַרבל!

טשורקע איז אופגעשטאַנען פון דער ערד, און איז שוויַיגנדיק, ניט געיַילט אוועק, האַלטנדיק זיך נאָענט צום פּלויט. קאָסטראָמאַ האָט אַריַינגעלייגט די פינגער אין מויל, אַרויסבאַגלייט אים מיט אַ שניַידיקן פיַיפ, און ליודמילע האָט אַ צערודערטע זיך צערעדט:

— אַך, גאָט מיַינער! ס'איז אַ וויסטער באַרימער... וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס!

— ווי קומט איר, פּאַכדאָנים! — האָט וואַליאָק כויזעק געמאַכט. — און רעכענען זיך נאָך די ערשטע שלעגער אין דער גאַס, קעצלעך...

ס'איז געווען אַ פאַרדראָס צו הערן זיַינע כויזעק־רייד. אָט דער זאַטער באָכער איז אונדז ניט געווען צום האַרצן. ער פלעג שטענדיק אָנריידן די כעוורע אַף אַלערליי שטיק, פלעג זיי דערציילן מיַיסע רעכילעסן וועגן מיידלעך און וויַיבער, פלעג לערנען זיך רייצן מיט זיי; כעוורע פלעגן אים פאָלגן, און נאָכדעם אָפּט טיַיער באַצאָלן דערפאַר. ער האָט, כ'ווייס ניט פאַרוואָס, פיַינט געהאַט מיַין הונט, האָט ער געוואָרפן אין אים שטיינער, און איינמאָל געגעבן אים אַ נאָדל אין ברויט.

נאָר פאַרדריסלעכער נאָך איז געווען צו זען, ווי טשורקע גייט אוועק אַ צונויפגעהויקערטער, אַ פאַרשעמטער.

איך האָב געזאָגט צו וואַליאָקן:

— גיב דעם קאַרבל, גיי איך...

ער האָט, שפּעטנדיק און אָנטריַיבנדיק שרעק אַף מיר, איבערגעגעבן דעם רובל דער יעווסייענקאָווע, נאָר די פרוי האָט שטרענג געזאָגט:

— איך וויל ניט, איך נעם ניט!

און איז אין קאַס אוועק. ליודמילע האָט זיך אויך ניט איַינגעשטעלט צו נעמען

דאָס פאפירל, דאָס האָט נאָך מער פארשטארקט וואליאָקס שפעטערייַען. איך האָב שוין געוואָלט גיין, ניט פאָדערנדיק אפילע קיין געלט דערפאר. דאָ איז צוגעקומען די באבע און, געווירע געוואָרן, אום וואָס דאָ רעדט זיך, האָט זי גענומען דעם רובל, און מיר האָט זי רויִק געזאָגט:

— טו אָן דעם מאנטל און נעם א קאָלדרע, צו אינדערפרי ווערט קאלט...

אירע ווערטער האָבן מיר ארייַנגעגעבן האָפענונג, אז ס׳וועט מיט מיר ניט געשען קיין שום בייז.

וואליאָק האָט געשטעלט א באדינג, אז איך מוז ביז ליכטיק ליגן אָדער זיצן אפ דער טרונע, ניט ארויפגייענדיק, וואָס סע זאָל ניט פאָרקומען, אפילע אז די טרונע וועט זיך נעמען שאָקלען, און דער אלטער קאלינין וועט נעמען ארויסקריכן פון קייווער. ווי איך שפרינג אראָפ אפ דער ערד, אזוי פארשפיל איך.

— זע־זשע, — האָט וואליאָק געוואָרנט, — איך וועל אפ דיר אכטונג געבן די גאנצע נאכט.

באם אוועקגיין אפן צווינטער האָט די באבע מיך איבערגעצייַלעמט און געייצעט:

— אז ס׳וועט זיך דיר עפעס נעמען דוכטן, ריר זיך ניט, הייב נאָר אָן באלד זאָגן: „גאָט־געווינערן, בסולע, פריי זיך“...

איך בין געגאנגען גיך, כ׳האָב געוואָלט שוין גיכער אָנהייבן און פארענדיקן די זאך. באגלייט האָט מיך וואליאָק, קאָסטראָמא און נאָך אייניקע יאטן. אריבערקריכנדיק איבערן ציגלענעם צוים, האָב איך זיך פארפלאָנטערט אין דער קאָלדרע, בין געפאלן און באלד אופגעשפרונגען אפ די פיס, ווי דער זאמד וואָלט מיך א וואָרף אונטער געטאָן. אפ יענער זייַט צוים האָט מען געכאכעט. עפעס האָט א טיאָכקע געטאָן אין הארצן, איבער דער הויט אפן רוקן איז דורכגעלאָפן א ניט־אנגענעם קעלטל.

אָפט געשטרויכלט ווערנדיק, בין איך צוגעגאנגען צו דער שווארצער טרונע. פון איין זייַט איז זי געווען פארטראָגן מיט זאמד, פון דער אנדערער זייַט האָבן זיך אירע קורציניקע, גראָבע פיסלעך אנטבלויזט, פונקט ווי עמעצער וואָלט געפרווט זי אונטערהייבן און האָט זי נאָר איבערגעבויגן אפ א זייַט. איך האָב זיך אנידערגעזעצט אפן ראנד פון טרונע, בא איר צופוסנס, האָב זיך אומגעקוקט: דער געבערגלטער צווינטער איז ענג פארשטעלט מיט גרויע צייַלעמער, צעפאָכטע שאָטנס האָבן זיך געלייגט אפ די קוואָרים, האָבן ארומגענומען זייערע אופגעדראָדלטע הויכענישן. ערטערווייַז, פארמישט צווישן די צייַלעמער, סטארטשען דינע, דארע בערעזקעס, צונויפבינדנדיק מיט די צווייַגן די אָפגעזונדערטע קוואָרים. דורכן האפט פון זייערע שאָטנס סטארטשען גרעזעלעך — פון זייער גרויער בארשט ווייעט א גרויל! ווי א שניי־טורעם הייבט זיך אין הימל ארייַן דער קלויסטער. צווישן אומבאוועגלעכע וואָלקנס שייַנט א קלייניקע, אָפגעצערטע לעוואָנע.

יאזעס פאָטער — „א נישטיקער נעפעש“ — שלאָגט פויל אין וואכ־גלאָק. יעדעס מאָל, ווען ער טוט א ציִ די שטריק, טוט זי קלאָגנדיק א סקריפ, פארטשעפענדיק אינעם דאכ־בלעכ, דערנאָך דערהערט מען דעם טרוקענעם קלאפ פונעם קליינעם גלאָק, — ער קלינגט קורץ, אומעטיק.

— זאָל גאָט היטן פון ניט שלאָפן, — דערמאָנט זיך מיר דעם וועכטערס א ווערטל.

סומנע. און סע שטיקט, כ'ווייס ניט פאַרוואָס. איך באַגיס זיך מיט שווייס, כאָטש די נאַכט איז פריש. צי וועל איך באַוויַיזן דערלויפן ביזן וועכטער־ביַידל, טאָמער הייבט אָן דער אַלטער קאַליִנע אַרויסקריכן פונעם קייווער?

דער צווינטער איז מיר גוט באַקאַנט, צענדליקער מאָל האָב איך זיך געשפּילט צווישן די קבֿרים מיט יאַזן און מיט אַנדערע כאַווייריִם. אָן דאָרט, לעם קלויס־טער, ליגט באַהאַלטן די מוטער...

נאָך ניט אַלץ איז איַינגעשלאָפן, פון דער סלאָבאָדע דערטראָגן זיך אויפבּרויזן פון געלעכטער, שטיקלעך לידער. אויף די בערגלעך, אין דעם איַיזנבאַן־קאַריער, ווו מע נעמט זאַמד, אָדער ערגעץ אינעם דאָרף קאַטיזאָווקע רימפּלט, פאַרכלינעט זיך אַ האַרמאָניקע, אונטערן צוים גייט דער שטענדיק שיקערער קאָוואַל מיאַטשאָוו און זינגט — איך דערקען זיַין ליד:

> די זינד באַ אונדזער מאַמינקע
> זייַנען פּיצי־מאַנינקע,
> זי איז אַ פּרומינקע, אַ גאָלד —
> בלויז דעם טאַטן האָט זי האָלט.

ס'איז אַנגענעם צו הערן די לעצטע זיפצן פונעם לעבן, נאָר נאָך יעדן קלאַפּ פונעם גלאָק ווערט אַלץ שטילער, די שטילקייַט צעגיסט זיך, ווי אַ טיַיך איבער אַ לאָנקע, פאַרטרינקט אַלץ, פאַרדעקט. די נעשאָמע שווימט אין אַ פּוסטקייַט אָן אַ גרענעץ, אָן אַ גרונט און לעשט זיך, ווי אַ שוועבעלע אין דער פינצטער, צעגייענ־דיק אָן אַ שפּור אינעם אָקעאַן פון אָט דער פּוסטקייַט, ווו נאָר די אומדערגרייכ־באַרע שטערן לעבן בליצנדיק, אויף דער ערד אָבער איז אַלץ אָפּגעמעקט, איבעריק און טויט.

פאַרוויקלט אין דער קאָלדרע בין איך געזעסן, אונטערגעקליבן די פיס אויף דער טרונע, מיטן פּאָנעם צום קלויסטער, און באַ דעם מינדסטן ריר מיַינעם האָט די טרונע געסקריפּעט, דער זאַמד אונטער איר האָט געקנאַקט.

עפּעס האָט אַ קלאַפּ געטאָן הינטער מיר איין מאָל און צוויי מאָל, נאָענט איז געפאַלן אַ שטיק ציגל, — דאָס איז געווען שרעקלעך, נאָר כ'האָב גלייַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס שלייַדערן פון הינטערן צוים וואַליאַק מיט זיַין קאָמפּאַניע, ווילן מיך איבער־שרעקן. נאָר פון דעם, וואָס דאָ נאָענט זייַנען פאַראַן מענטשן, איז מיר געוואָרן גרינגער.

אומגערן האָט זיך געטראַכט וועגן דער מוטער... איינמאָל, ווען איך האָב גע־פּרוּווט רויכערן, האָט זי מיך גענומען שלאָגן, און איך האָב געזאָגט:

— טשעפּע ניט, ס'איז מיר אָן דעם גענוג שלעכט, סע נודעט זייער...

דערנאָך בין איך אַ באַשטראָפטער געזעסן הינטערן אויוון, און זי האָט גערעדט צו דער באַבען:

— אַ קינד אָן אַ האַרץ, האָט קיינעם ניט ליב...

ס'איז מיר געווען אַ ווייטעק צו הערן אַזוינס. ווען די מוטער האָט מיך

געשלאָגן, איז מיר געווען א ראכמאָנעס אפ איר און א בושע פאר איר ; זעלטנ־ווען זי האָט מיך געשטראָפט טאקע פאר עפּעס א פארברעך.

אינ אלגעמיינ, איז אינ לעבנ דאָ אסאך באליידיקנדיקס. מע זאָל נעמענ, אשטייגער, אָט די מענטשנ הינטערנ צוים — זיי ווייסנ וואָיל, אז ס׳איז מיר ניט היימלעך אפנ צווינטער, אונ ווילנ מיך אָנשרעקנ נאָך מער. צו וואָס?

ס׳האָט זיך געוואָלט אויסשרייַענ צו זיי:

— גייט צום טייַוול!

נאָר דאָס איז געווענ געפערלעך. ווער ווייסט, וואָס דער טייַוול וועט זאָגנ דער־צו? ער איז, אווארע, ערגעצ נאָענט.

אינ זאמד איז דאָ אסאך שטיקלעך גלימער, זיי האָבנ שוואך געגלאנצט קעגנ דער לעוואָנע־שייַנ, אונ דאָס האָט מיר דערמאנט, ווי איך האָב איינמאָל, ליגנדיק אפ א פליט אפ דער אָקא, געקוקט אינ וואסער אראָפּ, — פּלוצעמ איז קימאט ביז צו מייַנ פּאָנעמ צוגעשווומענ א ליאשטשיק, האָט זיך איבערגעקערט אפ א זייַט אונ איז דערמיט געוואָרנ ענלעך אפ א מענטשנס א באק, דערנאָך האָט ער א קוק געטאָנ אפ מיר מיט א קייַלעכדיק פויגלש אויג, האָט זיך אונטערגעטוקט אונ איז אראָפּ אינ דער טיף, וויגנדיק זיך, ווי א פאלנדיקער בלאט פונ א קליאָנ.

דער זיקאָרנ האָט געארבעט אלצ מער אָנגעשטרענגט, אופגעוועקט פארשייַדענע לעבנס־פאלנ, ווי ער וואָלט זיך דערמיט פארטיידיקנ קעגנ דער פאנטאזיע, וואָס האָט אקשאָנעסדיק געשאפנ שרעקלעכס.

אָט קייַקלט זיך א שטעכלער, קלאפנדיק איבערנ זאמד מיט די הארטע לאפקעס: ער דערמאָנט א שטוב־שעדל — איז פונקט אזוי קליינ אונ צעפּאטלט.

איך דערמאנ זיך, ווי די באבע פלעג, זיצנדיק פארנ אונטער־אויוונ, שפּרעכנ:

— ליבער באלעבאָס, ראָט אויס די טאראקאנעס...

ווייַט איבער דער אומזיכטיקער שטאָט איז געוואָרנ צוביסלעך ליכטיקער, א פאר־טאָגעדיק קעלטל האָט צונויפגעצויגנ די באקנ. די אויגנ האָבנ זיך געקלעפּט. איך האָב זיך צונויפגעדרייט, ווי א בייגל, פארוויקלט דעמ קאָפּ אינ דער קאָלדרע: זאָל זייַנ, וואָס ס׳וועט זייַנ!

אופגעוועקט האָט מיך די באבע, זי שטייט לעבנ מיר, אונ, אראָפּשלעפּנדיק די קאָלדרע, רעדט זי:

— שטיי אוף! ס׳איז דיר ניט געווענ קאלט? נו, וואָס, שרעקלעך?

— שרעקלעך. נאָר דערצייל ניט קיינעמ, פאר די כעוורע דערצייל ניט!

— אונ צו וואָס דענ שווייַגנ? — האָט זי זיך פארכידעשט. — ווענ ס׳וואָלט ניט זייַנ שרעקלעך, איז מיט וואָס איז דאָ זיך איבערצונעמענ?

מיר זייַנענ אוועק אהיימ. אינ וועג האָט זי מילד גערעדט:

— אלצ דארפ מענ אליינ אויספּרווונ, נעשאָמע מייַנע ליכטיקע, אלצ דארפ מענ אליינ ווינ... וועסט זיך אליינ ניט אויסלערנענ, וועט דיך קיינער ניט אויסלער־נענ...

צו אָוונט בינ איך שוינ געווענ דער „העלד“ פונ דער גאס, אלע האָבנ מיך גע־פרעגט:

— ניט שוינ־זשע איז עס ניט שרעקלעך?

און ווען איך פֿלעג ענטפֿערן:

— שרעקלעך!

פֿלעג מען, שאָקלענדיק מיט די קעפּ, אויסרופֿן:

— אהא! זעסט שוין?

די קרעמערן, ווידער, האָט הילכיק און מיט איבערצײַגונג געמאָלדן:

— האָט מען, הייסט עס, דערציילט ליגנס, אַז קאַליניִן שטייט אויף. ווען ער טוט אַ שטיי אויף, וואָלט דאָס יאַטל דען צײַט געהאַט זיך צו דערשרעקן? עס וואָלט בײַ אים פֿאַרפֿלויגן פֿונעם צווינטער ווער ווייסט וווהין.

לידמילע האָט געקוקט אויף מיר מיט מילדער פֿאַרוווּנדערונג, אַפֿילו דער זיידע איז געווען צופֿרידן מיט מיר, האָט אַלץ אונטערגעשמייכלט. טשורקע נאָר האָט אומפֿרײַנטלעך געזאָגט:

— אים איז גרינג, ער האָט אַ באָבע אַ מעכאַשייפֿע!

III

אומבאַמערקלעך, ווי אַ קליינינקער שטערן אין דער מאָרגן־שײַן, האָט זיך אויסגעלאָשן דער ברודער קאָליע. ער און איך זײַנען מיר געשלאָפֿן אין אַ קליינעם שטאַלעכל, אויפֿן האָלץ, איבערגעבעט מיט פֿאַרשיידענע שמאַטעס; אין שכיינעס מיט אונדז, הינטער אַ ווענטל פֿון פּלאַכעס, דורכויס אין שפּאַרונעס, איז געווען דעם באַלעבאָס הינערשטאַל. פֿון אָוונט האָבן מיר געוויינלעך געהערט, ווי די זאַטע הי־נער טרייסלען זיך אויף און קוואָקטשען, אײַנשלאָפֿנדיק. פֿאַרטאָג האָט אונדז גע־וועקט דער גאָלדפֿעדערדיקער, גאַרגלדיקער האָן.

— אָך, צערײַסן זאָל עס דיך! — וואָרטשעט די באָבע, זיך אויפֿכאַפּנדיק.

איך שלאָף שוין ניט, קוק ווי צווישן די שפּאַרונעס אינעם האָלץ־געבײַ שלאָגן זיך דורך צו מיר אויפֿן געלעגער די שטראַלן פֿון דער זון, אין זיי טאַנצט אום אַ מין זילבערנער שטויב. די שטויבעלעך ווײַזן אויס, ווי ווערטער אין אַ מײַסע־לע. אין האָלץ שורשען מײַז, סע לויפֿן אום רויטינקע זשוקעלעך מיט שוואַרצע פּינטעלעך אויף די פֿליגלען.

אַוועקגייענדיק פֿון די דושנע אויסדעמפֿונגען פֿונעם הינערשן מיסט, פֿלעג איך אַן אַנדער מאָל אַרויסקריכן פֿונעם שטאַלעכל, זיך פֿאַרקלײַבן אויפֿן דאַך און זײַנעם, און נעמען נאָכקוקן, ווי אין הויז כאַפּן זיך אויף אָנויגיקע מענטשן, גרויסע אויפֿגעשוואָ־לענע פֿון שלאָף.

אָט האָט זיך פֿונעם פֿענצטער אַרויסגערוקט דער האָריקער קאָפּ פֿונעם שיף־מאַן פֿערמאַנאָוו, אַ וויסטן שיקער; ער קוקט אויף דער זון מיט די קליינע שפּעלטע־לעך פֿון די פֿאַרשוווּמענע אויגן און כריוקעט, ווי אַ קנור. דער זיידע איז אַרויס־געלאָפֿן אויפֿן הויף, מיט ביידע הענט צוגלעטנדיק די רויטינקע הערלעך. ער אײַלט אין באָד אַרײַן זיך אָפּגיסן מיט קאַלטער וואַסער. דעם הויז־ווירטס קעכן, אַ פּלאַפּ־לערן מיט אַ שאַרפֿ נעזל, געדיכט באַשפּריצט מיט קלײַען, איז ענלעך אויף אַ קו־קאַווקע, דער באַלעבאָס אַליין — אויף אַן אַלטער פֿעט־געוואָרענער טויב, און אַלע מענטשן דערמאַנען דאָ פֿויגלען און חײַעס.

דער פרימאָרגן איז אזוי מילד, לויטער, נאָר מיר איז א קאפעלע טרויעריק און סע גלוסט זיך אוועק אין פעלד, ווו קיינער איז ניטאָ, — איך ווייס שוין, אז די מענטשן וועלן, ווי שטענדיק, פארפאטשקען דעם ליכטיקן טאָג.

איינמאָל, ווען איך בין געלעגן אפן דאך, האָט מיך די באבע א רוף געטאָן און ניט הויך געזאָגט מיט א ווונק פונעם קאָפּ צו איר געלעגער:

— געשטאָרבן קאָליע...

דאָס יינגל איז אראָפּגעפאָרן פונעם ציצענעם קישן און איז געלעגן אפן פעלץ, א בלוילעכער, א הוילינקער, דאָס העמדל איז איינגעלאָפן צום האלדז און האָט אָפּגעדעקט דעם אופגעבלאָזענעם בויך און די קרומע פיסלעך אין ווונדן, די הענט זיינען געווען מאָדנע פארלייגט אונטערן קריזש, פונקט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אונטערהייבן. דער קאָפּ האָט זיך א האָרעלע פארבויגן אין א זייט.

— א דאנק גאָט, אוועק פון אונדז, — האָט די באבע געזאָגט, צעקעמענדיק זיך די האָר, — וואָס וואָלט שוין פאר א ווערט געהאט זיין לעבן, נעבעך?

אונטערטופענדיק, ווי אין א טאנץ, איז אָנגעקומען דער זיידע, האָט פאָרזיכ־טיק אָנגערירט מיט א פינגער דעם קינדס פארמאכטע אויגן. די באבע האָט גע־זאָגט בייז:

— טשעפּע ניט מיט אומגעוואשענע הענט!

ער האָט זיך צעשטאמלט:

— אָט — געבוירן... געלעבט, געגעסן... ניט דאָס, ניט יענץ...

— כאפּ זיך אוף! — האָט אים די באבע אָפּגעשטעלט.

ער האָט אפּ איר בלינד א קוק געטאָן און איז ארויס אין הויף, ריידנדיק:

— איך האָב ניט קיין געלט אפּ דער לעווייע, ווי דו ווילסט זיך...

— טפו, דו שטיק אומגליק!

איך בין אוועק און האָב זיך ביז אָוונט ניט אומגעקערט אהיים.

באהאלטן האָט מען קאָליען אינדערפרי דעם צווייטן טאָג. איך בין אין קלויס־טער ניט געווען און בין די גאנצע מיטאָג־טפילע אָפּגעזעסן בא דער מאמעס צע־גראָבענעם קייווער אינאיינעם מיטן הונט און מיט יאזעס פאָטער. ער האָט דעם קיי־ווער אויסגעגראָבן פאר קליינגעלט און האָט זיך נאָכאנאנד בארימט פאר מיר דערמיט:

— דאָס האָב איך מאכמעס באקאנטשאפט, אניט, — קאָסט עס א קארבן...

ארייַנקוקנדיק אין דער געלער גרוב, פון וועלכער ס'איז געגאנגען א שווערער רייעך, האָב איך געזען אין דער זייט בא איר שווארצע, פייַכטע ברעטער. בא מייַן מינדסטער באוועגונג האָבן זיך די הייפּעלעך זאמד ארום דעם קייווער אָפּגעשאָטן, דינע שטרעמעלעך זיינען אראָפּגעלאָפן צום דנאָ, איבערלאָזנדיק ריגעלעך אפּ די זייטן. איך האָב זיך אומיסטן באוועגט, קעדיי דער זאמד זאָל פארדעקן אָט די ברעטער.

— קאָמאנדעווע ניט, — האָט יאזעס פאָטער געזאָגט, רויִק רויכערנדיק.

די באבע האָט געבראכט צו טראָגן אפּ די הענט א ווייַס טרונעלע. דער „ניש־טיקער נעפּעש" איז ארייַנגעשפרונגען אין גרוב, האָט צוגענומען די טרונע, אנידער־געשטעלט זי לעבן די שווארצע ברעטער און באלד, ווי ער איז ארויסגעשפרונגען

פון קייווער, האָט ער גענומען אהינ שטופּן זאמד מיט די פיס און מיט דער לאָפּעטע. זײַן פּיפּקע האָט זיך געדרויכערט, ווי א „קאדילע״. דער זיידע און די באבע האָבן אים שוויַיגנדיק צוגעהאָלפן. ס׳זײַנען ניט געווען ניט קיין גאלאָכים, ניט קיין בעטלער, נאָר מיר אינפירן אין דער געדיכטער מענגע ציילעמער.

איבערגעבנדיק דעם וועכטער דאָס געלט, האָט די באבע אים פירגעהאלטן:

— האָסט פונדעסטוועגן באומרויקט וואריעס טרונע...

— ווי־זשע אנדערש? אי דאָס איז מיר אויסגעקומען צו פארכאפּן א שטיקל פרעמדע ערד. ס׳א קליינקייט!

די באבע האָט זיך פארנייגט פארן קייווער ביז צו דער ערד, האָט א כליפּע געטאָן, א יאָמער געטאָן און איז אוועק, און נאָך איר — דער זיידע, באהאלטנדיק די אויגן אונטערן דאשעק פונעם היטל, ארומציִענדיק דעם אויסגעריבענעם סורדוט.

— געוואָרפן זוימען אין ניט געאקערטער ערד, — האָט ער פלוצעם געזאָגט, אוועקלויפנדיק פאָרויס, ווי א ראָב איבער א בייט.

איך האָב א פרעג געטאָן בא דער באבען:

— וואָס מיינט ער?

— גאָט איז מיט אים! ער האָט זיך זײַנע געדאנקען — האָט זי געענטפערט. ס׳איז געווען הייס. די באבע איז געגאנגען שווער. די פיס אירע זײַנען געזונקען אין ווארעמען זאמד, זי האָט זיך אָפט אָפּגעשטעלט, ווישנדיק דאָס פארשוויצטע פּאָנעם מיט א טיכל.

איך האָב זיך אָנגעטאָן קוייער און א פרעג געטאָן:

— אָט דאָס שווארצע, וואָס ס׳האָט זיך אָנגעזען אין קייווער, ס׳איז דער מאַמעס טרונע?

— יאָ, — האָט זי בייז געזאָגט, — אזא נארישער הונט... נאָך קיין יאָר ניט אוועק, און שוין צעפוילט וואריע! אלץ דערפאר, ווײַל ס׳איז אין זאמד — סע לאָזט דורך וואסער, אין ליים וואָלט זיך עס געהאלטן לענגער...

— אלע פוילן?

— אלע. נאָר הייליקע מײַדט עס...

— דו וועסט ניט פארפוילט ווערן!

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאריכט דעם קארטוז אף מײַן קאָפּ און ערנסט געייצעט:

— טראכט ניט וועגן דעם, מע דארף ניט, דו הערסט?

נאָר איך האָב געקלערט:

— ס׳ארא באליידיקונג און ס׳ארא עקל דאָס איז — טויט. אָט א מיִעסקײַט!

ס׳איז מיר געווען זייער שלעכט.

ווען מיר זײַנען געקומען אהיים, האָט שוין דער זיידע געשטעלט דעם סאמאָוואר און געגרייט צום טיש.

— לאָמיר טרינקען טיי, ס׳איז הייס, — האָט ער געזאָגט. — איך וועל שוין מײַנעם פארקאָכן. פאר אלעמען.

ער איז צוגעגאנגען צו דער באבען, האָט זי א פּאטש געטאָן איבער דער פלייצע.

— וואָס, מוטער, אַ?

די באָבע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס איז דאָ צו ריידן!

— אָט דאָס איז עס דאָך! מיר האָבן דערצערנט דעם אייבערשטן, רײַסט ער פֿון אונדז אָפּ אַ שטיק נאָך אַ שטיק... ווען אַ מישפּאָכע לעבט אָבער פֿעסט אײַנגעם, ווי פֿינגער אין אַ האַנט...

ער האָט שוין לאַנג ניט גערעדט אַזוי פֿרײדלעך און ווייך. איך האָב אים געהערט און געוואַרט, אַז דער אַלטער וועט פֿאַרלעשן מײַן ווייטעק, וועט מיר העלפֿן פֿאַרגעסן די געלע גרוב און די שוואַרצע פֿײַכטע ברעטער אין איר זײַט.

נאָר די באָבע האָט אים שטרענג אָפּגעשטעלט:

— הער אויף, פֿאָטער! אַ גאַנץ לעבן רעדסטו די ווערטער און וועמען ווערט פֿון זיי גרינגער? אַ גאַנץ לעבן עסטו אַלעמען, ווי זשאַווער עסט אײַזן...

דער זיידע האָט אָפּגעהוסט, אַ בליק געטאָן אויף איר און איז אַנשוויגן געוואָרן.

אײַנאָוונט, באַם טויער, האָב איך מיט צאַר דערציילט פֿאַר לידמילען וועגן דעם, וואָס איך האָב אינדערפֿרי געזען, נאָר דאָס האָט ניט געמאַכט אויף איר קיין קענטיקן אײַנדרוק.

— אַ יאָסעם זײַן איז בעסער. ווען בײַ מיר שטאַרבן דער טאַטע מיט דער מאַמען, לאָז איך איבער די שוועסטער אויפֿן ברודער, און אַליין — אין מאָנאַסטיר אויפֿן גאַנצן לעבן. וווּהין דען נאָך? אויף כאַסענע האָבן טויג איך ניט — אַ הינקענדיקע קאָן ניט אַרבעטן. דערצו קאָנסטו נאָך קינדער אויך אָנהאָבן הינקענדיקע...

זי האָט גערעדט מיט פֿאַרשטאַנד, ווי אַלע ווײַבער פֿון אונדזער גאַס, און ווײַזט אויס, אַז פֿון דעם אָוונט אָן האָב איך פֿאַרלוירן דעם אינטערעס צו איר; און דאָס לעבן איז אויך אַוועק אַזוי, אַז איך האָב אַלץ זעלטענער באַגעגנט די כאַווערטע מײַנע.

עטלעכע טעג נאָכן ברודערס טויט האָט דער זיידע צו מיר געזאָגט:

— לייג זיך הײַנט פֿריער, מיטן שאַרײַען וועל איך דיך אויפֿוועקן, מירן גייען אין וואַלד נאָך האָלץ.

— און איך וועל גראָזן אָנקלײַבן, — האָט די באָבע געמאָלדן.

דער וואַלד, פֿון טאַנען און בערעזעס, איז געשטאַנען אויף אַ בלאָטע, אַ ווערסט דרײַ פֿון דער סלאָבאָדע. רײַך מיט דאָרבוים און מיט האָלצברוך, האָט ער זיך צעלייגט אויף איין זײַט ביז צו דער אָקאַ, אויף דער צווייטער איז ער געגאַנגען ביז צום שאָסיי־וועג אויף מאָסקווע און ווײַטער, נאָכן וועג. איבער זײַן ווייכער באַרשט האָט ווי אַ שוואַרצער געצעלט זיך הויך דערהויבן די סאָסנאָווע געדיכטעניש „סאַוועלאָווא גריווא".

אָט דער גאַנצער פֿאַרמעגן האָט געהערט צום גראַף שוואַלאָוו און איז שוואַך באַוואַכט געוואָרן. די קונאַווינער אײַנוווינער האָבן דערויף געקוקט, ווי אויף אייגנס, האָבן צונויפֿגענומען דעם האָלצברוך, געהאַקט דעם דאָרבוים און קיין וועזן ניט געמאַכט, טאָמער פֿלעג אויסקומען אָנרירן אויך אַ לעבעדיקן בוים. דער האַרבסט־צײַט, ווען מע פֿאַרגרייט האָלץ אויף ווינטער, פֿלעגן זיך אין וואַלד אַרויסלאָזן צענדליקער מענטשן מיט העק און מיט שטריק הינטערן גאַרטל.

אָט גייען אויך מיר דרײַען פּאַרטאָגלעך איבערן גרין־זילבערנעם טויקן פעלד. לינקס פון אונדז, הינטער דער אָקא, איבער די ברוין־געלע זײַטן פון די דיאַטלאָווער בערג, איבערן ווײַסן ניזשני־נאָווגאָראָד, אין די הויפנס פון די גרינע סעדער, אין די גאָלדענע שפּיצן פון די קלויסטערס, שטייט אויף פּאַמעלעך די רוסישע פוילבלעכע זון. א שטילער ווינט ווייעט שלעפעריק פון דער שטילער מוטנער אָקא, ס'וויגן זיך די גאָלדענע ראַנונקלעך, באַלאָדענע מיט טוי, לילאָווע גלעקלעך האָבן זיך שטום פאַרנייגט צו דער ערד, פאַרשיידנפאַרביקע אימאָרטעלן סטאַרטשען טרוקן אויפן ווייניק־פּרוכטבאַרן גראָז־פּלאַץ, ס'צעעפנט אירע העל־רויטע שטערן „די נאַכט־שיינהייט" — דאָס נעגעלע ..

ווי א טונקל כײַעל, באַוועגט זיך דער וואַלד אונדז אנטקעגן. געפליגלטע טאַנען, ווי גרויסע פויגלען, בערעזעס, ווי מיידלעך. א זויערער זומפּ־רייעך פליסט איבערן פעלד. לעבן מיר גייט דער הונט מיט אן ארויסגערוקטער ראָזער צונג, שטעלט זיך אָפּ, שמעקט אָן און שאָקלט צעטומלט מיטן פוקסענעם קאָפּ.

דער זיידע, אין דער באַבעס קאַצאַווייקע און אין אן אלטן קאַרטוז, אָן א דאַשעק, זשמורעט די אויגן, שמייכלט צו עפּעס, שפּאַנט מיט די דינע פיס פּאָרזיכטיק, פּונקט ווי ער וואָלט זיך גאַנווענען. די באַבע, אין א בלויער קאָפטע, אין א שוואַרץ קלייד, אין א ווײַס טיכל אויפן קאָפּ, קײַקלט זיך איבער דער ערד בעריעש, אַז ס'איז שווער איר נאָכצוהאַלטן.

וואָס נעענטער ס'ווערט דער וואַלד, אַלץ אופגעלעבטער ווערט דער זיידע. ארײַנציִענדיק די לופט מיט דער נאָז, אונטערקאָכיקענדיק, רעדט ער פון אָנהייב אָפּגעריסן, אומדײַטלעך, דערנאָך, ווי פאַרשיקערט, אַלץ פרייליכער און שענער:

— די וועלדער — דאָס זײַנען גאָטס גערטנער. קיינער האָט זיי ניט געזייט, בלויז גאָטס ווינט, דער הייליקער אָטעם פון זײַן מויל... אין דער יוגנט, פלעג זיך מאַכן, אין די זשיגולן, אַז איך בין פאָר א בורלאַק געגאַנגען... עך, לעקסיי, ס'וועט דיר שוין ניט אויסקומען צו זען און איבערלעבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט! וועלדער אויף דער אָקא — פון קאַסימאָוו ביז מוראָם, אָדער — אויף יענער זײַט וואָלגע א וואַלד, ביזן אוראַל, יאָ! אָן א גרענעץ. ווונדערלעך...

די באַבע קוקט אויף אים קאָסע און ווינקט מיר אונטער, און ער, פאַרטשעפּענדיק זיך אָפּט אין גאַנג, שיט דריבנע, טרוקעניקע ווערטער, פאַרזייענדיק מיט זיי מײַן זיקאָרן:

— מיר האָבן געפירט פון סאַראַטאָוו א לײַוווע מיט פּוטער צו מאַקאַריִען אויפן יאַריד, געוועזן איז איבער אונדז פּריקאַשטשיק קירילאָ פון פּורעך, און וואַסער־אָפּגיסער — א טאָטער א קאַסימאָווער, אַסאַף, צי ווי... מיר זײַנען פּונקט דערגאַנגען ביזן זשיגול, האָט א נעם געטאָן אן אייבערשטער ווינט, גלײַך אין די אויגן ארײַן. מיר זײַנען אָן קויכעס געבליבן, שטיי — און ניט פון אָרט. זײַנען מיר אראָפּ אויפן ברעג קאַשע קאָכן. און אויף דער ערד איז מײַ, די וואָלגע ליגט, ווי א יאַם, און די כוואַליעס איבער איר גייען טשערעדעסווײַז, ווי די שוואַנען, אין די טויזנטער, שווימען צום קאַספּי. די בערג, די זשיגולן, גרינע, פרילינגדיקע, פליִען אין הימל אַרויף, און אין הימל פּאַשען זיך ווײַסע וואָלקנס, די זון שמעלצט צו דער ערד איר גאָלד. מיר רוען זיך אָפּ. מיר קוויקן זיך קוקנדיק, מיר זײַנען אַזוי גוט

געוואָרן איינער צום אנדערן; אפּן טײַך איז ווינטיק קאַלט, און אפּן ברעג איז וואַרעם און סע שמעקט. צו אָוונט האָט קירילאָ אונדזערער — אַ שטרענגער מאַנצבל געווען, שוין אין די יאָרן — זיך געשטעלט אפּ די פּיס, דאָס היטל אַראָפּגענומען, און ער זאָגט: „נו, כעוורע, איך בין אײַך מער ניט קיין עלטסטער, ניט קיין דינער, גייט אײַך אליין, און איך וועל אוועק אין די וועלדער!" זײַנען מיר אַלע אופגערודערט געוואָרן — ווי און וואָס? מיר קענען דאָך ניט בלײַבן אָן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאַרן באַלעבאָס — אָן אַ קאָפּ גייען קיין מענטשן ניט! ס'איז טאַקע די וואָלגע, נאָר אויך פונעם גלײַכן וועג קען מען זיך אַראָפּשלאָגן. דאָס פאָלק איז דאָך, ווי אַ ווילדע כײַע, שאַנעוועט דען עפּעס? מיר זײַנען געוועזן דערשראָקן. און ער — זײַנס: „איך וויל מער אזוי ניט לעבן — ווי אַ פּאַסטעך אײַערער, כ'וועל אוועק אין די וועלדער!" אַנדערע פון אונדז האָבן שוין אין זינען געהאַט זיך אַ נעם טון אים שלאָגן, בינדן; אַנדערע, ווידער, וואָס האָבן מער זײַן צאַר אָפּגעוויגן, שרײַען: „שטייט, מע דאַרף ניט!" און דער וואַסער־אָפּגיסער דער טאַטער שרײַט שוין: „איך גיי אויך אוועק!" אַ צאָרע, ביטער ביז גאָר. אים, דעם טאָטער, קומט פון באַלעבאָס פּאַר צוויי שווימען פון פריער, און האַלב וועג האָט ער שוין פון דעם דריטן געמאַכט — גרויס געלט וועדליק יענע צײַט! מיר האָבן געשריגן, געשריגן ביז טיפּ אין דער נאַכט, און באַנאַכט זײַנען פון אונדז זיבן אוועק, געבליבן זײַנען מיר, כ'געדענק ניט, — זעכצן צי פערצן. אָט האָסטו דיר אַ וואַלד!

— זיי זײַנען אוועק ווערן גאַזלאָנים?

— עפּשער גאַזלאָנים, און עפּשער נעזירים[1] — אין יענער צײַט האָט מען זיך שטאַרק ניט פאַנאַנדערגעקליבן אין די דאָזיקע זאַכן.

די באָבע צײַלעמט זיך.

— הייליקע גאָטס מוטער! אַז דו פאַרטראַכסט זיך וועגן די מענטשן, ווערט דיר אזאַ ראַכמאָנעס אפּ זיי.

— אַלעמען איז געגעבן איין פאַרשטאַנד — סע ציט, וווהין דער רוען שטופּט...

מיר גייען אַרײַן אין וואַלד מיט אַ נאַסן שטעג צווישן בלאָטע־בערגלעך און מאָגערע טאַנען־ביימלעך. סע טראַכט זיך מיר, אַז ס'איז גוט אזוי — אפּ שטענדיק אוועקגיין אין וואַלד, ווי אָט דער קירילאָ פון פריער איז אוועקגעגאַנגען. אין וואַלד איז ניטאָ קיין פּלוידערזעק, קיין געשלעגן, קיין שיקרעס, דאָרטן קענסטו פאַרגעסן וועגן דעם זיידנס עקלדיקער זשעדנעקײַט, וועגן דער מאַמעס זאַמדיקן קייווער, וועגן אַלץ, וואָס באַליידיקט און דריקט דאָס האַרץ מיט אַ שווערן אומעט.

אפּ אַ טרוקענעם אָרט זאָגט די באָבע:

— מע דאַרף צובײַסן, לאָמיר זיך זעצן!

אין קוישל האָט זי קאָרנענעם ברויט, גרינע ציבעלע, אוגערקעס, זאַלץ און קעז אין שמאַטקעלעך. דער זיידע קוקט אפּ דעם אַלעמען שעמעוודיק און פינטלט מיט די אויגן:

— און איך האָב גאָר קיין עסן ניט מיטגענומען, עך, מאַמע ערלעכע...

---

1 נ ע ז י ר י ם — אָפּגעשיידטע פון דער וועלט.

— ס׳וועט קלעקן פאר אלעמען...

מיר זיצן צוגעשפארט צום קופערנעם שטאם פון א זעגל־סאסנע. די לופט איז אנגעזעטיקט מיט סמאלע־רייעך, פון פעלד ווייעט א שטילער ווינט, סע שאקלט זיך דער שאכטל־שטרוי, מיט א טונקלער האנט רייסט די באבע גראז און דערציילט מיר וועגן די הייל־אייגנשאפטן פונעם זווערעבוי, פון דער בוקוויצע, דעם וועגבלאט, וועגן דער געהיימער קראפט פון דעם פאפארט, פונעם קלעפיקן איוואן־טיי, דעם שטויביקן גראז־פלאווון.

דער זיידע האקט אן האלצבראך, איך דארף צונויפטראגן דאס אנגעהאקטע אין איין ארט, נאר איך גיי אומבאמערקלעך אוועק אין דער געדיכטעניש אריין פוס־טריט נאך דער באבען, — שטילינקערהייט שווימט זי צווישן די מעכטיקע שטאמען און, ווי אונטערטוקנדיק זיך, בייגט זי זיך אפט צו דער ערד, וואס איז באשאטן מיט נאדלען. גייט און רעדט אליין מיט זיך:

— ווידער צו פרי ארויס — וועט זיין ווייניק שוואמען! קארגלעך, גאטעניו, זארגסטו זיך וועגן די ארעמעלייט. פארן ארעמאן איז א שוואם אויך א נאשערייַ!

איך גיי איר נאך שווייַגנדיק, פארזיכטיק, זי זאל מיך ניט באמערקן: איך וויל ניט שטערן איר געשפרעך מיט גאט, מיט די גראזן, מיט די פרעשלעך...

נאר זי זעט מיך.

— אנטלאפן פונעם זיידן, א?

און פארנייגנדיק זיך צו דער שווארצער ערד, וואס איז רייך אנגעקליידט אין דער געהעפטער דעקע פון גראזן, רעדט זי וועגן דעם, ווי גאט האט איינמאל אין זיין קאס אף די מענטשן פארגאסן די ערד מיט וואסער און האט פארטרונקען אלדאס לעבעדיקע.

— און די אלבארעמהארציקסטע מוטער זיינע האט שוין פארפריער צונויפגעקליבן אלע זוימען אין א קוישל אריין און האט זיי באהאלטן, און דערנאך בעט זי די זון: טריקן אפ די ערד פון עק צו עק, וועלן די מענטשן דיר א לויב זינגען! די זון האט די ערד אויסגעטריקנט, און די הייליקע מוטער האט זי מיט די באהאלטענע קערנער פארזייט. קוקט גאט און זעט: ווידער ווערט די ערד באוואקסן מיט לעבן — אי מיט בעהיימעס, אי מיט מענטשן!.. ווער האט עס, זאגט ער, אפגעטאן אזוינס קעגן מיין ווילן? דא האט זי זיך פאר אים מודיע געווען, און דעם אייבערשטן אליין האט שוין אויך באנק געטאן, וואס די ערד איז וויסט, זאגט ער צו איר: דאס האסטו גוט געטאן!

די מייַסע געפעלט מיר, נאר איך בין פארכידעשט און זייער ערנסט זאג איך:

— וויאזוי האט עס געקאנט זיין? גאטס מוטער איז דאך געבוירן געווארן א צייט שפעטער נאכן מאבל.

איצט איז די באבע פארכידעשט.

— ווער האט עס דיר געזאגט?

— אין דער שול. אין די ביכלעך שטייט עס געשריבן...

דאס בארויקט זי. זי אייצעט מיר:

— ווארף עס אוועק, פארגעס די ביכלעך, זיי דערציילן ליגנס, די ביכלעך דייַנע!

און לאכט זיך שטיל, פריילעך:

— האָבן אויסגעקלערט, כאכאָמים! גאָט איז געווען, נאָר קיין מאמען האָט ער ניט געהאט, אזא זאך! פון וועמען־זשע איז ער געבוירן געוואָרן?

— איך ווייס ניט.

אָט דאָס איז שיין! זיך דערלערנט ביז „איך ווייס ניט"!

— דער גאלעך האָט געזאָגט, אז גאָטס מוטער איז געבוירן געוואָרן פון יאָאַ־קימען און אנען!

די באבע ווערט שווין אין קאס, — שטעלט זיך אָפּ קעגן מיר און קוקט מיר שטרענג אין די אויגן אריין:

— הייסט עס, מאריא יאָאקימאָוונא? אויב דו וועסט מיר אזוי טראכטן, וועל איך דיר ארייַנצייַלן, אז דו וועסט האָבן צו געדענקען!

נאָר אין א מינוט ארום דערקלערט זי מיר:

— די גאָט־געווינערן איז געווען שטענדיק, פריִער פאר אלעמען! פון איר איז געבוירן געוואָרן גאָט, און דערנאָך...

— און כריסטוס — ווי זשע?

די באבע שוויַיגט צעמישט, מיט פארמאכטע אויגן.

— כריסטוס... יאָ, יאָ, יאָ?

איך זע, אז איך האָב געזיגט, האָב זי פארפלאָנטערט אין די סוידעס פון דער געטלעכקייַט, און דאָס איז מיר ניט אנגענעם.

מיר פארגייען אלץ טיפער אין וואלד, אין בלוילעכן טונקל, וואָס איז דורכגע־שניטן מיט גאָלדענע זון־שטראלן. אין דער ווארעמקייַט און היימלעכקייַט פונעם וואלד אָטעמט שטיל א מין באזונדערער רויש, א טרוימערישער און אָנרעגנדיקער צו טרוים. קרייצשנאָבלען סקריפען, ס'קלינגען בלויערלעך, ס'לאכט א קוקאווקע, אן איוולגע פייַפט, ס'וועָרט ניט אנשוויגן די אייפערזיכטיקע ליד פונעם פינקל, פארטראכט זינגט דער מאָדנער פויגל — שטשער. סמאראגדענע פראשלעך שפרינגען אונטער די פיס. צווישן די וואָרצלען ליגט דער נאָטער, אופגעהויבן זייַן גאָלדן קעפל, און טשאטעוועט אפּ זיי. סע קנאקט א וועווערקע, צווישן די לאפעס פון די סאָסנעס שווינדלט דורך איר פוכיקער עק. זעסט גוואלדיק פיל, סע גלוסט זיך זען אלץ מער, גייען אלץ ווייַטער.

צווישן די סאָסנע־שטאמען ווייַזן זיך דורכזיכטיקע, לופטיקע פיגורן פון ריזיקע מענטשן — און פארשווינדן אין דער גרינער געדיכטעניש. דורכן איר לויכט זיך דער בלויער, מיט זילבער באשלאָגענער הימל. אונטער די פיס ליגט דער רייַכער טעפּיך פונעם מאָך, אויסגענייט מיט ברוסניצעס און מיט טרוקענע פעדעם פון זשוראווינעס, קאָסטיאניקא פינקלט אין גראָז, ווי טראָפּנס בלוט, שוואָמען רייצן מיט זייער שטארקן רייעך.

— אלערהייליקסטע גאָט־געווינערן, קלאָרע שייַן פון דער ערד, — טוט די באבע זיפצנדיק טפילע.

זי איז אין וואלד ווי א באלעבאָסטע און א לייַבלעך־אייגענע מיט אלצדינג ארום — גייט ארום ווי א בעריכע, זעט אלץ, לויבט אלץ און דאנקט. פון איר גייט א ווארעמקייַט איבערן וואלד, און ווען דער מאָך, וואָס איר פוס האָט

צוגעקנייטשט, גליַיכט זיכ אויס אונ שטייט אופ, איז מיר באַזונדערס אנגענעם דאָס צו זענ.

גייסט אונ קלערסט: ס'איז גוט צו זייַנ א גאזלענ, ראַבעווענ די רייַכע, די גייַציקע, אָפּגעבנ דאָס אָנגעראַבעוועטע די אָרעמעלייַט — זאָלנ אלע זייַנ זאט, פריילעכ, ניט מעקאנע זייַנ, ניט בילנ איינע אפ די אנדערע, ווי די בייזע הינט. גוט וואָלט אויכ געווענ דערגייענ ביז צו דער באַבעס גאָט, ביז איר גאָט־געווינערנ אונ זאָגנ זיי דעם גאַנצנ עמעס וועגנ דעם, ווי שלעכט די מענטשנ לעבנ, ווי ניט גוט, באַליידיקנדיק זיי באַגראָבנ איינער דעם אנדערנ אינ פּאַסקודנעמ זאמד. אונ וויפל ס'איז אינ אלגעמיינ דאָ באַליידיקנדיקס אפ דער ערד, וואָס מע וואָלט זיכ אָנ דעמ געקענט ווויל באַגיינ! אויב די גאָט־געווינערנ וועט מיר פארגלייבנ, טאָ זאָל זי מיר געבנ אזא סייכל, אז איכ זאָל קענענ אלצ אייַנאָרדענענ אנדערש, אפ א בעסערנ שטייגער. זאָלנ נאָר די מענטשנ מיכ פאָלגנ אונ האָבנ צוטרוי — וואָלט איכ שוינ אויסגעזוכט, וויַאזוי צו לעבנ בעסער! דאָס איז גאָרניט, וואָס איכ בינ א קלייניקער — כריסטוס איז געווענ סאַכאַקל מיט איינ יאָר עלטער פונ מיר, אונ גרויסע כאַכאָמימ האָבנ זיכ שוינ אינ יענער צייַט צו זייַנ וואָרט צוגעהערט...

איינמאָל בינ איכ, אזוי א פערבלענדעטער פונ טראַכטעניִשנ, ארייַנגעפאלנ אינ א טיפער גרוב, צעריסנ זיכ מיט א צווייַגל א שטיק זייַט אונ צעדראַפּעט די הויט אפנ נאַקנ. בינ איכ געזעסנ אפנ דעק, אינ א קאלטער בלאָטע, וואָס איז געווענ קלעפּיק, ווי סמאָלע, אונ האָב צו מייַנ גרויסער כארפּע געפילט, אז אליינ וועל איכ ניט ארויסקריכנ, אונ שרעקנ די באַבע מיט געשרייענ האָב איכ זיכ געשעמט. פונדעסטוועגנ האָב איכ זי א רופ געטאָנ.

זי האָט מיכ גיכ ארויסגעשלעפּט אונ, צייִלעמענדיק זיכ, האָט זי גערעדט:

— א לויב דיר, גרויסער גאָט! נו, גוט, וואָס די בערלאָגע איז פּוסט, נאָר ווי וואָלט געווענ, ווענ דו טרעפסט דאָרטנ דעם באַלעבאָס?

אונ זי האָט זיכ צעוויינט דורכ געלעכטער, דערנאָכ האָט זי מיכ אוועקגעפירט צומ טייַכל, האָט מיכ אויסגעוואַשנ, ארומגעבונדנ די וווּנדנ מיט איר העמד, צוגעלייגט עפּעס בלעטער אזוינע, וואָס שטילנ דעם ווייטעק, אונ האָט מיכ אָפּגעפירט אינ אנ אייַזנבאַנ־בייַדל, — אהיימ האָב איכ ניט געקענט דערגיינ, וווייַל איכ בינ זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרנ.

איכ האָב איצט שוינ קימאַט אלע טאָג זיכ געבעטנ בא דער באַבענ:

— לאָמיר גייענ אינ וואַלד אריַינ!

זי פלעג מיט כיישעק אָנעמענ מייַנ פאָרשלאַג, אונ אזוי האָבנ מיר דורכגעלעבט דעם גאַנצנ זומער ביז שפּעט אינ הארבסט, צונויפקלייַבנדיק גראָזנ, יאַגעדעס, שוואָמענ אונ ניס. דאָס צונויפגעקליבענע פלעג די באַבע פארקויפנ, אונ אזוי האָבנ מיר זיכ דערנערט.

— דארמאָיעדנ! — האָט דער זיידע געסקריפּעט, כאָטש מיר האָבנ קיינ ברעקל ניט גענומענ פונ זייַנ ברויט.

דער וואַלד פלעג בא מיר ארויסרופנ א געפיל פונ גייַסטיקער רו אונ היימלעכקייַט, אינ דעם געפיל פלעגנ פארשווינדנ אלע מייַנע פארדראָסנ, פלעג אָפּגעמעקט ווערנ יעדע אומאנגענעמלעכקייַט, אונ אינ דער זעלבער צייַט איז געוואַקסנ

א באַזונדערע וואַכיקייט פון די כושים: דער געהער און דאָס אויג זײַנען געוואָרן שאַרפער, דער זיקאָרן — שטאַרקער, דאָס אופנעמען אײַנדרוקן — טיפער.

און אַלץ מער און מער האָט מיך געכידעשט די באַבע. איך בין געווינט געוואָרן צו רעכענען זי פאַרן העכסטן וועזן צווישן אַלע מענטשן, דעם בעסטן און קליגסטן אַף דער ערד, און זי האָט אָן אופהער פאַרפעסטיקט אין מיר די דאָזיקע איבערצײַגונג. איינמאָל אָוונט־צו, מיר האָבן אָנגעקליבן ווײַסע שוואָמען און אַפן וועג אהיים זיך אָפגעשטעלט עק וואַלד, האָט זיך די באַבע צוגעזעצט אָפרוען, און איך בין אַרײַן צווישן דיביימער — עפשער וועל איך געפינען נאָך א שוואָם.

פּלוצעם הער איך איר קאָל און זע: זיצנדיק אַפן שטעג, שנײַדט זי רויִק אַרום די שטעקעלעך פון די שוואָמען, און נאָענט פון איר שטייט מיט אַן אַרויסגעהאַנגענער צונג א גרויער הונט מיט אײַנגעצויגענע זײַטן.

— גיי זיך, גיי אַוועק! זאָגט די באַבע. — טראָג זיך אָפּ געזונטערהייט!

מיט א שטיקל צײַט פריִער האָט וואַליאַק אָפּגעסאַמט מײַן הונט. ס'האָט זיך מיר זייער געגלוסט צונאַדענען אָט דעם־אָ, א נײַעם. כ'בין אַרויסגעלאָפן אַפן שטעג, דער הונט האָט זיך מאָדנע אויסגעבויגן, ניט באַוועגנדיק מיטן האַלדז, האָט א קוק געטאָן אַף מיר מיט דעם גרינעם בליק פון די הונגעריקע אויגן און א שפּרונג געטאָן צום וואַלד מיט אַן אונטערגעקליבענעם עק. אַן אָנבליק האָט ער געהאַט ניט קיין הינטישן, און אַז איך האָב א פײַפ געטאָן, האָט ער זיך ווילד א וואָרף געטאָן אין די קושטשעס אַרײַן.

— געזען? — האָט די באַבע געפרעגט מיט א שמייכל. — און איך האָב אין־אָנהייב א טאָעס געהאַט, געמיינט — ס'איז א הונט, ערשט, איך טו א קוק — ס'האָט וועלפישע רײַסציינער. און אויך דער האַלדז — ווי בא א וואָלף! כ'האָב זיך אויש דערשראָקן: נו, זאָג איך, ביסטו א וואָלף, טאָ טראָג זיך אָפּ!.. נאָך גוט, וואָס זומערצײַט זײַנען די וועלף ניט אַזוי אַזעסדיק...

זי האָט קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט אין וואַלד, שטענדיק אָן דעם מינדסטן פעלער באַשטימט דעם וועג אהיים. נאָכן רייעך פון די גראָזן האָט זי געוווּסט, וואָס פאַרא שוואָמען סע דאַרפן זײַן אין דעם אָרט, וואָסערע — אינעם אַנדערן, און האָט מיך אָפט עקזאַמענירט:

— און וואָס פאַר א בוים האָט ליב דער ריזשיק? און ווי וועסטו אונטערשיידן א גוטן פעפער־שוואָם פון א גיפטיקן? און וואָס פאַר א שוואָם האָט ליב דעם פאַפּאָרט?

לויט אומבאַמערקלעכע דראַפּן אַף דער קאָרע פון א בוים פלעג זי מיר אָנווײַזן, ווו סע געפינען זיך די אויסהוילונגען פון דער וועווערקע. איך פלעג אַרופקריכן אַפן בוים און אויסליידיקן דעם כײַלעס נעסט, אַרויסנעמענדיק פון דאָרט די ניס, וואָס סע האָט זיך פאַרגרייט אַפן ווינטער. אין אַנדערע נעסטן פלעג זיך מאַכן א פונט צען.

איינמאָל, בייס איך האָב זיך פאַרנומען מיט דער אַרבעט, האָט עפּעס א יעגער מיר אַרײַנגעהאַקט אין דער רעכטער זײַט קערפער איינס און צוואַנציק שטיק בעקאַסן־שרויט. עלף האָט די באַבע אויסגעקאַלופּעט מיט א נאָדל, און די איבעריקע זײַנען געזעסן אין מײַן לײַב אַסאַך יאָרן, פּאַמעלעך אַליינ אַרויספאַלנדיק.

דער באָבע איז געפעלן געווען, וואָס איך באַצי זיך געדולדיק צום ווייטעק.

— ביסט אַ יאַט מיט ביינער! — האָט זי מיך געריימט. — ווער סע קען ליידן און שווייַגן, יענער וועט אַמאָל הויך שטייַגן.

יעדער מאָל, אַז ס'פלעג זיך צונויפנעמען אַביסל געלט פונעם פאַרקויפן די שוואָמען און די ניס, פלעג זי עס אויסלייגן הינטער די פענצטער אָפּ „שטילער צדאָקע", און אליין איז זי אָפּילע אום יאָנטעוו געגאַנגען אָנגעטאָן אין שמאַטעס און לאַטעס.

— גייסט אָנגעטאָן ערגער פאַר"אַ בעטלערן, פאַרשוואַרצסט מיר דאָס פּאָנעם, — האָט דער זיידע געוואָרטשעט.

— ס'איז גאָרניט, איך בין דאָך ניט דייַן טאָכטער און שטיי ניט אין שידוכים... זייערע מאַכלויקעסן זייַנען געוואָרן אַלץ אָפטער.

— איך בין ניט מער זינדיק, ווי אַלע, און לייד אַ גרעסערע שטראָף! — פלעגן דער זיידע שרייַען באַליידיקט.

די באָבע פלעג אים רייצן:

— שיידים ווייסן, ווער וויפל ס'איז ווערט.

און אויג־אַף־אויג פלעג זי מיר זאָגן:

— פאַר שיידים האָט ער מוירע, דער אַלטער! ווי גיך ער ווערט אַלט, ס'איז פאַר שרעק... עך, אומגליקלעכער מענטש...

איך בין קרעפטיק געוואָרן פאַרן זומער און בין פאַרווילדעט געוואָרן אין וואַלד, האָב אינגאַנצן פאַרלוירן דעם אינטערעס צום לעבן פון די כאַווייריִם, צו לודמילען, — זי האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי לאַנגווייַליק־קלוג...

איינמאָל איז דער זיידע געקומען פון שטאָט אינגאַנצן אַ דורכגענעצטער — ס'איז געווען האַרבסט, און ס'זייַנען געגאַנגען רעגנס. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פאַר דער שוועל, ווי אַ שפּער, און האָט פייַערלעך געזאָגט:

— נו, הולטייַ, מאָרגן פאַרנעם זיך אַף אַ שטעלע!

— וווהין איז עס? — האָט די באָבע אומצופרידן געפרעגט.

— צו דער שוועסטער דייַנער מאַטריאָנען, צו איר זון...

— אַך, פאָטער, סע געפעלט מיר ניט די אויסטראַכטעניש דייַנע!

— שווייַג, בעהיימע! מ'עט אים עפשער מאַכן פאַר אַ צייכנער.

די באָבע האָט שווייַגנדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אינאָוונט האָב איך געזאָגט לודמילען, אַז איך גיי אוועק אין שטאָט, דאָרטן וועל איך וווינען.

— מיך וועט מען אויך אינגיכן אַוועקפירן אַהין, — האָט זי מיר געמאָלדן פאַר־קלערט. — דער טאַטע וויל, מע זאָל מיר אינגאַנצן אָפּשנייַדן דעם פוס, אָן אַ פוס וועל איך זייַן געזונט.

פאַרן זומער איז זי אויסגעמאָגערט געוואָרן, די הויט אַף איר פּאָנעם איז גע־וואָרן בלוילעך, און די אויגן זייַנען אויסגעוואַקסן.

— האָסט מוירע? — האָב איך געפרעגט.

— כ'האָב מוירע, — האָט זי געזאָגט און זיך צעוויינט אָן אַ קאָל.

ס'איז ניט געווען מיט וואָס זי צו טרייסטן: כ'האָב אַליין מוירע געהאַט פאַרן

לעבן אין שטאָט. מיר זײַנען לאַנג געזעסן אין טרויעריקן שווײַגן, צוגעדריקט איינס צום אַנדערן.

ווען איינדרויסן איז זומער, וואָלט איך די באָבע אײַנגערעדט זיך אוועקלאָזן איבער די הײַזער, ווי זי איז געגאַנגען, ווען זי איז געווען אַ קליינינקע. מע וואָלט געקענט אויך ליודמילען מיטנעמען — כ'וואָלט זי געפירט אין אַ וועגעלע...

נאָר געווען איז האַרבסט, איבער דער גאַס האָט זיך אומגעיאָגט אַ פײַכטער ווינט, דער הימל איז געווען אײַנגעדעקט מיט וואָלקנס אָן אַן עק, די ערד האָט זיך אײַנגעשרומפּן, האָט אויסגעזען קויטיק און אומגליקלעך...

IV

איך בין ווידער אין שטאָט, אין אַ צווייגאָרנדיקן ווײַסן הויז. ענלעך אַף אַ טרונע, אַן אַלגעמיינער פאַר אַ מענגע מענטשן. דאָס הויז איז נײַ, נאָר זעט אויס עפּעס זאַפּט־אָרעם, אויפגעדראָלן, ווי אַ בעטלער, וואָס איז מיטאַמאָל רײַך געוואָרן און האָט זיך באַלד איבערגעפרעסן און איז פאַרשוווּמען מיט פעטס. סע שטייט מיט אַ זײַט צו דער גאַס, אין יעדן שטאָק האָט עס צו אַכט פענצטער, און דאָרטן, ווו ס'האָט געזאָלט זײַן דער פּאַסאַד פונעם הויז — צו פיר פענצטער. די אונטערשטע קוקן אַרויס אין אַ שמאָלן דורכפאָר, צום הויף, די אייבערשטע — איבערן פּלויט, צום קליינעם שטיבעלע פון דער וועשן און צו אַ קויטיקן יאַר.

קיין גאַס, ווי איך בין זי געוווינט געווען צו פאַרשטיין, איז ניטאָ. פאַרן הויז האָט זיך צעלייגט אַ קויטיקער יאַר, אין צוויי ערטער שנײַדן אים איבער שמאָלע ד'אַמבעס. לינקס גייט דער יאַר אַרויס צו די אַרעסטאַנטן־ראָטעס, און מע וואַרפט אין אים צונויף דאָס מיסט פון די הויפן, און אַפן דעק זײַנעם שטייט אַ קאַליוזשע מיט געדיכטער טונקל־גרינער בלאָטע. רעכטס, באַם עק יאַר, זײַערט אַ שליימיקע סאַזשעלקע, און דער צענטער פונעם יאַר קומט אויס פּונקט קעגן דעם הויז. אַ העלפט איז פאַרשאָטן מיט מיסט, פאַרוואַקסן מיט קראָפּעווע, מיט לאָפּוך, מיט פערדישן שטשאַוועל. אין דער צווייטער העלפט האָט דער גאַלעך דאָרימעדאָנט פּאָקראָווסקי פאַרפלאַנצט אַ סאָד. אין סאָד איז דאָ אַ בײַדל פון דינע ברעטלעך, באַפאַרבטע מיט גרינער פאַרב. ווען מע וואַרפט אין אָט דעם בײַדל מיט שטיינער, פּלאַצן די ברעטער מיט אַ קנאַק.

דאָס אָרט איז אָן אַ שיר לאַנגווײַליק, פּרעך אין זײַן קויטיקײַט. דער האַרבסט האָט אַכזאָריִעסדיק צעקאַליעטשעט די מיסטיקע ליימיקע ערד, האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ מין געלער סמאָלע, וואָס כאַפּט און האַלט פאַר די פיס. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזויפיל קויט אַף אַזאַ ניט קיין גרויסן שטעכל, און נאָך מײַן געוווינט־שאַפט צו דער ריינקײַט פון פעלד און וואַלד האָט דער ווינקל שטאָט געוועקט אין מיר אַן אומעט.

הינטערן יאַר ציִען זיך גרויע אַלטע פאַרקאַנעס, און ווײַט צווישן זיי זע איך דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע הויז, ווו איך האָב געוווינט ווינטער, ווען איך בין געווען אַ ייִנגל אין מאַגאַזין. די נאָענטקײַט פון דעם הויז דריקט מיך צו נאָך מער. פאַר־וואָס קומט עס מיר, איך זאָל ווידעראַמאָל וווינען אַף דער גאַס?

מײַן באַלעבאָס קען איך, ער איז אַמאָל געווען צוגאַסט בא מײַן מוטער, צוזאַמען מיט זײַן ברודער, וואָס האָט קאָמיש געפּישטשעט:

— אַנדריי — פּאַפּאַ, אַנדריי — פּאַפּאַ.

ביידע זײַנען זיי אַזוינע, ווי געווען: דער עלטערער, מיט אַ געהויקערטער נאָז, מיט לאַנגע האָר, איז אַן אַנגענעמענער און, ווײַזט אויס, אַ גוטער. דער ייִנגערער, וויקטאָר, איז געבליבן בא דעם זעלבן פערדישן פּאָנעם און בא די זעלבע קלײַען. זייער מוטער, מײַן באַבעס אַ שוועסטער, איז זייער אַ בייזע און אַ שרײַענדיקע. דער עלטערער איז אַ באַווײַבטער. זײַן ווײַב איז אַ רײַכלײַביקע, אַ ווײַסע, ווי אַ ווייצענער קוילעטש. זי האָט גרויסע אויגן, זייער טונקעלע.

באַלד אין די ערשטע טעג האָט זי מיר צוויי מאָל געזאָגט:

— איך האָב דײַן מאַמען געשענקט אַ זײַדענע טאַלמע מיט סטעקליאַרוס...

מיר האָט זיך עפּעס ניט געוואָלט גלייבן, אַז זי האָט געשאָנקען, און די מאַמע האָט צוגענומען דעם געשאַנק. אַז זי האָט מיר וועגן דער טאַלמע דערמאַנט צום דריטן מאָל, האָב איך איר אַן אייצע געגעבן:

— האָסט געשאָנקען, טאָ נעם זיך ניט איבער.

זי איז אָפּגעשפּרונגען אַ דערשראָקענע.

— וואָ־אָס? מיט וועמען רעדסטו עס אַזוי?

דאָס פּאָנעם האָט זיך איר באַדעקט מיט רויטע פלעקן, די אויגן האָבן זיך אַרויסגעקוליעט, זי האָט אַ רוף געטאָן דעם מאַן.

ער איז אַרײַן אין דער קיך מיט אַ צירקול אין דער האַנט, מיט אַ בלײַער הינטערן אויער, האָט אויסגעהערט דאָס ווײַב און געזאָגט צו מיר:

— זי און אַלעמען דאַרף מען אירצן. און קיין אַזעספּאָנעם דאַרף מען ניט זײַן!

דערנאָך האָט ער אומגעדולדיק געזאָגט צום ווײַב:

— טשעפּע מיך ניט מיט קיין קלייניקײַטן!

— וואָס הייסט — קלייניקײַטן? אַז דײַנע קרויווים...

— כאַפּט זיי דער שוואַרציאָר, די קרויווים! — האָט דער באַלעבאָס אויסגעשריגן און איז אַנטלאָפן.

מיר איז אויך געווען ניט צום האַרצן, וואָס די דאָזיקע לײַט זײַנען דער באַבעס קרויווים; לויט ווי איך האָב באַמערקט, באַציִען זיך קרויווים איינע צו די אַנדערע ערגער, ווי פרעמדע: זיי וויסן איינע וועגן די אַנדערע מער שלעכטס און נאַרישקײַטן, קענען זיי בייזער באַריידן, קריגן זיי זיך און רײַסן זיך אָפּטער.

דער באַלעבאָס איז מיר געפעלן געוואָרן. ער פלעג זייער שיין פאַרוואַרפן די האָר, פאַרנעמענדיק זיי הינטער די אויערן, האָט מיר מיט עפּעס דערמאַנט די „גוטע זאַב". ער האָט אָפט מיט פאַרגעניגן געלאַכט. די גרויע אויגן האָבן געקוקט גוטמוטיק, לעבן דער שפּאַרבער־נאָז האָבן טשיקאַווע געשפּילט קאָמישע קנייטשעלעך.

— גענוג אײַך זידלען זיך, הינערשע כײַעס! — פלעג ער זיך ווענדן צום ווײַב און צו דער מוטער, אַנטבלויזנדיק מיט זײַן ווײַכן שמייכל די קליינע שטײַפע ציין.

די שוויגער און די שנור האָבן געשאָלטן איינע די אנדערע אלע טאָג. מאמעש צו כידעשן זיך, ווי גרינג און גיך זיי פלעגן זיך צעקריגן. באלד פון אינדערפרי פלעגן זיי ביידע, ניט קיין פארקעמטע, צעשפיליעטע, נעמען זיך ארומיאָגן איבער די צימערן, פונקט ווי אין שטוב וואָלט זיך אָנגעהויבן א סריפע. מע פלעג ארומ־האווען א גאנצן טאָג, אָפּרוען נאָר באם טיש צו מיטיק, צום טיי און אָוונט־עסן. געטרונקען און געגעסן האָט מען אסאך ביז צו פארשיקערט ווערן, ביז מידקייט, צו מיטיק האָט מען גערעדט וועגן עסנווארג און פויל זיך דורכגעוואָרפן מיט זידל־ווערטער, גרייטנדיק זיך צו דער גרויסער קריגעריי. וואָס די שוויגער זאָל ניט צו־גרייטן, זאָגט די שנור אומבאדינגט אריין:

— און מיין מאמע מאכט עס ניט אזוי.

— ניט אזוי, הייסט עס — ערגער!

— ניין בעסער!

— נו, איז גיי זיך צו דיין מאמען.

— דאָ בין איך באלעבאָסטע!

— און ווער בין איך דאָ?

פלעג זיך ארײַנמישן דער באלעבאָס:

— גענוג אייך, הינערשע כייעס! וואָס זייט איר פון זינען אראָפּ?

אלץ אין שטוב איז געווען מעשונעדיק און קאָמיש, ניט צו פארשטיין: דער דורכגאנג פון קיך אין עסצימער איז געלעגן דורכן איינציקן אין דער דירע קליי־ניקן, שמאָלן קלאָזעט, דורך אים פלעג מען טראָגן אין עסצימער די סאמאָווארן און דאָס עסן, ער איז געווען א געלעגנהייט פאר פריילעכע וויצן און אָפּטמאָל א סיבע פאר קאָמישע פאלן. באזאָרגן מיט וואסער דעם באק פון קלאָזעט איז געווען מיין פליכט. און געשלאָפן בין איך אין קיך, קעגן זיין טיר און לעבן דער טיר צום פאראד־גאנעק: אין קאָפּ האָט מיר געשלאָגן א היץ פון קיך־אויוון, אין די פיס האָט געבלאָזן פונעם גאנעק. גייענדיק שלאָפן, פלעג איך צונויפנעמען אלע טרעטערס און ארופלייגן זיי זיך אף די פיס.

אין גרויסן זאל, מיט די צוויי שפיגלען אין די צווישנווענטלעך, מיט די בילדער, פרעמיעס פון דער „ניוואַ", אין גאָלדענעם באגעט, מיט דער פּאָר קאָרטן־טישלעך און מיטן טוץ ווינער שטולן, איז געווען ליידיק און לאנגווייליק. דער קליינער גאסטצימער איז אָנגעפּראָפּט מיט פּילקאָלירקן ווייכן מעבל, מיט שאפקעלעך, ווו ס'איז געלעגן דער „נאדן", דאָס זילבער און דאָס טיי־געפעס. דריי לאָמפּן האָבן אים באפוצט, איינער גרעסער פונעם אנדערן. אין דעם פינצטערן שלאָפצימער אָן פענצטער זיינען, אויסער דער ברייטער בעט, געשטאנען קאסטנס, שאפעס. פון זיי איז געגאנגען א רייעך פון בלאַט־טאבעק, און פערסישן רומיאנעק. די דאָזיקע דריי צימערן זיינען געווען ליידיק, און די באלעבאטים האָבן זיך געשטיקט אינעם קליינעם עסצימער, שטערנדיק איינער דעם אנדערן. באלד נאָכן פרימאָרגנדיקן טיי צערוקט דער באלעבאָס מיטן ברודער זיינעם דעם טיש, צעלייגט אף אים בלעטער ווייס פּאַ־פּיר, צייכן־מאכשירים, בליײַערס, טעצעלעך מיט טוש, און זיי נעמען זיך צו דער ארבעט: איינער אף איין עק טיש, דער צווייטער — אפן צווייטן. דער טיש האָט זיך געשאָקלט. ער האָט פארנומען דעם גאנצן צימער, און אז די ניאנקע מיט דער

באַלעבאָסטע גייען דורך פונעם קינדערצימער, פאַרטשעפּען זיי זיך אין שפּיץ טיש.

— הערט אויף זיך אַרומדרייען! — שרייט וויקטאָר.

די באַלעבאָסטע ווענדט זיך צום מאַן מיט פאַרדראָס:

— וואַסיע, זאָג אים, ער זאָל אויף מיר ניט שרייען!

— און דו טרייסל ניט דעם טיש, — אייצעט דער באַלעבאָס, איינשטילנדיק.

— איך בין אַ טראַגעדיקע, ס'איז מיר דאָ ענג...

— נו וועלן מיר גיין אַרבעטן אין זאַל אַריין.

צעשרייט זיך די באַלעבאָסטע, אויפגעבראַכט:

— האָסט שוין געזען, מע זאָל אַרבעטן אין אַ זאַל?

פון דער קלאָזעט־טיר רוקט זיך אַרויס דאָס בייזע פּנים פון דער אַלטער מאַטריאָנע איוואַנאָוונע, צעגליט פונעם אויוון־פייער, זי שרייט:

— אָט זעסטו שוין, וואַסיע: דו אַרבעטסט, און זי קאָן זיך אין פיר צימערן ניט אָפּקלערן. אַ פּריצע פון אַ וויסטן העק, סייכל ניט קיין לעק.

וויקטאָר שמייכלט גיפטיק, און דער באַלעבאָס שרייט:

— גענוג!

נאָך די שנור, נאָך דעם, ווי זי גיסט אויף די שוויגער מיט אַ שטראָם פון די גיפטיקסטע שיינע רייד, טוט זי זיך אַ וואַלגער אַריין אין אַ שטול און צעקרעכצט זיך:

— כ'וועל אַוועק פונדאַנען! כ'וועל דאָ אויסגיין!

— לאָזט אַרבעטן, נעמט אייך אַלע דער שוואַרציאָר! — שרייט דער באַלעבאָס בלייך פאַר אָנשטרענגונג. — אַ מעשוגאָים־הויז! — פאַר וועמען ברעך איך דען דעם רוקן? פאַר אייך, צו האָדעווען אייך! אָ, איר כייעס הינערשע...

די ערשטע צייט האָבן מיך די דאָזיקע קריגערייען געשראָקן. באַזונדערס ביין איך פאַרציטערט געוואָרן, ווען די באַלעבאָסטע האָט איינמאָל געכאַפּט דאָס טיש־מעסער, איז אַנטלאָפן אין קלאָזעט אַריין, פאַרשפּאַרט ביידע טירן און גענומען ווילד ריטשען דאָרט. אויף אַ מינוט איז די גאַנצע שטוב פאַרשטילט געוואָרן, דער־נאָך האָט דער באַלעבאָס זיך איינגעשפּאַרט מיט די הענט אין דער טיר, האָט זיך צונויפגעבויגן און אויסגעשריגן צו מיר:

— קריך, צעקלאַפּ די שויב, נעם אַראָפּ דאָס קייטל פונעם האָק!

איך האָב זיך טייקעף אַרופגעכאַפּט צו אים אויפן רוקן, האָב אַרויסגעקנאַקט די שויב העכער דער טיר, נאָר אַז איך האָב זיך איינגעבויגן אַראָפּצו, האָט די באַ־לעבאָסטע גענומען איבער מיר פליסיק זעצן מיטן שטיל פונעם מעסער. פונ־דעסטוועגן האָב איך באַוויזן אויפעפענען די טיר, און דער באַלעבאָס האָט, אַרויס־שלעפּנדיק דאָס ווייב מיט גוואַלד אין עסצימער אַריין, בא איר אָפּגענומען דאָס מעסער. זיצנדיק אין קיך און רייבנדיק זיך דעם צעבײַלטן קאָפּ, האָב איך זיך גיך אָנגעשטויסן, אַז כ'האָב אומזיסט געליטן: דאָס מעסער איז געווען טעמפּ, אַפילע אַ שטיקל ברויט דערמיט אָפּשניידן איז אָנגעקומען ניט גרינג, און דורכשניידן דער־מיט די הויט איז שוין גאָר אַן אוממעגלעכע זאַך; כ'האָב ניט געדאַרפט קריכן דעם באַלעבאָס אויפן רוקן, מע האָט זייער פּראָסט געקענט דערלאַנגען צו דער שויב פון

א בענקל, און, ענדלעכ, וואָלט אראָפּנעמענ דאָס קייטעלע אסאכ באקוועמער געווענ פאר א דערוואקסענעמ — ער האָט לענגערע הענט. נאָכ אָט דער געשיכטע האָבנ מיכ די קריגערייענ אינ שטוב מער ניט געשראָקנ.

די ברידער האָבנ געזונגענ אינ קלויסטער־כאָר. ס'פלעג זיכ מאכנ, זיי הייבנ אָנ שטיל זינגענ בא דער ארבעט. דער עלטערער זינגט מיט א באריטאָנ:

— און ס'איז מײַנ מיידלס רינגעלע
אינ יאמ ארײַנגעפאלנ...

פאלט דער יינגערער ארײַנ מיט א טענאָר:

— מיט דעמ איז אויכ מײַנ גליק אפ דר'ערד
אפ אייביק שוינ פארפאלנ.

פונעמ קינדערצימער לאָזט זיכ הערנ דער שטילער אויסגעשריי פונ זײַנ באלעבאָסטע:

— איר זײַט פונ זינענ אראָפּ? דאָס קינד שלאָפט...

אָדער:

— דו, וואסיע, האָסט א ווײַב, מעגסט שוינ אופהערנ זינגענ וועגנ מיידלעכ, וואָס פאר א פּאָנעמ האָט עס? און באלד וועט מענ שוינ קלינגענ צו גאנצנאכט...

— נו, וועלנ מיר אָנהייבנ א קלויסטער־ניגנ...

נאָר די באלעבאָסטע פלעג געבנ צו פארשטיינ, אז קלויסטער־זאכנ פאסט אינ אלגעמיינ ניט צו זינגענ אבי־ווו, און דאָ נאָכ... און זי ווײַזט מיט א קלאָר באַטײַטנדיקער באוועגונג פונ דער האנט אפ דער קליינינקער טיר.

— מע דארפ בײַטנ די קווארטיר, אניט איז עס דער טײַוול ווייסט וואָס! — זאָגט דער באלעבאָס.

ניט זעלטענער האָב איכ אימ געהערט ריידנ, אז מע דארפ איבערבײַטנ דעמ טיש, נאָר ער האָט שוינ אזוי גערעדט אינ פארלויפ פונ דרײַ יאָר.

הערנדיק די באלעבאטימס געשפרעכנ וועגנ מענטשנ, פלעג איכ זיכ שטענדיק דערמאנענ אינ דעמ שוכ־מאגאזינ: דאָרטנ האָט מענ גערעדט פונקט דאָס אייגענע. ס'איז מיר געווענ קלאָר, אז אויכ די באלעבאטימ, ווי יענע, האלטנ זיכ פאר די בעסטע אינ שטאָט, זיי ווייסנ די ריכטיקסטע קלאָלימ פונ אופירונג, און אפנ גרונט פונ אָט די, פאר מיר גאנצ אומקלאָרע, קלאָלימ מישפּעטנ זיי אלע מענטשנ אָנראכמאָנעסדיק הארט. דער דאָזיקער מישפּעט פלעג בא מיר ארויסרופנ א ווילדע קלעמעניש און א פארדראָס קעגנ די געזעצנ פונ די באלעבאטימ. ברעכנ אָט די געזעצנ — איז געוואָרנ פאר מיר א קוואל פונ פארגעניגנ.

ארבעט האָב איכ געהאט אסאכ: איכ האָב אויסגעפילט די פליכטנ פונ א שטובמיידל, האָב אלע מיטוואָכ געוואשנ דעמ פּאָל אינ קיכ, געשײַערט דעמ סאמאָוואר, די קופערנע קיילימ. אלע שאבעס האָב איכ געוואשנ די פּאָלנ אינ דער גאנצער קווארטיר און ביידע טרעפּ. איכ האָב געהאקט און געטראָגנ האלצ פאר די אויוונס, געוואשנ דאָס געפעס, געריייניקט גאָרטנווארג, געגאנגענ מיט דער באלעבאָסטע אפנ מארק, טראָגנדיק נאָכ איר דעמ קויש מיט די פּראָדוקטנ, און געלאָפנ אינ קלייטל, אינ אפטייק.

מײַן נאָענטסטע באַפּרײַלערן — דער באָבעס שוועסטער, א טומלדיקע אַלטע, א מורירדיקע קײַסנטע — פלעג אױפשטײן פרי, אזײגער זעקס. אפגיכ זיכ אָפּגעוואַשן, פלעג זי אינ אײנ העמד זיכ שטעלן אפ די קני פאר דער איקאָנע און לאנג זיכ באקלאָגנ פאר גאָט אפ איר לעבן, אפ די קינדער, אפ דער שנור.

— גאָטעניו! — רופט זי מיט טרערנ אינ קאָל, די פינגער צונויפגעלײגט אינ א בינטל און צוגעדריקט צום שטערנ. — גרויסער גאָט! גאָרניט בעט איכ ניט, קײנ זאכ דארפ איכ ניט — רו גיב מיר נאָר, באַרויִק מיכ, גאָט, מיט דער קראפט מיט דײַנער.

אירע יעלאָלעס פלעגנ מיכ אופוועקנ. אופגעכאפט זיכ, קוק איכ פונ אונטער דער קאָלדרע און הער זיכ אײַנ מיט שרעק אינ דער הײסער טפילע. דער הארבסט־טיקער פרימאָרגנ קוקט מוטנע ארײַנ דורכ די שויבנ פונ די קיכ־פענצטער, וואָס זײַנענ באוואשנ מיט רעגנ. אפנ פּאָל, אינ קאלטנ האלבטונקל, שאָקלט זיכ א גרויע פיגור, צערודערט פאָכנדיק מיט א האנט. פונ איר קלײנינקנ קאָפּ, פונעם אראָפּגערוקטנ טיכל האָבנ זיכ אראָפּגעשאָטנ אפנ האלדז און אפ די אקסלענ די שיטערינקע העלע האָר, דאָס טיכל פאלט קעסײדער אראָפּ פונ קאָפּ. אימגעדולדיק פאריכטנדיק עס מיט דער לינקער האנט, וואָרטשעט די אַלטע:

— א, צערײַסנ זאָל עס דיכ:

— זי פארמעסט זיכ און שלאָגט זיכ איבערנ שטערנ, איבערנ בויכ, איבער די אקסלענ און צישעט:

— און די שנור, גאָטעניו, באשטראָפּ מיר צוליב, פאַרעכנ איר אַלע, אַלע פארדראָסנ מײַנע! און עפנ די אויגנ דעמ זונ מײַנעמ — אפ איר עפנ זײ און אפ וויקטאָרושקענ! גאָטעניו, העלפ וויקטאָרושקענ מײַנ זונ, שענק אימ פונ דײַנע גנאָדנ...

וויקטאָר שלאָפט טאקע דאָ אינ קיכ, אפ די נארעס. דער מאמעס קרעכצנ האָבנ אימ אופגעוועקט, און ער שרײַט מיט א פארשלאָפענער שטימ:

— מאמע, ווידעראמאָל מאכט איר גװאַלדנ פארטאָג, אנ אומגליק פּאָשעט!

— נו, נו, שלאָפּ זיכ, — שעפּטשעט די אַלטע פארשולדיקט, א פּאָר מינוט שאָקלט זי זיכ שוויַגנדיק, און פלוצעמ רופט זי ווידער אויס נעקאָמעדיק: — און די בײנער זאָל עס זײ דורכשיסנ און סע זאָל פונ זײ קײנ געדעכעניש ניט בלײַבנ, גאָטעניו...

אזוינע שרעקלעכע טפילעס האָב איכ אפילע פונעמ זײדנ ניט געהערט.

נאָכנ דאַוונענ פלעג זי מיכ וועקנ:

— שטײ אופ, גענוג פּאָפּנ, ניט צוליב דעמ לעבסטו!.. שטעל דעמ סאמאָוואר, טראָג אָנ האָלצ, — קינעלעכ האָסטו פארגעסנ אָנגרײטנ פונ אָוונט? אָ!

איכ פלײַס זיכ צו טאָנ אַלצ גיכ, אבי ניט הערנ די צישענדיקע שעפּטשערײַ פונ דער אַלטער, נאָר צופרידנשטעלנ זי איז אומעגלעכ. זי יאָגט זיכ אומ איבער דער קיכ, ווי א ווינטערדיקע זאווערוכע, און צישעט וויִענדיק:

— שטילער, טײַוול! ווײסט וויקטאָרושקענ אופוועקנ. איכ וועל דיר געבנ! לויפ אינ קלײטל...

אינמיטנ דער וואָכ פלעג מענ צומ פרימאָרגנ־טײ קויפנ צוויי פונט ווײַצענע בולקע און פאר צוויי קאָפּיקעס גראָשנדיקע זעמעלעכ פאר דער יונגער באלעבאָסטע.

ווען איך פלעג אַרײַנברענגען דאָס ברויט, פלעגן מיך די ווײַבער פאַרדעכטיק באַטראַכטן און, אָפּוועגנדיק אַפּ די הענט, פלעג מען פרעגן:

— און קיין צוואָג איז ניט געווען? ניין? אַנו, טו נאָר אַן עפן אויף דאָס מויל! — און טריומפירנדיק פלעגן זיי אויסשרײַען: — אַזוי איז עס, אויפגעפרעסן דעם צוואָג. אָטאָ — ברעקלעך אין די צײַנער!

... געאַרבעט האָב איך מיט כיישעק. ס'איז מיר געפעלן געווען אויסראָמען די בלאָטע פון דער שטוב, וואַשן די פאָלן, רייניקן די קופּערנע קיילים, די ווענטיליר־טירלעך, די הענטלעך פון די טירן. כ'האָב ניט איינמאָל געהערט, ווי אין די שטילע שאָען פלעגן די פרויען ריידן וועגן מיר צווישן זיך:

— אַ פליַיסיקער.

— האַלט זיך ריין.

— נאָר אַן אַזעספּאָנעם.

— נו, טײַערע, ווער האָט אים דערצויגן!

און ביידע האָבן זיך באַמיט צו דערציִען אין מיר אַכטונג צו זיי, נאָר איך האָב געקוקט אויף זיי, ווי אויף האַלב־דולע, האָב זיי ניט ליב געהאַט, ניט געפאָלגט און זיך מיט זיי אויסגעטײַנעט אַ צאָן פאַר אַ צאָן. די יונגע באַלעבאָסטע האָט, ווײַזט אויס, באַמערקט, ווי שלעכט סע ווירקן אויף מיר געוויסע רייד, פלעגט זי מיר אַלץ אָפטער געבן צו פאַרשטיין:

— דו דאַרפסט געדענקען, אַז מע האָט דיך אַרויסגענומען פון אַ בעטלער־מישפּאָכע! איך האָב דער מאַמען דײַנער אַ זײַדענע טאַלמע געשענקט מיט סטעקליאַרוס!

איינמאָל האָב איך איר געזאָגט:

— וואָס־זשע זאָל איך פאַר אָט דער טאַלמע די פעל פון זיך אַראָפּציִען פאַר־אײַערטוועגן?

— טאַטעלעך, אַזאַ־אָ קאָן דאָך אונטערצינדן! — האָט די באַלעבאָסטע אויסגעשריגן אין שרעק.

איך בין געווען שטאַרק פאַרכידעשט: וואָס עפּעס — אונטערצינדן?

זיי פלעגן זיך אַלע ווײַלע באַקלאָגן אויף מיר פאַרן באַלעבאָס, און דער באַלעבאָס פלעג שטרענג זאָגן צו מיר:

— געדענק, גוטער־ברודער, וועסט בא מיר אַרײַנכאַפּן!

נאָר איינמאָל האָט ער זיך גלײַכגילטיק אָנגערופן צום ווײַב און צו דער מוטער:

— איר זײַט אויך פײַנע מענטשן, ניטאָ וואָס צו ריידן! איר פּאָרט אַרום אַפן יאַטל, ווי אויף אַ פערד. אַן אַנדערער וואָלט שוין לאַנג אַנטלאָפן, אָדער וואָלט גע־פּײַגערט פון אַזאַ אַרבעט...

דאָס האָט די פרויען דערצערנט ביז טרערן. דאָס ווײַב האָט, טופּענדיק מיט די פיס, געשריגן אויסער זיך:

— פאַר אים אין די אויגן רעדן אַזעלכע ווערטער, לעקיש דו לאַנגהאָריקער. אַ שיינעם באַטרעף וועל איך שוין האָבן בא אים נאָך אַזוינע רייד! איך בין אַ פרוי אַ טראָגעדיקע.

די מוטער האָט שיר געוויינט:

— גאָט זאָל דיר מוחל זײַן, וואסילי, נאָר געדענק מײַן וואָרט — וועסט אײַ־בערפירן דאָס באָכערל!

אַז זיי זײַנען צעקאסטע אוועק, האָט דער באַלעבאָס ערנסט געזאָגט:

— זעסט, רוכל דו אזוינס, ס'ארא געפילדער סע טוט זיך וועגן דיר? אַט וועל איך דיך אָפּשיקן צוריק צום זיידן, וועסטו ווידער ווערן א שמאטניק!

איך האָב עס מער ניט געקענט פארלײַדן און האָב זיך אָנגערופן:

— שמאטעס קלײַבן איז שוין בעסער, איידער לעבן דאָ בא אײַך! איר האָט מיך צוגענומען פאר א לערנייִנגל, און וואָס לערנט איר מיך? פּאָמעניעס ארויס־טראָגן!..

דער באַלעבאָס האָט מיך אָנגענומען פאר די האָר. אָן ווײַ, פּאָרזיכטיק, און, ארײַנקוקנדיק מיר אין די אויגן, האָט ער געזאָגט א פארכידעשטער:

— ע, ביסטו דאָך טאקע אן אזעסניק! דאָס, ברודער־לעבן, טויג מיר ניט, ניי־ייִן...

איך האָב געמיינט, מע וועט מיך ארויסטרײַבן, נאָר אין א טאָג ארום איז ער ארײַן אין קיך ארײַן מיט א טרײַבל גראָב פּאפּיר אין די הענט, מיט א בלײַער, א ווינקל־מעסטער און א ווירע.

— וועסט פארענדיקן רייניקן די מעסערס, מאָל אָן אָט דאָס־אָ!

אויפן בויגן פּאפּיר איז געווען אויסגעמאָלט א פאסאד פון א צווייִשטאָקיק הויז מיט א מענגע פענצטער און געקלעפּטע באפּוצונגען.

— אָט האָסטו א צירקול! מעסט אויס אַלע ליניעס, מערק אָפּ אויפן פּאפּיר די עקן זייערע מיט פּונקטן, דערנאָך פיר דורך מיט א בלײַער פון פּונקט צו פּונקט לויט דער ווירע. פריִער לענגויס — דאָס וועלן זײַן די האָריזאָנטאַלע, דערנאָך קווער — די ווערטיקאַלע. רײַב!

איך האָב זיך שטארק דערפרייט מיט דער ציכטיקער ארבעט און מיטן אָנהייב פון מײַן לערע, נאָר אויפן פּאפּיר מיט די אינסטרומענטן האָב איך געקוקט מיט ערפּאָרכט — כ'האָב גאָרניט ניט פארשטאנען.

פונדעסטוועגן האָב איך טייקעף אויסגעוואשן די הענט און זיך געזעצט לער־נען. כ'האָב דורכגעפירט אויפן בויגן אַלע האָריזאָנטאַלע, אויסגעמאָסטן — ס'גוט! מער ניט — דרײַ, האָט זיך ארויסגעוויזן, זײַנען איבעריקע. דורכגעפירט אַלע ווער־טיקאַלע און האָב מיט פארוואונדערונג דערזען, אַז די צורע פונעם הויז האָט זיך לעפּיש פארקרימט: די פענצטער האָבן זיך אריבערגעקליבן אויפן אָרט פון די צווישנ־ווענטלעך, און איינס איז ארויסגעפּאָרן אויף יענער זײַט וואנט און איז געהאנגען אינדערלופטן אין שכיינעס מיטן הויז. דער פאראדנער גאנעק האָט זיך אויך אויפ־געהויבן אינדערלופטן ביז דער הייך פונעם צווייטן שטאָק, דער געזימס האָט זיך ארויפגעכאפּט אויפן מיטן דאך, דאָס בוידעם־פענצטערל — אויפן קוימען.

איך האָב לאנג, שיר ניט מיט טרערן, געקוקט אויף אָט דעם ביַיז־ווונדער, וועלנדיק פארשטיין, וויִאזוי ס'איז געשען. און אזוי ווי כ'האָב ניט פארשטאנען, האָב איך, קעדיי צו פאריכטן די זאך, גערופן צו הילף די פאנטאזיע: כ'האָב אָנ־געמאָלט אויפן פאסאד פונעם הויז, אויף אַלע געזימסן און אויפן דאך־קאם קראָען,

טויבן, שפּערן, און אױף דער ערד פֿאַרן פֿענצטער — קרום־פּיסיקע מענטשן אונטער שירעמלעך, װאָס האָבן ניט אײַנגאַנצן פֿאַרדעקט זײער העסלעכקײַט. דערנאָך האָב איך דאָס אַלץ פֿאַרשטראָכן מיט קאָסע פּאַסיקלעך און האָב אָפּגעטראָגן די אַרבעט צום לערער.

ער האָט הױך אונטערגעהױבן די ברעמען, האָט זיך אױפֿגעשלאָגן די האָר, און אַ כמורנער האָט ער זיך געװאָלט קלאָר מאַכן:

— װאָס־זשע איז דאָס אַזױנס?

— אַ רעגנדל גײט, — האָב איך דערקלערט. — בײַס אַ רעגן קומען די הײַזער אױס קרומלעך, װײַל דער רעגן אַלײן גײט אַלעמאָל אין דער קרום. די פֿױגלען — אָט דאָס אַלץ זײַנען פֿױגלען — האָבן זיך באַהאַלטן אױף די געזימסן, בײַס אַ רעגן איז אַלעמאָל אַזױ. און אָט דאָס־אָ — לױפֿן מענטשן אַהײם. אָט דאָס איז אַ פֿריצע אומגעפֿאַלן, און דאָס איז אַ טרעגער מיט לימענעס...

— אַ שײנעם דאַנק! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט און, איבערגעבױגן צום טיש אַזױ, אַז די האָר האָבן אַראָפּגעשאַרט די פּאַפּירן, האָט ער זיך צעלאַכט, זיך צעשריגן: — אָך, צעטראָגן זאָל עס דיך אױף פּיצברעקעלעך, דו פֿױגלשע כײַע דו!

די באַלעבאָסטע איז אַרײַן, װיגנדיק מיטן בױך, װי מיט אַ פּאַס, האָט אַ בליק געטאָן אױף מײַן אַרבעט און געזאָגט צום מאַן:

— שמײַס אים אָפּ!

נאָר דער באַלעבאָס איז געװען געשטימט פֿרידלעך.

— ס'מאַכט ניט אױס, איך האָב אַלײן אָנגעהױבן ניט בעסער...

אָנמערקנדיק מיט אַ רױטן בלײַער די צעשטערונגען פֿונעם פֿאַסאַד, האָט ער מיר געגעבן נאָך פּאַפּיר.

— דעק אַ צװײט מאָל! װעסט עס אַזױ לאַנג צײכענען, ביז דו װעסט זיך דערשלאָגן צו אַ טאָלק...

די צװײטע קאָפּיע האָט זיך באַ מיר באַקומען בעסער, סאַכאַקל אײן פֿענצטער איז אַרױף אױף דער גאַנעק־טיר. נאָר מיר איז ניט געפֿעלן געװאָרן, װאָס דאָס הױז איז ליידיק, און איך האָב עס באַזעצט מיט פֿאַרשײדענע אײַנװױנער: אין די פֿענצטער זײַנען געזעסן פֿריצעס מיט פֿעכערס אין די הענט, קאַװאַלערן מיט פּאַפּיראָסן, און אײנער פֿון זײ, ניט קײן רױכערער, האָט זײ אַלעמען אױסגעשטעלט אַ לאַנגע נאָז. באַם גאַנעק איז געשטאַנען אַ פֿורמאַן, און ס'איז געלעגן אַ הונט.

— װאָס־זשע האָסטו װידעראַמאָל אָנגעפּאַטשקעט? — האָט דער באַלעבאָס געפֿרעגט מיט כּעס.

איך האָב אים געגעבן צו פֿאַרשטײן, אַז אָן מענטשן איז לאַנגװײַליק זײער, נאָר ער האָט אָנגעהױבן שעלטן.

— װאָסער שװאַרציאָר דאַרף עס אָט דאָס אַלץ! װילסט זיך לערנען, טאָ לערנשע זיך! און דאָס־אָ — ס'איז פֿױלע שטיק...

אַז ס'איז מיר סאָפֿקאָלסאָף געראָטן צו מאַכן אַ קאָפּיע פֿונעם פֿאַסאַד אַן ענלעכע אָפּן אָריגינאַל, איז אים די זאַך געפֿעלן געװאָרן.

— אָ, זעסטו, האָסט עס בײַגעקומען! אױף אַזאַ אופֿן װעלן מיר מיט דיר אײַנגיכן דערגײן ביז צום איקער...

און ער האָט מיר פאַרגעבן אַן אויפגאַבע:

— מאַך אַ פּלאַן פון דער קוואַרטיר: וויאַזוי זײַנען צעלייגט די צימערן, די פענצטער, ווו וואָס סע שטייט. איך וועל דיר ניט ווײַזן גאָרניט. מאַך אַליין.

איך בין אַוועק אין קיך אַרײַן און האָב זיך פאַרטראַכט: פון וואָס אָנהייבן? נאָר אַף דעם פּונקט האָט זיך מײַן צייכן־קונסט אָפּגעשטעלט.

די אַלטע באַלעבאָסטע איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט צישענדיק געפרעגט:

— צייכענען גלוסט זיך דיר?

זי האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און מיך אַ שטופּ געטאָן מיטן פּאָנעם אין טיש אַזוי, אַז איך האָב זיך צעשלאָגן די נאָז און די ליפּן, און זי האָט, אונטערשפּרינגענדיק, צעפּליקט די צייכענונגען, אַראָפּגעשלײַדערט פון טיש די אינסטרומענטן און, אַרײַנגעשפּאַרט די הענט אין די זײַטן, האָט זי זיגעריש אויסגעשריגן:

— נאַ, צייכן! ניין, דאָס וועט ניט גיין! אַ פרעמדער זאָל אַרבעטן, און אַ ברודער אַן איינציקער, אייגן בלוט — אַוועקשטופּן?..

ס'איז אָנגעלאָפן דער באַלעבאָס, ס'איז געקומען צו שווימען זײַן ווײַב, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער סקאַנדאַל: אַלע דרײַ זײַנען אָנגעשפּרונגען איינער אַפן אַנדערן, האָבן געשפּיגן, געוויִעט, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס דערמיט, אַז ווען די ווײַבער זײַנען זיך צעגאַנגען וויינענ, האָט דער באַלעבאָס צו מיר געזאָגט:

— מוזסט עס דערווײַל אַוועקוואַרפן, אָט דאָס לערנען — זעסט אַליין, וואָס דערפון קומט אַרויס.

ס'איז מיר געווען אַ ראַכמאָנעס אַף אים — ער איז געווען אַזאַ צעקוועטשטער, אומבאַשיצטער, אַף אייביק אַ פאַרטויבטער פון די ווײַבערשע געשרייען.

איך האָב פריִער אויך פאַרשטאַנען, אַז די אַלטע וויל ניט, איך זאָל זיך לערנען. זי שטערט מיר דעריין אומיסטן. אַלעמאָל, איידער זיך זעצן צום צייכענען, פלעג איך זי פרעגן:

— קיין אַרבעט ניטאָ?

זי פלעג כמורנע ענטפערן:

— אַז ס'וועט זײַן, וועל איך זאָגן, — ליג איבערן טיש, פּאַטשקע...

און אין אַ שטיקל צײַט אַרום שיקט זי מיך שוין ערגעץ, אָדער זי זאָגט:

— שיין זײַנען בײַ דיר אויסגעקערט די פּאַראַדנע טרעפּ! אין די ווינקלען — מיסט, שטויב! גיי, קער אויס...

איך גיי, קוק — קיין שטויב איז ניטאָ.

— דו ווילסט מיר רעדן אַנטקעגן? — צעשרײַט זי זיך.

איינמאָל האָט זי מיר אָפּגעגאָסן די צייכענונגען מיט קוואַס, אַ צווייט מאָל האָט זי איבערגעקערט אַף זיי אַ לעמפּל אייל פון די איקאָנעס — זי האָט געפּראַוועט שטיק, ווי אַ קליין מיידעלע, מיט קינדערשער כיטרעקײַט און מיט קינדערשער אומפייִקײַט צו באַהאַלטן די כיטרעקײַט. ניט פריִער, ניט נאָכדעם איז מיר ניט אויסגעקומען צו באַגעגענען אַ מענטשן, וואָס זאָל זיך אויפרעגן אַזוי גיך און גרינג, ווי

זי, אונ זאָל אַזוי לײדנשאַפטלעכ ליב האָבנ צו באַקלאָגנ זיכ אפ אַלצ אונ אפ אַלעמענ. אַלע מענטשנ האָבנ ליב צו קלאָגנ זיכ, נאָר זי פלעג עס טאָנ מיט א באַזונדער פאַרגעניגנ, ווי זי וואָלט זינגענ א ליד.

איר ליבע צום זונ איז געווענ ענלעכ אפ א מינ מעשוגאַס, האָט אַרויסגערופנ געלעכטער אונ געשראָקנ מיט איר קראַפט, וואָס איכ קענ ניט אָנרופנ אַנדערש, ווי נאָר א מינ ווילדע קראַפט. ס'פלעג טרעפנ, נאָכ דער פרימאָרגנדיקער טפילע שטעלט זי זיכ אפנ טרעפל צום אויוונ אונ, אַרופגעלייגט די הענט אפ דער עקסטער ברעט פונ די נאַרעס, שטייט זי אונ צישעט הייס:

— צופעליקער דו מײַנער, גאָט געשענקטער, בלוטס־טראָפנ דו מײַנ הייסער, ריינער, דימענטענער, מאַלעכשער פעדער גרינגינקער! שלאָפסטו? — אָפ, קינד, זאָל א פריילעכער כאָלעם דײַנ נעשאָמע אַרומנעמענ, זאָל זיכ דיר כאָלעמענ א קאַלע א גאָלד, די ערשטע פאַרשוינ, א באַסמאַלקע, א גווירנטע, א סויכערס א טעכטערל! אונ די אומפרײַנט דײַנע זאָלנ אויספייגערנ, איידער זיי ווערנ געבוירנ, דײַנע גוטע־פרײַנט אָבער זאָלנ לעבנ ביז הונדערט יאָר, אונ מיידלעכ זאָלנ נאָכ דיר — טשאַטעסווײַז, ווי ענטלעכ נאָכ א קאַטשער!

מיר גלוסט זיכ לאַכנ, קוימ וואָס איכ האַלט זיכ אײַנ: דער גראָבער אונ פוילער וויקטאָר איז ענלעכ אפ א פיק־האָלצ — פונקט אַזוי קאָלירִיק, גרויסנאָזיק, פונקט אַזוי פאַראַקשנט אונ טעמפ.

דער מאַמעס שעפטשערײַ פלעג אימ אַמאָל אופוועקנ, פלעג ער בעבענ שלעפעריק.

— גייט אײַכ צו אַלדע רוכעס, מאַמאַשע, וואָס פריסקעט איר מיר גלײַכ אינ צורע אַרײַנ!.. מע קאָנ גיט לעבנ פונ אײַכ!

אַמאָל פלעג זי אַראָפגיינ פונעמ טרעפל, צושמייכלענדיק:

— נו, שלאָפ, שלאָפ... גרוביאַנ.

נאָר ס'פלעג אויכ טרעפנ אַזוי: די פיס פלעגנ זיכ איר אונטערבייגנ, אומגעפאַלנ אפנ ברעג פונעמ אויוונ, פלעג זי מיט א צעעפנט מויל נעמענ הילכיק אָטעמענ, ווי זי וואָלט אָפגעבריט די צונג, אונ ברענענדיקע ווערטער פלעגנ זיכ צעקאָכנ:

— אַזוי־וי? איז שיקסטו די מאַמענ צו אַלדע רוכעס, זונ דו הינטישער? אכ דו כאַרפע מײַנע האַלבנאַכטיקע, סטראָמפ דו פאַרשאָלטענער, דער טײַוול האָט דיכ מיר אינ דער נעשאָמע פאַרשטאָכנ, אויספוילנ וואָלסטו, איידער איכ האָב דיכ געבוירנ!

זי האָט גערעדט ווערטער קויטיקע, ווערטער פונ דער שיקערער גאַס — ס'איז געווענ א פאַכעד צו הערנ.

געשלאָפנ איז זי ווייניק, אומרויִק, אופשפרינגענדיק פונעמ אויוונ צו עטלעכע מאָל א נאַכט, פלעג זיכ אָנוואַלגערנ אפנ דיוואַנ צו מיר אונ מיכ וועקנ.

— וואָס איז אײַכ?

— שווײַג, — פלעג זי שעפטשענ, צײלעמענדיק זיכ אונ אײַנקוקנדיק זיכ אינ עפעס אינ דער פינצטער, — גאָט... עליאָהו האַנאָווי... הייליקע וואַרוואַרע... באַהיט פונ אומגעריכטנ טויט...

מיט א ציטערנדיקע, אנט פֿלעג זי אָנצינדן א ליכט, אין קלײניק, גרױסנאַזיק פּאָנעם פֿלעגט זיך אָנגעשטרענגט אָנבלאָזן, די אויגן פֿלעגן זיך צוקוקן, אומרויִק פֿינטלענדיק, צו די זאכן, וואָס דער טונקל האָט פֿארענדערט. די קיך איז א גרויסע, נאָר זי איז פֿארשטעלט מיט שאפֿעס, קופֿערטן. באנאכט ווייזט זי אויס קליינ. ס'לעבן אינ איר שטילינקערהייט לעוואָנע־שטראלן, ס'ציטערט דאָס פֿײַערל פֿון דער אומפֿארלאָשענער לאמפּאדע פֿאר די איקאָנעס, אפֿ דער וואנט בליצן די מעסערס, ווי אײַז־צאפּנס, אפֿ די פֿאָלעצעס — סקאָווראָדעס, עמעצנס אָנויגיקע צורעס.

די אלטע קריכט אראָפּ פֿונעם אויוון פֿאַרזיכטיק, ווי פֿונ א ברעג טײַך אינ וואסער ארײַנ, און, פּאטשנדיק מיט די באָרוועסע פֿיס, גייט זי צום ווינקל, ווו איבערנ צעבער הענגט דער אויערדיקער האנטפאס, ענלעך אפֿ אנ אָפּגעהאקטנ קאָפּ. דאָרט שטייט אויך דאָס פֿעסל מיט וואסער.

ווארגנדיק זיך און זיפּצנדיק, טרינקט זי וואסער, נאָכדעם קוקט זי אינ פֿענצטער דורכנ בלויענ פֿראָסט־געמעל אפֿ די שויבנ.

— דערבארעמ זיך איבער מיר, גאָט, דערבארעמ זיך, — בעט זי שעפּטשענדיק.

אנ אנדער מאָל פֿארלעשט זי די ליכט, שטעלט זיך אפֿ די קני און צישעט באליידיקט:

— ווער האָט מיך ליב, גאָטעניו, ווער דארפֿ מיך?

ארופֿגעקראָכנ אפֿנ אויוון און איבערגעציילעמט דאָס טירעלע אינ קוימענ, טאפּט זי, צי די דעקלעך ליגנ פֿעסט. אויסגעשמירט די הענט מיט סאזשע, צעשעלט זי זיך געפֿערלעך און שלאָפֿט באלד אײַנ, פּונקט ווי עפּעס אנ אומזיכטיקע קראפֿט וואָלט זי דערשלאָגנ. אז איך האָב זיך געפֿילט באאוולט פֿונ איר, פֿלעג מיר קומענ א געדאנק: א שאָד, וואָס דער זיידע האָט ניט כאסענע געהאט מיט איר — אָט וואָלט זי אים געטאָטשעט! און אויך זי וואָלט ארײַנגעכאפּט די פֿײַנע אויסגאָבנ. באאוולט האָט זי מיך אָפֿט, נאָר ס'פֿלעגנ זיך מאכנ טעג, ווענ איר געשוואָלנ וואטאָווע פּאָנעם פֿלעג ווערנ טרויעריק, די אויגנ פֿלעגנ זינקענ אינ טרערנ, און זי פֿלעג ריידנ זייער איבערצײַגנדיק:

— דו מיינסט, ס'איז מיר גרינג? געהאט קינדער, געכאָוועט און אפֿ די פֿיס געשטעלט — צו וואָס? אָט בינ איך בא זיי א קעצל. ס'איז, מיינסטו, זיס? ער האָט ארײַנגעבראכט, דער זון מײַנער, א פֿרעמדע פֿרוי אינ שטוב, און אפֿ איר אויסגעביטנ אייגנ בלוט — איז עס גוט אזוי? נו?

— ניט גוט, — האָב איך אופֿריכטיק געענטפֿערט.

— אהא? אָט דאָס איז דאָס...

און זי פֿלעג זיך נעמענ ריידנ וועגנ דער שנור אפֿ אנ אומפֿארשעמטנ אויפֿנ.

— כ'בינ געווענ מיט איר אינ באָד, כ'האָב זי געזענ! אפֿ וואָס ער האָט זיך דאָ געקוואפּעט? אזעלכע־אָ הייסנ עס דענ שיינע?

וועגנ די באציִונגענ פֿונ די מאנצבלענ צו די פֿרויענ האָט זי אלעמאָל גערעדט אויסערגעוויינלעך ברודיק. אינאָנהייב האָבנ אירע רייד בא מיר ארויסגערופֿנ אנ עקל, נאָר אינגיכנ האָב איך זיך אײַנגעוווינט אויסצוהערנ זיי אופֿמערקזאמ, מיט גרויס אינטערעס, פֿילנדיק אונטער די רייד עפּעס א שווערנ עמעס.

— די פרוי איז א קראפּט. זי האָט גאָט אַליין אָפּגענאַרט, אָט ווי! — האָט זי געזשורשעט, צוקלאַפּנדיק מיט דער דלאָניע איבערן טיש. — איבער כאַוועס גייען אַלע אין גענעם אַרײַן, אָט האָסטו דיר!...

וועגן דער קראַפּט פון דער פרוי האָט זי געקענט ריידן אָן א סאָף, און מיר האָט זיך שטענדיק אויסגעוויזן, אז עמעצן וויל זי מיט די שמועסן אָנשרעקן. איך האָב באַזונדערס פאַרגעדענקט, אז „כאַווע האָט אָפּגענאַרט גאָט".

אין הויף בא אונדז איז געשטאַנען א „פליגל", די גרייס ווי אונדזער הויז. פון די אַכט דירעס אין דיביידע געבײַדעס זײַנען אין פיר געזעסן אָפּיצערן, אין דער פינפטער האָט געוווינט דער גאַלעך פון פּאָלק. דער גאַנצער הויף איז פול געווען מיט די אָפּיצערישע באַדינער און שיק־יונגען, צו זיי זײַנען געגאַנגען וועשנס, שטוב־מיידלעך, קעכנס. אין אַלע קיכן פלעגן זיך שטענדיק אָפּשפּילן ראָמאַנען און דראַמעס מיט טרערן, זידלערײַען, געשלעגן. געשלאָגן האָבן זיך די סאָלדאַטן אײנער מיטן אַנדערן, מיט די גראַבאַרעס, מיט דעם באַלעבאָס אַרבעטער, מע האָט געשלאָגן די פרויען. אין הויף האָט קעסיידער געקאָכט דערמיט, וואָס סע רופט זיך זנוס, צעלאָזנקײַט — כײַישער, אומגעשטילטער הונגער פון געזונטע יונגען. אָט דאָס לעבן, וואָס איז אָנגעזעטיקט געווען מיט אַכזאָריעסדיקער טײַוועדיקייט, מיט אומזיניקער פּײַניקונג, מיט קויטיקער באַרימערײַ פון די זיגער, פלעגן אויסשפּירלעך און ציניש אַרומגערעדט ווערן צווישן מײַנע באַלעבאַטים באַם מיטיק, באַם טיי און אָוונט־עסן. די אַלטע האָט אַלעמאָל געוווּסט אַלע געשיכטעס אין הויף און פלעגן זיי דערציילן הײַס און מיט שאָדן־פרייד.

די יונגע פלעגן הערן די דערציילונגען און שווײַגן, שמייכלענדיק מיט די פּוכקע ליפּן; וויקטאָר פלעגן זיך צעגיין פאַר געלעכטער, און דער באַלעבאָס פלעגן זיך פּאַרקנייטשן און זאָגן:

— גענוג שוין, מאַמע...

— גאָט מײַנער, קיין וואָרט לאָזט מען מיך שוין ניט אויסריידן! — פלעגן זיך באַקלאָגן די דערציילערן.

וויקטאָר פלעגן איר אונטערגעבן כײַשעק:

— רײַבט, מאַמאַשע, וואָס מאַכט איר א וועזן! אייגענע מענטשן...

דער עלטערער זון האָט זיך באַצויגן צו דער מוטער מיט א ווידערגעפיל און מיטלייד, האָט אויסגעמיטן צו בלײַבן מיט איר אויג־אָפּ־אויג, און טאָמער פלעגן עס טרעפן, פלעגן אים די אַלטע פאַרשיטן מיט אָנקלאָגן אויף זײַן ווײַב און האָט אומבאַדינגט געבעטן געלט. ער פלעגן איר אײַליק אַרײַנשטופּן אין דער האַנט א רובל דרײַ, עטלעכע זילבערנע מאַטבייעס.

— אומזיסט, מאַמע, נעמט איר בא מיר געלט, איך זשאַלעווע ניט, נאָר — אומזיסט!

— פאַר אָרעמעלײַט נעם איך עס דאָך, אויף ליכט אין קלויסטער...

— נו, וואָסערע אָרעמעלײַט! איר וועט אים איבערפירן, וויקטאָרן, מאַכן פון אים א גאַרניט.

— האָסט ניט ליב דעם ברודער, נעמסט אויף זיך א גרויסע זינד!

ער פלעגן אוועקגיין, זיך אָפּפאָכנדיק פון איר מיט דער האַנט.

וויקטאָר איז זיך באַגאַנגען מיט דער מוטער גראָב, אויסלאַכעריש. ער איז געווען אַ מוירעדיקער פרעסער, איז שטענדיק געווען הונגעריק. זונטיק פלעג די מוטער באַקן לאַטקעס און אַלעמאָל פאַרבאַהאַלטן עטלעכע אין טעפל אַריין, אַרונטערשטעלנדיק אונטערן דיוואַן, אַף וועלכן איך בין געשלאָפן. קומענדיק פון קלויסטער, פלעג וויקטאָר אַרויסבאַקומען דאָס טעפל און וואָרטשען:

— מער האָסטו שוין ניט געקענט, צוועכעס אין די לעכער!

— פרעס, פרעס גיכער, מע זאָל ניט דערזען...

— כ'וועל אומיסטן זאָגן, אַז דו גאַנוועסט פאַר מיר לאַטקעס, גאַפּלען אין די נאָפּלען!

איינמאָל האָב איך פון טעפל אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר לאַטקעס און אופגעגעסן — וויקטאָר האָט מיר דערפאַר גוט אָנגעבראָכן די ביינער. ער האָט מיך ניט ליב געהאַט, פּונקט ווי איך אים, האָט זיך איזדעקעוועט איבער מיר, האָט געצוואונגען צו דריי מאָל אַ טאָג פּוצן זיינע שטיוול, און ליגנדיק זיך שלאָפן אַף דער נאַרע, פלעג ער צערוקן די ברעטער און שפּייען אין די שפּאַרונעס, צילנדיק מיר אין קאָפּ אַריין.

וויייזט אויס, נאָכקרימענדיק דעם ברודער מיט זיינע אויסדרוקן „הינערשע כייעס", האָט וויקטאָר אויך באַנוצט ווערטלעך, נאָר אַלע זיינען זיי געווען כידושימדיק לעפּיש און אומזיניק.

— מאַמאַשע — רעכטס אַרום! — ווו זיינען מיינע שקאַרפּעטקעס?

ער האָט מיך פאַרפאָלגט מיט נאַרישע פראַגעס:

— אַליאָשקע, ענטפער: פאַרוואָס שרייבט זיך — אַ נייינקע, און סע רעדט זיך כייינקע? פאַרוואָס זאָגט מען אַ פאַלטע אַף וואַטע, און ניט — אַ יאָלד איז דיין טאַטע?

ס'איז מיר ניט געפעלן געווען, ווי זיי אַלע ריידן. אופגעוואַקסן אַף דער באָבעס און דעם זיידנס שיינער שפּראַך, האָב איך אינאָנהייבס ניט פאַרשטאַנען אַזוינע פאַרביינדונגען פון ווערטער, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרייניקן, ווי „מוירעדיק פריילעך", „שרעקלעך קאָמיש". מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס, וואָס איז קאָמיש, קאָן ניט זיין שרעקלעך, און דאָס, וואָס איז פריילעך, קען ניט זיין מוירעדיק.

— איך פרעג:

— מע קאָן דען אַזוי זאָגן?

זידלען זיי מיך:

— אַ לערער האָט זיך אָפּגעזוכט! אָט — די אויערן אָפּרייסן...

נאָר אויך די „אויערן אָפּרייסן" האָט זיך מיר אויסגעוויזן איז ניט ריכטיק: אָפּרייסן קען מען גראָז, בלומען, ניס.

זיי האָבן מיר געפּרוווט דערווייזן, אַז אויערן קען מען וויל רייסן, נאָר דאָס האָט מיך ניט איבערצייגט, און איך האָב זיגעריש געמאָלדן:

— און די אויערן זיינען פאָרט געבליבן ניט אָפּגעריסן!

אַרום איז געווען אַזויפיל אַכזאָריִעסדיקע ווילדקייט, ברודיקע אומפאַרשעמטקייט — אָן אַן ערעך מער, ווי אַף די גאַסן פון קונאַווינאָ, וואָס איז רייך געווען מיט „שאַנד-הייזער" און „גאַסן-מוידן". אין קונאַווינאָ האָט זיך אונטערגן קויט און

שאנד געפילט עפעס אזוינס, וואָס האָט דערקלערט די אומפארמײַדלעכקײַט פון אָט דעם קויט און שאנד: א שווער האלב־הונגעריק לעבן, שווערע ארבעט. דאָ אָבער האָט מען געלעבט זאט און גרינג, אָנשטאָט ארבעט האָט מען דאָ געזען נאָר אומ־פארשטענדלעכע, איבעריקע האוועניש און געדרענג. און איבער דעם האָט גע־וועלטיקט עפעס אן עסערדיקער, אופרעגנדיקער לאנגווײַל.

ס'האָט זיך מיר געלעבט שלעכט, נאָר נאָך ערגער האָב איך זיך געפילט, ווען די באבע פלעג צו מיר קומען צוגאסט. זי באוויַזט זיך דורך דער הינטער־טיר; ארײַנגייענדיק אין קיך, צײלעמט זי זיך פאר די איקאָנעס, דערנאָך פארנייגט זי זיך ביזן גארטל פאר דער ייִנגערער שוועסטער, און דאָס פארנייגן זיך פלעג מיך אײַנ־בייגן, צושטיקן, ווי א פילפודיקער געוויכט.

— א, דאָס ביסטו, אקולינע, — נעמט מײַנע באלעבאָסטע אופ די באבע נאכלעסיק און קאלט.

איך דערקען ניט די באבע: באשיידן אונטערגעקליבן די ליפּן, אומבאקאנט פארענדערט דאָס פּאָנעם, זעצט זי זיך שטילינקערהייט אפ דער באנק בא דער טיר, לעבן דעם צעבער מיט די פּאָמעניעס, און שווײַגט ווי א שולדיקע, ענטפערט אפ די פראגן פון דער שוועסטער שטיל און האכנאָעדיק.

דאָס מאטערט מיך, און איך זאָג צו איר אופגערעגט:

— וואָס טוסטו, ווו'סטו זיך געזעצט?

מיט א מילדן ווונק צו מיר רופט זי זיך שטרענג אָן:

— שווײַג, ביסט דאָ ניט קיין באלעבאָס!

— ער שטופּט זיך אלעמאָל, וווהין מע בעט אים ניט, כאָטש שלאָג אים, כאָטש שעלט אים, — הייבט אָן די באלעבאָסטע זיך באקלאָגן אפ מיר.

אָפטמאָל טוט זי בא דער שוועסטער בייז־פריידיק א פרעג:

— וואָס, אקולינע, בעטלערסט?

— א קנאפּע צאָרע...

— וואָס איז שוין דאָ צו רעדן וועגן צאָרע, אז מע האָט פארלוירן די בושע!

— מע זאָגט, קריסטוס האָט אויך פון בעטל־ברויט געלעבט...

— נארישע קעפּ זאָגן עס, אפּיקאָרסים, און דו, אלטע טיפּשע, הערסט זיך אײַן. קריסטוס איז געווען ניט קיין בעטלער, נאָר גאָטס זון, ער וועט קומען, שטייט גע־שריבן, מיטן גרויסן רום צו מישפּעטן די לעבעדיקע און די טויטע, — און די טוי־טע, פארגעדענק עס! פון אים וועסטו זיך ניט אויסבאהאלטן, מאמע מײַנע, זאָלסט אפילע אפ אש זיך פארברענען... ער וועט דיר מיט וואסיעלן באצאָלן פאר אײַער גאדלעס קעגן מיר, ווען איך האָב בא אײַך, ווען איר זײַט רײַך געווען, הילף געבעטן...

— איך האָב דיר דאָך, וויפל כ'האָב געקענט, געהאָלפן, — ענטפערט די באבע גלײַכגילטיק, — און גאָט האָט אונדז שוין באצאָלט, דו ווייסט עס...

— ווייניק נאָך! ווייניק...

די שוועסטער זעגט און שאָבט די באבע מיט איר צונג, וואָס ווערט גאָרניט מיד, איך הער איר בייזן סקריפּ און טראכט אין איינע קלעמעניש: ווי קען עס די באבע פארטראָגן אזוינס? אין אזוינע מינוטן האָב איך זי ניט ליב געהאט.

פון די צימערן גייט ארויס די יונגע באַלעבאָסטע, ווינקט צו דער באָבען מיטן קאָפּ ווילקאָמען:

— גייט אַרײַן אין עסצימער, ס'מאַכט ניט אויס, גייט אַרײַן!

די שוועסטער שרײַט נאָך דער באָבען:

— די פיס וויש אויס, דאַרף יעלאָווער, אַפּ בלאָטע געבויטער!

דער באַלעבאָס באַגעגנט די באָבע פריילעך:

— א, די כאַכאָמע אקולינע! ווי לעבט זיך? דער אַלטיטשקער קאַשירינ אָטעמט נאָך?

די באָבע שמייכלט צו אים מיט איר שמייכל פון דער נעשאָמע ארויס.

— בײַגסט זיך אַלץ? אַרבעטסט?

— איך אַרבעט אַלץ! ווי אַן אַרעסטאַנט.

מיט אים האָט די באָבע גערעדט ליב און גוט, נאָר ווי אַן עלטערע. און אַנדער מאָל דערמאָנט ער זיך אין מײַן מוטער:

— יאָ־יאָ, וואַרוואַרע וואַסיליעווגע... אָט דאָס איז געווען אַ פרוי. אַ העלד, אַ?

דאָס ווײַב זײַנס ווענדעט זיך צו דער באָבען, שטעלט אַרײַן אַ וואָרט:

— איר געדענקט, איך האָב איר אַ טאַלמע געשאָנקען, אַ שוואַרצע, אַ זײַדענע, מיט סטעקליאַרוס?

— ווי דען...

— נאָך גאָר אַ גוטע טאַלמע געווען...

— יאָ־אָ, — זאָגט דער באַלעבאָס, — טאַלמע, פאַלמע, — און דאָס לעבן איז אַ שעלמע!

— וואָס מיינסטו דערמיט? — פרעגט דאָס ווײַב מיט פאַרדאַכט.

— גאָרניט. אַזוי זיך. פריילעכע טעג פאַרגייען, גוטע מענטשן פאַרגייען...

— איך פאַרשטיי ניט, צו וואָס איז עס אַלץ, וואָס דו רעדסט? — איז די באַלעבאָסטע אומרויִק.

דערנאָך פירט מען די באָבע אָנקוקן דעם נײַ־געבוירענעם. איך נעם צונויפ פון טיש דאָס שמוציקע טיי־געפעס, און דער באַלעבאָס זאָגט צו מיר שטיל און פאַרטראַכט:

— אַ ווילע אַלטע, די באָבע דײַנע...

איך בין אים טיפ דאַנקבאַר פאַר די ווערטער, און ווען איך בלײַב אויג־אַפּ אויג מיט דער באָבען, זאָג איך צו איר מיט ווייטעק:

— צו וואָס גייסטו אַהער, צו וואָס? זעסט דאָך וואָס פאַר אַ מענטשן דאָס זײַנען...

— עך, אָליאָשאַ, איך זע אַלץ, — ענטפערט זי, קוקנדיק אַפּ מיר מיט אַ גוטן שמייכל אַפּן וואונדערלעכן פּאָנעם, און סע פאַרדריסט מיך שוין אַפּ זיך: נו, פאַרשטייט זיך, אַז זי זעט אַלץ, ווייסט אַלץ, ווייסט אַפילע, וואָס סע טוט זיך בא מיר אין האַרצן אין דער מינוט.

שטיל זיך אומקוקנדיק, צי סע גייט ניט קיינער, נעמט זי מיך אַרום און זאָגט האַרציק:

— כ'וואָלט ניט געקומען אַהער, ווען דו ביסט דאָ ניטאָ, צי וואָס דאַרפ איך

זײ? נאָר אָט, דער זײדע איז קראנק געװאָרנ, איכ האָב מיט אימ געהאט צו טאָנ, ניט געארבעט, קײנ געלט איז ניטאָ... אונ דער זונ, מיכײַלע, האָט סאשענ ארויסגעטריבנ, דארפ מענ אימ געבנ עסנ, טרינקענ. זײ האָבנ צוגעזאָגט פאר דיר זעקס רובל א יאָר, איז קלער איכ אָט — עפּשער װעלנ זײ דערװײַל געבנ א קערבל... האָסט דאָכ שױנ אָפּגעלעבט דאָ א האַלב יאָר... — אונ זי שעפּטשעט מיר אפנ אויער: — זײ האָבנ געהײסנ דיכ אויסמוסערנ, אויסזידלענ, פאָלגסט ניט קײנעמ, זאָגנ זײ. װאָלסט געדארפט, נעשאָמע מײַנע, איבערזײַנ בא זײ, איבערלײַדנ א צװײ יאָר, ביז דו װעסט קרעפּטיקער װערנ! לײַד איבער װי ניט איז, א?

כ'האָב צוגעזאָגט לײַדנ. ס'איז זײער שװער. סע דריקט מיכ אָט דאָס לעבנ, אנ אָרעמס, אנ אומעטיקס, אינ אײנ זאָרגנ װעגנ עסנ, איכ לעב װי אינ א כאָלעמ.

אמאָל טראכט זיכ מיר: מע דארפ אנטלױפנ. נאָר אינדרויסנ איז ביטערער װינטער, אינ די נעכט װױענ זאװערוכעס, אפנ בוידעמ באָברעט זיכ דער װינט, סע קנאקנ די קראָקװעס, צונױפגעקװעטשט פונעמ פראָסט, — װוהינ װעסטו איצט לױפנ?

שפּאצירנ גײנ האָט מענ מיכ ניט געלאָזט, אונ ס'איז קײנ צײַט ניט געװענ צו שפּאצירנ: דער קורצער װינטער־טאָג פלעג צעריבנ װערנ אינ דער טומלעניש פונ דער שטוב־ארבעט, אײדער דו האָסט זיכ ארומגעזענ. נאָר אינ קלױסטער האָב איכ געמוזט גײנ. שאבעס — צו דער גאנצנאכט, אינ די יאָנטױװימ — צומ שפּעטנ מיטיק־דאװענענ.

ס'איז מיר געפעלנ געװענ צו זײַנ אינ קלױסטער. שטײענדיק ערגעצ אינ א װינקל, װו ס'איז גראָמער אונ טונקעלער, האָב איכ ליב געהאט צו קוקנ פונדערװײַטנס אפנ איקאָנאָסטאס. סע דוכט, אז ער שמעלצט זיכ אינ די פײַערנ פונ די ליכט, רינט אראָפּ אינ געדיכט־גאָלדענע שטראָמענ אפנ גרויענ שטײנערנעמ פאָל פונ דער בימע. שטיל רירנ זיכ די טונקעלע פיגורנ פונ די איקאָנעס. פרײלעכ פלאטערט דער גאָלדענער האפט פונ די קײסערלעכע טויערנ, די פײַערנ פונ די ליכט הענגענ אינ דער בלױלעכער לופט, װי גאָלדענע בינענ, אונ די קעפּ פונ די פרויענ אונ מײדלעכ זײַנענ ענלעכ אפ בלומענ.

אלצ ארומ איז הארמאָניש צונױפגעגאָסנ מיטנ געזאנג פונעמ כאָר, אלצ לעבט מיט אומגעװײנלעכנ לעבנ פונ א מײַסע. דער גאנצער קלױסטער װיגט זיכ לאנגזאמ, װי א װיג — הוידעט זיכ אינ דער טונקעלער אונ, װי סמאָלע, געדיכטער לײדיקײַט.

אמאָל פלעג מיר דוכטנ, אז דער קלױסטער איז פארזונקענ טיפ אינ דער װאַסער פונ אנ אָזערע, האָט זיכ באהאלטנ פונ דער ערד צו לעבנ דאָ מיט א באזונדער לעבנ, װאָס איז אפ קײנ זאכ ניט ענלעכ. מיסטאמע, איז דער געפיל בא מיר ארויסגערופנ געװאָרנ דורכ דער באבעס דערצײלונגענ װעגנ קיטעזש דער שטאָט, אונ אָפּטמאָל, שאָקלענדיק זיכ, פארדרעמלט אינײנעמ מיט אלצ ארומ, פארװיגט פונעמ כאָר־געזאנג, פונ דער דאװנ־שושקערײַ, פונ די מענטשנס זיפצנ, פלעג איכ פאר זיכ איבערכאזערנ די זינגעװדיקע טרױעריקע געשיכטע:

האָבנ באַלאַגערט די פארשאָלטענע טאָטערנ
מיט די כאַיאָלעס זייערע די אומריינע,
באַלאַגערט קיטעזש די בארימטע שטאָט
אינ א פרימאָרגנ־שאָ א ליכטיקער.

אוי, דו גאָט אונדזערער, גרויסער האַר,
דו אַלהייליקע גאָט־געווינערנ!
אוי, באַווייליקט, אַז די קנעכט אייַערע
זאָלנ דערשטיינ די טפילע די פרימאָרגיקע,
אויסהערנ די שריפט די הייליקע!

אוי, דערלאָזט ניט, אַז דער טאָטער־פייַנט
זאָל דעמ הייליקנ קלויסטער מיט די פיס טרעטנ,
פרויענ, מיידלעכ — באַליידיקנ,
פונ קליינע קינדער א שפילעכל מאַכנ,
אַלטע לייַט — צו שאַרפ פונ שווערד!

אונ גאָט־סאַוואָפ האָט דעמ געבעט דערהערט,
דערהערט האָט די גאָט־געווינערנ
די זיפצנ־קרעכצנ די מענטשלעכע,
די טרערנ־געוויינען די קריסטלעכע.
אונ געזאָגט האָט דאַנ גאָט־סאַוואָפ
צו מיכאָעל דעמ מאַלעכ דעמ ליכטיקנ:
אַנו, גיי זיכ דורכ, מיכאָעל,
טרייסל אופ די ערד אונטער קיטעזש־שטאָט,
לאָז אראָפ זי אינ אַנ אָזערע.
זאָלנ מענטשנ דאָרטנ דאַווענענ,
ניט אופהערנ אונ ניט מיד ווערנ,
פונ דער מאָרגנ־טפילע דער נאַכטיקער,
אַלע קלויסטער־דינסטנ די הייליקע —
ביז אייביק אונ אייביק־אייביקייַט!

אינ יענע יאָרנ בינ איכ געווענ פול מיט דער באַבעס געדיכטנ, ווי א בינשטאָק מיט האָניק; דאַכט זיכ, אַז מייַנ געדאַנק איז געגאַנגענ אינ די פאָרמענ פונ אירע געדיכטנ.

אינ קלויסטער האָב איכ ניט געדאַוונט — ס'איז מיר געווענ ניט אָנגענעמ פאַר דער באַבעס גאָט איבערצוכאַזערנ דעמ זיידנס בייזע טפילעס אונ די קלאָגנדיקע פסאַלמענ; איכ בינ געווענ זיכער, אַז דער באַבעס גאָט קענענ זיי ניט זייַנ צומ האַרצנ, פונקט ווי זיי זייַנענ מיר ניט צומ האַרצנ; אויסער דעמ זייַנענ זיי אָפגעדרוקט אינ די ספאָרימ — הייסט עס, אַז גאָט ווייסט זיי אָפ אויסנווייניק, פונקט ווי אַלע גראַמעטנע מענטשנ.

דעריבער איז אינ קלויסטער אינ די מינוטנ, ווענ דאָס האַרצ פלעג פאַרקלעמענ א זיסער טרויער וועגנ עפעס, אָדער די קליינינקע באַליידיקונגענ פונ דעמ פאַרלאָפענעמ טאָג פלעגנ עס נעמענ בייַסנ אונ דראַפענ, פלעג איכ זיכ פלייַסנ צו שאַפנ מייַנע אייגענע טפילעס. ס'איז געווענ גענוג, איכ זאָל זיכ פאַרטראַכטנ וועגנ דעמ

ניט פריילעכנ גורל מײַנעמ, פלעגנ ווערטער פונ זיכ אליינ, אָנ אָנשטרענגונג, זיכ צונויפלייגנ אינ א טײַנע:

— גאָט, גאָט, כ'בינ מיט אומעט פארפולט,
ווענ וועל איכ ווערנ עלטער!
לעבנ אזוי איז ניטאָ קיינ געדולד,
כאָטש העננ זיכ, גיי פונ דער וועלט.

די לערע גייט אָנ שומ טאָלק,
די אלטע מעכאשײַפע מאטריאָנע
ברילט אפ מיר, ווי א בייזער וואָלפ,
איכ לעק ניט אינ לעבנ קיינ האָניק.

אסאכ אזוינע טפילעס מײַנע געדענק איכ נאָכ ביז הײַנט — די ארבעט פונעמ מארכ אינ די קינדער־יאָרנ פארקריצט זיכ מיט צו טיפע שראמענ, מיינסטנס פאר־וואקסנ זיי שוינ ניט א גאנצ לעבנ.

אינ קלויסטער איז געווענ גוט, דאָרטנ האָב איכ אָפגערוט, פונקט ווי אינ וואלד אונ אינ פעלד. דאָס קליינע הארצ, וואָס האָט שוינ פארזוכט אסאכ ביטערקײַט אונ איז געווענ אויסגעפאטשקעט אינ דער גראָבקײַט אונ בייזקײַט פונ לעבנ, פלעג זיכ וואשנ אינ אומקלאָרע הייסע טרוימענ.

נאָר געגאנגענ בינ איכ אינ קלויסטער בלויז אינ די גרויסע פרעסט, אָדער ווענ א זאווערוכע האָט זיכ דול ארומגעיאָגט איבער דער שטאָט, ווענ סע דוכט זיכ, אז דער הימל איז פארפרוירנ געוואָרנ, אונ דער ווינט האָט אימ צעשטויבט אינ כמאַ־רעס שניי, אונ אויכ די ערד, א פארפרוירענע אונטער די שנייענ, וועט שוינ מער קיינמאָל ניט אופשטיינ צומ לעבנ.

אינ די שטילע נעכט איז מיר בעסער געפעלנ געווענ ארומצוגיינ איבער דער שטאָט, פונ גאס צו גאס, פארקלײַבנדיק זיכ אינ די סאמע טויבע ווינקלענ. ס'פלעג טרעפנ, גייסט — ווי פויגלענ זאָלנ דיכ טראָגנ, איינער אליינ, ווי די לעוואָנע אינ הימל. פאר דיר פויזעט דײַנ שאָטנ, לעשט די פונקענ שײַנ אינ שניי, טוצעט זיכ קאָמיש אינ טומבעס, אינ פלויטנ. אינמיטנ גאס שפאנט דער נאכט־וועכטער מיט א קאלעקאָטקע אינ די הענט, אינ א שווערנ טולעפ, לעבנ אימ טרייסלט זיכ זײַנ הונט.

אנ אומגעלומפערטער זעט ער אויס, דער מענטש, ווי א הינטישע קאָנורע, — ז' איז אוועק פונעמ הויפ אונ באוועגט זיכ איבער דער גאס, אומבאוווסט וווהינ, אונ דער הונט גייט איר באדויערנדיק נאָכ.

אנ אנדער מאָל באגעגענע זיכ מיר לוסטיקע פרײַלנס אונ קאוואלערנ — מיינ איכ, אז אויכ זיי זײַנענ אנטלאָפנ פונ דער גאנצנאכט־טפילע.

אמאָל מאכט זיכ, אז דורכ לופטשיקלעכ פונ באלויכטענע פענצטער שטראָמענ ארויס באזונדערע מינע רייכעס — פײַנע, אומבאקאנטע, וואָס טײַטנ אָנ אפ עפעס אנ אנדער, אומבאוווסט לעבנ. שטייסט אונטערנ פענצטער, אונ אָנשמעקנדיק, אונ אײַנהערנדיק זיכ, ווילסטו זיכ פאָרשטעלנ, וואָס איז עס פאר א לעבנ, וואָס זײַנענ עס פאר מענטשנ אינ דעמ־אָ הויז? ס'איז גאנצנאכט, אונ זיי רוישנ לוסטיק, לאכנ, שפילנ אפ עפעס באזונדערע סאָרטנ גיטארעס, פונעמ לופטשיק פליסט געדיכט א קופערנ־סטרונעדיקער קלאנג.

באזונדערס האָט מיכ אינטערעסירט אנ איינשטאָקיק, באדערערדיק הויז אפנ ראָג פונ צוויי שטילע גאסנ — דער טיכאָנאָווער אונ דער מארטינאָווער. איכ האָב זיכ פאר דעמ אָפּגעשטעלט איינמאָל אינ א לעוואָנעדיקער נאכט, אינ אנ אָדליגע, פאר מאסלעניצע; דורכנ קוואדראטנעמ לופטשיקל פונעמ פענצטער האָט צוזאמענ מיט א ווארעמענ דאמפּ ארויסגעשטראָמט אפ דער גאס אנ אומגעוויינלעכער קלאנג, פונקט ווי עמעצער א שטארקער אונ א גוטער וואָלט געזונגענ מיט א פארמאכט מויל. קיינ ווערטער האָט מענ ניט געהערט, נאָר די ליד האָט מיר אויסגעוויזנ ווונדערלעכ באקאנט אונ פארשטענדלעכ, כאָטש הערנ זי האָט געשטערט דער באגלייט פונ עפּעס א קליינ־גערײַ, וואָס האָט דערעסנדיק איבערגעשלאָגנ דעמ גאנג פונ דער ליד. איכ האָב זיכ געזעצט אפ א טומבע, זיכ אָנשטויסנדיק, אז דאָס שפּילט מענ אפ א מינ פידל פונ ווונדערלעכער מעכטיקײַט, וואָס ס׳איז ניט איבערצוטראָגנ — ווײַל פונ הערנ זי טוט קימאט וויי. אמאָל פלעג זי זיכ צעזינגענ מיט אזא קראפט, אז ס׳האָט זיכ געדוכט, דאָס גאנצע הויז ציטערט, אונ סע הודענ די שויבנ אינעמ פענצטער. ס׳האָט געקאפּעט פונעמ דאכ, פונ די אויגנ האָבנ מיר אויכ גענומענ קאפּענ טרערנ.

אומבאמערקט איז צוגעגאנגענ דער נאכט־וועכטער אונ האָט מיכ אראָפּגעשטויסנ פונ דער טומבע, פרעגנדיק:

— דו, וואָס שטעקסטו דאָ?

— מוזיקע, — האָב איכ דערקלערט.

— מאלע וואָס! אוועק...

איכ בינ אפּגיכ אוועקגעלאָפנ ארומ אונ ארומ דעמ קווארטאל, האָב זיכ צוריק אומגעקערט אונטער דעמ פענצטער, נאָר אינעמ הויז האָט מענ שוינ ניט געשפּילט, פונעמ לופטשיקל האָט ארויסגעבריזט אפ דער גאס ארויס א פריילעכער גערויש. אונ דאָס איז געווענ אזוי ניט ענלעכ אפ דער טרויעריקער מוזיק, ווי איכ וואָלט זי געהערט אינ כאָלעמ.

אלע שאבעס קימאט בינ איכ געלאָפנ צו יענעמ הויז, אָבער נאָר איינמאָל, פרילינג־צײַט, האָב איכ דאָרטנ ווידער דערהערט די וויִאָלאָנטשעל — זי האָט געשפּילט קימאט אָנ אופהער ביז האלבער נאכט. אז איכ האָב זיכ אומגעקערט אהיימ, האָט מענ מיר גוט ארײַנגעלייגט.

די באנאכטיקע שפּאצירנ אונטער די ווינטערדיקע שטערנ איבער די ליידיקע גאסנ פונ דער שטאָט האָבנ מיכ שטארק בארײַכערט. איכ פלעג אומיסטנ אויסקלײַבנ גאסנ וואָס ווײַטער פונ צענטער: אפ די צענטראלע איז געווענ אסאכ לאמטערנס, מײַנע באלעבאטימס באקענטע האָבנ מיכ נאָכ געקענט באמערקנ, דעמאלט וואָלטנ די באלעבאטימ געווירע געוואָרנ, וויאזוי איכ פארברענג די טפילע־נעכט. געשטערט האָבנ די שיקורימ, די גאָראָדאָוויעס, די „לעב״־מוידנ; אונ אפ די ווײַטע גאסנ האָט מענ געקענט ארײַנקוקנ אינ די פענצטער פונ די אונטערשטע שטאָקנ, ווענ זיי זײַנענ ניט געווענ צו שטארק פארפרוירנ אונ ניט פארהאנגענ פונ אינעווייניק.

א מענגע פארשיידענע בילדער האָבנ מיר אָט די פענצטער באוויזנ: כ׳האָב געזענ, וויאזוי מענשנ דאווענענ, קושנ זיכ, שלאָגנ זיכ, שפּילנ אינ קאָרטנ, שמועסנ צווישנ זיכ פארזאָרגט אונ אָנ קלאנג — פאר מיר האָט זיכ, ווי אינ דער פּאנאָראמע פאר א קאָפּיקע, געצויגנ א שטומ, פישנ לעבנ.

כ'האָב געזען אין א קעלער־שטוב, בא א טיש, צווי פרויען — א יונגע און אן עלטערע, קעגן זיי איז געזעסן א לאנגהאָריקער גימנאזיסט און, מאכנדיק מיט דער האנט, האָט ער פאר זיי געלייענט א בוך. די יונגע האָט געהערט, שטרענג אָנגעכמורעט די ברעמען, אָנגעשפארט אפן רוקן פונעם שטול, און די עלטערע, א דינינקע מיט א רייכן קאָפּ האָר, האָט פּלוצעם פארשטעלט מיט די דלאָניעס דאָס פּאָנעם, די אקסלען האָבן איר געמומען ציטערן. דער גימנאזיסט האָט אָפּגעוואָרפן דעם בוך, און אז די יונגע איז אופגעשפרונגען פונעם אָרט און ארויסגעלאָפן, איז ער א פאל געטאָן אפ די קני פאר יענער, וואָס מיטן רייכן קאָפּ האָר, און אָנגע־הויבן קושן איר די הענט.

אין א צווייטן פענצטער האָב איך אונטערגעקוקט, ווי א גרויסער בערדיקער מענטש האָט ארופגעזעצט צו זיך אפ די קני א פרוי אין א רויטער קאָפּטע און געמומען וויגן זי, ווי א קינד, און האָט קענטיק עפּעס געזונגען מיט א ברייט צעעפנט מויל און ארויסגעקוליעטע אויגן. זי האָט אינגאנצן געציטערט פאר גע־לעכטער, האָט זיך אלע מאָל איבערגעוואָרפן אפן רוקן, הוידענדיק מיט די פיס, ער פלעג זי אויסגלייכן און ווידער זיך צעזינגען, און זי איז ווידעראמאָל זיך פארגאנגען אין געלעכטער. איך האָב געקוקט אפ זיי גאנץ לאנג, ביז איך האָב פארשטאנען, אז זיי האָבן זיך באוואָרנט מיט לוסטיקייט אפ א גאנצער נאכט.

אסאך אזוינע בילדער זיינען אפ שטענדיק פארבליבן אין מיין זיקאָרן, אָפטמאָל פלעג עס מיך אזוי פארכאפן, אז איך פלעג פארשפעטיקן אהיים. דאָס פלעג וועקן א פארדאכט בא מיינע באלעבאטים, און זיי פלעגן מיך נעמען אפן פארהער.

— אין וואָסער קלויסטער ביסטו געווען? וואָסער גאלעכ האָט געדאוונט?

זיי האָבן געקענט אלע גאלאָכים פון שטאָט, האָבן געוווסט, ווען וואָס פאר א יעוואנגעל מע לייענט, זיי האָבן געוווסט אלצדינג — זיי איז געווען ניט שווער צו כאפן מיך בא א ליגן.

ביידע פרויען האָבן זיך געבוקט צו דעם בייזן גאָט פון מיין זיידן — דעם גאָט, וואָס האָט פארלאנגט, מע זאָל צו אים צוטרעטן מיט פּאכעד, זיין נאָמען איז שטענ־דיק געווען אפ די ליפּצן פון די פרויען. אפילע זידלענדיק זיך, האָבן זיי איינע דער אנדערער געדראָט:

— ווארט! גאָט וועט דיך באשטראָפן, ער וועט דיך שוין צונויפדרייען, דו פּאָדלע זאכ!..

זונטיק די ערשטע וואָכ טאָגעס האָט די אלטע געבאקן לאטקעס, און זיי זיינען אלע בא איר ארויס צוגעברענט. רויט פון פייער, האָט זי געשריגן א צעקאסטע:

— א, די שיידים זאָלן אייך נעמען...

פּלוצעם האָט זי א שמעק געטאָן די סקאָוורעדע, און איז אזש טונקל געוואָרן, האָט א וואָרף געטאָן די סקאָוורעדע אפ דער ערד און האָט זיך צעוויעט:

— טא־טעלעכ, די סקאָוורעדע איז דאָכ א פליישיקע, א טרייפע, כ'האָב זי גאָר פארגעסן אויסברענען אין דעם ריינעם מאָנטיק, גאָט מיינער!

זי האָט זיך אנידערגעשטעלט אפ די קני און געמומען בעטן מיט טרערן:

— טאטע, פאָטער אין הימל, פארגיב מיר, דער זינדיקער, פאר דיינע ליידן וועגן! באשטראָפ ניט, גאָט, אן אלטן נאר...

די אויסגעבאַקענע לאָטקעס האָט מען אָפּגעגעבן די הינט, די סקאָוורעדע האָט מען אויסגעברענט, און די שנור האָט זינט דענסטמאָל בייס א מאַכלויקעס געווייַנ־לעכ פירגעהאַלטן דער שוויגער:

— אפילע טאָנעס־צייַט באַקט איר דאָכ אויכ אָפּ פליישיקע סקאָוורעדעס...

גאָט האָבן זיי אַרייַנגעצויגנ אינ אַלע שטוב־זאַכנ, אינ אַלע ווינקעלעכ פונ זייער קליינינקנ לעבנ, — דערפונ האָט דאָס נישטיקע לעבנ באַקומענ אנ אויסערלעכע באַ־דייַטנדיקייט און וויכטיקייַט, האָט אויסגעזענ ווי א טאָגטעגלעכ דינענ דער העכערער קראַפט. אָט דאָס אַרייַנצייִענ גאָט אינ אַלע לאַנגווייַליקע קלייניקייַטנ האָט מיכ זייער געדריקט, און ניטווילנדיק פלעג איכ זיכ אָפּט אומקוקנ אפ די ווינקלען, פילנדיק זיכ אונטער עמעצנס אומבאַמערקלעכער אופזיכט, און באַנאַכט פלעג מיכ א פאַכעד ארומוויקלענ מיט א קאַלטנ וואָלקנ — ער איז געגאַנגענ פונ יענעם ווינקל אינ דער קיכ, ווו דאָס שטענדיקע לעמפל האָט געברענט פאַר די טונקעלע בילדער.

לעבנ דער פּאָליצע איז א גרויס פענצטער, צוויי ראַמענ, צעטיילט מיט א שאַפ־קעלע. א בלויע אָפּגרונטלעכע ליידיקייַט קוקט אינ פענצטער אַרייַנ, סע דוכט זיכ, אז דאָס הויז, די קיכ, איכ — אַלצ הענגט אפנ ראַנד פונ אָט דער ליידיקייַט, און ווענ מע זאָל מאַכנ א שאַרפע באַוועגונג, רייַסט זיכ אַלצדינג אראָפּ אינ דעם בלויענ קאַלטנ לאָכ אַרייַנ און פליט ערגעצ פאַרבייַ די שטערנ, אינ טויט־שטומעניש, אָנ רויש, ווי סע זינקט א שטיינ, אנ אַרייַנגעוואָרפענער אינ וואַסער. א צייַט פלעג איכ ליגנ אומבאַוועגלעכ, מוירע געהאַט זיכ איבערקערנ, טאָמער קומט דער שרעק־לעכער סאָפּ פונעם לעבנ.

כ׳געדענק ניט, וויאַזוי כ׳האָב זיכ אויסגעהיילט פונ דעם פאַכעד, נאָר אויסגע־היילט האָב איכ זיכ גאַנצ גיכ, געהאָלפנ האָט מיר דערינ, פאַרשטייט זיכ, דער גוטער גאָט פונ דער באַבענ, און איכ קלער, אז שוינ דענסטמאָל האָב איכ דער־פילט איינעם א פראָסטנ עמעס: איכ האָב נאָכ קיינ שלעכטס ניט געטאָנ, שטראָפנ מיכ אנ אומשולדיקנ איז ניט קיינ יוישער, און פאַר פרעמדע זינד ענטפער איכ ניט.

איכ פלעג דורכלאָזנ אויכ די באַטאָגיקע גאָטס־דינסטנ, איבערהויפּט פרילינג־צייַט, — די אומבאַזיגלעכע קרעפטנ פונ אָט דער צייַט האָבנ מיכ ניט געלאָזנ אינ קלויסטער אַרייַנ. נאָר טאָמער האָט מען מיר געגעבנ א דרייַער אפ א ליכטל, בינ איכ שוינ געווענ אינגאַנצנ א פאַרפאַלענער: כ׳פלעג קויפנ באַבקעס, די גאַנצע טפילע־צייַט זיכ שפילנ און אומפאַרמייַדלעכ פאַרשפעטיקנ אהיימ. און איינמאָל איז מיר אפילע געראָטנ צו פאַרשפילנ גאַנצע צענ קאָפּיקעס, וואָס מע האָט מיר געגעבנ אפ א האזקאָרע און א פראָספאָרע, אזוי אז כ׳האָב שוינ געמוזט צושלעפּנ א פרעמ־דע פראָספאָרע פונעם טעלער, וואָס דער דיאַק האָט ארויסגעטראָגנ פונ אַלטאַר.

שפּילנ זיכ האָט זיכ געגלוסט ליידנשאַפטלעכ, און פאַרקאָכט בינ איכ געווענ אינ שפילנ ביז מעשוגאַס. כ׳בינ געווענ גענוג פלינק, שטאַרק און האָב גיכ פאַר־דינט רום, ווי א שפילער אינ „באַבקעס”, אינ „רעשל” און אינ פיקרעס אפ אַלע געענטערע גאַסנ.

אינ גרויסנ טאָנעס האָט מענ מיכ געצווונגענ אָפּריכטנ אַלצ, ווי סע פאָדערט זיכ, און אָט גיי איכ זיכ מיסוואַדע זייַנ צו אונדזער שאָכנ, דעם פאָטער דאָרימע־דאָנט פאָקראָווסקי. איכ האָב אימ געהאַלטנ פאַר א מענטשנ א שטרענגנ און בינ

געווען שטארק זינדיק קעגן אים פערזענלעך: כ׳פלעג צעקנאקן מיט שטיינער דאָס ביידל פון זיין סאָד, כ׳בין געווען אין פייַנטלעכע באַציִונגען מיט זיינע קינדער, און אין אַלגעמיין וואָלט ער מיר געקענט דערמאָנען אַסאַך פאַרשיידענע מעַשׂים, ניט קיין אָנגענעמע פאַר אים. דאָס האָט מיך זייער באַאומרויִקט, און ווען איך בין געשטאַנען אין דעם אָרעמינקן קלויסטער, וואַרטנדיק אַף מיַין דיי זיך מיסוואַדע צו זיין, האָט מיר דאָס האַרץ שטאַרק געפּלאַטערט.

נאָר דער פּאָטער דאָרימעדאָנט האָט מיך באַגעגנט מיט אַ גוטמוטיק־וואָרטשענ־דיקן אויסרוף:

— אַ, שאָכן... נו, שטעל זיך אַף די קני! מיט וואָס ביסטו זינדיק?

ער האָט מיר אָנגעדעקט דעם קאָפּ מיט שווערן סאַמעט, ס׳האָט מיך געשטיקט דער רייעך פון וואַקס און ווירעך, ריידן איז געווען שווער און ס׳האָט זיך ניט געגלוסט.

— פאָלגסט עלטערע?

— ניין.

— זאָג — זינדיק.

אומגעריכט פאַר זיך האָב איך אויסגעשאָסן:

— כ׳האָב געגאַנוועט פּראָסווירעס.

— וויִאַזוי־זשע? וווּ? — האָט דער גאַלעך געפרעגט באַטראַכט און ניט געכאַפּט.

— בא די דריַי הייליקער, בא פּאָקראָווע, בא ניקאָלע...

— נו־נו! אין אַלע קלויסטערס! דאָס איז, ברודער, ניט גוט, אַ זינד, — פאַרשטייסט?

— כ׳פאַרשטיי.

— זאָג — זינדיק. אומגעלומפּערטער. געגאַנוועט האָסטו צוליב עסן?

— אַמאָל — צוליב עסן, און אַמאָל, אַז ס׳פלעג אויסקומען, אַזוי — כ׳פאַרשפּיל דאָס געלט אין „באַבקעס", און אַ פּראָסווירע אַהיים דאַרף מען ברענגען, גאַנווע איך...

דער פּאָטער דאָרימעדאָנט האָט אָנגעהויבן עפּעס שעפּטשען אומדייַטלעך און מיד, דערנאָך האָט ער פאַרגעבן נאָך עטלעכע פראַגן, און פּלוצעם האָט ער שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— עפּשער האָסטו געלייענט ביכער פון אַן אונטערערדישער אויסגאַבע?

איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשטאַנען די פראַגע און האָב איבערגעפרעגט:

— וואָס?

— פאַרבאָטענע ביכלעך האָסטו געלייענט?

— ניין, קיינע ניט...

— כ׳ווערן דיר געשאָנקען דיינע זינד... שטיי אויף!

איך האָב פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אים אין פּאָנעם אַריין — ס׳האָט אויסגעזען פאַרטראַכט און ווייך. מיר איז געווען ניט אָנגענעם: אַז די באַלעבאַטים האָבן מיך געשיקט זיך מיסוואַדע זיין, האָבן זיי מיר אָנגעפּלאַפּלט וועגן דעם שרעקלעכע זאַכן און איינגערעדט ערלעך זיך מוידע צו זיין אין אַלע מיינע זינד.

— איך האָב אין אייער סאָד־ביידל שטיינער געוואָרפן, — האָב איך געמאָלדן.

דער גאַלעך האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— דאָס איז אויך ניט גוט! גיי...

— און אינעם הונט האָב איך אויך געוואָרפֿן...

— ווער גייט ווײַטער ? — האָט דער פּאָטער דאָרימעדאָנט א רוף געטאָן, קוקנדיק פֿאַרבײַ מיר.

איך בין אוועק, פֿילנדיק זיך אָפּגענאַרט און באַליידיקט: כ׳האָב זיך אזוי אָנגעשטרענגט אינעם פּאַכעד פֿאַר דער ווידע, און דאָ האָט זיך אַלץ באַקומען גאָר ניט שרעקלעך און אפֿילע ניט אינטערעסאַנט! אינטערעסאַנט איז געווען נאָר די פֿראַגע וועגן די אומבאַקאַנטע ביכער. איך האָב זיך דערמאַנט אין דעם גימנאַזיסט, וואָס האָט געלייענט אין דער קעלער־שטוב עפּעס א בוך פֿאַר די פֿרויען, און איך האָב זיך דערמאַנט די „גוטע זאַכ״ — ער האָט אויך געהאַט אסאַך שוואַרצע ביכער, גראָבע, מיט אומפֿאַרשטענדלעכע געמעלן.

אַפֿ מאָרגן האָט מען מיר געגעבן א גילדן און מע האָט מיך געשיקט צו גאָט־באַהעפֿטונג. די פּאַסכע איז געווען א שפּעטע, דער שניי איז שוין לאַנג צעגאַנגען, די גאַסן האָבן אויסגעטריקנט, איבער די וועגן האָט זיך געוויכערט א שטויב; דער טאָג איז געווען א זוניקער, א פֿריידיקער.

לעם דעם קלויסטער־פּאַרקן האָט א גרויסע קאָמפּאַניע האַנטווערקער מיט אזארט געשפּילט אין „באַבקעס״; איך האָב באַשלאָסן, אז איך וועל נאָך צײַט האָבן אָפּריכטן די באַהעפֿטונג, און איך האָב א בעט געטאָן די שפּילער:

— נעמט מיך אַרײַן!

— א קאָפּיקע פֿאַר אַרײַן אין דער שפּיל, — האָט שטאָלץ געמאָלדן א געשטור־פּלטער געלער מענטש.

נאָר איך האָב ניט ווייניקער שטאָלץ געזאָגט:

— דרײַ אַפֿ דער צווייטער פּאָר פֿון לינקס!

— געלט אַפֿן קאָן!

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א שפּיל!

איך האָב צעביטן דעם גילדן, האָב אַרופֿגעלייגט דרײַ קאָפּיקעס אַפֿ א פּאָר „באַבקעס״ אין לאַנגן קאָן; ווער סע שלאָגט אַראָפּ די פּאָר, קריגט דאָס געלט, פֿעלט ער — קריג איך פֿון אים דרײַ קאָפּיקעס. ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט: צוויי האָבן געצילט אין מײַן געלט, און ביידע האָבן געפֿעלט, — איך האָב געוווּנען זעקס קאָפּיקעס פֿון דערוואַקסענע, פֿון מאַנצבלען. דאָס האָט שטאַרק אויפֿגעהויבן מײַן מוט...

נאָר עמעצער פֿון די שפּילער האָט געזאָגט:

— גיט אַכטונג אַפֿ אים, כעוורע, ער וועט נאָך אַנטלויפֿן מיטן געווינס...

דאָס האָט מיך באַליידיקט, און איך האָב היציק אויסגערופֿן, ווי כ׳וואָלט א זעץ געטאָן אין א פּויק:

— נײַן קאָפּיקעס אַפֿ דער לינקער עקסטער פּאָר!

נאָר אַפֿ די שפּילער האָט עס דאַפֿקע ניט געמאַכט קיין קענטיקן רושעם, עפּעס א כעוורעמאַן אין מײַנע יאָרן האָט אויסגעשריגן, וואָרענענדיק:

— האָט אין זינען, ער איז א מאַזלדיקער, ס׳איז פֿון זוועזדינקע דער מאָלער, איך קען אים!

א מאָגערער האַנטווערקער, נאָכן רייעך נאָך א רויכווארגער, האָט א זאָג געטאָן גיפֿטיק:

— דער שמאָגער? כאָר־דאשאָ...

אָנגעצילט זיך מיטן געוויכטל, טרעפלעך אראָפּגעשלאָגן מײַן שטעלונג און, אָנבייגנדיק זיך צו מיר, א פרעג געטאָן:

— מאכסט פּיסקעס?

איך האָב אָפּגעענטפערט:

— אַף דער עקסטער רעכטער — דרײַ!

— און איך דריי, — האָט זיך דער רויכוואַרגער באַרימט, נאָר ער האָט פאַרשפּילט.

מער ווי דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד טאָר מען ניט שטעלן קיין געלט אַפן קאָן — איך האָב זיך א נעם געטאָן שלאָגן פרעמדע שטעלונגען און האָב אויסגעשפּילט א קאָפּיקעס פיר און דערצו א קופּע „באַבקעס". נאָר ווען די ריי איז ווידער דערגאַנגען צו מיר, האָב איך געשטעלט דרײַ מאָל און האָב פאַרשפּילט דאָס גאַנצע געלט, פּונקט צו דער צײַט: די מיטיק־טפילע האָט זיך פאַרענדיקט, די גלאָקן האָבן געקלונגען, דער עולם איז געגאַנגען פון קלויסטער.

— האָסט א ווײַב? — האָט דער רויכוואַרגער געפרעגט, פּרוּווּנדיק מיך א נעם טאָן פאַר די האָר, נאָר איך האָב זיך אויסגעדרייט, בין אַנטלאָפן, און, אָניאָגנדיק איינעם א יאָנטעוודיק אָנגעטאָנענעם באָכער, האָב איך העפלעך געפרעגט:

— איר האָט אָפּגעריכט באַהעפטונג?

— און אז יאָ? — האָט ער געענטפערט, באַטראַכטנדיק מיך מיט פאַרדאַכט.

איך האָב געבעטן, ער זאָל מיר דערציילן, וויאַזוי גייט עס צו דאָס באַהעפטן זיך, וואָס זאָגט בייסמײַסטע דער גאַלעך, און וואָס דאַרף איך דערבײַ טאָן.

דער באָכער האָט זיך שטרענג אָנגעדראָדלט און האָט מיט א דראָענדיקער שטים אויסגעגריטשעט:

— האָסט פאַרהוליעט די באַהעפטונג, אַפּיקירעס! נו וועל איך דיר גאָרניט זאָגן, זאָל דער טאַטע דיר די פעל אָפּשינדן!

איך בין אוועקגעלאָפן אהיים א זיכערער, אז מע וועט מיך באַלד נעמען אויספרעגן און מע וועט אומפאַרמײַדלעך זיך דערוויסן, אז איך האָב דורכגעלאָזט.

נאָר, באַגריסנדיק מיך, האָט די אַלטע זיך פאַרינטערעסירט בלויז מיט איין זאַך:

— דעם דיאַק פאַר דער וואַרעמקייט האָסטו עפּעס אַסאַך געגעבן?

— א פּיאַטאַקל, — האָב איך א בראָק געטאָן, וויפל ס'איז מיר אַרײַנגעפאַלן.

— דרײַ קאָפּיקעס — הינטער די אויגן געגוג, און זיבן וואָלסטו זיך איבערלאָזן, גוילעם דו!

... פרילינג. יעדער טאָג איז אָנגעטאָן אין נײַעם. יעדער נײַער טאָג איז ליכטיקער און ליבער. סע שמעקט באַרוישנדיק מיט יונגע גראָזן, מיט פרישן גרינס פון בערעזעס, סע ציט גוואַלדיק אין פעלד אַרײַן הערן דעם זשאַוואָראָנעק, ליגנדיק אַף דער וואַרעמער ערד מיטן פּאָנעם אַרוף. און איך פּוץ די ווינטערדיקע קליידער, העלף זיי אַרײַנלייגן אין קופערט, בראָק בלעטער טאַבעק, קלאַפּ אויס דעם שטויב פונעם מעבל, פון אינדערפרי ביז נאַכט האָב איך צו טאָן מיט ניט־אַנגענעמענע זאַכן, וואָס זײַנען מיר גאָרניט נייטיק.

אין די פרײַע שעהן האָב איך מאַמעש ניט מיט וואָס צו לעבן; אַף אונדזער געמיינער גאַס איז פּוסט, ווײַטער איז מיר ניט דערלויבט צו גיין. אין הויף — בייזע,

אויסגעמאטערטע גראבארעס, צעפּאטלטע קעכנס און וועשנס, א ע אָוונט — הינטישע כאסענעס. מיך עקלט דערפון, און ס'באליידיקט אזוי, אז ס'ווילט זיך בלינד ווערן.

איך גיי אפּן בוידעם, כ'האָב מיטגענומענ א שערל און פארשיידנפארביק פּאפּיר, איך שנייד אויס דערפון געשפּיצטע געמעלן און באפּוצ מיט זיי די באַנ־טינעס. פּאָרט עפּעס א שפּייז פאר מיינ בענקעניש. איך בינ פול מיט אנ אומרויקנ פארלאנג אוועקצוגיינ ערגעץ, ווו מע שלאָפט וויניקער, מע קריגט זיך וויניקער, מע דערעסט ניט גאָט אזוי פרעך מיט אלערליי קלאָגעריינ, מע באליידיקט ניט אזוי אָפט די מענטשנ מיט בייזנ מישפּעט.

שאבעס אום פּאסכע ברענגט מענ אינ שטאָט פונ דעמ אָראנער מאָנאסטיר די ניסימ־ווייזנדיקע איקאָנע פונ דער וולאדימירער גאָטס־מוטער, זי געפינט זיך צוגאסט אינ שטאָט ביז העלפט יונ און באזוכט אלע הייזער, אלע דירעס פונ יעדער קלויסטער־באצירק.

צו מיינע באלעבאטימ איז זי אָנגעקומענ אינ א וואָכענדיקנ פרימאָרגנ. איך האָב געשייערט אינ קיך די קופּערנע קיילימ, ווענ די יונגע באלעבאָסטע האָט א דערשראָקענע אויסגעשריגנ פונעמ צימער:

— עפנ די פאראדנע, מע טראָגט די אָראנער!

איך האָב זיך א לאָז געטאָנ אראָפּ, א פארשמוצטער מיט הענט אינ פעטס און אינ געשטויסענעמ ציגל, אופגעעפנט די טיר — א יונגער מאָנאך מיט א לאמטערנ אינ איינ האנט און דער „קאדילע" אינ דער צווייטער האָט שטיל געוואָרטשעט:

— וואָס כאָלעמט איר? העלפט...

צוויי־שטאָט־איינוווינער האָבנ איבער די שמאָלע טרעפּ ארייַנגעטראָגנ דעמ שווערנ קיאָט, איך האָב זיי צוגעהאָלפנ, אונטערהאלטנדיק מיט די פארשמוצטע הענט און מיט דער פּלייצע א ברעג פונ דעמ קיאָט, פונונטנ האָבנ געטופּעט שווע־רע מאָנאכנ, אָנ כיישעק זינגענדיק מיט די געדיכטע שטימענ:

— אלהייליקע גאָט־געווינערנ, בעט גאָט פאר אונדז...

איך האָב א קלער געטאָנ מיט טרויעריקער זיכערקייט:

זי וועט זיך אָפּ מיר באליידיקנ דערפאר, וואָס איך טראָג זי אזא שמוציקער, און די הענט וועלנ בא מיר אָפּדארנ...

די איקאָנע האָט מענ אנידערגעשטעלט אינ פאָדערשטנ ווינקל אפּ צוויי שטולנ, צוגעדעקטע מיט א ריינעמ ליילעכ, בא די זייטנ פונעמ קיאָט האָבנ זיך אוועקגע־שטעלט, אימ אונטערהאלטנדיק, צוויי מאָנאכנ, יונגע און רויטע, געגליכנ צו מאלאָכימ — ליוטער־אויגיקע, פריידיקע, מיט רייכע האָר.

מע האָט אָפּגעריכט א טפילע.

אָ, אלבאזונגענע מוטער, — האָט מיט הויכנ קאָל אויסגעצויגנ א הויכער גאלעכ און האָט אלצ געטאפּט מיט א טונקל־רויטנ פינגער דאָס אָנגעדראָלענע לעפּל פונעמ אויער, וואָס איז באהאלטנ געווענ אינ די לאנגע האָר.

— אלהייליקע גאָט־געווינערנ, דערבארעמ זיך אפּ אר־ונדז, — האָבנ מיד געזונ־גענ די מאָנאכנ.

איך האָב ליב געהאט די גאָט־געווינערנ. זי איז עס, לויט דער באבעס דער־ציילונגען, די, וואָס פארזייט אפּ דער ערד, ווי א טרייסט פאר די אָרעמע מענטשנס וועגנ, אלע בלומענ, אלע פריידנ, אלצ, וואָס גוט איז און שיינ. און ווענ מ'האָט

געדאַרפט זיכ צולייגנ צו איר האַנט, האָב איכ, ניט באַמערקנדיק, וויִאַזוי די דערוואַקסענע טוענ עס, א קוש געטאָנ מיט פלאַטער די איקאָנע אינ פּאָנעם ארײַנ, אינ די ליפּנ.

עמעצער האָט מיט א מעכטיקער האַנט מיכ א שלײַדער געטאָנ צו דער שוועל, אינ ווינקל ארײַנ. כ׳האָב ניט פאַרגעדענקט, וויִאַזוי די מאָנאַכנ זײַנענ אוועק מיט דער איקאָנע, נאָר כ׳געדענק גוט: אַרום מיר, א זיצנדיקנ אפנ פּאָל, זײַנענ געשטאַנענ די באַלעבאַטימ אונ האָבנ מיט גרויסער שרעק אונ שטאַרק פאַרזאָרגט באַטראַכט די פראַגע — וואָס־זשע וועט איצטער זײַנ מיט מיר?

— מע דאַרפ זיכ דורכריידנ מיט א גאַלעכ א מער געלערנטנ, — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס אונ האָט מיר אָנ קאַס פירגעהאַלטנ:

— גראָבער יונג דו, וויִאַזוי פאַרשטייסטו עס ניט, אז מע טאָר ניט קושנ אינ די ליפּנ? אונ האָט זיכ נאָכ... געלערנט אינ שול...

עטלעכע טעג האָב איכ, ווי א פאַרטומלטער, געוואַרט — וואָס וועט זײַנ? אָנגענומענ זיכ פאַרנ קיִאָט מיט שמוציקע הענט, צוגעלייגט זיכ מיט די ליפּנ אומגעזעצלעכ — אזוינס וועט מיר ניט געשענקט ווערנ, ניינ, ס׳קענ ניט געשענקט ווערנ!

נאָר ווײַזט אויס, אז די גאָט־געווינערנ האָט מיר דאָכ געשענקט די אומגערנדיקע זינד, וואָס איז געקומענ נאָר פונ אופריכטיקער ליבע צו איר, אָדער איר שטראָף איז געווענ אזוי גרינג, אז איכ האָב זי ניט באַמערקט צווישנ די אָפטע שטראָפנ, וואָס מיר איז אויסגעקומענ איבערצוטראָגנ פונ די גוטע לײַט.

אנ אַנדער מאָל, ווענדיק אביסל א רייצ טאָנ די אַלטע באַלעבאָסטע, פלעג איכ זיכ אָנרופנ מיט א געבראָכנ האַרצ:

— אונ די גאָט־געווינערנ שטראָפט מיכ ניט, האָט, ווײַזט אויס, פאַרגעסנ אינ מײַנ זינד...

— וואַרט צו, — פלעג די אַלטע גיפטיק צוזאָגנ, — מירנ נאָכ זענ...

...באַצירנדיק די באָנטינעס אפנ בוידעמ מיט אוזאָרנ פונ ראָזנ טיי־פּאַפּיר, מיט בלעטלעכ בלײַ, מיט בלעטער פונביימער אונ אַלערליי זאַכענישנ, פלעג איכ זינגענ אפּ קלויסטער־מאָטיוונ אַלצ, וואָס ס׳פלעג מיר נאָר אײַנפאַלנ, ווי דאָס טוענ די קאַלמיקנ אינ וועג:

— אפנ בוידעמ זיצ איכ מיר,
שער פאַסיקלעכ פּאַפּיר.
ס׳איז מיר אומעטיק אונ שווער,
זיצ איכ אונ שער!
ווענ איכ וואָלט געווענ א הינטל,
וואָלט איכ געלאָפנ, ווי א ווינטל.
איצט שרײַט ווער עס וויל:
קריכ ניט! שווײַג! זיצ, ווי א שטיינ!
אַניט ברעכ איכ דיר א ביינ!

די אַלטע באַקוקט מײַנ אַרבעט אונ שמייכלט, שאָקלט מיטנ קאָפּ:

— בעסער וואָלסטו אזוי די קיכ אויסגעפּוצט...

איינמאָל איז אפנ בוידעמ אַרופגעקראָכנ דער באַלעבאָס, האָט באַטראַכט מײַנע אומטוענ, אָפּגעזיפצט אונ געזאָגט:

— ביסט א טשיקאווער, פעשקאָוו, דער רועכ זאָל דיכ נעמענ... א פּאָקוסניק וועט פונ דיר ארויסקומענ, צי וואָס? שווער זיכ אָנצושטויסנ אפילע...

ער האָט מיר געגעבנ א גרויסנ ניקאָלײַעווער פּיאטאק.

איכ האָב אײַנגעפּעסטיקט די מאטביייע מיט לאפקעס פונ דינעם דראָט אונ האָב זי אופ־געהאנגענ, ווי א מעדאל, אפנ סאמע אָנגעזועענעמ אָרט צווישנ מײַנע פּארביקע ארבעטנ.

נאָר אינ א טאָג ארום איז די מאטבייע פארשווונדנ געוואָרנ אינײנעמ מיט די לאפקעס, — איכ בינ זיכער, אז די אלטע האָט זי צוגעשלעפּט.

V

פרילינג בינ איכ פונדעסטוועגנ אנטלאָפנ: בינ אינדערפרי אוועק אינ קלייטל נאָכ ברויט צומ טיי, אונ דער קרעמער האָט, פאַרזעצנדיק פאר מיר אינ די אויגנ די קריג מיטנ ווײַב, איר דערלאנגט מיט א געוויכט איבערנ קאָפּ. זי איז ארויסגע־לאָפנ אינ גאס אונ איז דאָרטנ אומגעפאלנ. באלד האָבנ זיכ צונויפגענומענ מענטשנ, די פרוי האָט מענ ארײַנגעזעצט אינ א דראָזשקע, אוועקגעפירט זי אינ שפּיטאָל. איכ בינ געלאָפנ נאָכנ פורל, אונ שפּעטער, אומבאמערקט פאר זיכ אליינ, בינ איכ אָנ־געקומענ אפנ ברעג וואָלגע מיט די צוואנציק קאָפּיקעס אינ דער האנט.

דער פרילינג־טאָג האָט מילד געשײַנט. די וואָלגע האָט זיכ צעגאָסנ ברייט, אפ דער ערד איז געווענ רוישיק, גראָמ, — אונ איכ האָב ביז דעמ טאָג געלעבט, ווי א מײַזל אינ א קעלער. האָב איכ באשלאָסנ, אז איכ קער זיכ מער ניט אומ צו די באלעבאטימ אונ גיי ניט צו דער באבעני אינ קונאווינאָ, — כ'האָב ניט געהאלטנ קיינ וואָרט, ס'איז מיר געווענ א כארפּע פאר איר, אונ דער זיידע וואָלט בייז־פריידיק כויזעק געמאכט.

א צוויי־דרײַ טעג האָב איכ זיכ ארומגעשלעפּט איבער דעמ ברעג, דערנערנדיק זיכ ארומ די גוטמוטיקע טרעגערס, נעכטיקנדיק מיט זיי אינ די ברעג־סטאנציעס. דער־נאָכ האָט איינער פונ זיי געזאָגט צו מיר:

— דו, יאטל, דרייסט זיכ דאָ ארומ אומזיסט, ווי איכ זע! גיי צו אפנ „דאָברי״, דאָרטנ דארפ מענ א געפעס־וואשער...

איכ בינ אוועק אהינ. א הויכער, בערדיקער בופעטשיק, אינ א שווארצ זײַדנ היטעלע אָנ א דאשעק, האָט א קוק געטאָנ אפ מיר מיט מוטנע אויגנ דורכ די ברילנ אונ האָט שטיל געזאָגט:

— צוויי קערבלעכ א כוידעש. א פּאספּאָרט?

קיינ פּאספּאָרט האָב איכ ניט געהאט, דער בופעטשיק האָט א קלער געטאָנ אונ געזאָגט:

— די מוטער ברענג.

איכ בינ אוועקגעלאָפנ צו דער באבענ. זי האָט זיכ באצויגנ צו מײַנ אופטו בא־גיטיקנדיק, האָט אײַנגערעדט דעמ זיידנ זיכ דורכגיינ אינ דער האנטווערקער־פּאר־וואלטונג נאָכ א פּאספּאָרט פאר מיר, אונ אליינ איז זי אוועק מיט מיר אפנ דאמפער.

— גוט, — האָט דער בופעטשיק געזאָגט, אָנקוקנדיק אונדז, — קומ.

ער האָט מיכ געבראכט אפנ הינטערטייל פונעמ דאמפער, ווו בא א טישל איז געזעסנ, טרינקענדיק טיי אונ רויכערנדיק אײנצײַטיק א גראָבנ פּאפּיראָס, דער קעכער — אינ א ווײַסער קורטקע, אינ א ווײַסנ קאָלפּעק. דער בופעטשיק האָט מיכ א שטויס געטאָנ צו אימ.

— א געפּעס־וואַשער.

און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען, און דער קעכער האָט אַ פּאָרשקע געטאָן, אָנגעדראָדלט די שוואַרצע וואָנצעס און געזאָגט:

— איר דינגט אָן אַלערליי רוכעס, אַבי וועלוועלער...

ער האָט בײַז פאַרוואָרפן דעם גרויסן קאָפּ מיט די שוואַרצע, קורץ אָפּגעשוירענע האָר, האָט אויסגעראַטשעט די טונקעלע אויגן, האָט זיך אָנגעבלאָזן, אָנגעשטרענגט און הילכיק אויסגעשריגן:

— ווער ביסטו?

מיר איז דער מענטש זייער ניט געפעלן געוואָרן,— איינגאַנצן אין ווײַסן, האָט ער פּאָרט אויסגעוויזן ברודיק־שוואַרץ, אַף די פינגער איז אים געוואַקסן וואָל, פון די גרויסע אויערן האָבן געסטאַרטשעט האָר.

— איך וויל עסן,— האָב איך געזאָגט.

ער האָט אַ פינטל געטאָן, און פּלוצעם האָט זיך זײַן קאַסדיק פּאָנעם פאַרענדערט אין אַ ברייטן שמייכל, די גראָבע, געברענטע באַקן זײַנען כוואַליעדיק אָפּגעלאָפן צו די אויערן, צעעפענענדיק גרויסע, פערדעשע ציין, די וואָנצעס האָבן זיך ווייך אַראָפּגעלאָזט: ער איז געוואָרן ענלעך אַף אַ דיקער, גוטער פרוי.

אַרויסגעפּליוסקעט איבערן באָרט דעם טיי פון זײַן גלאָז, האָט ער אָנגעגאָסן פרישן, האָט מיר צוגערוקט אַ ניט־אָנגעהויבענע פראַנצויזישע בולקע, אַ היפּשן שטיק וווּרשט.

— פּאַק אַרײַן! טאַטע־מאַמע פאַראַן? גאַנוועניע קאָנסטו? נו, האָב קיין מוירע ניט, דאָ זײַנען אַלע גאַנאָווים — מ'וועט דיך אויסלערנען!

גערעדט האָט ער, ווי ער וואָלט געהאַווקעט. זײַן גרויס, ביז בלוי אויסגעגאָלט פּאָנעם איז געווען באַדעקט אַרום דער נאָז מיט אַ דורכויסיק נעצל פון רויטע אָדערלעך, די פּעכקע טונקל־רויטע נאָז איז געווען אַראָפּגעלאָזט איבער די וואָנצעס, די אונטערשטע ליפּ איז געהאַנגען שווער און ווי זיך מיִעסנדיק מיט עפּעס, אין אַ ווינקל מויל האָט זיך, ווי אַ צוגעקלעפּטער, גערויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער איז קענטיק נאָר וואָס געקומען פון באָד — ס'האָט געשמעקט פון אים מיט בערעזענעם בעזעם און געפּעפּערטן בראָנפן, אַף די שלייפן און אַפן האַלדז האָט געגלאַנצט אַ געדיכטער שווייס.

אַז איך האָב אָפּגעטרונקען טיי, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ רובלדיק פּאַפּירל.

— גיי, קויף צוויי פאַרטעכער מיט „הערצלעך", שטיי — כ'וועל אַליין קויפן!

ער האָט פאַריכט דעם קאָלפּעק און איז אַוועק, שווער זיך הוידענדיק, אָנטאַפּנדיק מיט די פיס די שיף־דעק, ווי אַ בער.

...נאַכט. העל שײַנט די לעוואָנע, אַוועקלויפנדיק פונעם דאַמפער אַף לינקס, אין די לאָנקעס אַרײַן. דער אַלטינקער ברוין־געלער דאַמפער, מיט אַ ווײַסן שטרייף אַפן קוימען, פּאַטשט מיט די פּליצעס איבער דער זילבערנער וואַסער ניט געכאַפּט און ניט גלײַכמעסיק. אים אַנטקעגן שווימען שטיל די טונקעלע ברעגן, אויסלייגנדיק שאָטנס אַפן וואַסער, איבער זיי לויכטן זיך רויט פענצטער פון שטיבלעך, אין דאָרף זינגט מען — מיידלעך פירן אַ קאַראַהאָד, און דער צוזונג „איי־ליולי" קלינגט, ווי האַלעלויִע...

אַף אַ לאַנגן בוקסיר שלעפּט זיך נאָכן דאַמפער אַ באַרזשע. זי איז אויך ברוין־געל, זי איז אָנגעדעקט לענגויס דער פּאַלובע מיט אַן אײַזערנעם שטײַג, אינעם שטײַג

זײַנען אַרעסטאַנטן, פּאַרמישפּעטע אױף אַרױסשיקן און אױף קאַטאָרגע. אױף דער נאָז פֿון דער באַרזשע גלאַנצט, װי אַ ליכט, דער באַגנעט פֿונעם װאַכמאַן. די שטערן אין בלױען הימל ברענען אױך, װי די ליכט, אױף דער באַרזשע איז שטיל, זי איז רײַך באַגאָסן מיט לעװאָנע־שײַן, אונטער דער שװאַרצער נעץ פֿון די אײַזערנע גראַטעס זעען זיך אומקלאָר קײַלעכיקע גרױסע פֿלעקן — דאָס קוקן די אַרעסטאַנטן אױף דער װאָלגע, ס'כליפּעט אױף די װאַסער — װײנט צי לאַכט ציטעריק. אַלץ אַרום זעט אױס װי קלױסטערדיק, און סע שמעקט שטאַרק מיט אײל, אױך אַזױװי אין אַ קלױסטער.

איך קוק אױף דער באַרזשע און דערמאָן זיך מײַן פֿריִע קינדהײַט, דעם װעג פֿון אַסטראַכאַן קײן ניזשני, דער מאַמעס אײַזערן פּנים און די באָבע — דעם מענטשן, װאָס האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין דעם אינטערעסאַנטן, מעג זײַן, שװערן לעבן — צװישן לײַטן. און װען איך דערמאָן זיך אין דער באָבען, גײט אַװעק פֿון מיר, פֿאַרענדערט זיך אַלדאָס שלעכטע און באַלײדיקנדיקע, אַלץ װערט אינטערעסאַנטער, אַנגענעמער, די מענטשן — בעסער און ליבער...

מיך צערודערט קימאַט ביז טרערן די שײנקײַט פֿון דער נאַכט, מיך רודערט אױף אָט די באַרזשע — זי איז ענלעך אױף אַ טרונע און איז אַזאַ איבעריקע אױף דער ראַכװעס פֿון פֿרײַ־צעגאָסענעם טײַך, אין דער פֿאַרקלערטער שטילקײַט פֿון דער װאַרעמער נאַכט. די ניט־גלײַכע ליניע פֿונעם ברעג, װאָס שטײַגט אַרױף און נידערט װידער, רירט אַזױ אָנגענעם דאָס האַרץ — ס'װילט זיך מיר זײַן אַ גוטער און נײטיקער פֿאַר מענטשן.

די מענטשן אױף אונדזער שיף זײַנען באַזונדערע. אַלע זײ — די אַלטע און די יונגע, די מאַנצבילען און די פֿרױען — שײַנען מיר װי אַלצײנע. אונדזער דאַמפֿער גײט לאַנגזאַם, געשעפֿט־מענטשן זעצן זיך אױף די פּאָטשטאָװע, און צו אונדז קלײַבן זיך צונױף אַלץ אַזױנע שטילע לײדיקגײער. פֿון אינדערפֿרי ביז אינאָװנט טרינקען זײ, עסן און פֿאַטשקען אַ מענגע געפֿעס, מעסער, לעפֿל, גאָפּל. מײַן אַרבעט איז װאַשן דאָס געפֿעס, רײניקן די גאָפּלען און די מעסערס, — איך פֿאַרנעם זיך דערמיט פֿון זעקס אינדערפֿרי קימאַט ביז האַלבער נאַכט. באַטאָג, צװישן צװײ און זעקס אַזײגער, און אינאָװנט, פֿון צען ביז צװעלף, האָב איך װײניקער אַרבעט — די פּאַסאַזשירן רוען זיך אין די שאָען אָפּ פֿון עסן, און זײ טרינקען טײ, ביר, בראָנפֿן. אין די שאָען איז פֿרײַ די גאַנצע בופֿעט־דינערשאַפֿט — מײַנע שעפֿן. באַם טיש לעבן אָפּלײטער טרינקען טײ דער קעכער סמורי, זײַן געהילף יאַקאָװ איװאַניטש, דער געמעס־װאַשער פֿון דער קיך מאַקסים און דער אָפּיציאַנט פֿאַר די פּאַסאַזשירן פֿון דער פּאַלובע סערגײ, אַ הױקער, מיט אַ ברײטבײניק פּאָנעם, װאָס איז צעשטופּלט פֿון פּאָקן, מיט פֿוטערנע אױגן. יאַקאָװ איװאַניטש דערצײלט פֿאַרשײדענע מיִעסע זאַכן, אונטערכיכענדיק מיט אַ יאָמערנדיק געלעכטערל, װײַזנדיק דערבײַ די גרינע, פֿױלע צײן. סערגײ צעציט ביז די אױערן זײַן פֿראָש־מױל, דער כמורנער מאַקסים שװײַגט, קוקנדיק אױף זײ מיט שטרענגע אױגן פֿון אַן אומבאַשטימטן קאָליר.

— אַז — זיִאַטן! מאָר — רדװאַ! — רופֿט װען־ניט־װען אױס דער עלטערער קעכער מיט אַ הילכיקער שטים.

די דאָזיקע מענטשן געפֿעלן מיר ניט. דער דיקער, פֿליכװאַטער יאַקאָװ איװאַניטש רעדט נאָר װעגן פֿרױען און שטענדיק עקלדיק. אַ פּאָנעם האָט ער אַ

ליידיקס, אינ גרוי־בלויע פלעקנ, אפ איינ באק — א בראָדעווקע מיט א קוסטיקל געלע ברוינע האָר, ער פארדרייט זיי אינ א נאָדעלע. אז אפנ דאמפער באווייזט זיך א נאָכגיביקע שמיידיקע פאסאזשירקע, גייט ער ארומ איר עפעס ציטעריק אונ געהיט, ווי א בעטלער, רעדט מיט איר זיסלעכ אונ ווייגענדיק, אפ די ליפנ ווייזט זיך אימ זייפ־שוימ, ער לעקט אימ אלע ווייַלע אראָפ מיט א פלינקער באוועגונג פונ דער פאסקודנער צונג. מיר דוכט זיך אלץ, אז אזוינע־אָ פעטינקע דארפנ זיינ הענקערס.

— א פרוי דארפ מענ קענענ אָנגליִענ, — לערנט ער סערגייענ אונ מאקסימענ. זיי הערנ זיך צו אופמערקזאמ אונ בלאָזנ זיך אָנ, ווערנ רויט.

— אזיאטנ, — באָכעט אויס סמורי מיט עקל, שטייט אופ שוועער אונ קאָמאנדעוועט מיר: — פעשקאָוו, מארש!

אינ דער קאיוטע בא זיך שטופט ער מיר אריינ א ביכל אינ א לעדערנעמ איינבונד אונ לייגט זיך אפ דער קויקע, בא דער וואנט פונ דער אייז־שאפע.

— לייענ!

איכ זעצ זיכ אפנ קאסטנ מיט מאקאראָנעס אונ נעמ זיכ געוויסנהאפט צומ לייענענ:

— „אנ אומבראקול, א צעשפרענקלטער מיט שטערנ — דאָס באטייט א באקוועמער פארקער מיטנ הימל, ווערכנ זיי קריגנ דורכנ פריי ווערנ פונ פראָפאנענ אונ זינד"...

סמורי פאָרשקעט מיט רויכ פונעמ אָנגעצונדענעמ פאפיראָס אונ וואָרטשעט:

— ווערבליודנ! האָבנ אָנגעשריבנ...

— „די נאקעטקייט פונ דער לינקער ברוסט — דאָס באטייט אומשולדיקייט פונעמ הארצנ"...

— בא וועמענ — די נאקעטקייט?

— ס'איז ניט אָנגעשריבנ.

— הייסט עס — בא ווייבער... עכ, צעלאָזענע יונגענ.

ער פארמאכט די אויגנ אונ ליגט, פארוואָרפנ די הענט הינטערנ קאָפ, דער פאפיראָס רויכערט זיך קוימ, צוגעקלעפט צו א ווינקל פונ די ליפנ, ער פאריכט אימ מיט דער צונג, פארציט זיך אזוי, אז אינ דער ברוסט בא אימ הייבט עפעס אָנ פייפנ, אונ דאָס ריזיקע פאָנעמ פארזינקט אינ א וואָלקנ רויכ. אנ אנדער מאָל דוכט זיך מיר, אז ער איז איינגעשלאָפנ, איכ הער אופ לייענענ אונ נעמ באטראכטנ דאָס פארשאָלטענע בוכ — ס'איז מיר דערעסנ ביז כאלאָשעס.

נאָר ער כריפעט אויס:

— לייענ!

„ווענעראבל ענטפערט: טו א קוק, מיינ ליבער פרער סיוועריאנ"...

— סעוועריאנ...

— ס'איז געדרוקט — סיוועריאנ...

— נו? אָט א פארדרייעניש! דאָרטנ איז צומ סאָפ אינ גראמענ אָנגעשריבנ, שמייס פונדאָרטנ.

איכ שמייס:

•

— „פראָפאנענ, וואָס מיינענ צו וויסנ אונדזערע טוונגענ —
קיינמאָל וועלנ אייערע שוואכע אויגנ ניט דערזעענ די דאָזיקע
אויכ דאָס וועט פונ אייַכ פארהוילנ בלייבנ, ווי סע זינגענ די ספערנ".

— שטיי, — זאָגט סמורי, — ס'איז דאָך ניט אין גראמען! ווייַז אהער דאָס בוך...

ער בלעטערט בייז די דיקע בלויע זייַטלעך און פארשטופּט דאָס בוך אונטערן מאטראץ.

— נעם אן אנדערס...

צו מייַן אומגליק, איז בא אים אין זייַן שווארצן אייַזן־געקאָוועטן קופערט געווען א מענגע ביכער. דאָ זייַנען געווען: „אָמירס מוסער־רייד", „די ארטילערישע מעמאָריען", „די בריוו פונעם לאָרד סעדענגאלי", „וועגן דעם וואנץ, דעם שעדלעכן אינזעקט, און אויך וועגן דער פארניכטונג פון דעם דאָזיקן, מיט א בייַלאגע פון אייצעס קעגן די באגלייטער זייַנע"; דאָ זייַנען געווען ביכער אָן אן אָנהייב און אָן א סאָף. אן אנדער מאָל פלעג דער קעכער מיך צווינגען איבערקלייַבן די אלע ביכער, אָנרופן אלע טיטלען זייערע, — איך לייען, און ער וואָרטשעט אין כּאַס:

— פארפאסער פארדריפּעטע... ווי זיי וואָלטן זעצן אין די ציין, און פארוואָס? אומעגלעך צו פארשטיין. גערוואסי! און צו וועלכע רוכעס טויג ער מיר, אָט דער גערוואסי! אומבראקול...

די מעשונעדיקע ווערטער און אומבאקאנטע נעמען פלעגן זיך אייַנעסן אין זיקאָרן, האָבן געקיצלט די צונג, ס'האָט זיך געגלוסט אלע רעגע זיי ארויסריידן — עפּשער וועט אין די קלאנגען זיך אופדעקן דער זין? און הינטערן פענצטער האָט נאָכאנאנד געזונגען און געפּאטשט דאָס וואסער. ס'וואָלט גוט געווען זיך דורכגיין אפן הינטערטייל פון דער שיף, — דאָרטן, צווישן די קאסטנס סכוירע, פארזאמלען זיך די מאטראָסן, די הייצערס, שפּילן מיט די פּאסאזשירן אין קאָרטן, זינגען לידער, דערציילן אינטערעסאנטע געשיכטעס. ס'איז ווויל צו זיצן מיט זיי און, הערנדיק עפּעס אייַנפאכס און פארשטענדלעכס, קוקן אף די ברעגן פון דער קאמע, אף די סאָסנעס, וואָס זייַנען אויסגעצויגן, ווי קופּערנע סטרונעס, אף די לאָנקעס, וווּ ס'זייַנען פונעם פריילינג־געוויסער פארבליבן קליינינקע אָזערעס און ליגן, ווי שטיקער פון א צעבראָכענעם שפּיגל, אָפּשפּיגלענדיק דעם בלויען הימל. אונדזער דאמפער איז אָפּגעבונדן פון דער ערד, אנטלויפט פון איר, און פונעם ברעג, אין דער שטילקייַט פונעם מיד־געוואָרענעם טאָג דערטראָגט זיך א קלונג פון אן אומזיכטיקן גלאָקן־טורעם, דערמאנענדיק וועגן דערפער, וועגן מענטשן. אף דער כוואליע וויגט זיך א פישערס א שיפל, ענלעך אף אן אָקרייַעץ ברויט. אָט זעט זיך אָן א דערפל אפן ברעג, א כאָפּטע ייִנגלעך שווענקט זיך אין טייַך, איבער דער געלער סטענגע זאמד גייט א פויער אין א רויט העמד, פונווייַטנס, פונעם טייַך ווייַזט אויס אלץ אנגענעם, אלץ איז, ווי א שפּילעכל, טשיקאווע קליין און קאָלירִיק. ס'ווילט זיך אויסשרייַען צום ברעג וועלכע ניט איז מילדע ווערטער — צום ברעג און צו דער בארזשע.

אָט די ברוין־געלע בארזשע האָט מיך שטארק אינטערעסירט, איך האָב געקענט א שאָ נאָכאנאנד קוקן און ניט אָפּרייַסן זיך, ווי זי גראָבט מיט דער טעמפּער נאָז אין דער מוטנער וואסער. דער דאמפער האָט זי געשלעפּט, ווי א כאזער. דער בוקסיר איז אָפּגעפאלן, געפּאטשט איבערן וואסער, דערנאָך ווידער זיך אָנגעצויגן, לאָזנדיק מענגעס טראָפּנס, און האָט געצופּט די בארזשע פאר דער נאָז. ס'האָט זיך מיר זייער געגלוסט זען די פּענעמער פון די מענטשן, וואָס זייַנען, ווי די כייַעס, געזעסן דאָרט אינעם אייַזערנעם שטייַג. אין פּערם, בייס מע האָט זיי

אראָפּגעפירט אפּן ברעג, האָב איך זיך געפונען באַם אראָפּגאנג פון דער בארזשע. פאַרבײַ מיר זײַנען געגאנגען צענדליקער גרויע מענטשלעך, הילכיק טופּענדיק מיט די פיס, בראַזגענדיק מיט די רינגען פון די קאנדאלן, אײַנגעבויגן אונטער דער לאַסט פון די קלומקעס, געגאנגען זײַנען פרויען און מאנצבלען, אלטע און יונגע, שיינע און העסלעכע. נאָר דורכויס פּונקט אזוינע ווי אלע מענטשן, מער ניט — אנדערש אָנגעטאָן און פאַרהעסלעכט אָפּגעגאָלט. געוויס זײַנען עס גאזלאָנים, נאָר די באַבע האָט דערציילט אזויפיל גוטס וועגן די גאזלאָנים.

סמורי, וואָס איז מער ווי אַנדערע געווען ענלעך אף א ווילדן גאזלען, האָט כמורנע געקוקט אף דער בארזשע און געוואָרטשעט:

— באַהיט גאָט פון אזא גורל!

איינמאָל האָב איך בא אים א פרעג געטאָן:

פאַרוואָס איז עס אזוי, אז איר אָט פּאָרעט זיך בא דער קיך, און אנדערע הארגענען, ראַבעווען?

— איך פּאָרע זיך ניט, איך קאָך, — ווײַבער פּאָרען זיך, — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל. נאָך א ווײַלע טראַכטן האָט ער צוגעגעבן: דער אונטערשייד צווישן די מענטשן איז אין דעם גראַד נאַרישקײַט. איינער איז א קלוגער, דער צווייטער — ווייניקער, דער דריטער איז אינגאנצן א נאַר. נאָר אף קליגער ווערן דאַרף מען לייענען די ריכטיקע ביכער, די שווארצע מאַגיע און — וואָס נאָך דאָרטן? אלע ביכער דאַרף מען לייענען. דענסטמאָל וועסטו אָנטרעפן אף די ריכטיקע...

ער פלעג מיט מיר שטענדיק אײַנטײַנען:

— דו לייען! פאַרשטייסט ניט עפּעס א בוך — לייען עס זיבן מאָל, וועסטו פון זיבן ניט פאַרשטיין — לייען צוועלף מאָל...

מיט אלעמען אפּן דאַמפער, ניט אויסגעשלאָסן דעם בופעטשיק, האָט סמורי גערעדט אָפּגעהאַקט, אראָפּגעלאָזן די הינטערשטע ליפּ, ווי זיך מיִעסנדיק מיט עפּעס, די וואָנצעס אָנגעדראָדלט, פּונקט ווי ער וואָלט אין די מענטשן מיט שטיינער געוואָרפן. צו מיר האָט ער זיך באַצויגן ווייך און אופמערקזאַם, נאָר אין דער אופמערקזאַמקײַט איז געווען עפּעס אזוינס, וואָס האָט מיך א קאַפּעלע געשראָקן. און אנדער מאָל פלעג מיר דער קעכער אויסווײַזן האַלב־דול, ווי דער באַבעס שוועסטער.

אמאָל פלעג ער מיר זאָגן:

— גענוג לייענען...

און לאַנג ליגט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן, אונטערסאָפּנדיק מיט דער נאָז. סע הוידעט זיך זײַן גרויסער בויך, סע רירן זיך די אָפּגעברענטע האָריקע פינגער פון די הענט, וואָס זײַנען צונויפגעלייגט אף דער ברוסט, ווי בא א מעס, זיי שטריקן מיט אומזיכטיקע שפּיזלעך אן אומזיכטיקן זאָק.

און מיט אמאָל צעוואָרטשעט ער זיך:

— יאָ! אָט האָסטו דיר פאַרשטאַנד, גיי און לעב! נאָר פאַרשטאַנד איז געגעבן קנאַפּ און ניט גלײַך. ווען אלע זאָלן האָבן אן אלציינע מאָס פאַרשטאַנד, — איז עס דאָך אָבער ניט אזוי... איינער פאַרשטייט, אן אנדערער פאַרשטייט ניט, און ס'זײַנען פאַראַן אזוינע, וואָס ווילן גאָרניט פאַרשטיין, א!

פאַרהאַקנדיק זיך אָפּט, פלעג ער דערציילן געשיכטעס פון זײַן סאָלדאַטישן

לעבן, — דעם זינ פונ די דאָזיקע געשיכטעס איז מיר שווער געווענ צו כאפּן, זיי האָבנ מיר אויסגעוויזנ ניט אינטערעסאנט, אונ דערציילט האָט ער אָנ אַנ אָרדענונג, גלאט וואָס ס'האָט זיכ צופעליק דערמאנט.

— רופט ארײַנ צו זיכ דער פּאָלקאָווני קאָמאנדיר יענעם סאָלדאט אונ פרעגט: וואָס האָט דיר דער פּאָרוטשיק געזאָגט? ענטפערט ער אלצ, ווי ס'איז געווענ, א סאָלדאט איז מעכוייעוו צו ענטפערנ דעם עמעס. אונ דער פּאָרוטשיק האָט א קוק געטאָנ אפ אים, ווי אפ א וואנט, אונ האָט זיכ אָפּגעקערט, אראָפּגעלאָזנ דעם קאָפּ. יאָ...

דער קעכער קאַעסט זיכ, אָטעמט מיט רויכ אונ וואָרטשעט:

— קענ איכ דענ וויסנ, וואָס מע מעג ריידנ, וואָס מע טאָר ניט? דענסטמאָל האָט מענ דעם פּאָרוטשיק פארמישפּעט צו פעסטונג, אונ די מאמע זײַנע זאָגט... א, גאָט מײַנער! אז איכ בינ דאָכ ניט קיינ געלערנטער, איכ ווייס גאָרניט...

הייס. אלצ ארומ טרייסלט זיכ שטיל, הודעט, אונטערנ אײַזערנעמ ווענטל פונ דער קאיוטע שווענקט זיכ דאָס וואסער אונ סע באַכעט די ראָד פונעמ דאמפער, פארבײַ דעמ איליומינאטאָר פליסט אינ א ברייטנ פאס דער טײַכ, ווײַט זעט זיכ א פאסיקל ברעג־לאָנקע,ביימער הייבנ זיכ, דער געהער איז צוגעווױנט צו אלע קלאנ־גענ, — סע דוכט זיכ, אז ס'איז שטיל ארומ, כאָטש אפ דער נאָז פונעמ דאמפער פארגייט זיכ א מאטראָס מיט אנ אומעטיק קאָל:

— זי־יבנ, יזי־יבנ...

סע גלוסט זיכ ניט אָנטיילנעמענ אינ קיינ שום זאכ, סע גלוסט זיכ ניט הערנ, ארבעטנ, ס'ווילט זיכ נאָר זיצנ ווו־ניט־איז אינ שאָטנ, ווו מע שפּירט ניט דעמ פעטנ רייעכ פונ דער קיכ, זיצנ אונ קוקנ האלב־שלעפעריק, ווי איבערנ וואסער גליטשט זיכ אָט דאָס שטילע מידע לעבנ.

— לייענ! — באפוילט דער קעכער קאַעסדיק.

פאר אימ האָבנ מוירע אפילע די אָפיציאנטנ פונ די קלאסנ, אונ דער שטילער קארג־בארײדעוודיקער בופעטשיק, וואָס איז ענלעכ אפ א סאָנדעק, האָט אויכ, ווײַזט אויס, מוירע פאר סמוריג.

— דו, כאזער! — שרײַט ער אפ דער בופעט־דינערשאפט. — אהער גיי, גאנעוו! אזיאטנ... אומבראקול...

די מאטראָסנ אונ די הייצערס באציִענ זיכ צו אימ מיט אכטונג אונ מיט כניִ־פע — ער גיט זיי אויסגעקאָכט בוליאָנ־פלייש, פרעגט זיי אויס וועגנ דאָרפ, וועגנ זייערע הויזגעזינדנ. די פארפעטסטע אונ פארויכערטע הייצערס־ווײַסרוסנ האָבנ זיכ גערעכנט אפנ דאמפער ווי מענטשנ פונ נידעריקערנ סאָרט. זיי האָט מענ אלע גע־רופנ מיט איינ נאָמענ — די יאהוטנ, אונ מע פלעג זיי רייצנ:

— יאהו, ביאהו, נא בעריאהו...

אז סמורי האָט דאָס דערהערט, האָט ער, אינגאנצנ אנ אָנגעדראָדלטער, אנ אָנ־געגאָסענער מיט בלוט, זיכ צעריטשעט אפנ הייצער:

— דו, ווי דערלאָזסטו עס, מע זאָל פונ דיר כויזעק מאכנ, שטרויענע צורע? צעפּאטש דעם קאצאפּ די מאָרדע!

איינמאָל האָט דער באָצמאנ, א שיינער אונ בייזער יונג, צו אימ געזאָגט:

— א יאהוט אונ א כאָכאָל — ס'איז איינ גלויבנ!

דער קעכער האָט אים אָנגעכאפּט פארן קאָלנער, פארן גארטל, האָט אים אופ־געהויבן אינדערלופטן און גענומען טרייסלען, פרעגנדיק:

— ווילסט, נעריק איך דיך?

מע האָט זיך אפּן דאמפער אָפּט געקריגט, ס'פלעג דערגיין ביז געשלעג, נאָר סמורין האָט מען ניט געשלאָגן — ער האָט פארמאָגט אן אומענטשלעכע קראפט, און אויסער דעם האָט מיט אים אָפּט און ליבלעך געשמועסט דעם קאפּיטאנס ווייב, א הויכע קערפּערדיקע פרוי מיט א מאנצבלש פּאָנעם און גלאט, ווי בא א יינגל, אָפּגעשוירענע האָר.

בראָנפן האָט ער געטרונקען אכזאָריעסדיק, נאָר ער איז קיינמאָל ניט געווען שיקער, ער הייבט אָן טרינקען פון אינדערפרי, טרינקט אויס א פלעשל אין פיר מאָל, און ביז סאמע אָוונט זשליאָקעט ער ביר. דאָס פּאָנעם ווערט אים פאמעלעך ברודיק־רויט, די טונקעלע אויגן פארברייטערן זיך פארכידעשט.

סע טרעפט, אינאָוונט זעצט ער זיך אפּן אָפּלייטער, א ריזיקער, א ווייסער, און זיצט שאָענווייז שווייגנדיק, קוקנדיק כמורנע אין דער פליסיקער ווייט. אין דער שאָ האָבן אלע באזונדערס פאר אים מוירע געהאט, און איך — האָב אפּ אים געהאט ראכמאָנעס.

ס'גייט ארויס פון קיך יאקאָוו איוואניטש, א פארשוויצטער, א צעגליטער, שטייט, קראצנדיק דעם הוילן שארבן, און, א מאך טוענדיק מיט דער האנט, בא־האלט ער זיך אָדער זאָגט פונדערווייטנס:

— די סטערלעט איז איינגעשלאָפן.

— נו, איז אין א סאָליאנקע...

— און טאָמער באשטעלט מען א יויך אָדער א געבריטעס?

— איז מאך. זיי וועלן אופּעסן.

אן אנדער מאָל פלעג איך זיך איינשטעלן און צוגיין צו אים, ער פירט שווער איבער די אויגן אפּ מיר.

— וואָס?

— גאָרניט.

— גוט...

איך האָב אים פונדעסטוועגן א פרעג געטאָן אין איינער אזא שאָ:

— צו וואָס שרעקט איר אלעמען, איר זייט דאָך א גוטער?

ער איז דאפקע ניט אין קאס געוואָרן.

— דאָס בין איך נאָר צו דיר א גוטער.

נאָר באלד האָט ער צוגעגעבן טמימעסדיק און פארטראכט:

— און, עפשער, איז טאקע ריכטיק, אז איך בין צו אלעמען גוט, נאָר איך ווייז עס ניט ארויס, מע טאָר עס פאר די מענטשן ניט ארויסווייזן, אניט קענען זיי פאר־מאָרדעווען. אפּ א גוטן קריכן אלע, ווי אפּ א בערגל אין א בלאָטע... און קאָנען פארטאָפּטשען. גיי, ברענג ביר...

אויסגעטרונקען די פלאש, א גלאָז נאָך א גלאָז, האָט ער ארומגעסמאָקעט די וואָנצעס און געזאָגט:

ווען דו, פויגל, ביסט אביסל גרעסער, וואָלט איך דיך אסאך אויסגעלערנט. איך

האָב וואָס צו זאָגן א מענטשן, כ׳בין ניט קיין נאַר... דו לייען ביכער. אין זיי מוז זײַן אַלץ, וואָס מע דארף, דאָס איז ניט קיין קלייניקייט, ביכער! ווילסט ביר?

— כ׳האָב ניט ליב.

— גוט. און טרינק טאקע ניט. שיקרעס — איז אַן אומגליק, בראָנפן — א טײַוול־שער געשעפט. ווען איך בין רײַך, טרײַב איך דיך אוועק לערנען. ניט קיין געלערנטער מענטש איז א ביק — כאָטש אין יארעם, כאָטש אַפ פלייש, איז סײַווי־פאַכט ער מיטן עק...

די קאפיטאנשע האָט אים געגעבן א באַנד גאָגאָל, איך האָב איבערגעלייענט „די שרעקלעכע נעקאָמע״, ס׳איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, נאָר סמורי האָט אויס־געשריגן אין קאַס:

— נארישקייטן, א מײַסע! איך וויים, ס׳איז פאראן אנדערע ביכער...

ער האָט אָפגענומען בא מיר דאָס בוך, געבראַכט פון דער קאפיטאנשע אַן אנ־דערס און האָט מיר באַפוילן:

— לייען טאראס... ווי הייסט ער דאָרטן? געפין. זי זאָגט — ס׳איז גוט... פאַר וועמען — גוט? פאַר איר גוט, און פאַר מיר, עפשער, ניט גוט... האָט זיך די האָר אָפגעשוירן, נא! און וואָס האָט זי זיך די אויערן ניט אָפגעשוירן?

ווען טאראס האָט אָסטאַפן ארויסגערופן אַפן געשלעג, האָט זיך דער קעכער גע־דיכט צעלאַכט.

— אזוי־אָ! וואָס דען? דו האָסט מויעך, און איך האָב קויעך! וואָס מע דרוקט? ווערבליודן...

ער האָט געהערט אופמערקזאַם, נאָר ער האָט אָפט געוואָרטשעט:

— א, נארישקייטן! ס׳איז אומעגלעך צעהאַקן א מענטשן פון דער פלייצע ביזן געזעס, אומעגלעך! און אַפ א פיקע אופהייבן איז אויך אומעגלעך — די פיקע וועט זיך איבערברעכן! איך בין דאָך אליין געווען א סאָלדאַט...

אנדרייס פאראַט האָט בא אים ארויסגערופן אַן עקל־געפיל.

— א פּאַדלער נעפעש, א? צוליב א קליידל! טפו...

נאָר אַז טאראס האָט דערשאָסן דעם זון, האָט דער קעכער, אראָפּלאָזנדיק די פיס פון דער קויקע, זיך אײַנגעשפּארט אין איר מיט די הענט, זיך אײַנגעבויגן און זיך צעוויינט — לאַנגזאַם זײַנען איבער די באַקן געראָנענע טרערן, קאַפּענדיק אַפ דער פּאַלובע: ער האָט געסאַפּעט און געבעבעט:

— גאָט מײַנער... גאָט מײַנער...

און האָט זיך פּלוצעם צעשריגן אַפ מיר:

— טאָ לייען־זשע, טײַוולשער ביין!

ער האָט זיך נאָכאַמאָל צעוויינט, און נאָך שטארקער און ביטערער, ווען אָס־טאַפּ האָט פארן טויט אויסגעשריגן: „צי הערסטו, טאטע?״

— אַלץ פארפאַלן, — האָט סמורי געכליפּעט, — אַלץ, א? שוין א סאָף? עך, אזא בראָך! ס׳זײַנען געווען מענטשן, אָט דער טאראס — א? יאָ־אָ. דאָס זײַנען מענטשן...

ער האָט גענומען בא מיר פון האַנט דאָס בוך און האָט עס אופמערקזאַם ארום־געקוקט, באַקאַפּענדיק דעם אײַנבונד מיט טרערן.

— א גוטער בוך! פּאַשעט — א יאָנטעוו!

דערנאָך האָבן מיר געלייענט „איוואַנגאָע", — סמורינ איז שטארק געפעלנ געוואָרנ ריטשארד פלאַנטאגענעט.

— אָ־דאָס איז אַנ עמעסער מיילעכ! — האָט ער געזאָגט. מיר האָט דאָס בוכ אויסגעוויזנ לאַנגווייליק.

אינ אַלגעמיינ זײַנענ מיר זיכ ניט צונויפגעגאַנגענ אינ די געשמאַקנ — מיכ האָט זייער פארכאַפּט „די געשיכטע וועגנ טאָמאס יאָנעס" — אַנ אַלטע איבערזעצונג פונ „דער געשיכטע וועגנ טאָם דזשאָנס, דעמ געפונענעמ", אונ סמורי האָט געוואָרטשעט:

— נארישקײַט! וואָס גייט ער מיר אָנ, דער טאָמאס? אַפ וועלכע צאָרעס דארפ איכ אימ? ס'געהערנ צו זײַנ אַנדערע ביכער...

איינמאָל האָב איכ געזאָגט, אַז מיר איז באַוווּסט — ס'זײַנענ דאָ אַנדערע ביכער, אונטערערדישע, פארבאָטענע, לייענענ זיי מעג מענ נאָר באַנאַכט אינ אַ קעלער.

ער האָט אויסגעראַטשעט די אויגנ, האָט זיכ אָנגעדרודלט.

— וואָ־אָס? וואָס האַקסטו ליגנס?

— איכ זאָג ניט קיינ ליגנ. מיכ האָט וועגנ זיי דער פּאָפּ אַפ דער ווידע געפרעגט, אונ נאָכ פאַר דעמ האָב איכ אַליינ געזענ, ווי מע לייענט זיי אונ מע וויינט.

— ווער וויינט?

— די פּריצע, וואָס האָט געהערט. אונ די צווייטע איז אַפילע אַנטלאָפנ פאַר שרעק...

— כאַפּ זיכ אופ, רעדסט פונ היצ, — האָט סמורי געזאָגט, לאַנגזאַמ צומאַכנדיק די אויגנ, אונ נאָכ אַ שווײַגנ האָט ער זיכ צעבעבעט:

— פארשטייט זיכ, ערגעץ איז פאַראַנ... עפּעס באַהאַלטנס. סע זאָל ניט זײַנ אַזוינס — איז אומעגלעכ... שוינ ניט די יאָרנ, אונ דער כאַראַקטער מײַנער אויכ ניט דער... נו, אָבער פונדעסטוועגנ...

ער האָט געקענט אַזוי־אָ ריידנ אַ גאַנצע שאָ...

אומבאַמערקט פאַר זיכ האָב איכ זיכ ארײַנגעצויגנ אינ לייענענ אונ האָב מיט פארגעניגנ גענומענ אַ בוכ אינ האַנט. דאָס, וואָס די ביכער האָבנ דערציילט, האָט זיכ אַנגענעמ אונטערגעשיידט פונעמ לעבנ, וואָס איז געוואָרנ אַלצ שווערער.

סמורי האָט זיכ אויכ ארײַנגעצויגנ אינ לייענענ אַלצ מער אונ האָט מיכ אָפט אָפּגעריסנ פונ דער ארבעט.

— פּעשקאָוו, גיי לייענענ.

— סע שטייט בײַ מיר אַסאַך ניט געוואַשנ געפעס.

— מאַקסימ וועט אויסוואַשנ.

ער האָט געטריבנ דעמ עלטערנ געפעס־וואַשער אַפ מײַנ ארבעט, יענער האָט פאַר קאַס געבראָכנ גלעזער, אונ דער בופעטשיק פלעג אימ געדולדיק וואָרענענ:

— כ'וועל דיכ אַראָפּזעצנ פונעמ דאַמפער.

איינמאָל האָט מאַקסימ אומיסטנ ארײַנגעלייגט אינ אַ שיסל מיט שמוציקער וואַסער אונ אָפּגעטרונקענעמ טיי עטלעכע גלעזער, אונ איכ האָב די וואַסער ארויסגעפלוסקעט איבערנ באָרט, אינ איינ וועג זײַנענ אַהינ אַוועקפלויגנ די גלעזער.

— דאָס איז מײַן שולד! האָט סמורי געזאָגט צום בופעטשיק. — פארשרײַב אפּ מיר.

די בופעט־דינערשאפט האָט אָנגעהויבן קוקן אפּ מיר קרום, מע פלעג זאָגן:

— היי, דו, בוכשמעקער! פארוואָס צאָלט מען דיר געלט?

און מע האָט זיך געפלײַסט צו געבן מיר וואָס מער ארבעט, פאטשקענדיק געפעס אָן יעדער נייטיקייט. איך האָב פארשטאנען, אז דאָס וועט זיך שלעכט אויסלאָזן פאר מיר, — און האָב זיך ניט גענארט.

פארנאכטלעך האָט זיך פון עפּעס א קליינער ברעג־סטאנציע צו אונדז אפּן דאמפער געזעצט א רויטפּארצעפּדיקע פרוי מיט א מיידל אין א געל טיכל און אין א ראָזער נײַער קאָפטע.ביידע זײַנען זיי געווען אויסגעטרונקען — די פרוי האָט געשמייכלט, זיך גענייגט פאר אלעמען און גערעדט אפּן „אָ“, ווי א דיאק.

— אנטשולדיקט מיר, טײַערע, כ׳האָב אויסגעטרונקען א קאפּעלע! מע האָט מיך געמישפּעט, בארעכטיקט, האָב איך פאר פרייד אויסגעטרונקען...

די מויד האָט אויך געלאכט, קוקנדיק אפּן אוילעם מיט מוטנע אויגן, און האָט געשטורכעט די פרוי:

— גיי, גיי, דולע דו, גיי — און גאָר...

זיי האָבן פארנומען אן אָרט לעבן דער רובקע פון צווייטן קלאַס, קעגן דער קאיוטע, ווו ס׳זײַנען געשלאָפן יאקאָוו איוואניטש און סערגיי. די פרוי האָט גיך ערגעץ ניט געסטײַעט, און צו דעם מיידל האָט זיך צוגעזעצט סערגיי, זשעדנע צעציִענדיק זײַן פראָשן מויל.

באנאכט, ווען איך האָב נאָכן פארענדיקן די ארבעט זיך געלייגט שלאָפן אפּן טיש, איז סערגיי צוגעגאנגען צו מיר און האָט מיך אָנגעכאפּט פאר א האנט!

— קום, מירן דיר כאסענע מאכן...

ער איז געווען שיקער. איך האָב געפּרוווט ארויסרײַסן די האנט, האָט ער מיר דערלאנגט א גוטן זעץ.

— קום, זאָגט מען דיר.

ס׳איז צוגעלאָפן מאקסים אויך א שיקערער, און זאלבעצווייט האָבן זיי מיך אוועקגעשלעפּט איבער דער פאלובע צו זייער קאיוטע, פארבײַ די שלאָפנדיקע פּאסאזשירן. נאָר פאר דער טיר פון קאיוטע איז געשטאנען סמורי, אין דער טיר, זיך אָנהאלטנדיק פאר די בײַשטידלעך, יאקאָוו איוואניטש, און די מויד האָט אים געקלאפּט מיט די פויסטן אין רוקן און האָט מיט שיקערן קאָל געשריגן:

— לאָזט ארויס...

סמורי האָט זיך ארויסגעריסן פון סערגייס און מאקסימס הענט, האָט זיי אָנגעכאפּט פאר די האָר און, צעבוצקענדיק מיט די קעפּ, האָט ער זיי אָפּגעשלײַדערט — זיי זײַנען ביידע געפאלן.

— אזיִאט! — האָט ער געזאָגט צו יאקאָוון, פארהאקנדיק די טיר אים פאר דער נאָז, און האָט זיך צעהוקעט, שטויסנדיק מיך:

— אוועק פונדאנען!

איך בין אוועקגעלאָפן אפּן שיף־הינטערטייל. די נאכט איז געווען א וואָלקנדיקע, דער טײַך — שווארץ. אונטער דער שיף האָבן געזאָטן צוויי גרויע סטעזשקע־

לעכ, צעגייענדיק זיכ צו די אומזיכטיקע ברעגנ. צווישנ אָט די סטעזשקעלעכ האָט זיכ געצויגנ די בארזשע. אמאָל רעכטס, אמאָל לינקס ווײַזנ זיכ רויטע פלעקנ פונ פײַערנ. גאָרניט ניט באַליכטנדיק, פארשווינדנ זיי אונטער די אומגעריכטע אויסבויגנ פונעמ ברעג; נאָכ זיי ווערט נאָכ מער פינצטער און פארדריסלעכ.

ס'איז געקומענ דער קעכער, האָט זיכ געזעצט לעבנ מיר, האָט שווער אָפגעזיפצט און פארויכערט א פאפיראָס.

— זיי האָבנ דיכ געשלעפט צו יענער? עכ, מיִעסע נעפאשעס! איכ האָב דאָכ געהערט, ווי זיי האָבנ געפלאָנעוועט...

— איר האָט זי אָפגענומענ בא זיי?

— זי? — ער האָט גראָב אויסגעזידלט די מויד און פאַרגעזעצט מיט א שווערער שטימ: — דאָ זײַנענ אַלע פאסקודניאקעס. אָט דאָס דאָזיקע דאמפערל איז ערגער פונ א דאָרפ. איִנ א דאָרפ האָסטו געלעבט?

— ניינ.

— דאָס דאָרפ — ס'איז דורכויס אומגליק! איבערהויפט ווינטער...

ארויסגעוואָרפנ דאָס פאפיראָס־קערטל איבערנ באָרט, האָט ער געשוויגנ א ווײַלע און ווידער זיכ צערעדט:

— וועסט פארפאלנ ווערנ איִנ דער כאזערשער טשערעדע, כ'האָב ראכמאָנעס אָפ דיר, זויג־היִנטעלע דו קליינס. און ס'איז אָפ אַלעמענ א ראכמאָנעס. אנ אנדער מאָל וואָלט איכ כ'ווייס ניט וואָס געטאָנ... אפילע אָפ די קני זיכ געשטעלט און געפרעגט: וואָס־זשע טוט איר עס, היִנטישע זינ, א? וואָס זײַנט איר, בלינדע? ווערבליודנ...

דער דאמפער האָט זיכ דויערנדיק צעהודעט, דער בוקסיר האָט א פאטש געטאָנ איִנ וואסער. איִנ דער געדיכטער פינצטערניש האָט זיכ א וויג געטאָנ א פײַער פונ א לאמטערנ, ווײַזנדיק, ווו די סטאנציע איז, פונ דער טונקל האָבנ זיכ געוויזנ נאָכ פײַערנ.

— פיאַני באָר, שיקערער וואלד, — האָט דער קעכער געוואָרטשעט — און א טײַכ איז דאָ — פיאנאיא, א שיקערער, — געווענ א קאפטענארמוס — פיאנקאָוו. און א שרײַבער — זאפיוואָכינ... כ'גיי אפנ ברעג.

גרויסקערפערדיקע ווײַבער און מיידלעכ פונ דער קאמא האָבנ געטראָגנ פונ ברעג האָלצ אָפ לאנגע טראָג־בריקלעכ. אויסבייגנדיק זיכ אונטער די ליאמקעס, שטײַפ אונטערטאנצנדיק, זײַנענ זיי פאָר נאָכ פאָר געגאנגענ צומ טריומ פונ דער הייצערײַ, אראָפגעוואָרפנ א האלבנ קלאפטער האָלצ איִנ דער שווארצער גרוב אריינ און אויסגעשריגנ מיט א געהילכ:

— טרושקא!

ווענ זיי זײַנענ געגאנגענ מיטנ האָלצ, האָבנ די מאטראָסנ זיי געכאפט פאר די בריסטנ, פאר די פיס, די פרויענ האָבנ געקוויטשעט, געשפיגנ אָפ די מאנצבלענ, צוריק גייענדיק האָבנ זיי פונ די קניפנ און שטורכעס זיכ פארטיידיקט מיט קלעפ פונ די טראָג־בריקלעכ. איכ האָב עס געזענ צענדליקער מאָל, — איִנ יעדנ רייס, אָפ אַלע ברעג־סטאנציעס, ווו מע האָט געלאָדנ האָלצ, איז עס צוגעגאנגענ אָפ דעמ זעלבנ שטייגער.

ס'האָט מיר געדוכט, אז איכ בינ אַלט, אז איכ לעב אָפ דעמ דאמפער שוינ אסאכ יאָר, און ווייס, וואָס סע קענ אָפ אימ געשענ מאָרגנ, איִנ א וואָכ ארומ, הארבסט, איבעראיאָר.

ס׳האָט שוין געטאָגט. אַף דעם זאַמדיקן אָפּריס העכער פון דער ברעג־סטאַנציע האָט זיך אָנגעמערקט אַ מעכטיקער סאָסנאָווער וואַלד. באַרגאַרוף, צום וואַלד, זיינען געגאַנגען די פּרויען, האָבן געלאַכט און געזונגען. באַוואָפנטע מיט די לאַנגע טראָג־בריקלעך, זיינען זיי ענלעך געווען אַף סאָלדאַטן.

ס׳האָט זיך געוואָלט וויינען. טרערן האָבן געזאָטן אין דער ברוסט. דאָס האַרץ האָט זיך אַזויוי געקאָכט אין זיי; דערפון האָט וויי געטאָן.

נאָר וויינען איז אַ כאַרפּע, און איך האָב גענומען העלפן דעם מאַטראָס בליאַכין וואַשן די פּאַלובע.

ער איז געווען אַן אומבאַמערקלעך מענטשל, אָט דער בליאַכין. אינגאַנצן עפּעס אַן אויסגעקראָכענער, אַן אָפּגעבליאַקעוועטער, האָט ער זיך מיינסטנס געהאַלטן פאַר־שטעקט אין ערגעץ אַ ווינקל, בליצלענדיק פון דאָרטן מיט די קליינע אייגעלעך.

— אינעמעסן איז מיין פאַמיליע גאָר ניט בליאַכין, נאָר... ווייל, פאַרשטיי־סטו, — די מאַמע איז באַ מיר געווען אַזעלכע, וואָס האָט געפירט אַ צעלאָזן לעבן. כ׳האָב אַ שוועסטער, איז די שוועסטער אויך אַזאַ, אַזאַ מאַזל, הייסט עס, איז שוין זיי ביידע אָנגעצייכנט. דאָס מאַזל, ברודערקע, איז פאַר אונדז אַלעמען — אַן אַנקער. דו וואָלסט זיך געלאָזט גיין, ערשט — וואַרט צו...

אויך איצטער, שאַרקענדיק מיט דער באַרשט איבער דער פּאַלובע, האָט ער גע־רעדט שטילינקערהייט:

— האָסט געזען, ווי מע באַליידיקט די ווייבער? אָט דאָס איז דאָס! אַ נאַסער שיים האַלץ, מע זאָל אים לאַנג אונטערגעבן פייער, וועט ער אויך אָנהייבן ברענען! איך האָב עס ניט ליב, ברודערקע, איך קען עס ניט אָנקוקן. ווען איך וועל געבוירן אַ פרוי — דערטרינק איך זיך אין אַ שוואַרצער וואַסער־גרוב, אָט איז דיר קריסטוס דער הייליקער אַן איידעס!.. אַזוי האָט אויך קיינער קיין פרייַקייַט ניט, און דאָ גיט מען נאָך אונטער פייער! די קאַסטראַטן, וועל איך דיר זאָגן, זיינען ניט קיין נאַ־רישע כעוורע. ׳סט געהערט וועגן די קאַסטראַטן? אַ קלוגע כעוורע, האָבן זיך ריכ־טיק באַטראַכט: אָוועקגעשמיצט די אַלע קליינע זאַכענישן, און דינ צו גאָט, ריינ...

פאַרביי אונדז איז איבער די קאַליוזשעס דורכגעגאַנגען די קאַפּיטאַנשע, הויכ אונטערקלייַבנדיק די קליידלעך. זי איז געווייַנלעך פרי אופגעשטאַנען. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, און דאָס פּאָנעם — אַזוי פּראָסט און קלאָר... ס׳האָט זיך געוואָלט נאָכלויפן איר און בעטן מיטן גאַנצן האַרצן:

— זאָגט מיר עפּעס, זאָגט!..

דער דאַמפּער איז לאַנגזאַם אָפּגעשווומען פון דער ברעג־סטאַנציע, און בליאַכין האָט געזאָגט, זיך צייילעמענדיק:

— אַוועקגעפאָרן...

VI

אין סאַראַפּול איז מאַקסים אַוועק פונעם דאַמפּער — אַוועק שווייגנדיק, זיך מיט קיינעם ניט געזעגנט, אַן ערנסטער, אַ רויִקער. נאָך אים איז שמייכלענדיק אַראָפּ דאָס פריילעכע ווייבל, און נאָך איר — די מויד, אַ צעקוועטשטע, מיט פאַרשוואָלענע אויגן. סערגיי אָבער איז לאַנג געשטאַנען אַף די קני פאַרן קאַפּיטאַנס קאַיוטקע,

האָט געקושט די טיר־קראַטע, זיך געשלאָגן אין איר מיטן שטערן און געדופן:

— שענקט מיר דאָס מאָל, איך בין ניט שולדיק! דאָס האָט מאַקסימקע...

די מאַטראָסן, די בופעט־דינערשאַפט, אפילע איניקע פּאַסאַזשירן האָבן געוווסט, אַז ער זאָגט ליגן, נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיי, אויפמונטערנדיק, געשטיצט.

— שיט, שיט — ער וועט שענקען!

דער קאַפּיטאַן האָט אים געטריבן פון זיך, אפילע מיטן פוס אים א שטויס געטאָן, אַזוי אַז סערגיי האָט זיך איבערגעקוליעט, נאָר ער האָט פאָרט געשענקט. און סערגיי האָט זיך טייקעף א נעם געטאָן לויפן איבער דער פּאַלובע, צעטראָגן טאַצן מיט טיי־געפעס, הינטיש כניפעדיק פּאַרקוקנדיק אין די אויגן.

אפ מאַקסימס אָרט האָט מען גענומען פונעם ברעג א וויאַטקער סאָלדאַטל, א ביינערדיקס, מיט א קליין קעפּל און ברוין־געלע אויגן. דעם קעכערס געהילפ האָט אים טייקעף אוועקגעשיקט קוילן הינער. דאָס סאָלדאַטל האָט געקוילעט א פּאָר, די איבעריקע האָט ער געלאָזט לויפן איבער דער פּאַלובע. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך גענומען ארומיאָגן כאַפּן זיי, — דריי הינער זיינען אוועקגעפלויגן איבערן באָרט. דענסטמאָל האָט דאָס סאָלדאַטל זיך געזעצט אפן האָלץ לעבן דער קיך און זיך ביטער צעוויינט.

— וואָס טוסטו עס, לעקיש איינער? — האָט אים סמורי פאַרכידעשט געפרעגט. — סאָלדאַטן וויינען דען?

— איך בין פון א ניעסטראָיעוואָיע ראָטע, — האָט שטילערהייט געזאָגט דער סאָלדאַט.

דאָס האָט אים געפּאַטערט. אין א האַלבער שאָ ארום האָבן אַלע אפ דער שיף געלאַכט פון אים. מע גייט צו האַרט צו אים, מע שטעלט אָן די אויגן אים גלייך אין פּאָנעם אריין, מע פרעגט:

— אָט דער־אָ?

און מע ווערט פאַרצאַפּלט אין קראַמפן פון אומגעלומפּערטן באַליידיקנדיקן געלעכטער.

דער סאָלדאַט האָט אין אָנהייב ניט געזען קיין מענטשן, ניט געהערט דעם געלעכטער. אראָפּנעמענדיק די טרערן פון פּאָנעם מיטן אַרבל פונעם ציצענעם אַלטינקן העמד, האָט ער זיי ווי באַהאַלטן אין אַרבל. נאָר אינגיכן האָבן זיך זיינע ברוינע געלע אויגן צעפייערט, און ער האָט זיך צערעדט מיט דער וויאַטקער סאָראָקישער געשווינד־ריידעניש:

— וואָס האָט איר אויסגעגלופּעט די באָלעכעס אפ מיר? אוי, צערייסן זאָל עס אייך אפ שטיק־שטיקלעך...

דאָס האָט דעם עולם נאָך פרייליכער געמאַכט, מע האָט אָנגעהויבן טוצען דעם סאָלדאַט מיט די פינגער, צופּן פאַרן העמד, פאַרן פאַרטעך, שפּילנדיק זיך מיט אים, ווי מיט א צאַפּ, און אַזוי האָט מען אים געטרייצט ביז מיטיק, און נאָך מיטיק האָט עמעצער ארופגעשטעקט אפ א הענטל פון א הילצערנעם לעפל א שטיק אויסגעקוועטשטע לימענע און האָט עס צוגעבונדן דעם סאָלדאַט אפן רוקן צו די בענדלעך פונעם פאַרטעך. דער סאָלדאַט גייט, דער לעפל באַמבלט זיך בא אים פונהינטן,

אַלע כיכער, און ער שמייכעלט ארום, ווי א געפאנגענע מייזל, פארשטייט ניט, וואָס איז דער געלעכטער.

סמורי קוקט אים נאָך שווייגנדיק, ערנסט, דאָס פּאָנעם באַם קעכער זעט אויס ווייבערש.

מיר איז געווען א ראכמאָנעס אפּנ סאָלדאט, כ'האָב געפרעגט באַם קעכער:

— זאָגנ אים וועגנ דעם לעפל?

ער האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ.

ווענ איך האָב דעם סאָלדאט דערקלערט, איבער וואָס מע לאכט, האָט ער גיך אָנגעטאפּט דעם לעפל, האָט אים אָפּגעריסנ, א וואָרפ געטאָנ אפּנ פּאָל, צעקוועטשט מיטנ פוס אינ זיך איינגעטשעפּעט מיטביידע הענט מיר אינ די האָר. צווישנ אונדז האָט זיך אָנגעהויבנ א געשלעג, צום גרויסנ פארגעניגנ פונעם אוילעם, וואָס האָט אונדז באַלד ארומגערינגלט.

סמורי האָט געשלייַדערט די צושויער, האָט אונדז פאנאנדערגענומענ, אָנגעריסנ די אויערנ פריער מיר, דערנאָך האָט ער אָנגענומענ פאר אנ אויער דעם סאָלדאט. אז דער אוילעם האָט דערזענ, ווי דאָס קליינע מענטשל טרייסלט מיטנ קאָפּ און טענצלט אונטער דעמ קעכערס האנט, האָט ער זיך ווידער צעגוואַלדעוועט, צעפּייפט, צעטופּעט מיט די פיס, זיך אזש געשפּאלטנ פאר געלעכטער.

— הורא, גארניזאָנ! דערלאנג דעם קעכער מיטנ קאָפּ אינ בויך!

אָט די ווילדע פרייד פונ דער מענטשנ־טשערעדע האָט באַ מיר געוועקט א פארלאנג זיך ווארפנ אפּ זיי און זעצנ איבער די ברודיקע קעפּ מיט א שייַט האָלץ.

סמורי האָט ארויסגעלאָזט דעם סאָלדאט און, מיט הענט, פארלייגטע אונטערנ רוקנ, האָט ער א גיי געטאָנ אפּנ אוילעם, ווי א קאבאנ, אָנגעדראָדלט, שרעקלעך שטשירענדיק די ציינ.

— אפּ די ערטער — מארש! אז־זיאטנ...

דער סאָלדאט האָט זיך ווידער א וואָרפ געטאָנ אפּ מיר, נאָר סמורי האָט אים מיט איינ האנט א נעם געטאָנ צו זיך אונטער דער פּאכווע, האָט אים אָפּגעטראָגנ אפּנ אָפּלייטער און גענומענ פּאָמפּענ וואסער, באַגיסנדיק דעם סאָלדאטס קאָפּ, באַוועגנדיק זייַנ קווארנ קערפּער, ווי א ליאלקע פונ שמאָכטעס.

ס'זיַינענ אָנגעלאָפנ די מאטראָסנ, דער באָצמאנ, דעם קאפּיטאנס געהילפ, ווידער האָט זיך צונויפגענומענ אנ אוילעם. העכער פונ אלעמענ מיט א קאָפּ איז געשטאנענ דער בופעטשיק, א שטילער, א שטומער, ווי שטענדיק.

דער סאָלדאט האָט זיך צוגעזעצט אפּנ האָלצ לעבנ דער קיך, האָט מיט ציטערנדיקע הענט אראָפּגענומענ די שטיוול און אָנגעהויבנ אויסקוועטשנ די אָנעטשעס, נאָר זיי זיַינענ געווענ טרוקנ, און פונ זיַינע שיטערינקע האָר האָט געקאפּעט וואסער. דאָס האָט ווידער פריילעך געמאכט דעם אוילעם.

— סיַיווי, — האָט דער סאָלדאט געזאָגט מיט א דינ און הויכ קאָל, — דעמ יאט וועל איכ הארגענענ.

צוהאלטנדיק מיכ פאר אנ אקסל, האָט סמורי עפּעס גערעדט צום קאפּיטאנ־

געהילף, די מאטראָסן האָבן צעטריבן דעם אוילעם, און אז אַלע זײַנען זיך צעגאנגען, האָט דער קעכער זיך געקערט צום סאָלדאט:

— וואָס־זשע מאכט מען מיט דיר?

יענער האָט געשוויגן, קוקנדיק אפֿ מיר מיט ווילדע אויגן און אינגאנצן מאָדנע אופצוקנדיק.

— שטיי גלײַך, מעשוגענער! — האָט סמורי געזאָגט.

דער סאָלדאט האָט געענטפערט:

— פוסטע זאכן, ס׳איז דיר ניט אין דער ראָטע!

איך האָב געזען, אז דער קעכער האָט זיך פארשעמט, זײַנע אָנגעבלאָזענע באקן האָבן זיך צעקראָכן אראָפּגעלאָזט, ער האָט א שפּײַ געטאָן און איז אוועק און מיך פארנומען מיט זיך. א פארדולטער האָב איך געשפּאנט נאָך אים און זיך אַלץ אומגעקוקט אפֿן סאָלדאט, און סמורי האָט געבעבעט א צעטומלטער:

— אָט א צאצע, א? נא דיר אזוינס...

סערגיי האָט אונדז אָנגעיאָגט און שעפּטשענדיק געזאָגט:

— ער וויל זיך קוילען!

— ווו? — האָט אויסגערעוועט סמורי און איז אוועקגעלאָפֿן.

דער סאָלדאט איז געשטאנען אין דער טיר פון דער קאיוטע פאר דער דינער־שאפט מיט א גרויס מעסער אין די הענט — מיט דעם מעסער פלעג מען האקן די הינער די קעפּ און שפּאלטן העלצלעך אפֿ אונטערהייצן, עס איז געווען טעמפּ און אויסגעשטשערבעט, ווי א זעג. פאר דער קאיוטע איז געשטאנען אן אוילעם, באַטראכטנדיק דאָס קלײנינקע קאָמישע מענטשל מיטן נאסן קאָפּ. זײַן קורנאָסע פּאָנעם האָט זיך געטרייסלט, ווי פּעטשאַ, דאָס מויל האָט זיך מיד צעעפֿנט, די ליפּן האָבן געטאנצט. ער האָט געבעבעט:

— קאטעס... ק־קאטעס...

ארופגעשפּרונגען אפֿ עפּעס, האָב איך געקוקט איבער די קעפּ פון די מענטשן, אין זייערע פּענעמער ארײַן, — די מענטשן האָבן געשמייכלט, געכיכעט, גערעדט איינע צו די אנדערע:

— זע נאָר, זע נאָר..

ווען ער האָט מיט זײַן טרוקן קינדיש הענטל גענומען פארשארן אין די פּלודערן דאָס ארויסגעקראָכענע העמד, האָט אן אָנשטענדיקער מאנצבל לעבן מיר זיך אָנגע־רופֿן מיט א זיפֿץ:

— האָט זיך געקליבן שטארבן, און פאריכט זיך די פּלודערן...

דער אוילעם האָט זיך נאָך שטארקער צעלאכט. ס׳איז געוואָרן קלאָר: קיינער גלייבט ניט, אז דער סאָלדאט קען זיך טאקע קוילען, — איך האָב אויך ניט געגלייבט, און סמורי האָט, כאפּנדיק א קוק אפֿ אים, גענומען אָפּשטופּן די מענטשן מיט זײַן בויך, ארײַנזאָגנדיק:

— אוועק פונדאנען, טיפּעש!

טיפּעש האָט בא אים געהייסן א מענגע מענטשן איינינעם. ער גייט צו צו א רעדל און שרײַט אפֿ זיי:

— צעגייט זיך, טיפּעש!

דאָס איז אויך געווען לעכערלעך, פונדעסטוועגן האָט עס געקלונגען ריכטיק: אין דעם אינדערפרי זײַנען אַלע מענטשן געווען איין טיפּעש.

צעטריבן דעם אוילעם, איז ער צוגעגאַנגען צום סאָלדאַט, אויסגעשטרעקט די האַנט.

— גיב אַהער דאָס מעסער...

— אַלצייַנס, — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט, דערלאַנגענדיק דאָס מעסער מיטן קלינגל פֿאָרויס. דער קעכער האָט דאָס מעסער איבערגעגעבן מיר און אַרײַנגעשטופּט דעם סאָלדאַט אין דער קאַיוטע אַרײַן.

— לייג זיך און שלאָף! וואָס טוסטו עס, אַ?

דער סאָלדאַט האָט שווײַגנדיק זיך אַנידערגעזעצט אויף דער קויקע.

— ער וועט דיר ברענגען עסן און בראָנפֿן, — טרינקסט בראָנפֿן?

— כ'טרינק אַביסל...

— דו, זע, טשעפּע אים ניט, דאָס האָט ניט ער כויזעק געמאַכט פֿון דיר, הערסט? איך זאָג — ניט ער...

— און פֿאַרוואָס האָט מען מיך געמוטשעט? — האָט שטילערהייט געפֿרעגט דער סאָלדאַט.

סמורי האָט כמורנע און ניט באַלד זיך אָנגערופֿן:

— נו, איך ווייס דען?

גייענדיק מיט מיר צו דער קיך, האָט ער גערעדט:

— נ־נאַ... עמעס טאַקע, האָבן זיך צוגעבונדן צו אַן אומגליקלעכן! האָסט געזען? אַזוי איז עס, מענטשן, ברודער־לעבן, קענען פֿון זינען אַראָפּפֿירן. זיי קענען... טשעפּען זיך צו, ווי די וואַנצן, און — טו עפּעס! ווי קומען וואַנצן צו זיי! ערגער ווי די וואַנצן...

אַז איך האָב דעם סאָלדאַט געבראַכט צו טראָגן ברויט, פֿלייש און בראָנפֿן, איז ער געזעסן אויף דער קויקע, האָט זיך געשאָקלט הין און צוריק און האָט געוויינט, שטיל כליפּענדיק, ווי אַ פֿרוי. אַרופֿגעשטעלט דעם טעלער אויפֿן טיש, האָב איך געזאָגט:

— עס...

— פֿאַרמאַך די טיר.

— ס'וועט זײַן פֿינצטער.

— פֿאַרמאַך, אַניט וועלן זיי ווײַטער קומען צו קריכן...

איך בין אַוועק. דער סאָלדאַט איז מיר געווען ניט אָנגענעם, ער האָט ניט געוועקט קיין מיטלייד בײַ מיר, דאָס האָט מיך געקרענקט אַביסל, — די באָבע האָט מיך פֿיל מאָל געלערנט:

— צו מענטשן דאַרף מען האָבן מיטלייד, אַלע זײַנען אומגליקלעך, אַלעמען איז שווער...

— האָסט אָפּגעטראָגן? — האָט מיך דער קעכער געפֿרעגט. — נו, וואָס טוט ער דאָרטן?

— ער וויינט.

— אָט... אַ זאַק! — וואָס איז ער פֿאַר אַ סאָלדאַט?

— איך האָב אפּ אים קיין ראכמאָנעס ניט.
— נו, איז וואָס?
— צו מענטשן דאַרף מען האָבן מיטלייד...
סמורי האָט מיך אָנגענומען פאַר א האַנט, צוגעצויגן צו זיך און ערנסט געזאָגט:
— איבערגוואַלד קען מען קיין מיטלייד ניט האָבן, און ליגן זאָגן טויג ניט, — פאַרשטאַנען? דו געוווינ זיך ניט צו קיין קוועטשעניש, קען זיך אַליין...
און האָט מיך אָפּגעשטויסן, צוגעבנדיק ביין:
— דאָ איז קיין אָרט ניט פאַר דיר! נאַ, פאַרוויכער...
איך בין געווען טיף צערודערט, איינגאַנצן צעריבן פון דער אויפירונג פון די פּאַסאַזשירן, פּילנדיק אָן א שיר באַליידיקונג און דריקנדיקס אין דעם, ווי זיי האָבן זיך גערייצט מיטן סאָלדאַט, ווי פריידיק זיי האָבן געכאַכעט, אַז סמורי האָט אים געריסן באַם אויער. וויאַזוי האָט זיי געקענט געפעלן אָט דאָס, וואָס איז אַזוי מיעס און נעבעכדיק, וואָס האָט זיי דאָ געמאַכט אַזוי פריילעך לאַכנדיק?
אָט האָבן זיי זיך ווידער צעזעצט, צעלייגט אונטער דעם נידעריקן טענט, — זיי טרינקען, קייען, שפּילן אין קאָרטן, פאַרברענגען פרידלעך און סאָליד, קוקן אפן טייך, פּונקט ווי ניט זיי האָבן עס געפייפט און אונטערגעהעצט מיט א שאָ צו־ריק. אַלע זיינען זיי שטילע, פוילע, ווי שטענדיק. פון איינדערפרי ביז אינאָוונט שטויסן זיי זיך לאַנגזאַם אפן דאַמפער, ווי די פליגעלעך אָדער שטויבעלעך אין די שטראַלן פון דער זון. אָט שטופּט זיך און צעילעמט זיך א צענדליק מענטשן באַם אַראָפּגאַנג. זיי שטייגן אַראָפּ פונעם דאַמפער אפּ דער ברעג־סטאַנציע, און פון דער סטאַנציע גלייך אפּ זיי אַרופּ קריכן אַנדערע, פּונקט אַזעלכע מענטשן, זיינען פּונקט אַזוי אָנגעטאָן, גייען פּונקט אַזוי צונויפגעבויגן די רוקנס אונטער דער לאַסט פון די קלומקעס און קעסטלעך.
אָט דער נאָכאַנאַנדיקער בייט פון די מענטשן ענדערט ניט גאָרניט אינעם לעבן פונעם דאַמפער — די נייע פּאַסאַזשירן וועלן ריידן וועגן דעם זעלבן, וועגן וואָס עס האָבן גערעדט די אָוועקגעגאַנגענע: וועגן ערד, וועגן אַרבעט, וועגן גאָט, וועגן ווייבער, — און מיט די זעלבע ווערטער.
— אַזוי האָט שוין גאָט איינגעשטעלט, מע זאָל זיך מאַטערן, איז מאַטער זיך, מענטש! קענסט גאָרניט מאַכן. אַזאַ איז שוין דאָס מאַזל אונדזערס...
אָט די ווערטער איז לאַנגווייליק צו הערן, און זיי רעגן אויף: איך קען ניט פאַרטראָגן קיין שמוץ, איך וויל ניט פאַרטראָגן קיין בייזע, אומגערעכטע, באַליי־דיקנדיקע באַציִונג צו מיר. איך ווייס פעסט, איך פיל, אַז איך האָב ניט פאַרדינט אַזאַ באַציִונג. און אויך דער סאָלדאַט האָט ניט פאַרדינט. עפשער וויל ער גאָר אַלייִן זיין קאָמיש...
מע האָט פאַרטריבן פונעם דאַמפער מאַקסימען — ער איז געווען אַן ערנסטער, גוטער יונג, און סערגייען, א מענטשן א פּאַדלעם, האָט מען איבערגעלאָזט. אַלץ איז ניט אַזוי, ווי סע דאַרף זיין. און פאַרוואָס איז עס אַזוי, אַז די מענטשן, וואָס זיינען פייִק צו פאַריאָגן א מענטשן, ברענגען צו מעשוגאַס, פאָלגן שטענדיק שוויינגנדיק און געהאָרכזאַם די קאָעסדיקע געשרייען פון די מאַטראָסן, נעמען צו בעלאָסן, ווען מע זידלט זיי.

— וואָס ט'איר זיכ אָנגעלייגט אפנ באָרטנ? — שרייַט דער באָצמאַנ, פארזשמורענדיק די שיינע, נאָר בייזע אויגנ. — איר האָט דעמ דאמפער אָנגעבויגנ, צעגייט זיכ, רוכעס בלאָטיקע...

די רוכעס ווארפנ זיכ איבער אפנ צווייטנ באָרטנ, אונ פונ דאָרטנ טרייַבט מענ זיי ווידער, ווי די באראנעס.

— א, פארשאָלטענע...

אינ די הייסע נעכט איז אונטערנ אייַזערנעמ טענט, וואָס האָט זיכ פארנ טאָג אָנגעגליט, דושנע. די פאסאזשירנ צעפויזענ זיכ, ווי די טאראקאנעס, איבער דער גאנצער פאלובע, לייגנ זיכ, ווו סע מאכט זיכ. פאר יעדער סטאנציע וועקנ זיי די מאטראָסנ, צעשטורכענדיק מיט די שטיוול:

— היי, וואָס ט'איר זיכ צעלייגט אפנ וועג? אוועקט, אפ די ערטער...

זיי שטייענ אופ אונ באוועגנ זיכ שלעפעריק אהינ, וווהינ מע שטופט זיי.

די מאטראָסנ זייַנענ פונקט אזוינע, ווי זיי, מער ניט אנדערש אָנגעטאָנ אונ קאָמאנדעווענ מיט זיי ווי די פאָליציאנטנ.

פריער פונ אלצ לאָזט זיכ באמערקנ אינ די מענטשנ שטילקייַט, שרעקעדיקייַט, אומעטיקע אונטערטעניקייַט, אונ ס'איז אזוי מאָדנע אונ שוידערלעכ, ווענ דורכ דער קאָרע פונ אָט דער אונטערטעניקייַט רייַסט זיכ פלוצעמ דורכ אנ אכזאָריעסדיקער אומזיניקער אונ קימאט שטענדיק גאָר ניט פריילעכער כויזעק. מיר דוכט, אז די מענטשנ ווייסנ ניט, וווהינ מע פירט זיי, ס'איז זיי אלצייַנס, וווהינ מע וועט זיי פונעמ דאמפער אראָפּזעצנ. וווהינ זיי זאָלנ ניט אראָפּשטייַגנ אפנ ברעג, וועלנ זיי נאָכ א קורצער צייַט זיצנ דאָרטנ, ווידער קומענ אפ דעמ צי אפ אנ אנדער דאמפער, וועלנ ווידער ערגעצ פאָרנ. אלע זייַנענ זיי אזעלכע פארבלאָנדזעטע, יאָסעמדיקע, די גאנצע ערד איז פאר זיי א פרעמדע. אונ אלע זייַנענ זיי ביז צומ מעשוגע ווערנ פאכדאָניש.

איינמאָל, שוינ נאָכ האלבער נאכט, האָט עפּעס געפּלאצט אינ דער מאשינ אונ אויסגעשאָסנ דערבייַ, ווי פונ א הארמאט. די פאלובע איז מיטאמאָל פארצויגנ געוואָרנ מיט א ווייַסנ וואָלקנ־דאמפ. ער איז געדיכט געשטיגנ פונעמ מאשינ־טריומ, האָט זיכ געדרויכערט אינ אלע שפאלטנ. עמעצער, וואָס מע האָט אימ ניט געזענ, האָט געשריגנ פארטויבנדיק:

— גאוורילאָ, סוריק, ווויַלאָק...

איכ בינ געשלאָפנ לעבנ דעמ מאשינ־טריומ, אפ דעמ טיש, אפ וועלכנ איכ האָב געוואשנ דאָס געפעס, אונ אז איכ האָב זיכ אויפגעכאפט פונעמ שאָס אונ פונ דער אופטרייסלונג, איז אפ דער פאלובע געווענ שטיל, אינ דער מאשינ האָט הייס געצישעט דער דאמפ, ס'האָבנ אָפּט געקלאפט די העמערלעכ. נאָר אינ א מינוט ארומ האָבנ אלע פאלובע־פאסאזשירנ פארשיידנשטימיק זיכ צעוויעט, צעגוואלדעוועט, אונ ס'איז מיטאמאָל געוואָרנ ניט היימלעכ.

אינ ווייַסנ נעפל — ער איז גיכ צעגאנגענ — האָבנ זיכ ארומגעיאָגט, אראָפּשלאָגנדיק איינע די אנדערע פונ די פיס, ניט פארקעמטע ווייַבער, צעפאטלטע מאנצבלעט, מיט קייַלעכדיקע, פישענע אויגנ, אלע האָבנ ערגעצ געשלעפט פעק, זעק, קאסטנס, זיכ שטרויכלענדיק אונ פאלנדיק, רופנדיק צו גאָט, צו ניקאָלע דעמ גאָט־געליבטנ,

האָבן איינע די אנדערע געשלאָגן. דאָס איז געווען זייער שרעקלעך און איינציי־
טיק אינטערעסאנט. איך בין ארומגעלאָפן נאָך די מענטשן און אלץ געקוקט — וואָס
טוען זיי?

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען א באנאכטיקע בעהאָלע און האָב גלייך פאר־
שטאנען, אז די מענטשן נארן זיך, די בעהאָלע איז אומזיסט: דער דאמפער האָט
זיך באוועגט, ניט פארלאנגזאמט זיין גאנג, הינטערן רעכטן באָרטן, זייער נאָענט
האָבן געברענט שייטערס פון שניטערס, די נאכט איז געווען א ליכטיקע, אינדער־
הייך איז געשטאנען א פולע לעוואָנע.

און די מענטשן האָבן זיך געטראָגן איבער דער פאלובע אלץ גיכער, ס'זיינען
ארויסגעשפרונגען די קלאסן־פאסאזשירן, עמעצער איז אריבער איבערן באָרטן, נאָך
אים — א צווייטער, און נאָך צוויי פויערים און נאָך א מאָנאך האָבן מיט א שייט
האָלץ אָפּגעשלאָגן די באנק, וואָס איז געווען צוגעשרויפט צו דער פאלובע. פונעם
שיף־הינטערטייל האָט מען אריינגעוואָרפן אין וואסער דעם גרויסן שטייג מיט די
הינער; אינמיטן דער פאלובע, לעבן די טרעפּ צום קאפּיטאן־בריקל, איז אפ די
קני געשטאנען א פויער און, פארנייגנדיק זיך צו די, וואָס זיינען געלאָפן פארביי
אים, האָט ער געוויעט ווי א וואָלף:

— פּראוואָסלאווגע, איך בין זינדיק...

— א שיפל גיט, טייוולאָנים! — האָט געשריגן א דיקער פּאָרעץ אין איינע
הויזן, אָן א העמד, און האָט זיך געשלאָגן מיטן פויסט אין ברוסט.

ס'זיינען אומגעלאָפן מאטראָסן, געכאפּט מענטשן פאר די קאָלנערס, האָבן גע־
זעצט זיי איבער די קעפּ, געשליידערט אפ דער פאלובע. שווער איז אומגעגאנגען
סמורי, אין א פאלטאָ, אָנגעטאָן אפן נאכט־וועש, און מיט א הילכיקער שטים אלע־
מען איינגערעדט:

— שעמט זיך! וואָס זיינט איר דול געוואָרן? דער דאמפער שטייט דאָך, האָט
זיך אָפּגעשטעלט, נו! אָט איז דער ברעג! די טיפּשים, וואָס זיינען אריינגעשפרונ־
גען אין וואסער, האָבן די שניטערס ארויסגעשלעפּט, אָן זיינען זיי — איר זעט צוויי
שיפלעך?

און די מענטשן פון דריטן קלאס האָט ער געשלאָגן מיט די פויסטן איבער די קעפּ,
פונויבן אראָפּ, און זיי האָבן זיך, ווי זעק, שווייגנדיק געוואלגערט אפ דער פאלובע.
דער הארמידער איז נאָך ניט שטיל געוואָרן, איז אפ סמורין אָנגעפלויגן א
דאמע אין א טאלמע, אן עס־לעפל אין דער האנט און, פאָכנדיק מיטן לעפל בא
אים אונטער דער נאָז, האָט זי זיך צעשריגן:

— וואָס איז עס פאר א פרעכקייט?

א נאסער הער האָט זי איינגעשטילט, ארומזויגנדיק זיך די וואָנצעס, און האָט
מיט פארדראָס געזאָגט:

— לאָז אים צורו, דעם באָלוואן...

סמורי האָט, צעפירנדיק די הענט, פארלוירן געפינטלט מיט די אויגן און זיך
געווענדעט צו מיר:

— וואָס איז עס — א? וואָס האָט זי צו מיר? א גוט מאָרגן! איך זע דאָך זי
צום ערשטן מאָל!

און עפּעס אַ פויערל האָט, שנײַצנדיק מיט בלוט, געשריגן:

— נו, מענטשן, נו, ראַצכים!...

פאַרן זומער האָב איך צוויי מאָל געזען אַ פּאַניק אַפן דאַמפּער, און ביידע מאָל איז זי געווען אַרויסגערופן ניט דורך קיין דירעקטער געפאַר, נאָר דורך שרעק פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ געפאַר. דאָס דריטע מאָל האָבן די פּאַסאַזשירן געכאַפּט צוויי גאַנאָווים — איינער פון זיי איז געווען אָנגעטאָן, ווי אַ גייער. מע האָט זיי געשלאָגן קימאַט אַ גאַנצע שאָ שטילערהייט פון די מאַטראָסן, און ווען די מאַטראָסן האָבן אָפּגענומענע די גאַנאָווים, האָט דער עולעם זיי אָנגעהויבן זידלען:

— אַ גאַנעוו שיצט אַ גאַנעוו. ס'אַ באַוווּסטע זאַך!

— איר זײַנט אַליין זשוליקעס, זײַט איר צוגעלאָזט צו זשוליקעס...

די זשוליקעס האָט מען צענעריקט אַזוי, אַז בײַ מע האָט זיי איבערגעגעבן צו פּאָליציי אַפּ אַ ברעג־סטאַנציע, האָבן זיי שוין ניט געקענט שטיין אַפּ די פיס...

און ס'איז געווען אַסאַך אַזוינס, וואָס האָט, הייס אופּרודערנדיק, ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרשטיין די מענטשן: זײַנען זיי בייזע צי גוטע? שטילע, פּאָלגעוודיקע אָדער צעלאָכעסניקעס? און פאַרוואָס, אין גרונט גענומען, זײַנען זיי אַזוי אַכזאָריעסדיק, גײַציק בייז, אַזוי שענדלעך פּאָלגעוודיק?

איך פלעג זיך ווענדן מיט די געדאַנקען צו דעם קעכער, נאָר ער פלעג, אַרומרינגלענדיק דאָס פּאָנעם זײַנס מיט רויך פון עם פּאַפּיראָס, אָפּט זאָגן מיט פאַרדראָס:

— עך, וואָס דיך קיצלט! מענטשן — נו, זײַנען מענטשן... איינער איז אַ קלוגער, דער צווייטער — אַ נאַר. דו דאַרפסט לייענען ביכלעך, נישט פּלאַפּלען. אין די ביכלעך, אויב ס'ע זײַנען די ריכטיקע, געהער אַלץ שטיין געשריבן...

קיין קלויסטער־ביכלעך און לעבנס־באַשרײַבונגען פון הייליקע האָט ער ניט ליב געהאַט.

— נו, דאָס איז פאַר גאַלאָכים, פאַר גאַלאָכישע זין...

מיר האָט זיך געגלוסט פאַרשאַפן אים אַן אָנגענעמלעכקייט — צוטראָגן אַ בוך. אין קאַזאַן אַפּ דער ברעג־סטאַנציע האָב איך געקויפט פאַר אַ פּיאַטאַק „די געשיכטע וועגן דעם, ווי אַ סאָלדאַט האָט געראַטעוועט פּיאָטער דעם גרויסן", נאָר דער קעכער איז אין יענער שאָ פונקט געווען שיקער, אין קאַס. איך האָב זיך ניט אײַנגעשטעלט איבערצוגעבן אים דעם געשאַנק — און האָב אין אָנהייב אַליין איבערגעלייענט דאָס ביכל. ס'איז מיר זייער געפעלן געוואָרן — אַלץ איז אַזוי פּראָסט, פאַרשטענדלעך, אינטערעסאַנט און קורץ. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס ביכל וועט פאַרשאַפן פאַרגעניגן דעם לערער מײַנעם.

נאָר ווען איך האָב אים צוגעטראָגן דאָס ביכל, האָט ער עס אין דער דלאָניע שווײַגנדיק צונויפגעקוועטשט אין אַ קנויל און אַרויסגעשלײַדערט איבערן באָרטן.

— אָט ווי מע טוט מיט אַזאַ בוך, פערדאַטש! — האָט ער געזאָגט אַן אָנגעכמורעטער. — איך לערן דיך ווי אַ הונט, און דיך ציט אַלץ ווילדרויב צו פּרעסן, אַ?

ער האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און זיך צעשריגן:

— וואָס איז עס פאַר אַ בוך? כ'האָב שוין געלייענט די נאַרישקײַטן. וואָס איז אין דעם אָנגעשריבן — עמעס? נו, זאָג!

— איך ווייס ניט.

— איז ווייס איך! אז מע האקט א מענטשן אָפּ דעם קאָפּ, פאַלט ער אַראָפּ פון די טרעפּ אַף אונטן, און אנדערע װעלן שוין אַרוף אַפן הײ ניט קריכן — סאָלדאטן זײַנען ניט קיין נאַראָנים. זיי וואָלטן אונטערגעצונדן דאָס היי און — אַן עק! פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען.

— אָט דאָס איז דאָס. איך ווייס וועגן דעם קייסער פּיאָטער. אַזוינס איז מיט אים ניט געווען! טראָג זיך אָפּ...

איך האָב פאַרשטאַנען, אז דער קעכער איז גערעכט, נאָר דאָס ביכל איז מיר פאָרט געווען געפעלן. איך האָב עס געקויפט נאָכאַמאָל און איבערגעלייענט צום צווייטן מאָל און האָב זיך מיט פאַרוווּנדערונג איבערצײַגט, אז סע טויג טאקע ניט. דאָס האָט מיך צעטומלט, און איך האָב זיך אָנגעהויבן באַציִען צום קעכער נאָך מיט מער אופמערקזאמקײַט און צוטרוי, און ער האָט אַלץ אָפטער, מיט אַלץ א גרעסערן פאַרדראָס גערעדט:

— עך, דאַרפט מען דיך לערנען! דאָ איז קיין אָרט ניט פאַר דיר...

איך האָב אויך געפילט — ס'איז קיין אָרט ניט. סערגיי האָט זיך באַצויגן צו מיר העסלעך: איך האָב עטלעכע מאָל באמערקט, אז ער שלעפּט בא מיר פון טיש טײ־מאַכשירים און גיט זיי די פּאַסאַזשירן שטילינקערהייט פונעם בופעטשיק. איך האָב געוווּסט, אז דאָס ווערט גערעכנט פאַר א גנייווע — סמורי האָט מיך ניט איינמאָל געוואָרנט:

— זע, גיב ניט די אָפיציאַנטן קיין טײ־געפעס פון דײַן טיש!

ס'איז געווען נאָך אַסאַך אַזוינס, אז אָפט האָט זיך מיר געוואָלט אַנטלויפן פון דעם דאַמפער אַף דער ערשטער סטאַנציע, אוועק אין וואַלד. אײַנגעהאַלטן האָט מיך סמורי: ער האָט זיך צו מיר באַצויגן אַלץ ווייכער. און ס'האָט מיך זייער פאַרכאַפּט די אומופהערלעכע באַוועגונג פון דער שיף. ס'איז געווען אַנגענעם, ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט בא א ברעג־סטאַנציע. און איך האָב אַלץ געוואַרט — אָט געשעט עפּעס, און מיר וועלן אַוועקשווימען פון דער קאַמאַ אַף דער בעלאַיאַ, אין דער וויאַטקע, אָדער גאָר — איבער דער וואָלגע, איך וועל דערזען נײַע ברעגן, שטעט, נײַע מענטשן.

נאָר דאָס איז ניט געשען: מײַן לעבן אַפן דאַמפער האָט זיך אָפּגעריסן אומגעריכט און שענדלעך פאַר מיר. אינאָוונט, ווען מיר זײַנען געפאָרן פון קאַזאַן קיין ניזשני, האָט מיך דער בופעטשיק אַרײַנגערופן צו זיך, איך בין אַרײַן, ער האָט צוגעמאַכט נאָך מיר די טיר און געזאָגט צו סמורין, וואָס איז אַן אָנגעכמורעטער געזעסן אַף א טעפּיך־באַדעקטן טאַבורעטל:

— אָט.

סמורי האָט מיך גראָב א פרעג געטאָן:

— דו גיסט סעריאָזשקען געפעס?

— ער נעמט אַליין, ווען איך זע ניט.

דער בופעטשיק האָט שטיל געזאָגט:

— זעט ניט, און ווייסט.

סמורי האָט זיך אַ זעץ געטאָן איבער דער קני מיטן פּויסט, דערנאָך אַ קראַץ געטאָן די קני, זאָגנדיק:

— וואַרט, איר וועט נאָך צײַט האָבן...

און האָט זיך פאַרטראַכט. איך האָב געקוקט אפן בופּעטשיק, ער — אף מיר, נאָר ס'האָט געדוכט, אַז הינטער די ברילן באַ אים זײַנען ניטאָ קיין אויגן.

ער האָט געלעבט שטיל, איז געגאַנגען אָנרוישיק, האָט גערעדט מיט אַן אַראָפּ־געזעצטער שטים. אַן אַנדער מאָל רוקן זיך אַרויס ערגעץ פון אונטער אַ ווינקל זײַנע אָפּגעבליאַקעוועטע באָרד און די פּוסטע אויגן און פאַרשווינדן באַלד. פאַרן שלאָף פלעג ער לאַנג שטיין אין בופעט אף די קני פאַרן בילד מיט דער שטענדי־קער לאַמפּאַדע, — איך האָב אים געזען דורכן טיר־אייגל, וואָס איז ענלעך געווען אף אַ טויז רויטס, נאָר ס'איז מיר קיינמאָל ניט געלונגען צו זען, ווי דער בופּעטשיק דאַוונט: ער איז פּאַשעט געשטאַנען און געקוקט אף דער איקאָנע און דער לאַמ־פּאַדע, זיפצנדיק, גלעטנדיק זיך די באָרד.

אָפּגעשוויגן, האָט סמורי געפרעגט:

— געלט האָט דיר סעריאָזשקע געגעבן?

— ניין.

— קיינמאָל ניט?

— קיינמאָל ניט.

— ער וועט ניט זאָגן קיין ליגן, — האָט סמורי געזאָגט צום בופּעטשיק, און יענער האָט ניט הויך געענטפערט:

— אַלצײנס. זײַט אַזוי גוט.

— קום, לאָמיר גיין! — האָט צו מיר דער קעכער אַ געשריי געטאָן, איז צוגע־גאַנגען צו מײַן טיש און האָט מיך לײַכט אַ שנאָל געטאָן מיטן פינגער איבערן שײַטל. — טיפּעש! און איך אויך — אַ טיפּעש! געדאַרפט אף דיר אכטונג געבן...

אין ניזשני האָט מיך דער בופּעטשיק צערעכנט: איך האָב באַקומען באַ די אַכט רובל, — דאָס ערשטע גרויסע געלט, וואָס איך האָב פאַרדינט.

סמורי האָט, געזעגנענדיק זיך מיט מיר, אַן אָנגעכמורעטער געזאָגט:

— נ־נו, אָט... איצט זײַ פאָרזיכטיק — פאַרשטייסט? מע טאָר ניט זײַן קיין לעמעשקע...

ער האָט מיר אַרײַנגעשטופּט אין דער האַנט אַ קאָלירקן קיסעט פון קליינינקע פּאַטשערקעס.

— נאַ נעם דיר! אַ גוטע האַנט־אַרבעט, ס'האָט מיר די קוואַטער־מוטער אויס־גענייט... זײַ געזונט! לייען ביכער — דאָס איז דאָס בעסטע!

ער האָט מיך אָנגענומען אונטער די פּאַכוועס, אונטערגעהויבן, אַ קוש געטאָן און קרעפּטיק אַ שטעל געטאָן אף דער פּאַלובע פון דער ברעג־סטאַנציע. ס'האָט מיר באַנק געטאָן אי פאַר אים, אי פאַר זיך. איך האָב זיך שיר ניט צערוועט, קוקנדיק, ווי ער קערט זיך אום אפן דאַמפּער, צעשטופּנדיק די טרעגער, אַ גרויסער, אַ שווערער, אַן איינזאַמער...

וויפל האָב איך שפּעטער באַגעגנט ענלעכע אַף אים גוטע, איינזאַמע מענטשן, אָפּגעבראָכענע פונעם לעבן...

VII

דער זיידע מיט דער באבען זײַנען ווידער אריבערגעפֿאָרן אין שטאָט. איך בין געקומען צו זיי געשטימט קאַסדיק און קריגעריש, אפֿן האַרצן איז געווען שווער, — פֿאַרוואָס האָט מען מיך פֿאַררעכנט פֿאַר אַ גאַנעוו?

די באַבע האָט מיך באַגעגנט מילד און איז באַלד אַוועק שטעלן דעם סאַמאָ־וואַר. דער זיידע האָט מיט שפּאָט, ווי שטענדיק, געפֿרעגט:

— עפּעס אַסאַך גאָלד אָנגעקליבן?

— וויפֿל ס'איז דאָ, איז אַלץ מײַנס, — האָב איך געענטפֿערט, זעצנדיק זיך צום פֿענצטער, פֿײַערלעך אַרויסגענומענע פֿון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און מיט אַ וויכטיקער מינע פֿאַרויכערט.

— אַז־זוי... — האָט געזאָגט דער זיידע, זיך שאַרף אײַנקוקנדיק אין מײַנע מײַ־סים, — אָט וויאַזוי, רויכערסט דעם טײַוולשן געוויקס? ניט צו פֿרי אַביסל?

— אָט האָט מען מיר אַפֿילע אַ קיסעט געשענקט, — האָב איך זיך באַרימט.

— אַ קיסעט! — האָט דער זיידע אויסגעקוויטשעט. — דו רייצסט זיך מיט מיר, וואָס?

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר, אויסגעשטרעקט די דינע, קרעפּטיקע הענט, בליצנדיק מיט די גרינע אויגן. איך בין אויפֿגעשפּרונגען, אַ שטויס געטאָן אים מיטן קאָפּ אין בויך, — דער אַלטער האָט זיך צוגעזעצט אַפֿן פּאָל און האָט עט־לעכע שווערע סעקונדעס מיך אָנגעקוקט, פֿאַרכידעשט געפּינטלט מיט די אויגן, צעעפֿנט דאָס טונקעלע מויל, דערנאָך האָט ער רויִק געפֿרעגט:

— דאָס האָסטו אַ שטויס געטאָן מיך, דעם זיידן דײַנעם? דײַן מאַמעס לײַב־לעכן טאַטן?

— גענוג שוין האָט איר מיך געשלאָגן, — האָב איך אויסגעשטאַמלט, פֿאַרשטיי־ענדיק, אַז איך האָב געהאַנדלט מיאוס.

אַ טרוקענער און אַ גרינגער, איז דער זיידע אויפֿגעשטאַנען פֿונעם פּאָל, האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר, האָט פֿלינק אַרויסגעריסן בײַ מיר דעם פּאַפּיראָס, אַרויס־געוואָרפֿן אים דורכן פֿענצטער און געזאָגט מיט אַ דערשראָקן קאָל:

— ווילדער קאָפּ, ווי פֿאַרשטייסטו ניט, אַז אַזוינס וועט דיר גאָט קיינמאָל ניט מוחל זײַן, ווי לאַנג דו וועסט לעבן? מוטער, — האָט ער זיך געווענדעט צו דער באַבען, — קוק, ער האָט דאָך מיך אַ קלאַפּ געטאָן? ער! אַ קלאַפּ געטאָן. פֿרעג בײַ אים!

זי האָט גאָרניט געפֿרעגט, איז פּראָסט צוגעגאַנגען צו מיר און אָנגעכאַפּט פֿאַר די האָר, אָנגעהויבן רײַסן, ריידנדיק דערבײַ:

— פֿאַר אַזאַ זאַך טוט מען אָט וויאַזוי, אָט ווי...

ס'האָט ניט וויי געטאָן, נאָר ס'האָט באַליידיקט ניט איבערצוטראָגן, און דערי־קער האָט באַליידיקט דעם זיידנס גיפֿטיקער געלעכטער — דער זיידע האָט אַזש אונ־טערגעטאַנצט אַפֿן שטול, האָט זיך געפּאַטשט מיט די דלאָניעס איבער די קני און געקראַקעט דורכן געלעכטער:

— אַזוי, אַזוי... אַ — אַ — אַ...

איכ האָב זיכ ארויסגעריסנ, בינ ארויסגעפלויגנ אינ פיר־הויז, זיכ אנידערגעזעצט דאָרטנ אינ א ווינקל, א געדריקטער, אנ אויסגעליידיקטער, הערנדיק, ווי סע הודעט דער סאמאָוואר.

די באבע איז צוגעגאנגענ, האָט זיכ אָנגעבויגנ איבער מיר אונ קוים צו הערנ זיכ צעשעפטשעט:

— אנטשולדיק מיר, ס'האָט דאָכ ניט ווײ געטאָנ, אז איכ האָב דיכ געריסנ, כ'האָב דאָכ עס אומיסטנ! אנדערש קענ מענ ניט, — דער זיידע איז דאָכ אנ אלטער מאנ, מע דארפ אימ אכטנ, זײַנע ביינדלעכ זײַנענ אויכ אָנגעבראָכנ, ער האָט אויכ א זשליאָקע געטאָנ פײַנ מיטנ פולנ הארצנ, — באליידיקנ אימ דארפ מענ ניט. ביסט ניט קיינ קליינינקער, דארפסט עס פארשטיינ... צײַט פארשטיינ, אָליאָשא! ער איז אויכ א קינד, ניט מער...

אירע ווערטער האָבנ מיכ ארומגעשווענקט, ווי מיט הייסער וואסער. פונ איר פרײַנטלעכנ שעפטשענ איז געוואָרנ אי כארפעדיק, אי גרינג: איכ האָב זי שטארק ארומגענומענ, מיר האָבנ זיכ צעקושט.

— גיי צו אימ, גיי, ס'גאָרניט! נאָר רויכער ניט פאר אימ אינ די אויגנ אזוי מיטאמאָל, לאָז אימ געוווינט ווערנ...

איכ בינ ארײַנ אינ צימער, האָב א קוק געטאָנ אפנ זיידנ אונ האָב זיכ קוימ אײַנגעהאלטנ פאר געלעכטער: ער איז טאקע אינדערעמעסנ געווענ צופרידנ, ווי א קינד, האָט אינגאנצנ געשײַנט, געארבעט מיט די פיס אונ געקלאפט מיט די לאפקעלעכ, וואָס אינ ברוינ־געלער וואָל, איבערנ טיש.

— וואָס, צאפ? האָסט נאָכ כיישעק זיכ בוצקענ? אכ, דו רעצייעכ! דער טאטע אויסנ אויג! אזא פארמאזאָנ, ארײַנ אינ שטוב — זיכ ניט איבערגעציילעמט, טייקעפ טאבעק רויכערנ, אכ, דו, באָנאפארט, צו קאָפיקע א שטיק!

איכ האָב געשוויגנ. ער איז אויכ אָפגעגאנגענ מיט ווערטער אונ איז אנשוויגנ געוואָרנ מיד, נאָר באמ טיי האָט ער מיכ גענומענ לערנענ:

— פאכעד פאר גאָט איז דעמ מענטשנ נייטיק, ווי א ציימל פאר א פערד. מיר האָבנ ניט קיינ אנדערע פרײַנט, אויסער גאָט! א מענטש א מענטשנ איז א בלוטיקער סוינע!

אז מענטשנ זײַנענ זיכ סאָנימ, דערינ האָב איכ געפילט עפעס אנ עמעס, נאָר אלדאָס איבעריקע האָט מיכ ווייניק גערירט.

— איצט גיי ווידער צו דער מומע מאטריאָנע, אונ פרילינג — אפ א דאמפער. דעמ ווינטער לעב דורכ בא זיי, נאָר זאָג ניט, אז דו וועסט פרילינג אוועקגיינ...

— נו, צו וואָס אָפנארנ מענטשנ? — האָט געזאָגט די באבע, וואָס האָט אליינ נאָרוואָס אָפגענארט דעמ זיידנ מיטנ קלוימערשטנ רײַסנ מיכ פאר די האָר.

— אָנ נארערײַ קענ מענ ניט לעבנ, — האָט זיכ דער זיידע געהאלטנ בא זײַנס. — אנו, זאָג, ווער לעבט אָנ נארערײַ?

אינאָוונט, אז דער זיידע האָט זיכ געזעצט זאָגנ פסאלטער, בינ איכ מיט דער באבענ אוועק אויסערנ טויער אינ פעלד ארײַנ, די קליינע צווייפענצטערדיקע כיבארקע, ווו דער זיידע האָט געוווינט, איז געשטאנענ עק שטאָט, „פונהינטנ“ אפ דער קאנאטנער גאס, ווו דער זיידע האָט אמאָל פארמאָגט אנ אייגנ הויז.

— אַט ווּהין מיר זײַנען פאַרפאַרן! — האָט לאַכנדיק די באָבע געזאָגט. — דער אַלטער קען זיך ניט געפינען קיין אָרט צום הארצן, פאַרט אַלע מאָל איבער. דאָ איז אים אויך עפּעס ניט גוט, און מיר איז גוט.

פאַר אונדז האָט זיך געשפּרייט פאַר אַ װערסט דרײַ אַ געמיינע גראָז־פאַרװאַקסן פעלד, צעשניטן פון יאַרן, פאַרגרענעצט מיט אַ װאַלד־קאַם, מיט דער ליניע בע־רעזעס פונעם קאַזאַנער טראַקט. פון די יאַרן האָבן זיך אַרױסגערוקט ריטלעך פון קוסטעס, די שטראַלן פונעם קאַלטן זון־פאַרגאַנג האָבן זײ באַפאַרבט מיט בלוט. אַ שטילער אָוונטיקער װינט האָט געװיגט די גרויסע גראָזן. הינטערן נאָענטן יאַר — אויך װי גראָזן־שטענגלעך — האָבן זיך געזען טונקעלע פיגורן פון שטאָטישע באָכע־רים און מײדלעך. אין דער װײַט, רעכטס, איז געשטאַנען אַ רויטע װאַנט פונעם סטאַראָאָבריאַדישן בעסוילעם, ער האָט געהייסן „דער בוגראָוװער סקיט״; לינקס, איבערן יאַר, האָט זיך פון פעלד אויפגעהויבן אַ טונקעלע קופּע ביימער, דאָרטן איז דער ייִדישער בעסוילעם. אַלץ אַרום איז אָרעם, אַלץ האָט זיך שטום געדריקט צו דער צעװוּנדיקטער ערד. די קלײנע שטיבעלעך פון עק שטאָט האָבן ציטעריק גע־קוקט מיט די פענצטער צום שטויביקן װעג, איבערן װעג בלאָנקען אום קלײנע, שלעכט געהאָדעװעטע הינער. אַרום דיעװיטשי מאָנאַסטיר גייט אַ טשע־רעדע, עס מוקען קי; פון לאַגער דערטראָגט זיך מיליטערישע מוזיק — עס רעװען און זעצן קופּערנע טרובעס.

אַ שיקערער גייט, אַכזאָריִעסדיק צענעמענדיק די האַרמאָניקע, פאַרהאַקט זיך און בעבעט:

— כ׳װעל צו דיר צוקומען... אומבאַדינגט...

— נאַרעלע, — זאָגט די באָבע, זשמורענדיק די אויגן קעגן דער רויטער זון, — װוּהין װעסטו צוקומען? װעסט באַלד פאַלן, אײַנשלאָפן, און בײַס דו װעסט שלאָפן, װעט מען דיך באַגאַנװענען... און די האַרמאָניקע, די טרייסט דײַנע, װעט פאַר־פאַלן װערן...

איך דערצייל איר, װי כ׳האָב געלעבט אַפּן דאַמפּער, און קוק אַרום און אַרום. נאָך דעם, װאָס איך האָב געזען, איז מיר דאָ אומעטיק, איך פיל זיך, װי אַ יערש אַף אַ סקאָװורעדע. די באָבע הערט זיך אײַן שװײַגנדיק און אויפמערקזאַם פּונקט אַזוי, װי איך האָב ליב זי צו הערן, און װען איך האָב איר דערציילט װעגן סמורין, האָט זי, שטרענג זיך איבערציילעמדיק, געזאָגט:

— אַ גוטער מענטש, העלף אים, די גאָט־געװוּינערן, אַ גוטער! זע, פאַרגעס אים ניט! אַלעמאָל זאָלסטו דאָס גוטע פאַרגעדענקען װאָס שטאַרקער, דאָס שלעכטע — פאַרגעס און גאָר...

מיר איז זייער שווער געווען צו דערציילן, פאַרוואָס מע האָט מיך צערעכנט, נאָר, אָנעמענדיק זיך מיט מוט, האָב איך איר דאָך דערציילט. דאָס האָט ניט גע־מאַכט אַף איר דעם מינדסטן רושעם, זי האָט נאָר גלײַכגילטיק באַצייכנט:

— ביסט נאָך אַ קליינער, ווייסט ניט, וויאַזוי צו לעבן...

— אַט אַלע זאָגן: ווייסט ניט, וויאַזוי צו לעבן, מע דאַרף קענען לעבן, — פּויע־רים, מאַטראָסן, די מומע מאַטריאָנע צום זון איר, — און וואָס אַזוינס דאַרף מען קענען?

אונטערקלײַבנדיק די ליפּן, האָט זי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דאָס ווייס איך שוין ניט!

— און דו רעדסט!

— פאַרוואָס זאָל איך ניט ריידן? — האָט די באָבע רויִק געזאָגט. — דו דארפסט זיך ניט באַליידיקן, דו ביסט נאָך א קליינינקער, דו קענסט נאָך ניט קענען. און וועמ קען דען? סײַדן זשוליקעס. אָט איז דער זיידע אי קלוג, אי גראַמאַטנע — און האָט עס אויך קיינמאָל ניט געקענט...

— און דו אַליין האָסט געלעבט גוט?

— איך? גוט. און שלעכט אויך — אַלערליי...

פאַרבײַ אונדז, ניט געײַלט, זײַנען דורכגעגאַנגענע מענטשן, שלעפּנדיק נאָך זיך לאַנגע שאָטנס, ווי א רויך איז אופגעשטיגן דער שטויב פון אונטער זייערע פיס, באַהאַלטנדיק די שאָטנס. די אָוונטיקע אומעטיקײַט איז געוואָרן שווערער, פון די פענצטער האָט זיך געגאָסן דעם זיידנס וואָרטשענדיקע שטים:

— גאָט, זאָלסט מיט דײַן שטרענגקײַט מיך ניט מישפּטן, און זאָלסט מיך ניט טאָן שטראָפן מיט דײַן גרימצאָרן...

די באָבע האָט געזאָגט, שמייכלענדיק:

— ער איז שוין דעם האַר גאָט רעכט נימאס געוואָרן, דאַרף מען קלערן! אַלע אָוונט יאָמערט ער, און וועגן וואָס? ער איז דאָך שוין אַן אַלטיטשקער, וויפל דאַרף ער, און ער קלאָגט זיך אַלץ, בלאָזט זיך... גאָט, קלער איך, הערט זיך צו צו די אָוונטיקע שטימען און שמייכלט זיך: ער פּויקט שוין ווידער, דער וואַסילי קאַשירין!.. קום, לאָמיר גיין שלאָפן...

איך האָב באַשלאָסן זיך צו פאַרנעמען מיט געפאַנג פון זינג־פייגל. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דערפון קען מען זיך ניט שלעכט דערנערן. איך וועל פאַנגען, און די באָבע וועט פאַרקויפן. כ׳האָב אײַנגעהאַנדלט א נעץ, א קרײַז, פּאַסטקעס, האָב געמאַכט שטײַגלעך, און אָט זיץ איך פאַרטאָג אין א יאַר, אין די קוסטעס, און די באָבע מיט א קויש און א זעקל גייט איבערן וואַלד, קלײַבנדיק די לעצטע שוואָמען, קאַלינע, ניס.

ס׳האָט זיך אָקאָרשט אופגעהויבן די מידע סענטיאַבערדיקע זון. אירע ווײַסע שטראַלן — אָט לעשן זיי זיך אין די וואָלקנס, אָט פאַלן זיי אין א זילבערנעם פאָכער אין א יאַר צו מיר. אפן דעק פונעם יאַר איז נאָך פינצטערלעך, א ווײַסלעכער נעפּל שטײַגט פון דאָרטן אוף. די האַלב־מעשופּעדיקע ליימיקע זײַט פונעם יאַר איז טונקל און הויל, און די צווייטע זײַט, די מער אָפּגעלייגטע, איז צוגעדעקט מיט פאַרוועלקטן גראָז, מיט געדיכטן קוסטאַרניק און געלע, ברוינע און רויטע בלעטער. א פרישער ווינט פליקט זיי און יאָגט איבערן יאַר.

אפן גרונט, אין די בודיקעס, שרײַען די שטשיגליקעס. איך זע אינעם גרויען צעהאָדערטן בוריאַן די רויטע טשיפּיקלעך אף די שמײַדיקע קעפּלעך פון די פויגלען. ארום מיר קנאַקן נײַגעריקע בלויערלעך; קאָמיש אָנבלאָזנדיק די ווײַסע באַקן, פּילדערן זיי און שמײַען, ווי די יונגע קונאַווינער ווײַבלעך אין א יאָנטעוו. געשווינ־

דע, קלוגיטשקע, בייזע, ווילן זיי אלצדינג וויסן, אלצדינג אָנרירן — און פאלן ארײַן אין א פאסטקע איינס נאָכן אנדערן. ס׳איז א ראכמאָנעס צו זען, ווי זיי ווארפן זיך, נאָר געשעפט פאָרט זיך ניט מיט ראכמאָנעס, איך זעצ אריבער די פויגלען אין די רעזערוו־שטײַגלעך און באהאלט אין א זאק — אין דער פינצטער זיצן זיי שטיל.

אפ א דאָרן־קוסט האָט זיך אראָפגעלאָזט א טשאטע צייזיקעס. דער קוסט איז באגאָסן מיט זון. די צייזיקעס פרייען זיך מיט דער זון און צוויטשען נאָך פרייַלעכער. מיט די גענג דערמאנען זיי כעוורעלײַט — שול־יינגלעך. דער גײַציקער שטובזיצער, דער ווארגער, האָט פארשפעטיקט אוועקצופליִען אין די ווארעמע לענדער, זיצט אפ א בייגעוודיק צווײַגל פון א ווילדרויז־קוסט, פוצט מיט א שנאָבל די פעדערן פון א פליגל, און מיט די שווארצע אויגן קוקט ער שארפ אויס נאָך רויב; אָט איז ער אופגעפלויגן, ווי א זשאוואָראָנעק, געכאפט אן ערד־בין, זאָרגעוודיק זי ארופגעזוצט אפ א שטעכלקע און זיצט ווײַטער, דרייענדיק מיטן גרויען גנייווישן קעפל. אָן רויש איז דורכגעפלויגן דער סוידעסדיקער פויגל שטשור. מײַן דאָרשטיקער טרוימ איז געווען — אים כאפן! א שנייערל, וואָס האָט זיך אָפגעשלאָגן פון א טשאטע, זיצט אפ אן אָלכע, רויט, וויכטיק, ווי א גענעראל, און סקריפעט אונטער קאעסדיק, שאָקלענדיק מיט דער שווארצער נאָז.

וואָס העכער סע שטײַגט די זון, אלץ מער פויגלען ווײַזן זיך און אלץ פריילעכער ווערט זייער צוויטשערײַ. דער גאנצער יאר ווערט פול מיט מוזיק. איר גרונטטאָן איז דאָס אומופהערלעכע שעלעשטשען פון די קוסטעס אונטערן ווינט. די פארשײַטע קוילעס פון די פויגלען קענען ניט פארטויבן אָט דעם שטילן זיס־טרויעריקן רויש — איך הער אין אים די געזעגן־ליד פונעם זומער, ער שעפטשעט מיר עפעס ווערטער אזוינע, וואָס לייגן זיך אויס אלײן פון זיך אין א ליד. און אין דער זעלבער צײַט שטעלט דער זיקאָרן אופ קעגן מײַן ווילן בילדער פונעם געוועזענעם.

ערגעץ פון דער הייך שרײַט די באבע:

— ווו ביסטו?

זי זיצט אפן ראנד פונעם יאר, האָט אויסגעשפרייט א פאטשיילע, צעלייגט אפ איר ברויט, אוגערקעס, ריבן, עפל. צווישן אָט דעם גוטס שטייט, בלישטשענדיק אפ דער זון, א קליינינק, זייער א שיין געשליפן קאראפינדל מיט א קרישטאָלענעם קאָרעק — א נאפאָלעאָן־קאָפ, אינעם קאראפין איז דאָ א שקאליק בראָנפן, אָנגעצויגן אפ קרײַטער.

— ווי גוט ס׳איז, גרויסער גאָט! — זאָגט די באבע מיט דאנקבארקײַט.

— און איך האָב א ליד פארפאסט!

— נו?

איך זאָג איר עפעס ענלעכס אפ א פאָר פערזן:

— דער ווינטער גייט און נעענטערט זיך צו אונדז.
פארבלײַב געזונט, מײַן זומערדיקע זון!..

נאָר זי הערט מיך ניט אויס און שלאָגט איבער:

— פאראן אזא ליד, נאָר א בעסערע!

און זינגעוודיק זאָגט זי:

— אוי, ס'פאַרגייט די זומערדיקע זון
הינטער ווײַטע וועלדער, אין די טונקלע נעכט!
עך! פאַרבליבן בין איך, מיידעלע,
אָן מײַן פרילינג־פרייד מײַן ליכטיקער, אליין...

קומט פרימאָרגן, עפן איך די טיר,
מײַנע מײַ־שפּאַצירן שטעלן זיך מיר פאָר —
אומעט ווייט פון פעלד פון נאַקעטן —
מײַנע יונגע יאָרן האָב איך דאָרט פאַרשפּילט.

אוי, איר כאַוועריטעס, איר טײַערע!
אַז ס'וועט אויספאַלן דער ערשטער ווײַסער שניי,
נעמט אַרויס דאָס האַרץ מיר פון דער ברוסט!
פאַרבאַהאַלט מײַן האַרץ אין יענעם קאַלטן שניי...

מײַן אוטאָרישע אײַנגליבע איז קיין האָרעלע ניט געקרענקט. מיר געפעלט זײַער די ליד, און איך פיל דעם מיידלס וויי.

און די באַבע זאָגט:

— אָט ווי צאָרעס זינגען זיך! דאָס האָט, זעט מען, א מיידל פאַרפאַסט. פרילינג־צײַט האָט זי א לעב געטאָן, און צום ווינטער האָט איר האַרצנס־געליבטער זי אוועקגעוואָרפן, עפשער איז ער אוועק צו אַן אַנדערער, פאַר גרויס פאַרדראָס האָט זי זיך צעזונגען מיט אַזאַ געוויין... וואָס מע לעבט אַליין ניט איבער, צו דעם קאָן מען ניט געפינען די גוטע ריכטיקע ווערטער. און זי — אָט זעסטו, ווי גוט זי האָט צונויפגעשטעלט די ליד!

אַז ס'האָט זיך איר צום ערשטן מאָל אײַנגעגעבן צו פאַרקויפן פויגלען פאַר פערציק קאָפּיקעס, האָט זי זיך שטאַרק פאַרכידעשט:

— זע נאָר! כ'האָב געמיינט, ס'איז גאָרניט, א קינדער־שפּיל, און דאָ לייזט מען גאָר דערפאַר געלט!

— האָסט נאָך וואָלוול פאַרקויפט...

— נו?

אין א מאַרק־טאָג פלעג זי פאַרקויפן פאַר א קערבל און מער און האָט זיך אַליין געכידעשט: ווי קען מען עס פון א נאַרישקײַט אַזויפיל פאַרדינען!

— און א פרוי וואַשט גרעט א גאַנצן טאָג אָדער וואַשט פאָלן צו א פערטעלע א טאָג, גיי פאַרשטיי פאַרוואָס! עפעס איז דאָ ניט גוט! און וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט האַלטן פויגלעך אין שטײַגן? וואַרף עס אַוועק, אַליאָשאַ!

נאָר מיך האָט דער פויגל־געפאַנג שטאַרק פאַרכאַפּט. עס איז מיר געפעלן געווען און, געבנדיק מיר אומאָפּהענגיקײַט, האָט עס קיינעם, אויסער די פויגלען, קיין שום אומבאַקוועמלעכקײַטן ניט פאַרשאַפט. איך האָב זיך געקריגן גוט געצײַג. געשפּרעכן מיט אַלטע פויגל־פאַנגער האָבן מיך אַסאַך אויסגעלערנט. איך בין איינער אַליין געגאַנגען אָפּ געפאַנג א ווערסט דרײַסיק ווײַט, אין קאָסטאָוווער וואַלד, אָפּן ברעג וואָלגע, — דאָרט, צווישן די זעגל־סאָסנעס, האָבן זיך אופגעהאַלטן קרייצ־

שנאָבלען און בלויערלעך־אפּלאָנעװוקעס — לאַנגעקיקע װײַסע פייגעלעך, זעלטן־שיינע. ליבהאָבער האָבן זיי הויך געשעצט.

ס'פלעג זיך מאכן, גייסט ארויס אינאָװונט און א גאנצע נאכט טיאָפּקעסטו איי־בער קאזאנער טראקט, אמאָל — אונטערן הארבסטיקן רעגן, אין טיפער בלאָטע, היני־טערן רוקן א זאק, א באנייטער מיט צעראטע, אין אים פּאסטקעס און שטײַגלעך מיט פארנארנדיקע פויגלען. אין דער האנט — א סאָלידער נוסן־שטעקן. ס'איז קאלטלעך אין דער הארבסטיקער כאשכעס, און פאר שרעק כאפּסטו דעם עמעסן ציטער! בא די זײַטן וועג שטייען אלטע, פון דונער געשלאָגענע בערעזעס, אויס־שפרייטנדיק איבער מײַן קאָפּ די נאסע צווײַגן; לינקס, אונטערן בארג, איבער דער שווארצער וואָלגע דאָרטן, שוימען, ווי אין אַן אָפּגרונט אריין, זעלטענע פײַערלעך אַף די זעגלען פון לעצטע דאמפערס און בארזשעס, סע באַכען די רעדער איבערן וואסער, פײַפן הערן זיך.

פון דער טשוהונענער ערד שטייען אוף די הײַזלעך פון די דערפער באַם וועג, סע קײַקלען זיך דיר צו די פיס ארונטער בייזע הונגעריקע הינט, דער וועכטער קלאפּט אין דער קאלעקאָטקע און שרײַט צעשראָקן:

— ווער גייט? ווּעמען טראָגן עס די רוכעס, ניט קעגן נאכט געזאָגט?

איך האָב זייער מוירע געהאט, מע זאָל בא מיר ניט אָפּנעמען מײַנע מאכשירים, און האָב מיטגענומען פיאטאקלעך פאר די וועכטער. אינעם דאָרף פּאָקינאָ האָט זיך דער וועכטער מיט מיר באפרײַנדעט און האָט אלץ געאָכעט:

— גייסט שוין ווידער? אַך, דו אומרויִקער נאכט־אײַנוווינער, שרעקסט זיך גאָרניט, א?

געהייסן האָט ער ניפּאָנט, געווען איז ער א קלײנינקער, א גרויִנקער, ענלעך אַף א הײליקן; אָפּטמאָל פלעג ער ארויסשלעפּן פונעם בוזעם א ריבן, אַן עפּל, א הויפן ארבעס און שטופּן מיר אין די הענט ארײַן, זאָגנדיק:

— נא, נעם, פרײַנט־לעבן, פאר דיר קיבעד אָפּגעשפּאָרט, האָב האנאָע.

און ער פלעג מיך ארויסבאגלייטן ביז אויסערן דאָרף.

— הײַדא, גיי געזונט!

אין וואלד קום איך אָן צו פארטאָג, ברענג אין אָרדענונג די מאכשירים, צעי־הענג די פארנארער, לייג זיך עק־וואלד און ווארט אַף טאָג. ס'איז שטיל, אלץ ארום איז פארגליווערט אין שטארקן הארבסטיקן שלאָף. דורך גרוילעכן טונקל זעען זיך קוים אָן די ברייטע לאָנקעס אונטערן בארג. זיי זײַנען צעשניטן פון דער וואָל־גע, האָבן איבער איר אריבערגעשפּאנט און צעשווימען, צעגייען אין די נעפּלען. ווײַט, נאָך די וועלדער פון דער לאָנקע־זײַט, גייט אוף, ניט געכאפּט, די אויפ־געהעלטע זון, אַף די שווארצע גריוועס פון די וועלדער צינדן זיך פײַערן, און סע הייבט זיך אָן א מאָדנע הארץ־רירנדיקע באוועגונג: אלץ שנעלער שטײַגט אוף דער נעפּל פון די לאָנקעס און זילבערט זיך אינעם זונענשטראל, און נאָך אים שטײַגן אוף פון דער ערד קוסטעס, ביימער, סטערטעס היי, לאָנקעס, פונקט זיי וואָלטן צעגיין אונטער דער זון און זיך צעפליסן אין אלע זײַטן, רויטלעך־גאָלדענע. אָט האָט די זון זיך צוגערירט צום שטילן וואסער באַם ברעג, — דער גאנצער טײַך האָט זיך, קומט אויס, א רוק איבער געטאָן אהין, וווּ די זון האָט זיך אונטערגע־

טוקט. שטײַגנדיק אַלץ העכער, בענטשט זי פֿול מיט פֿרייד, וואַרעמט די הוילע, דערפֿרוירענע ערד, און די ערד דעמפּט מיט די זיסע האַרבסט־רייכעס. די דורכזיכטיקע לופֿט ווײַזט די ערד אין ריזיקער גרייס, פֿאַרברייטערנדיק זי אומענדלעך. אַלץ שווימט צו דער ווײַט און ציט מיט צו דערגיין ביז די בלויע ראַנדן פֿון דער ערד. איך האָב דעם זון־אויפֿגאַנג אין דעם אָרט געזען צענדליקער מאָל, און שטענדיק פֿלעג פֿאַר מיר געבוירן ווערן א נײַע וועלט. אַף א נײַעם אויפֿן שיין...

די זון האָב איך גאָר באַזונדערס ליב. איר נאָמען אַליין געפֿעלט מיר שוין, די זיסע קלאַנגען פֿון דעם נאָמען, דער טאָן, וואָס איז באַהאַלטן אין זיי. איך האָב ליב מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אונטערשטעלן דאָס פּנים דעם הייסן שטראַל, כאַפּן אים אַף דער דלאָניע, ווען ער גייט דורך, ווי א שווערד, דורך א שפּאַרונע אין א פֿאַרקאַן אָדער צווישן צווײַגן. דער ויידע האַלט זייער שטאַרק פֿון דעם „פֿירשט מיכאיל דעם טשערניגאָווער און דעם באָיאַרין פֿעאָדאָר, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט בוקן צו דער זון" — מיר שטעלן זיך פֿאָר די מענטשן שוואַרצע, ווי ציגײַנער, פֿאַרומערטע און בייזע, און די אויגן זײַנען בא זיי שטענדיק קראַנק, ווי בא אַן אָרעמער מאָרדווע. אַז די זון שטײַגט אויף איבער די לאָנקעס, שמייכל איך ניט־ווילנדיק פֿאַר פֿרייד.

איבער מיר קלינגט דער נאָדל־וואַלד, אָפּטרייסלענדיק פֿון די גרינע לאַפּקעס טראָפּנס טוי. אין שאָטן, אונטער דיביימער, אַף די געהאָפּטענע בלעטער פֿונעם פּאַפּאָרט פֿינקלט, ווי זילבערנער בראָקאַט, דער פֿרימאָרגנדיקער פֿריר, דאָס געלגעוואָרענע גראָז איז צוגעקנאָדערט פֿון רעגן, די צו דער ערד אײַנגעבויגענע שטענגלעך זײַנען אומבאַוועגלעך, נאָר ווען סע פֿאַלט אַף זיי א ליכטיקער שטראַל, לאָזט זיך באַמערקן אין די גראָזן א גרינגער פֿלאַטער, עפּעס, דער לעצטער אָנשטרענגונג פֿון לעבן.

די פֿויגלען האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט; די גרויע טענענבלויערלעך פֿאַלן, ווי פּוכקנוילעכלעך פֿון צווײַג אַף צווײַג, די פֿײַערדיקע קרייצשנאָבלען ברעקלען מיט די קרומע שנאָבלען שישקעס אַף די שפּיצן סאָסנעס. אַף אַן עק פֿון א סאָסנאָווער לאַפּע הוידעט זיך א ווײַסע אַפּאָלאָנעווקע, פֿאָכנדיק מיט די לאַנגע רודער־פֿעדערן, דאָס שוואַרצע פּאַטשערקע־אייגל קרימט זיך אומצוטרויעלעך אַף דער נעץ, וואָס איך האָב פֿאַרשפּרייט. און עפּעס מיטאַמאָל דערהערסטו, אַז דער גאַנצער וואַלד, וואָס איז צוריק א מינוט געווען ערנסט פֿאַרטראַכט, איז שוין אָנגעגאָסן מיט הונדערטער פֿייגלשע קוילעס, איז פֿול מיט האָוועניש פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן, די ציכטיקסטע אַף דער ערד, — לויט זייער געשטאַלט האָט דער מענטש, דער פֿאָטער פֿון דער ערדישער שיינקייט, געשאַפֿן זיך פֿאַר א טרייסט די עלפֿן, די קרוווים, די סראָפֿים און דעם גאַנצן מאַלאָכישן סינקליט.

ס'טוט מיר אַביסל באַנק צו כאַפּן דאָס קליינוואַרג, ס'איז מיר ניט צום האַרצן דאָס אַרײַנזעצן זיי אין שטײַגעלעך, ס'געפֿעלט מיר מער צו קוקן אַף זיי פֿונדערווײַטנס, נאָר די יעגער־ליידנשאַפֿט און דער כיישעק צו פֿאַרדינען געלט באַזיגן דאָס ראַכמאָנעס־געפֿיל.

די פֿויגלען רופֿן בא מיר אַרויס געלעכטער מיט זייער כיטרעקײַט: א בלויערל האָט אויפֿמערקזאַם און אויספֿירלעך באַטראַכט די פּאַסטקע, האָט פֿאַרשטאַנען, מיט

וואָס דאָס שמעקט, איז פאַרגאַנגענע פונ א זײַט אונ שלעפט זוימענ געשיקט, אָנ געפאַר, דורכ די שטעקלעכ פונ דער פאַסטקע. די בלויערלעכ זײַנענ זייער קלוג, נאָר זיי זײַנענ צופיל נײַגעריק, אונ דאָס פאַטערט זיי. די וויכטיקע שנייערלעכ זײַנענ נאַרישעוואַטע: זיי גייענ אינ דער נעצ ארײַנ גאַנצע טשאַטעסווײַז, ווי די זאַטע מעטשטשאַנעס אינ קלויסטער ארײַנ. אַז דו גיסט א דעק צו, ווערנ זיי שטאַרק פאַרכידעשט, קוליענ ארויס די אויגנ אונ צופנ די פינגער מיט די פיסקעלעכ. דער קרייצשנאָבל גייט אינ דער פאַסטקע ארײַנ רויִק אונ סאָליד. דער סיטע, אַנ אומבאַקאַנטער, אַפ קיינעמ ניט ענלעכער פויגל, זיצט לאַנג פאַר דער נעצ, באַוועגנדיק מיט דער לאַנגער נאָז. אָנגעשפּאַרט אַפנ דיקנ עק, לויפט ער אום איבער די ביימערשטאַמענ, ווי א פּיקהאָלצ, באַגלייטנדיק די בלויערלעכ. אינ אָט דעמ רויכ־קאָלירטנ פּיצעלע איז דאָ עפּעס אומהיימלעכס, סע זעט אויס זייער עלנט, קיינער האָט עס ניט ליב. ס'האָט ליב צו גאַנווענע אונ באַהאַלטנ קליינע גלאַנצנדיקע זאַכנ, פּונקט ווי די סאָראָקע.

צו האַלבנ טאָג פאַרענדיק איכ דאָס געפאַנג, גיי אַהיים מיטנ וואַלד, מיט די פעלדער. ווענ איכ זאָל גיינ מיטנ שליאַכ, דורכ די דערפער, קענענ די ייִנגלעכ אונ באָכערימ אוועקנעמענ די שטײַגלעכ, צערײַסנ אונ צעברעכנ די מאַכשירימ — כ'בינ שוינ געפּרווּווט געוואָרנ.

איכ קומ צו אָוונט א מידער, א הונגעריקער, נאָר סע דוכט זיכ מיר, אַז פאַרנ טאָג בינ איכ אויסגעוואַקסנ, געוואָרנ קרעפטיקער. אָט די נײַע קראַפט גיט מיר די מעגלעכקײַט אויסצוהערנ דעמ זיידנס בייזע שפּאָטערײַ רויִק, אָנ צערייצטקײַט. דער זיידע זעט עס, הייבט ער אָנ ריידנ ערנסט אונ צו דער זאַכ:

— וואַרפ אוועק אָט די פּוסטע מײַסעס, וואַרפ עס אוועק! דורכ פויגלענ איז נאָכ קיינער קיינ לײַט ניט געוואָרנ, אַזא פאַל איז ניט געווענ — איכ זאָג דיר! קלײַב זיכ אויס אַנ אָרט אונ כאָווע אַפ אימ דײַנ פאַרשטאַנד. א מענטש לעבט ניט צוליב נאַרישקײַטנ, ער איז גאָטס קערנדל, ער דאַרפ געבנ א זאַנג מיט קערנער פולע! א מענטש איז געגליכנ צו א קערבל: איז עס אוועק אינ גוטנ אומזאַצ — ווערט פונ דעמ דרײַ! מיינסט אוואַדע, אַז לעבנ איז א גרינגע זאַכ? ניינ, גאָר ניט קיינ גרינגע זאַכ! די וועלט איז פאַרנ מענטשנ א פינצטערע נאַכט, יעדערער מוז זיכ אַליינ לײַכטנ. איטלעכנ איז געגעבנ זײַנ צענדליק פינגער, אונ ער וויל מיט זײַנע הענט נעמענ וואָס מער. מע דאַרפ ארויסווײַזנ קויעכ, אונ פעלט אויס קויעכ — איז כיטרעקײַט. ווער ס'איז קליינ אונ שוואַכ, יענער קריגט ניט קיינ גאַניידנ, ניט קיינ גענעמ! לעב, קלוימערשט, מיט אַלעמענ, נאָר געדענקענ זאָלסטו, אַז דו ביסט אַליינ. הער אויס איטלעכנ, נאָר גלייבנ גלייב ניט קיינעמ. ווער סע טרויט דער וועלט, יענער בלײַבט אויסגעשטעלט. רייד ווייניקער — הײַזער אונ שטעט בויט מענ ניט מיט דער צונג, נאָר מיט געלט אונ מיט זעג־אונ־האַק. ביסט ניט קיינ באַשקיר אָדער א קאַלמיק, וואָס זייער גאַנצ פאַרמעגנ איז לײַז אונ שאָפ...

ער האָט געקענט ריידנ מיט אַזוינע ווערטער א גאַנצנ אָוונט, איכ האָב זיי שוינ געוווּסט אַפ אויסנווייניק. די ווערטער זײַנענ מיר געפעלנ געווענ, נאָר צו דעמ זינ זייערנ האָב איכ זיכ באַצויגנ מיט אומצוטרוי. פונ זײַנע רייד איז געווענ קלאָר, אַז דעמ מענטשנ שטערנ צו לעבנ, ווי ער וויל, צוויי קויכעס: גאָט אונ לײַט.

זיצנדיק באם פענצטער, האָט די באבע געדרייט פאָדעם פאר שפיצנ. דאָס שפינדל האָט געזשומעט אינ אירע געשיקטע הענט. זי האָט לאנג זיכ אײַנגעהערט שווײַגנדיק אינ דעמ זיידנס רייד, אונ פלוצעמ געזאָגט:

— אלצ וועט זײַנ אזוי, לויט ווי די גאָטס־מוטער וועט א שמייכל טאָנ.

— וואָס? — האָט זיכ דער זיידע צעשריגנ. — גאָט! איכ האָב אינ גאָט ניט פארגעסנ, איכ געדענק וועגנ גאָט! טיפשע דו אלטע, מיינסט, גאָט האָט פארזייט די ערד מיט נאראָנימ?

... מיר האָט זיכ געדוכט, אז בעסער פונ אלעמענ לעבנ אפ דער וועלט די קאָזאקנ אונ די סאָלדאטנ. דאָס לעבנ זייערס גייט צו פראָסט אונ פריילעכ. ביים א גוטנ וועטער ווײַזנ זיי זיכ גאנצפרי קעגנ אונדזער הויז, הינטערנ יאר, באזייענדיק דאָס הוילע פעלד, ווי די שוואָמענ, אונ הייבנ אָנ א קאָמפליצירטע, אינטערעסאנטע שפיל: פלינקע, שטארקע, אינ ווײַסע העמדער, לויפנ זיי פריילעכ איבערנ פעלד מיט ביקסנ אינ די הענט, פארשווינדנ אינ יאר, אונ פלוצעמ, לויטנ רופ פונ טרומייט, שיטנ זיי זיכ ארויס אינ פעלד ווידעראמאָל, לויפנ מיט געשרייענ „הורא", אונטער א דראָענדיקער קלאפערײַ פונ פויקנ, גלײַכ אפ אונדזער הויז, די שפיזנ זײַנענ אָנגעשטעלט, אונ סע דאכט זיכ, אז אָט וועלנ זיי באלד פונ דער ערד אראָפשארנ, צעשלײַדערנ אונדזער הויז, ווי א סטערטע היי.

איכ פלעג אויכ שרײַענ „הורא" אונ לויפנ אינ פארגעסנהײַט מיט זיי, דער בייזער געטרילער פונ דער פויק פלעג בא מיר ארויסרופנ א קאָכעדיקנ פארלאנג צעשמעטערנ וואָס ניט איז, — צעברעכנ א פלויט, שלאָגנ זיכ מיט די ייִנגלעכ.

אָפרו־צײַט פלעגנ די סאָלדאטנ מיכ מעכאבעד זײַנ מיט מאכאָרקע, פלעגנ ווײַזנ די שווערע ביקסנ, אנ אנדער מאָל פלעג דער אָדער יענער אָנשטעלנ מיר א באגנעט אינ בויכ אונ זיכ צעשרײַענ מיט אנ אומיסטנדיקנ גרימצאָרנ:

שטעכ דעמ טאראקאנ!

דער באגנעט גלאנצט. סע דוכט זיכ, אז ער לעבט, דרייט זיכ, ווי א שלאנג, אונ וויל א שטאָכ טאָנ, — דאָס שרעקט אביסל, נאָר מער איז עס אנגענעמ.

דער פויקער, א מאָרדווינ, האָט מיכ געלערנט קלאפנ מיט די שטעקלעכ איבער דער פעל פונ דער פויק; פריִער נעמט ער ארײַנ מײַנע הענט־ענדנ אונ קנעט זיי אויס ביז ווייטעק, דערנאָכ שטופט ער מיר די שטעקלעכ אינ די אָנגעקוועטשטע פינגער ארײַנ.

— קלאפ — איינס־צוויי, איינס צוויי! טראמ־טא־טא־טאמ! קלאפ — לינקע — שטילער, רעכטע — שטארקער, טראמ־טא־טא! — האָט ער גרויזאמ געשריגנ, פארברייטערנדיק די פויגלשע אויגנ.

איכ פלעג לויפנ איבערנ פעלד מיט די סאָלדאטנ ביז סאמע ענדע פונ זייער לערע אונ פלעג זיי נאָכדעמ באגלייטנ איבער דער גאנצער שטאָט ביז די קאזארמעס, זיכ אײַנהערנדיק אינ די הילכיקע לידער, זיכ צוקוקנדיק צו די גוטע פענמער, אלע אזוינע נײַ־ינקע, ווי ערשט אָפגעשטעמפלטע פיאטאקלעכ.

די שטײַפע מאסע פונ די אלצייגע מענטשנ איז פריילעכ געפלאָסנ איבער דער גאס, צונויפגענומענ אינ איינ קראפט, וואָס וועקט א געפיל פונ צוגעלאָזטקײַט צו זיכ,

א באגער זיך אָפּטוקן אין איר, ווי אין א טײַך אַרײַן, ווי אין א וואַלד. אָט די מענטשן האָבן פאַר קיין זאַך קיין מוירע ניט, קוקן אף אַלץ דרייסט, קענען אַלץ בײַקומען, קענען דערגרייכן אַלץ, וואָס סע זאָל זיך זיי נאָר פאַרוועלן, און דעריקער — זיי זײַנען אַזוינע איינפאַכע, גוטע.

נאָך איינמאָל האָט א יונגער „אונטער" אין דער צײַט פון אָפּרו מיר דערלאַנגט א גראָבן פּאַפּיראָס.

— פאַרויכער! ס'איז בא מיר פון אַזא מין, וואָס איך וואָלט עס קיינעם ניט בעגעבן, נאָר דו ביסט א באַזונדער סאָרט ווײַלער יאַט!

איך האָב פאַרויכערט. ער האָט זיך אָפּגערוקט אף א טראָט, און פּלוצעם האָט א רויטער פלאַם מיך פאַרבלענדט, אָפּגעסמאַליעט מיר די פינגער, די נאָז, די ברעמען, א געזאַלצענער רייעך האָט אַרויסגערופן בא מיר א ניסן מיט א הוסטן. א בלינדער, א דערשראָקענער, האָב איך זיך געטאָפּטשעט אף איין אָרט, און די סאָלדאַטן האָבן, שטייענדיק אַרום מיר שטײַף צונויפגענומען אין א רינג, הילכיק און פריילעך געלאַכט. איך בין אַוועק אַהיים — געפײַפן און געלעכטער האָבן זיך געקײַקלט נאָך מיר. עפּעס האָט געקנאַלט, ווי א בײַטש פון א פּאַסטעך, ס'האָט ווײ געטאָן אין די אָפּגעסאַרפּעטע פינגער, ס'האָט געריסן דאָס פּנים, פון די אויגן זײַנען געראַנען טרערן, נאָר געדריקט האָט מיך ניט דער ווייטעק, נאָר א שווערע, טעמפּע פאַרווּנדערונג: פאַרוואָס האָט מען מיט מיר עס אַזוי אָפּגעטאָן? וואָס פאַר א פאַרוויילונג געפינען דערין אָט די גוטע יונגען?

אינדערהיים האָב איך אַרופגעקלעטערט אפן בוידעם און בין לאַנג דאָרט געזעסן, דערמאָנענדיק זיך אין די אַלע פילן פון אומפאַרשטענדלעכער אַכזאָריעס, וואָס איך האָב אַזוי אָפּט באַגעגנט אף מײַן וועג. באַזונדערס לעבעדיק און שאַרף האָט זיך מיר פאַרגעדענקט א קליין סאָלדאַטל פון סאַראַפּול — ער שטייט פאַר מיר, ווי א לעבעדיקער, פרעגט:

— וואָס? פאַרשטאַנען?

אינגיכן איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן נאָך עפּעס שווערערס און מערקווירדיקערס.

איך האָב אָנגעהויבן אָפּט אַרײַנלויפן אין די קאַזאַרמעס פון די קאָזאַקן, — זיי זײַנען געשטאַנען לעבן דער פּעטשערער סלאָבאָדע. די קאָזאַקן האָבן מיר אויסגעוויזן אַנדערע, ווי די סאָלדאַטן. ניט דערפאַר, ווײַל זיי האָבן פלינק געריטן אף די פערד און זײַנען געווען שענער אָנגעטאָן, — זיי האָבן אַנדערש גערעדט, האָבן געזונגען אַנדערע לידער און האָבן שיין געטאַנצט. ס'פלעג זיך מאַכן אָוונט־צײַט, נאָכן אַרומרייניקן די פערד, פלעגן זיי זיך צונויפנעמען אין א רעדל לעבן די שטאַלן, און א קליינער רויטלעכער קאָזאַק פלעג, אופטרייסלענדיק די פּאַטלעס, זיך צעזינגען מיט א הויך קאָל, ווי א קופּערנער טרומייט. שטיל, אָנגעשטרענגט זיך אויסציִענדיק, פלעג ער זיך פאַרגיין אין א טרויעריקער ליד וועגן דעם שטילן דאָן, וועגן דעם בלויען דונײַ. די אויגן זײַנען אים פאַרמאַכט, ווי ס'פאַרמאַכט זיי דער פויגל רויטקעלכל, — וואָס זינגט אָפּט אַזוי, אַז סע פאַלט אַראָפּ פונעם צווײַג טויט צו דער ערד, — דער קאָלנער פונעם קאָזאַקס העמד איז צעשפּיליעט, סע זעען זיך די שליסלביינער, ווי קופּערנע קעלזעס, און אינגאַנצן איז אָט דער מענטש א געגאָסענער,

א קופערנער. שאָקלענדיק זיך אף די דינע פיס, פונקט ווי די ערד וואָלט זיך אונטער אים וויגן, צענעמענדיק די הענט, א בלינדער און א קלינגענדיקער, האָט ער אזוי־ווי אופגעהערט צו זײַן מענטש, איז געוואָרן א טרומייט פון א האָרניסט, א פײַפל פון א פאסטעך. אמאָל פלעג מיר דוכטן, אז אָט פאלט ער אום, פאלט מיטן רוקן אף דער ערד און שטארבט, ווי דאָס רויטקעלכל — ווײַל ער האָט אויסגעבראכט אין דער ליד זײַן גאנצע נעשאָמע, איר גאנצע קראפט.

באהאלטן די הענט אין די קעשענעס און הינטער די ברייטע רוקנס, שטייען ארום אים אין א קראנץ די כאוויירים, קוקן שטרענג אף זײַן קופערן פּאָנעם, פאָלגן נאָך זײַן האנט, וואָס שווימט שטיל אין דער לופט, און זינגען וויכטיק, רויִק ווי אין קלויסטער אפן קליראָס. אלע — די בערדיקע און אָנבערדיקע — זײַנען זיי אין דער מינוט געווען ענלעך אף איקאָנעס: פונקט אזוינע גרויזאמע און דערדווײַטערטע פון מענטשן. די ליד איז לאנג, ווי א שליאך, איז פונקט אזוי גלײַך, ברייט און פול מיט קלוגשאפט. אז איך הער זי, פארגעס איך, צי ס׳איז טאָג אף דער ערד אָדער נאכט, צי בין איך א קליינ ייִנגל אָדער שוין אן אלטער מאן, כ׳פארגעס אלץ! ס׳גייען אויס די שטימען פון די זינגער, — מע הערט, ווי די פערד זיפצן, בענקענדיק נאָך דער ראכוועס פון די סטעפעס, ווי פון א פעלד רוקט זיך שטיל און אומפארמײַדלעך די הארבסטיקע נאכט; און דאָס הארץ וואקסט און וויל זיך צערײַסן פאר פולקײַט מיט עפעס אומגעווײנלעכע געפילן און פאר גרויסער שטומער ליבע צו די מענטשן, צו דער ערד.

דער קליינינקער קופערנער קאָזאק האָט מיר אויסגעוויזן, איז ניט פּאָשעט א מענטש, נאָר עפעס מער באדײַטנדיקס — א לעגענדארע באשעפעניש, בעסער און העכער פון אלע מענטשן. איך האָב ניט געקענט ריידן מיט אים. אז ער פלעג מיך עפעס פרעגן, פלעג איך גליקלעך שמייכלען און שווײַגן פארשעמט. איך בין גרייט געווען צו גיין נאָך אים שווײַגנדיק און אונטערטעניק, ווי א הונט, אבי נאָר אָפּטער זען אים און הערן, ווי ער זינגט.

איינמאָל האָב איך געזען, ווי ער שטייט אין א ווינקל אין שטאל, אופגעהויבן צום פּאָנעם די האנט און באטראכט דעם גלאטן זילבערנעם רינג אפן פינגער. זײַנע שיינע ליפן האָבן זיך גערירט, די קליינע רויטלעכע וואָנצעס האָבן אונטערגעציטערט, דאָס פּאָנעם איז געווען פארטרויערט, באליידיקט.

נאָר עפעס איינמאָל אין א פינצטערן אָוונט בין איך מיט מײַנע שטײַגלעך ארײַנגעקומען אין טראקטיר אף דעם אלטן היי־פלאץ — דער טראקטירניק איז געווען א ליידנשאפטלעכער ליבהאָבער פון זינג־פויגלען און האָט זיי אָפט בא מיר אײַנגעקויפט.

דער קאָזאק איז געזעסן לעבן דער סטויקע אין ווינקל, צווישן אויוון און דער וואנט. מיט אים איז געזעסן א גרויסקערפּערדיקע פרוי, קימאט צוויי מאָל גרעסער פון אים. איר קײַלעכיק פּאָנעם האָט געגלאנצט, ווי סאפיאן, זי האָט געקוקט אף אים מיט מילדע אויגן פון א מוטער, אביסל אומרויִק. ער איז געווען שיקער, האָט געשארפט מיט די אויסגעצויגענע פיס איבערן פּאָל און האָט, ווײַזט אויס, ווייטעקלעך פארטשעפעט דער פרויס פיס, — זי פלעג זיך פארקנייטשן, אופציטערנדיק, און האָט שטיל געבעטן:

— מאכט זיך ניט נאריש...

דער קאָזאק האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג געהויבן די ברעמען, נאָר זיי זײַנען שלאַבעדיק צוריק געפאַלן. ס׳איז אים געווען הייס, ער האָט צעשפּיליעט דעם מונדיר און דאָס העמד, אָפּגעדעקט דעם האַלדז. די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס טיכל פון קאָפּ אַף די אַקסלען, אַנידערגעלייגט אַפן טיש די פעסטע, ווײַסע הענט, צונויפגעצאַפּעט די פינגער אַזש ביז רויט. וואָס מער איך האָב געקוקט אַף זיי, אַלץ מער האָט ער מיר אויסגעוויזן ווי אַ פאַרזינדיקטער זון פון אַ גוטער מוטער. זי האָט צו אים עפּעס גערעדט ליבלעך און פירהאַלטנדיק, און ער האָט געשוויגן צעמישט, — ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן אַף די פאַרדינטע פאָרוואורפן.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעשטעלט, ווי פון אַ שטאָך, אומזיכער — נידעריק אַפן שטערן — אָנגעטאָן דאָס היטל, האָט עס צוגעפּאַטשט מיט דער דלאָניע און איז ביט־פאַרשפּיליעטערהייט אַוועק צו דער טיר. די פרוי האָט זיך אויך אויפגעהויבן, זאָגנדיק צום טראַקטירניק:

— מיר קערן זיך באַלד אום, קוזמיטש...

מענטשן האָבן זיי באַגלייט מיט געלעכטער, מיט שפּאַסן. עמעצער האָט געזאָגט בעדיכט און שטרענג:

— דער לאַצמאַן וועט זיך אומקערן, וועט ער איר ווײַזן!

איך בין אַרויס גלײַך נאָך זיי. זיי זײַנען געגאַנגען פריִער פאַר מיר אַ טריט צען, באַוועגנדיק זיך אין דער פינצטער, קווער דעם פּלאַץ, דורכויס אין בלאָטע צום אָטקאָס, צום הויכן ברעג וואָלגע. איך האָב געזען, ווי די פרוי שאָקלט זיך, אונטערהאַלטנדיק דעם קאָזאק, איך האָב געהערט, ווי די בלאָטע טשמאָקעט אונטער זייערע פיס; די פרוי האָט ניט הויך, בעטנדיק געפרעגט:

— וואוהין גייט איר? נו, וואוהין־זשע?

איך בין אַוועק נאָך זיי איבער דער בלאָטע, כאָטש ס׳איז געווען ניט מײַן וועג. ווען זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום פאַנעל איבערן אָטקאָס, האָט זיך דער קאָזאק אָפּגעשטעלט, איז אָפּגעגאַנגען פון דער פרוי אַף אַ טראָט און האָט איר פּלוצעם אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם. זי האָט אויסגעשריגן מיט שרעק און פאַרכידעשט:

— אוי, פאַרוואָס?

איך האָב זיך אויך דערשראָקן, בין צוגעלאָפן האַרט צו זיי, און דער קאָזאק האָט אָנגעכאַפּט די פרוי איבער דער מיט קערפּער, האָט זי איבערגעוואָרפן איבער דעם פּאָרענטש באַרג־אַראָפּ, אַ שפּרונג געטאָן נאָך איר, און ביידע האָבן זיי זיך אַוועקגעקײַקלט אין אַ שוואַרצן קנויל איבערן גראָז פון אָטקאָס אַראָפּצו. איך בין פאַרציטערט געוואָרן, בין אָפּגעשטאָרבן מיט אַלע גלידער, דערהערנדיק, ווי דאָרטן אונטן קנאַקט, רײַסט זיך דאָס קלייד, דער קאָזאק ריטשעט, און די נידעריקע שטים פון דער פרוי רײַסט זיך אָפּ און בעבעט:

— כ׳וועל שרײַען... כ׳וועל שרײַען...

זי האָט הויך, פּײַנלעך אַן אָכע געטאָן, און ס׳איז געוואָרן שטיל. איך האָב אָנגעטאַפּט אַ שטיין און אַ וואָרף געטאָן אים אַראָפּצו — דאָס גראָז האָט זיך צעשורשעט. אַפן פּלאַץ האָט געקלאַפּט די גלעזערנע טיר פונעם שענק. עמעצער האָט אַ היכץ געטאָן, איז, ווײַזט אויס, אומגעפאַלן, און ווידער אַ שטילקײַט, וואָס איז גרייט אין יעדער רגע אָנשרעקן מיט עפּעס.

אונטערן באַרג האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער ווײַסער קנויל. כליפּענדיק און סאָ־פּענדיק הייבט ער זיך שטיל און אומזיכער אַרופֿצו — ס'ווערט קלאָר, אַז ס'איז די פֿרוי. זי גייט אַף אַלע פֿיר, ווי אַ שעפּס, איך זע, אַז זי איז ביזן גאַרטל אַ נאַ־קעטע, ס'הענגען אירע גרויסע בריסטן, און סע דוכט זיך, אַז בײַ איר זײַנען דרײַ פּענעמער. אָט האָט זי זיך דערקליבן ביזן פּאָרענטש, האָט זיך צוגעזעצט אַף אים, קימאַט באַזײַט מיט מיר, אָטעמט, ווי אַ צעפּאַליעט פֿערד, צוגלעטענדיק די צעשוי־בערטע האָר. אַף דער ווײַסקײַט פֿון איר לײַב זעט מען קלאָר טונקעלע פֿלעקן בלאָטע. זי וויינט, ווישט די טרערן פֿון די באַקן מיט באַוועגונגען פֿון אַ קאַץ, ווען זי וואַשט זיך, דערזעט מיך און רופֿט אויס שטיל:

— גאָט מײַנער — ווער איז עס? אַוועק, דו אומפֿאַרשעמטער יונג!

איך קען ניט אַוועק, בין ווי פֿאַרשטיינערט פֿאַר כידעש און פֿון ביטערן נאָגנ־דיקן געפֿיל. ס'דערמאָנען זיך די ווערטער פֿון דער באַבעס שוועסטער:

— די פֿרוי איז אַ קויעך, כאָטש האָט דעם האַר גאָט אַליין אָפּגענאַרט...

די פֿרוי איז אופֿגעשטאַנען און, פֿאַרדעקנדיק זיך די ברוסט מיט שטיקלעך פֿון איר קלייד, אַנטבלויזנדיק די פֿיס, איז זי אַפּגיך אַוועק, און פֿון אונטערן באַרג האָט זיך אופֿגעהויבן דער קאָזאַק, האָט אַ פֿאָכע געטאָן אינדערלופֿטן מיט אַ ווײַ־סער שמאַטע, שטילינקערהייט אַ פֿײַף געטאָן, זיך צוגעהערט און זיך צערעדט מיט אַ פֿריילעכן קאָל:

— דאַריאַ! וואָס? אַ קאָזאַק וועט אַלעמאָל נעמען, וואָס מע דאַרף... האָסט געמיינט, כ'בין שיכּור? ניי־יין, דאָס האָב איך זיך דיר אויסגעוויזן... דאַריאַ!

ער שטייט פֿעסט, זײַן קאָל קלינגט ניכטער און שפּאָטיש. אָנגעבויגן זיך, האָט ער מיט דער שמאָכטע אויסגעווישט די שטיוול און זיך ווידער צערעדט:

— היי, נעם די קאָפֿטע... דאַשק! מאַך ניט קיין שטיק...

און דער קאָזאַק האָט הויך אויסגערעדט אַ שענדלעך וואָרט.

איך זיץ אַף אַ קופּע שטיינבראָך, הערנדיק אָט דאָס קאָל, אַזאַ איינזאַמס אין דער נאַכטיקער שטילקײַט און אַזאַ אונטערדריקנדיק־הערשעריש.

פֿאַר די אויגן טאַנצן די פֿײַערן פֿון די לאַמטערנס אַפֿן פּלאַץ; רעכטס, אין דער שוואַרצער קופּע ביימער, שטײַגט אוף דער ווײַסער אינסטיטוט פֿאַר די איידל־גע־בוירענע מיידלעך. פֿויל סילעפּנדיק איינס אַף דאָס אַנדערע קוויטיקע ווערטער, גייט דער קאָזאַק צום פּלאַץ, פֿאָכנדיק מיט דער ווײַסער שמאָכטע, און פֿאַרשווינדט ענד־לעך, ווי אַ בייזער כאַלעם.

אַפֿן וואַסער־פּלומפּ, נידעריקער אונטערן אָטקאָס, פּאָכקעט די דאַמפּ־אָפּפּירנדיקע טרויב, איבערן אַראָפּפּאָר קײַקלט זיך אַ פֿורמאַנישע דראָזשקע, אַרום — קיין נעפֿעש. אַ פֿאַרסאַמטער גיי איך לענגויס דעם אָטקאָס, פֿאַרקוועטשנדיק אין דער האַנט אַ קאַלטן שטיין, וואָס איך האָב ניט באַוויזן אַ וואָרף צו טאָן אין דעם קאָ־זאַק. בײַם קלויסטער פֿון געאָרגי דעם זיגנטרעגער האָט מיך אָפּגעשטעלט דער נאַכט־וועכטער, שטרענג פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, ווער איך בין, וואָס טראָג איך אין זאַק הינטערן רוקן.

איך האָב אים אויספֿירלעך דערציילט וועגן דעם קאָזאַק, — ער האָט זיך צעלאַכט, אויסשרײַענדיק:

בעריעש! די קאָזאַקן, ברודער, ס׳איז די ריכטיקע אומע, ניט אונדזער גלייַכן! און דאָס ווײַבל איז א צויג...

ער האָט זיך דערוואָרגן מיטן געלעכטער, און איך בין אוועק ווײַטער, ניט פארשטייענדיק — וואָס איז דאָ דאָ צו לאכן?

און איך האָב געטראכט מיט שוידער: און ווי, אויב אזוינס זאָל זיך געוועןטרעפן מיט מײַן מאמען, מיט דער באָבען?

VIII

אז ס׳איז אויסגעפאלן א שניי, האָט מיך דער זיידע ווידער אָפּגעפירט צו דער באָבעס שוועסטער.

— דאָס איז ניט שלעכט פאר דיר, ניט שלעכט, — האָט ער מיך אײַנגערעדט.

מיר האָט זיך געדוכט, אז איך האָב פארן זומער איבערגעלעבט מוירעדיק פיל, בין אלט געוואָרן, בין קלוג געוואָרן. און בא די באלעבאטים איז פאר דער צײַט דער לאנגווײַל געוואָרן געדיכטער. נאָך אלץ קרענקען זיי אָפט, מאכן זיך קאליע די מאָגנס פון אסאך עסן, נאָך אלץ אזוי אויספירלעך דערציילן זיי איינער דעם אנדערן וועגן דעם גאנג פון דער קראנקייט, נאָך אלץ אזוי שוידערלעך און בייז ריכט אָפּ די אלטע אירע טפילעס צו גאָט. די יונגע באלעבאָסטע איז נאָכן קימפעט מאָגערער געוואָרן, פארנעמט ווייניקער רוים, נאָר באוועגט זיך נאָך אלץ אזוי וויכטיק און לאנגזאם, ווי א טראָגעדיקע. ווען זי נייט פאר די קינדער וועש, זינגט זי שטילינקערהייט אלעמאָל איינע און די זעלבע ליד:

> ספיריא, ספיריא, ספירידאָן —
> ספיריא, ברודערל דו מײַן,
> איך וועל זיצן אויבנאָן,
> דו וועסט מיך באדינען פײַן...

אז עמעצער קומט ארײַן אין צימער, הערט זי באלד אויף זינגען און ווערט אין קאס:

— וואָס דארפסטו?

— איך בין זיכער, אז אויסער דער ליד האָט זי מער קיין איינע ניט געקענט, אינאָווענט רופן די באלעבאטים מיך ארײַן אין צימער און באפוילן:

— אנו, דערצייל, ווי האָסטו דאָרטן געלעבט, אפן דאמפער?

איך זעץ זיך אפן שטול, וואָס לעבן דער טיר צום קלאָזעט, און נעם דערציילן. מיר איז אנגעגעמט צו דערמאנען זיך אין אן אנדער לעבן איצט, אז מע האָט מיך פארשטופט אין אזוינס, וואָס איז דערווידער מײַן ווילן. איך צעהיץ זיך, פארגעס אין די צוהערער, נאָר ניט אף לאנג. די פרויען זײַנען קיינמאָל אף קיין דאמפער ניט געפאָרן און פרעגן מיך:

— ס׳איז פונדעסטוועגן א מוירע, זאָג דעם עמעס?

איך פארשטיי ניט — וואָס איז דאָ מוירע צו האָבן?

— און ווי, אויב ער פארקערעוועט פלוצעם אפ א טיפ אָרט און ווערט דער־טרונקען?

דער באַלעבאָס לאכט, און איך, כאָטש איך ווייס, אז דאמפערס זינקען ניט אין טיפע ערטער, נאָר איבערצייַגן דערינ די פרויען קען איך ניט. די אלטע איז זיכער, אז א דאמפער איז ניט ער שווימט אפן וואסער, נאָר ער גייט, אייַנשפארנדיק זיך מיט די רעדער אינ דנאָ פונעם טייַך, ווי א וואָגן אפ דער ערד.

— וויבאלד ער איז אן אייַזערנער, וויאזוי־זשע שווימט ער? א האק, נישקאָשע, שווימט ניט...

— אלעמיי א קרוג ווערט אינ וואסער ניט דערטרונקען?

— א מאָשל! א קרוג איז דאָך קליינ און ליידיק...

אז איך רייד וועגנ סמורינ און זייַנע ביכער, קוקן זיי אפ מיר מיט פארדאָכט. די אלטע זאָגט, אז ביכער פארפאסנ שויטים און גאָט־לייקענער.

— און דער פסאלטער? און דאָוויד האמיילעך?

— דער פסאלטער איז א הייליקע שריפט, און דאָך האָט דאָוויד האמיילעך גע־בעטנ מעכילע בא גאָט פאר דעם פסאלטער.

— וווּ שטייט עס געשריבנ?

— אפ דער דלאָניע בא מיר, — כ'וועל דיר באלד א קנאק טאָנ איבערנ קאָפּ, וועסטו געוווירע ווערנ — וווּ!

אלצדינג ווייסט זי, וועגנ אלץ רעדט זי מיט זיכערקייט און שטענדיק — ווילד.

— אינ פעטשאָרקע איז געשטאָרבנ א טאָטער, האָט זיך די נעשאָמע בא אים ארויסגעגאָסנ דורכנ האלדז — א שווארצע, ווי דזעגעכץ.

— די נעשאָמע איז גייַסט, — זאָג איך, נאָר זי צעשרייַט זיך מיט פאראכטונג:

— בא א טאָטער? שויטע!

די יונגע באַלעבאָסטע האָט אויך מוירע פאר ביכער.

— דאָס איז זייער א שעדלעכע זאך — לייענען ביכלעך, איבערהויפּט אינ די יונגע יאָרנ, — זאָגט זי, — בא אונדז אפ גרעבעשאָק האָט איינע א מיידל פון א רייַ־כער מישפּאָכע געלייענט און געלייענט, ביז זי האָט זיך פארליבט אינ א דיאקאָנ. האָט דעם דיאקאָנס וויַיב זי געמאכט אויסצודרייענ — מאמעש א שרעק! אפ דער גאס, פאר מענטשנ...

אנ אנדער מאָל פלעג איך באנוצנ ווערטער פונ סמוריס ביכער. אינ איינעם פונ זיי, וואָס האָט ניט געהאט ניט קיינ אָנהייב, ניט קיינ סאָף, האָב איך אויסגעלייענט: „אייגנטלעך גערעדט, האָט קיינער קיינ פולווער ניט אויסגעטראכט. ווי שטענדיק, איז ער געקומענ אינ רעזולטאט פונ א לאנגער ריי קליינע באאָבאכטונגען און אנט־דעקונגען”.

איך ווייס ניט פארוואָס, נאָר אָט די פראזע האָט זיך מיר שטארק פארגעדענקט, באזונדערס איז מיר געפעלנ געוואָרנ די באהעפטונג פונ די צוויי ווערטער: „אייגנט־לעך גערעדט”, איך האָב אינ זיי געפילט עפּעס א קויעך, — זיי האָבנ מיר פארשאפט געגוג צאָרעס, קאָמישע צאָרעס. פאראנ אזעלכע.

איינמאָל, אז די באַלעבאטים האָבנ מיר פאָרגעלייגט צו דערציילנ נאָך עפּעס פונעם דאמפער, האָב איך געענטפערט:

— איך האָב שוין מער ניט וואָס צו דערציילן, אייגנטלעכ גערעדט...

דאָס האָט זיי פארוואונדערט, זיי האָבן זיכ צעקראַקעט:

— ווי? ווי האָסטו געזאָגט?

און אלע פיר האָבן זיכ א נעמ געטאָן אינייינעם לאכן, אלץ איבערכאזערנדיק:

— אייגנטלעכ גערעדט, אַ — טאטעלעכ!

אפילע דער באלעבאָס האָט מיר געזאָגט:

— דאָס האָסטו שוין זייער ניט געראָטנ צוגעטראכט, קאָמיקער!

פון דענסטמאָל אָן האָבן זיי מיכ א לאנגע צייַט גערופן:

— היי, אייגנטלעכ גערעדט! אנו, גיי נאָר וויש אונטער דעמ פאָל נאָכן קינד, אייגנטלעכ גערעדט...

אָט דאָס לעפּישע כויזעק מאכן האָט מיכ ניט באלייידיקט, נאָר זייער גע־וואונדערט.

איך האָב געלעבט אינ א נעפּל פון פארטעמפּנדיקער קלעמעניש, און וועלנדיק זי בייַקומען, האָב איך זיכ געפלייַסט צו ארבעטן וואָס מער. קיינ ארבעט האָט ניט געפעלט, — אינ שטוב זייַנען געווען צוויי קליינע קינדער. די ניאנקעס האָבן ניט גע־קענט צוטרעפן די באלעבאטימ, מע האָט זיי שטענדיק געביטן. איכ האָב געמוזט זיכ אייסעקן מיט די אויפעלעכ, האָב אלע טאָג געוואשן ווינדעלעכ און בינ אלע וואָכ געגאנגענ צו דעמ זשאנדארמסקן שטראָמ שווענקען גרעט; די וועשנס פלעגנ דאָרטן פון מיר שפעטן:

— האָסט זיכ גענומענ פאר ווייַבערשער ארבעט?

אנ אנדער מאָל פלעגן זיי מיכ ברענגענ דערצו, אז איכ פלעג זיי נעמענ פאטשנ מיט זשמוטנ נאס גרעט, זיי פלעגנ מיר אָפּצאָלן פון דער ברייטער האנט, נאָר גע־וועג איז מיט זיי פריילעכ, אינטערעסאנט.

דער זשאנדארמסקער שטראָמ איז געלאָפן איבערן גרונט פון א טיפן יאר, אראָפּלאָזנדיק זיכ צו דער אָקא, דער יאר האָט אָפּגעשניטן פון דער שטאָט א פעלד, וואָס האָט זיכ גערופן אפן נאָמען פונעמ אוראלטן גאָט — יארילאָ. אפ דעמ פעלד פלעגנ אינ סיאָמיק די שטאָטישע אייַנוווינער אייַנאָרדענען א שפּאציר. די באבע האָט מיר געזאָגט, אז אינ די יאָרן פון איר יוגנט האָט דאָס פאָלק נאָכ געגלייבט אינ דעמ יארילאָ און פלעג אימ ברענגענ א קאָרבן: מע פלעג נעמענ א ראָד, אר־ומ־וויקלען זי מיט געסמאָלעוועטער פאקליע, אנ אָנגעצונדענע פלעג מענ זי א לאָז טאָן בארג־אראָפּ און מיט געשרייען און לידער נאָכקוקן, צי די פייַערדיקע ראָד וועט זיכ דערקייַקלען ביז צו דער אָקא. אויב זי דערקייַקלט זיכ, איז א סימען, אז דער גאָט יארילאָ האָט אָנגענומען דעמ קאָרבן: דער זומער וועט זייַן א זוניקער און א גליקלעכער.

די וועשנס זייַנען מייַנסטנס געווען פון יארילאָ, אלץ ווייַבלעכ — ברעגן, מיט בייזע צינגער. זיי האָבן געוווסט דאָס גאנצע לעבן פון שטאָט, און ס'איז געווען זייער אינטערעסאנט צו הערן זייערע דערציילונגען וועגן סאָכרים, טשינאָווניקעס, אָפיצערן, פאר וועלכע זיי האָבן געארבעט. שווענקען גרעט אומ ווינטער אינ אייַזי־קער שטראָמ־וואסער — איז א קאטערזשנע ארבעט. בא אלע פרויען פלעגן די הענט אזוי פרירן, אז די הויט פלעג צעטראסקעט ווערן. איבערגעבויגנ איבערן שטראָמ,

וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין א הילצערנעם קלאָץ, אונטער אַן אַלטינק דעכל אין שפּאַרונעס, וואָס האָט זייער קנאַפּ געשיצט פון שניי און ווינט, פלעגן די וועשנס שווענקען דאָס גרעט; זייערע פאַנעמער זיינען אָנגעגאָסן מיט בלוט, אָנגעקניפּן פון פראָסט. דער פראָסט ברענט די נאַסע פינגער, זיי בייגן זיך ניט, פון די אויגן רינען טרערן. און די פרויען ווערן ניט מיד צו פּלוידערן, גיבן איבער איינע דער אַנדערער פאַרשיידענע געשיכטעס, באַציִענדיק זיך צו אַלעמען און צו אַלצדינג מיט א מין באַזונדער דרייסטקייט.

בעסער פון אַלעמען פלעג דערציילן נאַטאַליע קאָזלאָווסקאַיאַ, א פרוי פון הע־כער דרייסיק, א פרישע, פעסטע, מיט שפּאָטישע אויגן, מיט עפּעס א באַזונדער מין בייגעוודיקער און שאַרפער צונג. צו איר האָבן זיך אַלע כאַוועריטעס באַצויגן מיט אופמערקזאַמקייט, האָבן זיך מיט איר געייצעט וועגן פאַרשיידענע זאַכן און געאַכט זי פאַר איר פלינקשאַפט אין דער אַרבעט, אַקוראַטקייט אין אָנטאָן, פאַר דעם, וואָס זי האָט אָפּגעגעבן די טאָכטער לערנען אין דער גימנאַזיע. אַז זי פלעג, צונויפגעבויגן אונטער דער לאַסט פון אירע צוויי קערב מיט גרעט, זיך אַראָפּלאָזן פונעם באַרג איבערן גליטשיקן שטעג, פלעג מען זי באַגעגענען פריילעך, אויספרעגנדיק באַ־זאָרגט:

— וואָס מאַכט די טאָכטער?

— גאָרניט, א דאַנק, לערנט זיך, גאָט צו דאַנקען!

— וואַרט — זי וועט נאָך ווערן א גאַנצע פּריצע!

— צוליב דעם טאָקע לערן איך זי. פונוואַנען נעמען זיך, מיינט איר, די איידל־געפּעסטעטע לייט? אַלץ טאָקע פון אונדז, פון שוואַרצער ערד און זאַמד, פונוואַ־נען דען נאָך? וואָס מער איינער ווייסט און קען, אַלץ לענגער זיינען זיינע הענט, זשעברעט ער אָן מער, און ווער סע כאַפּט אַריין מער, בא יענעם איז דאָס גע־שעפט הייליקער... אַף דער ערד שיקט מען אונדז אַראָפּ ווי נאַרישע קינדער, און צוריק דאַרפן מיר זיך יאַווען ווי אַלטע און געניטע, דאַרף מען זיך לערנען!

אַז זי רעדט, שווייגן אַלע, הערן אופמערקזאַם אירע זיכערע און סייכלדיקע רייד. מע האָט זי געלויבט אין די אויגן און אונטער די אויגן, מע האָט זיך געכיי־דעשט אַף איר אויסגעהאַלטנקייט און פאַרשטאַנד, נאָר קיינער האָט איר ניט נאָכגעג־טאָן. זי האָט זיך אַרומגענייט די אַרבל פון דער קאָפטע מיט געלן לעדער פון א שטיוול־כאָליעווע, — דאָס האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט ניט אָפּצודעקן די הענט ביזן עלנבויגן, ניט פאַרנעצן די אַרבל. אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם, ווי וויל זי האָט צוגעטראַכט, נאָר קיינער האָט ניט געטאָן ווי זי, און ווען איך האָב עס יאָ געטאָן, האָט מען מיך אויסגעלאַכט:

— עך, דו, בא ווייבער לערנסטו זיך סייכל!

וועגן איר טאָכטער האָט מען גערעדט:

— א וואַזשנע זאַך! נו, וועט זיין מיט איין פּריצע מער, איז וואָס? און, עפּ־שער, וועט זי נאָך ניט דערציִען די לערע ביזן סאָף, וועט אָוועקשטאַרבן...

— די געלערנטע לעבן אויך ניט אַלעמאָל זיס: אָט האָט באַכילאָווס טאָכטער זיך געלערנט און געלערנט, און איז אַליין געוואָרן א לערערקע, איז ווי באַלד א לערערקע — איז דאָך שוין באַוואָרנט אַן אַלטע מויד...

— פארשטייט זיך! פאר א ווײַב ווערט מען דיך אָן געלערנטקייט אויך נעמען, ס'זאָל נאָר זײַן פארוואָס אָנצונעמען...

— דער ווײַבערשער סייכל שטעקט ניט אין קאָפּ...

ס'איז געווען פריקרע צו הערן, ווי זיי רעדן אַליין וועגן זיך אזוי אומפארשעמט. איך האָב געוווסט, ווי סע ריידן וועגן פרויען די מאטראָסן, די סאָלדאטן, די גראַבאַרעס, איך האָב געזען, ווי די מאנצבלען בארימען זיך איינער פארן אנדערן מיט זייער בעריעשקייט אין אָפּנארן פרויען, מיט זייער קויעך אויסצוהאלטן אסאך אין די באציִונגען מיט זיי. איך האָב געפילט, אז זיי באציִען זיך צו די „ווײַבער" פײַנט־לעך, נאָר קימאט אַלעמאָל האָט אין די דערציילונגען פון די מאנצבלען וועגן זייערע ניצחוינעס, איניינעם מיט בארימערײַ, געקלונגען עפּעס אזוינס, וואָס האָט דער־לויבט צו טראכטן, אז אין די דאָזיקע דערציילונגען איז דאָ מער בארימערײַ און אויסטראכטעניש, איידער עמעס.

די וועשנס פלעגן ניט דערציילן איינע דער אנדערער וועגן זייערע ליבע־טרעפֿע־נישן, נאָר אין אלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט וועגן די מאנצבלען, האָב איך געהערט א געפיל פון שפּאָט און בייזקייט, און איך האָב מיר געקלערט, אז, עמעס: די פרוי איז א קויעך.

— ווי דו זאָלסט זיך ניט דרייען, מיט וואָס דו זאָלסט זיך ניט פרייען, און צו א ווײַב מוזסטו קומען צו גיין, אָן איר קענסטו זיך ניט באגיין, — האָט איין־מאָל נאטאליע געזאָגט, און עפּעס אן אלטע האָט מיט א פארקילטער שטים פונוויַטנס אריבערגעשריגן:

— און וווהין דען נאָך? פון גאָט אפילע גייט מען אוועק צו אונדז, די מאָנאכן, אשטייגער, די נעזירים...

אָט די געשפּרעכן אונטער דער ווײנענדיקער פּליושקערײַ פון וואסער און דעם פּראטשן מיט די נאסע שמאטעס, אפּן דנאָ פונעם יאר, אין דעם בלאָטיקן שפּאלט, וואָס אפילע דער ווינטערדיקער שניי האָט ניט געקענט צודעקן מיט זײַן זויבערן צודעק; אָט די אומפארשעמטע בייזע שמועסן וועגן געהיימען, וועגן דעם, פונוואַנען סע קומען אלע ראסן און פעלקער, האָבן ארויסגערופן בא מיר אן אָנגעשראָקנקייט און אן עקל, אָפּגעשטויסן דעם געדאנק און דעם געפיל אין א זײַט פון די „ראָמאנען", וואָס האָבן מיך אזוי פרעך ארומגערינגלט; מיטן באגריף „ראָמאן" האָט זיך בא מיר פעסט צונויפגעבונדן א פאָרשטעלונג וועגן א קויטיקער, צעלאָזענער געשיכטע.

נאָר דאָך איז אין יאר, צווישן די וועשנס, אין די קיכן בא די אָפיצערישע באדינער, אין קעלער בא די ארבעטער־גראבאַרעס געווען אָן אן ערעך אינטערע־סאנטער, ווי אין שטוב, ווו די פארגליווערטע איינארטיקייט פון די רייד, באגריפן, געשעענישן פלעג ארויסרופן בלויז א שווערן ביטערן לאנגווײַל. די באלעבאטים האָבן גע־לעבט אינעם פארצויבערטן קרײַז פון עסן, שלאפקײַטן, שלאָף, טומלדיקע צוגרייטענישן צום עסן, צום שלאָף, זיי האָבן גערעדט וועגן זינד, וועגן טויט, האָבן זייער מוירע געהאט פאר אים, זיי האָבן זיך געשטויסן, ווי די קערנער ארום א מילשטיין, שטענ־דיק ריכטנדיק זיך, אז אָט באלד צעקוועטשט ער זיי.

אין פרײַע שאָען פלעג איך אוועקגיין אין שטאל האקן האָלץ, ווילנדיק זײַן

אביסל אליין מיט זיך, נאָר דאָס פלעג מיר זיך זעלטן־ווען איינגעבן — ס'פלעגן זיך צונויפקומען די אָפיצערישע באַדינער און נעמען דערציילן וועגן דעם לעבן אין הויז.

אָפטער פון אַלע פלעגן זיך צו מיר אין שטאַל ווײַזן יערמאַכין און סידאָראָוו. דער ערשטער — א לאַנגער, סוטולעוואַטער קאַלוגער, איינגאַנצן א געפּלאָכטענער פון גראָבע און שטאַרקע אָדערן, א קליינקעפּיקער, מיט מוטנע אויגן. ער איז געווען פויל, פּאַרדריסלעך־נאַריש, האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם, אומגעשיקט, און אז ער פלעג דערזען א פרוי, פלעג ער נעמען מוקען און זיך בייגן פאָרויס, ווי ער וואָלט זיך קלײַבן א פאַל טאָן איר צו די פיס. אַלע אין הויף האָבן זיך געכידעשט, ווי גיך ער האָלט אָפּ זײַנע ניצכוינעס איבער קעכנס, איבער דינסטן, אַלע האָבן אים מע־קאַנע געווען, מוירע געהאַט פאַר זײַן בערישער קראַפט. סידאָראָוו, א מאָגערער, ביינערדיקער טולער, איז געווען אלעמאָל טרויעריק, האָט גערעדט שטילינקערהייט, געקוקט שטענדיק צו דעם ווינקל, ווו ס'איז טונקעלער.

— וואָס קוקסטו, וואָס?

— טאָמער וועט א מײַזעלע ארויסלויפן... כ'האָב ליב מײַזעלעך, קײַקלען זיך, אזעלכע שטילינקע.

איך האָב געשריבן פאַר די אָפיצערישע באַדינער בריוו אין דאָרף, צעטעלעך צו די געליבטע. מיר איז עס געפעלן געווען: נאָר אנגענעמענער ווי פאַר עמעצן אנדערש איז געווען שרײַבן בריוו פאַר סידאָראָוון, — ער פלעג אַלע שאַבעס שיקן בריוו צו דער שוועסטער קיין טולע.

ער פאַרבעט מיך צו זיך אין קיך, זעצט זיך צום טיש איינינעם מיט מיר, רײַבט שטאַרק מיט די דלאָניעס דעם געשוירענעם קאָפּ און שעפּטשעט מיר אָפּן אויער:

— נו, קנאַק! אין אָנהייב — ווי ס'געהער: צו מײַן פיל געליבטער שוועסטער, זאָל לאַנג לעבן און געזונט זײַן, — ווי ס'געהער! איצטער שרײַב: דאָס קערבל האָב איך באַקומען, נאָר ס'איז איבעריק, און איך דאַנק. איך דאַרף ניט גאָרניט, מיר לעבן גוט, — ס'הייסט, מיר לעבן גאָר ניט גוט, נאָר ווי די הינט; נו, דאָס זאָלסטו ניט שרײַבן, שרײַב — אז גוט! זי איז א קליינינקע, זי איז אַלט איינגאַנצן פערצן יאָר — צו וואָס זאָל זי עס וויסן. איצטער שרײַב אליין אזוי, ווי מע האָט דיך געלערנט...

ער וואַלגערט זיך אָן אָפּ מיר פון דער לינקער זײַט, אָטעמט הייס און שמעקנ־דיק מיר אין אויער און שעפּטשעט אקשאָנעסדיק:

— און זי זאָל ניט לאָזן די באָכערים זי ארומנעמען און טשעפּען פאַר די בריסטן און ווו ניט איז! שרײַב: טאָמער רעדט עמעצער ליבלעך, גלייב אים ניט, דאָס וויל ער אײַך אָפּנאַרן, איבערפירן...

פון אָנשטרענגונג אײַנצוהאַלטן דעם הוסט גיסט זיך זײַן פּאָנעם אָן מיט בלוט, ער בלאָזט אָן די באַקן, אָפּ די אויגן טרעטן ארויס טרערן, ער דרייט זיך אָפּן שטול און שטויסט מיך.

— דו שטערסט!

— מאַכט ניט אויס, שרײַב!.. די הערן און הויכע לײַט זאָלסטו באַזונדערס ניט גלייבן, זיי נאַרן אָפּ א מיידל איינס און צוויי. ער ווייסט דיר אַלע ווערטער און קען דיר אַלץ שיין זאָגן, און ווי דו האָסט זיך אים נאָר פאַרטרויט, אזוי ווײַזט ער

דיר גלײַך דעם וועג אין שאנדהויז אַרײַן. און טאָמער האָסטו אָפּגעשפּאָרט א רובל, גיב אים אָפּ דעם גאַלעך, ער וועט באַהאַלטן, אויב ער איז א גוטער מענטש. נאָר גלײַכער פאַרגראָב אין דער ערד, קיינער זאָל ניט זען, און פאַרגעדענק — ווו.

ס׳איז געווען זייער טרויעריק צו הערן אָט די שעפּטשערײַ, וואָס פלעג געוויינ־לעך באַגלייט ווערן מיטן קוויטש פונעם בלעכענעם דריידל אינעם לופטשטיקל. איך קוק זיך אום אפן פאַרויכערטן שטערן פונעם אויוון, אפ דער שאפע מיט געפעס, וואָס איז פאַרפינטלט פון פליגן, — די קיך איז מוירעדיק פאַרשמוצט, אָנגעזעצט מיט וואַנצן, איז ביטער דורכגעדעמפט מיט געפּרעגלטן פעטס, מיט גאַז, מיט רויך. אפן אויוון, צווישן די קינעלעך, שורשען טאַראַקאַנעס, א געפאַלנקײַט גיסט זיך אַרײַן אין דער נעשאָמע, סע קלעמט ביז טרערן אפ דעם סאָלדאַט, אפ זײַן שוועסטער. ניט שוין איז עס מעגלעך, ניט שוין איז גוט אזא לעבן?

איך שרײַב עפּעס, שוין ניט הערנדיק סידאָראָווס שעפּטשערײַ, שרײַב וועגן דעם, ווי לאַנגווײַליק און באַליידיקנדיק דאָס לעבן איז, און ער זיפצט און רעדט צו מיר:

— שרײַבסט אסאך, א דאַנק! איצט וועט זי וויסן פאַרוואָס מוירע צו האָבן...

— פאַר גאָרניט דאַרף מען ניט מוירע האָבן, — זאָג איך בייז, כאָטש איך אַלײן האָב פאַר אסאך זאַכן מוירע.

דער סאָלדאַט לאַכט, צוהוסטנדיק:

— נאַרעלע! וואָס הייסט ניט מוירע האָבן? און די הערן? און גאָט? ווייניק פאַראַן!

אַז ער באַקומט א בריוו פון דער שוועסטער, בעט ער אומרויִק:

— לייען גיכער, איך בעט דיך...

און ער צווינגט מיך איבערלייענען דרײַ מאָל דאָס פּוסטע, פאַרדריסלעך קורצע בריוול, וואָס איז אָנגעשריבן מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס.

געווען איז ער א גוטער, א ווייכער, נאָר צו פרויען האָט ער זיך באַצויגן ווי אַלע — הינטיש גראָב און פּראָסט. ווילנדיק און ניטווילנדיק זיך צוקוקנדיק צו אָט די באַציִונגען, וואָס פלעגן אָפט מיט וווּנדערלעכער און פּאַסקודנער גיכקײַט זיך צעוויקלען פאַר מײַנע אויגן פונעם אָנהייב ביז צום סאָף, האָב איך געזען, ווי סידאָראָוו דער־וועקט בא דער פרוי א געפיל פון גוטסקײַט מיט זײַנע באַקלאָגענישן אפן סאָלדאַטישן לעבן, ווי ער פאַרשיקערט זי מיט מילדער נאַרערײַ, און שפּעטער, נאָך אַלעמען, דערציילנדיק יערמאָכינען וועגן זײַן זיג, קנייטשט ער זיך מיט א ווידערגעפיל און שפּײַט, ווי ער וואָלט אײַנגענומען א ביטערע רעפּוע. דאָס האָט מיך געפּאַסעוועט איבערן האַרצן, צאָרנדיק פרעג איך דעם סאָלדאַט — צו וואָס נאַרן זיי אַלע די פרוי, ליגנערן, און דערנאָכדעם מאַכן זיי פון איר טעל, גיבן זי איבער איינער דעם אַנדערן און שלאָגן זי אַפילע אָפטמאָל?

ער שמייכלט נאָר שטילינקערהייט און זאָגט:

— דו דאַרפסט זיך ניט אינטערעסירן מיט אַזוינע זאַכן, דאָס איז אַלץ זייער שלעכט — א זינד! דו ביסט א קליינינקער, דיר איז נאָך פרי...

נאָר איינמאָל האָב איך אַרויסבאַקומען א מער באַשטימטן ענטפער, וועלכן כ׳האָב פאַרגעדענקט.

— דו מיינסט, זי ווייסט ניט, אז איך נאר זי אָפּ? — האָט ער געזאָגט, אונטער־ווינקענדיק אונ מיט א הוסט. — זי ווייסט! זי אליין וויל, מע זאָל זי אָפּנארן. אלע ליגנערן אינ דער זאך, אזא זאך איז עס שוינ. ס'איז איטלעכנ א כארפּע, קיינער האָט גאָר קיינעם ניט ליב, פּראָסט — צעלאָזנקייט! ס'איז א שרעקלעכע כארפּע, ווארט צו, וועסט אליינ געווירע ווערנ! דאָס מוז מענ, סע זאָל פּאָרקומענ באנאכט, אונ טאָמער באטאָג — איז אינ דער פינצטער, אינ א פינצטער ווינקל, יאָ! פאר דער זאך האָט גאָט פונ גאנײדנ ארויסגעטריבנ, דערפונ זײַנענ אלע אומגליקלעך...

ער האָט גערעדט אזוי גוט, אזוי טרויעריק, מיט אזויפיל כאראַטע־געפיל, אז דאָס האָט מיך אביסל שאָלעם געמאכט מיט זײַנע ראָמאנענ. איך האָב זיך באצויגנ צו אים פרײַנטלעכער ווי צו יערמאָכינענ, וועלכנ איך האָב פײַנט געהאט אונ זיך באמיט אפ אלערליי אויפאנימ אויסצולאכנ אונ אופרייצנ, — דאָס פלעג מיר געראָטנ, אונ זייער אָפט פלעג ער זיך לאָזנ לויפנ נאָך מיר איבערנ הויפ מיטנ מיינ זיך צע־רעכענענ מיט מיר, נאָר דאָס פלעג אימ, איבער זײַנ אומגעשיקטקײַט, זעלטנ־ווענ געראָטנ.

— ס'איז פארבאָטנ, — זאָגט סידאָראָוו.

אז ס'איז פארבאָטנ, דאָס האָב איך געוווסט, נאָר אז מענטשנ זײַנענ דערפונ אומגליקלעך, האָט זיך מיר ניט געגלייבט. איך האָב געזענ, אז מ'איז אומגליקלעך, אונ האָב ניט געגלייבט, ווײַל כ'האָב אָפט באמערקט אנ אומגעוויינלעכנ אויסדרוק אינ די אויגנ פונ פארליבטע מענטשנ, געפילט די באזונדערע גוטסקײַטנ פונ די ליבנדיקע: זענ אָט דעמ יאָנטעוו פונ הארצנ איז שטענדיק אנגענעמ געווענ.

נאָר דאָך האָט דאָס לעבנ, געדענק איך, מיר אויסגעוויזנ אלץ מער לאנגווײַליק, הארט, אפ שטענדיק אומבאוועגלעכ אײַנגעשטעלט אינ די פּאָרמענ אונ פארהעלטע־נישנ, ווי איך האָב עס געזענ פונ טאָג צו טאָג. ס'האָט זיך ניט געטראכט וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ עפּעס בעסערס ווי דאָס, וואָס עס איז, וואָס ווײַזט זיך פאר די אויגנ אלע טאָג, ניט צו באזײַטיקנ.

נאָר איינמאָל האָבנ די סאָלדאטנ מיר דערציילט א געשיכטע, וואָס האָט מיך שטארק צערודערט: אינ איינער פונ די דירעס האָט געווױנט א צושנײַדער, וואָס האָט געארבעט בא דעמ בעסטנ שנײַדער אינ שטאָט, א שטילער, באשיידענער מענטש, ניט קיינ רוסישער. ער האָט געהאט א ווײַב אָנ קינדער, א קליינינקע, האָט זי טאָג אונ נאכט געלייענט ביכער. אינ רוישיקנ הויפ, אינ די צוויי הײַזער, וואָס זײַנענ ענג אָנגעפּראָפּט מיט שיקערע מענטשנ, האָבנ די צוויי געלעבט אומגעזעענ אונ אָנ א הויך קאָל, קיינ געסט האָבנ זיי ניט אופגענומענ, אליינ אינ ערגעץ ניט געגאנ־גענ, סײַדנ יאָנטעוו אמאָל אינ טעאטער.

דער מאנ איז פונ אינדערפרי ביז שפּעט אינאָוונט געווענ אפ דער ארבעט, די פרוי, אנ ענלעכע אפ א מינדעריאָריק מיידעלע, פלעג א פּאָר מאָל אינ וואָכ ארויסגיינ אינ דער ביבליאָטעק. איך האָב אָפט געזענ, ווי זי גייט מיט קליינע טריטעלעך, שאָקלענדיק זיך, ווי אונטערהינקענדיק, איבער דער דאמבע, מיט ביכער אינ רימענס, ווי א גימנאַ־זיסטקע, א פּראָסטינקע, אנ אנגענעמענע, א נײַע, א זויבערע, אונ הענטשקעס אפ די קליינע הענט. א פּאָנעמ האָט זי א פויגלש, מיט געשווינדע אייגלעך, אינגאנצנ איז זי א שייניקע, ווי א פּאָרצעלײַענ ליאלקעלע אפ א שפּיגל־טיש. די סאָלדאטנ האָבנ

געשמועסט, אז איר פעלט א ריפּ אין דער רעכטער זײַט, דעריבער שאָקלט זי זיך אזוי מאָדנע, ווען זי גייט, נאָר מיר האָט עס אויסגעוויזן אנגענעם, דאָס האָט זי באַלד אויסגעטיילט פון די איבעריקע דאמען אין הויף — די אָפּיצערישע ווײַבער. אָט די דאָזיקע ווײַבער — כאָטש זיי האָבן פארמאָגט הילכיקע שטימען, זײַנען געווען אָנגעטאָן אין קאָלירקע קליידער און הויכע טורנירן, האָבן זיי דאָך אויסגעזען אָפּגעניצעוועט, פונקט ווי זיי וואָלטן לאנג געלעגן פארגעסן אין א פינצטערן אַלקער, צווישן אַלערליי אומנייטיקע זאכעניש.

די קליינע צושנײַדערן האָט זיך גערעכנט אין הויף פאר א האַלב־צעמישטער. מע האָט גערעדט, אז זי האָט אף די ביכער געפּאטערט דעם פארשטאנד, איז דערגאנגען דערצו, אז זי קען זיך ניט פארנעמען מיט דערווירטשאפט, דער מאן גייט אליין אפן מארק נאָך פּראָוויזיע, באשטעלט אליין מיטיק און אָוונט־ברויט דער קעכן, זייער א גרויסער, ניט קיין רוסישער פרוי, א פארומערטער, מיט איין רויט אויג, וואָס איז שטענדיק נאס, און מיט א שמאָלן ראָזעווען שפּאלט אָנשטאָט דעם צווייטן. די באלעבאָסטע אליין, האָט מען גערעדט, קען ניט אונטערשיידן צווישן כאזער־פלייש און קאלב־פלייש, און איינמאָל האָט זי, א כארפּע צו דערציילן, אָנשטאָט פּעטרעשקע אײַנגעהאנדלט כריין!

מאָלט זיך נאָר אויס, אזא מין ווילדקײַט!

אַלע דרײַ זײַנען זיי געווען פרעמדע אין הויז, פונקט ווי זיי וואָלטן צופעליק ארײַנגעפאלן אין איינס פון די שטײַגלעך פון אָט דעם גרויסן הינער־שלאק, ווי סע טרעפט, אשטייגער, מיט די בלויערלעך, וואָס, ראטעווענדיק זיך פון פראָסט, פליען זיי ארײַן דורך א לופטשיקל אין א דושנער און קויטיקער מענטשן־וווינונג.

און פלוצעם האָבן מיר די באדינער דערציילט, אז די הערן אָפיצערן האָבן פארטראכט מיט דער קליינער צושנײַדערן א באליידיקנדיקע און בייזע שפּיל: אַלע טאָג גיבן זיי איר איבער, אמאָל דער, אמאָל יענער, צעטעלעך, אין וועלכע זיי שרײַבן איר וועגן זייער ליבע, זייערעליידן, איר שיינקײַט. זי ענטפערט זיי, בעט, זיי זאָלן זי לאָזן צורו, באדויערט, וואָס זי פארשאפט זיי לייד, בעט גאָט, ער זאָל זיי העלפן באפרײַען זיך פון זייער ליבע צו איר. באקומענדיק אזא צעטעלע, לייענען עס די אָפיצערן אַלע צוזאמען, לאכן פון דער פרוי און שטעלן צוזאמען צונויף א בריוו צו איר פון עמעצנס נאָמען.

דערציילנדיק מיר די דאָזיקע געשיכטע, האָבן די אָפיצערישע באדינער געלאכט, געזידלט די צושנײַדערן.

— בעהיימע אומגליקלעכע, פארקרימעניש, — האָט יערמאָכין גערעדט אפן באס, און סידאָראָוו האָט אים שטילינקערהייט אונטערגעהאלטן:

— יעדע פרוי וויל, מע זאָל זי אָפּנארן. זי ווייסט אַלצדינג...

איך האָב ניט געגלייבט, די צושנײַדערן זאָל וויסן, אז מע לאכט פון איר, און האָב גלײַך באשלאָסן דערציילן איר וועגן דעם. אויסגעשפּירט א צײַט, ווען די קעכן איז אוועק אין קעלער, בין איך מיט די הינטער־טרעפּ ארײַנגעלאָפן אין דער וווינונג פון דער קליינינקער פרוי, האָב זיך א רוק געטאָן אין דער קיך, איז דאָרטן געווען פוסט, בין איך ארײַן אין די צימערן — די צושנײַדערן איז געזעסן באם טיש, אין איין האנט איר — א שווערע באגילדטע שאָל, אין דער

צווייטער — אָן אָפּן בוך. זי האָט זיך דערשראָקן, האָט צוגעדריקט דאָס בוך צו דער ברוסט און אָנגעהויבן רופן מיט ניט קיין הויך קאָל:

— ווער איז דאָס? אווגוסטא! דאָס ביסטו?

איך האָב אָנגעהויבן גיך און צעטומלטערהייט ריידן, אַלץ ריכטנדיק זיך, אַז אָט דערלאַנגט זי א וואָרף אין מיר מיטן בוך אָדער מיט דער שאָל. זי איז געזעסן אין א גרויסן מאַלינעפאַרביקן פאָטעל, אָנגעטאָן אין א בלויען קאַפּאָט מיט פראַנדזן אונטן, מיט שפּיצן אפן קאָלנער און אף די ארבל, איבער אירע אקסלען זײַנען געווען צעשאָטן די טונקל־בלאָנדע כוואַליעדיקע האָר. זי איז געווען ענלעך אף א מאַלער פון די קייסערלעכע טירן אראָפּ. צוגעדריקט צום ווענטל פון שטול, האָט זי געקוקט אף מיר מיט קײַלעכדיקע אויגן, פון אָנהייב קאַעסדיק, דערנאָך פאַר־וווּנדערט, מיט א שמייכל.

אַז איך האָב געזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט, און האָב, פאַרלירנדיק דעם מוט, זיך ארויסגעדרייט צו דער טיר, האָט זי אויסגערופן צו מיר:

— שטיי!

האָט א שטעל געטאָן די שאָל אף דער טאַץ, א וואָרף געטאָן דאָס בוך אפן טיש און, צונויפגעלייגט די דלאָניעס, האָט זי געזאָגט מיט א געדיכטן באַס פון א דערוואַקסענעם מענטשן:

— ביסט אזא מאָדנע יינגל... גיי צו נעענטער!

איך האָב זיך צוגערוקט זייער פאָרזיכטיק, זי האָט אָנגענומען מײַן האַנט און, גלעטנדיק זי מיט אירע קלײנע קאַלטע פינגער, האָט זי געפרעגט:

— קיינער האָט דיך ניט אָנגעלערנט, זאָלסט עס מיר דערציילן, ניין? נו, גוט, איך זע, איך גלייב, ס'איז דײַן אייגענער געדאַנק...

זי האָט ארויסגעלאָזט מײַן האַנט, פאַרמאַכט די אויגן און שטיל, צעצויגן געזאָגט:

— אזוי ריידן וועגן דעם ברודיקע סאָלדאַטן!

— איר וואָלט געדאַרפט ארויספאָרן פון דער קוואַרטיר, — האָב איך סאָליד געייצעט.

— צו וואָס?

— זיי וועלן אײַך בײַקומען.

זי האָט זיך אַנגענעם צעלאַכט, דערנאָך האָט זי געפרעגט:

— דו לערנסט זיך? ביכלעך לייענסט האָסטו ליב?

— ניטאָ ווען צו לייענען.

— ווען דו זאָלסט ליב האָבן, וואָלסטו זיך געפינען צײַט. נו — א דאַנק!

זי האָט מיר דערלאַנגט אירע פינגער, צונויפגעלייגט אין א בינטל, און אין זיי — א זילבערנע מאַטבייע, — ס'איז געווען א בושה צו נעמען אָט די קאַלטע זאַך, נאָר איך האָב זיך ניט דערוועגט אָפּצוזאָגן און, אוועקגייענדיק, האָב איך זי אַני־דערגעלייגט אף א סטויפּיקל פונעם פּאָרענטש בײַ די טרעפּ.

איך בין אוועק פון אָט דער פרוי מיט א טיפן אײַנדרוק, א נײַעם פאַר מיר; ס'איז מיר געווען, ווי א זון וואָלט פאַר מיר אופגעגאַנגען, און עטלעכע טעג האָב איך געלעבט אין פרייד, דערמאָנענדיק זיך אינעם גראָמען צימער און דער צושנײַ־

דערנ אינ אימ, — אַנגעטאָנ אינ בלויענ, אנ ענלעכע אפ א מאלעכ. ארומ איז אלצ געווענ אומבאקאנט שיינ, א פּרעכטיקער, גאָלדיקער טעפּיכ איז געלעגנ אונטער אירע פיס, דורכ די זילבערנע פענצטער־שויבנ האָט אריינגעקוקט, ווארעמענדיק זיכ לעבנ איר, דער ווינטערדיקער טאָג.

מיר האָט זיכ געוואָלט א קוק טאָנ אפ איר נאָכאמאָל, — וואָס וועט זיינ, אויב איכ וועל ארייגגיינ בעטנ בא איר א ביכל?

איכ האָב עס געטאָנ — אונ האָב זי ווידער געזענ אפ דעמ זעלבנ אָרט, מיט א בוכ אינ דער האנט, נאָר א באק איז איר געווענ אונטערגעבונדנ מיט עפּעס א ברוינ טיכל, אנ אויג — פארשוואָלנ. איבערגעבנדיק מיר א בוכ אינ א שווארצנ איינבונד, האָט די צושניידערנ אומדייטלעכ אויסגעמעקעט עפּעס. איכ בינ ארויס פונ איר א טרויעריקער, אוועקטראָגנדיק דאָס בוכ, פונ וועלכנ ס'האָט געשמעקט מיט קרעאָזאָט אונ מיט אניסעווע טראָפּנס. דאָס בוכ האָב איכ באהאלטנ אפנ בוידעמ, נאָכ דעמ ווי איכ האָב עס פארוויקלט אינ א ריינ העמד אונ אינ פּאפּיר, מוירע האָבנדיק, די באלעבאטימ זאָלנ עס ניט אָפּנעמענ, ניט פאטערנ.

באקומענדיק די „ניוואַ" צוליב די גענייי־מוסטערנ אונ די פּרעמיעס, האָבנ זיי זי ניט געלייענט, נאָר פלעגנ נאָכנ דורכקוקנ די בילדלעכ צונויפלייגנ אפ דער שאַפע אינ שלאָפצימער, אונ סאָפ יאָר איינבינדנ אונ באהאלטנ אונטערנ בעט, וווּ ס'זיינענ שוינ געלעגנ דריי בענדער „זשיוואָפּיסנאָיע אָבאָזרעניע". בייס איכ פלעג וואשנ דעמ פּאָל אינ שלאָפצימער, פלעג אונטער די ביכער פארינענ קויטיקע וואַסער. דער באלעבאָס האָט נאָכ אויסגעשריבנ די צייטונג „רוסקי קוריער" אונ אינ די אָוונטנ, לייענענדיק זי, פלעג ער זיכ זידלענ:

— דער טייוול ווייסט זיי, צו וואָס זיי שרייבנ אָט די אלע מייסעס! ס'איז דאָכ נודאָטע...

שאבעס, צעהענגענדיק אפנ בוידעמ דאָס גרעט, האָב איכ זיכ דערמאנט אינעמ בוכ, האָב עס ארויסבאקומענ, צעעפנט אונ איבערגעלייענט די אָנהייב־שורע: „הייזער זיינענ, ווי מענטשנ: איטלעכס האָט זיכ זיינ פיזיאָנאָמיע". דאָס האָט מיכ פארוואונדערט מיט דער עמעסדיקייט, — איכ האָב גענומענ לייענענ וויטער, שטייענדיק באמ בוידעמ־פענצטער, אונ האָב געלייענט, ביז איכ בינ פארקאָליעט געוואָרנ, אונ אינאָוונט, ווענ די באלעבאטימ זיינענ אוועק צו גאנצנאכט, האָב איכ אוועקגעטראָגנ דאָס בוכ אינ קיכ ארייינ אונ בינ דאָרט פארזונקענ אינ די געלבלעכ־אָפּגעניצעווטע זייטלעכ, וואָס זיינענ ענלעכ געווענ אפ הארבסטיקע בלעטער; זיי האָבנ מיכ לייכט אוועקגעפירט אינ אנ אנדער לעבנ, צו נייע נעמענ אונ פאר־העלטענישנ, וויזנדיק מיר גוטע העלדנ, פינצטערע פארברעכער, גאָר ניט קיינ ענלעכע אפ די מענטשנ, וואָס זיינענ געווייינלעכ געווענ פאר מיינע אויגנ. דאָס איז געווענ א ראָמאנ פונ קסאוויע דע־מאָנטעפּענ, לאנג ווי אלע זיינע ראָמאנענ, רייכ מיט מענטשנ אונ געשעענישנ, וואָס האָט געשילדערט אנ אומבאקאנט האסטיק לעבנ. אלצ אינ דעמ ראָמאנ איז געווענ וווּנדערלעכ פּראָסט אונ קלאָר, פונקט ווי עפּעס א שיינ, וואָס איז באהאלטנ צווישנ די שורעס, האָט באלויכטנ דאָס גוטע אונ דאָס שלעכטע, העלפנדיק ליב האָבנ אונ פיינט האָבנ, צווינגענדיק אָנגעשטרענגט נאָכ־צופאָלגנ נאָכנ גורל פונ די מענטשנ, וואָס זיינענ פארפּלאָנטערט געווענ אינ אנ

ענגען געזעמל. באַלד אויפֿן אָרט איז געקומען דער פֿאַרלאַנג צו העלפֿן דעם, צו שטערן יענעם, פֿאַרגעסנדיק, אַז דאָס דאָזיקע אומגעריכט צעעפֿנטע לעבן איז אויף דורך און דורך אַ פּאַפּירנס. אַלץ איז פֿאַרגעסן געוואָרן אין די וואַקלונגען פֿונעם קאַמף, איז פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון אַ פֿרייד־געפֿיל אויף איין זײַטל, אַ געפֿיל פֿון פֿאַרדראָס אויפֿן צווייטן.

איך האָב זיך אַזוי פֿאַרלייענט, אַז ווען איך האָב דערהערט אַ קלונג פֿונעם גלעקל אויפֿן פֿאַראַדנעם גאַנעק, האָב איך ניט באַלד פֿאַרשטאַנען, ווער ס׳עס קלינגט און צו וואָס.

די ליכט האָט קימאַט אויסגעברענט, דער לײַכטער, וואָס איך האָב ערשט איינ־דערפֿרי אויסגערייניקט, איז געווען פֿאַרגאָסן מיט כײַלעוו. דער קנויט פֿון דער לאַמפּאַדע, אויף וועלכער איך האָב געדאַרפֿט אַכטונג געבן, האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿונעם האַלטערל און איז פֿאַרלאָשן געוואָרן. איך האָב זיך גענומען דרייען איבער דער קיך, באַמיט זיך צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון מײַנע פֿאַרברעכנס, דאָס בוך האָב איך פֿאַרשטופּט אונטערן אויוון און גענומען צורעכט מאַכן די לאַמפּאַדע. פֿון די צימערן איז אַרויסגעשפּרונגען די ניאַנקע:

— ביסט טויב געוואָרן? מע קלינגט!

איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן עפֿענען די טיר.

— ביסט געפֿאַפֿן? — האָט דער באַלעבאָס שטרענג אַ פֿרעג געטאָן. דאָס ווײַב זײַנס האָט זיך שווער געהויבן אויף די טרעפּ און זיך באַקלאָגט, אַז איך האָב זי פֿאַרקילט, די אַלטע האָט געשאָלטן. אין קיך האָט זי באַלד דערזען די אָנגעצונ־דענע ליכט און האָט מיך אָנגעהויבן אויספֿרעגן, וואָס האָב איך געטאָן.

איך האָב געשוויגן, ווי אַראָפּגעפֿאַלן פֿון ערגעץ אַ הייך, אײַנגאַנצן אַ צעקלאַפּ־טער, אין פּאַכעד, טאָמער געפֿינט זי דאָס בוך, און זי האָט געשריגן, אַז איך וועל נאָך פֿאַרברענען דאָס הויז. דער באַלעבאָס מיטן ווײַב זײַנען געקומען צום אָוונט־עסן, האָט די אַלטע פֿאַר זיי געמאַסערט:

— אָט, זעט, ער האָט די גאַנצע ליכט אויסגעברענט, ער וועט נאָך די שטוב אויך פֿאַרברענען...

בײַם עסן זײַנען זיי מיר אַלע פֿיר דערגאַנגען די יאָרן מיט זייערע צינגער, דערמאַנענדיק אַלע זינד, וואָס איך בין באַגאַנגען גערן און אומגערן, דראָענדיק מיר מיט אומקומעניש, נאָר איך האָב שוין געוווּסט, אַז דאָס ריידן זיי אַזוי ניט פֿאַר בייזקייט און אויך ניט פֿון גוטע געפֿילן, נאָר בלויז פֿאַר לאַנגווײַל. און ס׳איז געווען מאָדנע צו זען, ס׳אַרא פּוסטע און לעכערלעכע זיי זײַנען אין פֿאַרגלײַך מיט די מענטשן פֿונעם בוך.

אָט האָבן זיי פֿאַרענדיקט מיטן עסן, זײַנען שווער געוואָרן, זײַנען מיד זיך צע־גאַנגען שלאָפֿן. די אַלטע האָט נאָך דעם, אַז זי האָט אויפֿגעטאָרעט דעם האַר גאָט מיט אירע בייזע טײַנעס, זיך פֿאַרקליבן אויפֿן אויוון און איז שטיל געוואָרן. דעמלט בין איך אויפֿגעשטאַנען, האָב אַרויסגעקריגן דאָס בוך פֿון אונטערן אויוון, בין צו־געגאַנגען צום פֿענצטער, נאָר דאָס אויג האָט ניט גענומען דעם דריבנעם שריפֿט, און לייענען האָט זיך געגלוסט ביז פּײַן. איך האָב באַקומען פֿון דער פּאָליצע אַ קופּערנע פֿאַן און האָב מיט איר אָפּגעשלאָגן די לעוואָנע־שײַן צו זיך אויפֿן בוך,—

איז געוואָרנ נאָכ ערגער, פינצטערער. דאנ האָב איכ זיכ פארקליבנ אפ דער באנק, אינ ווינקל, צו די איקאָנעס, האָב גענומענ לייענען, שטייענדיק בא דער שײַנ פונ דער לאמפאדע, בינ א פארמאטערטער אײַנגעשלאָפנ, אראָפגעזועצט אפ דער באנק, אונ האָב זיכ אופגעכאפּט פונ דער אלטערס געשרייען אונ שטורכעס. האלטנדיק דאָס בוכ אינ דער האנט, האָט זי מיט דעמ געקנאקט איבער מײַנע פּלייצעס, א רויטע פונ קאס, צאָרניק געוואָרפנ מיטנ ברוינעמ קאָפּ, א באָרוועסע, אינ איינ העמד. פונ די נארעס האָט וויקטאָר געוויעט:

— מאמאשע, רעוועט ניט אזוי! ניט צו לעבנ פונ אײַכ...

„פארפאלנ דאָס בוכ, זי וועט עס צערײַסנ",— האָב איכ געטראכט.

צומ פרימאָרגנדיקנ טיי האָט מענ מיכ געמישפּעט. דער באלעבאָס האָט שטרענג געפרעגט:

— ווו האָסטו גענומענ דאָס בוכ?

די פרויענ האָבנ געשריגנ, איבערשלאָגנדיק איינע די אנדערע, וויקטאָר האָט מיט פארדאכט געשמעקט די זײַטלעכ אונ געזאָגט:

— סע שמעקט מיט פארפומענ, אפ מײַנ וואָרט...

דערהערט, אז דאָס בוכ איז דעמ גאלעכס, האָבנ זיי דאָס אלע נאָכאמאָל ארומגעקוקט, וווּנדערנדיק זיכ אונ ארויסזאָגנדיק זייער אופגעבראכטקײַט וועגנ דעמ, וואָס דער גאלעכ לייענט ראָמאנענ, נאָר דאָכ האָט עס זיי אביסל בארויִקט. כאָטש דער באלעבאָס האָט מיכ נאָכ לאנג אײַנגערעדט, אז לייענענ איז געפערלעכ אונ שעדלעכ

— אָט האָבנ זיי, די לייענער, אנ אײַזנבאנ אופגעריסנ, געוואָלט הארגענענ...

די באלעבאָסטע האָט בייז אונ איבערגעשראָקנ אויסגעשריגנ צומ מאנ:

— ביסט פונ זינענ אראָפּ! וואָס רעדסטו מיט אימ וועגנ אזוינע זאכנ?

איכ האָב מאָנטעפענעס אראָפּגעטראָגנ צומ סאָלדאט, האָב אימ דערציילט, אינ וואָס דאָס גייט, סידאָראָוו האָט גענומענ דאָס בוכ, האָט שווײַגנדיק אופגעעפנט א קליינ קופערטל, ארויסגענומענ א ריינעמ האנטעכ, פארוויקלט אינ אימ דעמ ראָמאנ אונ באהאלטנ אינ קופערט, זאָגנדיק צו מיר:

— פאָלג זיי ניט, קומ צו מיר לייענענ, איכ וועל קיינעמ ניט זאָגנ! אונ טאָמער קומסטו, אונ איכ בינ ניטאָ, הענגט דער שליסל הינטערנ בילד, עפנ דעמ קופערט אונ לייענ...

די באציִונג פונ די באלעבאטימ צו דעמ בוכ האָט עס מיטאמאָל דערהויבנ אינ מײַנע אויגנ אפ דער הייכ פונ א וויכטיקנ אונ מוירעדיקנ סאָד: דאָס, וואָס עפּעס „לייענער" האָבנ ערגעצ אופגעריסנ אנ אײַזנבאנ, וועלנדיק עמעצנ הארגענענ, האָט מיכ ניט פארינטערעסירט, נאָר איכ האָב זיכ דערמאנט דעמ גאלעכס פראגע אפ דער ווידע, דעמ גימנאזיסטס פאָרלייענענ אינ קעלער, סמוריס ווערטער וועגנ „די ריכטיקע ביכער" אונ כ'האָב זיכ דערמאנט דעמ זיידנס דערציילונגענ וועגנ די שווארצביכערניקעס — די פארמאזאָנענ:

— פאר דעמ געבענטשטנ קייסער אלעקסאנדער פּאוולאָוויטש האָבנ עפּעס איידללײַט, פארמישטע אינ שווארצביכערײַ אונ פארמאזאָנישע מײַסעס, פארטראכט איבערצוגעבנ דאָס גאנצע רוסישע פאָלק דעמ רוימישנ פויפּסט,— אזוינע יעזויִטנ! האָט

אראקטשייעוו דער גענעראַל זיי געפּאַקט באַ דער האַנט און אומגעאַכט אַף נעמען, טיטולן דאָרטן,— אַלעמען אין סיביר אַף קאַטאָרגע! דאָרטן זײַנען זיי צעריבן גע־וואָרן, ווי די מילבן...

ס׳האָט זיך מיר דערמאַנט: „אומבראַקול, וואָס איז מיט שטערן צעשפּרענקלט", „גערוואַסי" און די פֿײַערלעכע, שפּאָטישע ווערטער:

— „פּראָפאַנען, וואָס זײַנען נײַגעריק צו וויסן אונדזערע טוונגען! קיינמאָל וועלן אײַערע שוואַכע אויגן זיי ניט באַגרײַפֿן!"

איך האָב זיך געפּילט באַ דער שוועל פֿון עפּעס גרויסע סודעס און האָב גע־לעבט ווי אַ צעמישטער. ס׳האָט זיך געוואָלט דערלייענען דאָס בוך. ס׳האָט גע־שראָקן דער געדאַנק, אַז עס קען באַם סאָלדאַט פֿאַרפֿאַלן ווערן, אָדער ער וועט עס ווי ניט איז פֿאַטערן,— וואָס וועל איך דעמלט זאָגן דער צושנײַדערן?

און די אַלטע האָט שאַרף אַכטונג געגעבן, איך זאָל ניט לויפֿן צום סאָלדאַט, און מיך נאָכאַנאַנד געיאָדעט:

— בוך־קוועטשער! די ביכער דײַנע לערנען נאָר אויס צעלאָזן זײַן. אָט האָסט זי, די ביכערלעזערן, צו וואָס איז זי דערגאַנגען— קען אַליין אַפֿן מאַרק ניט גיין, נאָר זי פּלאָנטערט זיך מיט אָפּיצערן, נעמט זיי אויף באַטאָג,— איך וויי־ייס!

מיר האָט זיך געוואָלט אַ געשריי טון:

— ניט ריכטיק! זי פּלאָנטערט זיך ניט...

נאָר איך האָב מוירע געהאַט צו פּאַרטיידיקן די צושנײַדערן— ווי, אַז די אַלטע וועט זיך פּלוצעם אָנשטויסן, אַז דאָס איז איר בוך?

עטלעכע טעג האָט זיך מיר געלעבט זייער ביטער. אַ צעטראָגנקײַט האָט מיך באַהערשט, אַן אומרויִקע בענקשאַפֿט, איך האָב ניט געקענט שלאָפֿן פֿאַר פּאַכעד פֿאַרן גוירל פֿון מאָנטעפּענען, און אָט האָט מיך איינמאָל דער צושנײַדערנס קעכן אָפּגעשטעלט אין הויף און געזאָגט:

— ברענג צו טראָגן דאָס בוך!

איך האָב אויסגעקליבן אַ צײַט נאָך מיטיק, ווען די באַלעבאַטים האָבן זיך אײַנ־געלייגט אָפּרוען, און האָב זיך געמאָלדן צו דער צושנײַדערן אַ פֿאַרשעמטער, אַ דערשלאָגענער.

זי האָט מיך באַגעגנט אַזוי, ווי איך האָב זי געטראָפֿן צום ערשטן מאָל, נאָר אַנדערש אָנגעטאָן: אין אַ גרויען קלייד, אַ שוואַרצער סאַמעטענער קאָפּטע, מיט אַ בלויען צייכעם אַפֿן אַנטבלויזטן האַלדז,— זי איז געווען ענלעך אַף דער זי פֿון אַ שניירל.

ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב ניט באַוויזן צו דערלייענען דאָס בוך און אַז מע פֿאַרווערט מיר צו לייענען, האָבן מײַנע אויגן, פֿון פֿאַרדראָס און פֿון פֿרייד צו זען אָט די פֿרוי, זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

— פֿע־פֿע! ס׳אַרא נאַרישע מענטשן!— האָט זי געזאָגט, צונויפֿרוקנדיק די דינע ברעמען.— און ווער האָט זיך געקענט ריכטן אַף דײַן באַלעבאָס, ער האָט אַזאַ אינטערעסאַנט פּאָנעם. האָב צײַט, עס זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ, איך וועל עס באַ־טראַכטן. כ׳וועל אים אָנשרײַבן!

דאָס האָט מיך איבערגעשראָקן, איך האָב איר געמאָלדן, אַז איך האָב די־

באַלעבאַטים געזאָגט א ליגן, געזאָגט, אז דאָס בוך איז גענומען ניט בא איר, נאָר באַם גאַלעך.

— מע דאַרף ניט, שרײַבט ניט, — האָב איך זי געבעטן, — זיי וועלן לאַכן פון אײַך, שעלטן. קיינער האָט אײַך ניט ליב אין הויף, אַלע מאַכן כויזעק, ריידן, אז איר זײַט א נאַרעלע, און סע פעלט אײַך א ריפּ...

אויסגעשאָסן דאָס אַלץ, האָב איך זיך באַלד געכאַפּט, אז איך האָב געזאָגט אי־בעריקס און באַליידיקנדיקס פאַר איר, — זי האָט פאַרביסן די אייבערשטע ליפּ און זיך א פּאַטש געטאָן איבערן היפּט, ווי זי וואָלט געזעסן רײַטנדיק אפּ א פערד. איך האָב אין פאַרלעגנהײַט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווינטשנדיק זיך אײַנגעזונקען ווערן דאָ אפּן שטעל, נאָר די צושנײַדערן האָט זיך אנידערגעוואַלגערט אפּן שטול און פריילעך זיך צעלאַכט, איבערכאַזערנדיק:

— אוי, ווי נאַריש... ווי נאַריש! נאָר וואָס־זשע קאָן מען טאָן? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט, אָנקוקנדיק מיך, און דערנאָך מיט א זיפץ געזאָגט: — דו ביסט זייער א מאָדנע ייִנגל, זייער...

געכאַפּט א קוק אין שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, האָב איך דערזען א ברייטבאַקיק פּאָנעם מיט א ברייטער נאָז, מיט א גרויסן בלויען צייכן אפּן שטערן, די לאַנג ניט געשוירענע האָר האָבן געסטאַרטשעט מיט שפּיצן אין אַלע זײַטן — איז אָט אָ־דאָס טאַקע רופט זיך א „מאָדנע ייִנגל”?... א מאָדנע ייִנגל איז גאָר ניט ענלעך אפּ א פּאָרצעלײַען, איידל פיגורקעלע...

— האָסט ניט גענומען דעמלט דאָס געלטל, וואָס איך האָב דיר געגעבן. פאַר־וואָס?

— איך דאַרף ניט.

זי האָט א זיפץ געטאָן.

— נו, וואָס־זשע קען מען טאָן! אויב מע וועט דיר דערלויבן לייענען, קום צו גיין, וועל איך דיר געבן ביכער...

אפּן שפּיגל־טיש זײַנען געלעגן דרײַ ביכער. דאָס, וואָס איך האָב געבראַכט, איז געווען דאָס גרעבסטע. איך האָב אפּ דעם געקוקט מיט בענקעניש. די צושנײַדערן האָט מיר אויסגעשטרעקט א קליינע ראָזעווע האַנט.

— נו, א גוטן!

איך האָב פאַרזיכטיק זיך צוגערירט צו איר האַנט און בין גיך אוועק.

אפּאָנעם, אז ס'איז טאַקע ריכטיק דאָס, וואָס מע רעדט וועגן איר, אז זי ווייסט ניט גאָרניט, — אָט האָט זי א צוואַנציק־קאָפּעקענעם אָנגערופן — געלטל, ווי א קינד.

נאָר ס'איז מיר געווען געפעלן...

IX

ס'איז אי טרויעריק, אי לעכערלעך צו דערמאָנען זיך, וויפל שווערע דערנידע־רונגען, באַליידיקונגען און אומרויִקײַטן ס'האָט מיר געבראַכט מײַן האַסטיק אופגע־פלאַקערטע ליידנשאַפט צום לייענען!

דער צושניידערנס ביכער, האָט מיר אויסגעוויזן, זיינען שרעקלעכע טייערע, און פאַר מוירע, אַז די אַלטע באַלעבאָסטע וועט זיי פאַרברענען אין אויוון, האָב איך זיך באַמיט אוועקוואַרפן דעם געדאַנק וועגן די דאָזיקע ביכער און האָב אָנגעהויבן נעמען די קליינינקע פאַרשיידנפאַרביקע ביכלעך אין דער קלייט, וווּ איך האָב אַלע פרימאָרגן געקויפט ברויט צום טיי.

דער קרעמער איז געווען זייער ניט קיין אַנגענעמער יונג — אַ גראָבליפּנדיקער, אַ שווייסיקער, מיט אַ ווייס צעקראַכן פּאָנעם אין געלזיכטיקע שראַמען און פלעקן, מיט ווייסע אויגן און קורציקע אומגעשיקטע פינגער אויף די פּעכקע הענט. זיין קלייט איז געווען אַן אָוונטיק זאַמל־אָרט פאַר אונטערוואַקסנדיקע כעוורעלייט און לייכטזיניקע מיידלעך פון דער גאַס. מיין באַלעבאָס ברודער איז אויך קימאַט אַלע אָוונט געגאַנגען צו אים טרינקען ביר און שפּילן אין קאָרטן. מע האָט מיך אָפט געשיקט רופן אים צום אָוונט־עסן, און איך האָב ניט איינמאָל געזען אינעם קליי־נעם, ענגן אַלקערל הינטער דער קלייט דעם קרעמערס לעקישעוואַטע ראָזעווע פרוי, ווי זי זיצט אויף די קני בא וויקטאָרושקען אָדער בא אַן אַנדער באָכער. דאָס האָט דעם קרעמער, ווייזט אויס, ניט געאַרט. ס'האָט אים אויך ניט געאַרט, ווען די שוועסטער זיינע, וואָס האָט אים געהאָלפן אין קלייט, פלעג זיך לאָזן אַרומנעמען פון זינגערלעך, סאָלדאַטן און פון אַלעמען, וועמען ס'איז נאָר געפעלן געווען. סכוירע איז אין דער קלייט געווען קנאַפּלעך, ער האָט עס דערקלערט דערמיט, וואָס דאָס געשעפט זיינס איז אַ נייס — ער האָט נאָך ניט באַוויזן עס איינאָרדענען, כאָטש די קלייט האָט זיך געעפנט נאָך אין האַרבסט. ער פלעג ווייזן די געסט און קוינים געווייסע קויטיקע בילדלעך, האָט געגעבן די, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט, איבערצושרייבן אומפאַרשעמטע פערזן.

איך האָב געליינט די פּוסטע ביכלעך פון מישע יעוווסטיגנייעוו, צאָלנדיק צו קאָפּיקע פאַר איבערליינען איין ביכל. דאָס איז געווען טייער, און די ביכלעך האָבן מיר ניט פאַרשאַפט קיין שום פאַרגעניגן. „הואַק, אָדער די אומבאַזיגבאַרע טרײַ־שאַפּט", „פראַנציל וועגעציאַן", „דער געשלעג פון די רוסישע מיט די קאַבאַרדינער אָדער די שיינע מאַהאָמעטאַנערן, וואָס שטאַרבט אויפן קייווער פון איר מאַן" און די גאַנצע ליטעראַטור פון דעם סאָרט האָט מיך אויך ניט צופרידנגעשטעלט, דער־וועקנדיק אָפטמאָל אַ ביטערן פאַרדראָס: מיר פלעג זיך דוכטן, אַז דאָס ביכל מאַכט כויזעק פון מיר, ווי פון אַ נאַר, דערציילנדיק מיט שווערע ווערטער אומגלויבלע־כע זאַכן.

„די שיסער", „יור מילאָסלאַווסקי", „דער געהיימניספולער מאָנאַך", „יאַפּאַנ־טשאַ, דער טאַטערשער רייטער" און ענלעכע ביכער זיינען מיר מער געפעלן געווען — פון זיי פלעג עפּעס פאַרבלייבן. אָבער נאָך מער פלעגן מיך פאַרכאַפּן די לעבנס־באַשרייבונגען פון די הייליקע — דאָ איז געווען עפּעס ערנסטס, וואָס האָט זיך גע־לאָזט גלייבן און פלעג צייטנווייז טיף צערודערן. אַלע גרויסמאַרטירער האָבן מיר, כ'ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, דערמאָנט אין דער „גוטער זאַך", די גרויסמאַרטירערנס — אין דער באָבען, און די פּרעפּאָדאָבנע — דעם זיידן אין זיינע גוטע שאָען.

געליינט האָב איך אין שטאַל, ווען כ'פלעג אַהין גיין האַקן האָלץ, אָדער אויפן בוידעם. ס'איז געווען אַלציינס אומבאַקוועם, קאַלט. אַן אַנדער מאָל, אַז דאָס ביכל

פלעג מיכ שטארק אינטערעסירנ, אָדער מע האָט עס געדארפט איבערלייענענ גיכער, פלעג איכ אופשטיינ באנאכט אונ אָנצינדנ א ליכט, נאָר די אלטע באלעבאָסטע, באלד ווי זי האָט באמערקט, אז די ליכט ווערנ באנאכט קלענער, האָט זי גענומענ זיי אויסמעסטנ מיט א קינעלע אונ ערגעצ באהאלטנ די מאָסלעכ. אויב ס'האָט אינדערפרי אינ דער ליכט געפעלט א ווערשאָק, אָדער מיר פלעג זיכ ניט איינגעבנ געפינענ דאָס קינעלע אונ אָפּברעכנ דערפונ אזא שטיקל, וויפל ס'האָט אויסגעברענט אינ דער ליכט, פלעג אינ קיכ זיכ אָנהייבנ א ווילדער געשריי, אונ איינמאָל האָט וויקטאָרושקע אנ אופגעבראכטער געמאָלדנ פונ די נארעס:

— אנ עק זאָל עס נעמענ מיט אײַערע גוואלדנ. מאמאשע! ניט איבערצוטראָגנ פונ אײַכ! קלאָר, אז ער ברענט ליכט, ווײַל ער לייענט ביכלעכ, ער נעמט זיי באמ קרעמער, איכ ווייס! טוט נאָר א קוק בא אימ אפנ בוידעמ...

די אלטע איז אוועקגעלאָפנ אפנ בוידעמ, האָט דאָרטנ געפונענ עפּעס א ביכל אונ האָט עס צעריסנ אפ פיצלעכ.

דאָס האָט מיכ, פארשטייט זיכ, געערגערט, נאָר דער כיישעק צומ לייענענ האָט זיכ נאָכ מער געשטארקט. איכ האָב פארשטאנענ, אז ווענ אהער אינ הויז זאָל קומענ א הייליקער, וועלנ די באלעבאטימ אימ אָנהייבנ לערנענ, איבערשטעלנ אפ זייער שטייגער, זיי וועלנ עס טאָנ פאר לאנגווײַל. אויב זיי וועלנ אופהערנ מישפעטנ די מענטשנ, שרײַענ, א טעל מאכנ פונ זיי, — וועלנ זיי זיכ אָפּגעווינענ פונ ריידנ, וועלנ שטומ ווערנ, וועלנ זיכ אליינ ניט זענ. קעדיי דער מענטש זאָל פילנ זיכ אליינ, איז נייטיק, ער זאָל זיכ אפ א באשטימטנ אופנ באציִענ צו מענטשנ. מײַנע באלעבאטימ האָבנ זיכ ניט געקאָנט באציִענ צו מענטשנ אנדערש, נאָר ווי לערעריש, מיט פארורטיילונג, אונ ווענ מע זאָל אפילע אָנהייבנ לעבנ אזוי, ווי זיי, — פונקט אזוי טראכטנ, פילנ, — וואָלטנ זיי סײַווי פארורטיילט, טאקע דערפאר. אזוינע מענטשנ זײַנענ עס שוינ געווענ.

איכ האָב זיכ אפ אלערליי אויפאנימ געקליגט צו לייענענ, די אלטע האָבנ עטלעכע מאָל פארניכטעט מײַנע ביכער, אונ פלוצעמ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז איכ בינ שולדיק דעמ קרעמער א ריזיקע סומע פונ זיבנ אונ פערציק קאָפּיקעס! ער האָט געפאָדערט געלט אונ געדראָט, אז ער וועט בא מיר פארנ כויוו ארויסנעמענ פונ די באלעבאטימס געלט, ווענ איכ וועל קומענ אינ קלייט עפּעס קויפנ.

— וואָס וועט דעמלט זײַנ? — האָט ער מיכ מיט כויזעק געפרעגט.

ער איז געווענ דערווידער ניט איבערצוטראָגנ, אונ פילנדיק עס, ווײַזט אויס, האָט ער מיכ געפײַניקט מיט פארשיידענע דראָונגענ מיט א באזונדער פארגעניגנ. אז איכ פלעג ארײַנקומענ אינ קלייט, פלעג זײַנ פלעקיק פּאָנעמ זיכ צעשווימענ, אונ ער פלעג פרעגנ ליבלעכ:

— דעמ כויוו געבראכט?

— ניינ.

דאָס פלעג אימ שרעקנ. ער פלעג זיכ אָנכמורענ.

— ווי־זשע? זאָל איכ אָנגעבנ אפ דיר דעמ מיראָווי, א? מע זאָל דיכ אָפּשרײַבנ אונ — אינ א קאָלאָניע ארײַנ?

קריגנ געלט האָב איכ ניט געהאט פונוואנענ — מײַנ געהאלט פלעג מענ אויס־

צאָלן דעם זיידן, איך בין געווען פארלוירן, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. און דער קרעמער האָט אַף מײַן באקאָשע צוואַרטן מיטן כויוו — מיר דערלאַנגט זײַן פאר־פעטסטע און, ווי א לאַטקע, פעכקע האנט און האָט געזאָגט:

— טו א קוש, וועל איך צוּוואַרטן!

נאָר ווען איך האָב א כאַפּ געטאָן פון דער סטויקע א געוויכטל און זיך פאר־מאָסטן אַף אים, האָט ער, זיך צוזעצנדיק, אויסגעשריגן:

— וואָס, וואָס טוסטו, וואָס — איך שפּאַס!

פארשטייענדיק, אז ער שפּאַסט גאָרניט, האָב איך באַשלאָסן גאַנווענען געלט און זיך צערעכענען מיט אים. אינדערפרי, ווען איך פלעג בערשטלען דעם באלע־באָס אָנטאָן, פלעגן אין די הויזן אָפּט קלינגען מאַטבייעס, אַן אַנדער מאָל פלעגן זיי ארויסשפּרינגען פון דער קעשענע און זיך צעקײַקלען איבערן פּאָל. איינמאָל האָט איינע זיך דורכגעוואַלגערט אין א שפּאַלט אונטער די טרעפּ, אין דעם האָלץ־לאַגער. איך האָב פארגעסן זאָגן וועגן דעם און האָב זיך דערמאַנט ערשט אין עטלעכע טעג ארום. אז איך האָב די צוואַנציק־קאָפּיקענע מאַטבייע גע־פונען אין האָלץ און האָב זי אָפּגעגעבן דעם באַלעבאָס, האָט דאָס ווײַב צו אים געזאָגט:

— אָט זעסטו? מע דאַרף אַלע מאָל איבערציילן, וויפל געלט מע לאָזט איבער אין דער קעשענע.

נאָר דער באַלעבאָס האָט געזאָגט מיט א שמייכל צו מיר:

— ער וועט ניט גאַנווענען, איך ווייס.

איצט, אז איך האָב באַשלאָסן צו גאַנווענען, האָב איך זיך דערמאַנט זײַנע ווערטער, זײַן צוטרױלעכן שמייכל און האָב דערפילט, ווי שווער סע וועט מיר זײַן צו גאַנווענען. עטלעכע מאָל האָב איך ארויסגענומען פון דער קעשענע זילבער־געלט, געציילט און ניט געקענט פּויעלן בײַ זיך צו נעמען. דרײַ טעג האָב איך זיך געפּײַניקט דערמיט, און מיטאמאָל איז עס פארענטפערט געוואָרן זייער גיך און פּראָסט. דער באַלעבאָס האָט מיך אומגעריכט א פרעג געטאָן:

— וואָס ביסטו, פּעשקאָוו, עפּעס אזא אומעטיקער, פילסט זיך ניט מיט אַלעמען, צי וואָס?

איך האָב אים אָפנהאַרציק דערציילט אַלע מײַנע קלעמענישן, ער האָט זיך אָנ־געכמורעט:

— אָט זעסטו, צו וואָס זיי ברענגען, די ביכלעך! אזוי צי אזוי — האָט מען פון זיי צאָרעס...

געגעבן מיר א האַלבן קערבל און האָט מיר שטרענג געווצעט:

— זע־זשע, רעד זיך ניט אויס פארן ווײַב אָדער פאַר דער מוטער — ס׳וועט ווערן א געפילדער!

דערנאָך האָט ער מיט א גוטמוטיקן שמייכל געזאָגט:

— ביסט אַן אײַנגעשפּאַרטער, דער רוח זאָל דיך נעמען! מאַכט ניט אויס, ס׳איז גוט. נאָר די ביכלעך — וואַרף אַוועק! אָפּן נײַעם יאָר וועל איך אויסשרײַבן א גוטע צײַטונג, וועסטו לייענען...

און אָט לייען איך אין די אָוונטן, פון טיי ביז דער וועטשערע, פאַר די

באַלעבאַטים אפֿן קאָל דעם „מאַסקאָווסקי ליסטאָק" — די ראָמאַנען פֿון וואַשקאָוו, ראָק־שאַנין, רודניקאָווסקי און נאָך ליטעראַטור פֿון דעם סאָרט צוליבן גוטן פֿאַרדייען פֿון מענטשן, וואָס זײַנען פֿון לאַנגווײַל דערהאַרגעט צום טויט.

ס'געפֿעלט מיר ניט צו לייענען אפֿן קאָל, דאָס שטערט מיר צו פֿאַרשטיין, וואָס איך לייען, נאָר מײַנע באַלעבאַטים הערן זיך אײַן אויפֿמערקזאַם, מיט א מין ערעפֿאַרכטיקער זשעדנעקײַט, אָכצן, כידעשן זיך אָפּ די פֿאַרברעכנס פֿון די העלדן און ריידן מיט שטאָלץ איינער צום אַנדערן:

— און מיר לעבן זיך שטיל, פֿרום, ווייסן גאָר פֿון קיין זאַך ניט, א דאַנק דיר, גאָט!

זיי פּלאָנטערן די געשעענישן, די מײַסים פֿונעם באַרימטן גאַזלען פֿון טשור־קין שרײַבן זיי צו דעם קוטשער פֿאָמאַ קרוטשינאַ, פּלאָנטערן די נעמען, איך פֿאַ־ריכט די טאָעסן פֿון די צוהערער, — דאָס וווּנדערט זיי זייער.

— נו, א זיקאָרן באַ אים!

אָפּטמאָל באַגעגענען זיך אין „מאַסקאָווסקי ליסטאָק" געדיכטן פֿון לעאָניד גראַ־ווע, מיר געפֿעלן זיי שטאַרק, איך שרײַב איבער אייניקע פֿון זיי אין א העפֿט, נאָר די באַלעבאַטים ריידן וועגן דעם פּאָעט:

— אַן אַלטער מענטש, און פֿאַרפֿאַסט געדיכטן.

— א שיקער, א צעדרייטער, וואָס איז אים דער חילעק!

ס'זײַנען מיר געפֿעלן די פֿערזן פֿון סטרוזשקין, פֿון גראַף מעמענטאָ־מאָרי, נאָר די פֿרויען, די אַלטע און די יונגע, האַלטן, אַז פֿערזן איז באַלאַגאַנערײַ.

— נאָר פּעטרושקעס און אַקטיאָרן ריידן מיט פֿערזן.

שווער זײַנען מיר געווען אָט די ווינטער־אָוונטן פֿאַר די אויגן פֿון די באַלע־באַטים, אין קליינעם, ענגן צימער. טויטע נאַכט הינטער די פֿענצטער! זעלטן־ווען קנאַקט אונטער דער פֿראָסט, די מענטשן זיצן און שווײַגן, ווי די געפֿרוירענע פֿיש. אָדער — א זאַווערוכע שקראַבעט איבער די שויבן און איבער דער וואַנט, הודעט אין די קוימענס, קלאַפּט מיט די ווישקעס, אין קינדער־צימער וויינען די אויפֿע־לעך — ס'ציט אַרײַנזעצן זיך אין א פֿינצטערן ווינקל, אײַנקנוילן זיך אין ווייען, ווי א וואָלף.

באַ איין עק טיש זיצן די פֿרויען, נייען אָדער שטריקן זאָקן, באַם צווייטן זיצט וויקטאָרושקע, אויסגעבויגן דעם רוקן, קאָפּירט אָן כיישעק עפּעס צייכענונגען און שרײַט פֿון צײַט צו צײַט:

— טרייסלט ניט דעם טיש! לעבן קען מען ניט פֿון אײַך, צוועכעס אין די לע־כער, הינט אַפּ די מײַז...

אין א זײַט זיצט פֿאַר א גרויסער האַפּט־ראַם דער באַלעבאָס, נייט אויס מיט ציילעמלעך אַפֿ לײַוונט א טישטעך. פֿון אונטער זײַנע פֿינגער ווײַזן זיך רויטע קרעפּסן, בלויע פֿיש, געלע באַבעלעך און ברוינע האַרבסטיקע בלעטער. ער האָט אַליין צונויפֿגעשטעלט דעם געמעל פֿאַרן אויסגענייי און זיצט איבער דער אַרבעט דעם דריטן ווינטער, — זי איז אים שוין שטאַרק נימעס, און אָפּטמאָל, באַטאָג, ווען איך בין פֿרײַ, זאָגט ער צו מיר:

— אַנו, פּעשקאָוו, זעצ זיך צום טישטעך, אַרבעט!

איך זעץ זיך און נעם ארבעטנ מיט דער גראָבער נאָדל, — ס'איז מיר א ראַכמאָנעס אפנ באַלעבאָס און סע ווילט זיך אימ שטענדיק ווי ווײַט מעגלעך אינ אַלץ מיטהעלפנ. מיר דוכט זיך אַלץ, אז ער וועט אמאָל אוועקוואַרפנ דאָס צײַכענענ, מיטנ אויסנייענ, מיטנ קאָרטנ־שפּילנ און וועט אָנהייבנ טאָנ עפּעס אנדערש, אינטערעסאנטס, וואָס וועגנ דעמ טאַקע פארטראכט ער זיך שטענדיק, ווענ ער לייגט אוועק פּלוצעמ די ארבעט און קוקט אפ איר מיט אומבאַוועגלעך־פארווונדערטע אויגנ, ווי אפ עפּעס, וואָס איז אימ אומבאַקאנט. די האָר לאָזנ זיך אימ אראָפּ אפנ שטערנ און אפ די באַקנ, ער ווערט ענלעך אפ א מאָנאַך אינ מאָנאַסטיר.

— וועגנ וואָס האָסטו זיך פארקלערט? — פרעגט אימ דאָס ווײַב.

— אזוי, — ענטפערט ער, נעמענדיק זיך צו דער ארבעט.

איך וווּנדער זיך שווײַגנדיק: ווי קענ מענ עס פרעגנ, וועגנ וואָס א מענטש קלערט? און ס'איז גאָר ניט מעגלעך צו ענטפערנ אפ דער פראַגע — מע קלערט געוויינלעך פאראמאָל וועגנ אסאַך זאַכנ: וועגנ דעמ, וואָס סע שטייט פאַר די אויגנ, וואָס זיי האָבנ געזענ נעכטנ און א יאָר צוריק. דאָס אַלץ איז אויסגעמישט, אומעגלעך עס צו כאַפּנ, אַלץ באַוועגט זיך, ענדערט זיך.

די פעליעטאָנענ פונ „מאָסקאָווסקי ליסטאָק" זײַנענ געווענ קאַרג אפ אנ אָוונט, איך האָב פאָרגעלייגט לייענענ די זשורנאַלנ, וואָס זײַנענ געלעגנ אינ שלאָפצימער אונטערנ בעט, די יונגע באַלעבאָסטע האָט אומצוטרוילעך געזאָגט:

— וואָס־זשע איז דאָרטנ דאָ צו לייענענ? איינע בילדלעך...

נאָר אונטערנ בעט האָט זיך אויסער דער „זשיוואָפּיסנאָיע אָבאָזרעניע" געפונענ נאָך דער „אָגאָניאָק", — און אָט לייענענ מיר סאַליאַסעס „גראַפ טיאַטינ־באַלטיסקי". דעמ באַלעבאָס געפעלט דער לעקישעוואַטער העלד פונ דער געשיכטע, ער לאַכט אָנראַכמאָנעסדיק און ביז טרערנ איבער די טרויעריקע טרעפענישנ פונעמ פריצישנ יונגנמאַנ און שרײַט:

— ניינ, דאָס איז א טשיקאַווע מײַסע!..

— אנ אויסטראַכטעניש; געוויס, — זאָגט די באַלעבאָסטע, קעדיי ארויסצווײַזנ די זעלבשטענדיקײַט פונ איר פארשטאַנד.

די ליטעראַטור פונ אונטערנ בעט האָט מיר גאָר צוגעדינט: איך האָב זיך פארוואָרבנ די רעכט נעמענ די זשורנאַלנ צו זיך אינ קיך און האָב געקריגנ די מעגלעכקײַט צו לייענענ באַנאַכט.

צו מײַנ גליק, איז די אַלטע אריבער שלאָפנ אינ קינדערצימער — די ניאַנקע האָט אָנגעהויבנ ביטער שיקערנ. וויקטאָרושקע האָט מיר ניט געשטערט. ווענ אַלע אינ הויז פלעגנ אײַנשלאָפנ, פלעג ער שטילינקערהייט זיך אָנטאָנ און ערגעץ פארשווינדנ ביז אינדערפרי. קיינ פײַער פלעג מענ מיר ניט געבנ, די ליכט פלעג מענ צונעמענ אינ די צימערנ ארײַנ, קיינ געלט אפ קויפנ ליכט האָב איך ניט געהאַט; דעמלט האָב איך אָנגעהויבנ שטילערהייט צונויפקלײַבנ דעמ כיילעוו פונ די לײַכטער, צונויפלייגנ אינ א פּושקעלע פונ סאַרדינעס, אהינצו פלעג איך צוגיסנ לאָמפּאַדע־אייל, פלעג צונויפדרייענ פונ פעדעמ א קנויט, און באַנאַכט פלעג איך אָנצינדנ אפנ אויוונ א רויכיק פײַער.

אז איך פלעג אינעמ גרויסנ בוך איבערמישנ א זײַטל, פלעג דאָס צינגל פונעמ

ברענענדיקן קנויט זיך ציטעריק צעוואקלען, דראָענדיק זיך אויסלעשן. דער קנויט איז אַלע רעגע געזונקען אין דער צעשמאָלצענער שמעקעדיקער פליסיקייט, דער רויך האָט געגעסן די אויגן, נאָר די אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן פלעגן צערונען ווערן אינעם פאַרגעניגן, מיט וועלכן כ׳האָב באַטראַכט די איליוסטראַציעס און געלייענט די דערקלערונגען צו זיי.

אָט די איליוסטראַציעס האָבן פאַר מיר צערוקט די ערד אַלץ ברייטער און ברייטער, באַפּוצט זי מיט לעגענדאַרע שטעט, געוויזן הויכע בערג, שיינע ברעגן פון יאַמען, דאָס לעבן איז זיך וווּנדערלעך צעוואַקסן, די ערד איז געוואָרן אָנגעצינדיקער, רייכער מיט מענטשן, פולער מיט שטעט און אַלערלייִיק פאַרשיידנאַרטיקער. איצט, אַז איך האָב געקוקט אַף די הינטערוואָלגישע ווייטן, האָב איך שוין געוווּסט, אַז דאָרט איז ניט קיין פּוסטקע, און פריִער פלעג טרעפן, קוקסט אַף דער וואָלגע, און סע ווערט דיר עפּעס באַזונדערס אומעטיק: פלאַטשיק ליגן די לאָנקעס אין טונקעלע לאַטעס פון קוסטאַרניק, אַפן ראַנד פון די לאָנקעס — די געצייִנדלטע שוואַרצע וואַנט פונעם וואַלד, איבער די לאָנקעס — אַ מוטנע, קאַלטע בלויקייט. ס׳איז פּוסט אַף דער ערד, איינזאַם. און דאָס האַרץ ווערט אויך פּוסט, אַ שטילער טרויער שקראַבעט עס, אַלע באַגערן פאַרשווינדן, טראַכטן איז ניטאָ וואָס, ס׳גלוסט זיך פאַרמאַכן די אויגן. גאָרניט זאָגט ניט צו די אומעטיקע פּוסטקייט, זויגט נאָר אַרויס פונעם האַרצן אַלץ, וואָס דאָרטן איז דאָ.

די דערקלערונגען צו די איליוסטראַציעס האָבן דערציילט פאַרשטענדלעך וועגן אַנדערע לענדער, אַנדערע מענטשן, גערעדט וועגן פאַרשיידענע געשעענישן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער קעגנוואַרט. אַסאַך זאַכן קען איך ניט פאַרשטיין, און דאָס מאַטערט מיך. אַן אַנדער מאָל פאַרשטעכן זיך אין מאַרך עפּעס אַזוינע מאָדנע ווערטער: „מעטאַפיזיקע", „כיליאַזם", „טשאַרטיסט", — זיי באַאומרויִקן מיך אומדערטרעגלעך, וואַקסן אויס מעשונעדיק, פאַרשטעלן אַלצדינג, און סע דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל קיינמאָל גאָרניט פאַרשטיין, אויב ס׳וועט זיך מיר ניט איינגעבן צו אַנטדעקן דעם זין פון אָט די ווערטער, — זיי טאַקע שטייען עס, ווי וועכטער, אַפן שוועל פון אַלע סודעס. אָפטמאָל לעבן גאַנצע פראַזעס לאַנג אין זיקאָרן, פאַרשטאָכן, ווי אַ שפּאָן אין אַ פינגער, שטערנדיק מיר צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערס.

כ׳געדענק, כ׳האָב איבערגעלייענט עפּעס מאָדנע שורעס:

אין דער פּוסטקייט, שטאָל־געפּאַנצערט,
שטום און פינצטער, ווי אַ קייווער,
רייט דער קייסער פון די הונען.

נאָך אים גייען קריגס־לייט, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע, און זיי שרייען:

— ווו איז רוים, ווו איז רוים דער אַלבאַרימטער?

רוים איז אַ שטאָט, דאָס האָב איך שוין געוווּסט, נאָר ווער זיינען די הונען? דאָס מוז מען וויסן.

אויסגעקליבן אַ גוטע מינוט, פרעג איך באַם באַלעבאָס.

— הונען? — כאזערט ער איבער פאַרוואונדערט, — דער טײַוול ווייסט עס, וואָס דאָס איז! א שטוסערײַ, געוויס...

און ער שאָקלט אומבאַגײטיקנדיק מיטן קאָפּ.

— פוסטע מײַסעס קאָכן זיך בא דיר דאָרטן אין קאָפּ, דאָס טויג ניט, פּעשקאָוו!

ס'טויג יאָ צי ס'טויג ניט, — נאָר איך וויל וויסן.

מיר ווײַזט אויס, אז דעם פּאָלקאָווי׳ גאלעכ סאָלאָוויאָוו דארף זיכער זײַן באוווסט, וואָס איז דאָס אזוינס הונען, און אז איך פאק אים אין הויף, פרעג איך בא אים.

א בלייכער, א קראַנקער, שטענדיק א צעקאַעסטער, מיט רויטע אויגן, אָן ברע־מען, מיט א געל בערדל, זאָגט ער צו מיר, טוצענדיק אין דער ערד מיטן שווארצ שטאָק:

— און וואָס גייט עס דיר אָן, א?

דער פּאָרוטשיק נעסטעראָוו האָט אפ מײַן פראגע צאָרנדיק געענטפערט:

— וואָ־אָס?

דעמלט האָב איך באשלאָסן, אז וועגן די הונען קען מען פרעגן אין אפטייק באַם פּראָוויזאָר. ער קוקט אפ מיר שטענדיק פרײַנטלעכ, ער האָט א קלוג פּאָנעם, גאָלדענע ברילן אפ דער גרויסער נאָז.

— די הונען, — האָט מיר געזאָגט דער פּראָוויזאָר פּאַוועל גאָלדבערג, — זײַנען געווען א וואנדער־פּאָלק, ווי די קירגיזן, אשטייגער. אָט דאָס פּאָלק לעבט שוין ניט, זײַנען אַלע אויסגעשטאָרבן.

ס'איז מיר געוואָרן אומעטיק און א פארדראָס — ניט אפ דעם, וואָס די הונען זײַנען אויסגעשטאָרבן, נאָר אפ דעם, וואָס דער באַטײַט פון דעם וואָרט, וואָס האָט מיך אזוי לאנג געמאטערט, האָט זיך ארויסגעוויזן אזוי פראָסט און האָט מיר גאָר־ניט געגעבן.

נאָר איך בין זייער דאנקבאר די הונען — נאָכן צוזאמענשטויס מיט זיי האָבן ווערטער מיך שוין ניט אזוי באומרויִקט, און אדאנק אטילן, דעם קייסער פון די הונען, האָב איך זיך באקענט מיטן פּראָוויזאָר גאָלדבערג.

דער דאָזיקער מענטש האָט געוווסט דעם אייגנפאכן זין פון אַלע קלוגע ווער־טער, ער האָט פארמאָגט שליסלען צו אַלע געהיימנישן. פאריכט די ברילן מיט צוויי פינגער, האָט ער דורכ די דיקע גלעזער מיר שארף געקוקט אין די אויגן און האָט גערעדט, פונקט ווי ער וואָלט מיר דריבנע צוועקעס אין שטערן ארײַנשלאָגן.

— ווערטער, פרײַנט־לעבן, זײַנען — ווי בלעטער אפ א בוים. אפ צו פארשטיין, פארוואָס איז דער בלאט אזא און ניט קיין אנדערער, דארף מען וויסן, וויִאזוי ס׳ע וואקסט דער בוים, — דארף מען זיך לערנען, — א בוך, פרײַנט־לעבן, איז, ווי א גו־טער סאָד, ווו ס'איז אַלץ דאָ: אי אנגענעמס, אי נוצלעכס...

איך בין אָפט געלאָפן צו אים אין אפטייק נאָכ סאָדע און מאגנעזיע פאר די דערוואקסענע, וואָס האָבן קעסיידער געליטן פון „ברענונג", נאָכ באָבעלעכ־זאלב און אָפּפיר־מיטלען פאר די קינדער. די קורצע אָנווײַזונגען פון דעם פּראָוויזאָר האָבן אין מיר אײַנגעפלאנצט אַלץ א מער ערנסטע באציִונג צו ביכער, און אומ־באמערקט זײַנען זיי מיר געוואָרן אזוי נייטיק, ווי פאר א שיקער בראָנפן.

זיי האָבן מיר געוויזן אַן אַנדער לעבן — אַ לעבן פון גרויסע געפילן און פאַר־לאַנגען, וואָס האָבן געפירט די מענטשן צו העלדישקייט און צו פאַרברעכן. איך האָב געזען, אַז די מענטשן, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט, זיינען ניט פייִק ניט אַף העלדישקייט, ניט אַף פאַרברעכן, זיי לעבן ערגעץ אין אַ זייט פון אַלץ, וואָס די ביכער שרייבן וועגן דעם, און ס'איז שווער צו פאַרשטיין — וואָס אינטערע־סאַנטס איז דאָ אין זייער לעבן? איך וויל ניט אַזאַ לעבן... דאָס איז מיר קלאָר, — איך וויל ניט...

פון די דערקלערונגען צו די געמעלן האָב איך געוווּסט, אַז אין פּראָג, אין לאָנדאָן, אין פּאַריז זיינען אינמיטן שטאָט ניטאָ קיין יאַרן און קויטיקע דאַמבעס פון מיסט, דאָרטן זיינען דאָ גלייכע, ברייטע גאַסן, גאָר אַנדערע הייזער און קלויס־טערס, דאָרטן איז ניטאָ קיין זעקסכאַדאָשימדיקער ווינטער, וואָס פאַרשפּאַרט די מענטשן אין די הייזער, ניטאָ קיין גרויסער טאָנעס, ווען מע מעג עסן נאָר גע־זייערטע קרויט, געזאַלצענע שוואָמען און קאַרטאָפל מיט עקלדיקן ליין־אייל. אין גרויסן טאָנעס טאָר מען ניט לייענען קיין ביכער — מע האָט באַ מיר אָפּגענומען די „זשיוואָפּיסנאָיע אָבאָזרעניע", און אָט דאָס לײדיקע טאָנעסדיקע לעבן איז ווידער צוגעגאַנגען שטייפ צו מיר. איצט, אַז איך האָב עס געקענט פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס איך האָב געוווּסט פון די ביכער, האָט עס מיר אויסגעוויזן נאָך מער בעטלע־ריש און העסלעך. ווען איך האָב געלייענט, האָב איך זיך געפילט געזינטער, שטאַרקער, כ'האָב געאַרבעט גוט און פלינק, איך האָב געהאַט אַ ציל: וואָס גיכער כ'וועל ענדיקן, אַלץ מער צייט וועט מיר בלייבן אַף לייענען. אָן ביכער בין איך געוואָרן אָפּגעלאָזן, פויל, ס'איז אַף מיר אָנגעפאַלן אַ פאַרגעסלעכקייט, וואָס איז מיר פריִער ניט געווען באַקאַנט.

ס'געדענקט זיך מיר, אַז פונקט אין די־אָ לײדיקע טעג איז געשען עפּעס אַ געהיימעס: איינמאָל אינאָוונט, ווען אַלע זיינען געגאַנגען שלאָפן, האָט פּלוצעם אָפּגעהילכט דער הודענדיקער קלאַפּ פונעם קלויסטער־גלאָק, ער האָט מיטאַמאָל אַלעמען אופגעטרייסלט אין הויז, האַלב־אָנגעטאָנענע מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פענצטער, פרעגנדיק איינע באַ די אַנדערע:

— אַ סרייפע? אַ ליאַרעם?

מע האָט געהערט פון אַנדערע דירעס, אַז דאָרטן לויפט מען אויך אום, מע קלאַפּט מיט די טירן. עמעצער איז געלאָפן איבערן הויף מיט אַ פערד אַפן ציימל. די אַלטע באַלעבאָסטע האָט געשריגן, אַז מע האָט באַראַבעוועט דעם קלויסטער. דער באַלעבאָס האָט מיט איר איינגעטיינעט:

— וואָס רעדט איר, מוטער, מע הערט דאָך, אַז ס'איז ניט קיין ליאַרעם.

— נו, איז דער אַרכיִערײ געשטאָרבן...

וויקטאָרושקע איז אַראָפּ פון די נאַרעס, האָט זיך אָנגעטאָן און געבעבעט:

— און איך ווייס, וואָס ס'איז געשען, איך ווייס!

דער באַלעבאָס האָט מיך געשיקט אַפן בוידעם אַ קוק טאָן, צי מע זעט ניט קיין פייער, איך בין אַרופגעלאָפן, בין אַרויסגעקראָכן דורכן הער־פענצטער אַפן דאַך, — קיין פייער האָט מען ניט געזען. אין דער שטילער פראָסטיקער לופט האָט אָן איילעניש געבעבעט דער גלאָק. די שטאָט איז שלעפעריק צוגעפאַלן צו דער

ערד, אין דער פֿינצטער זײַנען, סקריפּענדיק אין שניי, געלאָפֿן אומזיכטיקע מענטשן, ס'האָבן געקוויטשעט פּאָלאָזעס פֿון שליטנס, און אַלץ דראָענדיקער האָט געבאָכעט דער גלאָק. כ'האָב זיך אומגעקערט אין די צימערן:

— קיין פֿײַער זעט מען ניט.

— פֿו, דו גרויסער גאָט! — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, אָנגעטאָן אין מאַנטל און אין היטל, האָט אופֿגעהויבן דעם קאָלנער און גענומען אומאַנטשלאָסן שטופּן די פֿיס אין די קאַלאָשן. די באַלעבאָסטע האָט אים אײַנגערעדט:

— גיי ניט! נו, וואָס וועסטו גיין...

— נאַרישקײַטן!

וויקטאָרושקע, אויך אָן אָנגעטאָנענער, האָט אַלעמען געררייצט:

— און איך וויים...

אַז די ברידער זײַנען אַרויס אין דרויסן, האָבן די פֿרויען מיר באַפֿוילן שטעלן דעם סאַמאָוואַר, און אַליין זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פֿענצטער, נאָר גאָר גיך האָט דער באַלעבאָס אָנגעקלונגען פֿון דער גאַס, איז שווײַגנדיק אַרופֿגעלאָפֿן אַף די טרעפּ און, עפֿענענדיק די טיר אין פֿירהויז, האָט ער געדיכט געזאָגט:

— מע האָט דעם קייסער דערהרגעט!

— טאַקע דערהרגעט! — האָט די אַלטע אויסגעשריגן.

— דערהרגעט, אַן אָפֿיצער האָט מיר געזאָגט... וואָס־זשע וועט איצטער זײַן?

וויקטאָרושקע האָט אָנגעקלונגען, און, אויסטוענדיק זיך אָן כיישעק, האָט ער אומצופֿרידן געזאָגט:

— און איך האָב געמיינט — אַ מילכאָמע!

דערנאָך האָבן זיך אַלע געזעצט טרינקען טיי, מע האָט געשמועסט רויִק, נאָר שטילערהייט און פֿאָרזיכטיק. אינדרויסן איז אויך געוואָרן שטיל, דער גלאָק האָט שוין ניט געהודעט. צוויי טעג האָבן זיי זיך געשושקעט געהיימניספֿול, זײַנען ערגעץ געגאַנגען, צו זיי זײַנען געקומען געסט און האָבן עפּעס אויספֿירלעך דער־ציילט. איך האָב זיך שטאַרק באַמיט צו פֿאַרשטיין, — וואָס איז געשען? נאָר די באַלעבאַטים האָבן פֿון מיר באַהאַלטן די צײַטונג, און אַז איך האָב געפֿרעגט בא סידאָראָוון — פֿאַרוואָס האָט מען עס דערהרגעט דעם קייסער, האָט ער געענטפֿערט שטיל:

— וועגן דעם איז פֿאַרווערט צו ריידן...

און אַלץ אײַנייִנעם איז עס גיך אָפּגעווישט געוואָרן, האָט זיך פֿאַרהײַטלט מיט די אַלטעגלעכע קלייניקײַטן, און איך האָב אײַנגיכן איבערגעלעבט זייער אַן אומאָנ־גענעמענע געשיכטע.

אין איינעם פֿון די זונטיקס, ווען די באַלעבאַטים זײַנען אַוועק צו דער פֿרי־מאָרגן־טפֿילע, און איך בין נאָכן שטעלן דעם סאַמאָוואַר אַוועק אופֿראָמען די צימערן, האָט דאָס עלטערע קינד זיך פֿאַרקליבן אין קיך, אַרויסגעשלעפּט פֿונעם סאַמאָוואַר דעם קראַן און זיך אונטערגעזעצט אונטערן טיש שפּילן מיטן קראַן. קוילן איז אין סאַמאָוואַר געווען גענוג, און אַז די וואַסער איז פֿון אים אויסגערונען, האָט ער זיך צעלייט. כ'האָב נאָך אין די צימערן דערהערט, אַז דער סאַמאָוואַר הודעט עפּעס אומנאַטירלעך גרימצאָרנדיק, און אַז איך בין אַרײַן אין קיך, האָב איך מיט

שרעק דערזען, אז ער איז אינגאנצן בלוי געוואָרן און טרייסלט זיך, פונקט ווי ער זאָל וועלן אונטערשפּרינגען פונעם פּאָל. דער אָפּגעלייטער צאַפּן האָט זיך א פּאַר־קאַלעשטער אראָפּגעלאָזן, דאָס אויבערדעקל איז אראָפּגעפאָרן אפּ א זייט, פון אונטער די הענטלעך האָבן געקאַפּעט טראָפּנס בליי, — דער לילאָוו־בלויער סאַמאָוואַר האָט אויסגעוויזן טויט־שיקער, איך האָב אים אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, ער האָט זיך צעשיפּעט און זיך טרויעריק צעוואַלגערט אפּן פּאָל.

מע האָט אָנגעקלונגען אפּן פּאַראַדנעם גאַנעק, איך האָב געעפנט די טיר, און אפּ דער אַלטערס פראַגע, צי ס׳איז שוין פּאַרטיק דער סאַמאָוואַר, האָב איך קורץ געענטפערט:

— פּאַרטיק!

אָט דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס האָט זיך באַ מיר ארויסגעכאַפּט, געוויס מאַכמעס פאַרלעגנהייט און שרעק, איז אָנגענומענ געוואָרן ווי א שפּאַס און האָט פאַרשטאַרקט מיין שטראָף. מע האָט מיך געשלאָגן. די אַלטע האָט געאַרבעט מיט א בינטל סאָסנאָווע קינעלעך. דאָס האָט ניט זייער ווי געטאָן, אָבער ס׳האָט איבערגעלאָזט אונטער דער הויט אפּן רוקן א מענגע טיפּ פאַרשטאָכענע שפּענדלעך. צו אָוונט איז דער רוקן באַ מיר געשוואָלן געוואָרן, ווי א קישן, און אפּן צווייטן טאָג מיטיקצייט האָט דער באַלעבאָס מיך געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל.

אז דער דאָקטער, א לאַנגער און א דאַרער צום לאַכן, האָט מיך באַטראַכט, האָט ער רויִק, מיט א טויבן באַס געזאָגט:

— דאָ דאַרף מען צונויפשטעלן א פּראָטאָקאָל וועגן נעריקן א מענטשן.

דער באַלעבאָס איז רויט געוואָרן, האָט גענומען שאַרפּען מיט די פיס און עפּעס שטיל ריידן צום דאָקטער, נאָר יענער האָט, קוקנדיק העכער זיין קאָפּ, קורץ געענטפערט:

— כ׳קאָן ניט. מע טאָר ניט.

דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט:

— ווילסט זיך קלאָגן?

ס׳האָט מיר ווי געטאָן, נאָר איך האָב געענטפערט:

— כ׳וויל ניט. היילט גיכער...

מ׳האָט מיך אָפּגעפירט אין אַן אַנדער צימער, מ׳האָט מיך ארופגעלייגט אפּ א טיש, דער דאָקטער האָט מיט אַנגענעם־קאַלטע צווענגלעך ארויסגעצויגן די שפּענדלעך און האָט זיך געוויצלט:

— מ׳האָט דיר גוט אויסגעאַרבעט די הויט, גוטער־ברודער, וועסט שוין ניט דורכלאָזן קיין נעצ...

אז ער האָט פאַרענדיקט מיט דער אַרבעט, וואָס האָט מיך אומדערטרעגלעך געקיצלט, האָט ער געזאָגט:

— צוויי און פערציק שפּענדלעך ארויסגעצויגן, פאַרגעדענק עס, גוטער־ברודער, וועסט זיך קענען איבערנעמען! מאָרגן אין דער שאָ קום צו גיין, וועל איך דיר איבערבינדן. מע שלאָגט דיך אָפט?

איך האָב א טראַכט געטאָן און געענטפערט:

פריִער האָט מען געשלאָגן אָפטער...

דער דאָקטער האָט זיך צעלאַכט אַפן באַס:

— אַלצדינג גייט צו בעסערן, גוטער־ברודער, אַלצדינג!

אַז ער האָט מיך אַרויסגעפירט צום באַלעבאָס, האָט ער אים געזאָגט:

— באַקומט דעם נעפעש — פּאַריכט! מאָרגן שיקט אים, וועט מען אים איבער־בינדן. צו אײַער גליק, איז ער באַ אײַך אַ קאָמיקער...

זיצנדיק אַפן פורל, האָט דער באַלעבאָס צו מיר געזאָגט:

— מיך האָט מען אויך געשלאָגן, פּעשקאָוו, — וואָס זאָל מען טון? מ'האָט געשלאָגן, ברודער! צו דיר האָב איך כאָטש מיטלייד, און צו מיר האָט קיינער קיין מיטלייד ניט געהאַט, קיינער ניט! מענטשן פול אומעטום — אַ דערשטיקעניש, און קומט צו מיטלייד, איז קיין לעבעדיקער הונט ניטאָ! עך, כײַעס הינערשע...

ער האָט זיך דעם גאַנצן וועג געשאָלטן, ס'איז מיר געווען אַ ראַכמאָנעס אַף אים, און איך בין אים געווען זייער דאַנקבאַר, וואָס ער רעדט מיט מיר אַזוי מענטשלעך.

באַ אַלעמען אין שטוב איז מײַן אַראָפּקומען געווען זייער אָנגעלייגט, די פרויען האָבן מיך געצוווּנגען דערציילן אויספירלעך, וויאַזוי דער דאָקטער האָט מיך גע־היילט, וואָס ער האָט גערעדט, — מ'האָט געהערט און געאָכצעט, זיס צוטשמאָקענדיק, זיך קנייטשנדיק. וווּנדערלעך, ווי אָנגעשטרענגט זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט קרענק, מיט ווייטעק, מיט אַלץ, וואָס אומאַנגענעם!

כ'האָב געזען, ווי צופרידן זיי זײַנען מיט מיר, וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו באַקלאָגן זיך אַף זיי, איך האָב עס אויסגענוצט און געבעטן באַ זיי אַ דער־לויבעניש אַף נעמען ביכער באַ דער צושנײַדערן. זיי האָבן מיר ניט אָפּגעזאָגט, נאָר די אַלטע האָט מיט כידעש געזאָגט:

— אײַ, איז עס אַ שעד!

אין אַ טאָג אַרום בין איך געשטאַנען פאַר דער צושנײַדערן, און זי האָט מילד גערעדט צו מיר:

— און מיר האָט מען געזאָגט, אַז דו ביסט קראַנק, מ'האָט דיך אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, — זעסטו שוין, ווי ניט ריכטיק ס'זײַנען אַלערליי רייד?

איך האָב געשוויגן. ס'איז מיר געווען אַ כאַרפּע צו זאָגן איר דעם עמעס — צו וואָס דאַרף זי וויסן דאָס, וואָס ס'איז גראָב און טרויעריק? ס'איז אַזוי גוט, וואָס זי איז ניט אַזאַ, ווי אַלע.

ווידער לייען איך דיקע ביכער פון דיומאַ־דעם־פאָטער, פּאָנסאָן־דע־טערײַל, מאָנטעפּען, זאַקאָנע, גאַבאָריאָ, עמאַר, בואַגאָבע, — איך שלינג אָט די ביכער גיך איינס נאָכן אַנדערן, און מיר איז פריילעך, איך פיל זיך אָנטיילנעמער פון אַ לעבן אָן אויסערגעוויינלעכס, סע רעגט מיך זיס, וועקט מוטערקײַט. ווידער רויכערט מײַן אייגן־אויסגעאַרבעטער לײַכט־געצײַג, איך לייען גאַנצע נעכט ביז אינדערפרי, די אויגן טוען מיר שוין צוביסלעך וויי, און די אַלטע באַלעבאָסטע טײַנעט מיט מיר אײַנ לִיבלעך:

— וואַרט, ביכער־פרעסער, די קוקערס וועלן דיר נאָך פּלאַצן, וועסט בלינד ווערן!

אינגיכן אָבער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין אָט די אַלע אינטערעסאַנט פאַר־פּלאָנטערטע ביכער, אומגעאַכט אַף דער פאַרשיידנאַרטיקײַט פון די געשעענישן און

אפּ דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די לענדער און שטעט, גייט די רייד וועגן איין און דער זעלבער זאַך: גוטע מענטשן זײַנען אומגליקלעך און ווערן געפּלאָגט פון שלעכטע, די שלעכטע זײַנען אַלעמאָל מאַזלדיקער און קליגער פון די גוטע, אָבער סאָפּקאָלסאָפּ מאַכט זיך אַזוי, אַז עפּעס אַזוינס, וואָס מע קען עס ניט אָנכאַפּן, ברעכט אונטער די שלעכטע מענטשן, און די גוטע טריִומפירן אומבאַדינגט. ס'איז נימעס געוואָרן די „ליבע", וואָס אַלע מאַנצבלען און פרויען רעדן וועגן איר מיט איינע און די זעלבע ווערטער. אָט די איינאַרטיקייט האָט, אויסער דעם, וואָס זי האָט גענומען ווערן לאַנגווײַליק, אָנגעהויבן וועקן אַן אומקלאָרן פאַרדאַכט.

ס'פלעג זיך מאַכן, אַז שוין פון די ערשטע זײַטלעך שטויסטו זיך אָן, ווער ס'וועט זיגן, ווער ס'וועט באַזיגט ווערן, און ווי נאָר סע קלאָרט זיך אויס דער קנופּ פון די געשעענישן, באַמיסטו זיך אים פאַנאַנדערבינדן מיטן קויעך פון דײַן פאַנטאַזיע. הערסט אויף לייענען דאָס בוך און טראַכסט וועגן דעם, ווי וועגן אַן אויפגאַבע פון אַן אַריפמעטיש לערנביכל, און אַלץ אָפטער געלינגט ריכטיק צו באַשטימען, ווער פון די העלדן ס'וועט אַרײַן אין גאַניידן פון אַלערליי ווּילטעקן, און ווער ס'וועט אַרײַנגעוואָרפן ווערן אין געפענקעניש.

נאָר הינטער דעם אַלעמען זע איך אָפּגלאַנצן פון אַ לעבעדיקן עמעס, וואָס איז פאַר מיר ביז גאָר וויכטיק, שטריכן פון אַן אַנדער לעבן, פון אַנדערע באַציִונגען. ס'איז מיר קלאָר, אַז אין פאַריז זײַנען די פּורלײַט, די אַרבעטער, די סאָלדאַטן און דאָס גאַנצע „שוואַרצע פאָלק" ניט אַזאַ, ווי אין ניזשני, אין קאַזאַן, אין פּערם, — סע רעדט מוטיקער מיט די הערשאַפטן, האַלט זיך מיט זיי מער פּראָסט און אומאָפּהענגיק. אָט איז אַ סאָלדאַט, נאָר ער איז ניט ענלעך אַפּ קיינעם פון די, וואָס איך קען זיי — ניט אַפּ סידאָראָוון, ניט אַפּן וויאַטקער פונעם דאַמפער, און שוין אוודאי ניט אַפּ יערמאָכינען. ער איז מער מענטש, ווי זיי אַלע. ער האָט אין זיך עפּעס אַלגעמיינס מיט סמורין, נאָר איז ניט אַזוי כײַע־אַרטיק און גראָב. אָט איז אַ קרעמער, איז ער אויך בעסער פון אַלע קרעמערס, וואָס זײַנען מיר באַקאַנט. אויך די גאַלאָכים אין די ביכער זײַנען ניט אַזוינע, ווי די, וואָס איך קען, — זיי זײַנען האַרציקער, באַציִען זיך מיט מער וואַרעמקייט צו מענטשן, אין אַלגעמיין איז דאָס גאַנצע לעבן אין אויסלאַנד, לויט ווי די ביכער דערציילן וועגן דעם, אינטערעסאַנטער, גרינגער, בעסער פון דעם לעבן, וואָס איך ווייס: אין אויסלאַנד שלאָגט מען זיך ניט אַזוי אָפט און ווילד, מע כויזעקט ניט פון אַ מענטשן אַזוי פּײַנלעך, ווי מע האָט עס געטאָן, אַשטייגער, מיטן וויאַטקער סאָלדאַט, מע דאַוונט ניט צו גאָט אַזוי ווילד־פײַערדיק, ווי סע דאַוונט די אַלטע באַלעבאָסטע.

באַזונדערס מערקווירדיק איז, וואָס, דערציילנדיק וועגן פאַרברעכערס, וועגן מענטשן זשעדנע און פּאָדלע, ווײַזן די ביכער ניט אין זיי יענע אומפאַרשטענדלעכע אַכזאָריִעסקייט, יענע שטרעבונג צו טרעטן אַ מענטשן מיט די פיס, וואָס איז מיר אַזוי באַקאַנט, איז אַזוי אָפט פּאָרגעקומען פאַר מײַנע אויגן. דער ביכערישער פאַרברעכער איז אַכזאָריִעסדיק צו דער זאַך. קימאַט אַלעמאָל קען מען פאַרשטיין, פאַרוואָס ער איז אַכזאָריִעסדיק, און איך זע אַכזאָריעס אָן אַ ציל, אָן אַ זין, דער מענטש פאַרווײַלט זיך מיט איר בלויז, ניט ריכטנדיק זיך דערפון אַפּ קיין שום נוץ.

מיט יעדן נייַעם בוך טרעט ארויס פאר מיר די ניט־ענלעכקייַט פונעם רוסישן לעבן אפן לעבן פון אנדערע לענדער אלץ קלאָרער, אופוועקנדיק א טונקעלן פארדראָס, פארשטארקנדיק דעם פארדאכט צו דער עמעסדיקייַט פון די געלע פארלייענטע זייַטלעך מיט די קויטיקע ווינקלען.

און פלוצעם איז מיר אריַינגעפאלן אין דער האנט דער ראָמאן „די ברידער זעמגאנאָ“ פון די גאָנקורס. איך האָב אים איבערגעלייענט פאראמאָל אין איין נאכט, און, פארכידעשט פון עפעס, וואָס איך האָב נאָך ביז דער צייַט ניט געפילט, האָב איך ווידער גענומען לייענען די דאָזיקע פאָשעטע, טרויעריקע געשיכטע. אין איר איז ניט געווען קיין שום פלאָנטער, קיין שום אויסערלעכע אינטערעסאנטקייַט. פון די ערשטע זייַטלעך האָט זי אויסגעוויזן ערנסט און טרוקן, ווי די לעבנס־באשרייַבונגען פון די הייליקע. איר שפראך, אזא פינקטלעכע, אָן פליטערלעך, האָט מיך פון אָנהייב אומאנגענעם פארווונדערט, נאָר די קארגע ווערטער, די שטייַפ געבויטע פראזעס האָבן זיך אזוי גוט געלייגט אפן הארצן, אזוי איבערצייַגנדיק דערציילט וועגן דער דראמע פון די ברידער־אקראָבאטן, אז די הענט האָבן בא מיר געציטערט פון פארגעניגן צו לייענען אָט דאָס בוך. איך האָב געוויינט אָן אָפהאלט, לייענענדיק, וויאזוי דער אומגליקלעכער ארטיסט מיט די צעבראָכענע פיס פויזעט ארופ אפן בוידעם, ווו דער ברודער זייַנער פארנעמט זיך געהיים מיט דער באַליבטער קונסט.

אָפגעבנדיק אָט דאָס ווילע בוך דער צושנייַדערן, האָב איך זי געבעטן געבן מיר נאָך איינס אזוינס.

— וואָס הייסט עס — אזוינס ? — האָט זי געפרעגט מיט א שמייכל.

אָט דער שמייכל האָט מיך פארשעמט, איך האָב ניט געקענט דערקלערן, וואָס איך מיין, און זי האָט געזאָגט :

— דאָס איז א לאנגווייַליק בוך, אָט ווארט, איך וועל דיר ברענגען אן אנדערס א מער אינטערעסאנטס...

אין עטלעכע טעג ארום האָט זי מיר געגעבן גרינוודס „אן עמעסע געשיכטע מיט א קלייניקן בעטלער־יינגל“. דאָס קעפל פון בוך האָט מיך א שטאָך געטאָן, נאָר שוין דאָס ערשטע זייַטל האָט ארויסגערופן אין הארצן א שמייכל פון היספייַלעס, מיט דעם שמייכל האָב איך שוין געלייענט דאָס גאנצע בוך ביזן סאָף, איבערלייענענדיק אנדערע זייַטלעך צו צוויי אָדער צו דרייַ מאָל.

איז אָט ווי שווער און פייַנלעך סע לעבן אנדערע יינגלעך אפילע אין אויסלאנד ! נו, מיר איז ווייַט ניט אזוי שלעכט, — איז נאָך, הייסט עס, ניטאָ וואָס צו זייַן אראָפגעפאלן בא זיך !

אסאך מונטערקייַט האָט מיר גרינווד געשענקט, און אינגיכן נאָך דעם האָב איך שוין געקריגן טאקע דעם „ריכטיקן“ בוך — „יעווגעניע גראנדע“.

דער אלטער גראנדע האָט מיר שארף דערמאנט אין דעם זיידן, ס׳איז געווען א פארדראָס, וואָס דאָס בוך איז אזוי קליין, און א כידעש, וויפל עמעס ס׳איז אין דעם פאראן. אָט דעם עמעס, וואָס איז מיר אזוי באקענט און נימעס געווען אין לעבן, האָט דאָס בוך באוויזן אין א באלויכטונג אינגאנצן א נייַער — אָן בייזקייַט, רויִק. אלע פריִער־איבערגעלייענטע ביכער, אויסער די גאָנקורס, האָבן געמישפעט די מענטשן פונקט

אזוי שטרענג און שרײַענדיק, ווי מײַנע באַלעבאַטים. זייער אָפּט האָבן זיי ארויסגערופן א סימפּאַטיע צום פאַרברעכער און א פאַרדראָס אפ די ערלעכע לײַט. ס'האָט אַלעמאָל באַנק געטאָן, וואָס בא אזא גרויסער אָנשטרענגונג פון פאַרשטאַנד און ווילן קען דער מענטש פונדעסטוועגן ניט דערגרייכן, וואָס ער פאַרלאַנגט, — די ערלעכע לײַט שטייען פאַר אים פונעם ערשטן ביזן לעצטן זײַטל אומגעוואַקלט, ווי די שטיינער־נע סטויפּעס. כאָטש אין אָט די סטויפּעס ווערן אומפאַרמײַדלעך צעקלאַפּט אַלע בייזע פּלענער פון דער זינד, נאָר די שטיינער רופן ניט ארויס קיין מיטגעפיל. ווי שיין און שטאַרק סע זאָל ניט זײַן א וואַנט, איז ווען דו ווילסט אָבער אראָפּ־רײַסן אַן עפּל פון א בוים הינטער דער וואַנט, קענסטו פון איר קיין האַנאָע ניט האָבן. און מיר האָט שוין געדוכט, אז אַלץ, וואָס האָט א ווערט און א לעבן אין זיך, איז באַהאַלטן ערגעץ הינטערן גוטן און פרומען געבאָט...

בא די גאָנקורס, בא גרינוודן, בא באַלזאַקן זײַנען ניט געווען קיין פאַרברעכער, קיין באַזונדערס גוטע מענטשן. ס'זײַנען געווען פּאָשעטע מענטשן, ווונדערלעך לעבעדיקע, זיי האָבן ניט געוועקט קיין שום סאָפעק דערין, אז אַלץ, וואָס סע ווערט געזאָגט און געטאָן פון זיי, איז געזאָגט און געטאָן געוואָרן טאַקע אזוי און ניט געקאָנט געטאָן ווערן אנדערש.

אזויארום בין איך געווירע געוואָרן, וואָס פאַר א גרויסער יאָנטעוו ס'איז „א גוטער, א ריכטיקער בוך". נאָר וויאזוי געפינט מען אים? די צושניידערן האָט מיר ניט געקענט העלפן.

— אָט איז א גוטער בוך, — פלעג זי זאָגן, פאָרלייגנדיק מיר „העגט, וואָס זײַנען פול מיט רויזן, גאָלד און בלוט" פון ארסען גוסע, ראָמאַנען פון בעלאָ, פּאָל־דע־קאָק, פּאָל פעוואַל, — נאָר איך האָב זיי שוין געלייענט מיט מאַטערניש.

איר זײַנען געפעלן געווען די ראָמאַנען פון מאַריעטן, ווערנערן. מיר זײַנען זיי געווען לאַנגווײַליק. ס'האָט מיך אויך ניט געפרייט שפּילהאַגען, נאָר ס'זײַנען זייער געפעלן געוואָרן אאוערבאַכס דערציילונגען. סיו און הוגאָ האָבן מיך אויך ווייניק פאַר־כאַפּט, וואַלטער־סקאָט איז מיר געווען מער צום האַרצן. איך האָב געוואָלט נאָך ביכער אזוינע, וואָס זאָלן מיך רעגן און פרייען אזוי, ווי דער ווונדערלעכער באַלזאַק. די פאָרצעליינע פרוי איז מיר אויך וואָס אמאָל ווייניקער געפעלן געווען.

גייענדיק צו איר, פלעג איך אָנטאָן א ריין העמד, פלעג זיך צוקעמען, האָב זיך באַמיט אָנעמען א מער לײַטישן אויסזען, ס'האָט זיך מיר מיסטאָמע שוואַך אײַנגעגעבן, נאָר איך האָב אַלץ געוואַרט, אז זי וועט באַמערקן מײַן לײַטישקײַט און וועט זיך צערײדן מיט מיר פּראָסטער און פרײַנטלעכער, אָן אָט דעם פישענעם שמייכל אפן ריינינקן, אַלעמאָל יאָנטעוודיקן פּאָנעם. נאָר זי פלעג שמייכלענדיק פרעגן מיט א מיד, זיסלעכן קאָל:

— איבערגעלייענט? געפעלט דיר?

— ניין.

עטוואָס אונטערגעהויבן די דינע ברעמען, קוקט זי מיך אָן און, אָפּזיפצנדיק, רעדט זי שוין אפן באַקאַנטן אויפן אונטער דער נאָז:

— נאָר פאַרוואָס?

— כ'האָב שוין וועגן דעם געלייענט.

— וועגן וואָס — וועגן דעם?

— וועגן ליבע...

צוגעזשמורעט די אויגן, לאַכט זי מיט א צוקער־געלעכטערל:

— אַך, נאָר אין אַלע ביכער שרײַבט מען דאָך וועגן ליבע!

זיצנדיק אין א גרויסן פאָטעל, באָמבלט זי מיט די קליינע פיסלעך אין די פור־טערנע פאַנטאַפעלעך, גענעצט, קוטעט זיך אינעם בלויען כאַלאַט און קלאַפּט מיט די ראָזעווע פינגער איבערן אײַנבונד פונעם בוך, וואָס זי האַלט.

מיר גלוסט זיך א פרעג טאָן:

— וואָס־זשע פאָרט איר ניט ארויס פון דער דירע? די אָפּיצערן הערן דאָך ניט אויף צו שרײַבן אײַך צעטעלעך, האַלטן אײַך אין אײַן לאַכן פון אײַך...

נאָר סע פעלט מיר אויס דרייסטקייט צו זאָגן עס איר, און איך גיי ארויס, אוועקטראָגנדיק א דיקן בוך וועגן „ליבע” און א טרויעריקע אנטוישונג אינעם הארצן.

אין הויף רעדט מען וועגן דער פרוי אַלץ ערגער, שפּאָטישער און בייזער. ס׳באַליידיקט מיך זייער, ווען מיר קומט אויס צו הערן די אַלע ריידעלעך: קויטי־קע און אוואדע פאַלשע. הינטער די אויגן האָב איך ראַכמאָנעס אף דער פרוי, שרעקט מיר פאַר איר דאָס הארץ. נאָר אז איך קום ארײַן צו איר, זע אירע שוואַר־צע אייגלעך, די קעציקע בייגעוודיקייט פונעם קליינינקן קערפּער און אָט דאָס שטענדיק יאָנטעוודיקע פּאָנעם, — צערינען מײַן ראַכמאָנעס און מײַן שרעק, ווי א רויך.

פרילינג איז זי ערגעץ אוועקגעפאָרן, און שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָט אויך דער מאַן אירער איבערגעביטן די קוואַרטיר.

ווען די צימערן זײַנען געשטאַנען ליידיק, וואַרטנדיק אף נײַע באַוווינער, בין איך ארײַן א קוק געבן אף די הוילע ווענט, מיט די קוואַדראַטע פלעקן אף די ערטער, ווו ס׳זײַנען געהאַנגען בילדער, מיט אויסגעבויגענע צוועקעס און וווּנדן פון צוועקעס. איבערן געפאַרבטן פּאָל זײַנען געווען צעוואָרפן פאַרשיידנפאַרביקע שמאַ־טעס, שטיקער פּאַפּיר, צעבראָכענע אַפּטייק־פּודעלעך, פלאַקאָנדלעך פון פּאַרפומען, און ס׳האָט געגלאַנצט א גרויסע קופּערנע שפּילקע.

מיר איז געוואָרן אומעטיק. ס׳האָט זיך מיר געגלוסט נאָכאַמאָל זען די קליינע צושנײַדערן, — זאָגן, ווי דאַנקבאַר איך בין איר...

X

נאָך איידער די צושנײַדערן איז אוועקגעפאָרן, האָט זיך אונטער דער וווינונג פון מײַנע באַלעבאַטים באַזעצט א שוואַרץ־אויגיקע יונגע דאַמע מיט א מיידעלע און מיט א מוטער, א גרויִנקער אַלטיטשקער, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געדרי־בערט פּאַפּיראָסן פון א בורשטינענעם ציגאַרנשפּיץ. די דאַמע איז געווען זייער א שיינע: א הערשערישע, א שטאָלצע, האָט זי געקוקט מיט א געדיכטער אַנגע־נעמענער שטים, האָט אף אַלעמען געקוקט, אופוואַרפנדיק דעם קאָפּ, א האָרעלע

צוגעזשמורעט די אויגן, פונקט ווי די מענטשן זײַנען זייער ווײַט אָפּגערוקט פון איר, און זי זעט זיי שוואַך. קימאט אלע טאָג פלעג דער שווארצער סאָלדאט טיופּיאיעוו צופירן צום גאנעק פון איר וווינונג א דינ־פּיסיק רויט פערד, די דאמע פלעג ארויס אפן גאנעק אין א לאנגן שטאָלקאָלירענעם, סאמעטענעם קלייד, אין ווײַסע הענטשקעס מיט „גלעקער", אין געלע שטיוול. האלטנדיק אין איין האנט דעם שלייף און דאָס בײַטשל מיט א לילאָוון שטיין אינעם שטיל, האָט זי מיט דער פרײַער קליינער האנט מילד געגלעט דעם פערדס אויסגעשטשירעטע מאָרדע — עס האָט אף איר געקאָסעט מיט א פײַערדיק אויג, האָט אינגאנצן געציטערט און שטיל געקלאפּט מיט א טלאָ אין דער אײַנגעטראָטענער ערד.

— ראָבער, ראָ־אָבער, — האָט זי ניט הויך גערעדט און פעסט געפּאטשט דאָס פערד איבער דעם שיינ־אײַנגעבויגענעם האלדז.

דערנאָך פלעג די דאמע, ארופשטעלנדיק א פוס אף טיופּיאיעווס א קני, פלינק ארופשפּרינגען אפן זאָטל, און דאָס פערד פלעג, שטאָלץ אונטערטאנצנדיק, זיך לאָזן גיין איבער דער דאמבע. זי איז געזעסן אפן זאָטל אזוי לײַכט, ווי זי וואָלט צוגע־וואקסן צו אים.

שיין איז זי געווען מיט יענער זעלטענער שיינקײַט, וואָס ווײַזט שטענדיק אויס נײַ, אומגעזעען און פילט שטענדיק אָן דאָס הארץ מיט פארשיקערנדיקער פרייד. קוקנדיק אף איר, האָב איך געטראכט, אז אָט אזוינע זײַנען געווען דיאנא פּואטיע, די קעניגן מארגאָ, פרײַלין לא־וואליער און די אנדערע שיינהײַטן, די העלדנס פון די היסטאָרישע ראָמאנען.

ס'האָבן זי שטענדיק ארומגערינגלט די אָפיצערן פון דער דיוויזיע, וואָס איז געשטאנען אין שטאָט. אין די אָוונטן האָבן זיי בא איר געשפּילט אף דער פּיאנינע, אף א פידל, אף גיטארעס, האָבן געטאנצט און געזונגען. אָפטער ווי אנדערע האָט זיך ארום איר געדרייט אף די קורצינקע פיסלעך דער מאיאָר אָלעסאָוו, א דיקער, א רויט־פּארצעפּדיקער, א גרויער און א פארפעטסטער, ווי א מאשיניסט פון א דאמ־פער. ער האָט גוט געשפּילט אף א גיטארע און האָט זיך געפירט, ווי אן אונטער־טעניקער איבערגעגעבענער דינער פון דער דאמע.

פונקט אזוי גליקלעך שיין, ווי די מוטער, איז געווען דאָס פינפיאָריקע מיידעלע, א קוטשעראווע, א פּולינקס. אירע גרויסע בלוילעכע אויגן האָבן געקוקט ערנסט, מיט א רויק אויסוואַרטנדיקן בליק, און עפּעס איז געווען אינעם מיידעלע א ניט־קינדערשע אײַנגעטראכטקײַט.

די באבע איז פון אינדערפרי ביז אינאָוונט געווען פארנומען מיט דער באלע־באטישקײַט אינאיינעם מיטן פארומערט־שטומען טיופּיאיעוון און מיט דער דיקער קרום־אויגיקער שטוב־דינערן. קיין ניאניע האָט דאָס קינד ניט געהאט. דאָס מיי־דעלע האָט געלעבט קימאט אָן אופזיכט, גאנצע טעג זיך געשפּילט אפן גאנעק אָדער אף דער קופּע קלעצער קעגן אים. איך האָב אָפט אָוונט־צײַט געשפּילט מיט איר און האָב זייער ליב געקריגן דאָס מיידעלע, און זי האָט זיך גיך צוגעוווינט צו מיר און פלעג אײַנשלאָפן בא מיר אף די הענט, ווען איך פלעג איר דערציילן א מײַ־סע. זי שלאָפט אײַן, און איך טראָג זי אָפּ אפן געלעגער. אינגיכן איז עס דער־גאנגען אזוי ווײַט, אז, לייגנדיק זיך שלאָפן, פלעג זי פאָדערן ניט אנדערש, נאָר

איך זאָל קומען זיך געזעגענען מיט איר. איך פלעג קומען, זי פלעג מיט וויכטיקייט דערלאַנגען מיר דאָס פוכקע הענטל.

— זײַ געזונט ביז מאָרגן! באָבע, ווי דאַרף מען זאָגן?

— באַהיט דיך גאָט, — ענטפערט די באָבע, אַרויסלאָזנדיק פונעם מויל און פון דער שאַרפער נאָז בלוי־גרויע שטרעמעלעך רויך.

— באַהיט דיך גאָט ביז מאָרגן, און איך וועל שוין שלאָפן, — כאַזערט איבער דאָס מיידעלע, זיך קוטענדיק אין דער שפּיצן־באַנייטער קאָלדרע.

די באָבע לערנט זי:

— ניט ביז מאָרגן, נאָר — שטענדיק.

— און מאָרגן קומט דען פאָר ניט שטענדיק?

— זי האָט ליב געהאַט דאָס וואָרט „מאָרגן", און אַלץ, וואָס איז איר געווען געפעלן, פלעג זי אַריבערטראָגן אין דער צוקונפט. זי שטעקט אָן אין דער ערד אָפּגעריסענע בלומען, אָפּגעבראָכענע צווײַגלעך און זאָגט:

— מאָרגן וועט עס זײַן אַ סאָד...

— מאָרגן ווען־ניט־איז וועל איך זיך אויך קויפן אַ פערד און פאָרן רײַטנדיק, ווי די מאַמע.

זי איז געווען אַ קלוגינקע, נאָר ניט זייער קיין פריילעכע — אָפט אינמיטן אַ לעבהאַפטיקער שפּיל פאַרטראַכט זי זיך פלוצעם און פרעגט אומגעריכט:

— פאַרוואָס איז בײַ די גאַ'אָכים האָר, ווי בײַ די ווײַבער?

זי האָט זיך אָפּגעבריט מיט קראָפּעווע, און דראָענדיק איר מיטן פינגער, האָט זי געזאָגט:

— וועסט זען, כ'וועל בעטן גאָט, וועט ער מאַכן, ס'זאָל דיר זײַן זייער ש'עכט, גאָט קאָן אַ'עמענ טאָן ש'עכטס — אפי'ע דער מאַמען...

אַן אַנדער מאָל פלעג אַפּ איר אָנפאַלן אַ שטילער ערנסטער טרויער. צוגעזדיקט צו מיר, אַרופקוקנדיק צום הימל מיט בלויע, וואַרטנדיקע אויגן, רעדט זי:

— די באָבע ווערט אָפט אין קאַס, אָבער די מאַמע — ניין. נאָר זי יאַכט, אַ'יע האָבן זי יב, ווײַ' זי האָט קיינמאָ' קיין צײַט ניט, נאָכאַנאַנד סע קומען געסט, די געסט קוקן אַפּ איר, ווײַ' זי איז אַ שיינע, זי איז אַ יבע, די מאַמע. אָ'יעסאָוו זאָגט אויך אַזוי: יבע מאַמע!

מיר איז זייער געפעלן געווען הערן דעם מיידעלעס רייד — זי האָט דערציילט וועגן אַ וועלט, וואָס איז מיר געווען אומבאַקאַנט. וועגן דער מוטער אירער האָט זי שטענדיק גערעדט גערן און אַסאַך — פאַר מיר האָט זיך פאַמעלעך צעעפנט אַ נײַ לעבן, ווידער האָב איך זיך דערמאָנט אין דער קעניגן מאַרגאָ, דאָס האָט נאָך מער פאַרטיפט מײַן צוטרוי צו ביכער און אויך דעם אינטערעס צום לעבן.

איינמאָל אָוונט־צײַט, ווען איך בין געזעסן אַפּן גאַנעק, וואַרטנדיק אַפּ די באַלעבאַטים, וואָס זײַנען אַוועק שפּאַצירן אַפּ „אָטקאָס", און דאָס מיידעלע האָט געדרעמלט בײַ מיר אַפּ די הענט, איז רײַטנדיק צוגעפאָרן איר מוטער, איז לײַכט אַראָפּגעשפּרונגען אַפּ דער ערד און, אופוואַרפנדיק דעם קאָפּ, האָט זי געפרעגט

— וואָס איז עס — זי שלאָפט?

— יאָ.

— אזוי גאָר...

ס'איז ארויסגעשפּרונגען דער סאָלדאט טיופּיאיעוו, האָט צוגענומען דאָס פערד. די דאמע האָט פארשטעקט דאָס בײַטשל הינטערן קושאק און געזאָגט, אויסשטרעקנ־דיק די האנט:

— גיב זי מיר אהער!

— כ'וועל אַליין אָפּטראָגן.

— נאָ! — האָט די דאמע אָפּ מיר א געשריי געטאָן, ווי אָפּ א פערד, און א טופּע געטאָן מיטן פוס אינעם טרעפּל פונעם גאנעק.

דאָס מיידעלע האָט זיך אופגעכאפּט, האָט מיט פינטלענדיקע אויגן אָנגעקוקט די מוטער און אויך אויסגעשטרעקט צו איר די הענט. זיי זײַנען אוועק.

איך בין געווען געווינט, מע זאָל שרײַען אָפּ מיר, נאָר ס'איז ניט געווען אנ־גענעם, וואָס אויך אָט די דאמע שרײַט — איטלעכער וואָלט געפּאָלגט איר שטילסטן באפעל.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט מיך די קרום־אויגיקע שטוב־דינערן ארײַנגע־רופן — דאָס מיידעלע קאפּריזעט, וויל ניט גיין שלאָפן, ביז זי וועט זיך ניט געזע־געגען מיט מיר.

איך בין ארײַן אין גאסטצימער מיט א געוויסן שטאָלץ, — דאָס מיידעלע איז געזעסן בא דער מוטער אָפּ די קני, די דאמע האָט מיט פלינקע הענט זי אויסגעטאָן.

— נו, אָט, — האָט זי געזאָגט, — אָט איז ער געקומען, די מעשוגעדיקע באַ־שעפעניש.

— ניט קיין באשעפעניש, נאָר מײַן יינגע'ע!...

— אזוי? זייער וווּיל. לאָמיר אים עפּעס שענקען, דײַן יינגעלע. ווילסט?

— יאָ, איך ווי'.

— אויסגעצייכנט, איך וועל עס טאָן. און דו גיי שלאָפן.

— זײַ געזונט ביז מאָרגן, — האָט געזאָגט דאָס מיידעלע, דערלאנגענדיק מיר א האנט, — באהיט דיך גאָט ביז מאָרגן...

די דאמע האָט פארכידעשט אויסגערופן:

— ווער האָט דיך עס אויסגעלערנט — די באבע?

— יאָ־אָ...

אז זי איז אוועק, האָט די דאמע מיך צוגערופן מיט א פינגער.

— וואָס־זשע זאָל איך דיר שענקען?

איך האָב געזאָגט, אז איך דארף ניט קיין שום געשאנק, נאָר עפּשער וועט זי מיר געבן א ביכל? זי האָט אונטערגעהויבן מײַן קין מיט אירע הייסע, שמעקנ־דיקע פינגער, פארגענדיק מיט אן אנגענעמענעם שמייכל:

— אזוי גאָר, האָסט ליב צו לייענען, יאָ? וואָס־זשע פארא ביכער האָסטו גע־לייענט?

שמייכלענדיק, איז זי געוואָרן נאָך שענער. איך האָב אין פארלעגנהייט אָנגע־רופן עטלעכע ראָמאנען.

— וואָס־זשע געפעלט דיר אין זיי? — האָט זי געפרעגט, אנידערלייגנדיק די הענט אָפּן טיש און שטיל באוועגנדיק מיט די פינגער.

פון איר איז געגאנגען א זיסער, שטארקער רייעך פון בלומען, מיט אים האָט זיך מאָדנע צונויפגעגאָסן דער רייעך פון פערדישן שווייס. זי האָט געקוקט אף מיר דורך די לאנגע ווײַסע פּאַרטראַכט־ערנסט, — ביז דער מינוט האָט נאָך קיינער אף מיר אזוי ניט געקוקט.

פון דער מענגע ווייך און שיינע מעבל איז אין צימער געווען ענג, ווי אין א פויגל־נעסט. די פענצטער זײַנען געווען פאַרדעקט מיט גרינס פון בלומען, אין האַלב־טונקל האָבן געבלישטשעט די שניי־ווײַסע קאכל פונעם אויוון, באַזײַט לעבן אים האָט געגלאַנצט א שווארצער ראָיאַל, און פון די ווענט האָבן אין געלאָשענעם גאָלד פון די ראַמען געקוקט עפּעס טונקעלע גראַמעטעס, קרום באַזייטע מיט גרויסע אוי־סיעס פון סלאַווישן דרוק, און אונטער יעדער קסאַוו איז געהאַנגען אף א שנור א טונקעלער גרויסער שטעמפּל. אַלע זאַכן האָבן געקוקט אף דער פרוי פונקט אזוי אונטערטעניק און שרעקיק, ווי איך.

איך האָב איר דערקלערט, ווי איך האָב געקענט, אז לעבן איז זייער שווער און לאַנגווײַליק, און, לייענענדיק ביכער, פארגעסטו אין דעם.

— יאָ־אָ, אזוי גאָר? — האָט זי געזאָגט, אופשטעלנדיק זיך. — דאָס איז ניט שלעכט, אפילע ריכטיק... נו, איז ווי־זשע? כ׳וועל דיר געבן ביכער, נאָר איצט גראָד האָב איך ניט... סײַדן אָט דאָס־אָ נעמ...

זי האָט גענומען פונעם דיוואַן אַן אויסגעריבן ביכל אין א געלער הילע.

— ווען איבערלייענען, וועסטו קריגן דעם צווייטן טייל, ס׳פאַראַנען פיר...

— איך בין ארויס, אוועקטראָגנדיק מיט זיך „די געהיימנישן פון פעטערבורג״ פונעם פירשט מעשטשערסקי און האָב אָנגעהויבן לייענען דאָס בוך מיט גרויס אופ־מערקזאַמקײַט, נאָר באַלד פון די ערשטע זײַטלעך איז מיר קלאָר געוואָרן, אז די פעטערבורגער „געהיימנישן״ זײַנען אסאך לאַנגווײַליקער פון די מאַדרידער, לאָנ־דאָנער און פאַריזער. טשיקאַווע איז מיר געווען נאָר דער מאָשל וועגן דער פ ר ײַ־ה ײַ ט און דעם ש ט ע ק ן.

„איך בין העכער פון דיר, — האָט געזאָגט די פ ר ײַ ה ײַ ט, — ווײַל איך בין קליגער״.

נאָר דער ש ט ע ק ן האָט געענטפערט:

„ניין, איך בין העכער פון דיר, ווײַל איך בין שטארקער״.

זיי האָבן זיך געשפּאַרט, געשפּאַרט און האָבן זיך צעשלאָגן; דער ש ט ע ק ן האָט צענעריקט די פ ר ײַ ה ײַ ט, און די פ ר ײַ ה ײַ ט איז, וויפל איך געדענק, געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון די קלעפּ.

אין בוך האָט זיך גערעדט וועגן א ניהיליסט. כ׳געדענק, לויטן פירשט מעשטשער־סקי — איז דער ניהיליסט אזא ווײַט גיפטיקער מענטש, אז פון זײַן בליק פייגערן הינער. דאָס וואָרט ניהיליסט איז מיר אויסגעקומען באַליידיקנדיק און אומאָנשטענ־דיק, נאָר מער האָב איך דאָרט גאָרניט ניט פארשטאַנען און בין ארײַנגעפאַלן אין מאָרעשכוירע: אפּאַנעם, אז איך פארשטיי זיך ניט אף גוטע ביכער! און אז דאָס בוך איז גוט, דערין בין איך געווען איבערצײַגט: ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אז אזא וויכטיקע און שיינע דאַמע זאָל לייענען שלעכטע!

— נו, ווי, ס'איז דיר געפעלנ געוואָרנ? — האָט זי געפרעגט, ווענ איכ האָב איר אומגעקערט מעשטשערסקיס געלנ ראָמאַנ.

ס'איז מיר שווער געווענ צו ענטפערנ „ניינ", — כ'האָב געמיינט, זי וועט אינ קאַס ווערנ. נאָר זי האָט זיכ נאָר צעלאַכט, אוועקגעגאַנגענ הינטער דער פּאָרטיערע, ווו איר שלאָפצימער איז געווענ, אונ זי האָט פונ דאָרטנ ארויסגעטראָגנ א קליינינק בענדל אינ אנ אײַנבונד פונ בלויענ סאַפּיאַנ.

— דאָס וועט דיר געפעלנ ווערנ. זע נאָר, פאַרפּאַטשקע ניט!

דאָס זײַנענ געווענ פּושקינס פּאָעמעס. איכ האָב זיי איבערגעלייענט אַלע פאַר־אמאָל, פאַרכאַפּט פונעמ דאָרשטיקנ געפיל, וואָס סע קומט אָנ, אז מע פאַלט ארײַנ אינ אנ אומגעוויינלעכ שיינ אָרט — ס'ציט אויסלויפנ עס אינ אַלע ריכטונגענ פאַר־אמאָל. אזוי טרעפט נאָכ דעמ, אז דו גייסט לאַנג ארומ איבער די מאָכיקע ערד־קנוילנ פונ א בלאָטיקנ וואַלד, אונ אומגעריכט צעשפּרייט זיכ פאַר דיר א טרוקענע לאָנקע אינגאַנצנ אינ בלומענ אונ זונ. א מינוט קוקסטו אפ דעמ א באַצויבערטער, אונ דערנאָכ לאָזסטו זיכ א גליקלעכער אויסלויפנ עס דורכ אונ דורכ, אונ איטלעכע באַרירונג פונעמ פוס צו די ווייכע גראָזנ פונ דער פרוכטבארער ערד פאַרשאַפט שטילע פרייד.

פּושקינ האָט מיכ אזוי פאַרוווּנדערט מיט דער פּראָסטקײַט אונ מיט דער מוזיק פונ זײַנ פערז, אז א לאַנגע צײַט האָט מיר פּראָזע אויסגעוויזנ אומנאַטירלעכ, אונ לייענענ זי איז מיר געווענ ניט צומ הארצנ. דער פּראָלאָג צו „רוסלאַנ" האָט מיר דערמאַנט די באַבעס בעסטע מײַסעס, וווּנדערלעכ צונויפגעפּרעסטע אַלע אינ איינער, אונ אייניקע פערזנ האָבנ מיכ פאַרכידעשט מיט זייער געשליפענעמ עמעס.

Там, на неведомых дорожках,
Следы невиданных зверей [1].

— האָב איכ געדאַנקלעכ געכאַזערט די וווּנדערלעכע שורעס אונ האָב זיי געזענ, אָט די זייער באַקאַנטע, קוימ באַמערקלעכע שטעגנ, געזענ די סוידעסדיקע שפּורנ, פונ וועלכע ס'זײַנענ צעקנייטשט די גראָזנ, וואָס האָבנ נאָכ ניט אָפגעטרייסלט די שווערע טוי־טראָפּנס, שווערע, ווי קוועקזילבער. די פאָלקלאַנגיקע שורעס פונ די פערזנ האָבנ זיכ פאַרגעדענקט זעלטנ לײַכט, באַצירט יאָנטעוודיק אַלצ, וועגנ וואָס זיי האָבנ גערעדט. דאָס האָט מיכ געמאַכט גליקלעכ, דאָס לעבנ מײַנס — גרינג אונ אנגענעמ, די פערזנ האָבנ געקלונגענ, ווי א גוטער אָנזאָג פונ א נײַ לעבנ. ס'ארא גליק ס'איז קאָנענ לייענענ!

די אויסגעצייכנטע מײַסעס פּושקינס זײַנענ מיר געווענ נעענטער אונ פאַרשטענד־לעכער פונ אַלצדינג. אז איכ האָב זיי איבערגעלייענט עטלעכע מאָל, האָב איכ זיי שוינ געקענט אפ אויסווייניק. כ'לייג זיכ שלאָפנ אונ שעפּטשע די פערזנ מיט פאַר־מאַכטע אויגנ, ביז איכ שלאָף אײַנ. אָפטמאָל פלעג איכ די מײַסעס איבערדערציילנ פאַר די אָפיצערישע באַדינער, זיי לאַכנ הערנדיק, זידלענ זיכ ליבלעכ. סידאָראָוו גלעט מיכ איבערנ קאָפּ אונ רעדט שטיל:

---

1 דאָרט, אפ אומבאַוווּסטע סטעזשקע ס — שפּורנ פונ אומבאַקאַנטע חײַעס.

— אָט וויל, אַ? אַכ, גאָטעניו...

די אופרעגונג, וואָס האָט מיכ ארומגעכאפּט, איז ניט פארבליבן אומבאמערקט פאר די באלעבאטים. די אַלטע האָט מיר פירגעהאלטן:

— האָט זיכ פארלייענט, דער לאָבוס, און דער סאמאָוואר איז דעם פערטן טאָג ניט געשייַערט! אָט וועל איכ נעמען דעם וואלגערהאָלץ...

וואָס — וואלגערהאָלץ? איכ האָב זיכ געווערט קעגן איר מיט די פערזן:

— Душою черной зло любя,
Колдунья старая...[1]

די דאמע איז נאָכ העכער אויסגעוואקסן אין מייַנע אויגן, — אָט וואָס פארא בי־כער זי לייענט! דאָס איז דיר ניט די פאַרצעלייַענע צושנייַדערן...

אז איכ האָב איר אָפּגעבראכט דאָס בוכ און האָב מיט באדויער אָפּגעגעבן, האָט זי געזאָגט מיט זיכערקייַט:

— דאָס איז דיר געפעלן געוואָרן! האָסט געהערט וועגן פּושקינען?

איכ האָב שוין עפּעס געלייענט וועגן דעם פּאָעט אין איינעם פון די זשורנאלן, נאָר מיר האָט זיכ געוואָלט, זי זאָל אליין דערציילן וועגן אים, און כ׳האָב געזאָגט, אז איכ האָב ניט געהערט.

נאָכ דעם, אז זי האָט מיר קורץ דערציילט וועגן פּושקינס לעבן און טויט, האָט זי א פרעג געטאָן, שמייכלענדיק, ווי דער פרילינגדיקער טאָג:

— זעסט, ווי געפערלעכ ס׳איז צו ליבן פרויען?

פון אלע ביכער, וואָס איכ האָב איבערגעלייענט, האָב איכ געוווּסט, אז דאָס איז טאקע געפערלעכ, אָבער אויכ גוט. כ׳האָב געזאָגט:

— געפערלעכ, און אלע ליבן! און די פרויען — זיי פארשאפן עס דאָכ אויכ יעסורים...

זי האָט א קוק געטאָן אפ מיר, ווי זי קוקט אפ אלץ, דורכ די וויִעס, און האָט ערנסט געזאָגט:

— אזוי גאָר? דו פארשטייסט עס? דאַן ווינטש איכ דיר — פארגעס עס ניט!

און זי האָט גענומען אויספרעגן, וועלכע לידער זייַנען מיר געפעלן גע־וואָרן.

איכ האָב אָנגעהויבן ריידן, מאכנדיק מיט די הענט, לייענענדיק פון זיקאָרן. זי האָט מיכ געהערט שווייַגנדיק און ערנסט, דערנאָכ איז זי אופגעשטאנען, זיכ דורכגעגאנגען איבערן צימער, ריידנדיק פארקלערט:

— דו, ליבע כייַע, דארפסט זיכ לערנען! כ׳וועל א טראכט טאָן וועגן דעם... דייַנע באלעבאטים זייַנען דיר קרויוים?

און אז איכ האָב געענטפערט, אז יאָ, האָט זי אויסגערופן: „אָ!“ — ווי פארור־טיילנדיק מיכ.

זי האָט מיר געגעבן „בעראנזשעס לידער“, אן אויסגעצייכנטע אויסגאבע, מיט גראוויורן מיט גאָלדענעם שניט און אין א רויטן לעדערנעם אייַנבונד. די דאָזיקע לידער

[1] מיט שווארצער זעל צו בייז געבונדן, די אלטע מעכאשייפע...

האָבן מיך שוין גאָר פון זינען געריררט מיט דער מאָדנע ענגער פאַרייניקונג פון בײַסיקער פײַן מיט ברוטזנדיקער פריילעכקייט.

מיט א קעלט אין הארצן האָב איך געלייענט די ווערטער פון דעם „אַלטן בעט־לער".

— איך, א וואָרעם — איך פאַרשאַף אײַך אומרו ?
נעמט, צעטרעט די מיִעסקײַט מיטן פוס !
וואָס דאָ שאַנעווען ? צעקוועטשט אַפּגיך !
עך, פאַרוואָס האָט איר מיך ניט געלערנט,
פאַר מײַן קראַפט קיין אויסוועג ניט געוויזן ?
פון וואָרעם וואָלט א מורעשקע ארויס !
שטאַרבנדיק כ'וואָלט נאָענטע געהאַלדזט,
איצטער, אז איך שטאַרב אַן אַלטער שלעפּער —
רוף איך ראַכע אָף די מענטשנס קעפּ !

און באַלד נאָך דעם האָב איך ביז טרערן געלאַכט, לייענענדיק דעם „וויינענ־דיקן מאַן", און באַזונדערס האָבן מיר זיך פאַרגעדענקט בעראַנזשעס ווערטער :

— דער פּאָשעטער מענטש באַנעמט גיך —
פון פריילעכן לעבן די לערע !

בעראַנזשע האָט אין מיר אופגעוועקט אן אומגעצוימטע לוסטיקייט, א כיישעק צו זײַן פאַרשײַט, ריידן אַלע מענטשן אַזעסדיקע, שאַרפע ווערטער, און איך האָב אין א קורצן טערמין געמאַכט דערין א היפּשן פּאָרשריט, אויך זײַנע לידער האָב איך אויסגעלערנט אָפּ אויסנווייניק און האָב זיי מיט גרויסן ברען געלייענט פאַר די אָפּי־צערישע באַדינער, אַרײַנלויפנדיק צו זיי אָפּ די קיכן אָפּ עטלעכע מינוט.

נאָר אינגיכן האָב איך זיך געמוזט דערפון אָפּזאָגן, ווײַל די שורעס :

— און א מיידל פון זיבעצן יאָר —
אוואַסער היטל וועט ניט קליידן !

האָבן ארויסגערופן אן עקלדיקן שמועס וועגן מיידלעך, — דאָס האָט מיך באַליידיקט ביז מעשוגאַס, און איך האָב דערלאַנגט דעם סאָלדאַט יערמאָכינ מיט א פאַן איבערן קאָפּ. סידאָראָוו און אַנדערע האָבן מיך ארויסגעריסן פון זײַנע אומגעשיקטע הענט, נאָר זינט דעמלט האָב איך זיך שוין ניט אײַנגעשטעלט צו לויפן איבער די אָפּי־צערישע קיכן.

שפּאַצירן אין גאַס האָט מען מיך ניט געלאָזט, און ס'איז קיין צײַט ניט געווען אָפּ שפּאַצירן — די אַרבעט איז אַלץ געוואַקסן. איצט איז, אויסער דער געוויינ־לעכער אַרבעט פאַר א שטוב־מיידל, א הויפער און א שיק־ייִנגל, האָב איך געמוזט אַלע טאָג צוקלאַפּן מיט צוועקעס אָפּ ברייטע ברעטער דעם קאָלענקאָר, אָנקלעפּן אָפּ אים די צייכענונגען, איבערשרײַבן פאַרן באַלעבאָס כעזשבוינעס פון די בוי־אַרבעטן, דורכקאָנטראָלירן די רעכענונגען פון די פּאָדריאַטשיקעס, — דער באַלעבאָס האָט גע־אַרבעט פון אינדערפרי ביז באַנאַכט, ווי א מאַשין.

אין יענע יאָרן זײַנען די קאַזיאָנע געבײַדעס פונעם יאָרמאַרק איבערגעגאַנגען אין פּריוואַט־אייגנטום פון די הענדלער ; די האַנדלס־רייען האָבן זיך אײַליק איבערגע־

בויט; מײַן באַלעבאָס האָט אָנגענומענע פּאָדריאַדן אַף רעמאָנטירן קלייטן און אַף בויען נײַע. ער האָט צונויפגעשטעלט צייכענונגען „אַף איבערמאַכן די ווענטלעך, דורכשלאָגן אין דאַך א הער־פענצטער" א.ד.גל. איך פלעג אָפּטראָגן די צייכענונגען צום אַלטינקן ארכיטעקטאָר אײַנעם מיטן קאַנוועדט, ווו ס'איז געלעגן פּארשטעקט א פינפונצוואנציק־רובלדיק פּאַפּירל — דער ארכיטעקטאָר פלעג נעמען דאָס געלט און אונטערשרײַבן: „די צייכענונג שטימט מיט דער נאַטור, די אופזיכט איבער די ארבעטן האָט גענומען אַף זיך דער און דער". פארשטייט זיך, אַז די נאַטור האָט ער אין די אויגן ניט געזען, און די אופזיכט איבער דער ארבעט האָט ער ניט גע־קענט נעמען אַף זיך, ווײַל ער איז מאַכמעס שלאַפּקײַט גאָר פון שטוב ניט ארויס.

כ'האָב אויך געטראָגן כאַבאַר צום אופזעער פונעם יאַרמאַרק און צו נאָך אנדערע בײַטיקע מענטשן, באַקומענדיק פון זיי „דערלויבנדיקע פּאַפּירלעך אַף אַלערליי אומ־געזעצלעכקײַטן", ווי דער באַלעבאָס פלעג אָנרופן די דאָזיקע דאָקומענטן. פאַר דעם אַלעמען האָב איך געקריגן די רעכט אָפּוואַרטן די באַלעבאַטים בא דער טיר אַפן גאַנעק, ווען זיי פלעגן אָוונט־צײַט אוועקגיין ערגעץ צוגאַסט. דאָס פלעג טרעפן ניט אָפט, נאָר זיי פלעגן זיך אומקערן אהיים נאָך האַלבער נאַכט, און עטלעכע שאָ פלעג איך זיצן אַפן גאַנעק, אָדער אַף דער קופּע קלעצער קעגן אים, קוקנדיק אין פענצטער פון מײַן דאַמעס וווינונג, דאַרשטיק זיך אײַנהערנדיק אין די פריילעכע רייד און מוזיק.

די פענצטער זײַנען אָפן. דורך די פאַרהאַנגען און די בלומען־געפלעכטן האָב איך געזען, ווי איבער די צימערן באַוועגן זיך די שלאַנקע פיגורן פון די אָפיצערן, ס'קײַקלט זיך דער קײַלעכיקער מאַיאָר, זי שווימט, אָנגעטאָן וווּנדערלעך פּראָסט און שיין.

איך האָב זי אָנגערופן פאַר זיך — די קעניגן מאַרגאָ.

„אָט איז עס — דאָס פריילעכע לעבן, וואָס ווערט באַשריבן אין די פראַנצויזישע ביכער", — האָב איך געטראַכט, קוקנדיק אין די פענצטער. און שטענדיק איז מיר געווען אַביסל טרויעריק: פאַר דער קינדערשער אײַפערזוכט מײַנער איז געווען פּײַנ־לעך צו זען ארום דער קעניגן מאַרגאָ די מאַנצבילען, זיי האָבן זיך געדרייט ארום איר, ווי די ערד־בינען ארום א בלימל.

זעלטענער פון אנדערע פלעג צו איר אַרײַנקומען א הויכער, ניט־פריילעכער אָפיצער מיט א צעהאַקטן שטערן און טיף־פארשטעקטע אויגן. ער פלעג שטענדיק ברענגען מיט זיך א פידל און האָט וווּנדערלעך געשפּילט — אַזוי געשפּילט, אַז הינטער די פענצטער פלעגן זיך אָפּשטעלן פאַרבײַגייער, אַף די קלעצער פלעג זיך צונויפנעמען אַן אוילעם פון דער גאַנצער גאַס, אַפילו מײַנע באַלעבאַטים — אויב זיי זײַנען נאָר געווען אינדערהיים — פלעגן עפענען די פענצטער, האָבן געהערט און געלויבט דעם מוזיקאַנט. כ'געדענק ניט, אַז זיי זאָלן האָבן געלויבט נאָך עמעצן, אויסער דעם פּראָטאָדיאַקאָן פון סאָבאָר, און איך ווייס, אַז א קוכן מיט פיש־פּלאָס־טערן איז זיי פונדעסטוועגן געווען געפעלן מער, ווי די מוזיק.

אַמאָל פלעג דער אָפיצער זינגען און לייענען לידער מיט א טויבלעכער שטים, מיט א מאָדנע פאַרכאַפּטן אָטעם, צודריקנדיק די דלאָניע צום שטערן. אײַנמאָל, ווען איך האָב זיך געשפּילט הינטערן פענצטער מיטן מיידעלע, און די קעניגן מאַרגאָ

האָט אימ געבעטנ זינגענ, האָט ער לאַנג זיכ אָפּגעזאָגט, דערנאָכ האָט ער דײַטלעכ זיכ אָנגערופנ:

— נאָר די ליד באַדאַרפ נייטיק די שיינקײַט,
שיינקײַט קאָנ אָנ א ליד זיכ באַגיינ...

די דאָזיקע פּערזנ זײַנענ מיר זייער געפעלנ געוואָרנ, אונ ס׳האָט מיר עפּעס באַנק געטאָנ פאַרנ אָפּיצער.

ס׳איז מיר געווענ אַנגענעמענער צו קוקנ אַפ מײַנ דאַמע, ווענ זי איז געזעסנ באַם ראָיאַל, שפּילנדיק אַליינ אינ צימער. די מוזיק האָט מיכ פאַרשיקערט. כ׳האָב גאָרניט ניט געזענ אויסער דעמ פענצטער, אונ הינטער אימ, אינ געלנ ליכט פונעמ לאָמפּ, די שלאַנקע פיגור פונ דער פרוי, דעמ שטאָלצנ פּראָפיל פונ איר געזיכט אונ די ווײַסע הענט, וואָס זײַנענ, ווי פויגלענ, געפלויגנ איבער דער קלאַוויאַטור.

כ׳פלעג קוקנ אַפ איר, הערנ די טרויעריקע מוזיק אונ פאַנטאַזירנ: אָט געפינ איכ ערגעצ אַנ אויצער אונ גיב איר אימ אַוועק אינגאַנצנ — זאָל זי זײַנ רײַכ! ווענ איכ בינ סקאָבעליעוו, וואָלט איכ באַנײַס דערקלערט א מילכאָמע די טערקנ, וואָלט גענומענ אויסקויפ־געלט, אויסגעבויט אַפ „אָטקאָס” — דעמ בעסטנ אָרט אינ שטאָט — א הויז אונ וואָלט עס איר געשענקט, — זאָל זי אַוועקפאָרנ פונ דער גאַס, פונ אָט דעמ הויז, ווו אַלע ריידנ פונ איר באַליידיקנדיק אונ העסלעכ.

סײַ די שכיינימ, סײַ די גאַנצע דינערשאַפט פונ אונדזער הויפ — אונ מײַנע באַלעבאַטימ באַזונדערס — אַלע האָבנ גערעדט וועגנ דער קעניגנ מאַרגאָ פּונקט אַזוי שלעכט אונ בייז, ווי וועגנ דער צושנײַדערנ. נאָר גערעדט האָט מענ פאָרזיכטיקער, מיט א געניד ערטער שטימ אונ זיכ אַרומקוקנדיק.

מוירע געהאַט פאַר איר האָט מענ, קענ זײַנ, דערפאַר, ווײַל זי איז געווענ אַנ אַלמאָנע פונ זייער אַנ אָנגעזעענעמ מענטשנ, — די גראַמעטעס אַפ די ווענט האָבנ איר מאַנס זיידעס באַקומענ געשענקט פונ די אַלטע רוסישע קייסאָרימ — גאָדונאָוו, אַלעקסיי אונ פּיאָטער דעמ גרויסנ, — דאָס האָט מיר געזאָגט דער סאָלדאַט טיופּיאַיעוו, א מענטש א גראַמעטנער, וואָס האָט שטענדיק געלייענט די יעוואַנגעל. עפּשער האָט מענ מוירע געהאַט, זי זאָל ניט צעפּאַסעווענ מיטנ בײַטשל, וואָס האָט א לילאָווע שטיינ אינעמ הענטל — מע האָט געשמועסט, אַז זי האָט שוינ איינמאָל דערמיט צעמאַזיקט עפּעס א וויכטיקנ באַאַמטנ.

נאָר די שטילע ריידעלעכ זײַנענ געווענ ניט בעסער פונ די הויכ־גערעדטע ווערטער. מײַנ דאַמע האָט געלעבט אינ א וואָלקנ פונ פײַנטשאַפט צו איר, א פײַנטשאַפט, וואָס איז מיר געווענ אומפאַרשטענדלעכ, וואָס האָט מיכ געמאַטערט. וויקטאָרושקע האָט דערציילט, אַז, אומקערנדיק זיכ אַהיימ נאָכ האַלבער נאַכט, האָט ער אונטערגעקוקט דורכנ פענצטער פונ דער קעניגנ מאַרגאָס שלאָפצימער אונ געזענ, ווי זי זיצט אינ איינ העמד אַפ דער קושעטקע, אונ דער מאַיאָר שטייט אַפ די קני, שערט איר די נעגל אַפ די פיס אונ ווישט זיי אויס מיט א שוואָמ.

די אַלטע האָט שעלטנדיק געשפּיגנ, די יונגע באַלעבאָסטע האָט געקוויטשעט פאַרוויטלט:

— וויקטאָר, פו! האָסט גאָר קיין בושע ניט! אַך, ס'אַרא מיִעסע זאַכן זיי דער־לויבן זיך, די פּריצים!

דער באַלעבאָס האָט געשוויגן, געשמייכלט, — איך בין אים זייער דאַנקבאַר גע־ווען דערפאַר, וואָס ער שווייַגט, נאָר כ'האָב מיט שרעק געוואַרט, אַז ער וועט זיך אויך פאַרייניקן צו אַלעמענס געפילדער און געוווי. קוויטשענדיק, אָכצנדיק, האָבן די פרויען אויספירלעך אויסגעפרעגט וויקטאָרושקען, וויַאזוי פּינקטלעך די דאַמע איז געזעסן, ווי איז געשטאַנען אַף די קני דער מאַיאָר, — וויקטאָר האָט צוגעגעבן אַלץ נייַע אייַנצלהייַטן.

— זייַן צורע — רויט, די צונג — אַרויסגערוקט...

איך האָב ניט אייַנגעזען קיין שעדלעכס אין דעם, וואָס דער מאַיאָר שערט די בעגל דער דאַמע, נאָר כ'האָב ניט געגלייבט, אַז ער האָט אַרויסגערוקט די צונג. דאָס, האָט מיר אויסגעוויזן, איז שוין אַ בייזער ליגן, און איך האָב געזאָגט וויקטאָ־רושקען:

— אויב דאָס איז ניט שיין, צו וואָס־זשע האָט איר אין פענצטער אַרייַנגעקוקט? איר זייַנט ניט קיין קליינינקער...

מע האָט מיך, פאַרשטייט זיך, פייַן אָפּגעזידלט, נאָר די זידלערייַ האָט מיך ניט געאַרט. מיר האָט זיך נאָר געגלוסט אַראָפּלויפן אונטן, שטעלן זיך אַף די קני פאַר דער דאַמע, ווי דער מאַיאָר איז געשטאַנען, און בעטן זי:

— פאָרט אַרויס פון דעם הויז!

איצט, אַז איך האָב געוווּסט, אַז ס'איז דאָ אַן אַנדער לעבן, אַנדערע מענטשן, געפילן, געדאַנקען, האָט דאָס הויז מיט אַלע זייַנע אייַנוווינער געוועקט אין מיר אַלץ אַ שווערערן עקל. אינגאַנצן איז עס געווען אַרומגעפלאָכטן מיט אַ ברודיקער נעץ פון שענדלעכע רעכילעסן, ס'איז אין דעם ניט געווען קיין איין מענטש, וועגן וועלכן מע זאָל ניט ריידן קיין בייז. דער גאַלעך פון פּאָלק, אַ קראַנקער, אַ צאָרע־דיקער, איז געווען באַערט, ווי אַ שיקער און אַ נויעף. די אָפיצערן און זייערע ווייַבער האָבן, לויט מייַנע באַלעבאַטים, האָבן דערציילט, געלעבט אין העפקערישער אויסמישעניש. ס'זייַנען מיר דערווידער געוואָרן די אייַנאַרטיקע געשפּרעכן פון די סאָלדאַטן וועגן פרויען, און מער פאַר אַלעמען זייַנען מיר דערווידער געווען מייַנע באַלעבאַטים — כ'האָב גוט געוווּסט דעם ריכטיקן ווערט פון זייערע באַליבטע אָנראַכ־מאָנעסדיקע אורטיילן וועגן מענטשן. נאָכקוקן נאָך די מענטשנס מיִעסע שוואַכקייַטן — איז די אייַנציקע פאַרווייַלונג, וואָס מע קען זיך פאַרגינען אומזיסט. מייַנע באַלעבאַ־טים האָבן זיך פאַרווייַלט נאָר, ווען זיי האָבן געפּייַניקט מיט רייד נאָענטע, און האָבן ווי זיך גענויקעמט אין אַלעמען פאַר דעם, וואָס זיי אַליין לעבן אַזוי פרום, שווער און אומעטיק.

ווען מע האָט מיִעס גערעדט וועגן דער קעניגן מאַרגאָ, האָב איך איבערגעלעבט קראַמפּיקע אָנפאַלן פון געפילן ניט קיין קינדערשע, מייַן האַרץ פלעג אָנגעשוואָלן ווערן מיט סינע צו די באַריידער, ס'פלעג מיך באַהערשן אַ ווילדער פאַרלאַנג רייצן זיך מיט אַלעמען, טאָן צעלאָכעס, און אַמאָל פלעגן מיר צוקומען פּייַנלעכע צופלוסן פון ראַכמאָנעס צו זיך און צו אַלע מענטשן. — אָט דער שטומער ראַכמאָנעס־געפיל איז געווען נאָך שווערער פון דער סינע.

איך האָב געוווסט וועגן דער קעניגין מער, ווי זיי האָבן געוווסט, און איך האָב מוירע געהאַט, אַז ס׳זאָל צו זיי ניט דערגיין דאָס, וואָס איך האָב געוווסט.

אין די יאָנטויוויִם, ווען די באַלעבאַטים פלעגן אַוועקגיין אין קלויסטער צו דער שפּעטער מיטיק־טפילע, פלעג איך צו איר אינדערפרי אַרײַנקומען; זי רופט מיך אַרײַן צו זיך אין שלאָפצימער, איך זעץ זיך אַף אַ קליינינקן, מיט גאָלדיקן זײַד באַשלאָ־גענעם שטול, דאָס מיידעלע קריכט אַרויף צו מיר אַף די קני. איך דערצייל דער מוטער וועגן די איבערגעלייענטע ביכער, זי ליגט אָפּן ברייטן בעט, אונטערלייגנ־דיק אונטער דער באַק די קליינע דלאָניעס, צונויפגעלייגט זיי איניינעם, איר קערפּער איז באַהאַלטן אונטער אַ דעקע, וואָס איז פּונקט אַזוי גאָלדפאַרביק, ווי אַלץ אינעם שלאָפצימער. די טונקעלע האָר, פאַרפלאָכטן אין אַ צאָפּ, איבערגעוואָרפן איבערן טונקעלן אַקסל, ליגן פאַר איר, אַמאָל העננגען זיי אַראָפּ פון בעט אַפן פּאָל.

אײַנהערנדיק זיך אין מײַנע רייד, קוקט זי מיר אין פּאָנעם מיט ווייכע אויגן און, שמייכלענדיק קוים באַמערקלעך, זאָגט זי:

— אַזוי גאָר?

אַפילע איר צוגעלאָזטער שמייכל איז געווען אין מײַנע אויגן ניט מער, ווי אַ גנעדיקער שמייכל פון אַ קעניגין. זי האָט גערעדט מיט אַ געדיכטער, גלעטנדיקער שטים, און מיר האָט געדוכט, אַז זי רעדט אַלעמאָל איינס:

— איך ווייס, אַז איך בין אָן אַנ ערעך בעסער, ריינער פון אַלע מענטשן, און קיינעם פון זיי דאַרף איך ניט.

אַמאָל פלעג איך זי טרעפן פאַרן שפּיגל, זי פלעג זיצן אַף אַ נידעריקן שטול, פאַרקעמענדיק די האָר; זייערע עקן ליגן אַף די קני בא איר, אַף די הענטלעך פון־נעם שטול, לאָזן זיך אַראָפּ איבער זײַן רוקן קימאַט ביז צום פּאָל. די האָר אירע זײַנען געווען לאַנג און געדיכט, ווי בא דער באַבען. איך האָב געזען אין שפּיגל אירע טונקלהויטיקע שטײַפע בריסטן, זי האָט אָנגעטאָן פאַר מיר אין די אויגן דעם ליף, די זאָקן, נאָר איר ציכטיקער נאַקעט האָט ניט געוועקט בא מיר קיין כאַרפּע־געפילן, נאָר אַ פריידיקן שטאָלץ פאַר איר. שטענדיק איז פון איר געגאַנגען אַ ריי־עך פון בלומען, וואָס האָט זי געשיצט פון אַלע שלעכטע געדאַנקען וועגן איר.

איך בין געווען געזונט, שטאַרק, האָב גוט געוווסט די סוידעס פון די באַציִונ־גען צווישן מאַנצבל און פרוי, נאָר די מענטשן האָבן גערעדט פאַר מיר וועגן די סוידעס מיט אַזאַ אָנהאַרציקער שאָדנפרייד, מיט אַזאַ אַכזאָריעס, אַזוי קויטיק, אַז אָט די פרוי האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אין די אָרעמס פון אַ מאַנצבל. מיר איז שווער געווען צו טראַכטן, אַז עמעצער האָט די רעכט זיך צורירן צו איר אַזעסדיק און אומפאַרשעמט מיט דער האַנט פון אַ באַלעבאָס איבער איר לײַב. איך בין געווען זיכער, אַז די ליבע פון די קיכן און די פינצטערע אַלקערס איז אומבאַ־קאַנט דער קעניגין מאַרגאָ, זי ווייסט עפּעס אַנדערע, העכערע פריידן, אַן אַנדער ליבע.

נאָר איינמאָל קעגן אָוונט, אַז איך בין אַרײַן אין גאַסט־זאַל, האָב איך דערהערט אונטער דער פּאָרטיער פונעם שלאָפצימער דעם קלינגענדיקן געלעכטער פון מײַן האַרצנס־דאַמע און אַ מאַנצבלש קאָל, וואָס האָט געבעטן:

— וואַרט־זשע... גאָט! איך גלייב ניט.

כ'וואָלט געדאַרפט אוועקגיין, איך האָב דאָס פאַרשטאַנען, נאָר כ'האָב ניט געקענט אוועקגיין...

— ווער איז דאָרטן? — האָט זי געפרעגט — דו? קום אַרײַן...

אין שלאָפצימער איז געווען דושנע פון בלומען־רייכעס, טונקל, די פענצטער זײַנען געווען פאַרהאַנגען. די קעניגין מאַרגאָ איז געלעגן אין בעט, ביזן קין צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, און לעבן איר, בײַ דער וואַנט, איז אין איין העמד, מיט אַ צעעפנטער ברוסט, געזעסן דער אָפּיצער, דער פידלער, — אויף דער ברוסט בײַ אים איז אויך געווען אַ שראַם, וואָס איז געגאַנגען אין אַ רויטן פּאַס פון עם רעכטן אַקסל צום נאָפּל און איז געווען אַזוי העל, אַז אַפילו אין דער טונקל האָב איך אים דײַטלעך געזען. די האָר בײַם אָפּיצער זײַנען געווען לעכערלעך אויפגעשויבערט, און צום ערשטן מאָל האָב איך געזען אַ שמייכל אויף זײַן טרויעריקן, צעשניטענעם פּאָנעם, — געשמייכלט האָט ער מאָדנע. און זײַנע גרויסע, פרויענלעכע אויגן האָבן געקוקט אויף דער קעניגין אַזוי, ווי ער וואָלט ערשט איצט צום ערשטן מאָל דערזען איר שיינקייט.

— דאָס איז מײַן פרײַנט, — האָט געזאָגט די קעניגין מאַרגאָ, כ'ווייס ניט — מיר צי אים.

— וואָס־זשע האָסטו זיך דערשראָקן? — האָב איך דערהערט, ווי פון דערווײַטנס, איר שטים, — קום אַהער...

ווען איך בין צוגעגאַנגען, האָט זי מיך אַרומגענומען בײַם האַלדז מיט אַ נאַקעטער הייסער האַנט און געזאָגט:

— וועסט אויסוואַקסן, וועסטו אויך זײַן גליקלעך... גיי!

כ'האָב אַנידערגעלייגט מײַן בוך אויף דער פּאָליצע, האָב גענומען אַן אַנדער'ס און בין אַוועק.

עפּעס האָט זיך אָנגעבראָכן אין האַרצן בײַ מיר. ס'איז מיר, פאַרשטייט זיך, אויף קיין איין מינוט ניט אײַנגעפאַלן, אַז מײַן קעניגין ליבט גלײַך, ווי אַלע פרויען, און אויך דער אָפּיצער האָט ניט געגעבן קיין גרונט פאַר אַזאַ געדאַנק. איך האָב געזען פאַר זיך זײַן שמייכל, — ער האָט געשמייכלט פריידיק, ווי סע שמייכלט אַ קינד, וואָס מע האָט עס אומגעריכט פאַרכידעשט, זײַן טרויעריק פּאָנעם האָט זיך ווונדערלעך באַנײַט. ער האָט זי געמוזט ליב האָבן — ס'איז דען מעגלעך זי ניט ליב צו האָבן? זי האָט אים אויך געקענט ברייט באַשענקען מיט איר ליבע — ער האָט אַזוי ווונדערלעך געשפּילט, אַזוי האַרציק געקענט לייענען לידער...

נאָר שוין דערפאַר, וואָס איך האָב געדאַרפט אויסזוכן די דאָזיקע טרייסטן, איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז ניט אַלץ איז גוט, ניט אַלץ איז ריכטיק אין מײַן באַציִונג צו דעם, וואָס איך האָב געזען, און צו דער קעניגין מאַרגאָ אַליין. איך האָב זיך געפילט, ווי איינער, וואָס האָט עפּעס פאַרלוירן, און האָב אָפּגעלעבט עטלעכע טעג אין טיפן טרויער.

...איינמאָל האָב איך ווילד און בלינד אַ בויאַנעווע געטאָן, און אַז איך בין געקומען צו דער דאַמע נאָך אַ ביכל, האָט זי מיר געזאָגט זייער שטרענג:

— דו ביסט דאָך אַ געפערלעכער שטיפער, ווי איך האָב געהערט! כ'האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט אַזוינס...

איך האָב מער ניט געקענט שווײַגן און האָב אָנגעהויבן דערציילן, ווי ניט גוט ס'איז מיר צו לעבן, ווי שווער צו הערן, ווען מע רעדט וועגן איר שלעכטס. שטייענדיק אקעגן מיר און ארופגעלייגט א האנט מיר אפ דער פּלייצע, האָט זי פון אָנהייב מיך געהערט אופמערקזאם, נאָר גיך האָט זי זיך צעלאכט און מיך אָפּגע־שטויסן שטילינקערהייט.

— גענוג, כ'ווייס אלץ, פארשטייסט? כ'ווייס!

דערנאָך האָט זי מיך אָנגענומען פאר ביידע הענט און האָט געזאָגט זייער מילד:

— וואָס ווייניקער דו וועסט נעמען אין אכט אָט די עקלדיקע זאכן, וועט אלץ זײַן בעסער פאר דיר... און די הענט וואשסטו שלעכט...

נו, דאָס וואָלט זי שוין געמעגט ניט זאָגן. ווען זי זאָל שײַערן קופּערוואַרג, ווישן פּאָלן און וואשן ווינדעלעך, וואָלטן די הענט בא איר ניט געווען בעסער, ווי בא מיר, קלער איך.

— ווייסט א מענטש, ווי צו לעבן — איז מען אפ אים אופגערייצט, איז מען אים מעקאַנע; ווייסט ער ניט — פאראכט מען אים, — האָט זי געזאָגט פארטראכט, מיך אופגעהויבן, צוציִענדיק צו זיך, און מיט א שמייכל פארקוקט אין מײַנע אויגן. דו האָסט מיך ליב?

— יאָ.

— זייער?

— יאָ.

— וויִאזוי?

— איך ווייס ניט.

— א דאנק. ביסט א ווילער! איך האָב ליב, אז מע האָט מיך ליב...

זי האָט א שמייכל געטאָן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אָפּגעזיפצט און לאנג געשוויגן, ניט ארויסלאָזנדיק מיך פון אירע הענט.

— דו קום אָפטער ארײַן צו מיר. ווען ס'איז נאָר מעגלעך, קום ארײַן...

איך האָב זיך דערמיט באנוצט און האָב פון איר פיל גוטס באקומען.

נאָך מיטיק פלעגן זיך מײַנע באלעבאטים לייגן שלאָפן, און איך פלעג ארונטער־לויפן אונטן, און טאָמער איז זי געווען אינדערהיים, פלעג איך בא איר זיצן א שאָ און מער.

— לייענען דארף מען רוסישע ביכער, דארפסט קענען דײַן אייגן, רוסיש לעבן, — האָט זי מיך געלערנט, ארײַנשטעקנדיק מיט די פלינקע ראָזעווע פינגער שפּילקעס אין די שמעקנדיקע האָר.

און זי פלעג מיר אויסרעכענען נעמען פון רוסישע שרײַבער און פרעגן:

— וועסט פארגעדענקען?

זי האָט ניט איינמאָל פארטראכטערהייט און מיט א לײַכטן פארדראָס גערעדט:

— דו דארפסט זיך לערנען, לערנען, און איך פארגעס אלץ וועגן דעם! אך, גאָט מײַנער...

אָפּגעזעסן בא איר א צײַט, בין איך געלאָפן ארופ מיט א נײַעם בוך אין די הענט און אזויווי אָן אויסגעוואשענער פונינעווייניק.

איך האָב שוין איבערגעלייענט אקסאקאָווס „פאמיליען־כראָניק״, די ווילדע רוסישע פּאָעמע „אין די וועלדער״, די ווונדערלעכע „שריפטן פון א יעגער״, עטלעכע בענדלעך פון גרעביאָנקא און סאָלאָגוב, די געדיכטן פון ווענעוויטינאָוו, אָדאָיעווסקי, טיוטשעוו. די דאָזיקע ביכער האָבן מיר אויסגעוואשן די נעשאָמע, אָפּגעריייניקט פון איר די שאָלעכצ פון די איינדרוקן פון דער אָרעמער און ביטערערווירקלעכקייט. איך האָב דערפילט, וואָס דאָס איז אזוינס א גוטער בוך, און האָב פארשטאנען זיין נייטיקייט פאר מיר. פון די דאָזיקע ביכער האָט זיך בא מיר אויסגעבילדעט א פעסטע זיכערקייט: איך בין ניט איינער אף דער ערד — כ׳וועל ניט פארפאלן ווערן!

די באבע פלעג קומען, פלעג איך איר מיט אנטציקונג דערציילן וועגן דער קעניגן מארגאָ — די באבע פלעג, געשמאק אריינציענדיק א שמעק טאבעק, זיך אָנרופן פארגלויבט:

— נו, נו, דאָס איז וויל! גוטע מענטשן זיינען דאָך פאראן אף דער וועלט אסאך, גיב נאָר א זוך — וועסטו געפינען!

און איינמאָל האָט זי פאָרגעלייגט:

— עפשער אריינגייען צו איר, זאָגן א דאנק פאר דיר?

— ניין, מע דארף ניט...

— נו, איז דארף מען ניט... גאָטעניו, גאָט, ווי גוט ס׳איז אלץ! לעבן בין איך גערן — אייביקע יאָר!

דער קעניגן מארגאָ האָט זיך ניט איינגעגעבן באזאָרגן, אז איך זאָל זיך לערנען. צו „טראָיצע״ האָט זיך צעשפּילט א מיִעסע געשיכטע, וואָס האָט מיך שיר ניט אומגעבראכט.

קורץ פאר די יאָנטויווים זיינען בא מיר שרעקלעך געשוואָלן געוואָרן די אויגנלעדלעך, די אויגן האָבן זיך איננאנצן צוגעמאכט. די באלעבאטים האָבן זיך דערשראָקן, אז איך וועל בלינד ווערן, און איך אליין האָב זיך אויך דערשראָקן. מע האָט מיך אָפּגעפירט צו א באקאנטן דאָקטער־אקושאָר הענריך ראָדזיעוויטש, ער האָט מיר אופגעשניטן די לעדלעך פונינעווייניק. עטלעכע טעג בין איך געלעגן מיט א בינט אף די אויגן אין פיינלעכן שווארצן אומעט. ערעוו „טראָיצע״ האָט מען דעם בינט אראָפּגענומען, און איך האָב זיך ווידער געשטעלט אף די פיס, ווי איך וואָלט זיך אופגעהויבן פון קייווער, ווו היך מע האָט מיך אריינגעלייגט לעבעדיקערהייט. ס׳קאָן גאָר ניט זיין קיין שרעקלעכערע זאך, ווי פארלירן די ריִע; דאָס איז אן אומבאשרייבלעכע באליידיקונג, זי נעמט אָפּ באם מענטשן ניין צענטל פון דער וועלט.

אין דעם פריילעכן טראָיצע־טאָג בין איך, ווי א קראנקער, פון האלבן טאָג באפרייט געוואָרן פון אלע מיינע פליכטן און בין געגאנגען איבער די קיכן מיט באזוכן צו די אָפיצערישע באדינער. אלע, אויסער דעם שטרענגן טיופיאיעוו, זיינען געווען שיקער. פארנאכט האָט יערמאָכין א זעץ געטאָן סידאָראָוון מיט א שייט האָלץ איבערן קאָפּ. סידאָראָוו איז א פארטשמעליעטער אנידערגעפאלן אין פירהויז, דער איבערגעשראָקענער יערמאָכין איז אנטלאָפן אין יאר.

איבערן הויף איז זיך פאנאנדערגעלאָפן אן אומרויִקער גערייד, אז סידאָראָוו איז

דערהארגעט. לעבנ גאנעק האָט זיכ פארזאמלט אנ אוילעמ, מע האָט געקוקט אפנ סאָלדאט, וואָס האָט זיכ אומבאוועגלעכ אויסגעצויגנ איבער דער שוועל פונ קיכ צומ פירהויז מיטנ קאָפ; מע האָט זיכ געשעפטשעט, אז מע דארפ רופנ פאָליציע, נאָר קיינער האָט ניט גערופנ און קיינער האָט זיכ ניט איינגעשטעלט צורירנ זיכ צומ סאָלדאט.

ס'האָט זיכ באוויזנ די וועשנ נאטאליע קאָזלאָווסקאיא אינ א נייעמ בעזשקאָלירעבעמ קלייד מיט א וויַיסנ טיכל אפ די פלייצעס, האָט קאעסדיק צעשטורכעט די מענטשנ, איז אריַינ אינ פירהויז, האָט זיכ צוגעזעצט מיט איינגעבויגענע קני און האָט געזאָגט אפנ קאָל:

— נאראָנימ — ער לעבט! וואסער גיט...

מע האָט זי גענומענ איַינריידנ:

— וואָס דארפסטו זיכ שטופנ אינ פרעמדע געשעפטנ!

— וואסער, זאָג איכ! — האָט זי אויסגעשריגנ ווי אפ א סרייפע.

זאכלעכ פארהייבנדיק איר נייַ קלייד איבער די קני, האָט זי אראָפגעצויגנ דאָס אונטער־קליידל און אנידערגעלייגט דעמ סאָלדאטס פארבלוטיקטנ קאָפ צו זיכ אפ די קני.

דער אוילעמ איז אומצופרידנ אונ דערשראָקנ זיכ צעגאנגענ, אינעמ האלב־טונקל פונעמ פירהויז האָב איכ געזענ, ווי אפ דער וועשנס קיילעכיקנ וויַיסנ פאָנעמ בליצנ צאָרנדיק אירע אויגנ, אָנגעגאָסענע מיט טרערנ. איכ האָב געבראכט אנ עמער וואסער, זי האָט געהייסנ גיסנ די וואסער אפ סידאָראָווס קאָפ, אפ זייַנ ברוסט, און זי האָט געוואָרנט:

— מיכ, זע גיס ניט אָפ, — איכ דארפ נאָכ גייַנ צוגאסט.

דער סאָלדאט האָט זיכ אופגעכאפט, געעפנט א פאָר טעמפע אויגנ, זיכ צעקרעכצט.

— הייב אופ, — האָט נאטאליע געזאָגט, — נעמענדיק אימ אונטער די פאכוועס און האלטנדיק אפ די אויסגעצויגענע הענט אונטערגעהויבנ, ניט אייַנצושמירנ זיכ דאָס קלייד. מיר האָבנ אריַינגעטראָגנ דעמ סאָלדאט אינ קיכ, אנידערגעלייגט אפנ בעט, זי האָט אימ אויסגעווישט דאָס פאָנעמ מיט א נאסער שמאטע, און איז אלייַנ אוועק, אָנזאָגנדיק:

— נעצ די שמאטע אינ וואסער און האלט אפנ קאָפ, און איכ וועל גייַנ אָפזוכנ יענעמ נאר. טייַוולאָנימ, וועלנ זיכ נאָכ דערשיקערנ ביז קאָטאָרגע.

זי איז אוועק, אראָפגעלאָזט פאר דעמ פונ די פיס אפנ פאָל דאָס אויסגעפאטשקעטע אונטער־קליידל, א שלייַדער געטאָנ עס אינ א ווינקל אריַינ און זאָרגעוודיק צורעכטגעמאכט דאָס רוישנדיקע צעקנייטשטע אויבער־קלייד.

סידאָראָוו האָט, אופשוכענדיק זיכ, געשלוקערצט, געאָכצעט, פונ זייַנ קאָפ זייַנענ אפ מייַנע באָרוועסע פיס־פינגער געפאלנ שווערע, ווארעמע טראָפנס בלוט, — דאָס איז געווענ ניט אנגענעמ. נאָר פאר שרעק האָב איכ ניט געקענט פויעלנ בא זיכ אָפרוקנ דעמ פוס פונ אונטער די דאָזיקע טראָפנס.

ס'איז געווענ ביטער; אינדרויסנ שייַנט דער יאָנטעוודיקער טאָג, דער הויזגאנעק, די טויערנ זייַנענ באצירט מיט יונגע בערעזקעס, צו יעדער טומבע זייַנענ

צוגעבונדן פריש אָפּגעהאקטע צווײַגן פון קליאַן, פון ריאבינע. די גאנצע גאס איז פרײלעך באגרינט, אלץ איז אזוי יונג, נײַ. פון אינדערפרי האָט מיר אויסגעוויזן, אז דער פרילינגדיקער יאָנטעוו איז געקומען אפּ לאנג, און פון דעם טאָג אָן וועט דאָס לעבן אוועק ריינער, ליכטיקער, פרײלעכער.

דעם סאָלדאט איז ניט גוט געוואָרן, דושנער רייעך פון ווארעמען בראָנפן און גרינער ציבעלע האָט אָנגעפילט די קיך. צו די פענצטער, צו די שויבן פאלן צו אלע ווײַלע עפּעס מוטנע, ברייטע צורעס מיט צעפלעטשטע נעזער, די דלאָניעס, וואָס זײַנען צוגעלייגט צו די באקן, זעען אויס, ווי העסלעכע אויערן.

דער סאָלדאט האָט געפרעפלט, זיך דערמאנענדיק:

— איז ווי־זשע איז עס געווען? כ'בין געפאלן? יערמאָכין? א ש־שיינער כאַוער...

דערנאָך האָט ער גענומען הוסטן, האָט זיך צעוויינט מיט שיקערע טרערן און זיך צעפלאנכעט:

— שוועסטערל מײַנס... שוועסטערל...

האָט זיך געשטעלט אפּ די פיס, א גליטשיקער, א נאסער און אן איפּעשדיקער, זיך א וואקל געטאָן, אנידערגעפאלן אפּן געלעגער און געזאָגט, שרעקלעך דרייענדיק מיט די אויגן:

— מ'האָט מיך גאָר דערהארגעט...

ס'האָט מיך געשפּארט צום לאכן.

— וואָסער שעד לאכט דאָרט? — האָט דער סאָלדאט געפרעגט, מיך אָנקוקנדיק טעמפּ. — וואָס איז אפּ דיר דער געלעכטער? מ'האָט מיך דערהארגעט אפּ שטענדיק...

ער האָט מיך גענומען אָפּשטופּן מיט ביידע הענט און האָט דערבײַ געזאָגט:

— דער ערשטער — עליָהו האנאָווי, דער צווייטער — יעגאָרי אפּן פערד, דער דריטער — גיי אין דער ערד — אוועק פון מיר, דו וואָלפישער ביינן.

איך האָב געזאָגט:

— מאך ניט קיין שטיק!

אן אומגעלומפערט־צעקאעסטער, האָט ער זיך צעשריגן, זיך צעשארפּעט מיט די פיס.

— מיך האָט מען דערהארגעט, און דו...

און שווער, מיט א פוילער, שמוציקער האנט האָט ער מיך א זעץ געטאָן איבער די אויגן — איך האָב ארויסגעלאָזט א יאָמער־געשריי און, א פארבלענדעטער, ווי ניט איז ארויסגעשפּרונגען אין דרויסן אנטקעגן נאטאליען. זי האָט געפירט פאר א האנט יערמאָכינען און געשריגן אפּ אים:

— גיי, פערד! וואָס איז מיט דיר? — האָט זי, פּאקנדיק מיך, געפרעגט.

— ער שלאָגט זיך...

— שלאָגט זי־יך? — האָט נאטאליע מיט כידעש אויסגעצויגן און, א צופּ טוענדיק יערמאָכינען, האָט זי צו אים געזאָגט:

— נו, וואלד־רויעך, מעגסטו, הייסט עס, דאנקען דײַן גאָט!

איך האָב דורכגעוואשן די אויגן מיט וואסער און, ארײַנקוקנדיק פון פּירהויז אין דער טיר, האָב איך געזען, ווי די סאָלדאטן מאכן צווישן זיך שאָלעם, ארומ־

געמענדיק זיך און וויינענדיק, דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן ארומנעמען נאטאליען, און זי האָט זיי געשלאָגן איבער די הענט, אויסשרייענדיק:

— אוועק מיט די לאפעס, הינט! וואָס בין איך אייך — פון אייערע גאסנ־מוידן? וואלגערט זיך אנידער פאַפּן, ביז אייערע פּריצים זײַנען אינדערהיים ניטאָ — נו, רירעוודיק! אניט וועט איר ארײַנכאפּן דעם עמעסן כיילעק.

זי האָט זיי איינגעלייגט, ווי די קליינע קינדער, איינעם — אפן פאָל, דעם צווייטן אפן געלעגער, און, ווען זיי האָבן זיך צעכראָפּעט, איז זי ארויס אין פּירהויז.

— אויסגעשמירט זיך איינגאנצן, און אָנגעטאָן בין איך אפּ צוגאסט! ער האָט דיך א זעץ געטאָן?.. אָט, א נארישער קאָפּ! דאָס מאכט דער ביטערער טראָפּן. טרינק ניט, יאטל, קיינמאָל זאָלסטו ניט טרינקען...

דערנאָך בין איך געזעסן מיט איר באַם טויער אפּ דער באנק און האָב גע־פרעגט, וויאזוי האָט זי עס קיין מוירע ניט פאר שיקערע.

— כ׳האָב פאר ניכטערע אויך קיין מוירע ניט, איך האָב זיי — אָט ווו! — זי האָט באוויזן א שטײַפע צונויפגעדריקטן רויטן פויסט. — מײַן מאנדעלע, דער פאר־שטאָרבענער, האָט אויך געשיקערט ביז דולעניש, פלעג איך אים א שיקערן בינדן די הענט, די פיס, און אז ער פלעג זיך דורכשלאָפן — פלעג איך אראָפּשלעפּן די פלודערן פון אים און מיט געזונטע ריטער ארײַנשמײַסן: טרינק ניט, שיקער ניט, האָסטו כאסענע געהאט, האָב האנאָע פונעם ווײַב, ניט פון בראָנפן! יאָ, אזוי לאנג שמײַסן, ביז כ׳פלעג שוין קיין קויעך ניט האָבן, — דערנאָך פלעג ער בא מיר זײַן ווייך, ווי א וואקס...

— איר זײַט א שטארקע, — האָב איך געזאָגט, דערמאנענדיק זיך אין דער פרוי באווע, וואָס האָט אפילע גאָט אָפּגענארט.

נאטאליע האָט געזאָגט מיט א זיפצ:

— א פרוי דארף מער קויעך, ווי א מאנצבל, זי וואָלט באדארפט האָבן קויעך פאר צווייען, נאָר גאָט האָט זי פארטיילט! א מאנצבל — איז אן אומרויִקער מענטש.

זי האָט גערעדט רויִק, אָן בייזקייט, איז געזעסן צונויפגעלייגט די הענט אפּ דער גרויסער ברוסט, אָנגעשפּארט מיטן רוקן אָן פּלויט, טרויעריק אָנגעשטעלט די אויגן אפּ דער מיסטיקער, מיט שטיינברוך פארשאָטענער דאמבע. איך האָב געהערט די קלוגע רייד, גאָר פארגעסן וועגן צײַט, — און האָב פּלוצעם דערזען עק דאמבע די באלעבאָסטע אונטערן אָרעם מיטן באלעבאָס. זיי זײַנען געגאנגען לאנגזאם, וויכטיק, ווי אן אינדיק מיט א הון, און האָבן אופמערקזאם געקוקט אפּ אונדז, עפּעס ריידנדיק איינס צום אנדערן.

איך בין אוועקגעלאָפן עפענען די טיר פונעם פאראדנעם ארײַנגאנג, האָב געעפנט. אופשטײַגנדיק אפּ די טרעפּ, האָט די באלעבאָסטע צו מיר גיפטיק געזאָגט:

— פארברענגסט מיט וועשנס? האָסט זיך אויסגעלערנט מאנירן בא דער אונ־טערשטער פּריצע?

דאָס איז געווען אזוי נאריש, אז ס׳האָט מיך אפילע ניט פארטשעפּעט. אסאך

מער האָט מיך באַליידיקט, וואָס דער באַלעבאָס האָט מיט א שמייכעלע אַרײַנגע־וואָרפן א וואָרט:

— וואָס־זשע — שוין צײַט!..

אפן צווייטן טאָג אינדערפרי, אז איך בין אראָפּ אין שטאַל נאָך האָלץ, האָב איך געפונען ליגן קוואדראטן אויסשניט פאר די קעץ, אין דער שטאַל־טיר, א ליי־דיק בײַטעלע. כ'האָב עס צענדליקער מאָל געזען בא סידאָראָוון אין די הענט און האָב עס אים גלײַך אָפּגעטראָגן.

— ווו־זשע איז דאָס געלט? — האָט ער געפרעגט, אויספאָרשנדיק מיט א פינ־גער די אינגעווייד פונעם בײַטעלע. — א רובל מיט דרײַסיק. גיב אהער!

דער קאָפּ איז בא אים געווען אין א טשאַלמע פון א האנטעך. א געלער, אָב־אויסגעמאָגערטער, האָט ער בייז געפינטלט מיט די פארשוואָלענע אויגן און ניט געגלייבט, אז איך האָב דאָס בײַטעלע געפונען א ליידיקס.

ס'איז אַרײַן יערמאָכין און האָט אים אָנגעהויבן אײַנריידן, ווינקענדיק אף מיר:

— דאָס האָט ער געגאנוועט, ער, פיר אים צו די באַלעבאטים! א סאָלדאט בא א סאָלדאט וועט ניט גאנווענען!

פון די ווערטער איז מיר געווען קלאָר, אז געגאנוועט האָט ער, און ער טאקע האָט אונטערגעוואָרפן דאָס בײַטעלע אין שטאַל צו מיר, — איך האָב אים באַלד אין די אויגן אויסגעשריגן:

ליײַגסט, דו האָסט געגאנוועט!

און האָב זיך ענדגילטיק איבערצײַגט, אז איך בין גערעכט אין מײַן פארדאכט — זײַן דעמבן פּאָנעם האָט זיך פארקרימט פאר שרעק און קאַס, ער האָט זיך געגומען דרייען און זיך צעוויעט דין:

— דערווײַז!

וויאזוי דערווײַזט מען? יערמאָכין האָט מיך ארויסגעשלעפּט אפן הויף מיט א געשריי, סידאָראָוו איז געגאנגען נאָך אונדז און האָט אויך עפּעס געשריגן, פון די פענצטער האָבן זיך ארויסגערוקט קעפּ פון פארשיידענע מענטשן. רויק רוי־כערנדיק, האָט ארויסגעקוקט די מוטער פון דער קעניגן מארגאָ. איך האָב פאר־שטאנען, אז אין די אויגן פון מײַן דאמע בין איך א פארפאַלענער — און בין אינ־גאנצן צעמישט געוואָרן.

איך געדענק — די סאָלדאטן האָבן מיך געהאלטן פאר די הענט, און די באַלע־באטים שטייען קעגן זיי, באַמקענ צו מיטפילנדיק איינער דעם אנדערן, הערנ די טײַנעס, און די באַלעבאָסטע רעדט מיט זיכערקײַט:

— געוויס, איז עס זײַן ארבעט! ניט אומזיסט האָט ער נעכטן מיט דער וועשנ באַם טויער זיך געכיינדלט — הייסט עס, ס'איז געווען געלט, פון איר וועסטו אָנ געלט גאָרניט קריגן...

— טאַק טאָטשנאָ! — האָט געשריגן יערמאָכין.

אונטער מיר האָט זיך דער פּאָל געגומענ וויגן. א ווילדער פארדראָס האָט מיך א ברי געטאָן, איך האָב זיך צעשריגן אף דער באַלעבאָסטע און אַרײַנגעכאַפּט די רעכטע קלעפּ.

נאָר ס'האָבן מיך ניט אזוי געפּײַניקט די קלעפּ, ווי דער געדאַנק וועגן דעם, וואָס טראַכט איצט וועגן מיר די קעניגן מארגאָ. ווי־אזוי וועל איך זיך פאַרענטפערן פאַר איר? ס'איז מיר געווען גוט געזאָלצן אין אָט די ביטערע שאָען.

צו מײַן גליק, האָבן די סאָלדאַטן גיך צעטראָגן די געשיכטע איבערן גאַנצן הויף, איבער דער גאַנצער גאַס. און אײנאָוונט, ליגנדיק אפן בוידעם, האָב איך דערהערט פונונטן נאַטאַליע קאָזלאָווסקעס געשריי:

— ניין, צו וואָס זאָל איך שווײַגן! ניין, טײַבעלע, קום! קום, זאָג איך! אַניט וועל איך גיין צו דײַן הער, וועט ער דיך שוין צווינגען...

איך האָב טייקעף דערפילט, אז אָט דער ראַש קער זיך אָן מיט מיר. גע־שריגן האָט זי לעבן אונדזער גאַנעק, איר קאָל האָט געקלונגען אַלץ הילכיקער און ניצאָכנדיקער:

וויפל געלט האָסטו מיר נעכטן באַוויזן? פונוואַנען קומט עס צו דיר? דערצייל.

מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם פאַר פרייד האָב איך געהערט, ווי סידאָראָוו זאָגט מאָרעשכוירעדיק:

— איַי, אײַ, יערמאָכינ...

— און דאָס ייִנגל האָט איר באַרעדט, צענעריקט, אַ?

מיר האָט זיך געוואָלט אַראָפּלויפן אין הויף, טאַנצן פאַר פרייד, קושן פאַר דאַנקבאַרקייט די וועשן, נאָר אין דער צײַט האָט — פון פענצטער, ווײַזט אויס, — זיך צעשריגן מײַן באַלעבאָסטע:

— דאָס ייִנגל האָט מען געשלאָגן דערפאַר, ווײַל ער זידלט זיך, נאָר אז ער איז אַ גאַנעוו — דאָס האָט קיינער ניט געקלערט, אויסער דיר, כאַלדאַ.

— איר, פּריצע, זײַנט אַליין אַ כאַלדאַ, בעהיימע איר אַזוינע, דערלויבט אײַך צו זאָגן.

איך האָב געהערט די זידלערײַען, ווי מע הערט מוזיק, דאָס האַרץ האָבן ווײַ־טעקלעך געבריט הייסע טרערן פון באַליידיקונג און פון דאַנקבאַרקײַט צו נאַטאַליען, איך האָב זיך געוואָרגן פאַר מי זיי אײַנצוהאַלטן.

דערנאָך האָט זיך אפן בוידעם לאַנגזאַם אופגעהויבן דער באַלעבאָס, זיך צוגע־זעצט לעבן מיר אפן אופּבונד פון די קראָקוועס און האָט געזאָגט, צוגלעטנדיק די האָר:

— וואָס, ברודער פּעשקאָוו, סע גייט דיר ניט?

איך האָב זיך שווײַגנדיק אָפּגעקערט פון אים.

— נאָר זידלען זידלסטו זיך דאָך העסלעך, — האָט ער ווײַטער גערעדט, און איך האָב אים שטיל געמאָלדן:

— אַז איך וועל אופשטיין, וועל איך אַוועק פון אײַך...

ער איז געזעסן אַביסל, געשוויגן, רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט אופמערקזאַם באַטראַכט זײַן שפּיץ און ניט הויך געזאָגט:

— מיילע, דײַן זאַך! ביסט שוין ניט קיין קליינינקער, זע אַליין, ווי ס'וועט זײַן גלײַכער פאַר דיר...

און איז אַוועק. ווי שטענדיק, איז געווען אַ ראַכמאָנעס אפּ אים.

אפֿן פֿערטן מעסלעס נאָך דעם, בין איך אוועק. כ'האָב שטאַרק געוואָלט זיך געזעגענען מיט דער קעניגן מאַרגאָ, נאָר ס'האָט מיר אויסגעפֿעלט מוט אַרײַנגיין צו איר, כ'מוז אָפֿן זאָגן, איך האָב זיך געריכט, אַז זי אַליין וועט מיך רופֿן.

געזעגענענדיק זיך מיטן מיידעלע, האָב איך געבעטן:

— זאָג דער מאַמען, אַז איך דאַנק איר זייער, זייער! וועסט זאָגן?

— כ'וועל זאָגן,— האָט זי צוגעזאָגט מיט אַ ליבלעכן און צאַרטן שמייכל.— זײַ געזונט ביז מאָרגן, יאָ?

איך האָב זי באַגעגנט אין אַ יאָר צוואַנציק אַרום. זי איז געווען אַ ווײַב פֿון אַן אָפֿיצער אַ זשאַנדאַרם...

XI

איך בין ווידער אַ געפּעס־יונג אַף דאַמפּער „פּערם", אַ ווײַסן, ווי אַ שוואַן, אַ גראַמען און אַ שנעלן. איצט בין איך אַ „שוואַרצער" געפּעס־יונג, אָדער „אַ קיך־מוזשיק", איך באַקום זיבן רובל אַ כוידעש, מײַן פֿליכט איז העלפֿן די קעכערס.

דער בופֿעטשיק, אַ קײַלעכיקער און אַן אָנגעבלאָזענער מיט גײַווע, איז פֿליכע־וואַטע, ווי אַ באָל. פֿאַרלייגט די הענט אַפֿן רוקן, גייט ער שווער אום גאַנצע טעג איבער דער פּאַלובע, זוכט אַ שאָטנדיק ווינקל, ווי אַ קנור אין אַ הייסן טאָג. אין בופֿעט שײַנט זײַן ווײַב, אַ דאַמע העכער פֿערציק, אַ שיינע, נאָר אַ צעקנייטשטע, אָנגעפּודרעט אין אַזאַ מאָס, אַז פֿון איר באַקן שיט זיך אַפֿן העלן קלייד ווײַסער קלעפּיקער שטויב.

אין קיך הערשעוועט אַ טײַערער קעכער איוואַן איוואַנאָוויטש, מיט אַ צונעמע־ניש מעדוועזשאָנאָק, אַ קליינינקער, אַ פּולינקער, מיט אַ שפּאַרבער־נאָז און אָפּ־שפּעטערישע אויגן. ער איז אַ פֿראַנט, טראָגט געקראָכמאַלעטע קראַגנס, גאָלט זיך אַלע טאָג, די בעקלעך זײַנען אים בלוי, די טונקעלע וואָנצעס פֿאַרדרייט אַף אַרויף. אין פֿרײַע מינוטן באַאומרויִקט ער די וואָנצעס זײַנע אָן אויפֿהער, פֿאַריכט זיי מיט די פֿאַרבאַקענע רויטע פֿינגער און קוקט אַלץ אַף זיך אין אַ קײַלעכיק האַנט־שפּיגעלע.

דער אינטערעסאַנטסטער מענטש אַפֿן דאַמפּער איז דער הייצער יאַקאָוו שומאָוו, אַ ברייטברוסטיקער, קוואַדראַטער מאַנצבל. זײַן קורנאָסע פּאָנעם איז פֿלאַטשיק, ווי אַ לאָפּעטע, די בערישע אייגלעך פֿאַרשטעקט אונטער געדיכטע ברעמען, די באַקן — אין קליינע רינגעלעך האָר, ענלעכע אַף זומפּ־מאָך, אַפֿן קאָפּ האָבן זיך די האָר צונויפֿגעקלאַפּט אין אַ געדיכט היטל, מיט שווערקײַט רוקט ער דורך זיי דורך די קרומע פֿינגער.

ער איז געווען אַ פֿלינקער שפּילער אין קאָרטן אַף געלט, און אַרײַנעסן האָט ער געקענט אַף כידושים. ווי אַ הונגעריקער הונט, אַזוי האָט ער זיך שטענדיק גע־ריבן אַרום קיך, אויסבעטנדיק שטיקלעך פֿלייש, ביינער, און אין די אָוונטן האָט ער געטרונקען טיי מיט מעדוועזשאָנאָקן און דערציילט וועגן זיך וואונדערלעכע גע־שיכטעס.

אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ באַהעלפֿער באַם שטאָטישן פּאַסטעך אין

ריאזאנ. דערנאָכ האָט אימ א דורכגייענדיקער מאָנאכ פארנארט אינ א מאָנאסטיר. דאָרט האָט ער פיר יאָר אָפּגעריכט נעזירעס.

— אונ כ׳וואָלט שוינ פארבליבנ א מאָנאכ, א שווארצער גאָטס־שטערנ, — האָט ער שפּאָטריידעריש געמאָלט, — נאָר ס׳איז געקומענ אינ אונדזער ווינקל א דאוונערנ פונ פּענזע, א טשיקאווע אזא, אונ זי האָט מיכ צעמישט: ס׳ארא פײַנער דו ביסט, ס׳ארא שטארקער, אונ איכ, זאָגט זי, בינ אנ ערלעכע אלמאָנע, אנ איינזאמע, פאר־וואָס זאָלסטו ניט גיינ צו מיר פאר א הויפער? איכ האָב מיר, זאָגט זי, אנ אייגנ שטיבל, אונ האנדלענ האנדל איכ מיט פויגלשנ פּוכ אונ פעדער...

— פײַנ. זי מיכ פאר א הויפער, אונ איכ צו איר — פאר א געליבטנ, אונ כ׳האָב מיר אָפּגעלעבט ארומ איר ווארעמ ברויט א יאָר דרײַ צײַט...

— לײַגסט פײַערדיק, — שלאָגט אימ איבער מעדוועזשאָנאָק אונ באטראכט זאָר־געוודיק די געשווירלעכ אפ זײַנ נאָז. — ווענ מע זאָל פאר ליגנס צאָלנ געלט, וואָלסטו געגאנגענ אינ גאָלד!

יאקאָוו קײַט, איבער זײַנ בליגדנ פּאָנעמ באוועגנ זיכ גרײַזע רײַגעלעכ האָר, ס׳רירנ זיכ פעלציקע אויערנ. אויסגעהערט דעמ קעכערס באמערקונג, זעצט ער פאָר פונקט אזוי געמאָסטנ אונ שנעל:

— געוועזנ איז זי עלטער פונ מיר, איז מיר געוואָרנ אומעטיק מיט איר, איז מיר געוואָרנ נודנע, האָב איכ זיכ פארבונדנ מיט דער פלימעניצע אירער, אונ זי איז דערפונ געווירע געוואָרנ, אונ מיכ — אינ האלדז־אונ־נאקנ פונעמ הויפ ארויס.

געקריגנ באצאָלטס אונ מער ניט געוואָלט, — רעדט דער קעכער פונקט אזוי לײַכט אונ גלאט, ווי יאקאָוו.

דער הייצער זעצט פאָר, פארוקט הינטער דער באק א שטיקל צוקער:

— זיכ אומגעשליאָנדרעוועט מיטנ ווינט א שטיקל צײַט אונ זיכ צוגעשארט צו אנ אלטיטשקנ, א וואָלאָדימירער קאָראָבייניק. מיט אימ זײַנענ מיר דורכגעגאנ־גענ א האלבע ערד: אפ די באלקאנ־בערג געגאנגענ, צו זיי אלייג — צו די טערקנ, צו די רומענער דאָסגלײַכנ, צו די גריכנ, צו די עסטרײַכער דאָרט פארשיידענע — איבער אלע פעלקער ארומגעגאנגענ, בא דעמ — געקויפט, יענעמ — פארקויפט...

— אונ געגאנוועט האָט איר? — פרעגט ערנסט דער קעכער.

— דער אלטיטשקער — איינמאָל ניינ! אונ האָט אויכ מיר אָנגעזאָגט: אינ א פרעמדנ לאנד גיי ארומ זיכ ערלעכ, דאָ איז, פארשטייסטו מיכ, אזא אָרדענונג, אז פאר א נארישקײַט קענ מענ דעמ קאָפּ אָפּרײַסנ. גאנוועגנ האָב איכ, דעמ עמעס גערעדט, געפּרווט, נאָר ס׳האָט זיכ באקומענ ניט פויגלדיק. כ׳האָב פאר־טראכט בא איינעמ א סויכער א פערד אוועקפירנ פונעמ הויפ, נו, כ׳האָב עס גע־מאכט לעפּיש, מע האָט געפּאפּקט — האָט מענ, א קלאָרע זאכ, גענומענ נעריקנ, גע־ב...יקט אונ אינ פּאָליציי פארשלעפּט. אונ געוועזנ זײַנענ מיר צווייענ. איינער אנ עמעסער, א געזעצלעכער פערד־גאנעוו, אונ איכ אזוי זיכ, מער פאר נײַגער. אונ בא דעמ סויכער דעמ דאָזיקנ האָב איכ געארבעט, אנ אויוונ אינ דער נײַער באָד געלייגט, אונ דער סויכער האָט אָנגעהויבנ קרענקענ, אונ איכ בינ אימ צו כאָלעמ געקומענ עפּעס אפ ניט קיינ גוטנ אויפנ, האָט ער זיכ דערשראָקנ אונ גענומענ בעטנ די נאטשאל־

סטווע: לאָזט אים אָפּ, — מיך, הייסט עס, — לאָזט אים אָפּ, ער כאַלעמט זיך מיר — ווערסטו אים ניט מויכל זײַן, זאָגט ער, ווערסטו ניט געזונט ווערן, ער איז א קישעפּ־מאַכער, ווײַזט אויס, — דאָס בין איך, הייסט עס, א קישעפמאַכער! נ־נו, א סויכער איז ער געווען א כאַשעווער, האָט מען מיך אָפּגעלאָזן...

— ניט אָפּלאָזן, נאָר אין וואַסער אַראָפּלאָזן אַפּ א טאָג דרײַ וואָלט מען דיך באַדאַרפט, דײַן צעדרייטקײַט זאָל זיך פון דיר אויסווייקן, — האָט דער קעכער אַרײַנגעשטעלט.

יאַקאָוו האָט באַלד אונטערגעכאַפּט זײַנע ווערטער:

— ריכטיק, צעדרייטקײַט איז אין מיר דאָ אַסאַך, מע קען זאָגן — אַפּ א גאַנצן דאָרף צעדרייטקײַט איז אין מיר דאָ...

פאַרשטופּט א פינגער הינטערן שטײַפן קראַגן, ציט אים דער קעכער אָפּ מיט כּאַס, וואַרפט מיטן קאָפּ און באַקלאָגט זיך מיט פאַרדראָס:

— אומגעלומפערט! לעבט אַפּ דער ערד אָט אַזאַ אַרעסטאַנט, פרעסט, טרינקט, שלעפט זיך אַרום, און צו וואָס? נו, צו וואָס לעבסטו?

קײַענדיק, ענטפערט דער הייצער:

— דאָס איז מיר ניט באַוווּסט. איך לעב און לעב. איינער — ליגט, א צווייטער — גייט, דער טשינאָווניק זיצט קעסיידער, נאָר עסן — מוז יעדערער.

דער קעכער ווערט נאָך מער אין כּאַס.

— ביסט עפּעס אַזא שטיק כאַזער, אַז ס׳איז ניט צו באַגרײַפן! מאַמעש — א כאַזערשער מײַכל...

— וואָס שעלטסטו זיך? — וווּנדערט זיך יאַקאָוו, — מיר זײַנען אַלע ניסלעך פון איין צווײַג. דו שעלט זיך ניט, כ׳וועל דאָך דערפון בעסער ניט ווערן...

אָט דער מענטש האָט מיך פאַראַמאָל און פעסט צוגעבונדן צו זיך. איך האָב געקוקט אַפּ אים און ניט אויפגעהערט צו כידעשן זיך, געהערט מיט א צעעפנט מויל. ער האָט פאַרמאָגט, ווי איך קלער, זײַן אייגן פעסט ווייסן וועגן לעבן. ער האָט אַלעמען געזאָגט „דו", אַפּ אַלעמען געקוקט פון אונטער די האָריקע ברעמען גלײַך, אומאָפּהענגיק, און אַלעמען — דעם קאַפּיטאַן, דעם בופעטשיק, די וויכטיקע פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס — ווי אויסגעגלײַכט אין איין ריי מיט זיך אַליין, מיט די מאַטראָסן, מיט דער בופעט־דינערשאַפט און די פאַלובע־פּאַסאַזשירן.

ס׳פלעג זיך מאַכן, ער שטייט פאַרן קאַפּיטאַן אָדער פאַרן מאַשיניסט, פאַרלייגט אַפּן רוקן זײַנע לאַנגע מאַלפּישע הענט און הערט שווײַגנדיק, ווי מע שעלט אים פאַר זײַן פוילקײַט, אָדער דערפאַר, וואָס ער האָט אָן שום האַרצווייטעק אַרומגעפּליקט א מענטשן אין קאָרטן. ער שטייט — און מע זעט, אַז קיין זידלערײַען ווירקן אַפּ אים ניט, די סטראַשונקעס אַראָפּצוזעצן פונעם דאַמפער אַפּ דער ערשטער ברעג־סטאַנציע שרעקן אים ניט.

אין אים איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַלעמען פרעמד — ווי ס׳איז געווען אין דער „גוטער זאַך". ער איז, אַפּאָנעם, אַליין געווען זיכער אין זײַן באַזונדערקײַט, אין דעם, אַז מענטשן קאָנען אים ניט פאַרשטיין.

איך האָב דעם מענטשן קיינמאָל ניט געזען א באַליידיקטן, א פאַרקלערטן, איך געדענק ניט, ער זאָל האָבן לאַנג געשוויגן, — פון זײַן האָריקן מויל זײַנען

שטענדיק און אפילו אזויווי קענען זײַן ווילן אין אן אומגעהערלעכן שטראָם געפלאָסן ווערטער. אז מע שעלט אים, אָדער ער הערט עמעצנס אינטערעסאַנטע דערציי־לונג, שאָקלען זיך זײַנע ליפּן, פּונקט, ווי ער וואָלט פאַר זיך איבערכאַזערן דאָס, וואָס ער הערט, אָדער ער רעדט זיך שטילינקערהייט ווײַטער זײַנס. אַלע טאָג נאָכן פאַר־ענדיקן די וואכטע פלעג ער ארויסקריכן פון ליוק פון דער הייץ־קאַמער, א באָר־ווּעסער, א שווייסיקער, אויסגעשמירט מיט נאַפט, אין א נאַסן העמד אָן א גאַרטל, מיט א צעכראַסטעטער ברוסט אין געדיכטער געקרײַזלטער וואָל. און באַלד פלעג איבער דער פּאַלובע זיך צעפליסן זײַן גלײַכ, איינטאָניק, הייזעריקלעכ קאָל, די ווערטער האָבן זיך געזיפּט, ווי טראָפּנס רעגן:

— א גוט מאָרגן, מוטער! ווהיג פּאָרסטו? אין טשיסטאָפּאָל? כ׳ווייס, כ׳בין דאָרט געווען, בא א רײַכן טאַטער פאר א באַטראַק געדינט. געהייסן האָט דער טאַטער אוסאַן גובײַדולין, אן אַלטער מיט דרײַ ווײַבער, א יאָדערדיקער אזא, די מאָרדע א רויטע. און איינע א יונגט, א טשיקא־אווע טאַטערקע געווען, כ׳האָב מיט איר געהאט א זינד...

ער איז אומעטום געווען, מיט אַלע פרויען אַפּ זײַן וועג געהאט א זינד.

ער דערציילט וועגן אַלץ אָן בייזקײַט, רויק, פּונקט ער זאָל אין זײַן לעבן קיינ־מאָל ניט געווען איבערטראָגן ניט קיין באַליידיקונג, ניט קיין אוולע. אין א מינוט ארום האָט זײַן רעדע געקלונגען ערגעץ אפּן שיפ־הינטערטייל:

— פּײַנע לײַט, קאָרטנשפּילער! אין סטוקאָלקע, אין דרײַ בלעטלעך, אין רי־מענדל, היי! א ווילע טרייסט — א קאָרט. זיצנדיק קען מען נעמען געלט, א סאָכ־ריש געשעפט...

איך האָב באַמערקט, אז ער זאָגט זעלטנ־ווען: גוט, שלעכט, ביטער, נאָר קי־מאט שטענדיק: טשיקאַווע, נײַגעריק, א טרייסט. א שיינע פרוי איז פאר אים א טשיקאַווע ווײַבעלע, א גוטער, א זוניקער טאָג — א טרייסטנדיק טעגעלע. נאָר אָפּ־טער פון אַלץ האָט ער געזאָגט:

— שפּײַ זיך אויס!

אַלע האָבן אים געהאַלטן פאר א פוילִיאַק, און מיר האָט זיך געדוכט, אז ער טוט זײַן שווערע ארבעט באַם הייץ־אויוון, אין דער גענעמשער, שטיקנדיקער היץ, פּונקט אזוי ערלעך, ווי אַלע. נאָר איך געדענק ניט, אז ער זאָל זיך האָבן באַקלאָגט, אז ער איז מיד, ווי ס׳האָבן זיך געקלאָגט די איבעריקע היי־צערס.

איינמאָל האָט בא איינער אַן אַלטיטשקער פּאַסאַזשירקע עמעצער צוגעשלעפּט א טײַסטער מיט געלט. געווען איז עס אין א ליכטערן שטילן אָוונט, אַלע מענטשן האָבן זיך געלעבט גוטמוטיק און פרידלעך. דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן דער אַל־טער פינף רובל, די פּאַסאַזשירן האָבן אויך צונויפגעקליבן צווישן זיך א געוויסע סומע. אז מע האָט דאָס געלט אָפּגעגעבן דער אַלטער, האָט זי, צײלעמענדיק זיך פאר די מענטשן ביזן גאַרטל, געזאָגט:

— ליבע מענטשן, דאָ איז אַפּ דרײַ קאָרבן מיט א צוואַנציקער פּאַראַן איבע־ריקע קעגן מײַנע!..

עמעצער האָט פריילעך אויסגעשריגן:

— נעמ, באבעלע, אינגאנצנ. וואָס קלינגסטו אומזיסט אינ די גלעקער? א דרײַערל איז קיינמאָל ניט איבעריק...

עמעצער האָט ווערטלדיק געזאָגט:

— געלט איז ניט קיינ מענטשנ — געלט איז קיינמאָל ניט איבעריק...

אונ יאקאָוו איז צוגעגאנגענ צו דער אלטער אונ האָט פאָרגעלייגט ערנסט:

— גיב מיר דאָס איבעריקע, וועל איכ א שפיל טאָנ דערמיט אינ קאָרטנ!

דער אוילעמ האָט זיכ צעלאכט אונ געמיינט, אז דער הייצער שפאסט, נאָר ער האָט גענומענ איַנריידנ די צעטומלטע אלטיטשקע:

— גיב אהער, באבינקע! צו וועלכע שווארציאָר דארפסטו געלט? דו קוקסט דאָכ שוינ אינ פעלד...

מע האָט אימ אוועקגעטריבנ מיט זידלעריַענ. ער האָט, שאָקלענדיק מיטנ קאָפ, געריט צו מיר מיט פארוונדערונג:

— מאָדנע מענטשנ! וואָס פלאָנטענ זיי זיכ אינ פרעמדע געשעפטנ? זי האָט דאָכ אליינ געמאָלדנ — דאָס געלט איז איר איבעריק! אונ פאר מיר וואָלט דאָס דרײַערל געווענ א שטיקעלע טרייסט.

געלט האָט אימ, אפּאָנעמ, שטארק פארנומענ מיטנ אויסזענ, ריידנדיק האָט ער ליב געהאט רייניקנ א זילבער־ צי א קופער־מינצל אָנ די הויזנ, אונ אויסשײַערנדיק א מאטבייע ביזנ גלאנצ, פלעג ער, רירנדיק מיט די ברעמענ, זי באטראכטנ, האלטנ־דיק אינ די קרומע פינגער קעגנ קורנאָסנ פּאָנעמ. נאָר גײַציק נאָכ געלט איז ער ניט געווענ.

אייגמאָל האָט ער מיר פאָרגעלייגט שפּילנ מיט אימ אינ סטוקאָלקע, איכ האָב ניט געקענט.

— קענסט ניט? — האָט ער זיכ פארכידעשט. — ווי הייסט? אונ רעכנסט זיכ נאָכ א גראמעטנער! מע דארפ דיכ אויסלערנענ. ווײַז, לאָמיר שפּילנ אפ צופלײַסנ, אפ צוקער...

ער האָט בא מיר אויסגעשפּילט א האלב פונט געזעגטנ צוקער אונ האָט די שטיקלעכ אלע מאָל פארלייגט הינטער דער האָריקער באק, דערנאָכ, געפינענדיק, אז איכ קענ שוינ שפּילנ, האָט ער פאָרגעלייגט:

— איצט קומ, לאָמיר שפּילנ ערנסט! האָסט געלט?

— פינפ רובל.

— אונ איכ — צוויי מיט א שמיצל.

ער האָט בא מיר, פארשטייט זיכ, גיכ אויסגעשפּילט. וועלנדיק צוריק אָפּגע־ווינענ, האָב איכ געשטעלט אינ קאָנ מײַנ פּאָדיאָווקע פאר פינפ קערבלעכ אונ האָב פארשפּילט, געשטעלט די נײַע שטיוול פאר א דרײַערל — אונ ווידער פארשפּילט. דענסטמאָל האָט יאקאָוו געזאָגט צו מיר אומצופרידנ, קימאט בייז:

— ניינ, דו קענסט ניט שפּילנ, ביסט צו הייס — באלד די פּאָדיאָווקע אראָפּ־געוואָרפנ, די שטיוול! דאָס דארפ איכ ניט. נא, נעמ צוריק דײַנ מאלבעש, אונ דאָס געלט נעמ, פיר קערבלעכ, א קערבל — מיר פאר דער לערע... ריכטיק?

איכ בינ אימ געווענ זייער דאנקבאר.

— שפּײַ זיכ אויס, — האָט ער אָפּגעענטפערט אפ מײַנע דאנקענ. — א שפּיל איז א שפּיל, א פארווײַלונג, הייסט עס, אונ דו קריכסט, ווי אינ א געשלעג. היצנ

זיך טויג ניט אפילע אינ א געשלעג — שלאָג מיט כעזשבנ! וואָס איז דאָ זיך צו־היצנ? ביסט יונג, דארפסטו זיך האלטנ שטארק. איינ מאָל דורכגעפאלנ, פינפ מאָל דורכגעפאלנ, זיבנ מאָל — שפּיי אויס! טרעט אָפּ. זיך אָפּגעקילט — רייב ווײַ־טער! ס'א שפּיל!

מיר איז ער אלצ מער געווענ געפעלנ, אנ אנדער מאָל פלעגנ זײַנע דערציי־לונגענ דערמאנענ די באבע. ס'איז אינ אים געווענ אסאכ אזוינס, וואָס האָט מיך צוגעצויגנ. נאָר שטארק אָפּגעשטויסנ האָט מיך זײַנ געדיכטער, אפּאָנעם, אפּ א גאנצ לעבנ שוינ אײַנגעפעסטיקטער גלײַכגילט צו מענטשנ.

איינמאָל בייס זונ־פארגאנג איז א שיקערער פאסאזשיר פונ צווייטנ קלאס, א גרויסקערפּערדיקער סויכער א פּערמיאק, אריבערגעפאלנ איבערנ באָרטנ, אונ ווארפנ־דיק זיך, איז ער אוועקגעשווומענ איבערנ רויטגאָלדיקנ וואסער־וועג. די מאשינ האָט מענ גיך פארסטאמפּעוועט, דער דאמפער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ארויסלאָזנדיק פונ אונטער די רעדער א וואָלקנ מיט שוים, די רויטע שטראלנ פונ פארגאנג האָבנ אים באפארבט מיט בלוט; אינ אָט דעמ קאָכנדיקנ בלוט, שוינ ווײַט פונ דער שיפ, האָט זיך געבאָברעט א טונקעלער קערפּער, איבערנ טײַך האָט זיך געטראָגנ א ווילדער געשריי, וואָס האָט אופגעטרייסלט דאָס הארצ. די פאסאזשירנ האָבנ אויך געשריגנ, שטופּנדיק זיך, אָנוואלגערנדיק זיך אפנ באָרטנ, צונויפשטויסנדיק זיך אפנ הינ־טערשטנ טייל פונ דער שיפ. א פרײַנט פונ דעמ, וואָס האָט זיך געטרונקענ, אויך א שיקערער, א געלער אונ א פליכעוואטער, האָט אלעמענ געשלאָגנ מיט די פויסטנ, דורכרײַסנדיק זיך צומ באָרטנ, אונ האָט געריטשעט:

— אוועקט, אָט וועל איך אימ באלד פאקנ...

צוויי מאטראָסנ האָבנ זיך שוינ ארײַנגעוואָרפנ אינ וואסער אונ גענומענ לייגנ קלאפּטער צו דעמ, וואָס האָט זיך געטרונקענ, פונ דער שיפ האָט מענ אראָפּגע־לאָזנ א שליופּקע, אונ צווישנ די געשרייענ פונ דער קאָמאנדע, קוויטשערײַענ פונ די פרויענ איז אינ א גלײַכ רויק שטרעמעלע זיך צעפלאָסנ יאקאָווס הייזעריק־לעכ קאָל:

— ער וועט דערטרונקענ ווערנ, סײַווי דערטרונקענ ווערנ — ער האָט אפּ זיך די פּאָדיאָווקע! אינ א לאנגנ מאלבעש מוז מענ דערטרונקענ ווערנ. אשטייגער, ווײַבער, איבער וואָס גייענ זיי צומ גרונט גיכער, ווי א מאנצבל? איבער די קלייד־לעכ. א פרוי, אז זי איז ארײַנגעפאלנ אינ וואסער, איז באלד צומ גרונט, ווי א פּודיקער געוויכט... קוקט, זעט, אָט איז ער שוינ אײַנגעזונקענ, איך וועל אינ דער וועלט ארײַנ ניט פלאפלענ...

דער סויכער איזווירקלעך דערטרונקענ געוואָרנ, מע האָט אימ געזוכט א שאָ צוויי — אונ ניט געפונענ. דער פרײַנט זײַנער איז, אנ אויסגעניכטערטער, געזעסנ אפנ הינטערטייל פונ דער שיפ אונ, אָפּסאָפּענדיק, האָט ער קלאָגעדיק געבעבעט:

— נו, אָט דערפאָרנ! וואָס־זשע טוט מענ איצטער, א? וואָס וועל איך זאָגנ זײַנע אייגענע, א? ער האָט אייגענע...

יאקאָוו האָט זיך געשטעלט פאר אימ, די הענט פארלייגט הינטערנ רוקנ אונ גענומענ טרייסטנ:

— ס'גאָרניט, סויכער, קיינער ווייס ניט, ווו אימ איז באשערט צו שטארבנ.

אַנ אַנדער מענטש עסט אופ אַביסל שוואָמענ, אונ אַהאַ — ער איז געשטאָרבנ! טויזנטער מענטשנ עסנ שוואָמענ, אונ ס׳איז זיי צו געזונט, אונ אײנעם איז עס צום טויט! אונ וואָס איז דאָ צו שמועסנ וועגנ שוואָמענ?

אַ ברייטער, אַ פעסטער, איז ער, ווי אַ מילשטיינ, געשטאַנענ פאַרנ סויכער אונ געשאָטנ אַפּ אימ ווערטער, ווי קלײַענ. דער סויכער האָט פונ אָנהייב שווײַגנדיק געווייגט, ווישנדיק די טרערנ פונ דער באָרד מיט די ברייטע דלאָניעס, נאָר, אויסגעהערט, האָט ער זיכ צעגוואַלדעוועט:

— טײַוול! וואָס ציסטו פונ מיר די נעשאָמע? פּראַוואָסלאַוונע, נעמט אימ צו, אַניט וועט אַ פאַרברעכנ געשענ!

יאַקאָוו האָט, רויִק אוועקגייענדיק, געזאָגט:

— מאָדנע מענטשנ. דו צו זיי — מיט גוטנ, אונ זיי צו דיר — מיט אַ שטעקנ...

אַמאָל פלעג מיר אויסווײַזנ, אַז ער איז אַ נאַרישעוואַטער, דער הייצער, נאָר אָפּטער האָב איכ געטראַכט, אַז ער פאַרשטעלט זיכ אומיסטנ פאַר אַ נאַר. מיר האָט זיכ שטאַרק געגלוסט אויספרעגנ אימ וועגנ דעמ, ווי ער איז געגאַנגענ איבער דער ערד, וואָס געזענ, נאָר דאָס פלעג אַרויסקומענ ווייניק געראָטנ. פאַרוואָרפנ דעמ קאָפּ אַרופ, עטוואָס אופגעעפנט די בערישע טונקעלע אויגנ, גלעט ער מיט דער האַנט זײַנ מאָכיק פּאָנעמ אונ ציט, דערמאָנענדיק זיכ:

— מענטשעלעכ, ברודערל, אומעטום — ווי די מורעשקעס! דאָ מענטשנ, דאָרטנ מענטשנ — אַ האַווענישׂ, מוז איכ דיר זאָגנ! מער ווי אַלצ, פאַרשטייט זיכ, פויערים — מאַמעש די ערד איז פאַרשאָטנ מיט פויערימ, ווי מיט האַרבסטיקנ בלאַט, לאָמיר זאָגנ. באָלגאַרנ? כ׳האָב געזענ באָלגאַרנ. אונ גריכנ אויכ אונ סערבנ, רומינעס דאָסגלײַכנ, אונ אַלערליי ציגײַנערס — אַ מענגע זייערע פאַרשיידענע! וואָס פאַר אַ סאָרט פאָלק? נו, וואָס קענ דענ זײַנ? אינ די שטעט — שטאָטישע, אינ די דערפער — דאָרפישע, אַזויווי בא אונדז, אַסאַכ ענלעכקײַט. אַנדערע ריידנ אפילע אַפּ אונדזער שפּראַכ, נאָר שלעכט, ווי, אַשטייגער, טאָטערנ, אָדער די מאָרדוואַ. די גריכנ קאָנענ ניט ריידנ, ווי מיר, זיי פּלאַפּלענ ווי סע מאַכט זיכ, ריידנ קלוימערשט ווערטער, נאָר וואָס וווּהינ — קענ מענ ניט פאַרשטיינ. מיט זיי מוז מענ ריידנ אַפּ די פינגער. אונ דער אַלטיטשקער מײַנער — ער האָט געמאַכט אַזאַ אָנשטעל, אַז ער פאַרשטייט קלוימערשט אויכ גריכיש, שטאַמלט — קאַראַמאַראַ אונ קאַלימערא. אַ כיטרער אַלטיטשקער געווענ, האָט זיי פײַנ אַרומגעאַרבעט!.. ווידעראַמאָל פרעגסטו — אַוועלכע? אָט אַ מאָדנער נעפּעש, אַוועלכע קענענ זיי דענ זײַנ, די מענטשנ? נו, פאַרשטייט זיכ, שוואַרצע זײַנענ זיי, אונ די רומינער זײַנענ אויכ שוואַרצע, דאָס האָסטו איינ גלויבנ. די באָלגאַרנ זײַנענ אויכ שוואַרצע, נו, זיי גלייבנ, ווי מיר. אונ די גריכנ — דאָס איז שוינ אַזאַ מינ, ווי די טערקנ...

מיר האָט אויסגעוויזנ, אַז ער זאָגט ניט אַלצ, וואָס ער ווייסט. ער פאַרמאָגט נאָכ עפּעס, וואָס ער וויל ניט דערציילנ.

פונ די בילדער אינ זשורנאַלנ האָב איכ געוווּסט, אַז די הויפּטשטאָט פונ גריכנלאַנד איז אַטענ — אַ שטאַרק אַלטע אונ זייער שיינע שטאָט, נאָר יאַקאָוו האָט צווייפלענדיק געשאָקלט מיטנ קאָפּ אונ געלייקנט אינ אַטענ.

— דאָס האָט מענ דיר, ברודערל, אָנגעלײַגט, קיינ אַטענ איז ניטאָ, נאָר ס׳איז

דאָ אפֿאַן, אָבער ניט קיין שטאָט, נאָר א בארג, און אף אים א מאָנאסטיר. מער גאָרנישט. ס׳הייסט דער הייליקער בארג אפֿאָן. אזוינע בילדלעך זײַנען פֿאראן, מײַן אַלטער האָט מיט זיי געהאנדלט. פֿאראן א שטאָט בעלגראד, שטייט אף דונײַ דעם טײַך, ווי, אשטייגער, יאראָסלאַוול, אָדער־זשע ניזשני. די שטעט בא זיי זײַנען ניט קיין טשאקנדיקע, נאָר אָט, די דערפֿער — ס׳איז עפּעס אנדערש! די ווײַבער דאָס־גלײַכן, נו, די ווײַבער זײַנען דאָרטן פֿאָשעט טשיקאַווע צום טויט. איבער איינער פֿון זיי בין איך שיר ניט פֿארבליבן דאָרטן. ווארט, ווי האָט זי געהייסן?

ער רײַבט שטארק מיט די דלאָניעס דאָס בלינדע פּאָנעם, די הארטע האָר קנאקן שטילערהייט, אין האלדז בא אים, טיף ערגעץ, קלינגט געלעכטער, דער־מאָנענדיק די קלאַנגען פֿון א צעבראָכן צימבל־גלעקל.

— א מענטש פֿארגעסט! און מיר פֿלעגן דאָך מיט איר אזוי... אז זי האָט זיך געזעגנט, האָט זי געוויינט, און איך אפֿילע האָב געוויינט, אף מײַן וואָרט.

ער האָט מיט רויִקער אומפֿארשעמטקײַט מיך אָנגעהויבן לערנען, ווי מע דארף זיך באגיין מיט פֿרויען.

מיר זיצן אפֿן הינטערטייל פֿון שיף, א ווארעמע לעוואָנעדיקע נאכט שווימט אונדז אנטקעגן, דער לאָנקעדיקער ברעג איז קוים וואָס מע זעט אים נאָכן זילבערנעם וואַ־סער, פֿונעם בארגיקן — פֿינטלען געלע פֿײַערן, אזוינע שטערן, געפֿאנגענע בא דער ערד. אלץ ארום באוועגט זיך, פֿלאטערט שלאָפֿלאָזיק, לעבט מיט א שטיל, נאָר אײַנגעשפּארט לעבן. אין דער ליבער טרויעריקער שטילקײַט פֿאלן הייזעריקע ווערטער:

— ס׳פֿלעג טרעפֿן, זי צעווארפֿט די הענט, צעלייגט זיך...

יאקאָווס אויפֿן דערציילן איז אומפֿארשעמט, נאָר ניט עקלדיק. ס׳איז אין אים ניטאָ קיין בארימערײַ, ניטאָ קיין אכזאָריעס, נאָר ס׳קלינגט א מין הארציקײַט און א קאפּעלע טרויער. די לעוואָנע אין הימל איז אויך אומפֿארשעמט הויל, און אויך זי רעגט, צווינגט וועגן עפּעס צו טרויערן. ס׳דערמאנט זיך נאָר דאָס, וואָס גוט, דאָס בעסטע — די קעניגן מארגאָ און די פֿערזן, וואָס זײַנען אומפֿארגעסלעך מיט זייער עמעסדיקײַט:

נאָר די ליד באדארף נייטיק די שיינקײַט,
שיינקײַט קאָן אָן א ליד זיך באגיין...

אָפּטרייסלענדיק פֿון זיך אָט די טרוימערישע שטימונג, ווי א גרינגן דרעמל, נעם איך ווידער אויספֿרעגן דעם הייצער וועגן זײַן לעבן, וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען.

— ביסט א מאָדנער, — זאָגט ער, — וואָס־זשע דערציילט מען דיר? איך האָב אלץ געזען. פֿרעג: מאָנאסטירן געזען? געזען. און טראקטירן? אויך געזען. געזען פּריציש לעבן און פּויעריש לעבן. געלעבט זאט, געלעבט אויך הונגעריק...

לאנגזאם, ווי אריבערגייענדיק א טיף טײַכל איבער א וואקלדיקן, געפֿערלעכן בריק, דערמאנט ער זיך:

— נו, אָט, אשטייגער, איך זיץ אין צירקל פֿאר פֿערד־גאנוועניע — כ׳וועל דערפֿאר האָבן סיביר, קלער איך! און דער קווארטאלנער — שעלט, די אויוונס

רויכערן בא אים אין נײַעם הויז. איך זאָג: דאָס קאָן איך, אײַער איידלקייט, פאַריכטן.
ער אָפּ מיר — שווײַגן! דאָ, זאָגט ער, האָט דער סאַמע בעסטער מײַסטער גאָרניט געקענט מאַכן... און איך צו אים: ס'טרעפט, אַז אַ פּאַסטעך איז אַמאָל קליגער פאַר אַ גענעראַל, — איך האָב דענסטמאָל דרייסקייט באַקומען צו אַלצדינג, סײַווי וואָרט אָפּ מיר סיביר. ער זאָגט: רײַב, נאַר, זאָגט ער, טאָמער וועט נאָך ערגער ווערן, וועל איך דיר די ביינער אָפּ פּיצלעך צעדרויבלען! אין צוויי מעסלעס האָב איך די זאַך צורעכטגעמאַכט. כידעשט זיך דער קוואַרטאַלנער, שרײַט: אַך, דו נאַר, באַלוואַן! ביסט דאָך אַ מײַסטער — און גאַנוועסט פערד, ווי קומט עס? איך זאָג אים: ס'איז פּראָסט נאַרישקייט, אײַער איידלגעבוירט. ריכטיק, זאָגט ער, נאַרישקייט, אַ ראַכמאָנעס, זאָגט ער, אָפּ דיר! יאָ, אַ ראַכמאָנעס, פאַרשטייסטו מיך. געזען? אַ פּאָליצײַישער מענטש, לויט זײַן שטעלע אַן אָנראַכמאָנעסדיקער, און האָט ראַכמאָנעס געהאַט...

— נו, איז וואָס־זשע ווײַטער? — פרעג איך.

— גאָרניט. האָט ראַכמאָנעס געהאַט. און וואָס נאָך?

— אָפּ דיר ראַכמאָנעס האָבן. ביסט אַזאַ שטיין!

יאַקאָוו לאַכט גוטמוטיק:

— אַ מאָדנער נעפּעש דו ביסט! אַ שטיין, זאָגט ער, אַ? און דו האָב ראַכמאָנעס אַפילע אָפּ אַ שטיין, אָפּ זײַן אָרט דינט אויך אַ שטיין. מיט שטיינער ברוקירט מען די גאַסן. יעדער מאַטעריאַל דאַרף מען שאַנעווען. אומזיסט ליגט ניט קיין זאַך. וואָס איז זאַמד? און אויך אָפּ אים וואַקסן גרעזלעך...

אַז דער הייצער רעדט אַזוי, איז מיר באַזונדערס קלאָר, אַז ער ווייסט עפּעס אַזוינס, וואָס פאַר מיר איז ניט צו באַגרײַפן.

— וואָס טראַכסטו עפּעס וועגן דעם קעכער? פרעג איך.

— וועגן מעדוועזשאָנאָקן? — זאָגט יאַקאָוו גלײַכגילטיק, — וואָס איז דאָ וועגן אים צו טראַכטן. טראַכטן איז דאָ ניטאָ וואָס.

דאָס איז ריכטיק. איוואַן איוואַנאָוויטש איז אַזאַ שטרענגער ריכטיקער, גלאַטער, אַז דער געדאַנק האָט ניט בא אים אין וואָס זיך צו פאַרטשעפּען. אין אים איז נאָר איינס אינטערעסאַנט: ער האָט ניט ליב דעם הייצער, שעלט אים שטענדיק און פאַרבעט אים שטענדיק טרינקען טיי...

איינמאָל האָט ער אים געזאָגט:

— ווען ס'איז לײַבייגנטום, און איך בין דײַן פּאָרעץ, וואָלט איך דיך, אַזאַ פּוסטעפּאַסניק, אַלע וואָך צו זיבן מאָל געשמיסן!

יאַקאָוו האָט ערנסט באַמערקט:

— זיבן מאָל — אַסאַך!

זידלענדיק דעם הייצער, האָדעוועט אים דער קעכער צוליב עפּעס מיט אַלערליי זאַכענישן, שטופּט אים גראָב עפּעס אַרײַן און זאָגט:

— פרעס!

יאַקאָוו קײַט ניט געכאַפּט און רעדט:

— כ'וועל אַ מאַסע קויעך אָנזאַמלען איבער דיר, איוואַן איוואַניטש!

— און צוליב וואָס דאַרפסטו, פּויליאַק, קויעך?

— וואָס הייסט צו וואָס? כ׳וועל לעבן לאַנג...
— און צו וואָס דאַרפסטו לעבן, וואלד־שעד?
— א וואלד־שעד לעבט אויך. אָדער ווערסט, עפּשער, זאָגן, אז ס׳איז ניט טשי־קאווע צו לעבן? לעבן, איוואַן איוואַניטש, איז א גרויסער פאַרגעניגן...
— א, ביסט א יעדיאָט!
— וואָס אַזוינס?
— יע־די־אָט.
— אָט א וואָרט, — כידעשט זיך יאַקאָוו, און מעדוועזשאָנאָק זאָגט צו מיר:
— באַטראַכט: מיר צאַפּן פון זיך דאָס בלוט, טריקענען די ביינער אין דער געגעמשער היץ בא דער פּליטע, און ער, קוק אים אָן, קײַט זיך, ווי א קאַבאַן!
— איטלעכן זײַן גורל, — זאָגט דער הייצער, קײַענדיק דאָס עסן.
איך ווייס ווייל, אז באַם הייצ־אויוון איז שווערער און הייסער צו אַרבעטן, ווי בא דער פּליטע. איך האָב עטלעכע מאָל געפּרוווט באַנאַכט „שורעווען״ איינעם מיט יאַקאָוון, און מיר קומט אויס מאָדנע, וואָס ער וויל צוליב עפּעס ניט אָנווייזן אַפּ דער שווערקײַט פון זײַן אַרבעט. ניין, דער דאָזיקער מענטש ווייסט עפּעס באַ־זונדערס.
אַלע האָבן אים געשאָלטן — דער קאַפּיטאַן, דער מאַשיניסט, דער באָצמאַן — אַלע, ווער ס׳האָט זיך ניט געפּוילט, — און ס׳איז געווען מאָדנע — פאַרוואָס־זשע צערעכנט מען אים ניט? די הייצערס האָבן זיך באַצויגן צו אים באַמערקלעך בעסער, ווי אַנדערע מענטשן, כאָטש זיי האָבן אים אויסגעלאַכט פאַר זײַן פּלאַפּ־לערײַ, פאַר זײַן שפּילן אין קאָרטן. איך פרעג זיי אַמאָל:
— יאַקאָוו איז עפּעס א ווילער?
— יאַקאָוו? אַזוי זיך. ער איז אַן אומשעדלעכער. קאָנסט מיט אים טאָן, וואָס דו ווילסט, אַפילו גליענדיקע קוילן אין בוזעם אים לייגן...
בא דער שווערער אַרבעט אַרום די קעסלען און בא זײַן פערדישן אַפּעטיט, איז דער הייצער געשלאָפן זייער ווייניק. בײַט זיך אום פון דער וואַכטע, און, אָפט־מאָל ניט איבערגעטאָן, א שמוציקער, א שווייסיקער, זיצט ער א גאַנצע נאַכט אַפן הינטערטייל פון דער שיף, שמועסנדיק מיט די פּאַסאַזשירן, אָדער שפּילנדיק אין קאָרטן. ער איז געשטאַנען פאַר מיר, ווי א פאַרשלאָסענער קופערט, אין וועלכן ס׳איז, ווי איך האָב געפילט, באַהאַלטן אַזוינס, וואָס איז מיר נייטיק, און איך האָב פאַראַקשנט געזוכט דעם שליסל, וואָס זאָל אים עפענען.
— וואָס, ברודערל, מאָנסטו בא מיר, קאָן איך ניט פאַרשטיין? — האָט ער זיך נאָכגעפרעגט, באַטראַכטנדיק מיך מיט אומזיכטיקע אויגן פון אונטער די ברעמען. נו, די ערד, נו, עמעס טאַקע, איך בין זי דורכגעגאַנגען היפּש, און וואָס נאָך? א מאָדנער נפעש! איך וועל דיר, אָט הער זיך בעסער אײַן, דערציילן, וואָס ס׳איז מיט מיר איינמאָל פאַרלאָפן.
און ער דערציילט: אין אַן אויעזדנער שטאָט האָט געלעבט א יונגער ריכטער, א טובערקוליאָזער, און א ווײַב האָט ער געהאַט א דײַטשקע, א געזונטע, אָן אָקאָרע. און די דײַטשקע האָט זיך פאַרליבט אין א סוחער א שניטקרעמער. דער סוחער איז א באַווײַבטער, א ווײַב — א שיינע, דרײַ קינדער. דער סוחער האָט

באמערקט, אז די דײַטשקע איז אין אים פארליבט, און ס׳איז אים אײַנגע־פאלן א כויזעק טאָן פון איר: ער האָט זי אײַנגעלאַדן צו זיך אין סאָד באנאכט, און אליין האָט ער פארבעטן צוויי זײַנע פרײַנט און זיי באהאלטן אין סאָד, אין די קוסטעס.

— אויסגעצייכנט! נו, די דײַטשקע איז געקומען, דאָס און יענץ, אָט בין איך, הייסט עס, אינגאנצן דאָ! און ער זאָגט צו איר: איך, הארנטע, קאָן דיר ניט ענט־פערן. איך האָב א ווײַב, נאָר אָט האָב איך פאר דיר צוגעגרייט צוויי גוטע־פרײַנט, זײַנע זיי — איינער אן אלמען, דער צווייטער — א באָכער. די דײַטשקע — אך! און דער־לאנגט אים א פּלעם איבערן פארצעפּ. ער האָט זיך איבערגעקוליעט איבער דער באנק, און זי אים אין דער מאָרדע מיטן שוך און מיטן אָפּצאס! און איך האָב זי באגלייט — כ׳בין באַם ריכטער א הויפער געווען, איך קוק דורך א שפּארונע אין פּארקן און זע — ס׳זידט דאָס געקעכצ. דאָ זײַנען די גוטע פרײַנט ארויסגעשפּרונגען און א נעם זי פאר די צעפּ, בין איך אריבער דעם פּארקן, האָב זיי צעשטורכעט — אזוי, זאָג איך, טויג ניט, הערן סאָכרים! די פריצע קומט צו אים מיטן גאנצן הארצן, און ער מיט אזא שענדלעכער אויסטראכטעניש. איך האָב זי אוועקגעפירט, און זיי האָבן מיר מיט א ציגל דעם קאָפּ צעבײַלט... איז זי אריינגעפאלן אין אן אומעט, גייט אום איבערן הויף ניט מיט אלעמען. כ׳וועל אוועקפאָרן, זאָגט זי, יאקאָוו, צו די דײַטשן, ווי נאָר דער מאן וועט שטארבן, וועל איך אוועקפאָרן! איך זאָג: אוואדע, דארף מען אוועקפאָרן! דער ריכטער איז געשטאָרבן, און זי איז אוועקגעפאָרן. זי איז געווען א מילדע אזא, א פארשטאנדיקע. און אויך דער ריכטער איז געווען א מילדער מענטש, בארויִק אים גאָט...

צעמישט, ניט פארשטייענדיק דעם זין פון דער געשיכטע, שווײַג איך. איך פיל אין דעם עפּעס באקאנטס, אָנראכמאָנעסדיקס, אומגעלומפּערטס, נאָר וואָס זאָגט מען דערצו?

— א גוטע געשיכטע? — פרעגט יאקאָוו.

איך זאָג עפּעס, שעלט זיך פאר אופגעבראכטקײַט, נאָר ער דערקלערט רויִק.

— מענטשן זאטע, מיט אלץ צופרידענע. נו, גלוסט זיך אן אנדער מאָל א שפּאס טאָן, נאָר דער שפּאס באקומט זיך בא זיי ניט, עפּעס קאָנען זיי ניט. מענטשן ערנסטע, סאָכרישע, פארשטייט זיך. מיסכער פאָדערט ניט ווייניק סייכל; לעבן מיט סייכל איז, אפּאָנעם, אומעטיק, איז אָט ווילט זיך א שפּיל טאָן.

הינטער דער שיף יאָגט דער טײַך, אינגאנצן אין שוים, מע הערט דאָס זידן פונעם לויפנדיקן וואסער, דער שווארצער ברעג באגלייט עס. אפּ דער פּאלובע כראָפּען די פּאסאזשירן; צווישן די בענק, צווישן די שלאָפנדיקע קערפּערס, באַ־וועגט זיך שטיל, דערנעענטערנדיק זיך צו אונדז, א הויכע דארע פרוי אין א שווארצן קלייד, מיט אן אָפענעם גרײַזן קאָפּ — דער הייצער טוט מיך א שטויס מיטן אקסל און זאָגט שטיל:

— זע — זי בענקט...

און סע דוכט מיר, אז די פרעמדע בענקשאפט פארנעמט אים.

דערציילט האָט ער אסאך, געהערט האָב איך שטענדיק מיט דאָרשט, כ׳געדענק גוט זײַנע דערציילונגען, נאָר כ׳געדענק ניט קיין איינע א פריילעכע. ער האָט

גערעדט רויִקער, ווי די ביכער — אינ די ביכער האָב איכ אָפט געהערט דעמ שרייַבערס געפיל, זייַנ צאָרנ, פרייד, זייַנ טרויער, זייַנ שפאס. דער הייצער האָט ניט געלאכט, ניט פארורטיילט, קיינ זאכ האָט אימ ניט באליידיקט אונ ניט געפרייט באַמערקלעכ. ער האָט גערעדט, ווי א גלייַכגילטיקער איידעס פאר א ריכטער, ווי א מענטש, וואָס אימ זייַנענ גלייַכ פרעמד די באשולדיקטע, די באשולדיקער, די ריכטער... אָט דער גלייַכגילט פלעג באַ מיר ארויסרופנ אלצ א מער ביטערע בענקשאפט, האָט געוועקט א געפיל פונ בייזער אומפרייַנטלעכקייַט צו יאקאָוונ.

דאָס לעבנ האָט געברענט פאר אימ, ווי דאָס פייַער אינ הייצ-אויוונ אונטער די קעסלענ. ער איז געשטאנענ פארנ אויוונ מיטנ הילצערנעמ העמערל אינ דער האַמעטנער בערישער לאפע אונ האָט שטיל געקלאפט איבערנ צאפנ פונ דער פאָרסונקע, צוגעבנדיק אָדער אָפשוואכנדיק די הייצונג.

— מע האָט דיכ אָפט באליידיקט?

— ווער וועט מיכ באליידיקנ? איכ בינ דאָכ א שטארקער, אז איכ וועל א זעצ טאָנ...

— איכ רייד ניט וועגנ קלעפ. נאָר די נעשאָמע — האָט מענ דיר באליידיקט?

— די נעשאָמע קאָנ מענ ניט באליידיקנ, די נעשאָמע נעמט ניט אָנ קיינ באליידיקונג, — זאָגט ער. — דעמ מענטשנס נעשאָמע וועסטו בעשומויפנ ניט דערלאנגענ, מיט קיינ זאכ ניט...

די פאלובע-פאסאזשירנ, די מאטראָסנ, אלע מענטשנ האָבנ גערעדט וועגנ דער נעשאָמע פונקט אזוי פיל אונ אזוי אָפט, ווי וועגנ ערד, ארבעט, ברויט אונ פרויענ. נעשאָמע איז דאָס צענטע וואָרט אינ די רייד פונ פראָסטע מענטשנ, א וואָרט א גאנגבארס, ווי א פיאטאק. מיר געפעלט ניט, וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיכ אזוי אייַנגעלעבט אפ די גליטשיקע צינגער פונ די מענטשנ, אונ ווענ מאנצבלענ בעמענ זיכ שעלטנ אינ דער מאמענ, ביטער אונ ליבלעכ דערבייַ באשמוצנדיק די נעשאָמע, שלאָגט עס מיר איבערנ הארצנ.

איכ געדענק זייער גוט, ווי פאָרזיכטיק די באבע האָט גערעדט וועגנ דער נעשאָמע, דעמ סוידעסדיקנ ווינ-אָרט פונ ליבע, שיינקייַט, פרייד. איכ האָב געגלייבט, אז נאָכנ טויט פונ א גוטנ מענטשנ טראָגנ ווייַסע מעלאָכימ אוועק זייַנ נעשאָמע צומ בלויענ הימל, צומ גוטנ גאָט פונ מייַנ באבענ, אונ ער באגעגנט זי מילד:

— וואָס, מייַנ ליבע, וואָס, מייַנ זויבערע, — האָסט זיכ אָנגעליטנ, אָנגעוואָגלט?

אונ ער גיט דער נעשאָמע פליגלענ פונ סראָפימ — זעקס ווייַסע פליגלענ.

יאקאָוו שומאָוו רעדט וועגנ דער נעשאָמע פונקט אזוי פאָרזיכטיק, קארג אונ אומגערנ, ווי די באבע האָט וועגנ איר גערעדט. שעלטנדיק עמעצנ, האָט ער די נעשאָמע ניט פארטשעפעט, אונ ווענ אנדערע האָבנ וועגנ איר זיכ ארויסגעזאָגט, האָט ער געשוויגנ, אָנבייגנדיק דעמ רויטנ אָקסישנ האלדז. אז איכ פרעג אימ, וואָס איז עס אזוינס די נעשאָמע — ענטפערט ער:

— א גייַסט, דער אָטעמ גאָטס...

מיר איז עס ווייניק. איכ פרעג אימ נאָכ וועגנ עפעס, דענסטמאָל רופט זיכ אָנ דער הייצער מיט אנ אָנגעבויגענעמ קאָפ:

— וועגן דער נעשאָמע, ברודערל, פארשטייען אפילו די גאלאָכים ווייניק. ס'איז א פארהוילענער איניען...

ער האלט מיך אין שטענדיקע געדאנקען וועגן אים, אין איינגעשפארטער אָנ־שטרענגונג אים צו פארשטיין, נאָר אָט די אָנשטרענגונג האָט ניט קיין דערפאָלג. אויסער דעם זע איך ניט גאָרניט, ער פארשטעלט פון מיר אלץ מיט זיין ברייטער פיגור.

פארדעכטיק ליבלעך באַצייט זיך צו מיר די בופעטשיצע, — אינדערפרי מוז איך איר דערלאנגען וואשן זיך, כאָטש דאָס גייט אריין אין די פליכטן פון דער צווייט־קלאסיקער צימער־דינערן לושע — א זויבער און פריילעך מיידל. אז איך שטיי אין דער ענגער קאיוטע, לעבן דער בופעטשיצע, וואָס איז ביזן גארטל נאקעט, און איך זע איר געל לייב, וואָס איז שיטער, ווי איבערגעיוירן טייג, דערמאנט זיך מיר דער געגאָסענער, טונקעלער קערפער פון דער קעניגן מארגאָ, און ס'עקלט מיך. און די בופעטשיצע רעדט אלץ וועגן עפעס, אמאָל קלאָגעוודיק און וואָרטשענדיק, אמאָל בייז און אָפּשפעטעריש.

דער זין פון אירע רייד דערגייט ניט צו מיר, כאָטש איך שטויס זיך אָן וועגן אים פונוויינטנס — ס'איז א נעבעכדיקער, בעטלערישער, כארפעדיקער זין. נאָר מיך רעגט עס ניט — איך לעב ווייט פון דער בופעטשיצע און פון אלץ, וואָס עס טוט זיך אפן דאמפער, איך בין הינטער א גרויסן, מאָכיקן שטיין, ער פאר־שטעלט פון מיר אָט די גאנצע וועלט, וואָס טאָג און נאכט שווימט זי ערגעץ־ווו.

— זי האָט זיך גאָר פארליבט אין דיר, אונדזער גאווריל‏אָוונע, — הער איך, ווי דורך א כאָלעם, לושעס אָפּשפעטערישע ווערטער. — צעעפן דאָס מויל, כאפ אריין דאָס גליק...

ניט זי אליין לאכט פון מיר. די גאנצע בופעט־דינערשאפט ווייסט וועגן דער באלעבאָסטעס שוואכקייט, און דער קעכער זאָגט, קנייטשנדיק זיך:

— זי האָט שוין אלצדינג פארזוכט, האָט זיך איר פארגלוסט א פיראָזשנע, בע־זע! א פאָלק... גיב אכטונג, פעשקאָוו, מיטביידע אויגן, און זע מיט דריי...

און אויך יאקאָוו לערנט מיך פאָטערלעך, זאכלעך:

— פארשטייט זיך, ווען דו ביסט אפ צוויי יאָר עלטער, וואָלט איך דיר געזאָגט אנדערש, וואָס דו האָסט צו טאָן, נאָר איצט, בא דיינע יאָרן, איז עפשער טאקע גלייכער, זאָלסט זיך ניט אונטערגעבן. נאָר כאָטש פון דער אנדערער זייט, איז, ווי דו ווילסט...

— הער אוף, — זאָג איך, — ס'איז קויט...

— געוויס...

נאָר טייקעף, פרוונדיק צעפּאטלען מיט די פינגער די צוניפגעפלאָנטעטע האָר אפן קאָפּ, זייט ער זיינע קייַלעכדיקע ווערטער:

— נו, אויך איר לאגע דארף מען פארשטיין, ס'איז א לאגע אן אָרעמע, א לאגע א ווינטערדיקע... אפילו א הונט האָט ליב, מע זאָל אים גלעטן, נאָך מער א מענטש! א פרוי לעבט פון צארטקייט, ווי א שוואָם פון נאסקייט. איר אליין איז, געוויס, א כארפע, נאָר וואָס קען מען טאָן? דאָס לייב באגערט, מע זאָל עס פעסטען...

איך פרעג, אריינקוקנדיק אים מיט אָנשטרענגונג אין די פארהוילענע אויגן:

— ס׳איז דיר א ראכמאָנעס אפ איר?

— מיר? וואָס איז זי מיר, א מוטער צי וואָס? מע האָט אפ קיין מוטער קיין ראכמאָנעס ניט, און דו... ביסט א מאָדנער נעפעש!

ער לאכט ניט הויך, ווי א צעבראָכן גלעקל.

אן אנדער מאָל, אז איך קוק אפ אים, פאל איך אזויווי ארײַן אין א שטורמער פוסטקײַט, אין אן אָפּגרונטלעכער גרוב און פינצטערניש.

— אָט האָבן אלע כאסענע, און דו, יאקאָוו, פארוואָס זאָלסטו ניט כאסענע האָבן?

— און צו וואָס? א ווײַב וועל איך זיך אזוי אויך אמאָל קריגן, דאָס איז, גאָט צו דאנקען, פראָסט... א באוויַבטער מוז ווינען אפ אן אָרט, האָבן צו טאָן מיט ערד, און בא מיר איז די ערד א געמיינע און כ׳האָב זי ווײניק, און אויך די האָט א פעטער צוגענומען. א ברודער האָט זיך אומגעקערט פון סאָלדאטן, אָנגעהויבן מיטן פעטער רײַסן זיך, לאָדן זיך, און — מיט א שטעקן אים איבערן קאָפּ. בלוט פארגאָסן. דערפאר האָט ער באקומען טורמע אָנדערהאלבן יאָר; און פון טורמע איז איין וועג פאראן — ווידעראמאָל אין טורמע ארײַן. און זײַן ווײַב, א וואָרעמע יאטעכע געווען... נאָר וואָס איז דאָ צו ריידן: האָסט כאסענע געהאט — זיץ בא דײַן קאָנורע, ווי א באלעבאָס, א סאָלדאט איז אָבער ניט קיין באלעבאָס איבער זײַן לעבן...

— טפילע צו גאָט טוסטו?

— א מאָדנער נעפעש, — פארשטייט זיך, ווי דען...

— און ווי?

— פארשיידן,

— וועלכע טפילעס טוסטו אמיינסטן?

— קיין טפילעס קען איך ניט. איך, ברודערקע, מאך עס פּראָסט: האר יעזוס, אפ די לעבעדיקע דערבארעם זיך, די טויטע בארויק, באהיט, האר, פון שלאָפקײַטן. גו, נאָך עפּעס אזוינס...

— וואָס?

— אזוי! אים — וואָס דו זאָלסט ניט זאָגן, וועט אלץ דערגיין!

ער באציט זיך צו מיר ליבלעך, מיט נײַגער, ווי צו א ניט נאריש הינטל, וואָס קאָן ווײַזן טשיקאווע שטיק. ס׳פלעגט זיך מאכן, דו זיצסט מיט אים באנאכט, פון אים שמעקט מיט נאפט, מיט טשאד, מיט ציבעלע, — ער האָט ליב געהאט ציבעלע און האָט געהריזעט רויע ציבעלעס, ווי עפּל; פלוצעם פרעגט ער:

— אנו, אָליאָכא, יעראָכא־וואָכא, זאָג עפּעס א געדיכט!

איך ווייס אסאך געדיכטן אפ אויסווייניק, דערצו האָב איך א דיקע העפט, וווּ ס׳איז פארשריבן דאָס, וואָס כ׳האָב ליב. איך לייען אים „רוסלאן", ער הערט אומבאוועגלעך, א בלינדער און א שטומער, אײַנהאלטנדיק דעם הייזעריקן אָטעם, דערנאָך זאָגט ער ניט הויך:

— א דערוואָרעמענדיק, געשיקט מײַסעלע! האָסט עס אליין צוגעטראכט? פושקין? פאראן אזא פּאָרעץ מוכין־פושקין. כ׳האָב אים געזען...

— ס׳איז ניט דער, יענעם האָט מען שוין לאנג דערהארגעט!

— פאַרוואָס?

איך דערצייל מיט קורצע ווערטער, ווי ס'האָט מיר דערציילט די קעניגין מאַרגאָ.

יאַקאָוו הערט, דערנאָך זאָגט ער רויִק:

— איבער ווײַבער ווערן גאַנצע געגנטן פֿאַרפּאַטערט...

אָפּטמאָל גיב איך אים איבער פֿאַרשיידענע געשיכטעס, אויסגעלייענטע פֿון די ביכער. אַלע האָבן זיי זיך צונויפֿגעפּלאָנטעט, זיך צונויפֿגעזאָטן אין איין זייער לאַנגער געשיכטע פֿון אַן אומרויִק, שיין לעבן, אָנגעזעטיקט מיט פֿײַערדיקע ליידנ־שאַפֿטן, פֿול מיט אויסערגעוויינלעכע אופֿטוען, מיט פֿורפֿורנעם איידלמוט, לעגענ־דאַרע גליקן, דועלן און טויטן, גרויסמוטיקע ווערטער און נידערטרעכטיקע טאַטן. ראָקאַמבאָל האָט בײַ מיר אָנגענומען די ריטערישע שטריכן פֿון ליאַ־מאָל, אַניבאָל, קאָקאָנאַ; לודוויג XI — די שטריכן פֿון דעם פֿאָטער גראַנדע. דער קאָרנעט אָטלע־טײַעוו גיסט זיך צונויף מיט הענריך IV. אָט די דאָזיקע געשיכטע, אין וועלכער איך האָב, ווי ס'איז מיר אײַנגעפֿאַלן, געענדערט די כאַראַקטערס פֿון די מענטשן, איבערגעשטעלט די געשעענישן, איז געווען פֿאַר מיר אַ וועלט, וווּ איך בין געווען פֿרײַ, ווי דעם זיידנס גאָט, — ער שפּילט אויך מיט אַלץ, ווי אים גלוסט זיך... ניט שטערנדיק מיר צו זען דיווירקלעכקייט אַזאַ, ווי זי איז געווען, ניט אָפּקילנדיק מײַן פֿאַרלאַנג צו פֿאַרשטיין די לעבעדיקע מענטשן, האָט אָט דער ביכערדיקער כאַאָס מיך באַשיצט מיט אַ דורכזיכטיקן, נאָר ניט דורכדרינגלעכן וואָלקן פֿון אַ מענגע אָנשטעקנדיקן שמוץ, פֿון דעם לעבנס פֿאַרגיפֿטנדיקע סאַמען.

די ביכער האָבן מיך געמאַכט אומבאַשעדיקט פֿאַר אַסאַך זאַכן: וויסנדיק, ווי־אַזוי מע ליבט און לײַדט, קאָן מען ניט גיין אין אַ שאַנדהויז. דער קאָפּיקענער זנוס האָט בײַ מיר געוועקט אַן עקל צו אים און אַ ראַכמאָנעס־געפֿיל צו די מענטשן, וואָס זיי איז ער זיס. ראָקאַמבאָל האָט מיך געלערנט זײַן פֿעסט, ניט אונטערגעבן זיך דער קראַפֿט פֿון די אומשטענדן, דיומאַס העלדן האָבן אין מיר געוועקט אַ פֿאַרלאַנג אָפּצוגעבן זיך פֿאַר עפּעס אַ וויכטיקן, גרויסן אופֿטו. מײַן באַליבטער העלד איז געווען דער פֿריילעכער קעניג הענריך IV, מיר האָט זיך געדוכט, אַז וועגן אים רעדט עס בעראַנזשעס פֿײַנע ליד:

> ער האָט דעם פּויער רעכט געשענקט,
> איז אָפֿט טרונק געווען ניט פֿויל;
> און אַז דעם פֿאָלק זיך לעבט ניט ענג,
> מעג נעמען אויך דער האר אין מויל.

די ראָמאַנען האָבן געשילדערט הענריך IV ווי אַ גוטן מענטשן, וואָס איז נאָענט צו זײַן פֿאָלק. אַ ליכטיקער, ווי די זון, האָט ער בײַ מיר געשאַפֿן אַן איבערצײַגונג, אַז פֿראַנקרײַך איז דאָס שענסטע לאַנד אויף דער גאַנצער ערד, אַ לאַנד פֿון ריטערס, וואָס זײַנען גלײַך איידלמוטיק סײַ אין דער מאַנטיע פֿונעם קעניג, סײַ אין די קליידער פֿון אַ פּויער: אַנזש פּיטו איז פּונקט אַזאַ ריטער, ווי ד'אַרטאַניאַן. אַז מע האָט הענריכן דערהאַרגעט, האָב איך זיך ביטער צעוויינט און געסקריפּעט מיט די ציין פֿאַר סינע צו ראַוואַליאַקן. אָט דער קעניג איז קימאַט שטענדיק

געווען דער העלד פון מײַנע דערציילונגען פארן הייצער, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז יאַקאָוו האָט אויך ליב געקריגן פראנקרײַך און „כענריקן".

— א ווילער מענטש געווען אָט דער קעניג כענריק, מיט אזוינעם איז גוט אי־פיש כאפן, אי וואָס דו ווילסט, — האָט ער גערעדט.

ער פלעג ניט ארײַנפאלן אין היספּײַלעס, פלעג ניט איבערשלאָגן מײַנע דער־ציילונגען מיט קיין פראגעס, ער האָט געהערט שווײַגנדיק, אראָפּגעלאָזט די ברעמען מיט אן אומבאוועגלעכן פּאָנעם — אן אלטער שטיין, צוגעדעקט מיט שימל. נאָר אז איך פלעג איבער עפּעס איבערײַסן די רייד, פלעג ער באלד זיך נאָכפרעגן:

— געענדיקט?

— נאָך ניט.

— טאָ שטעל זיך ניט אָפּ.

וועגן די פראנצויזן פלעג ער ריידן מיט א זיפץ:

— לעבן זיך קילבלעך...

— וואָס הייסט?

— אָט מיר מיט דיר לעבן אין היץ, אין מי, און זיי — אין קילקייט און האָבן ניט קיין געשעפטן, נאָר זיי טרינקען און הוליען — א כּיעסדיק לעבן:

— זיי ארבעטן אויך.

— מע זעט עס ניט פון די געשיכטעס פון דײַנע, — האָט דער הייצער ריכטיק באמערקט, און מיר איז פּלוצעם געוואָרן קלאָר, אז די גרעסטע מערהײַט ביכער, וואָס איך האָב איבערגעלייענט, דערציילט קימאט גאָרניט, וויאזוי ארבעטן, פון וואָס פאר אן ארבעטן לעבן די איידלמוטיקע העלדן.

— אנו, כ'וועל א ביסל כאפן א דרעמל, — זאָגט יאַקאָוו, אומוואָרפנדיק זיך אפן רוקן דאָרט, ווו ער איז געזעסן, און אין א מינוט ארום האָט ער שוין געפײַפט מיט דער נאָז.

הארבסט, ווען די ברעגן פון דער קאַמא זײַנען געל געוואָרן, די ביימער האָבן זיך באגילדט און די קאָסע שטראלן פון דער זון האָבן גענומען ווײַס ווערן, איז יאַקאָוו אומגעריכט אוועק פונעם דאמפער. נאָך א טאָג פאר דעם האָט ער מיר גע־זאָגט:

— איבערמאָרגן קומען מיר אָן מיט דיר, יעראָכא־וואָכא, קיין פּערם, מירן זיך דורכגיין אין באָד, מירן זיך גוט אויספּארען, און פון דאָרטן וועלן מיר זיך אוועק־לאָזן אין א טראקטיר מיט מוזיקע — א פארגעניגן! כ'האָב ליב צו קוקן, ווי די מא־שין שפּילט.

נאָר אין סאראפּול האָט זיך געזעצט אפן דאמפער א דיקער מאנצבל מיט א שיטער ווײַבערש פּאָנעם אָן באָרד און וואָנצעס. א ווארעמע לאנגע טשויקע און א קארטוז מיט אויערן פון פוקסן־פוטער האָט נאָך מער פארשטארקט זײַן ענלעכקײַט אָפּ א פרוי. ער האָט באלד פארנומען א טישל בא דער קיך, ווו ס'איז געווען ווארעמער, האָט געבעטן טײ־געפעס און גענומען טרינקען די געלע זודיקע וואסער, ניט צעשפּיליעט די טשויקע, ניט אראָפּגענומען דעם קארטוז, געדיכט שוויצנדיק.

די הארבסטיקע וואָלקנס האָבן נאָכאנאנד געזייט א דריבנעם רעגן, און ס'האָט זיך געדוכט, אז ווען אָט דער מענטש ווישט אויס מיט דער געקעסטלטער

פאטשיילע דעם שוויס פונעם פּנעם, גייט דער רעגן שטילער, און אין דער מאָס, ווי דער מענטש שוויצט וויַיטער, ווערט אויך דער רעגן שטארקער.

אינגיכן האָט זיך לעבן אים באוויזן יאקאָוו, און זיי האָבן גענומען באטראכטן די מאפּע אינעם קאלענדאר — דער פּאסאזשיר האָט געפירט איבער איר מיט א פינ־גער, און דער הייצער האָט רויִק גערעדט:

— איז וואָס? ס'איז גאָרניט. דאָס איז בא מיר ווערט א שפּיַי...

— איז גוט, — האָט מיט א דין קעלעכל געזאָגט דער פּאסאזשיר, פארשטופּנדיק דעם קאלענדאר אינעם געעפנטן לעדערנעם זאק, וואָס בא זײַנע פיס. שטיל שמועסנ־דיק, האָבן זיי אָנגעהויבן טרינקען טיי.

איידער יאקאָוו איז אוועק אפ דער וואכטע, האָב איך אים געפרעגט, וואָס איז דאָס פאר א מענטש. ער האָט געענטפערט מיט א שמייכל:

— קענטיק, דער פויגל איז א סאָריס [1], הייסט עס. פון סיביר, ווײַט! א טשי־קאווער, לעבט מיט א פּלאנט...

ער איז אוועק פון מיר, טרעטנדיק איבער דער פּאלובע מיט שווארצע פּיאטקעס, הארטע ווי טלאָען, נאָר ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, קראצנדיק זיך די זײַט.

— כ'האָב זיך אים פארדונגען פאר אן ארבעטער. ווי מיר קומען קיין פּערם, קריך איך אראָפּ פונעם דאמפער, און זײַ געזונט, יעראָכא־וואָכא! מיט דער אײַזנ־באן צו פאָרן, דערנאָך — איבער א טײַך, און נאָך מיט דער אקס — דארף מען, אזויווי, א פינף וואָכן פאָרן, — אָט וווהין א מענטש האָט זיך פארשלאָגן...

— דו קענסט אים? — האָב איך געפרעגט פארכידעשט פון יאקאָווס אומגעריכטן באשלוס.

— פונוואנען? אפילע קיינמאָל ניט געזען, כ'האָב דאָך אין זײַנע ערטער ניט געוווינט...

אינדערפרי האָט יאקאָוו, אן אָנגעטאָנענער אין א קורץ פארשמאָלצעוועט פּעלצל, אין שטיקלעך שטיוול אפ די הוילע פיס, און מעדוועזשאָנאָקס א צעבראָכע־נעם שטרויענעם הוט אָן ראנדן, געדריקט מײַן האנט מיט טשוהונענע פינגער און גע־רעדט:

— לאָז זיך אוועק מיט מיר, א? ער וועט דיך נעמען, דער פויגל, מע זאָל אים נאָר זאָגן. ווילסט — וועל איך זאָגן? מע וועט דיר אָפּשנײַדן וואָס איבעריק, מע וועט דיר געלט געבן. פאר זיי איז א יאָנטעוו — א מענטשן קאליעטשען, זיי וועלן דערפאר באצאָלן...

דער סאָריס איז געשטאנען באם באָרטן מיט א ווײַס קלומעקל אונטער דער פּאכווע, האָט אײַנגעשפּארט געקוקט אפ יאקאָוון מיט טויטע אויגן, א שווערער, אן אָנגעדראָלענער, ווי א דערטרונקענער. איך האָב אים שטיל אויסגעזידלט. דער הייצער האָט נאָכאמאָל א דריק געטאָן מײַן האנט.

— וואָס גייט ער דיר אָן, שפּיַי זיך אויס! איטלעכער בוקט זיך צו זײַן גאָט, וואָס ארט עס אונדז? נו, זײַ געזונט! לעב גליקלעך?

---

[1] סאָריס — скопец.

און ער איז אוועק, יאקאָוו שומאָוו, איבערוואַלגערנדיק זיך פון פוס אַפ פוס, ווי אַ בער, און האָט איבערגעלאָזט אין מײַן האַרצן ניט קיין לײַכטן קאָמפּליצירטן געפיל — ס'איז מיר געווען אַ ראַכמאָנעס אַפן הייצער, און ס'האָט מיר פאַרדראָסן אַפ אים, כ'בין אים מעקאַנע געווען, געדענק איך, אַביסל, און געטראַכט מיט אומרו: צו וואָס איז דער מענטש אַוועק אומבאַוווּסט וווהין?

און וואָס־זשע איז ער פאַרט פאַר אַ מענטש, יאקאָוו שומאָוו?

XII

שפּעט אין האַרבסט, אַז די רייסן פונעם דאַמפּער האָבן זיך פאַרענדיקט, בין איך אָנגעקומען פאַר אַ שילער אין אַ וואַרשטאַט פון איקאָנעמאָלערײַ. נאָר אין אַ טאָג אַרום האָט מײַן באַלעבאָסטע, אַ ווייכע און אַ שיקערינקע אַלטיטשקע, מיר גע־מאָלדן מיט איר וולאַדימירער אויסשפּראַך:

— די טעג זײַנען איצטער קורצינקע, די אָוונטן לאַנגע, וועסטו פון אינדערפרי גיין אין קלייט פאַר אַ ייִנגל, און אין די אָוונטן — לערנען זיך!

און זי האָט מיך אָפּגעגעבן אונטער דער הערשאַפט פון אַ קליינינקן פלינק־פיסיקן פּריקאַשטשיק, אַ יונגן באָכער מיט אַ שיינינק, פריקרע פּאָנעם. אין די פרי־מאָרגנס, אין קאַלטן האַלבטונקל פון שאַרײַען, גיי איך מיט אים דורך דער גאַנצער שטאָט איבער דער שלעפעריקער סאָכרישער גאַס אילינקע צום אונטערשטן מאַרק; דאָרטן, אַפן צווייטן שטאָק פונעם ראָטהויז, געפינט זיך די קלייט. איבערגעמאַכט פון אַ לאַגער, אַ טונקעלע מיט אַן אײַזערנער טיר און איין קליינינקן פענצטער צו אַ טעראַסע, אַ געדעקטער מיט אײַזן, איז די קלייט געווען ענג אָנגעפּראָפּט מיט איקאָנעס פון פאַרשיידענע מאָסן, מיט קיאָטן, גלאַטע און מיט „ווײַנטרויבן”, מיט ביכער פון קלויסטער־סלאַווישן דרוק, אין אײַנבונדן פון געלן לעדער. באַזײַט מיט אונדזער קלייט האָט זיך געפונען אַ צווייטע, דאָרט האָט אויך געהאַנדלט מיט איקאָ־נעס און ביכער אַ שוואַרצבערדיקער סוחער, אַ קאָרעוו פון אַ סטאַראָווערישן פיר־זאָגער, אַ באַוווּסטן הינטער דער וואָלגע, אין די קערזשענער געגנטן. באַם סוחער איז געווען אַ דאַרינקער און שמײַדיקער זון אין מײַן עלטער, מיט אַ קליין פּע־נעמל פון אַ זאָקן, מיט אומרויִקע אויגן פון אַ מײַזעלע.

געעפנט די קלייט, האָב איך באַדאַרפט לויפן נאָך אָקרעפּ אין טראַקטיר; נאָך דער טיי — אופראַמען די קלייט, אָפּווישן דעם שטויב פון דער סחורה, און דערנאָך — שטיין אַפ דער טעראַסע, שאַרף אַכטונג געבן, די קונים זאָלן ניט אַרײַנגיין אין דעם שאָכנס קלייט.

— דער קונה איז אַ נאַר, — האָט דער פּריקאַשטשיק מיט זיכערקײַט צו מיר גערעדט, — אים איז אַלצאיינס, וווּ צו קויפן, אַבי וואָלוול, אַפ אַ שטיקל סחורה פאַר־שטייט ער זיך ניט!

גיך שנעלנדיק מיט די ברעטלעך פון די איקאָנעס, איבערנעמענדיק זיך מיט זײַן פּײַנעם וויסן די זאַך, האָט ער מיך געלערנט:

— די וואַרקשטאַט־אַרבעטן זײַנען אַ וואָלוועלע סחורה, דרײַ ווערשאָק אַפ פיר קאָסט זיך אַליין... זעקס ווערשאָק אַפ זיבן קאָסט זיך אַליין... די הייליקע ווייסטו?

פארגעדענק: באַניפּאַטי — פון שיקרעס; וואַרוואַרא די גרויסמארטירערן — פון ציינ־ווייטעק, פון אומגעריכטן טויט; וואַסילי דער ווילגעבענטשטער — פון קאַדאַכעס, פון הארצקרענק. די גאָט־געווינערנס ווייסטו? קוק: די צאַער־מוטער, די דרייַהענטיקע, דער צייכן אין אבאַלאַצקע, ניט־קלאָג־אָפּ־מיר־מוטער, שטיל־מיינ־פּיין, די קאַזאַנער, די פּאָקראָווער, די זיבנפּייַלנדיקע...

איך האָב גיך פאַרגעדענקט. די פּרייַזן פון די איקאָנעס לויט די מאָסן און דער ארבעט, האָב פאַרגעדענקט די אונטערשיידן אין די איקאָנעס פון די גאָט־געווי־נערנס, נאָר פאַרגעדענקען דעם באַטייַט פון די הייליקע איז געווען ניט גרינג.

כ׳פאַרקלער זיך, טרעפט אמאָל, וועגן עפּעס, שטייענדיק בא דער טיר פון דער קלייט, און דער פּריקאַשטשיק הייבט אָן פּלוצעם דורכקאָנטראָלירן מייַנע קענטע־נישן:

— דער אויסלייזער בא א שווערן האָבן — ווער איז?

אויב איך פאַל דורך, פרעגט ער מיט פאַראַכטונג:

— צו וואָס טויג אזא קאָפּ?

נאָך שווערער איז געווען אַרייַנצייַען די קוינים. די העסלעך־אָנגעמאָלטע איקאָנעס זייַנען מיר ניט געפעלן געווען, פאַרקויפן זיי איז געווען ניט אנגענעם. פון דער באָבעס דערציילונגען האָב איך זיך פאָרגעשטעלט די גאָט־געווינערן יונג, שיין, גוט, אזא איז זי אויך געווען אפ די בילדער אין די זשורנאַלן. און אפ די איקאָנעס איז זי געווען אַן אַלטע, א שטרענגע, מיט א לאַנגער קרומער נאָז און הילצערנע הענ־טלעך.

אין די מארק־טעג — מיטוואָך און פרייַטיק — איז דער האנדל געגאַנגען לעבעדיק, אפ דער טעראַסע פלעגן זיך אָפּט ווייַזן פּויערים און אלטע פרויען, אַן אנדער מאָל גאַנצע מישפּאָכעס, אַלץ — סטאַראָאָבריאַדצעס פון יענזייַט וואָלגע, אַן אומצוטרוילעכער און פאַרומערטער וואַלד־אוילעם. זעסט, מאַכט זיך, ווי איבער דער גאַלעריי טרעט לאַנגזאַם, פּונקט ער זאָל מוירע האָבן דורכברעכן דעם פּאָל, א שווערער מענטש, א פאַרקוטעטער אין שעפּסן־פּעלץ און גראָבן היימיש־געאַרבעטן געוואַנט, ווערט דיר ניט מיט אַלעמען פאַר אים, עפּעס א בושע. איבערגוואַלד שטעלסטו זיך אים אין וועג, דרייסט זיך פאַר זייַנע פיס, וואָס אין די פּודיקע שטיוול, און זינגסט, ווי א קאָ־מער:

— וואָס דאַרפט איר, געערטער? פּסאַלטערן געוויינלעכע און מיט טייַטשן, יעפרעמ סירינס ביכער, קירילעס, סטאַטוטן, דאַוונביכער — זייַט אזוי גוט, טוט א קוק! איקאָנעס אַלערליי, וועלכע איר ווילט, צו פאַרשיידענע פּרייַזן, בעסטע ארבעט, אין טונקעלע פאַרבן! מיר מאַלן אפ באַשטעלונג, וועמען איר פאַרלאַנגט, — אַלע הייליקע און גאָט־געווינערנס! אַן אייגנגאָמענדיקע, עפּשער, ווילט איר באַשטעלן, א מישפּאָכעדיקע? דער בעסטער ווערקשטאַט אין רוסלאַנד! דאָס ערשטע געשעפט אין שטאָט!

דער קויגע, אַן אומפאַרשטענדלעכער, ניט דורכצודרינגען אים, שווייַגט לאַנג, קוקנדיק אפ מיר, ווי אפ א הונט, און פּלוצעם טוט ער מיט א שטופּ אָפּ אין א זייַט מיט א הילצערנער האַנט און גייט אין דעם שאָכנס קלייט אַרייַן, און דער פּריקאַשטשיק מייַנער וואָרקשעט בייז, רייַבנדיק זיך די גרויסע אויערן:

— האָסט ארויסגעלאָזט, ס־סויכער...

אינ דעם שאָכנס קלייט הודעט א ווייכע, זיסע שטים, פליסט א פארפירערישע רעדע:

— מיר, הארציקער, האנדלענ ניט מיט קיינ שאָפּנ־פעל, ניט מיט שטיוול, נאָר מיט גאָטס גענאָד, וואָס איז העכער פונ זילבער אונ גאָלד אונ האָט גאָר קיינ פרייז ניט...

— ש־שעד! — שעפּטשעט מײַנ פריקאשטשיק מיט קינע אונ אנטציקונג. — אָט פאר־גיסט ער אימ די אויגנ, דעם פויערעצ, בעריעש. לערנ זיכ, לערנ זיכ!

איכ האָב זיכ געלערנט געוויסנהאפט. יעדער זאכ דארפ מענ טאָנ גוט, וויבאלד דו האָסט זיכ פאר איר גענומענ. נאָר איכ האָב געמאכט ווייניק דערפאָלג אינעמ ארײַנצײַענ די קונימ אונ אינעמ האנדל; אָט די פארומערטע פויערימ, קארגע אפ א וואָרט, אלטע פרויענ, ענלעכע אפ שטשורעס, שטענדיק פונ עפּעס דערשראָקענע, אראָפּגעפּאלענע, האָבנ בא מיר ארויסגערופנ מיטלייד צו זיכ, ס׳האָט זיכ געוואָלט שטילינקערהייט זאָגנ דעמ קונע די עמעסע פרײַז פונ דער איקאָנע, ניט פארלאנ־גענדיק קיינ איבעריקע צוואנציק קאָפּיקעס. אלע האָבנ זיי מיר אויסגעוויזנ אָרעמ, הונגעריק, אונ ס׳איז געווענ מאָדנע צו זענ, וויאַזוי אָט די מענטשנ צאָלנ דרײַ מיט א האלב קערבל פאר א פּסאלטער — א בוכ, וואָס זיי פלעגנ קויפנ אָפטער ווי אנ־דערע.

זיי פלעגנ מיכ פארכידעשנ מיט זייער וויסנ אינ די ביכער, אינ די אייגנשאפטנ פונ דער מאָלערײַ אפ די איקאָנעס, אונ איינמאָל האָט א גרײַזער אלטיטשקער, וועלכנ איכ האָב זיכ באמיט צו פארטרײַבנ אינ קלייט ארײַנ, מילד געזאָגט צו מיר:

— ס׳ניט עמעס, קליינער, אז אײַער ווערקשטאט איז דער סאמע בעסטער אינ רוסלאנד, דער סאמע בעסטער איז — ראָגאָזשינס, אינ מאָסקווע!

א פארשעמטער בינ איכ אָפּגעטראָטנ אינ א זײַט, אונ ער איז שטיל אוועק ווײַ־טער, ניט פארגאנגענ אויכ אינ דעמ שאָכנס קלייט.

— ׳סט אראָפּגעשלונגענ? — האָט מיכ דער פריקאשטשיק געפרעגט גיפטיק.

— איר האָט גאָרניט געזאָגט וועגנ ראָגאָזשינס ווערקשטאט...

ער האָט אָנגעהויבנ שעלטנ.

— שלעפּנ זיכ ארומ, אזוינע־אָ שטילינקע, אונ אלצ ווייסנ זיי, די כאָליערעס, אלצ פארשטייענ זיי, די אלטע הינט...

א שיינינקער, א זאטער, מיט א שטארקער אייגנליבע, האָט ער פײַנט געהאט די פויערימ, אונ אינ גוטע מינוטנ פלעג ער זיכ פאר מיר באקלאָגנ:

— איכ בינ א קלוגער, איכ האָב ליב ריינקײַט, גוטע רייכעס — ווײַרעכ, אָדע־קאָלאָנ, אונ בא אזוינע מײַנע אייגנשאפטנ מוז איכ פאר דעמ איפּעשדיקנ מוזשיק ביזנ גארטל זיכ בייגנ, ער זאָל דער באלעבאָסטע געבנ א פיאטאקל פארדינסט! טויג עס פאר מיר? וואָס איז א פויער? זויערע וואָל, א לויז פונ דער ערד, אונ דערבײַ...

א געערגערטער פלעג ער אנשוויגנ ווערנ.

מיר זײַנענ די פויערימ דאפקע געפעלנ געווענ, אינ איטלעכנ פונ זיי האָב איכ געפילט עפּעס פארהוילנס, ווי אינ יאקאָוונ.

ס'פלעג זיך מאכן, ס'קריכט אריין אין קלייט א שווערע פיגור אין א טשאַ־פּאַן, אָנגעטאָן איבערן טולעפּל, נעמט אראָפּ דאָס האָריקע היטל, ציילעמט זיך איבער מיט צוויי פינגער, קוקנדיק צום ווינקל, וווּ סע פינטלט די לאמפּאדע, און, באַמיִענ־דיק זיך ניט צו בארירן מיט די אויגן די גיט־געהייליקטע איקאָנעס, טוט ער דער־נאָך שוויַיגנדיק א טאפּ מיטן בליק ארום זיך און זאָגט:

— וויַיזט מיר אהער א פּסאלטער מיט טיַיטשן!

פּארקאטשעט די ארבל פונעם טשאַפּאַן, לייענט ער לאנג דעם שאר־בלאט, שאָק־לענדיק מיט די ערדיקע, ביז בלוט צעטראסקעטע ליפּן.

— עלטערע איז בא איַיך דאָ?

— גאָר אַלטע קאָסטן טויזנט קערבלעך, ווי איר ווייסט...

— מיר ווייסן.

אָנגעסלינעט א פינגער, מישט דער פויער איבער א זיַיטל, — דאָרט, וווּ ער האָט עס בארירט, בליַיבט א טונקעלער אָפּדרוק פונעם פינגער. דער פריקאשטשיק זאָגט, קוקנדיק מיט בייזן בליק דעם קוינע אין קאָפּ־שיַיטל אריַין:

— די הייליקע שריפט איז דורכויס פון איין עלטער, דער האר גאָט האָט זיַין וואָרט ניט געענדערט...

— מיר ווייסן, מירן געהערט! — דער האר גאָט האָט ניט געענדערט, אָבער ני־קאָן האָט געענדערט.

און דער קוינע פארמאכט דעם בוך און גייט שוויַיגנדיק אוועק.

אַן אנדער מאָל פלעגן אָט די וואלד־מענטשן זיך שפּארן מיטן פריקאשטשיק, און מיר איז געווען קלאָר, אז זיי ווייסן די שריפט בעסער פאר אים.

— געצנדינער בלאָטיקע, — האָט געוואָרטשעט דער פריקאשטשיק.

איך האָב געזען, אז כאָטש א נייַער בוך איז דעם פויער ניט צום הארצן, קוקט ער אף דעם מיט אכטונג, רירט אים אָן פאָרזיכטיק, פונקט דער בוך קען, ווי א פויגל, ארויספליִען פון זיַינע הענט. דאָס איז זייער אנגענעם געווען צו זען, וויַיל אויך פאר מיר איז א בוך — א נעס. אין אים איז פארבאהאלטן די נעשאָמע פון דעם, וואָס האָט אים אָנגעשריבן. עפענענדיק דעם בוך, באפריַי איך די נעשאָמע, און זי פירט מיט מיר א סוידעסדיקן געשפּרעך.

גאנצ אָפט פלעגן זקיינים און זקיינעס ברענגען צו פארקויפן אלט־געדרוקטע ביכער פון די פּארניקאָנישע צייַטן אָדער צעטלען פון אזוינע ביכער, שיין־אויסגע־ארבעטע פון די סקיט־איַינוווינערס אפן אירגיז אָדער קערזשענעץ; צעטלען פון מינייעס, ניט געפּראוועטע פון דמיטרי ראָסטאָוסקי; איקאָנעס פון אלטער מאָלעריַי, ציילעמלעך און קופּערנע ראמען מיט פינגיפּט פון פּאָמאָרער גוס, זילבערנע קרוגן, מאטאָנעס פון די מאָסקווער פירשטן צו שענק־באלעבאטים. דאָס אלץ פלעג מען פאָר־לייגן געהיים, ארומקוקנדיק זיך, פון אונטער דער פּאָלע.

סיַי מיַין פריקאשטשיק, סיַי אונדזער שאָכן האָבן שארף ארויסגעקוקט אף אזוינע פארקויפער, געזוכט אויסצוכאפּן זיי איינער באַם אנדערן. איַינקויפנדיק אלטערטימ־לעכקיַיטן פאר קערבלעך און צענער קערבלעך, האָבן זיי די זאכן נאָכדעם פארקויפט אפן יאריד צו רייַכע סטאראָאָבריאדצעס פאר הונדערטער.

דער פריקאשטשיק האָט מיך געלערנט:

— קוק גוט נאָכ אָט די וואלד־שיידים, אָט די מעכאשייפעס, מיט אלע אויגנ. קוק: זיי ברענגענ מיט זיכ גליק.

אז ס׳פלעג זיכ ווײַזנ אזא פארקויפער, פלעג דער פריקאשטשיק מיכ שיקנ נאָכנ פירזאָגער פיאָטער וואסיליעוויטש, א קענער פונ אלט־געדרוקטע ביכער, איקאָנעס אונ אלערליי אלטערטימלעכקײַטנ.

דאָס איז געווענ א הויכער זאָקנ, מיט א לאנגער באָרד פונ וואסילי בלאזשעני, מיט קלוגע אויגנ אפנ אנגענעמענעמ פאָנעמ, איינע א פוסטריט איז בא אימ געווענ אָפגעהאקט. ער איז געגאנגענ אונטערהינקענדיק, מיט א לאנגנ שטעקנ אינ דער האנט, זומער אונ ווינטער אינ א גרינגער דינער פּאַדיאָווקע, אנ ענלעכער אפ א ריאסע, אינ א סאמעטענעמ קארטוז פונ א מאָדנער פאָרמ, ענלעכ אפ א פאנ. א מונטערער, א גלײַכער, פלעג ער, ארײַנגייענדיק אינ קלייט, אראָפּלאָזנ די אקסלענ, אויסבייגנ דעמ רוקנ, אָכצנ שטיל, אָפּט זיכ צײלעמענ מיט צוויי פינגער, אונ האָט א גאנצע צײַט געפרעפלט טפילעס, פסאלמענ. אָט די פרומקײַט אונ זקײנישע שוואכקײַט פלעגנ גלײַכ אופוועקנ באמ פארקויפער א צוטרוי צומ פירזאָגער.

— אינ וואָס זײַנענ די געשעפטנ בא אײַכ געפּאטשקעט? — פלעג דער אלטער פרעגנ.

— אָט פארקויפט זיכ אנ איקאָנע, א מענטש האָט געבראכט, ער זאָגט — א סטראָגאנאָווער.

— וואָס?

— א סטראָגאנאָווער.

— אהא, איכ הער שלעכט. גאָט האָט פארצאמט מײַנ אויער פונ די קויטיקע ווערטער די ניקאָניאנישע...

אראָפּגענומענ דעמ קארטוז, האלט ער די איקאָנע האָריזאָנטאל, קוקט לענגויס דער שריפט, פונ א זײַט, גלײַכ, קוקט אפ דער שפּאָנקע אינ דער ברעט, זשמורענ־דיק די אויגנ אונ מורמלענדיק:

— די גאָטלייקענער די ניקאָניאנער, אונדזער ליבע צו דער אלטאמאָליקער פרומקײַט באמערקנדיק אונ פונ טײַוול גיפטיק אָנגעלערנט צו אלערליי פאל־שקײַטנ, — מאכנ היינט נאָכ אויכ די הייליקע בילדער געשיקט, אוי, געשיקט! לויטנ אויסזענ איז דאָס בילד אזויוי אינדערעמעסנ פונ סטראָגאנאָווער אָדער אוסטיוגער שריפט, אָדער אפילע — סוזדאלער, נו, אָבער קוק זיכ אײַנ מיט אנ אינעווייניקסט אויג — פאלשקײַט!

אז ער זאָגט „פאלשקײַט”, הייסט עס, די איקאָנע איז א טײַערע אונ א זעל־טענע. א רײי באדינגלעכע אויסדרוקנ ווײַזנ דעמ פריקאשטשיק, וויפל מע קענ געבנ פאר דער איקאָנע, פארנ בוכ. איכ ווייס, אז די ווערטער „אומעט אונ צאר” באטײַטנ — צענ קערבלעכ, „ניקאָנ — דער טיגער” — פינפ אונ צוואנציק. ס׳איז מיר א כארפע צו זענ, ווי מע נארט אָפּ דעמ קוינע, נאָר די פלינקע שפיל דעמ פיר־זאָגערס פארכאפּט מיכ.

— די ניקאָניאנער, די שווארצע קינדער פונ ניקאָנ דעמ טיגער, קאָנענ אלצ מאכנ, דער ניט־גוטער פירט אָנ מיט זיי, — אָט איז דער לעווקאָס קלוימערשט אנ עכטער, אונ דאָס ביזגעזיכט פונ אײנ האנט געשריבנ, אָבער דאָס געזיכט, קוק —

ביט דער פּענדזל, ניט דער! די אַלטע מײַסטער, ווי סימאָן אושאַקאָוו, כאָטש ער איז געווען א יערעטיקער, האָט אַליין דאָס גאַנצע בילד געשריבן, סײַ דאָס ביזגע־זיכט, סײַ דאָס געזיכט, האָט אַליין די ברעט געהובלעוועט און דעם לעווקאַס אָנ־געצויגן, — די גאָט־פּאַרמיעסטע מענטשעלעך אָבער אין אונדזערע טעג קענען עס ניט! פריער איז די איקאָנעמאַכערײַ געווען א הייליקער איניען, אָבער הײַנט — הוילע קונסט. אזוי איז עס, גאָטס לײַט!

ענדלעך, לייגט ער פאָרזיכטיק די איקאָנע אפ דער סטויקע און, אָנטוענדיק דעם קאַרטוז, זאָגט ער:

— זינד.

דאָס הייסט — קויף!

דערטרונקען אין א טײַך פון זיסע ווערטער, דערשטוינט פון דעם אַלטנס קענ־טעניש, פרעגט דער פאַרקויפער מיט אכטונג:

— וואָס־זשע, געערטער, איז די איקאָנע?

— די איקאָנע איז פון א ניקאָניאַנישער האַנט.

— סע קען ניט זײַן! זיידעס, עלטער־זיידעס האָבן אפ איר טפילע געטאָן...

— ניקאָן האָט געלעבט אביסל פריער, ווי דער עלטערזיידע דײַנער.

דער אַלטער טראָגט צו די איקאָנע צום פאַרקויפערס פּאָנעם און לערנט אים שטרענג:

— קוק זיך אײַן, ס'אַרא פרייליעכע זי איז. אזוי איז דען אַן איקאָנע? ס'איז א בילד, בלינדע קונסט, ניקאָניאַנישע שפּילערײַ, — אין דער זאַך איז קיין גײַסט ניטאָ! וועל איך דען ריידן ניט ריכטיק? איך בין אַן אַלטער מענטש, א גערוידעפ־טער פאַרן עמעס, איך דאַרף אינגיכן צו גאָט גיין, פאַר מיר פאַלשעווען לוינט שוין ניט.

ער גייט ארויס פון דער קלייט אפ דער טעראַסע, שטאַרבנדיק פאַר זקײנישער שוואַכקײַט, באַליידיקט פונעם אומצוטרוי צו זײַן אָפּשאַצונג. דער פריקאַשטשיק צאָלט אָפּ פאַר דער איקאָנע עטלעכע רובל, דער פאַרקויפער גייט אוועק, נידעריק זיך פאַרנייגנדיק פאַר פּיאָטער וואַסיליעוויטשן. מיך שיקט מען אין טראַקטיר נאָך טיי. אז איך קער זיך אום, טרעף איך דעם פירזאָגער א מונטערן, א פרייליעכן. מיט ליבשאַפט באַטראַכטנדיק די קניע, לערנט ער דעם פריקאַשטשיק:

— קוק: א שטרענגע איקאָנע, געמאָלט פײַן, גאָטס־פאָרכטיק, דאָס מענטשלעכע איז באַזײַטיקט אין איר...

— און וועמענס שריפט? — פרעגט דער פריקאַשטשיק, שײַנענדיק און אונטער־שפּרינגענדיק.

— דאָס איז דיר נאָך צו פרי צו וויסן.

— און וויפל קען מען פאַר איר געבן א ווייסער?

— דאָס ווייס איך ניט. וואַרט, איך וועל עמעצן ווײַזן...

— אָך, פּיאָטער וואַסיליעוויטש...

— און אז איך וועל פאַרקויפן, איז דיר א האַלבע מייע, אָבער וואָס מער — איז מײַנס!

— אָך...

— אָכצע ניט...

זיי טרינקען טיי, דינגען זיך אומפאַרשעמט, קוקן איינער אפן אַנדערן מיט די אויגן פון זשוליקעס. דער פּריקאַשטשיק איז איינגאַנצן אין די הענט פונעם אַלטן, דאָס איז קלאָר, און ווען דער אַלטער וועט אַוועק, וועט ער מיר זאָגן:

— געדענק, רייד זיך ניט אויס פאַרן באַלעבאָס וועגן דער קניִע.

צווישנגערעדט זיך וועגן פאַרקויפן פון דער איקאָנע, פרעגט דער פּריקאַשטשיק:

— און וואָס הערט זיך עפּעס נײַס אין שטאָט, פּיאָטער וואַסיליעוויטש?

צענעמענדיק די באָרד מיט דער געלער האַנט, אָפּדעקנדיק די פוטערנע ליפּן, דערציילט דער אַלטער וועגן דעם לעבן פון די רײַכע סאָחרים, וועגן הענדלערישע גליקן, וועגן הוליאַנקעס, שלאָפקײַטן, כאַסענעס, פאַראַטן פון פרויען און מענער. ער באַקט אָט די פעטע געשיכטעס גיך און פלינק, ווי אַ גוטע קעכן מילינצעס, און באַגיסט זיי מיט צישענדיקן געלעכטער. דאָס קײַלעכיקע פּאָנעם פונעם פּריקאַשטשיק ווערט ברוין פאַר קינע און אַנטציקונג, די אויגן זײַנען אים פאַרצויגן מיט אַ טרוימעריש רויכעלע. זיפצנדיק, רעדט ער, באַקלאָגנדיק זיך:

— מענטשן לעבן! און איך אָט...

— איטלעכער מיט זײַן מאַזל, — הודעט דעם פּירזאָרגערס באַסל, — איינעם קאָווען דאָס מאַזל מאַלאָכים מיט זילבערנע העמערלעך, און דעם צווייטן — אַ ניט־גוטער מיטן שלאָגער פון אַ האַק...

אָט דער פעסטער, אַדערדיקער אַלטער ווייסט אַלץ — דאָס גאַנצע לעבן פון דער שטאָט, אַלע סוידעס פון די סאָחרים, טשינאָווניקעס, גאַלאָכים, מעשטשאַנעס. ער איז שאַרפזיכטיק, ווי אַ רויב־פויגל, אין אים איז אויסגעמישט עפּעס פון אַ וואָלף און פון אַ פוקס, מיר גלוסט זיך שטענדיק אים אופרייצן, נאָר ער קוקט אף מיר פונוויטנס און ווי דורך אַ נעפּל. ער ווײַזט מיר אויס ווי אַרומגע־רינגלט מיט אַן אָפּגרונטלעכער ליידיקייט: ווען מע זאָל צו אים צוגיין נענטער, קאָן מען ערגעץ אַרײַנפאַלן. און איך פיל אין אים עפּעס קרויווישעס מיטן הייצער שומאָוו.

כאָטש דער פּריקאַשטשיק איז סײַ אין די אויגן, סײַ הינטער די אויגן אויסער זיך פון זײַן סייכל, נאָר ס׳מאַכן זיך מינוטן, ווען אים, פונקט ווי מיר, גלוסט זיך אופרייצן, באַליידיקן דעם אַלטן.

— און זײַנע ביסטו דאָך אַ שווינדלער קעגן מענטשן, — זאָגט ער פּלוצעם, קוקנדיק מיט אַזעס דעם אַלטן אין פּאָנעם אַרײַן.

פויל שמייכלענדיק, רופט זיך דער אַלטער אָן:

— בלויז גאָט אַליין איז אָן שווינדל, און מיר לעבן צווישן נאַראָנים; אַ נאַר, אויב ניט אָפּנאַרן אים, טאָ וואָס פאַר אַ נוץ וועט פון אים די וועלט האָבן?

דער פּריקאַשטשיק היצט זיך:

— ניט אַלע פּויערים זײַנען נאַראָנים, פונוואַנען שטאַמען דען די סאָחרים, ניט פון פּויערים?

— מיר שמועסן ניט וועגן סאָחרים. אַ נאַר איז קיינמאָל ניט קיין זשוליק, אַ נאַר איז אַ הייליקע שאָף, דער מאַרך זײַנער שלאָפט...

דער אַלטער רעדט אַלץ פוילער, און דאָס רעגט זייער אוף. מיר דוכט, אַז ער

שטייט אפּ א בערגל, ארום אים איז א זומפּ. אריינגעבראָכן אין קאָס איז אומעגלעך, ער איז ניט צוטריטלעך פאַר קאָס, צי עפּשער קען ער אים טיף באהאַלטן.

נאָך אָפּטמאָל פּלעג זיך מאכן, אז ער פּלעג אליין אָנהייבן מיך פאַרטשעפּען, — גייט צו הארט, און, שמייכלענדיק אין דער באָרד אַרײַן, פרעגט ער:

— ווי הייסט ער, דײַן פראנצויזישער פּראָפעסאָר — פּאָנאָס?

מיך רייצט אויף שרעקלעך אָט די מיִעסע מאניר איבערדרייען א נאָמען, נאָר איך האַלט זיך אײַן ביז א צײַט און ענטפער:

— פּאָנסאָן־דע־טעראַיל.

— וואָס איז דער אײַל?

— מאכט ניט קיין שטיק, איר זײַנט ניט קיין קליינינקער.

— טאקע ניט קיין קליינינקער. וואָס לייענסטו?

— יעפרעם סירינען.

— און ווער שרײַבט בעסער: דײַנע ווערטלעכע, צי אָט דער־אָ?

איך שווײַג.

— די ווערטלעכע — וועגן וואָס אמערסטנס שרײַבן זיי? — טשעפּעט ער זיך ניט אָפּ.

— וועגן אַלץ, וואָס אין לעבן טרעפט זיך.

— וועגן אַלץ, וואָס באהעפט זיך? הייסט עס, וועגן הינט, וועגן פערד — זיי באהעפטן זיך דאָך.

דער פּריקאַשטשיק לאכט. איך בין בייז. נאָך טאָמער פּרווו איך אוועקגיין פון זיי, שטעלט מיך דער פּריקאַשטשיק אָפּ:

— וווהין?

און דער אַלטער דערגייט מיר די יאָר:

— אנו, געלערנטער, צעבײַס אַן אופגאַבע. סע שטייען פאַר דיר טויזנט הוילע מענטשן, פינף הונדערט ווײַבער, פינף הונדערט מאנצבלען, און צווישן זיי אָדעם און כאַווע — וויאַזוי וועסטו געפינען אָדעם און כאַוועט?

ער האָט מיך לאַנג געמאַטערט מיט דער פראַגע, און צום סאָף מיט ניצאָכן דערקלערט:

— נארעלע, זיי זײַנען דאָך ניט געבוירן, נאָר באַשאַפן געוואָרן, האָבן זיי, הייסט עס, ניט קיין נאָפּלען!

דער אַלטער ווייסט א מענגע אַזוינע „אופגאַבעס", ער קען פאַרמאַטערן מיט זיי.

די ערשטע צײַט האָב איך בעשאַס די דעזשורסטוועס אין קלייט דערציילט דעם פּריקאַשטשיק דעם אינהאַלט פון עטלעכע ביכער, וואָס איך האָב איבערגעלייענט, איצט האָבן זיך די דאָזיקע דערציילונגען פאַרוואַנדלט אין הארצווייטעק פאַר מיר: דער פּריקאַשטשיק האָט זיי איבערדערציילט פּיאָטער וואַסילעוויטשן, און דערבײַ אומיסטנס זיי פאַרדרייט, אַפּ א שמוציקן אויפן זיי פאַרקריפּלט. דער אַלטער האָט אים פּלינק צוגעהאָלפן דערין מיט אומפאַרשעמטע אויספרעגענישן, זייערע קלעפּיקע צינגער פלעגן פאַרוואַרפן מיט מיסט פון שענדלעכע ווערטער יעווגעניע גראַנדע, לודמילען, העינריך IV.

איך האָב פארשטאנענ, אז זיי טוענ עס ניט פאר שלעכטקייט, נאָר פאר לאנגווייל, נאָר מיר איז דערפונ געווענ ניט גרינגער. אָנגעמאכט א בלאָטע, האָבנ זיי זיך געגראָבנ אינ איר, ווי די כאזיירימ, אונ געכריוקעט פונעמ פארגעניגנ צו פאטשקענ אונ באליאפענ דאָס, וואָס איז שיינ, פאר זיי אָבער פרעמד, אומפאר־שטענדלעך אונ לעכערלעך.

דער גאנצער ראָטהויז, זיינ גאנצע באפעלקערונג, די הענדלער אונ די פריי־קאשטשיקעס, האָבנ געלעבט מיט א מאָדנעמ לעבנ, פול מיט קינדעריש־לעפּישעוואטע, נאָר אלעמאָל בייזע קאטאָוועסנ. אויב אנ אָנגעפּאָרענער פויער האָט געפרעגט, וויאזוי נעענטער דורכגיינ צו דעמ אָדער יענעמ אָרט פונ דער שטאָט, האָט מענ אימ שטענדיק אָנגעוויזנ א פאלשע ריכטונג — דאָס איז אזוי ווייט געוואָרנ אנ אלגעמיינע געווינשאפט, אז ס'האָט שוינ די אָפּנארער אפילע ניט פארשאפט קיינ פארגעניגנ. געכאפּט א פּאָר שטשורעס, פלעג מענ זיי צונויפבינדנ מיט די עקנ אונ זיך קוויקנ דערמיט, ווי זיי רייסנ זיך אינ פארשיידענע זייטנ, בייסנ איינע די אנדערע. אמאָל פלעג מענ באגיסנ א שטשור מיט גאזע אונ אימ אונטערצינדנ. מע פלעג צובינדנ א הונט אפּנ עק א צעבראָכענעמ אייזערנעמ עמער. דער הונט פלעג מיט קוויטש אונ געקלאפּעריי ערגעצ יאָגנ אינ ווילדנ דערשרעק, די מענטשנ פלעגנ קוקנ אונ קאטשענ זיך פאר געלעכטער.

ס'איז געווענ אסאך אזוינע פארווייליונגענ. ס'האָט געדוכט, אז אלע מענטשנ, די דאָרפישע באזונדערס — עקזיסטירנ אויסשליסלעך צוליבנ צייטפארטרייב פונעמ ראָטהויז. אינ דער באציִונג צו א מענטשנ האָט זיך געפילט א שטענדיקער פאר־לאנג זיך אויסלאכנ פונ אימ, פארשאפנ אימ ווייטעק, פארדראָס, אונ ס'איז געווענ מאָדנע, וואָס די ביכער, וועלכע איך האָב איבערגעלייענט, שווייגנ וועגנ אָט דער שטענדיקער אָנגעשטרענגטער שטרעבונג פונ די מענטשנ כויזעק מאכנ איינער פונעמ אנדערנ.

איינע אזא פארווייליונג פונעמ ראָטהויז האָט מיר אויסגעוויזנ באזונדערס באליי־דיקנדיק אונ מיִעס.

אונטנ, אונטער אונדזער קלייט, באמ הענדלער מיט וואָל אונ פוישטנ, איז גע־ווענ א פריקאשטשיק, וואָס פלעג פארכידעשנ דעמ גאנצנ אונטערשטנ מארק מיט זיינ פרעסעריי. זיינ באלעבאָס פלעג זיך בארימענ מיט אָט דער פייִקייט פונעמ ארבעטער, ווי מע בארימט זיך מיט דער בייזקייט פונ א הונט אָדער מיטנ קויעך פונ א פערד. ניט זעלטנ פלעג ער ארויסרופנ די שכיינימ פונ די געשעפטנ אפּ א געוועט:

— ווער גייט אפּ צענ קערבלעך? איך שטעל דערופ, אז מישקע וועט אינ צוויי שאָ אופעסנ צענ פונט שינקע!

אלע האָבנ געוווּסט, אז מישקע קענ עס מאכנ, אונ מע פלעג ענטפערנ:

— אפּ קיינ געוועט גייענ מיר ניט, אָבער שינקע קענ מענ קויפנ, זאָל ער פרעסנ, אונ מירנ זענ.

— נאָר ריינ פליישׁ זאָל מענ אימ געבנ, אָנ ביינער!

מע שפּארט זיך אביסל פויל, אונ אָט קריכט פונעמ טונקעלנ סכוירע־לאגער ארויס א דארער, אָנבערדיקער, ברייטבאקיקער יונג אינ א לאנגנ דראפּענעמ פאלטאָ,

אונטערגעבונדן מיט א רויטן קושאק, איינגאנצן א באקלעפטער מיט שטיקער וואַל. ער נעמט מיט אכטונג אראָפּ דעם קארטוז פונעם קליינעם קאָפּ, קוקט שווייַגנדיק מיטן מוטנעם בליק פון די טיף־איינגעפאלענע אויגן אינעם באלעבאָס קײַלעכיק פּאָנעם, וואָס איז אָנגעגאָסן מיט צונטערנעם בלוט, באוואקסן מיט גראָבע הארטע האָר.

— באטמאן, דו נעמסט זיך אופעסן א כאזער־שענקל?

— אין וויפל צייַט? — פרעגט מישקע זאכלעך, מיט א דינער שטים.

— אין צוויי שאָ.

— שווער.

— וואָס הייסט — שווער?

— דערלויבט דערצו א פּאָרל ביר!

— ס׳גייט, — זאָגט דער באלעבאָס און באַרימט זיך: — מיינט ניט, אז ס׳איז בא אים אפּן ניכטערן הארצן, ניין — איינדערפרי האָט ער אריינגעקוועטשט א צוויי פונט קוילעטש, און צו האלבן טאָג האָט ער געמיטיקט, ווי עס דארף צו זייַן...

מע ברענגט די שינקע, ס׳קומען זיך צונויף די צושויער, אלץ פעסטע סאָכרים, שטײַף איינגעקנעפּלטע אין שווערע פוטערס, ענלעכע אפּ ריזיקע געוויכטן; מענטשן מיט גרויסע בייַכער, און די אויגן בא אלעמען קליינינקע, אין פעטס־געשווילעכצן, און פארצויגן מיט א שלעפעריק רויכל פון אומענדלעכן לאנגווייַל.

אין אן ענגן קרייַז, די הענט פארוקט אין די ארבל, רינגלען זיי ארום דעם עסער, וואָס איז באוואָפנט מיט א מעסער און א גרויסן פּיידעק קאָרענעם ברויט. ער צײַ־ לעמט זיך שטרענג, זעצט זיך אפּ א קנויל וואָל, לייגט די שינקע אפּן קעסטל לעבן זיך, מעסט זי אויס מיט פוסטע אויגן.

אָפּגעשניטן א דין ריפטל ברויט און א דיקן ריפּט פלייש, לייגט זיי דער עסער צונויף צוזאמען, טראָגט צו מיט ביידע הענט צום מויל — די ליפּן זייַנע ציטערן, ער באלעקט זיי מיט דער לאנגער הינטישער צונג. סע זעען זיך די קליינע שארפע ציינ, — און מיט הינטישער מאניר בייגט ער אָן די מאָרדע איבערן פלייש.

— אָנגעהויבן!

— קוקט אפן זייגער.

אלעמענס אויגן זייַנען געשעפטלעך געווענדעט צום עסערס פּאָנעם, אפּ זייַן און־ טערשטער קינבאק, אפּ די קײַלעכיקע קנוילן אונטער די אויערן. מע קוקט, וויאזוי דיקער שארפער קין פאלט און הייבט זיך גלײַכמעסיק, מע טיילט זיך פוילבלעך מיט געדאנקען:

— קוועטשט, ווי א בער!

— און דו האָסט אמאָל געזען א בער עסנדיק?

— איך לעב דען אין וואלד? אזוי רעדט זיך — פרעסט, ווי א בער.

— מע זאָגט — ווי א כאזער.

— א כאזער וועט א כאזער ניט עסן...

מע לאכט אָן כיישעק, און איינער א וויסער פאריכט באלד:

— א כאזער עסט אלץ — כאזיירימלעך אויך, אפילע זייַן ברודער...

דעם עסערס פּאָנעם ווערט ביסלעכווייַז ברוין, די אויערן גרוילעך־בלוי, די אײַנ־

געפאַלענע אויגן קריכן ארויס פון די ביינערדיקע גריבער, ער אָטעמט שווער, נאָר דער קין זײַנער באַוועגט זיך אַלץ אַזוי גלײַכמעסיק.

— לייג זיך אָן, מיכײַלאָ, די צײַט גייט! — גיט מען אים אונטער היץ. ער מעסט אומרויִק מיט די אויגן די רעשטן פלייש, טרינקט ביר און קײַט ווײַטער. דער אוילעם ווערט לעבעדיקער, אַלץ אָפטער כאַפּנדיק אַ קוק אויפֿן זייגער, וואָס איז די הענט בײַ מישקעס באַלעבאָס. מענטשן וואָרענען איינע די אַנדערע:

— ער זאָל ניט אַמאָל איבערפּירן דעם זייגער אַף צוריק — נעמט בײַ אים צו!

— אַף מישקען גיב אַכטונג: ער קען נאָך אַראָפּלאָזן שטיקלעך אין די אַרבל אַרײַן!

— ער וועט ניט אופּעסן צו דער שאָ!

מישקעס באַלעבאָס שרײַט מיט ברען:

— איך שטעל אַ פּינפּונצוואַנציקער! מישקע, ווײַז, וואָס דו קענסט!

דער אוילעם רייצט אונטער דעם באַלעבאָס, נאָר קיינער נעמט ניט אָן דעם געוועט.

און מישקע קײַט אַלץ און קײַט, זײַן פּאָנעם איז שוין ענלעך אַף דער שינקע, די שאַרפע ווייכביינעריקע נאָז פּײַפט נאָגנדיק אונטער. ס'איז אַ שרעק צו קוקן אַף אים. מיר דוכט, אַז ער וועט זיך באַלד צעשרײַען, צעוויינען:

— דערבאַרעמט זיך...

אָדער — ער וועט זיך פאַרכלינען מיט פלייש ביזן האַלדז, וועט זיך אַ שלײַדער טון מיטן קאָפּ די צושויער צו די פיס און וועט שטאַרבן.

ענדלעך, האָט ער אַלץ אופגעגעסן, האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר שיקערע אויגן און כריפּעט מיד:

— אַ טרונק...

און דער באַלעבאָס קוקט אַפּן זייגער און וואָרטשעט:

— האָט פאַרשפּעטיקט, דער פּאַדליעץ, אַף פיר מינוט...

דער אוילעם רייצט זיך מיט אים:

— אַ שאָד, וואָס מיר זײַנען ניט געגאַנגען מיט דיר אין געוועט, וואָלסט פאַרשפּילט!

— און פונדעסטוועגן איז עס אַ כײַע אַ יונג!

— יאָ, אין אַ צירק וואָלט מען אים באַדאַרפט...

— ווי גאָט קען עס פאַרקריפּלען אַ מענטשן, אַ?

— גייען מיר טיי טרינקען, צי וואָס?

און מע שווימט אוועק, ווי באַרזשעס, אין טראַקטיר אַרײַן.

איך וויל פאַרשטיין, וואָס האָט צונויפגענומען אָט די שווערע טשוהונענע מענטשן אַרום דעם אומגליקלעכן באָכער, פאַרוואָס פאַרווײַלט זיי זײַן קרענקלעכע פרעסערישקײַט?

ס'איז כווישעכדיק און אומעטיק אין דער שמאָלער גאַלעריי, וואָס איז ענג פאַרוואַלגערט מיט וואָל, שאָפּנפּעל, האָנפּ, שטריק, רימער־סכוירעס. פונעם פּאַנעל טיילן זיך אָפּ זײַלן פון ציגל, אומגעלומפּערט גראָבע זײַנען זיי, ארומגעהריזעט פון צײַט, פאַרשפּריצט מיט בלאָטע פון דער גאַס. אַלע ציגל און שפּאַלטן צווישן זיי זײַנען

שוין איבערגעציילט געדאנקלעכע אוואדע טויזנטער מאָל און האָבן זיך אַפּ שטענדיק אָפּגעזעצט אין זיקאָרן מיט דער שווערער נעץ פון זייערע העסלעכע געמעלן.

איבערן פאנעל, ניט געציילט, גייען די פוסגייער. איבער דער גאס, ניט געכאַפּט, ציִען זיך פורלעך, שליטנס מיט סכוירע. הינטער דער גאס, אין רויטן צי־געלנעם קוואדראט פון די צווייסטאָקיקע קלייטן, איז א פלאַץ, פארוואלגערט מיט קאסטנס, מיט שטרוי, מיט געקנייטשטן פּאַק־פּאַפּיר, באדעקט מיט קויטיקן צעטראָ־טענעם שניי.

אָט דאָס אלץ, איניינעם מיט די מענטשן, מיט די פערד, כאָטש עס בא־וועגט זיך, ווײַזט עס אויס אומבאוועגלעך, דרייט זיך פויל אַפּ איין אָרט, צוגע־פעסטיקט צו אים מיט אומזיכטיקע קייטן. מיטאמאָל דערפילסטו, אז דאָס דאָזיקע לעבן איז קימאט קלאַנגלאָז, ביז שטומקייט אָרעם מיט קלאַנגען. סע סקריפּען פּאָ־לאָזעס פון שליטנס, ס׳קלאַפּן טירן פון מאגאזינען, סע שרײַען הענדלער מיט קוכנס, מיט לעקעך, נאָר די קולעס פון די מענטשן קלינגען ניט פריילעך, אָן כיישעק, זיי זײַנען איינארטיק, ווערסט צו זיי גיך צוגעוווינט און הערסט זיי אויף צו באמערקן.

לעוויִיעדיק הודען די גלעקער פון די קלויסטערס, — אָט דער אומעטיקער גע־קלאנג איז שטענדיק דאָ אין זיקאָרן פונעם אויער. סע דוכט זיך, אז ער שווימט אינדערלופטן איבערן מארק אָן אויפהער, פון אינדערפרי ביז באנאכט. ער דרינגט דורך אלע געדאנקען, געפילן, לייגט זיך, ווי א דריקנדיקער קופערנער אָפּזאַץ, אי־בער אלע אײַנדרוקן.

לאנגווײַל, קאלטער און נודנער, אָטעמט פון אומעטום: פון דער ערד, וואָס איז צוגעדעקט מיטן ברודיקן שניי, פון די גרויע שניי־הורבעס אַפּ די דעכער, פון דעם פליישענעם ציגל אין די געבײַען; לאנגווײַל שטײַגט אויף פון די קוימענעס מיטן גרויען רויך און קריכט ארויף צום גרויינקן, נידעריקן, ליידיקן הימל; מיט לאנגווײַל רויכערן זיך די פערד, אָטעמען די מענטשן. ער האָט זײַן רייעך — א שווערן און טעמפּן רייעך פון שוויס, פעטס, קאַנאָפּליע־אייל, קוכנס און רויך. אָט דער רייעך קוועטשט דעם קאָפּ, ווי א ווארעמע ענג היטל, און, ארײַנדרינגענדיק אין דער ברוסט, רופט ער ארויס א מאָדנע פארשיקערונג, א טונקעלן פארלאנג צו פארמאכן די אויגן, ווילד זיך צעשרײַען און אנטלויפן וווּ־ניט־איז און צעזעצן זיך אין געלויף מיטן קאָפּ אין דער ערשטער וואנט.

איך קוק זיך אײַן אין די פּענעמער פון די סאָכרים — אויסגעפּאַשעטע פּענעמער, שטײַף אָנגעגאָסענע מיט געדיכטן, פעטן בלוט, אָנגעקנײַפּטע פון פראָסט און אומ־באוועגלעכע, ווי אין שלאָף. די מענטשן גענעצן אָפּט, צעעפענענדיק די מײַלער, ווי פיש, ארויסגעוואָרפענע אַפּן טרוקענעם זאמד.

ווינטער איז דער האנדל שוואך, און אין די אויגן בא די הענדלער איז ניטאָ אָט דער וואכנדיקער רויבערישער גלאנץ, וואָס באשײַנט און באלעבט זיי אביסל זומער־צײַט. די שווערע פוטערס, וואָס בינדן די באוועגונגען, בייגן צו די מענטשן צו דער ערד. רעדן ריידן די סאָכרים פויל, און טאָמער זײַנען זיי אינקאס — קריגן זיי זיך. איך מיין, זיי טוען עס אומיסטן, צו ווײַזן איינער דעם אנדערן — מיר לעבן!

מיר איז גאנץ קלאָר, אז דער לאנגווײַל דריקט זיי, דערהארגעט, און נאָר מיט

דעמ אומדערפאָלגלעכנ געראנגל קעגנ זייַנ אלצפארשלינגענדיקער קראפט קאָנ איכ זיכ דערקלערנ די אכזאָריִעסדיקע אונ ניט־קלוגע קאטאָוועס־פארווייַלונגענ פונ אָט די מענטשנ.

אנ אנדער מאָל שמועס איכ וועגנ דעמ מיט פיאָטער וואסיליעוויטשנ. כאָטש איכ אלגעמיינ באציט ער זיכ צו מיר מיט שפאָט אונ כויזעק, נאָר אימ געפעלט מייַנ ליידנשאפט צו ביכער, אונ צייַטנווייַז דערלויבט ער זיכ ריידנ מיט מיר באלערנדיק, ערנסט.

— סע געפעלט מיר ניט, ווי סאָכרימ לעבנ, — זאָג איכ.

אָנוויקלענדיק א זשמוט באָרד אפנ לאנגנ פינגער, פרעגט ער:

— פונוואנענ ווייסטו, ווי זיי לעבנ? גייסט צו זיי אָפט ארייַנ צוגאסט? דאָ, באָכער, איז א גאס, אונ אפ דער גאס לעבנ ניט די מענטשנ, אפ דער גאס האנדלענ זיי, אָדער מע גייט דורכ אפגיכ, — אונ ווידער אהיימ! אפ דער גאס גייענ מענטשנ ארויס אָנגעטאָנ, אונ אונטערנ אָנטאָנ, קענ מענ ניט וויסנ, אוועלכע זיי זייַנענ. אָפנ לעבט דער מענטש בא זיכ אינדערהיימ, אינ זייַנע פיר ווענט, אונ וויִאזוי לעבט ער דאָרטנ — דאָס ווייסטו ניט!

— אָבער די געדאנקענ זייערע זייַנענ דאָכ אלציינע סייַ דאָ, סייַ אינדערהיימ?

— אונ ווער קאָנ וויסנ, וואָס פארא געדאנקענ דער שאָכנ האָט? — רעדט דער אלטער מיט א וואָגיק באסל, שטרענג פארקנייַטלעכנדיק די אויגנ. — געדאנקענ זייַנענ ווי לייַז, זיי קאָנ מענ ניט איבערציילנ — זאָגנ אלטע לייַט. עפשער, אז א מענטש קומט אהיימ, פאלט ער אפ די קני אונ צעוויינט זיכ, בעטנדיק גאָט: פארגיב מיר, האר, איכ האָב געזינדיקט אינ דייַנ הייליקנ טאָג? עפשער, איז זייַנ היימ פאר אימ א מאָנאסטיר, אונ ער לעבט דאָרטנ מיט גאָט אלייַנ? אזוי איז עס. איטלעכ שפינעלע בוז וויסנ זייַנ ווינקעלע; פלעכט דיר דייַנ געוועבס, נאָר קאָנ פארשטיינ דייַנ וואָג, סע זאָל דיכ אויסהאלטנ...

אז ער רעדט ערנסט, קלינגט זייַנ קאָל נידעריקער, באסאָווער, ווי פארטרויענדיק וויכטיקע סוידעס.

— דו אָט קלערסט איבער אסאכ, נאָר איבערקלערנ איז פאר דיר צו פרי, אינ דייַנע יאָרנ לעבט מענ ניט מיטנ סייכל, נאָר מיט די אויגנ! הייסט עס, קוק, פארגעדענק אונ שווייַג. פאר געשעפט־זאכנ נוצט סייכל, פאר דער נעשאָמע אָבער — גלויבנ! דאָס, וואָס דו לייענסט ביכער, דאָס איז גוט, נאָר אינ אלצ דארפ מענ וויסנ א מאָס: אנדערע דערלייענענ זיכ ביז מעשוגאס אונ ביז גאָט־לייקענענ...

ס'האָט מיר אויסגעוויזנ, ער איז אומשטערבלעכ, — ס'איז שווער געווענ זיכ פאָרצושטעלנ, ער זאָל זיכ עלטערנ, זיכ ענדערנ. ער האָט ליב געהאט דערציילנ מייַסעס וועגנ סאָכרימ, גאזלאָנימ, פאלשגעלט־מאכערס, וואָס זייַנענ געוואָרנ בארימטע לייַט. איכ האָב זיכ שוינ גענוג אָנגעהערט אזוינע מייַסעס פונעמ זיידנ, אונ דער זיידע פלעג דערציילנ בעסער, ווי דער פירזאָגער, נאָר דער זינ פונ די געשיכטעס איז געווענ דער זעלבער: פארמעגנ פארשאפט מענ זיכ שטענדיק דורכ פארברעכנ קעגנ מענטשנ אונ גאָט. פיאָטער וואסיליעוויטש האָט צו מענטשנ קיינ מיטלייד ניט געהאט, נאָר וועגנ גאָט האָט ער גערעדט מיט א ווארעמ געפיל, זיפצנדיק אונ באהאלטנדיק די אויגנ.

— אזוי אָט נארט מען עס גאָט, און ער, פֿאָטערל יעזוס, זעט אַלץ און ווייַנט: מענטשן מיַינע, מענטשן, ווי צו איַיך, מענטשן, גענעם איז פאר איַיך אָנגעגרייט!

איינמאָל האָב איך זיך דערוועגט אים דערמאָנען:

— איר נארט דאָך די פּויערים...

דאָס האָט אים ניט באַליידיקט.

— ווי גרויס זיַינען מיַינע געשעפטן? — האָט ער געזאָגט. — כ'לעק אַראָפּ אַ דריַיערל, אַ פינפערל, אָט איז מיַין גאנצע מאכערייַ.

טרעפנדיק מיך באַם לייענען, נעמט ער דאָס בוך פון מיַינע הענט, פרעגט אויס קאַפּדאָניש וועגן דעם איבערגעלייענטן, און, כידעשנדיק זיך אומצוטרוילעך, זאָגט ער צום פּריקאַשטשיק:

— זע נאָר, פאַרשטייט אין די ביכער, דער שעלמעץ!

און ער לערנט מיך מיט אַ סיידער, צום פאַרגעדענקען:

— הער מיַינע ווערטער, ס'וועט דיר צונוץ קומען! קירילעס זיַינען געווען צוויי, ביידע יעפּיסקאָפּן: איינער אַן אַלעקסאַנדרינישער, דער צווייטער — אַ יערושאָלאַיִמער. דער ערשטער האָט זיך געראַנגלט קעגן דעם פאַרשאָלטענעם יערעטיקער נעסטאָרי, וואָס האָט געלערנט שענדלעך, אַז וויבאַלד די גאָט־געווינערן, הייסט עס, איז דאָך געווען אַ מענטש, האָט זי דעריבער ניט געקענט געבוירן קיין גאָט, זי האָט גע־בוירן ווידער טאקע אַ מענטשן, מיטן נאָמען און מיט די מעַיסים קריסטוס, דאָס הייסט, אַן אויסלייזער פאר דער וועלט: דאַרף מען זי אָנרופן ניט גאָט־געווינערן, נאָר קריסטוס־געווינערן. פאַרשטייסט? דאָס איז אָנגערופן — יערעזי, אַפּיקאָרסעס. דער יערושאָלאַיִמער קיריל אָבער האָט געפירט אַ קאמף קעגן דעם יערעטיקער אריי...

באַ מיר פלעגן שטאַרק אויסנעמען זיַין קענען די קלויסטער־געשיכטע, און ער פלעג, צופנדיק די באָרד מיט דער געפּעסטעטער גאַלעכשער האַנט, זיך באַרימען:

— איך בין אין די זאַכן אַ גענעראַל. איך בין קיין מאָסקווע, צו טראָיִצע, גע־פאָרן אָפּ אַ וויקועך מיט די גיפטיקע געלערנטע די ניקאָניאַנער, גאַלאָכים און וועלטלעכע. איך, קליינער, האָב אפילע מיט פּראָפעסאָרן געשפּרעכן געפירט, יאָ! איין גאַלעך האָב איך אזוי פאַרטריבן מיט מיַין ווערטער־בייַטש, אַז ס'איז אים אַוועק בלוט פון דער נאָז — אָט ווי!

די באַקן פלעגן זיך אים באַדעקן מיט אַ רויטלעכקייַט, די אויגן פלעגן זיך צע־בליִען. אָט דאָס בלוט פון דעם קעגנערס נאָז האָט ער, ווייַזט אויס, געהאַלטן פאַרן העכסטן פונקט פון זיַין דערפאָלג, פאַר דעם העלסטן רובין אין דער גאָלדענער קרוין פון זיַין רום, און ער פלעג דערציילן וועגן דעם מיט ברען פון טייַוועס:

— אַ שיי־יינער גאַלעכעץ, אַ געזונטער! שטייט פאַרן אַנאַלוי, און פון דער נאָז — קאַפּ, קאַפּ! און זעט ניט די שאַנד זיַינע. אַ בייזער גאַלעך געווען, ווי אַ לייב פון דער מידבער, אַ שטים — ווי אַ גלאָק! און איך נעם אים שטילינקערהייט, און אַלץ אין דער נעשאָמע אַריַין, אונטער דער זיבעטער ריפּ, מיט די ווערטער מיַינע, ווי מיט אָלן... און ער איז מאַמעש, ווי אַן אויוון אַ הייסער, אַזוי גליט ער זיך אָן מיט יערעטישער בייזקיַיט... עך, ס'האָבן זיך געטאָן אַמאָל מעַיסים!

אָפּטמאָל פלעגן אַריַינקומען נאָך אַנדערע פּירזאָגערס: פאַכאָמי, אַ מענטש מיט אַ גרויסן בויך, אין אַ פאַרשמאָלצעוועטער פּאָדיאָווקע, אַ בלינדער אויף איין אויג,

א צעוירענער און א כריוקענדיקער; לוקיאַן, א קלײניטשקער אלטינקער, א גלאַטער, ווי א מויז, א ליבלעכער און א שמײַדיקער, און מיט אים א גרויסער כמורנער מענטש, ענלעך אַפּ א קוטשער, א שוואַרצבערדיקער, מיט א טויט פּאָנעם, ניט קײן אגענעמענס, נאָר א שיינס, מיט אומבאַוועגלעכע אויגן. קימאַט אַלעמאָל פלעגן זיי ברענגען פאַרקויפן אַלטע ביכער, איקאָנעס, דעמפּ־קיילים, עפּעס בעכערס. אמאָל פלעגן זיי ברענגען מיט זיך צו פירן די פאַרקויפערס — א זקײנע צי א זאָקן פון הינטער דער וואָלגע. פאַרענדיקט מיט די געשעפטן, זעצט מען זיך צו דער סטויקע, ווי די קראָען אַפּ א מעזשע, מע טרינקט טיי מיט קוילעטש און פיסנעמ צוקער און מע דערציילט איינע די אנדערע וועגן די רעדיפעס מיצאד דעם ניקאָניאַנישן קלויסטער: דאָרט האָט מען געמאַכט א זוכונג, אָפּגענומען גאָט־דינסטלעכע ביכער, דאָ האָט פּאָליציע פאַרמאַכט א געבעט־הויז און צוגעצויגן די באַלעבאַטים צום גע־ריכט לויט דעם 103־טן אַרטיקל. אָט דער 103־טער אַרטיקל איז אָפטער ווי אַלצ געווען די טעמע פון זייערע שמועסן, נאָר גערעדט האָבן זיי וועגן אים רויִק, ווי וועגן עפּעס, וואָס איז אומפאַרמײַדלעך, אשטייגער, ווינטער א פראָסט.

די ווערטער — פּאָליציע, זוכונג, טורמע, געריכט, סיביר — ווערטער, וואָס האָבן שטענדיק געקלונגען אין זייערע געשפּרעכן וועגן די רעדיפעס פאַרן גלויבן, זײַנען מיר געפאַלן אַפּ דער נעשאָמע, ווי הייסע קוילן, צעגליִענדיק א סימפּאַטיע און מיטגעפיל צו אָט די אַלטע לײַט. די איבערגעלייענטע ביכער האָבן מיך אָנגעלערנט אכטן מענטשן, אײַנגעשפּאַרטע אינעם דערגרייכן זייערע צילן, שעצן גײַסטיקע פעסטקײַט.

איך פלעג פאַרגעסן אַלדאָס שלעכטס, וואָס איך האָב געזען אין אָט די לערערס פון לעבן, איך האָב געפילט נאָר זייער רויִקע אײַנגעשפּאַרטקײַט, הינטער וועלכער ס׳איז, ווי מיר האָט אויסגעוויזן, פאַרבאַהאַלטן דער אומגעוואַקלטער גלויבן פון לערערס אין זייער עמעס, די גרייטקײַט צו נעמען אַפּ זיך פאַרן עמעס אַלע יעסורים.

שפּעטער, אַז מיר איז געלונגען צו זען אַסאַך אַזוינע און ענלעכע אָפּהיטער פונעם אַלטן גלויבן, סײַ אין פּאָלק, סײַ צווישן דער אינטעליגענץ, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע אײַנגעשפּאַרטקײַט איז — פּאַסיווקײַט פון מענטשן, וואָס האָבן ניט וווהין צו גיין פון דעם אָרט, וווּ זיי שטייען, און ווילן אין ערגעץ ניט גיין, ווײַל, פעסט געבונדן מיט די פּענטעס פון אַלטע ווערטער, אויסגעלעבטע באַגריפן, זײַנען זיי פאַרגליווערט געוואָרן אין אָט די ווערטער און באַגריפן. זייער ווילן איז אומבאַ־וועגלעך, ניט פייִק צו אַנטוויקלען זיך אין דער ריכטונג צו דער צוקונפט, און ווען עפּעס א קלאַפּ פון דרויסן וואַרפט זיי אַראָפּ פונעם געוווינטן אָרט, קויקלען זיי זיך מעכאַניש אַרונטער, ווי א שטיין פון א באַרג. זיי האַלטן זיך אַפּ זייערע פּאָסטנס באַם צווינטער פון די אָפּגעלעבטע עמעסן, מיט דער טויטער קראַפט פון זיכרוינעס וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט און מיט זייער קרענקלעכער ליבע צו לײַדן, אונטער־דריקט זײַן, נאָר ווען מע זאָל באַ זיי אָפּנעמען די מעגלעכקײַט צו לײַדן, וואָלטן זיי, אויסגעליידיקטע, פאַרשווונדן, ווי די וואָלקנס אין א פרישן ווינטיקן טאָג.

דער גלויבן, וואָס פאַר אים זײַנען זיי מיט פאַרגעניגן און מיט גרויסער זעלבסט־צופרידנקײַט גרייט געווען צו לײַדן, איז אָן ספק א שטאַרקער גלויבן, נאָר ער דערמאָנט אָן אָפּגענוצעוועטן מאַלבעש, — א דורכגעשמאָלצעוועטער מיט אַלערליי ברוד, איז ער טאַקע דעריבער ווייניק צוטריטלעך פאַר דער צעשטערנדיקער אַרבעט

פון דער צײַט. דער געדאַנק און דער געפיל האָבן זיך צוגעוווינט צו דעם ענגן שווערן איבערהײַטל פון פּאַרורטיילן און דאָגמאַטן, און כאָטש זיי זײַנען שוין אומבאַפליגלט און צעהויקערט, דאַכט זיך אַז זיי לעבן באַקוועם.

אָט דער גלויבן מאַכמעס געוווינשאַפט איז איינע פון די טרויעריקסטע און שעדלעכסטע דערשײַנונגען אין אונדזער לעבן. אינעם געביט פון אָט דעם גלויבן, ווי אין שאָטן פון א געמויערטער וואַנט, וואַקסט יעדער נײַ לאַנגזאַם, פאַרקריפּלט, וואַקסט אויס זאַפט־אָרעם. אין אָט דעם פינצטערן גלויבן איז פאַראַן צו ווייניק שטראַלן פון ליבע, צופיל באַליידיקונג, פאַרביטערטקייט און קינע, וואָס איז שטענדיק איינס מיט פײַנטשאַפט. דער פײַער פון אָט דעם גלויבן — דאָס איז דער פאַספאָרנער גלאַנץ פון פוילעניש.

נאָר ביז איך האָב זיך אין דעם איבערצײַגט, האָב איך געמוזט איבערקומען אַסאַך שווערע יאָרן, אַסאַך צעבראָכן אין דער נעשאָמע בא זיך, אַרויסוואַרפן פון זיקאָרן. אין יענער צײַט אָבער, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַגעגנט די לערער פון לעבן צווישן דער לאַנגווײַליקער און נידערטרעכטיקערווירקלעכקײַט, האָבן זיי מיר געשײַנט ווי מענטשן פון גרויסער גײַסטיקער קראַפט, ווי די בעסטע מענטשן פון דער ערד. קימאַט יעדער איינער פון זיי איז געווען אונטערן געריכט, איז געזעסן אין טורמע, איז געווען אַרויסגעשיקט פון פאַרשיידענע שטעט, האָט געוואָגלט איבער די עטאַפּן מיט אַרעסטאַנטן; אַלע האָבן זיי געלעבט פאָרזיכטיק, אַלע האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן.

פונדעסטוועגן האָב איך געזען, אַז, באַקלאָגנדיק זיך אַף דער „גײַסט־אונטערדריקונג" פון די ניקאָנ׳יאַנער, דריקן אונטער די זקיינים אַליין זייער גערן און אַפּילע מיט פאַרגעניגן איינער דעם אַנדערן.

דער איינויגיקער פּאַכאָמי האָט, אויסטרינקענדיק, ליב געהאַט זיך באַרימען מיט זײַן ווירקלעכן כידושימדיקן זיקאָרן, — אייניקע ביכער האָט ער געוווּסט „אַפן פינגער" — ווי א ייִד א קלויזניק וויס דעם טאַלמוד; שטעקט אַרײַן א פינגער אין א ווע̇לכן ס׳איז זײַטל, און פון יענעם וואָרט, אַף וועלכן דער פינגער שטעלט זיך אָפּ, הייבט פּאַכאָמי אָן לייענען ווײַטער אַף אויסווייניק, מיט א ווייכינק, געפּאָנפּעט קעלכל. ער קוקט שטענדיק צום פּאָל אַראָפּ, און זײַן אײנציק אויג לויפט אום איבערן פּאָל אַזוי אומרויִק, פונקט סע זוכט עפּעס פאַרלוירנס, זייער קאָסטבאַרס. אָפטער ווי אַלץ פלעגט ער באַווײַזן דעם פּאָקוס אַפן בוך פונעם פירשט מישעצקי „דער רוסישער ווײַנצווײַג", — ער האָט באַזונדערס גוט געוווּסט „די פילגעדולדיקע און פולמוטיקע ליידן פון די וווּנדערלעכע און אַלהעלדישע קדושימ", און פּיאָטער וואַסיליעוו פלעגט אַלץ זוכן אים צו כאַפּן בא א גרײַז.

— לײַגסט, ס׳איז געשען ניט מיט קופּריאַנען דעם הייליקן טאַם, נאָר מיט דעניס דעם אומשולדיקן.

— וואָס פאַר א דעניס? דיאַניסי, זאָגט מען...

— טשעפּע זיך ניט צו א וואָרט!

— און דו לערן מיך ניט!

אין א מינוט אַרום זײַנען זיי שוין ביידע אויפגעדראָדלט פאַר קאַס, קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן און ריידן:

— אומפארשעמטער פארצעפ דו, גיסט נאָך דער קישקע, אָט וואָס פאר א פעמ־פּיק דו האָסט אָנגעפּרעסט...

פּאכאָמי ענטפערט, ווי ער זאָל ציילן אפ רעכנבײנדלעך:

— און דו ביסט א גויעפ, א צאפ, א ווײַבערשער נאָכלויפער.

דער פּריקאשטשיק שמייכלט גיפטיק, די הענט באהאלטן אין די ארבל, און רייצט אונטער די אָפּהיטער פון דער פארצײַטיקער פּרומקײַט, ווי די ייִנגלעך.

— אזוי, דערלאנג! אנו, נאָך!

איינמאָל האָבן זיך די זקיינים צעשלאָגן. פּיאָטער וואסיליעוו האָט מיט אומגע־ריכטער פלינקשאפט אָנגעפּאטשט דעם כאווער די באקן און אים געצוווּנגען מאכן פּיס, און, ווישנדיק זיך מיד דעם שווייס פון פּאָנעם, האָט ער נאָכגעשריגן דעם אנטלויפנ־דיקן:

— געדענק — אפ דײַן קאָפּ די זינד! דאָס האָסטו, פארשאָלטענער, מײַן האנט אין זינד ארײַנגעבראכט, טפו זאָלסטו ווערן!

ער האָט באזונדערס ליב געהאט פירהאלטן אלע זײַנע כאווירים, אז זיי זײַנען ניט געגוג פעסט אינעם גלויבן און פאלן ארײַן אין ניט־זאָגערײַ.

— ס'איז אלץ אלעקסאשקע פירט אײַך אראָפּ פון וועג, — וואָס זאָגסטו, ס'ארא האָן ס'האָט זיך עס צעקרייט!

די ניט־זאָגערײַ האָט אים אופגערעגט און, קענטיק, געשראָקן, נאָר אפ דער פראגע, וואָס איז דער טאָך פון דער לערע, פלעג ער ענטפערן ניט זייער פאר־שטענדלעך:

— די ניט־זאָגערײַ איז די סאמע ביטערסטע יערעטישקײַט. אין איר איז בלויז הוילער פארשטאנד, און קיין גאָט איז ניטאָ! אָט צווישן די קאָזאקן, זע, פון קיין איינ זאך האלטן זיי ניט, אויסער דער ביבל, און די ביבל איז פון די דײַטשן די סאראטאָווער, פון ליוטערן, וועגן וועלכן ס'איז געזאָגט: „א נאָמען האָט ער זיך א פּאסיקן אָנגענומען: עמעס טאקע ליוטער, ליוטע רופט ער זיך אָן, און ליוטע (א בייזער, אכזאָרישער) איז ער!" זיי הייסן, די ניט־זאָגערס, שאלאָפּוטן און אויך שטונדע, און אלץ גייט עס פון מײַרעוו, פון די דאָרטיקע יערעטיקער.

צוטופּענדיק מיטן צעקאליעטשעטן פוס, האָט ער גערעדט קאלט און וואָגיק:

— אָט וועמען דער נײַריטואלער קלויסטער וואָלט באדארפט יאָגן, אָט וועמען רויִנירן און צינדן! און ניט אונדז, מיר זײַנען רוס פון פארצײַטנס אָן, אונדזער גלויבן איז דער עמעס, דער וואָרצלדיקער רוסישער גלויבן, און דאָס אלץ איז מײַ־רעוו, פארקריפּלטע פרײַדענקערײַ! פון די דײַטשן, פון די פראנצויזן — וואָס פאר א גוטס קאָן שוין ארויסקומען! אָט האָבן זיי אין צוועלפטן יאָר...

צעפלאקערנדיק זיך, פלעג ער פארגעסן, אז פאר אים איז א ייִנגל; מיט א שטארקער האנט פלעג ער מיך אָנעמען פארן קושאק, און, דאָס צוציִענדיק צו זיך, דאָס אָפּשטויסנדיק, האָט ער גערעדט שיין, צערודערט, הייס און יונג.

— עס בלאָנדזשעט דער מענטשלעכער פארשטאנד אין די וועלדער פון זײַנע אויסטראכטעניִשן, געגליכן צו א וואָלף א בייזן, בלאָנזעט ער, צום טײַוול אונטער־טעניק, פּײַניקט די נעשאָמע די מענטשלעכע, גאָטס געשאנק! וואָס האָבן זיי אויסגע־קלערט, דעם ניט־גוטנס דינער? די באָגאָמילן, וואָס דורך זיי האָט זיך די גאנצע

ניט־זאָגעריי פארשפרייט, האָבן געלערנט: דער סאָטן זאָל זיין גאָטס א זון, דער עלטערער ברודער פון יעזוס קריסטוס, — אָט וווהין זיי זיינען דערגאנגען! זיי האָבן אויך געלערנט: ניט געהאָרכן קיין הערשאפטן, ארבעטן דארף מען ניט, ווייב און קינדער — אוועקווארפן, גארניט דארף ער ניט, דער מענטש, קיין שום אָרדענונג ניט, נאָר זאָל דער מענטש לעבן, ווי ער וויל, ווי דער ניט־גוטער וועט אים אָנווייזן. אָט האָט ער זיך ווידער באוויזן דער אלעקסאשקע, אָ, ווערעם...

ס'פלעג זיך מאכן, אז אין דער צייט פלעג דער פריקאשטשיק מיך צווינגען עפעס טאָן, איך גיי אָפ פונעם אלטן, ער בלייבט אליין אפ דער גאלעריי, און רעדט וויי־טער אין דער פוסטקייט ארום זיך:

— אָ, אומבאפליגלטע נעשאָמעס, אָ, קעצלעך בלינדגעבוירענע, — וווהין אנטלויפט מען פון אייך?

— און דערנאָך, אָפגעוואָרפן דעם קאָפ, איינגעשפארט די הענט אין די קני, שווייגט ער לאנג, שטאר און אומבאוועגלעך קוקנדיק אין ווינטערדיקן, גרויען הימל.

ער האָט זיך אָנגעהויבן באציִען צו מיר אופמערקזאמער און ליבלעכער; טרעפנדיק מיך בא א בוך, פלעג ער מיך גלעטן איבער דער פלייצע און ריידן:

— לייען, קליינער, לייען, ס'וועט צונוץ קומען! סייכל פארמאָגסטו, ווייזט אויס, א קאפל. א שאָד — האָסט קיין דערעכערעץ ניט פאר עלטערע, מיט אלעמען א צאָנג פאר א צאָן, ווי קלערסטו — וווהין קען דיך פארפירן אזא פארשייטקייט? זי וועט דיך, קליינער, פארפירן ניט ערגעץ אנדערש, נאָר אין די ארעסטאנטישע ראָטעס. ביכער לייען, נאָר גדענק — א בוך איז זיך א בוך, און מיטן אייגענעם מויעך זוך! אָט איז בא די כליסטן געווען א לערער דאנילאָ, איז ער דערגאנגען צום גע־דאנק, אז, הייסט עס, ניט די אלטע, ניט די נייע ביכער זיינען ניט נייטיק, האָט זיי צונויפגענומען אין איין פאק און — אין וואסער אריין! יאָ... דאָס איז, פארשטייט זיך אויך א נארישקייט! אָט אלעקסאשקע, דער הינטישער קאָפ, ער דולט אויך...

ער האָט אלץ אָפטער דערמאנט דעם דאָזיקן אלעקסאשקען, און איינמאָל, אראָפקומענדיק אין קלייט ארײַן א פארזאָרגטער, א שטרענגער, האָט ער געמאָלדן דעם פריקאשטשיק:

— אלעקסאנדער וואסיליעוו איז דאָ אין שטאָט, נעכטן אָנגעקומען! כ'האָב אים געזוכט — ניט געפונען. ער באהאלט זיך! איך וועל דאָ זיצן אביסל, ער וועט אוודע ארײַנקומען אהער...

דער פריקאשטשיק האָט זיך אָנגערופן אומפריינטלעך:

— איך ווייס ניט גאָרניט, קיינעם ניט!

מיט א פארנייג פונעם קאָפ האָט דער אלטער געזאָגט:

— אזוי דארף זיין: פאר דיר זיינען אלע מענטשן נאָר קויפער און פארקויפער, און קיין אנדערע זיינען ניטאָ! זיי מעכאבעד מיט טיי...

אז איך האָב געבראכט א גרויסן קופערנעם טשייניק מיט אָקרעפ, האָב איך אין דער קלייט געטראָפן געסט: דעם אלטיטשקן לוקיאן, א פריילעך שמייכלענדיקן, און הינטער דער טיר, אין א טונקעלן ווינקל, איז געזעסן א נייער מענטש, אָנגעטאָן אין א ווארעמער פאלטאָ און הויכע פעלץ־שטיוול, אונטערגעגארטלט מיט א גרינעם

קושאַק, אין אַ היטל, אומגעשיקט אַראָפּגערוקט אַף די ברעמען. דאָס פּאָנעם באַ אים איז געווען אַן אומבאַוועגלעכס, ער האָט אויסגעזען שטיל, באַשיידן, איז געווען ענלעך אַף אַ פּריקאַשטשיק, וואָס האָט נאָרוואָס פאַרלאָרן די שטעלע און איז שטאַרק דערשלאָגן דערפון.

פּיאָטער וואַסיליעוו האָט, ניט קוקנדיק אין זײַן זײַט, עפּעס געזעדט שטרענג און וואָגיק, און יענער האָט מיט אַ קראַמפּיקער באַוועגונג פון דער רעכטער האַנט אַלץ איבערגערוקט דאָס היטל: הייבט אויף די האַנט, ווי ער וואָלט זיך קלײַבן איבערצייילעמען, און טוט אַ שטויס דאָס היטל אַרויף, אַזוי נאָך און נאָך, און האָבנדיק עס אַרופגערוקט קימאַט ביזן שפּיץ שײַטל, ציט ער עס ווידער אָן שטײַף און אומגעשיקט ביז די ברעמען. אָט דער קראַמפּיקער זשעסט האָט מיך געצוווּנגען צו דערמאַנען זיך אינעם נאַרעלע איגאָשע — „דער טויט אין דער קעשענע".

— סע שווימען אום אין אונדזער מוטנעם טײַכל פאַרשיידענע העכט און קאַלאַ־מוטען די וואַסער, — האָט פּיאָטער וואַסיליעוו געזעדט.

דער מענטש, וואָס איז ענלעך אַף אַ פּריקאַשטשיק, האָט שטיל און רויק געפרעגט:

— דאָס מיינסטו מיך?

— כאָטשבי טאַקע דיך...

דענסטמאָל האָט דער מענטש ווײַטער געפרעגט, ניט הויך, נאָר זייער האַרציק:

— נו, און וועגן זיך וואָס וועסטו זאָגן, מענטש?

— וועגן זיך וועל איך נאָר פאַר גאָט אַליין זאָגן — דאָס איז מײַן זאַך...

— ניין, מענטש, און מײַנע אויך, — האָט דער נײַער געזאָגט פײַערלעך און שטאַרק, — קער ניט אָפּ דײַן פּאָנעם פונעם עמעס, פאַרבלענד זיך ניט מיט צופיל שטעלן אַף זיך, דאָס איז אַ גרויסע זינד פאַר גאָט און לײַט!

מיר איז געפעלן געווען, וואָס ער רופט אָן פּיאָטער וואַסיליעוון מענטש, און מיך האָט צערודערט זײַן שטים. ער האָט געזעדט אַזוי, ווי גוטע גאַלאָכים לייענען „גאָט, דו הערשער פונעם לעבן מײַנעם", און האָט זיך אַלץ געבויגן פאָרויס, אַראָפּפאָרנדיק פונעם בענקל און פאָכנדיק מיט דער האַנט פאַרן פּאָנעם...

— פאַרורטייל מיך ניט, איך בין ניט שמוציקער פון דיר אין זינד...

— דער סאַמאָוואַר האָט פאַרזאָטן, זיך צעפּאָרשקעט, — האָט מיט פאַראַכטונג אויסגערעדט דער אַלטער פּירזאָגער, און יענער האָט פאָרגעזעצט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אַף זײַנע ווערטער:

— נאָר איין גאָט ווייסט, ווער סע פאַרקאַלאַמוטעט מער די קוואַלן פון דעם גײַסט דעם הייליקן. עפּשער, איז עס גאָר אײַער זינד? ביכערדיקע, פּאַפּירענע מענטשן, און איך בין ניט קיין ביכערדיקער, ניט קיין פּאַפּירענער, איך בין אַ פּראָסטער, לעבעדיקער מענטש...

— כ'ווייס די פּראָסטקײַט דײַנע, געהערט גענוג!

— דאָס טוט איר פאַרפּלאָנטערן מענטשן. דאָס ברעכט איר גלײַכע געדאַנקען, איר, ביכערניקעס און פּאַריסייער... איך — וואָס זאָג איך, דערצייל?

— יערעזי! האָט געזאָגט פּיאָטער וואַסיליעוו, און דער מענטש האָט, באַוועגנ־דיק מיט דער דלאָניע זיך פאַרן פּאָנעם, ווי ער וואָלט לייענען עפּעס, וואָס איז אָנ־געשריבן אַף איר, הייס געזעדט:

— איר מיינט, אַז, אַריבערטרײַבנדיק די מענטשן פֿון איין שטאָל אין אַ צווייטער, וועט איר זיי מאַכן בעסער? און איך זאָג — ניין! איך זאָג — באַפֿרײַ זיך, מענטש! צו וואָס טויג דיר דײַן הויז, דײַן פֿרוי און אַלץ דײַנס פֿאַרן האַר גאָט? באַפֿרײַ זיך, מענטש, פֿון אַלץ, פֿאַרוואָס מענטשן האַרגענען און קוילען איינער דעם אַנדערן, פֿון גאָלד, זילבער און יעדן פֿאַרמעגן, וואָס איז אינדערעמעסן מיִעסקײַט און פֿוילעניש! ניט אַף די פֿעלדער די ערדישע ליגט דער נעשאָמעס רעטונג, נאָר אין די טאָלן די גאַניידנשע! רײַסט זיך אָפּ פֿון אַלץ, זאָג איך, צערײַסט אַלע בינדונגען, שטריק, צעשטערט די נעצן פֿון דער וועלט — ס'איז אַ געפֿלעכט אַן אַנטיכריסטישער... איך גיי מיטן גלײַכן וועג, איך דריי ניט מיט דער נעשאָמע אַהין און אַהער, די פֿינצטערע וועלט נעמט איך ניט אָן...

— און ברויט, וואַסער, קלייד — נעמסטו אָן! דאָס איז דאָך אָבער פֿון דער וועלט! — האָט גיפּטיק געזאָגט דער אַלטער.

נאָר אויך די דאָזיקע ווערטער האָבן אַלעקסאַנדערן ניט באַרירט, ער האָט פֿאַרגעזעצט זײַנס אַלץ האַרציקער, און כאָטש די שטים זײַנע האָט געקלונגען ניט הויך, האָט געדוכט, אַז ער טרובעט אין אַ מעשענעם טרומייט.

— וואָס איז דיר טײַער, מענטש? איין גאָט אַליין איז טײַער. טאָ שטעל־זשע זיך פֿאַר אים ריין פֿון אַלצדינג, רײַס אַראָפּ די ערדישע פּענטעס פֿון דער נעשאָמע דײַנער, און גאָט וועט זען: דו ביסט אַליין, ער איז אַליין! אַזוי וועסטו זיך דערנעענטערן צו גאָט, דאָס איז דער איינציקער וועג צו אים! אָט אין וואָס די רעטונג איז אָנגעוויזן — טאַטע־מאַמע וואַרף אַוועק, איז אָנגעוויזן, אַלץ וואַרף אַוועק, און אַפֿילו דאָס אויג, וואָס פֿאַרפֿירט דיך — רײַס אויס! פֿון גאָטס וועגן פֿאַרניכט זיך אין די כפּייצים און היט זיך אוף אין גײַסט, און דאַן וועט אופֿלאַקערן די נעשאָמע דײַנע אַף אייביק־אייביקײַט...

— אַנו, גיי דיר צו אַלדע איפּעשדיקע הינט, — האָט געזאָגט פּיאָטער וואַסיליעוו, אופּשטייענדיק, — איך האָב געטראַכט, דו ביסט פֿון פּאַראַיאָרן קליגער געוואָרן, און דו ביסט נאָך ערגער...

דער אַלטער איז, וואַקלענדיק זיך, אַרויס פֿון קלייט אַף דער טעראַסע; דאָס האָט אַלעקסאַנדערן אופּגערודערט. ער האָט פֿאַרכידעשט און אײַליק אַ פֿרעג געטאָן:

— דו גייסט אַוועק? און... ווי־זשע?

נאָר דער אַלטער לוקיאַן האָט מיט אַ באַרויִקנדיקן ווונק געזאָגט:

— ס'גאָרניט, ס'גאָרניט...

דענסטמאָל איז אַלעקסאַנדער אַף אים אָנגעפֿאַלן:

— אָט דו אויך, טומלער אַפּדערערדיקער, דו זיפּסט אויך עפּעס שמאָכטעדיקע ווערטער. און וואָס קומט אַרויס? נו, אַ דרײַמאָליקע האַלעלויאַ, נו, אַ צווייִמאָליקע...

לוקיאַן האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים און איז אויך אַוועק אַף דער טעראַסע, און ער האָט, זיך ווענדנדיק צום פּריקאַשטשיק, געזאָגט מיט אַ זיכערקײַט:

— זיי קאָנען ניט איבערטראָגן דעם אָטעם מײַנעם, קאָנען ניט! פֿאַרשווינדן, ווי רויך פֿאַר פֿײַער...

דער פריקאשטשיק האָט אפּ אים א קוק געטאָן פון הינטערן שטערן און טרוקן באמערקט:

— אין די זאכן טו איך זיך ניט אריין.

דער מענטש איז אזויווי צעמישט געוואָרן, האָט אָנגעטאָן דאָס היטל, אויסגעשטאמלט:

— ווי־זשע קען מען עס ניט ארייַנטאָן זיך? דאָס זייַנען אזוינע זאכן... זיי פּאָדערן, מע זאָל זיך אין זיי אריינטאָן...

ער איז געזעסן א מינוט שווייַגנדיק, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דערנאָך האָבן אים די אלטע א רוף געטאָן, און אלע דריַי זייַנען זיי אוועק ניט געזעגנטערהייט.

אָט דער מענטש האָט אופגעפלאמט פאר מיר, ווי א שייַטער אין דער נאכט, האָט העל אויסגעברענט און זיך אויסגעלאָשן, צווינגענדיק מיך צו דערפילן עפּעס אן עמעס אין זייַן אָפּלייקענען דאָס לעבן.

אינאָוונט האָב איך אויסגעקליבן א צייַט און מיט היץ דערציילט וועגן אים דעם עלטערן מייַסטער פונעם איקאָנע־ווערקשטאט, דעם שטילן און ליבן איוואן לאריָאָנאָוויטשן. ער האָט מיך אויסגעהערט און דערקלערט:

— א לויפער, ווייַזט אויס. פאראן אזוינע סעקטאנטן — האלטן ניט פון קיין זאך.

— וויִאזוי־זשע לעבן זיי?

— לויפן ארום, וואנדערן קעסיידער איבער דער ערד, דעריבער הייסן זיי — לויפער. די ערד און אלץ, וואָס געהער צו איר, איז אונדז פרעמד, — זאָגן זיי, און פּאָליציע רעכנט זיי פאר שעדלעכע, כאפּט זיי...

כאָטש מיר האָט זיך געלעבט ביטער, דאָך האָב איך ניט פארשטאנען: וויִאזוי קען מען עס פון אלץ אנטלויפן? אין דעם לעבן, וואָס האָט מיך צו יענער צייַט ארומגערינגלט, איז געווען אסאך אינטערעסאנטס, טייַערס פאר מיר, און אינגיכן איז דער אָנדענק פון אלעקסאנדער וואסיליעוון אָפּגעבליאקוועט געוואָרן אין מייַן זיקאָרן.

נאָר צייַטנווייַז, אין שווערע שאָען, פלעג ער זיך מיר ווייַזן: ער גייט דורך א פעלד, איבער א גרויען וועג, צו א וואלד, שטופּט דעם שטעקן מיט א קראמפּיקער באוועגונג פון דער ווייַסער האנט פון א ניט־ארבעטנדיקן מענטשן און פרעפּלט:

— איך גיי מיטן ריכטיקן וועג, נעם קיין זאך ניט אָן! אלע פארבינדונגען — צערייַס...

אינאיינעם מיט אים פלעג זיך מיר דערמאנען דער פאָטער, ווי די באבע האָט אים געזען אין כאָלעם: מיט א נוסן־שטעקעלע אין דער האנט, און פון הינטן נאָך אים לויפט א קאָלירטער הונט, טרייסלט מיט דער צונג...

XIII

דער ווערקשטאט פאר איקאָנעמאָלערייַ האָט זיך געפונען אין צוויי צימערן פון א גרויסן האלבגעמויערטן הויז. איין צימער מיט דרייַ פענצטער — צום הויף, און צוויי — אין סאָד, דאָס צווייטע — א פענצטער צום הויף, א פענצטער צו דער

גאס. פענצטער קלײנינקע, קוואדראטע, שויבן אין זײ — רעגנבויגנדיקע פאר אלטקײט, לאָזן אומגערן דורך אין װערקשטאט די אָרעמע, צעזײטע שײַן פון די װינטערדיקע טעג.

ביידע צימערן זײַנען ענג פארשטעלט מיט טישן, פאר יעדן טיש זיצט אײַנ־געבויגן אן איקאָנעמאָלער, פאר אנדערע — צו צװײ. פון דער סטעליע לאָזן זיך אראָפ אפ שנירלעך גלעזערנע קײַלעכער; אָנגעגאָסענע מיט װאסער, זאמלען זײ צונויף די לאָמפּן־שײַן, אראָפּװארפנדיק זי אף דער קוואדראטער ברעט פון דער איקאָנע אין א װײַסן קאלטן שטראל.

אין װערקשטאט איז הייס און דושנע. ס׳ארבעטן דאָרט א צװאנציק מענטשן „גאָטשמירער״ פון פאלעך, כאָלוי, מסטערע, אלע זיצן אין ציצענע העמדער מיט צעשפּליטע קאָלנערס, אין טיקאָװע גאטקעס, באָרװעס אָדער אין שקראבעס. איי־בער די קעפ פון די מײַסטערס איז אויסגעשפרייט א בלוי־גרויע דעק פון מאכאָר־קע־רויך, סע שטייט א געדיכטער רייעך פון אָליפע, לאק, פוילע אייער. לאנגזאם, װי סמאָלע, פליסט די טרויעריקע װלאדימירער ליד:

— ס׳ארא מין פארשײַטע װעלט ס׳איז הײַנט געװאָרן —
אָפּן האָט א יונג א מיידעלע פארפירט...

מע זינגט אויך אנדערע לידער, אויך ניט קיין פריילעכע, נאָר די — אָפטער װי אנדערע. איר נאָגנדיקער מאָטיװ שטערט ניט צו טראכטן, שטערט ניט צו פירן מיטן דינעם פענדזעלע פון הערמעלין־האָר איבערן געמעל פון דער איקאָנע, אויס־פארבנדיק די פאלבן פונעם „ביזגעזיכט״, ארופלייגנדיק אף די ביין־פענעמער פון די הייליקע דינינקע קנייטשעלעך פון לייד. אונטער די פענצטער קלאפּט מיטן הע־מערל דער שטעמפלער גאָגאָליעװ — א שיקאָרניק אן אלטער, מיט א גרויסער בלויער נאָז. אינעם פוילן פליסן פון דער ליד רײַסט זיך קעסיידער ארײַן די טרו־קענע קלאפּערײַ פון העמערל — װי א װאָרעם װאָלט טאָטשען געהילצ.

די ארבעט אף דער איקאָנעמאָלערײַ פארכאפּט ניט קיינעם. עמעצער א בייזער קאָפּ־מענטש האָט צעדרויבלט די ארבעט אף א לאנגער ריי אקטן, װאָס זײַנען באַרויבט פון יעדער שײַנקײַט, קאָנען ניט אופװעקן קיין ליבשאפט צו דער זאך, קיין אינטערעס צו איר. דער קאָסאָקער סטאָליער פאנפיל, א בייזער און גיפטי־קער, ברענגט צו טראָגן קיפּאריס־ און ליפּע־ברעטער פון פארשיידענע מאָסן, װאָס ער האָט אויסגעהובליעװעט און צונויפגעקלעפּט; דער טובערקוליאָזער באָכער דאַ־װידאָװ גרונטעװעט זיי; זײַן כאװער סאָראָקין לייגט דעם „לעװקאס״; מיליאשין פירט מיט א בלײַער אריבער פונעם אָריגינאל דעם געמעל; דער אלטער גאָגאָליעװ באגילדעט און שטעמפּלט אפּן גאָלד דעם מוסטער; די ביזגעזיכטלער מאָלן דעם פּייזאזש און די קליידונג פון דער איקאָנע, דערנאָך שטייט זי אָן פּאָנעם און הענט לעבן בא דער װאנט, װארטנדיק אף דער ארבעט פון די געזיכטלער.

ס׳איז זייער ניט אנגענעם צו זען די גרויסע איקאָנעס פאר איקאָנאָסטאסן און אלטאר־טירן, װי זיי שטייען בא דער װאנט אָן א פּאָנעם, אָן הענט און פיס — נאָר הוילע אײַנפאסונגן אָדער פאנצערס און קורציניקע העמדלעך פון די ארצימאלאָכים. פון אָט די קאָליריק־באמאָלטע ברעטער װייט מיט טויט; דאָס, װאָס סע דארף זי

ערשט באַלעבן, פּעלט, נאָר סע דוכט זיך, אַז דאָס איז שוין געווען און איז ווונ־דערלעך פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק נאָר די שווערע אײַנפּאַסונג.

ווען דאָס „קערפּערל" איז דורכן געזיכטלער אָנגעשריבן, גיט מען די איקאָנע אָפּ דעם מײַסטער, וואָס לייגט אַרויף איבערן מוסטער פון דער שטעמפּלונג דעם „פּיניפּט" (עמאַל). די אופשריפטן מאַכט ווידער אַ באַזונדער מײַסטער, און מיט לאַק פאַרדעקט אַליין דער פאַרוואַלטער מיטן ווערקשטאַט, איוואַן לאַריאָנאָוויטש, אַ שטי־לער מענטש.

דאָס פּאָנעם זײַנס איז גרוי, דאָס בערדל אויך גרוי, פון דינע, זײַדענע האָר, די גרויע אויגן זײַנען באַזונדערס טיף און טרויעריק. ער שמייכלט ווויל, נאָר צו אים וועסטו ניט אַ שמייכל טאָן, קאָנסט עס בא זיך ניט פועלן. ער איז ענלעך אָפּ דער איקאָנע פון סימעאָן סטאָלפּניק — איז פּונקט אַזוי טרוקן, דאַר, און זײַנע אומבאַוועגלעכע אויגן קוקן פּונקט אַזוי סטאַם אין דער ווײַט אַרײַן, דורך מענטשן און ווענט.

אין עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי איך בין אָנגעקומען אין ווערקשטאַט, איז דער מײַסטער פון די קלויסטער־פּאָנעס, דער דאָנער קאָזאַק קאַפּענדיוכין, אַ שיינער יונג און אַ גוואַר, געקומען אַ שיקערער און, פאַרציפּענדיק שטאַרק מיט די ציין, צוגעזשמורעט די זיסע, ווײַבערשע אויגן, האָט ער אָנגעהויבן שווײַגנדיקערהייט צו נעריקן אַלעמען מיט זײַנע אײַזערנע פויסטן. ניט קיין הויכער און אַ שלאַנקער, האָט ער זיך אַרומגעיאָגט איבערן ווערקשטאַט, ווי אַ קאָטער אין אַ קעלער צווישן שטשורעס. די צעטומלטע מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן פון אים אין די ווינקלען און האָבן פון דאָרטן געשריגן איינער צום אַנדערן:

— שלאָג!

דעם געזיכטלער יעווגעני סיטאַנאָוו האָט זיך אײַנגעגעבן צו פּלעטן דעם צע־בושעוועטן סקאַנדאַליסט מיט אַ קנאַק פון אַ טאַבורעט איבערן קאָפּ. דער קאָזאַק האָט זיך צוגעזעצט אָפן פּאָל, מ'האָט אים באַלד אומגעוואָרפן און געבונדן מיט האַנטעכער, ער האָט זיך גענומען בײַסן און רײַסן מיט די ציין פון אַ חיה. דענסט־מאָל איז יעווגעני, אַן אופגעזאָטענער, אַרופגעשפּרונגען אָפן טיש. צוגעדריקט די עלנבויגנס צו די זײַטן, האָט ער זיך צוגעגרייט אַ שפּרונג טאָן אָפן קאָזאַק. אַ הויכער, אַן אָדערדיקער, וואָלט ער אומפאַרמײַדלעך מיט זײַן שפּרונג צעקוועטשט דעם ברוסטקאַסטן קאַפּענדיוכינס, נאָר אין דער מינוט האָט זיך לעבן אים באַוויזן לאַ־ריאָניטש אין פּאַלטאָ און היטל, האָט אַ דראָ געטאָן סיטאַנאָוון מיט אַ פינגער און געזאָגט צו די מײַסטערס שטיל און זאַכלעך:

— טראָגט אים אַרויס אין פּירהויז, זאָל ער זיך אויסניכטערן...

דעם קאָזאַק האָט מען אַרויסגעטראָגן פון ווערקשטאַט, מ'האָט צעשטעלט די טישן, די שטולן און זיך ווידער געזעצט צו דער אַרבעט, זיך איבערוואַרפנדיק מיט קורצע באַמערקונגען, פּאָרויסזאָגנדיק, אַז מע וועט אים ווען־ניט־איז דערהאַרגענען אין אַ געשלעג.

— דערהאַרגענען אים איז שווער, — האָט סיטאַנאָוו געזאָגט זייער רויק, ווי מע רעדט וועגן אַ זאַך, וואָס איז גוט באַקאַנט.

איך האָב געקוקט אָפּ לאַריאָניטשן, איבערקלערנדיק און ניט פאַרשטייענדיק:

פאַרוואָס איז עס אַזוי, אַז אָט די שטאַרקע קאָכיקע מענטשן גיבן זיך אים אַזוי גרינג אונטער?

ער האָט אַלעמען געוויזן, וויאַזוי מע דאַרף אַרבעטן, אַפילע די בעסטע מייַסטערס האָבן גערן געפּאָלגט זייַנע אייצעס. קאַפּענדיוכינען האָט ער געלערנט מער און באַריידעוודיקער, ווי עמעצן אַנדערש.

— דו, קאַפּענדיוכין, רופסט זיך זשיוואָפּיסעץ, דאָס באַטייַט, אַז דו דאַרפסט מאָלן לעבעדיק, מיט דער איטאַליענישער מאַניר. אייל־מאָלערייַ פאָדערט אייַנהייַטלעכקייַט פון פאַרבן, וואַרעמע, און דו האָסט צופיל אַרייַנגעפירט ווייַס, זייַנען אַרויסגעקומען די אייגעלעך בא דער גאָט־געווינערן קאַלט, ווינטערדיק. די בעקעלעך זייַנען אָנגעמאָלט רויט, ווי די עפּל, און די אייגעלעך — זייַנען פרעמדע צו זיי, און ניט ריכטיק זייַנען זיי אוועקגעשטעלט — איינס קוקט אינעם נאָז־צווישן, דאָס צווייטע איז פאַרוקט צום שלייף, — האָט זיך דאָס געזיכט באַקומען ניט הייליק־לויטער, נאָר כיטרע־ערדיש. טראַכסט ניט איבער דער אַרבעט, קאַפּענדיוכין.

דער קאָזאַק קרימט דאָס פּאָנעם הערנדיק, דערנאָך צעשמייכלט ער זיך אומפאַרשעמט מיט די ווייַבערשע אויגן און רעדט מיט אַן אַנגענעמענער שטים, אַביסל הייזעריק פון שיקרעס:

— עך, איוואַן לאַריאָניטש, פּאָטער, ס'איז ניט קיין אַרבעט. איך בין אַ מוזיקאַנט געבוירן, און מיך האָט מען אָפּגעגעבן פאַר אַ מאָנאַך.

— מיט פלייַסיקייַט קען מען יעדע אַרבעט בייַקומען.

— ניין, ווי קום איך? אָט ווען איך בין אַ קוטשער, מיט אַ דרייַ שפּאַן פלינקע פערד, עך... — און, אויסגעבויגן דעם גוידער, צעזינגט ער זיך פייַערדיק:

ע־עך, כ'שפּאַן מיר איַין אַ דרייַלינג
פלינקע טונקל־ברוינע פערד,
אָך, און פלי אוועק דורך נאַכט־פראָסט
גלייַך — אוי, גלייַך צו דער געליבטער מייַן!

איוואַן לאַריאָנאָוויטש פאַריכט מיט אַ נאָכגיביקן שמייכל די ברילן אַף דער גרויער, טרויעריקער נאָז און גייט אוועק, און אַ צענדליק שטימען כאַפּן אונטער איינמוטיק די ליד, גיסן זיך צונויף אין אַ מעכטיקן שטראָם, און, ווי זיי וואָלטן אויפגעהויבן אינדערלופטן דעם גאַנצן ווערקשטאַט, וויגן זיי אים מיט געמאָסטענע שטויסן.

זיי וויסן שוין אַליין, די פערד,
וווּ מייַן האַרצנסליבסטע וווינט...

דער שילער פּאַשקע אָדינצאָוו הערט אויף אָפּגיסן די אייער־געלעכלעך, אין ביידע הענט זייַנען בא אים צו שאָלעכצן, און ער האַלט אונטער מיט אַן אויסגעצייכנטן דיסקאַנט.

פאַרשיקערט פון די קלאַנגען, האָבן זיך אַלע פאַרגעסן, אַלע אָטעמען מיט איין ברוסט, לעבן מיט איין געפיל, זייַטיק נאָכקוקנדיק נאָכן קאָזאַק. ווען ער זינגט, אַנערקענט אים דער ווערקשטאַט פאַר זייַן הערשער, אַלע ציִען זיך צו אים, נאָכ־

שפּירנדיק נאָך די ברייטע פּאַכן פון זײַנע הענט. ער פלעג צעפּירן די הענט, ווי ער וואָלט זיך קלײַבן פליִען. איך בין זיכער, אז ווען ער רײַסט פלוצעם איבער די ליד און שרײַט אויס: „שלאָג! ברעך אלצדינג!" — וואָלטן אלע, אפילע די סאַמע סאָלידע מײַסטערס, אין עטלעכע מינוט צעטראָגן דעם ווערקשטאַט אף שפּענדלעך.

געזונגען האָט ער זעלטן־ווען, נאָר די מאַכט פון זײַנע שטורעמדיקע לידער איז שטענדיק געווען גלײַך ניצאָכנדיק, ניט ווידערצושטיין. ווי שווער די מענטשן זײַנען ניט געווען געשטימט, פלעג ער זיי אופהייבן און אָנצינדן, אלע פלעגן זיך אָנשטרענגען, ווערן אינעם הייסן צונויפגוס פון די קרעפטן איין מעכטיקער אָרגאַן.

בא מיר פלעגן אָט די לידער ארויסרופן א הייסן געפיל פון קינע צו דעם זינגער, צו זײַן שיינער הערשאַפט איבער מענטשן. עפּעס סומנע אופרודערנדיקס פלעג זיך ארײַנגיסן אין הארצן, פארברייטערן עס ביז ווייַ, ס'האָט זיך געגלוסט וויינען און שרײַען צו די זינגענדיקע מענטשן:

— איך האָב אײַך ליב!

דער טובערקוליאָזער, געלער דאווידאָוו, אינגאַנצן אין שטיקער האָר, פלעג אויך עפענען דאָס מויל, מאָדנע גלײַך אף א ראָב־אויפעלע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אויסגעפּיקט פונעם איי.

פריילעכע, ברויזנדיקע לידער האָט מען געזונגען בלויז דענסטמאָל, ווען דער קאָזאַק פלעג זיי אָנהייבן; אָפטער האָט מען געזונגען אומעטיקע און נאָגנדיקע וועגן דער „פארשײַטער וועלט", „אוי, אונטערן וואלד, אונטערן וועלדל" און וועגן דעם טויט פון אלעקסאנדער I: „אז געפאָרן איז אונדזער לעקסאנדרא די ארמיי זײַנע באַקוקן".

אַן אנדער מאָל פלעג מען, לויטן פאָרשלאָג פונעם בעסטן געזיכטלער אין אונדזער ווערקשטאַט זשיכאַריאָוו, פּרוּוון זינגען א קלויסטער־ניגון, נאָר דאָס פלעג זיך זעלטן־ווען אײַנגעבן. זשיכאַריאָוו פלעג זיך וועלן דערשלאָגן עפּעס א באַזונדערס שטרענגע, אים נאָר אליין פארשטענדלעכע, הארמאָניע, און האָט אלעמען געשטערט זינגען.

דאָס איז געווען א מענטש פון א יאָר פינף און פערציק, א טרוקענער, א פּליכעוואַטער, אין א האלב־קראַנץ פון שווארצע קוטשעראווע ציגײַנערשע האָר, מיט שווארצע ברעמען, גרויס ווי די וואָנצעס. א שאַרף געדיכט בערדל האָט זייער באַצירט זײַן פײַן און טונקל ניט־רוסיש פּאָנעם, נאָר אונטער דער געהויקערטער נאָז האָבן געסטאַרטשעט הארטע וואָנצעס, איבעריקע בא זײַנע ברעמען. זײַנע בלויע אויגן זײַנען געווען פארשיידענע: דאָס לינקע — באַמערקלעך קלענער פונעם רעכטן.

— פּאשקאַ! — שרײַט ער מיטן טענאָר צו דעם כאַווער מײַנעם א שילער. — נו, הייב אָן: „לויבט!" אולעם, הערט זיך צו!

אויסווישנדיק די הענט אין פארטעך, הייבט פּאשקע אָן:

— לוי־ויבט...

— גאָטס נאָמען, — כאַפּן אונטער עטלעכע שטימען, און זשיכאַריאָוו שרײַט אומעטיק:

— יעווגעני, נידעריקער! לאָז אראָפּ די שטים אין די סאמע טיפענישן פון דער נעשאָמע...

טויב, ווי ער וואָלט געזעצט אין א פּאס, ברומט סיטאנאָוו:

— איר קנעכט פון גאָט...

— ניט דאָ — אָס! דאָס דארף מען אזוי א נעם טאָן, אז די ערד זאָל פּארצי־טערט ווערן, און ס'זאָלן זיך צעעפענען פון זיך אליין טירן, פענצטער!

זשיכאריאָוו האָט זיך איינגאנצן געוואָרפן אין אומפּארשטענדלעכער אופרעגונג, זיינע וואונדערלעכע ברעמען גייען איבערן שטערן ארויף און אראָפּ, דאָס קאָל זיינס רייסט זיך, און די פינגער שפּילן אף אומזיכטיקע גוסליעס.

— קנעכט פון גאָט — פארשטייסט? — רעדט ער באדייטונגספול. — דאָס דארף מען דערפילן ביז צום יאָדער, דורכן גאנצן שאָלעכץ. קנעכט, ליבט גאָט! ווי־זשע קומט עס, אז איר, לעבעדיקע מענטשן, פארשטייט עס ניט?

— דאָס קומט בא אונדז קיינמאָל ניט ארויס, ווי אייך איז באוווסט, — זאָגט העפלעך סיטאנאָוו.

— נו, לאָזן מיר עס צורו!

א באליידיקטער, נעמט זיך זשיכאריאָוו צו דער ארבעט. ער איז דער בעסטער מייסטער, קאָן מאָלן די געזיכטער ביזאנטיניש, פריגיש און „מאָלעריש”, אף דער איטאליענישער מאניר. אָנעמענדיק באשטעלונגען אף איקאָנאָסטאסן, אייצעט זיך לאריאָניטש מיט אים, — ער איז א פיינער קענער פון די איקאָנעמאָלערישע אָרי־גינאלן, אלע טייערע קאָפּיעס פון די וואונדערשאפנדיקע איקאָנעס — דער פיאָדאָראָ־ווער, דער סמאָלענסקער, דער קאזאנער און אנדערע — גייען דורך זיינע הענט. נאָר גראָבנדיק זיך אין זיי, וואָרטשעט ער אפן קאָל:

זיי האָבן אונדז געבונדן אָט די אָריגינאלעכלעך... מע דארף עס זאָגן אָפן: געבונדן!

כאָטש ער פארנעמט אין ווערקשטאט א וויכטיקע לאגע, איז ער ווייניקער גרויסהאלטעריש, ווי אנדערע, באציט זיך מילד צו די שילער — צו מיר און פּאוו־לען, וויל אונדז אויסלערנען די מייסטערשאפט, — קיינער פארנעמט זיך ניט דער־מיט אויסער אים.

ס'איז שווער אים צו פארשטיין. אין אלגעמיין — ניט קיין פריילעכער מענטש, אמאָל ארבעט ער א גאנצע וואָך שווייגנדיק, ווי א שטומער, קוקט אף אלעמען פארוווּנדערט און פרעמד, ווי ער וואָלט די באקאנטע מענטשן זען צום ערשטן מאָל. און כאָטש ער האָט ליב געזאנג, נאָר אין אזוינע טעג זינגט ער ניט און הערט אפילע אזויווי ניט, ווען מע זינגט. אלע קוקן אים נאָך, אונטערווינקענדיק אף אים איינער דעם אנדערן. ער איז איינגעבויגן איבער דער קאָסע־געשטעלטער איקאָנע, די ברעט אירע שטייט בא אים אף די קני, די מיט איינגעשפּארט אין ברעג טיש, זיין דינער פּענדזל מאָלט זאָרגעוודיק אויס א טונקל, אָפּגעפרעמדט פּאָנעם, אליין איז ער אויך טונקל און אָפּגעפרעמדט.

פלוצעם זאָגט ער ארויס דייטלעך און באליידיקט:

— פרעדטיעטשא — וואָס איז עס? טיעטש — הייסט אף פארצייטיש — גיין, פרע־טיעטשא מיינט — פאָרגייער, און ניט עפּעס אנדערש...

אין ווערקשטאט ווערט שטיל, אַלע פאַרקאָסענע אַן אויג אין זשיכאַריאָווס זייַט, אונטערשמייכלענדיק, און אין דער שטיל קלינגען מאָדנע ווערטער:

— אים דאַרף מען ניט אין אַ שאָפּן־פעל מאָלן, נאָר מיט פליגלען...

— דו, מיט וועמען רעדסטו? — פרעגט מען אים.

ער שווייַגט, הערט ניט די פראַגע, אָדער וויל ניט ענטפערן, דערנאָך פאַלן ווידער אין דער וואַרטנדיקער שטילקייַט זייַנע ווערטער:

— די לעבנס־באַשרייַבונגען פון די הייליקע דאַרף מען וויסן, און ווער ווייסט זיי — די לעבנס־באַשרייַבונגען? וואָס ווייסן מיר? מיר לעבן אומבאַפליגלט... ווו איז די נעשאָמע? די נעשאָמע ווו איז? אָריגינאַלעכלעך... יאָ! — פאַראַן. אָבער הארץ — פעלט...

אָט די געדאַנקען אַפן קאָל רופן אַרויס בא אַלעמען, אויסער סיטאַנאָוון, כויזעקשמייכלעך, קימאַט שטענדיק שעפּטשעט עמעצער מיט שאָדן־פרייד:

— שאַבעס וועט ער זיך שוין אָנטרינקען...

דער לאַנגער, אָדערדיקער סיטאַנאָוו, אַ יונג פון צוויי און צוואַנציק יאָר, מיט אַ קייַלעכיקן פּאָנעם אָן וואָנצעס און ברעמען, קוקט טרויעריק און ערנסט אין ווינקל אַרייַן.

איך געדענק, אַז זשיכאַריאָוו האָט פאַרענדיקט אַ קאָפּיע פון דער פיאָדאָראָווער גאָטס־מוטער, דאַכט זיך, קיין קונגור, האָט ער אַוועקגעלייגט די איקאָנע אַפן טיש און געזאָגט הויך, צערודערט:

— פאַרטיק, מוטערל — ווי אַ בעכער ביסטו — אַ בעכער אָן אַ דנאָ, אין וועלכן ס'וועלן איצט נעמען פליסן די ביטערע, האַרציקע טרערן פון דער וועלט דער מענטשלעכער...

און, אָנגעוואָרפן אַפּ די פּלייצעס עמעצנס אַ מאַנטל, איז ער אַוועק — אין שענק. יונגוואַרג האָט זיך צעלאַכט, זיך צעפייַפט, מענטשן עלטערע האָבן אים נאָכגעזיפצט מיט קינע, און סיטאַנאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַפּ איר און דערקלערט:

— געוויס וועט ער זיך אָנטרינקען, ווייַל ס'איז אַ ווייטעק אָפּצוגעבן אַן אַרבעט. אָט דער ווייטעק איז ניט אַלעמען צוגענגלעך...

זשיכאַריאָווס שיקערטרינקען פלעג זיך אָנהייבן שטענדיק אום שאַבעס. דאָס איז, אייגנטלעך, ניט געווען די געוויינלעכע שלאַפקייַט פון אַ באַלמעלאָכע אַן אַלקאָהאָליקער. אָנהייבן פלעג עס זיך אַזוי: אינדערפרי פלעג ער שרייַבן אַ צעטעלע און אַוועקשיקן דערמיט פּאַוולען ערגעץ, און פאַר מיטיק פלעג ער זאָגן לאַריאָביטשן.

— הייַנט גיי איך אין באָד!

— אַפּ לאַנג?

— נו, גרויסער גאָט...

— איז בעט איך, ניט שפּעטער, ווי ביז דינסטיק!

זשיכאַריאָוו ווינקט צושטימענדיק מיטן הוילן שאַרבן, די ברעמען ציטערן בא אים.

אומגעקערט זיך פון דער באָד, פלעג ער זיך אָנטאָן ווי אַ פראַנט — אַ מאַנישקע,

א טיכל אפּן האלדז, פֿלעג אַרויסלאָזן איבערן אַטלעסנעם זשילעט א לאַנגע זיל־בערנע קייט און פֿלעג שווײַגנדיק אוועקפּאָרן, אָנזאָגנדיק מיר און פּאַוולען:

— צו אָוונט ראָמט צו דעם ווערקשטאט וואָס ריינער. דעם גרויסן טיש — אויס־וואשן, אויסשאָבן!

בא אַלעמען ווײַזט זיך א יאָנטעוודיקע שטימונג, אַלע ציִען זיך אונטער, פּוצן זיך, לויפֿן אין באָד, עסן אָפּ אפּגיכ אָוונטברויט. און נאָכן אָוונט־עסן ווײַזט זיך זשיכאַריאָוו מיט שקאַרמיצלעך צוביִיסעכץ, מיט ביר, ווײַן און נאָך אים — א פרוי, אַן איבערגעטריבן גרויסע אין אַלע מאָסן קימאַט ביז העסלעכקייט. א וווּקס האָט זי פאַרמאָגט מיט א ווערשקעס צוועלף איבער די צוויי אַרשינ. אַלע אונדזערע שטולן און טאַבורעטן פֿלעגן קריגן לעבן איר אַן אויסזען פֿון שפּילעכלעך, אפילו דער לאַנגער סיטאַנאָוו קומט אויס ווי א מינדעריעריקער באַזײַט מיט איר. זי איז גאַנץ שלאַנק, נאָר דער בוזעם אירער איז ווי א באַרג, אופגעטראָגן צום קין, די באַווע־גונגען זײַנען לאַנגזאַם, אומגעלומפּערט. איר איז העכער פּערציק, נאָר דאָס קײַלע־כיקע אומבאַוועגלעכע פּאָנעם אירס מיט די גרויסע אויגן פֿון א פערד איז פריש, גלאַט, דאָס קליינע מויל ווײַזט אויס, ווי אָנגעמאָלט, ווי בא א וואָלוועלער ליאַלקע. די פרוי פֿלעג שמייכלען, שטופּן אַלעמען איר ברייטע ווארעמע דלאָניע און ריידן אומנייטיקע ווערטער.

— גוטן אָוונט. הײַנט איז א פראָסט. ווי געדיכט סע שמעקט בא אײַך. דאָס שמעקט מיט פאַרב. גוטן אָוונט.

קוקן אף איר, ווי זי איז רויִק און שטאַרק, געגליכן צו א גרויסן פֿולוואַסערדיקן טײַך, איז אַנגענעם, נאָר אין די רייד אירע איז געווען עפּעס אײַנשלעפֿערנדיקס, אַלע זײַנען זיי געווען איבעריק און פֿלעגן מאַכן מיד. איידער זי פֿלעג זאָגן א וואָרט, פֿלעג זי זיך אָנבלאָזן, נאָך מער אויסקײַלעכנדיק די טונקל־רויטע באַקן.

יונגוואַרג שעפּטשעט צושמייכלענדיק:

— אָט א מאַשינע!

— א גלאָק־טורעם!

צונויפֿגעלייגט די ליפּן אין א שלייפֿל און די הענט אונטער די בריסטן, זעצט זי זיך צום געדעקטן טיש, צום סאַמאָוואַר און קוקט אף אַלעמען נאָך דער ריי מיטן גוטן בליק פֿון אירע פערדישע אויגן.

אַלע באַציִען זיך צו איר מיט אַכטונג, יונגוואַרג האָבן אפילו א האָרעלע מוירע פֿאַר איר. קוקט א יונג אף אָט דעם גרויסן קערפּער מיט זשעדנע אויגן, נאָר ווען זײַן בליק באַגעגנט זיך מיט איר ענג־אַרומנעמענדיקן בליק, לאָזט דער יונג אַראָפּ אין פאַרלעגנהײַט זײַנע אויגן. זשיכאַריאָוו האַלט זיך אויך דערעכערעצדיק מיט זײַן גאַסט, אירצט זי, רופֿט זי מומע, עפּעס אונטערטראָגנדיק, פאַרנייגט ער זיך ני־דעריק.

— באַומרויִקט זיך ניט, — רעדט זי זיס. — איר זײַט אזא אומרויִקער, כ'לעבן!

אַליין לעבט זי ניט געכאַפּט, די הענט אירע באַוועגן זיך נאָר פֿון די עלנבויגנס ביז די פינגער, און די עלנבויגנס זײַנען שטײַף צוגעקוועטשט צו די זײַטן, פֿון איר גייט א ספּירט־רייעך פֿון הייסן ברויט.

דער אַלטער גאַגאָליעוו לויבט די שיינקייט פֿון אָט דער פרוי, ווי א דיאַטשאָק

לייענט אקאפיסט, פארהיקעט זיכ פאר היספײַלעס. זי הערט מיט ווילגענויגטנ שמייכל, אונ ווענ ער פארפלאָנטערט זיכ אינ די ווערטער, זאָגט זי וועגנ זיכ:

— אונ מיידלווײַז זײַנענ מיר דאפקע געווענ ניט קיינ שיינע, — דאָס אלצ איז שויג אונדז פונ ווײַבערשנ לעבנ צוגעקומענ. צו דרײַסיק יאָר זײַנענ מיר געוואָרנ אזוי מערקווירדיק, אז אפילע פריצימ האָבנ זיכ אינטערעסירט, איינער אנ אויעזדנער אדלפירער האָט א דראָזשקע מיט א פאָר פערד צוגעזאָגט...

קאפענדיוכינ, א שרעקלעכער, א צעפאטלטער, קוקט אפ איר מיט א פײַנטלעכנ בליק אונ פרעגט גראָב:

— פארוואָס־זשע האָט ער עס צוגעזאָגט?

— פאר אונדזער ליבע, פארשטייט זיכ, — דערקלערט דער גאסט.

— ליבע, — וואָרטשעט קאפענדיוכינ צעמישט, — וואָס קאָנ שוינ דאָרטנ זײַנ פאר א ליבע?

— איר, אזא שיינער יונג, ווייסט זייער וויל וועגנ ליבע, — זאָגט די פרוי פראָסט.

דער ווערקשטאט טרייסלט זיכ פאר געלעכטער, אונ סיטאנאָוו וואָרטשעט צו קאפענדיוכינענ:

— א בעהיימע, אויב ניט ערגער! אזא־אָ קענ מענ ליב האָבנ נאָר פונ גרויס אומעט, ווי אלעמענ איז באקאנט...

ער ווערט בלייכ פונעמ ווײַנ, אפ די שלייפנ טרעט אימ ארויס א פערלדיקער שווייס, די קלוגע אויגנ ברענענ אומרויִק. אונ דער אלטער גאָגאָליעוו וישט טרערנ פונ די אויגנ, צושאָקלענדיק מיט דער העסלעכער נאָז, אונ פרעגט:

— קינדער האָסטו וויפל געהאט?

— קינדער האָבנ מיר געהאט איינס...

איבערנ טיש הענגט א לאָמפ, הינטערנ אויוונ־ראנד — א צווייטער, זיי גיבנ ווייניק שײַנ, אינ די ווינקלענ פונעמ ווערקשטאט זײַנענ זיכ צונויפגעגאנגענ געדיכטע שאָטנס, פונ דאָרטנ קוקנ ניט דערמאָלטע, געקעפטע פיגורנ. אינ די פלאטשיקע גרויע פלעקנ אפנ אָרט פונ די הענט אונ די קעפ שטעלט זיכ פאָר עפעס אומהיימלעכס; מער ווי אלעמאָל ווײַזט אויס, אז די קערפערס פונ די הייליקע זײַנענ סוידעסדיק פארשוווּנדנ פונ די געפארבטע קליידער, פונ אָט דעמ קעלער. די גלעזערנע קײַלעכער זײַנענ אופגעהויבנ צו דער סטעליע, הענגענ דאָרטנ אפ האָקנס, אינ א וואָלקנ רויכ, אונ בלינצלענ בלוילעכ.

זשיכאריאָוו דרייט זיכ אומרויִק ארומ טיש אונ איז מעכאבעד אלעמענ. זײַנ פליכעוואטער שארבנ בייגט זיכ אמאָל צו דעמ, אמאָל צו יענעמ, די דינע פינגער שפילנ נאָכאנאנד. ער איז אויסגעמאָגערט געוואָרנ, זײַנ רויבערישע נאָז איז געוואָרנ שארפער. ווענ ער שטייט מיט א זײַט צומ פײַער, לייגט זיכ אפ זײַנ באק א שווארצער שאָטנ פונ דער נאָז.

— טרינקט, עסט, פרײַנט, — רעדט ער מיט א קלינגענדיקנ טענאָר.

אונ די פרוי זינגט באלעבאטיש:

— וואָס, ליבער שאָכנ, באומרויִקט איר זיכ? איטלעכער האָט זיכ זײַנ האנט, זײַנ אפעטיט. מער, ווי סע גלוסט זיכ, קאָנ קיינער ניט עסנ!

— רוט זיך אָפּ, כּעוורע! — שרײַט זשיכאַריאָוו אופגערעגט. — פרײַנט מײַנע, אַלע זײַנען מיר גאָטס קנעכט, לאָמיר אויסזינגען „לויבט דעם נאָמען".

דער געזאַנג גייט זיך ניט אײַן. אַלע זײַנען שוין צעווירן, פאַרשיקערט פון עסן און בראָנפן. אין די הענט בײַ קאָפּענדיוכינען איז אַ צווייריײַקע האַרמאָניקע. דער יונגער וויקטאָר סאַלאָוטין, אַ שוואַרצער און אַן ערנסטער, ווי אַ ראָב, האָט גענומען אַ פּײַקל, פירט איבערן שטײַפן לעדער מיטן פינגער, דער לעדער הודעט טויב, די גלעקלעך גראַגערן אונטער צעלאַכעסדיק.

— אַ ר־וסישע — קאָמאַנדעוועט זשיכאַריאָוו. — שכיינע, איך בעט!

— אַך, — זיפצט די פרוי, אופשטייענדיק, — ווי איר באומרויִקט זיך!

זי גייט אַרויס אַפּ אַ פרײַ אָרט און שטייט אַפּ דעם פּעסט, ווי אַ קלויסטער. זי טראָגט אַ ברייט ברוין קליידל, אַ געלע באַטיסטענע קאָפּטע און אַ העל־רויט טיכל אַפּן קאָפּ.

האָפּערדיק ייִלעט די האַרמאָניקע, סע קלינגען אירע גלעקלעך, דאָס פּײַקל קלאַפּט צו, דער לעדער פונעם פּײַקל גייט אַרויס אַ שווערן קלאַנג, אַ טויבזיפצנדיקן. דאָס איז ניט אַנגענעם צו הערן: גלײַך ווי אַ מענטש וואָלט פון זינען אַראָפּ, און אָכצנדיק, יאָמערנדיק, שלאָגט ער זיך מיטן שטערן אין וואַנט.

זשיכאַריאָוו קען ניט טאַנצן, ער שאַרט פּאַשעט מיט די פיס, צוטופּענדיק מיט די אָפּצאַסן פון די גלאַנציק־אָפּגעפּוצטע שטיוול, שפּרינגט, ווי אַ צאַפּ, און אַלץ ניט צום טאַקט דער צענעמענדיקער מוזיק. די פיס זײַנען בײַ אים ווי פרעמדע, דער קערפּער דרייט זיך ניט שיין, שלאָגט זיך, ווי אַ בין אין שפּינוועבס, אָדער אַ פיש אין אַ נעץ, — דאָס איז ניט פריילעך. נאָר אַלע, אפילו די שיקערע, קוקן צו זײַנע קראַמפּן אופמערקזאַם, אַלע קוקן נאָך שווײַגנדיק נאָך זײַן פּאָנעם און זײַנע הענט. זשיכאַריאָווס פּאָנעם שפּילט ווונדערלעך, ווערט אַמאָל מילד און פאַרשעמט, אַמאָל פּלוצעם שטאָלץ און כמורעט זיך שטרענג. אָט איז ער פון עפּעס פאַרכידעשט געוואָרן, האָט אַן אָכע געטאָן, פאַרמאַכט אַפּ אַ רעגע די אויגן, און אַז ער האָט זיי געעפנט — האָט ער אויסגעזען טרויעריק. צונויפגעדריקט די פויסטן, גאַנוועט ער זיך צו צו דער פרוי — און פּלוצעם טוט ער אַ טופּע מיט אַ פוס און פאַלט אַפּ די קני פאַר איר, ברייט צעוואָרפן די הענט, אופגעהויבן די ברעמען, האַרציק שמייכלענדיק. זי קוקט אַפּ אים פונויבן אַראָפּ מיט אַ ווילגענויגטן שמייכל און וואָרנט אים רויִק:

— איר וועט זיך פאַרמאַטערן, שאָכן ליבער!

זי פּרוּווט פאַר אַנטציקונג צומאַכן די אויגן, נאָר אָט די אויגן מיטן פאַרנעם פון אַ דרײַקאָפּיקענער מאַטבייע פאַרמאַכן זיך ניט, און איר פּאָנעם באַקומט, פאַרקנייטשנדיק זיך, אַ ניט־אַנגענעמענעם אויסדרוק.

זי קאָן אויך ניט טאַנצן, הוידעט נאָר לאַנגזאַם איר גרויסן קערפּער און רוקט אים איבער אָן רויש פון איין אָרט אַפּן אַנדערן. אין דער לינקער האַנט בײַ איר איז אַ טיכל, זי פּאָכעט מיט דעם פויל, די רעכטע האַנט איז איר אײַנגעשפּאַרט אין דער זײַט, דאָס מאַכט זי ענלעך אַפּ אַ ריזיקן קרוג.

און זשיכאַריאָוו גייט אַרום אָט דער שטיינערנער ווײַבספּאַרשוין, ווידערשפּרעכיק ענדערנדיק דאָס פּאָנעם, — סע דאַכט זיך, אַז סע טאַנצט ניט איינער, נאָר צען

מענטשן, אלץ פארשיידענע: איינער א שטילער, אַן אונטערטעניקער, דער צווייטער — א צעקאסטער, א דראָענדיקער, דער דריטער האָט אליין פאר עפּעס מוירע און, שטיל אָכצנדיק, וויל ער אומבאמערקט אוועקגיין פון אָט דער גרויסער ניט־אנגענעמענער פרוי. אָט האָט זיך באוויזן נאָך איינער — האָט אויסגעשטשירעט די ציין און בייגט זיך קראַמפּיק, ווי א פארוווּנדעטער הונט. אָט דער לאַנגווײַליקער, ניט שיינער טאנץ רופט בא מיר ארויס א שווערן אומעט־געפיל, וועקט ניט קיין גוטע זיכרוינעס וועגן די סאָלדאטן, וועשנס און קעכנס, וועגן הינטישע כאסענעס.

אין זיקאָרן שטעקן סידאָראָווס שטילע ווערטער:

— אין דעם דאָזיקן איניעט לײַגן אלע, אזא איניעט איז עס שוין — איטלעכן איז א כארפּע, קיינער האָט קיינעם ניט ליב, נאָר הוילע העפקיירעס...

מיר ווילט זיך ניט גלייבן, אז „אלע לײַגן אין דעם איניען״ — ווי־זשע, אויב אזוי איז די קעניגן מארגאָ? אויך זשיכאריאָוו לײַגט ניט, פארשטייט זיך. איך ווייס, אז סיטאנאָוו האָט ליב געקריגן א „לעב״־מויד, און זי האָט אים אָנגעשטעקט מיט א מיעסער קרענק, נאָר ער שלאָגט זי ניט דערפאר, ווי די כאווײרים אייצען עס אים, נאָר ער האָט איר געדונגען א צימער, היילט די מויד און רעדט וועגן איר שטענדיק באזונדערס מילד, שעמעוודיק.

די גרויסע פרוי הוידעט זיך אלץ, שמייכלט טויט, פאָכעט מיטן טיכעלע, זשיכאריאָוו שפּרינגט קראַמפּיק ארום איר. איך קוק און טראכט: ניט שוין־זשע איז כאווע, וואָס האָט אָפּגענארט גאָט, געווען ענלעך אַפ אָט דער שקאַפע? סע וואַקסט אין מיר אַן א געפיל פון סינע צו איר.

איקאָנעס אָן געזיכטער קוקן פון די טונקעלע ווענט, צו די פענצטער־שויבן האָט זיך צוגעדריקט א פינצטערע נאכט. די לאָמפּן ברענען שוואך אין דער שטיקעניש פונעם ווערקשטאט, הערסט זיך צו, און — צווישן דער שווערער טופּערײַ, איינעם געדויש פון די קוילעס, טיילט זיך אויס אַן אײַליק פאלן פון וואסער־טראָפּנס פונעם קופּערנעם האנטפאס אין דעם צעבער מיט די פּאָמעניעס ארײַן.

ווי ניט ענלעך אָט דאָס אלץ איז אַפּן לעבן, וואָס איך האָב וועגן דעם געלייענט אין די ביכער! שוידערלעך ניט ענלעך. אָט איז סאָפקאָלסאָפּ שוין אלעמען געוואָרן לאַנגווײַליק. קאַפּענדיוכין שטופּט די הארמאָניקע סאלאוטינען אין די הענט און שרײַט:

— ארבעט! א רויך זאָל גיין!

ער טאנצט, ווי וואנקע ציגײַנער — ווי ער זאָל פליען אינדערלופטן. דערנאָך טאנצן פלינק און טשאקנדיק פּאווּעל אָדינצאָוו, סאָראָקין; דער טובערקוליאָזער דאווידאָוו רוקט אויך איבערן פּאָל מיט די פיס און הוסט פון שטויב, רויך, שטארקן רייעך פון בראָנפן און געווײכערטע ווורשט, וואָס שמעקט שטענדיק מיט געגארבטן לעדער.

מע טאנצט, מע זינגט, מע שרײַט, נאָר יעדער איינער געדענקט, אז ער פרייט זיך, און אלע איז, ווי זיי וואָלטן אַן עקזאמען אָפּגעבן איינער דעם אנדערן — אַן עקזאמען אַפ פלינקשאפט און אומדערמידלעכקײַט.

דער באזויפענער סיטאנאָוו פרעגט אמאָל דעם, אמאָל יענעם.

— ניט שוין־זשע קען מען ליב האָבן אזא פרוי?

עס דוכט זיך, אז אָט באַלד צעוויינט ער זיך.

לאַריָאָניטש הייבט אוף די שאַרפע ביינער פון די פּלייצעס און ענטפערט אים:

— א פרוי, ווי א פרוי — וואָס דאַרפסטו נאָך?

די, וועגן וועמען מע רעדט עס, זײַנען אומבאַמערקט ניט געוואָרן. זשיכאַריאָוו וועט זיך ווײַזן אין ווערקשטאַט אין צוויי־דרײַ טעג אַרום, וועט זיך דורכגיין אין באָד, און א וואָכן צוויי וועט ער שוין אַרבעטן אין זײַן ווינקל א שווײַגנדיקער, א וויכטיקער, צו אַלעמען פרעמד.

— זײַנען אוועק? — פרעגט סיטאַנאָוו זיך אַליין, באַטראַכטנדיק דעם ווערקשטאַט מיט טרויעריקע בלוילעך־גרויע אויגן. דאָס פּאָנעם זײַנס איז ניט קיין שיינס, אַזויווי זקייניש, נאָר די אויגן — קלאָרע און גוטע.

סיטאַנאָוו באַציט זיך צו מיר פרײַנטלעך — איך האָב דערפאַר צו דאַנקען מײַן דיקער העפט, וווּ סע זײַנען פאַרשריבן געדיכטן. ער גלייבט ניט אין גאָט און ס'איז זייער שווער צו פאַרשטיין, ווער אין ווערקשטאַט, אויסער לאַריָאָניטשן, האָט ליב גאָט און גלייבט אין אים: אַלעריידן וועגן אים לײַכטזיניק, אָפּשפּעטעריש, פּונקט אַזוי, ווי מע האָט ליב צו ריידן וועגן א באַלעבאָסטע. פונדעסטוועגן, איז ווען מע זעצט זיך מיטיקן און אָוונטברויט עסן, צייילעמען זיך אַלע, לייגנדיק זיך שלאָפן, טוט מען טפילע, אין א יאָנטעוו גייט מען אין קלויסטער.

סיטאַנאָוו טוט עס ניט, רעכנט מען אים פאַר א גאָטלייקענער.

— קיין גאָט איז ניטאָ, — זאָגט ער.

— פונוואַנען־זשע נעמט זיך אַלץ?

— כ'ווייס ניט...

אז איך האָב אים געפרעגט: וואָס הייסט קיין גאָט איז ניטאָ? האָט ער דערקלערט:

— פאַרשטייסט: גאָט — ס'איז די הייך!

און ער האָט אופגעהויבן א לאַנגע האַנט איבער זײַן קאָפּ, דערנאָך האָט ער זי אַראָפּגעלאָזט ביז אַן אַרשין פונעם פּאָל און געזאָגט:

— דער מענטש — ס'איז די נידעריקײַט! ריכטיק? און געשריבן שטייט: „דער מענטש איז באַשאַפן לויט גאָטס געשטאַלט און ענלעכקײַט", ווי דיר איז באַוווּסט! און אף וועמען איז ענלעך גאָגאָליעוו?

דאָס וואַלגערט מיך אום. דער קויטיקער און שיקערער אַלטער גאָגאָליעוו זינדיקט, אומגעאַכט אף זײַנע יאָר, מיט דער זינד פון אָנאַנען. איך דערמאָן זיך דאָס וויאַטקער סאָלדאַטל, יערמאָכינען, דער באַבעס שוועסטער — וואָס איז אין זיי דאָ פון גאָט־ענלעכן?

— מענטשן זײַנען כאַזיירים, ווי ס'איז באַוווּסט, — זאָגט סיטאַנאָוו, און באַלד הייבט ער מיך אָן צו טרייסטן:

— ס'גאָרניט, מאַקסימיטש, פאַראַן ווילע אויך, פאַראַן!

מיט אים איז געווען גרינג, פּראָסט. אז ער האָט עפּעס ניט געוווּסט, האָט ער אָפן געזאָגט:

— איך ווייס ניט, כ'האָב ניט געטראַכט וועגן דעם!

דאָס איז אויך אומגעוויינלעך: ביז דער באַגעגעניש מיט אים האָב איך געזען נאָר מענטשן, וואָס האָבן אַלץ געוווסט, וועגן אַלץ געדעדט.

מיר איז געווען פריקרע צו זען אין זײַן העפטל אײַנײנעם מיט גוטע געדיכטן, וואָס האָבן גענומען באַם האַרצן, אַ מענגע שמוציקע זאַכן, וואָס ס'איז געווען אַ כאַרפע צו לייענען. אַז איך האָב אים געזאָגט וועגן פּושקינען, האָט ער אָנגעוויזן אַף דער „גאַווריליאַדע", וואָס איז געווען איבערגעשריבן בײַ אים אין העפט...

— פּושקין — וואָס איז ער? פּראָסט אַ קאַטאָוועס־טרײַבער. אָט בענעדיקטאָוו, אָט דאָס, מאַקסימיטש, איז עפּעס ווערט!

און, פאַרמאַכנדיק די אויגן, לייענט ער שטילערהייט:

— קוק, אָט איז פון אַ פרוי אַ שיינער
די צויבערלעכע ברוסט...

און צוליב עפּעס פלעג ער באַזונדערס אויסטייַלן דרײַ שורעס, לייענענדיק זיי מיט שטאָלצער פרייד:

ס'איז אויך דעם אָדלערס אויג אָנמעכטיק
דורך אָט די גליִענדיקע צוימען
אַדורך — און אין דעם האַרץ אַ בליק טאָן...

— פאַרשטייסט?

מיר איז געווען זייער ניט אָנגענעם זיך מודיע זײַן, אַז איך פאַרשטיי ניט, וואָס רופט דאָ בײַ אים אַזוי אַ פרייד.

XIV

מײַנע פליכטן אין ווערקשטאַט זײַנען געווען ניט קאָמפּליצירט: אינדערפרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך, האָב איך געדאַרפט צוגרייטן פאַר די מײַסטערס דעם סאַמאָוואַר, און אין דער צײַט, ווען זיי האָבן געטרונקען טיי אַף דער קיך, פלעגן מיר מיט פּאַוולען אויפראַמען דעם ווערקשטאַט, פלעגן אָפּטיילן פאַר די פאַרבן די ווײַסלעך פון די געלעכלעך, דערנאָך פלעג איך אַוועק אין קלייט אַרײַן. אינאָווענט פלעג מען מיך צווינגען רײַבן די פאַרבן און זיך צוקוקן צו דער מלאָכע. אין אָנהייב האָב איך זיך „צוגעקוקט" מיט גרויסן אינטערעס, נאָר אינגיכן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז קימאַט אַלע, וואָס זײַנען פאַרנומען מיט אָט דער אַף שטיקלעך צעדרויבלטער מײַסטערשאַפט, האָבן זי ניט ליב און מאַטערן זיך פון ביטערן לאַנגווײַל.

די אָוונטן מײַנע זײַנען געווען פרײַ. איך פלעג דערציילן פאַר די מענטשן וועגן דעם לעבן אַפן דאַמפער, פלעג דערציילן פאַרשיידענע געשיכטעס פון ביכער, און אומבאַמערקט פאַר זיך האָב איך פאַרנומען אין ווערקשטאַט אַ מין ספּעציעל אָרט פון אַ דערציילער און פאָרלייענער.

איך האָב גיך פאַרשטאַנען, אַז אָט די אַלטע מענטשן האָבן געזען און ווייסן ווייניקער פאַר מיר. קימאַט יעדער איינער פון זיי איז פון די קינדער־יאָרן אָן געווען

פאַרזעצט אין דער ענגער שטייג פון דער מײַסטערשאַפט, און זינט דעמלט זיצט ער אין איר. פונעם גאַנצן ווערקשטאַט איז נאָר איינס זשיכאַריאָוו געווען אין מאָסקווע, וועגן וועלכער ער האָט גערעדט טיף ערנסט און כמורנע:

— מאָסקווע וועסטו מיט טרערן ניט נעמען, דאָרטן מוז מען קוקן מיט ביידע אויגן!

אַלע איבעריקע זײַנען געווען נאָר אין שויע, אין וולאַדימיר. טאָמער האָט מען גערעדט וועגן קאַזאַן, האָט מען געפרעגט בײַ מיר:

— און רוסישע איז דאָרטן דאָ אַסאַך? און קלויסטערס זײַנען פאַראַן?

פּערם איז פאַר זיי געווען אין סיביר, זיי האָבן ניט געגלייבט, אַז סיביר איז הינטערן אוראַל.

— דעם אוראַלער סודאַק און שטערפיש ברענגט מען צו פירן פון דאָרטן, פון נעם קאַספּישן יאַם? הייסט עס, אוראַל איז אפן יאַם!

אַמאָל פלעג מיר דוכטן, אַז זיי לאַכן פון מיר, באַהויפּטנדיק, אַז ענגלאַנד איז אויף יענער זײַט יאַם־אָקעאַן, און באָנאַפּאַרט איז אַ געבוירענער פון די קאַלוגער אדל־לײַט. אַז איך פלעג זיי דערציילן וועגן דעם, וואָס איך האָב אַליין געזען, האָבן זיי מיר שוואַך געגלייבט, נאָר אַלע האָבן זיי ליב געהאַט שרעקלעכע באָבעמײַסעס, פאַרפּלאָנטערטע געשיכטעס, — אַפילו באַיאָרטע מענטשן האָבן גע־הערט גערנער אַן אויסטראַכטעניש, איידער אַן עמעס. איך האָב וויל געזען, אַז וואָס מער אומגלויבלעך ס'זײַנען די געשעענישן, וואָס מער אין דער געשיכטע איז דאָ פאַנטאַזיע, אַלץ אויפמערקזאַמער הערן מיך די מענטשן. אין אַלגעמיין די ווירק־לעכקײַט האָט זיי ניט אינטערעסירט, און אַלע האָבן זיי טרוימעריש פאַרקוקט אין דער צוקונפט אַרײַן, ניט וועלנדיק זען די אָרעמקײַט און העסלעכקײַט פון דער קעגנוואַרט.

דאָס האָט מיך נאָך מער געוווּנדערט דערפאַר, וואָס איך האָב שוין גאַנץ שאַרף געפילט די ווידערשפּרוכן צווישן לעבן און בוך. אָט זײַנען פאַר מיר לעבעדיקע מענטשן, און אין די ביכער איז ניטאָ אַזוינע: ניטאָ סמורי, דער הייצער יאַקאָוו, דער לויפער אַלעקסאַנדער וואַסיליעוו, זשיכאַריאָוו, די וועשן נאַטאַליאַ...

אין דאַווידאָווס קעסטל האָבן זיך אָפּגעזוכט צעשויבערטע דערציילונגען פון גאָליצינסקין, בולגאַרינס „איוואַן וויזשיגין", אַ בענדל פון באַראָן בראַמבעוס; איך האָב דאָס אַלץ איבערגעלייענט אינדערהויך, אַלעמען איז געפעלן געוואָרן, לאַריאָ־ניטש האָט געזאָגט:

— די לעזונגען ווישן אָפּ קריגערײַען און טומל, — דאָס איז גוט!

איך האָב זיך אַ נעם געטאָן מיט פלײַס זוכן ביכער, פלעג זיי קריגן און האָב קימאַט אַלע אָוונט פאָרגעלייענט. דאָס זײַנען געווען ווילע אָוונטן. אין ווערק־שטאַט איז שטיל, ווי באַנאַכט. איבער די טישן הענגען די גלעזערנע קײַלעכער — ווײַסע, קאַלטע שטערן, זייערע שטראַלן באַלויכטן פּאַטלאַטע און פליכעוואַטע קעפּ, פאַרנייגטע צו די טישן; איך זע רויקע פאַרקלערטע פּנימער, אַמאָל הערט זיך אַן אויסרוף פון לויב דעם אויטאָר פונעם בוך אָדער דעם העלד. די מענטשן זײַנען אויפמערקזאַם און ווייך, ניט ענלעך אויף זיך. איך האָב זיי זייער ליב אין די שאָען, און זיי באַציִען זיך צו מיר אויך גוט. איך האָב זיך געפילט אויפן אָרט.

— מיט די ביכער איז בא אונדז געווען, ווי פרילינג, ווען מ׳עשטעלט אַרויס די ווינטערדיקע ראַמען און מע עפנט צום ערשטן מאָל די פענצטער אפן דער פריי, — האָט איינמאָל געזאָגט סיטאַנאָוו.

ס׳איז שווער געווען צו קריגן ביכער, פאַרשרײַבן זיך אין אַ ביבליאָטעק איז קיינעם נישט אײַנגעפאַלן. נאָר איך האָב זיך פונדעסטוועגן געקליגט און געקריגן ביכער, אויסבעטנדיק זיי אומעטום, ווי אַ נעדאָווע. איינמאָל האָט דער בראַנדמייסטער פון די פײַערלעשער מיר געגעבן אַ באַנד לערמאָנטאָוו. און אָט האָב איך דערפילט די קראַפט פון פּאָעזיע, איר מעכטיקע ווירקונג אַף מענטשן.

איך געדענק, שוין בא די ערשטע שורעס פון „דעמאָן״ האָט סיטאַנאָוו געכאַפּט אַ קוק אין בוך, דערנאָך מיר אין פּאָנעם, האָט אַוועקגעלייגט דעם פענדזל אַפן טיש און, פאַרשטופּנדיק די לאַנגע הענט צווישן די קני, האָט ער זיך צעשאָקלט שמייכלענדיק. דער שטול האָט זיך אונטער אים צעסקריפּעט.

— שטילער, ברידערלעך, — האָט לאַריאָניטש געזאָגט, איך געוואָרפן די אַרבעט און איז צוגעגאַנגען צו סיטאַנאָווס טיש, בא וועלכן איך האָב געלייענט. די פּאָעמע האָט מיך געגעבן פיינלעך און זיס, דאָס קאָל האָט זיך מיר געריסן, איך האָב שלעכט געזען די שורעס פון די פּערזן, טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן. אָבער נאָך מער האָט גערירט די טויבע פּאַרזיכטיקע באַוועגונג אינעם ווערקשטאַט, ער האָט זיך אינגאַנצן שווער געקערעוועט, און די מענטשן האָט עס געצויגן צו מיר, ווי מיט אַ מאַגניט. אז איך האָב פאַרענדיקט דעם ערשטן טייל, זײַנען קימאַט אַלע געשטאַנען אַרום טיש, ענג צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, אַרומגענומען, כמורענדיק זיך און שמייכלענדיק.

— לייען, לייען, — האָט געזאָגט זשיכאַריאָוו, אָנבייגנדיק מײַן קאָפּ איבערן בוך.

איך האָב פאַרענדיקט לייענען, ער האָט גענומען דעם בוך, אַ קוק געטאָן זײַן טיטל און, פאַרוקנדיק אים זיך אונטער דער פּאַכווע, האָט ער געמאָלדן:

— דאָס דאַרף מען נאָכאַמאָל איבערלייענען! וועסט עס מאָרגן איבערלייענען נאָכאַמאָל. דעם בוך באַהאַלט איך.

ער איז אָפּ, האָט פאַרשלאָסן לערמאָנטאָוון אין זײַן טישקעסטל און זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין ווערקשטאַט איז געווען שטיל, די מענטשן זײַנען זיך פאָרזיכטיק צעגאַנגען צו זייערע טישן. סיטאַנאָוו איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט זיך צוגעטוליעט מיטן שטערן צום שויב און איז פאַרגליווערט געבליבן, און זשיכאַריאָוו האָט, ווידער אַוועקלייגנדיק דעם פענדזל, געזאָגט מיט אַ שטרענגער שטים:

— אָט דאָס איז אַ לעבנס־באַשרײַבונג, קנעכט גאָטישע... יאָ!

ער האָט אונטערגעהויבן די אַקסלען, באַהאַלטן דעם קאָפּ און פאָרגעזעצט:

— דעם דעמאָן קאָן איך אָפּילע אָנמאָלן: דאָס לײַב שוואַרץ און האָריק, די פליגלען פײַערדיק־רויט — מיט סוריק, און דאָס פּנים, די הענטלעך, די פיסלעך — ביז בלוי ווײַס, אַשטייגער, ווי שניי אין אַ לעוואָנעדיקער נאַכט.

ער האָט ביז צום סאַמע אָוונט־עסן אומרויִק, און, גאָר ביט ווי זײַן שטייגער, זיך געדרייט אַפן טאַבורעטל, געשפּילט מיט די פינגער און אומפאַרשטענדלעך גערעדט

וועגן דעמאָן, וועגן פרויען און כּאוועג, וועגן גאַניידן און וועגן דעם, ווי הייליקע האָבן געזינדיקט.

— דאָס איז דורכויס עמעס! — האָט ער באַשטעטיקט. — ווײַל אויב הייליקע זינדיקן מיט זינדיקע פרויען, קאָן, פאַרשטייט זיך, דעם דעמאָן געפעלן צו זינדיקן מיט א ריינער נעשאָמע...

מע האָט אים געהערט שווײַגנדיק. ווײַזט אויס, אז אַלעמען, פונקט ווי מיר, האָט זיך ניט געגלויבט ריידן. געאַרבעט האָט מען אָן כּיישעק, אָפט געכאַפּט א בליק אויפן זייגער, און אז ס'האָט געשלאָגן נײַן, האָט מען די אַרבעט געוואָרפן זייער איינמוטיק.

סיטאַנאָוו און זשיכאַריאָוו זײַנען אַרויס אויפן הויף, איך בין אוועק מיט זיי. דאָרטן האָט, קוקנדיק אויף די שטערן, סיטאַנאָוו געזאָגט:

— Кочующие караваны
В пространстве брошенных светил. [1]

— אַזוינס וועסטו ניט אויסטראַכטן!

— איך געדענק ניט קיין שום ווערטער, — האָט זשיכאַריאָוו באַמערקט, אויפציטערנדיק פאַר שאַרפער קעלט, — כ'געדענק ניט גאָרניט, נאָר אים זע איך! וווּנדערלעך — א מענטש האָט געצווונגען ראַכמאָנעס האָבן אויף א שעד! ס'איז דאָך א ראַכמאָנעס אויף אים, א?

— א ראַכמאָנעס, — האָט סיטאַנאָוו אײַנגעשטימט.

— אָט וואָס א מענטש הייסט! — האָט פאַרגעדענקלעך אויסגערופן זשיכאַריאָוו. אין פירהויז האָט ער מיך געוואָרנט.

— דו, מאַקסימיטש, זאָג ניט קיינעם אין קלייט וועגן אָט דעם בוך: ער איז, געוויס, א פאַרבאָטענער!

איך האָב זיך דערפרייט. איז אָט וועגן וואָס פאַרא ביכער ס'האָט זיך בא מיר נאָכגעפרעגט דער גאַלעך אויף דער ווידע!

אָוונטברויט האָט מען געגעסן פוילבלעך, אָן דעם געוויינלעכן רויש און גערייד, פונקט ווי מיט אַלעמען וואָלט געטראָפן עפּעס וויכטיקס, וואָס מע דאַרף זיך אין דעם שטאַרק אַרײַנטראַכטן, און נאָכן אָוונטברויט, אז אַלע האָבן זיך אײַנגעלייגט שלאָפן, האָט זשיכאַריאָוו געזאָגט צו מיר, אַרויסנעמענדיק דעם בוך:

— אנו, לייען עס איבער נאָכאַמאָל! זעלטענער, כאַפּ ניט...

עטלעכע מענטשן זײַנען שווײַגנדיק אופגעשטאַנען פון די געלעגערס, צוגעגאַנגען צום טיש און האָבן זיך באַזעצט אַרום טיש, אויסגעטאָנענע, אונטערגעצויגן די פיס.

און ווידער האָט זשיכאַריאָוו, ווען איך האָב געענדיקט לייענען, געזאָגט, קלאַפּנדיק מיט די פינגער איבערן טיש:

— אָט דאָס איז א לעבנס־באַשרײַבונג! אַך, דעמאָן, דעמאָן... אָט ווי, ברודער, א?

---

[1] וואַנדערנדיקע קאַראַוואַנען פון פּלאַנעטן, פאַרוואָרפענע אין רוים...

סיטאנאָוו האָט זיך א וואקל געטאָן איבער מײַן אקסל, האָט עפּעס איבערגעלייענט און זיך צעלאכט זאָגנדיק:

— כ׳וועל איבערשרײַבן צו זיך אין העפט אריין...

זשיכאריאָוו איז אופגעשטאנען און האָט אוועקגעטראָגן דעם בוך צו זײַן טיש, נאָר ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און פּלוצעם געגומען ריידן באליידיקט, מיט אן אופציטערנדיקער שטים:

— מיר לעבן, ווי בלינדע הינטלעך, וואָס־ווּהין — ווייסן מיר ניט, ניט גאָט, ניט דער דעמאָן דארפן אונדז ניט... וואָס זײַנען מיר פארא קנעכט גאָטס? אָט איז איעוו א קנעכט, און גאָט אליין האָט מיט אים גערעדט! מיט מוישען אויך! מוישען האָט ער אפילע א נאָמען געגעבן: מויסיי, ס׳הייסט[1] — גאָטס מענטש. און מיר וועמעס זײַנען?...

ער האָט פארמאכט דעם בוך און גענומען זיך אָנטאָן, דערבײַ א פרעג געטאָן סיטאנאָוון:

— גייסט אין טראקטיר?

— איך וועל גיין צו מײַנער, — האָט סיטאנאָוו שטיל געענטפערט.

ווען אלע זײַנען אוועק, האָב איך זיך געלייגט בא דער טיר אפן פּאָל, לעבן פּאווּעל אָדינצאָוון. ער האָט לאנג זיך געוואָרפן, געסאָפּעט, און פּלוצעם זיך שטיל צעוויינט.

— וואָס איז דיר?

— ס׳טוט מיר אזוי וויי פאר אלעמען, צום טויט, — האָט ער געזאָגט, — איך לעב דאָך מיט זיי, דאָס פערטע יאָר, איך קען זיי אלע...

מיר האָט אויך וויי געטאָן פאר די דאָזיקע מענטשן. מיר זײַנען לאנג ניט געשלאָפן, שטילערהייט געשמועסט וועגן זיי, געפינענדיק אין איטלעכן גוטע, ווילע שטריכן, און אין אלעמען עפּעס, וואָס האָט נאָך מער פארשטארקט אונדזער קינדערשן וויי פאר זיי.

איך האָב זייער פרײַנטלעך געלעבט מיט פּאווּעל אָדינצאָוון. שפּעטער האָט זיך פון אים אויסגעארבעט א גוטער מײַסטער, נאָר ער האָט זיך לאנג ניט געהאלטן, — צו דרײַסיק יאָר האָט ער אָנגעהויבן ווילד שיקערן, דערנאָך האָב איך אים באגעגנט אפן כיטראָווער מארק אין מאָסקווע אלס באָסיאק, און ניט לאנג האָב איך געהערט, אז ער איז געשטאָרבן פון טיפ. ס׳א שרעק צו דערמאנען זיך, וויפל טײַערע מענטשן ס׳זײַנען אומגעלומפּערט א טעל געוואָרן פאר מײַן לעבן! אלע מענטשן ניצעווען זיך אויס און קומען אום, דאָס איז נאטירלעך, נאָר אין ערגעץ ניצעווען זיי זיך ניט אויס אזוי שוידערלעך גיך, אזוי אומזיניק, ווי בא אונדז אין ראסיי...

דענסטמאָל איז ער געווען א קײַלעכיק־קעפּיק יינגל, אפּ א יאָר צוויי עלטער פאר מיר. א שמײַדיקער, א קלוגינקער און אן ערלעכער, איז ער געווען באגאבט, האָט גוט געמאָלט פויגלען, קעץ און הינט און האָט וווּנדערלעך פלינק געמאכט קאריקאטורן אפּ די מײַסטערס, שטענדיק אויסמאָלנדיק זיי אין געשטאלטן פון געפליגל: סיטאנאָוון — ווי א טרויעריקן וואסער־לויפער אפּ איין פוס, זשיכאריאָוון —

1 אױף רוסיש — Мой сей — אָט דער איז מײַנער.

ווי א האָנ מיט אנ אָפגעריסענעם קאמ, אָנ פעדערנ אפנ שייַטל, דעמ קראנקנ דאווידאָוונ — ווי א קיביץ א פארזוענעיש. נאָר אמבעסטנ פלעג זיכ אימ איינגעבנ דער אלטער שטעמפלער גאָגאָליעוו אינעמ אויסזענ פונ א פלעדערמויז מיט גרויסע אויערנ, מיט אנ איראָנישער נאָז אונ קלײנינקע פיסלעכ מיט זעקס נעגל אפ איטלעכס פונ זיי. פונעמ קיילעכיקנ טונקעלנ פאָנעמ האָבנ געקוקט ווייַסע רעדלעכ פונ אויגנ, די שווארצאפל זייַנענ געווענ ענלעכ אפ לינדזנ־קערנער אונ זייַנענ געשטאנענ קווער די אויגנ — דאָס האָט צוגעגעבנ דעמ פאָנעמ א לעבעדיקנ אונ זייער געמיינעמ אויסדרוק.

די מייַסטערס פלעגנ זיכ ניט באליידיקנ, אז פאוועל פלעג זיי ווייַזנ די קאריקאטורנ, נאָר די קאריקאטור אפ גאָגאָליעוונ האָט בא אלעמענ ארויסגערופנ א ניט־אנגענעמענ געפיל, אונ מע האָט דעמ קינסטלער שטרענג גערעאָטנ:

— גלייַכער צערייַס עס, — אז דער אלטער וועט דערזענ, וועט ער דיכ שעדיקנ!

א שמוציקער אונ א פוילער, אנ אייביק שיקערער, איז דער אלטער געווענ דערעסנדיק פרומ, שטענדיק בייז אונ האָט קעסיידער געמאסערט אפנ גאנצנ ווערקשטאט פארנ פריקאשטשיק, וועלכנ די באלעבאָסטע האָט זיכ געקליבנ כאסענע מאכנ פאר איר פלימעניצע, אונ ער האָט דעריבער זיכ שוינ געפילט ווי א באלעבאָס פונעמ גאנצנ הויז אונ פונ די מענטשנ. דער ווערקשטאט האָט אימ פייַנט געהאט, נאָר מוירע געהאט פאר אימ, אונ דעריבער מוירע געהאט אויכ פאר גאָגאָליעוונ.

פאוועל פלעג מיט גרויס היצ אונ אפ אלערליי אופאנימ דערגיינ דעמ שטעמפלער די יאָרנ, פונקט ער וואָלט זיכ געשטעלט פאר א ציל ניט לאָזנ גאָגאָליעוונ צורו אפ א מינוט, איכ האָב אימ אויכ דערינ אונטערגעהאָלפנ לויט מייַנע מעגלעכקייַטנ. דער ווערקשטאט פלעג זיכ פארווייַלנ מיט אונדזערע שפיצלעכ, וואָס זייַנענ קימאט שטענדיק געווענ אָנראכמאָנעסדיק גראָב, נאָר מע האָט אונדז געוואָרנט:

— איר וועט אריינכאפנ, יאטלעכ, קוזקא־זשוטשאָק וועט אייַכ ארויסשמייַסנ!

קוזקא־זשוטשאָק — ס'איז א צונעמעניש, וואָס דער ווערקשטאט האָט געגעבנ דעמ פריקאשטשיק. די וואָרענונגענ האָבנ אונדז ניט געשראָקנ, מיר פלעגנ דעמ איינגעשלאָפענעמ שטעמפלער אויספארבנ דאָס פאָנעמ. איינמאָל, ווענ ער איז געשלאָפנ א שיקערער, האָבנ מיר אימ באגילדעט די נאָז, ער האָט דריי מעסלעס ניט געקענט אויסראָטנ דאָס גאָלד פונ די גריבלעכ פונ דער שוואָמיקער נאָז. ניט מער, יעדער מאָל, ווענ אונדז פלעג געלינגענ אופרייצנ דעמ אלטנ, פלעג מיר קומענ אינ געדאנק דער דאמפער, דאָס קליינע וויאטקער סאָלדאטל, אונ אפ דער נעשאָמע פלעג מיר ווערנ קאלעמוטנע. אומגעאכט אפ זייַנ עלטער, איז גאָגאָליעוו פונדעסטוועגנ געווענ אזוי שטארק, אז ער פלעג אונדז אָפט דערלאנגענ קלעפ, אָנפאלנדיק אומגעריכט, פלעג אָנקלאפנ אונ דערנאָכ פארמאסערנ פאר דער באלעבאָסטע.

זי — אויכ א שיקערינקע אלע טאָג, אונ דעריבער שטענדיק א גוטע, א פריילעכע — האָט זיכ געפלייַסט אונדז אָנצושרעקנ, האָט געקלאפט מיט די פארשוואָלענע פינגער איבערנ טיש אונ געשריגנ:

— ווידעראמאָל, רוכעס איר אזוינע, קאָמאנדעוועט איר? ער איז אנ אלטינקער, אימ דארפ מענ אכטנ! ווער האָט עס אימ אינ קעלישעק אָנשטאָט ווייַנ — פאָטאָגענ ארייַנגעגאָסנ!

— דאָס האָבן מיר...

די באַלעבאָסטע פֿלעג זיך וווּנדערן:

— אַ, טאַטעלעך, זיי זײַנען זיך נאָך מוידע! אַ, פֿאַרשאָלטענע... פֿאַר אַלטע לײַט דאַרף מען דערעכערעצ האָבן!

זי פֿלעג אונדז אַרויסטרײַבן, און אײַנאָוונט פֿלעג זי זיך באַקלאָגן פֿאַרן פּרי־קאַשטשיק, און יענער פֿלעג צו מיר זאָגן בייז:

— סטײַטש, ווי־זשע, לייענסט ביכלעך, די הייליקע שריפֿט אפֿילע — און ביסט אַזוי פֿאַרשײַט, אַ? היט זיך, ברודער!

די באַלעבאָסטע איז געווען אײַנזאַם און רירנדיק אין איר נעבעכדיקײַט. ס׳פֿלעג זיך מאַכן, זי טרינקט זיך אָן מיט זיסע היימישע ליקערס, זעצט זיך צום פֿענצטער און זינגט:

ווער וועט אַף מיר אַ טרער פֿאַרגיסן,
ווער וועט מײַן ביטער האַרץ פֿאַרשטיין,
ניין, קיינער וויל מײַן ווי ניט וויסן,
מײַן ווי ווייס איך, נאָר איך אַליין.

און כליפּענדיק ציט זי מיט אַ זקײנישער שטים:

— ווי־ע־ע־ע...

אײנמאָל האָב איך געזען, ווי זי איז מיט אַ טעפּל געבריטע מילך אין די הענט צוגעגאַנגען צו די טרעפּ, נאָר פּלוצעם האָבן זיך איר אונטערגעבויגן די פֿיס, זי האָט זיך געזעצט און גענומען אַראָפּפֿאָרן, שווער באַקקענדיק זיך פֿון טרעפּל אַף טרעפּל און ניט אַרויסלאָזנדיק דאָס טעפּל פֿון די הענט. די מילך האָט זיך אַרויס־געפּליוסקעט אַף איר קלייד, און זי האָט, אויסציִענדיק די הענט, קאַעסדיק געשריגן צום טעפּל:

— וואָס טוסטו, שעד, וווהין יאָגסטו?

ניט קיין דיקע, נאָר אַ ווייכע ביז שיטערקײַט, איז זי ענלעך געווען אַף אַן אַלטער קאַץ, וואָס קאָן שוין ניט כאַפּן קיין מײַז און אַ שווערע פֿון זעט, מורמלט זי בלויז פֿאַר זיסע דערינערונגען וועגן אַמאָליקע ניצכוינעס און פֿאַרגעניגנס.

— אָט, — האָט סיטאַנאָוו גערעדט, — אַ גרויס געשעפֿט, אַ גוטער ווערקשטאַט. ס׳האָט זיך געמיט איבער דעם געשעפֿט אַ קלוגער מענטש, און איצט גייט אַלצ צום טײַוול, אַלצ איז אַרײַן אין קוזקעס לאַפּעס! געאַרבעט, געאַרבעט — און אַלצ אַף אַ פֿרעמדן פּעטער! טוסט אַ קלער וועגן דעם, און פּלוצעם פּלאַצט דיר עפּעס אַ פּרוזשינקע אין קאָפּ — קיין זאַך גלוסט זיך ניט, נאָר אָנשפּײַען אַף דער גאַנ־צער אַרבעט און לייגן זיך אַפֿן דאַך און אָפּליגן אַ גאַנצן זומער, קוקן אין הימל...

פּאַוועל אָדינצאָוו האָט אויך איבערגענומען אָט די געדאַנקען סיטאַנאָווס, און, רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס מיט אַלע מאַנירן פֿון אַ דערוואַקסענעם, האָט ער פֿילאָזאָ־פֿירט וועגן גאָט, וועגן שיקרעס, וועגן פֿרויען און וועגן דעם, אַז יעדער אַרבעט ווערט צונישט, איינע טוען עפּעס, און די אַנדערע צעשטערן דאָס אופּגעטאָענע, שאַצן עס ניט און פֿאַרשטייען עס ניט.

אינ אזױנע מינוטנ האָט זײַנ שארפ, ליב פּאָנעמ זיכ געעלטערט, ער פלעג זיכ זעצנ אפנ געלעגער, וואָס אפנ פּאָל, ארומגענומענ די קני, אונ פלעג לאנג קוקנ אינ די בלויע קווארדאטנ פונ די פענצטער, אפנ דאכ פונ דער שטאל, וואָס איז געשטאנענ צוגעקוועטשט פונ הורבעס שניי, אפ די שטערנ פונעמ ווינטערדיקנ הימל.

די מײַסטערס כריפּענ, מוקענ אינ שלאָפ, עמעצער בעבעט, פארכלינעט זיכ מיט ווערטער, אפ די אייבערשטע נארעס הוסט אויס די רעשטלעכ פונ זײַנ לעבנ דאווידאָוו. אינ ווינקל וואלגערנ זיכ א קערפּער צו א קערפּער, געקאָוועט פונ שלאָפ אונ פארשיקערטקײַט, „גאָטס קנעכט“ — קאפּענדיוכינ, סאַראָקינ, פערשינ, פונ די ווענט קוקנ איקאָנעס אָנ געזיכטער, אָנ הענט אונ פיס. סע שטיקט דער געדיכטער רייעכ פונ אָליפע, פוילע אייער, בלאָטע, איבערגעזײַערט אינ די שפּארונעס פונעמ פּאָל.

— ס'איז מיר אזוי א ראכמאָנעס אפ אלעמענ! — שעפּטשעט פּאוועל. — גרויסער גאָט!

אָט דער ראכמאָנעס־געפיל צו די מענטשנ באומרויִקט מיכ אויכ אלצ מער. אונדז ביידנ, ווי איכ האָב שוינ געזאָגט, האָבנ די מײַסטערס אויסגעוויזנ, ווי ווילדע מענטשנ, אונ דאָס לעבנ איז געווענ שלעכט ניט לויט זייער ווערט, לאנגווײַליק ניט איבערצוטראָגנ. אינ טעג פונ ווינטערדיקע זאווערוכעס, ווענ אלצ אפ דער ערד — די הײַזער, דיביימער — האָט זיכ געטרייסלט, געוויעט, געוויינט, אונ ס'האָבנ גרויסטאָנעסדיק געקלונגענ די פּארומערטע גלעקער, פלעג דער לאנגווײַל זיכ ארײַנגיסנ אינ ווערקשטאט, ווי א בלײַ־שווערע כוואליע, האָט געשטיקט די מענטשנ, אָפּטויטנדיק אינ זיי אלדאָס לעבעדיקע, שלעפּנדיק זיי אינ שענק ארײַנ, צו פרויענ, וואָס האָבנ געדינט פאר א מיטל צו פארגעסנ זיכ, פּונקט אזוי, ווי בראָנפנ.

אינ אזוינע אָוונטנ פלעגנ ביכער ניט העלפנ, אונ דענסטמאָל פלעגנ מיר מיט פּאוולענ זיכ פלײַסנ צו פארווײַלנ די מענטשנ מיט אייגענע מיטלענ: פלעגנ זיכ אויסשמירנ די צורעס מיט סאזשע, מיט פארבנ, זיכ באפּוצנ מיט קלאָטשע אונ, שפּילנדיק פארשיידענע קאָמעדיעס, וואָס מיר האָבנ פארפאסט, האָבנ מיר העלדיש געשטריטנ מיטנ לאנגווײַל, צווינגענדיק די מענטשנ צו לאכנ. דערמאנט זיכ די געשיכטע וועגנ דעמ, „וויִאזוי א סאָלדאט האָט געראטעוועט פּיאָטער דעמ גרויסנ“, האָב איכ דאָס ביכל איבערגעגעבנ אינ דער פאָרמ פונ א געשפּרעכ. מיר זײַנענ ארופגעקראָכנ אפ די נארעס צו דאווידאָווג אונ האָבנ דאָרט פאָרגעשטעלט, פריילעכ האקנדיק די קעפּ די קלוימערשטע שוועדנ. דער אוילעמ האָט געלאכט.

דעמ אוילעמ איז באזונדערס געפעלנ געווענ די לעגענדע וועגנ דעמ כינעזישנ רועכ צינגי־יו־טאָנג. פּאשקע האָט פאָרגעשטעלט דעמ אומגליקלעכנ רועכ, וועלכנ ס'איז אײַנגעפאלנ אופּצוטאָנ א גוטע זאכ, אונ איכ — אלדאָס איבעריקע: מענטשנ פונ ביידע געשלעכטנ, קעגנשטאנדנ, דעמ גוטנ גאסט, אונ אפילע דעמ שטיינ, אפ וועלכנ דער כינעזישער רועכ פלעג אָפּרוענ אינ גרויסער דערשלאָגנקײַט יעדער מאָל נאָכ זײַנע דורכגעפאלענע פּרוווּנ אופּצוטאָנ עפּעס גוטס.

דער אוילעמ פלעג לאכנ, אונ איכ פלעג זיכ כידעשנ, ווי גרינג מע קענ אימ מאכנ לאכנדיק. אָט די גרינגקײַט פלעג מיכ ארנ, איז מיר געווענ ניט אנגענעמ.

— אַך, פּאַיאַצן! — פֿלעג מען אונדז שרײַען. — אַך, לײַדאַקעס!

נאָר וואָס ווײַטער, האָט אַלץ מער מיך געטאָטשעט דער געדאַנק, אַז דער נעשאָמע פֿון אָט די מענטשן איז נעענטער טרויער, איידער פֿרייד.

קיינמאָל לעבט בא אונדז ניט און ווערט ניט געשאַצט בא אונדז פֿריילעכקייט אַליין פֿאַר זיך, נאָר מע וועקט זי אויף אומיסטן פֿון אונטערן דרוק, ווי אַ מיטל צו מעסיקן דעם שלעפֿעריקן רוסישן אומעט. ס'איז פֿאַרדעכטיק די אינערלעכע קראַפֿט פֿון אַזאַ פֿריילעכקייט, וואָס לעבט ניט אַליין פֿאַר זיך, ניט דערפֿאַר, ווײַל זי באַגערט צו לעבן, נאָר זי ווײַזט זיך בלויז אויפֿן רוף פֿון טרויעריקע טעג.

און צו אָפֿט גייט די רוסישע פֿריילעכקייט אַריבער אומגעריכט און אומבאַמערקט אין אַן אַכזאָריעסדיקער דראַמע. אַ מענטש טאַנצט, ווי ער וואָלט רײַסן פֿענטעס, וואָס בינדן אים, און פּלוצעם, באַפֿרײַענדיק אין זיך די אַכזאָריעסדיקסטע חיה, וואַרפֿט ער זיך אין כײַישער בענקשאַפֿט אויף אַלעמען און אַלצדינג, רײַסט, בײַסט, ברעכט...

אַזאַ אָנגעשטרענגטע פֿריילעכקייט, אויפֿגעוועקט דורך שטויסן פֿונדרויסן, פֿלעג מיך אויפֿרעגן, און אַן אויפֿגערודערטער ביז זעלבספֿאַרגעסנקייט, פֿלעג איך אָנהייבן דערציילן און פֿאַרשטעלן פּלוצעם געשאַפֿענע פֿאַנטאַזיעס, — זייער שטאַרק איז שוין געווען מײַן שטרעבן אַרויסצורופֿן אַן עמעסע פֿרײַע און לײַכטע פֿרייד בא די מענטשן! עפּעס פֿלעג איך דערגרייכן, מע פֿלעג מיך לויבן, מע פֿלעג מיך באַוווּנדערן, נאָר דער אומעט, וואָס מיר פֿלעג זיך אַזויווי אײַנגעבן אַ וואַקל צו טאָן, פֿלעג ווידער פּאַמעלעך ווערן געדיכטער און פֿעסטער, צודריקנדיק די מענטשן.

דער גרויער לאַריאָנישט זאָגט מילד:

— נו, ביסטו אַ לעץ, געזונט זאָלסטו זײַן!

— אַ טרייסט, — האַלט אים אונטער זשיכאַריאָוו. — דו, מאַקסימיטש, פֿאַרמעסט זיך אויף אָנקומען אין צירק, צי אין טעאַטער, פֿון דיר דאַרף אַרויס אַ ווויל־ווילער פּאַיאַץ!

פֿונעם גאַנצן ווערקשטאַט פֿלעגן אין טעאַטער גיין אויף סוויאַטקעס און מאַסלעניצע בלויז צווייען — קאַפּענדיוכין און סיטאַנאָוו. די עלטערע מײַסטערס פֿלעגן זיי ערנסט אייצען אָפּוואַשן אָט די זינד דורך באָדן זיך אין דעם טויף־ברונעם אויפֿן יאַרדן. סיטאַנאָוו פֿלעגט באַזונדערס אָפֿט מיך אײַנרעדן:

— וואַרף אַוועק אַלץ מיטאַנאַנדער, לערן זיך פֿאַר אַן אַקטיאָר!

און שטאַרק אויפֿגערודערט פֿלעג ער דערציילן דאָס טרויעריקע „לעבן פֿונעם אַקטיאָר יאַקאָוולעוו".

— אָט וואָס סע קען זײַן!

ער האָט ליב געהאַט דערציילן וועגן דער קעניגין מאַריאַ סטיוּאַרט, פֿלעג זי אָנרופֿן „שעלמע", און באַזונדערס האָט ער געכאַפּט היספּײַלעס פֿונעם „שפּאַנישן אַדלמאַן".

— דאָן סעזאַר דע־באַזאַן — דאָס, מאַקסימיטש, איז דער העכסט פֿײַנער מענטש! אַ וווּנדערלעכער!

אין אים אַליין איז געווען עפּעס פֿונעם „שפּאַנישן אַדלמאַן": אייגמאָל האָבן אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן אויסקוק־טורעם דרײַ פֿײַערלעשער אין אַ געלעכטער געשלאָגן אַ פּויער, און אַ מענטשן פֿערציק האָבן געקוקט, ווי מע שלאָגט, און געלויבט די

סאָלדאטן. סיטאנאָוו האָט זיך געוואָרפן אין געשלעג, האָט מיט פלעמענדיקע קלעפ פון די לאַנגע הענט צעשמיצט די פייערלעשער, אופגעהויבן דעם פויער און א שטופ געטאָן אים צום אוילעם מיט אן אויסגעשריי:

— פירט אים אוועק!

און איז אליין געבליבן איינער קעגן דריי. דער פייער־הויף איז געוועז סאכאקל א צענדליק טריט ווייט, די סאָלדאטן האָבן געקענט א רוף טאָן צו זיך הילף, און סיטאנאָוו וואָלט געכאפט קלעפ, נאָר, צו זיין גליק, זיינען די פייערלעשער דער־שראָקענע אנטלאָפן צום הויף.

— הינט! — האָט ער זיי נאָכגעשריגן.

אין די זונטיקן איז יונגוואַרג געגאנגען אף די פויסט־געשלעגן צו די געהילצ־הויפן הינטערן פעטראָפּאַוולאָווער צווינטער, וווהין מע פלעג זיך פארזאמלען צו שלאָגן זיך מיט די ארבעטער פון דער אסעניזאציע און די פויערים פון די ארו־מיקע דערפער. די אסעניזאציע פלעג ארויסשטעלן קעגן דער שטאָט א בארימטן שלעגער — א מאָרדווין, א ריז, מיט א קליינינקן קאָפּ און קראנקע אויגן, שטענדיק פארטרערטע. אויסווישנדיק די טרערן מיט די ברודיקע ארבל פונעם קורצן קאפטאן, פלעג ער שטיין אין דער שפיץ פון די זייניקע,ברייט צעשטעלנדיק די פיס, און גוטמוטיק ארויסרופן:

— גייט ארויס, צי וואָס, ס׳איז קאלטלעך!

קעגן אים פלעג פון אונדזער זייט ארויסטרעטן קאפּענדיוכין, און שטענדיק פלעג דער מאָרדווין אים צענעריקן. נאָר דער צעבלוטיקטער קאָזאק פלעג, וואר־גנדיק זיך מיטן אָטעם, זאָגן:

— בידיי ניט בלייבן לעבן, נאָר די מאָרדווא מוז איך בייקומען!

דאָס איז, ענדלעך, געוואָרן דער ציל פון זיין לעבן, ער האָט זיך אפילע אָפּ־געזאָגט פון טרינקען בראָנפן, פארן שלאָפן פלעג ער זיך אויסרייבן דאָס לייב מיט שניי, אלע אָוונט פלעג ער זיך פילמאָליק צייילעמען מיט א צווייפודיקן געוויכט, נאָר אויך דאָס פלעג אים ניט העלפן. דעמסטמאָל האָט ער זיך איינגענייט אין די ארבל שטיקלעך בליי און האָט זיך בארימט פאר סיטאנאָוון:

— איצט איז שוין אן עק מיט דער מאָרדווא!

סיטאנאָוו האָט אים שטרענג געוואָרנט:

— ווארפּ אוועק, אניט וועל איך דיך אויסגעבן פארן געשלעג!

קאפּענדיוכין האָט אים ניט געגלייבט, נאָר אז מ׳איז זיך צונויפגעקומען צום געשלעג, האָט סיטאנאָוו זיך פלוצעם אָנגערופן צום מאָרדווין:

— טרעט אָפּ, וואסילי איוואַניטש, פריער וועל איך זיך מיט קאפּענדיוכינען א פרווו טאָן!

דער קאָזאק איז רויט געוואָרן און האָט זיך צעשריגן:

— איך וויל ניט מיט דיר, אוועק!

— וועסט וועלן, — האָט געזאָגט סיטאנאָוו און איז אוועק אף אים, קוקנדיק דעם קאָזאק אין פּאָנעם מיט א צובייגנדיקן בליק. קאפּענדיוכין האָט זיך גענומען טאָפּשען אף איין אָרט, האָט אראָפּגעריסן די ארבל פון די הענט, פארוקט זיי זיך אין בוזעם און איז באלד אוועק פון געשלעג.

סײַ אונדזערע, סײַ דער פּײַנטלעכער צאַד זײַנען געווען אומאַנגענעם פאַר־בידעשט. עפּעס אַן אָנשטענדיקער מענטש האָט געזאָגט צו סיטאַנאָוו אין קאַס:

— דאָס איז, ברודערל מײַנס, גאָר ניט קיין גענעץ, מע זאָל היימישע געשעפטן אָפּמאַכן אין אַן עפנטלעכן געשלעג!

אַף סיטאַנאָווס איז מען אָנגעקראָכן פון אַלע זײַטן מיט זידלערײַען, ער האָט געשוויגן לאַנג, נאָר סאָפּקאָלסאָפּ געזאָגט צום אָנשטענדיקן מענטשן:

— און טאָמער האָב איך אָפּגעהאַלטן פון אַ רעציכע?

דער אָנשטענדיקער מענטש האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעשטויסן און אַפילע דעם קאַרטוז אַראָפּגענומען, זאָגנדיק:

— דענסטמאָל קומט דיר פון אונדזער צאַד אַ דאַנק!

— נאָר דו, פעטער, צעקלינג דאָס ניט!

— צו וואָס? קאַפּענדיוכין איז אַ זעלטענער שלעגער, און דורכפאַלן מאַכן אַ מענטשן בייז, מיר פאַרשטייען עס! נאָר די אַרבעלעך זײַנע וועלן מיר שוין פון הײַנט אָן באַטראַכטן פאַרן גיין שלאָגן זיך.

— אײַער זאַך!

אַז דער אָנשטענדיקער מענטש איז אָפּגעגאַנגען, האָט אונדזער צאַד גענומען זידלען סיטאַנאָוון:

— ס'האָט דיך אָנגעטראָגן, האַלאַבליע! אַזוי וואָלט אים דער קאָזאַק צעשלאָגן, איצט וועלן מיר אַרומגיין צעשלאָגענע...

מ'האָט געזידלט לאַנג, מיט פאַרגעניגן, ניט אָפּגעטשעפּעט זיך.

סיטאַנאָוו האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— עך, איר, שאַנטראַפּאַ!

און אומגעריכט פאַר אַלעמען האָט ער אַרויסגערופן דעם מאָרדווין אַף אַ גע־ראַנגל איינס אַף איינס. יענער האָט זיך געשטעלט אין דער פּאָזיציע, פריילעך, פּאָכנ־דיק מיט די פויסטן און זיך וויצלענדיק:

— מירן זיך אַ שלאָג טאָן, וועלן מיר זיך אָנוואַרעמען...

עטלעכע מענטשן האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און זיך איבערגעוואָרפן מיט די רוקנס אַף די הינטן שטייענדיקע — ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ברייטער, גראָמער קרײַז.

די שלעגער האָבן זיך שאַרף צוגעקוקט איינער צום אַנדערן, איבערגעשטעלט די פיס, די רעכטע האַנט פאָרויס, די לינקע — בײַ דער ברוסט. געניטע מענטשן האָבן גלײַך באַמערקט, אַז בײַ סיטאַנאָוון זײַנען די הענט לענגער, ווי בײַ דעם מאָרדווין. ס'איז געוואָרן שטיל, דער שניי האָט לײַכט געקנאַקט אונטער די פיס פון די שלע־גער. עמעצער האָט ניט אויסגעהאַלטן די אָנשטרענגונג, אויסגערעדט באַקלאָגנדיק זיך און זשעדנע:

— וואָס הייבט מען ניט אָן?..

סיטאַנאָוו האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער רעכטער האַנט, דער מאָרדווין האָט אויפ־געהויבן די לינקע צו פאַרטיידיקן זיך און געכאַפּט אונטערן לעפעלע אַ דירעקטן זעץ פון סיטאַנאָווס לינקער האַנט, האָט אַ קרעקע געטאָן, איז אָפּגעטראָטן און מיט פאַרגעניגן געזאָגט:

— א יונגער, און ניט קיין נאר!

זיי האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען איינער אפן אנדערן, ווארפנדיק צעפּאָכעטערהייט שווערע פויסטן איינער דעם אנדערן אין הארץ אריין. אין עטלעכע מינוט ארום האָבן אייגענע און פרעמדע צערייצטערהייט געשריגן:

— לעבעדיקער, גאָטשמירער! באמאָל אים, שטעמפּל!

דער מאָרדווינ איז געווען אסאך שטארקער פאר סיטאנאָוון, נאָר באדייטנדיק שווערער פאר אים, ער האָט ניט געקענט שלאָגן אזוי גיך און האָט געקריגן צו צוויי און דריי קלעפּ פאר איינעם. נאָר דעם מאָרדווינס קערפּער האָט פון די קלעפּ, אפּאָנעם, ווייניק געליטן, ער האָט אלץ געמאכט „אוך!", אונטערגעלאכט — און פּלוצעם האָט ער מיט א שווערן קלאַפּ ארופ אונטער דער פּאכווע ארויסגעזעצט די רעכטע האנט סיטאנאָווס פונעם אקסל־געלענק.

— צעגעם, קיינעמס ניט! — האָבן עטלעכע שטימען מיטאמאָל אויסגערופן, צעבראָכן דעם רונג און צענומען די שלעגער.

דער מאָרדווינ האָט גוטמוטיק געזאָגט:

— ער איז ניט אזוי גוואלדיק שטארק, דער גאָטשמירער, דערפאר אָבער פלינק! וועט זיין א גוטער שלעגער. דאָס זאָג איך פארן גאנצן פאָלק.

די מינדעריעריקע האָבן אָנגעהויבן אן אלגעמיינעם געשלעג, און איך האָב אוועקגעפירט סיטאנאָוון צו א פעלדשער. זיין טאט האָט אים נאָך מער אופגעהויבן אין מיינע אויגן, פארגרעסערט די סימפּאטיע און די אכטונג צו אים.

ער איז אין אלגעמיין געווען זייער אן עמעסער, אן ערלעכער און האָט עס באטראכט ווי זיינעם א פּאָסטן, קאָן מען זאָגן, נאָר דער ברייטהאנטיקער קאפּעג־דיוכין פלעג פון אים פיין אָפּכויזעקן.

— עך, זשעניע, לעבסט פאר א שילד וועגן! האָסט אויסגעשיינערט די נעשאָמע, ווי א סאמאָוואר פאר א יאָנטעוו, און נעמסט זיך איבער — אָט גלאנצט עס ליכטיק! און די נעשאָמע איז בא דיר א קופּערנע, און ס'איז זייער לאנגווייליק מיט דיר...

סיטאנאָוו האָט רויק געשוויגן, פלייסיק געארבעט, אָדער איבערגעשריבן אין העפט אריין לערמאָנטאָווס לידער. אפ אָט דעם איבערשרייבן האָט ער אָפּגעגעבן זיין גאנצע פרייע צייט, און ווען איך האָב אים פאָרגעלייגט:

— איר האָט דאָך געלט, פארוואָס זאָלט איר זיך ניט קויפן דעם בוך?

האָט ער געענטפערט:

— ניין, בעסער איבערשרייבן מיט דער אייגענער האנט!

אָנגעשריבן א זייטל מיט שיינעם דריבנעם קסאוו, מיט פיגורנדיקע געצויקטע דריידלעך, האָט ער, ווארטנדיק, ביז דער טינט וועט אויסטריקענען, שטיל געלייענט:

— אָן מינדסטן מיטלייד, אָן באדויער
וועט פאלן אפ דער ערד דיין בליק,
וואו שיינקייט אזוי קורץ געדויערט,
וואו ס'איז ניטאָ קיין וואָרער גליק...

און געזאָגט, פארזשמורענדיק די אויגן:

— אָט דאָס איז עמעס! ער האָט געזונט געוווסט דעם עמעס!

מיך האָבן זייער געכידעשט סיטאַנאָווס באַציִונגען מיט קאַפּענדיוכינען — האָט ער נאָר אויסגעטרונקען, איז דער קאָזאַק שטענדיק געקראָכן זיך שלאָגן מיטן כאָווער, סיטאַנאָוו פלעג אים לאַנג איינריידן:

— לאָז אָפּ! קריך ניט...

און דערנאָך פלעג ער נעמען אַכזאָריִעסדיק שלאָגן דעם שיקערן, אַזוי אַכזאָריִעסדיק, אַז די מײַסטערס, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו די צווישנאַנאַנדיקע געשלעגן, ווי צו אַ שוישפּיל, פלעגן זיך אַרײַנלייגן אינעם געשלעג און צעגעמען די גוטע־פרײַנט.

— ווען מע שטעלט יעוועגנים באַצײַטנס ניט אָפּ, דערהאַרגעט ער אים צו טויט און מאַכט פון זיך אַ טעל, — פלעגן זיי ריידן.

ניכטערערהייט פלעג קאַפּענדיוכין ווידער ניט מיד ווערן צו כויזעקן פון סיטאַנאָווס, אויסלאַכנדיק זײַן ליידנשאַפט צו געדיכטן און זײַנע אומגליקלעכן ראָמאַן, גערייצט זײַן אייפערזוכט אף אַ שמוציקן אויפן, נאָר אָן דערפאָלג. סיטאַנאָוו פלעג הערן דעם קאָזאַקס כויזעק־רייד שווײַגנדיק, זיך ניט באַליידיקן, און אַמאָל פלעג ער אַליין לאַכן אינאיינעם מיט קאַפּענדיוכינען. געשלאָפן זײַנען זיי זײַט־באַ־זײַט און אין די נעכט לאַנג שטילערהייט געשמועסט וועגן עפּעס.

אָט די שמועסן האָבן מיך ניט געלאָזט צורו — ס'האָט זיך געוואָלט וויסן: וועגן וואָס קענען עס פּרײַנטלעך שמועסן מענטשן, וואָס זײַנען אַזוי ניט ענלעך איינער אפן אַנדערן? נאָר אַז איך פלעג צוגיין צו זיי, פלעג דער קאָזאַק וואָרטשען:

— וואָס דאַרפסטו?

און סיטאַנאָוו פלעג מיך אַזוי־ווי ניט זען.

נאָר איינמאָל האָבן זיי מיך צוגערופן, און דער קאָזאַק האָט געפרעגט:

— מאַקסימיטש, ווען דו ביסט רײַך, וואָס וואָלסטו געטאָן?

— כ'וואָלט געקויפט ביכער.

— און נאָך?

— כ'ווייס ניט.

— עך, — האָט מיט פאַרדראָס זיך אָפּגעקערט פון מיר קאַפּענדיוכין, און סיטאַנאָוו האָט רויִק געזאָגט:

— זעסט שוין — קיינער ווייסט ניט, ניט אַלט, ניט יונג! איך זאָג דיר: רײַכקײַט אַליין פאַר זיך איז נאָך אויך גאָרניט! אַלץ פאָדערט עפּעס אַן אָנווענדונג...

איך האָב געפרעגט:

— וועגן וואָס רעדט איר?

— ס'גלוסט זיך ניט שלאָפן, ריידן מיר, — האָט דער קאָזאַק געענטפערט.

שפּעטער, אַז איך האָב זיך צוגעהערט צו זייער שמועס, בין איך געוווירע געוואָרן, אַז זיי ריידן באַנאַכט וועגן די זעלבע זאַכן, וועגן וועלכע מענטשן האָבן ליב צו ריידן באַטאָג: וועגן גאָט, עמעס, גליק, וועגן דער נאַרישקײַט און כיטרעקײַט פון די פרויען, וועגן דער זשעדנעקײַט פון די רײַכע און וועגן דעם, אַז דאָס לעבן איז גאַנצן איז פאַרפּלאָנטערט, אומפאַרשטענדלעך.

איך האָב אַלעמאָל זיך דאָרשטיק אײַנגעהערט אין די געשפּרעכן, זיי האָבן מיך געוועגט, מיר איז געווען געפעלן, וואָס קימאַט אַלע מענטשן ריידן דאָס זעלבע: דאָס לעבן איז שלעכט, מע דאַרף לעבן בעסער! נאָר אין דער אייגענער צײַט האָב איך

געזען, אַז דער פאַרלאַנג צו לעבן בעסער פאַרפליכטעט ניט צו גאָרניט, ענדערש ניט גאָרניט אינעם לעבן פונעם וועקשטאַט, אין די באַציִונגען פון די מײַסטערס איינער צום אַנדערן. אָט די אַלע געשפּרעכן האָבן, באַלויכטנדיק פאַר מיר דאָס לעבן, געעפנט הינטער דעם עפּעס אַן אומעטיקע פּוסטקײַט, און אין אָט דער פּוסטקײַט, ווי מיסט־שטרויעלעך אין דער וואַסער פון אַ סאַזשעלקע בייס אַ ווינט, שווימען אום צעררייצט און אָן אַ טאָלק די זעלבע מענטשן, וואָס ריידן, אַז אָט די שטויסעניש איז אומזיניק און באַליידיקט זיי.

מ׳האָט אַסאַך און גערן זיך געקקירעט, שטענדיק עמעצן געמישפּעט, כאַראַטע געהאַט, זיך באַרימט און, אַרײַנלאָזנדיק זיך אין ביטערע קריגערײַען איבער קלייניקײַטן, האָט מען שטאַרק באַליידיקט איינער דעם אַנדערן. מע האָט זיך געפּרוּווט אַרײַנדרינגען אין דעם, וואָס וועט זײַן נאָכן טויט, און בײַ דער שוועל פונעם וועקשטאַט, ווו ס׳איז געשטאַנען דער צעבער פאַר די פּאָמעניעס, האָט דורכגעפוילט אַ דיל־ברעט, פון אונטערן פּאָל האָט דורך דער פוילער נאָסער ווילגאָטש־לאָך געבלאָזן מיט קעלט, מיט אַ רייעך פון דורכגעזײַערטער ערד, דערפון זײַנען געפרוירן די פיס; מיר מיט פּאַוולען פלעגן פאַרשטעקן די לאָך מיט שמאַטקעס און היי. מע האָט אָפט גערעדט וועגן דעם, אַז מע דאַרף איבערבײַטן די ברעט, און די לאָך איז געוואָרן דערווײַל אַלץ ברייטער, אין טעג פון שניי־זאַווערוכעס האָט פון איר געזעצט, ווי פון אַ קוימען, מענטשן פלעגן זיך פאַרקילן, הוסטן. דאָס בלעכערנע דריידל אינעם לופטשיקל האָט עקלדיק געקוויטשעט, מע האָט עס שענדלעך געזידלט, און ווען איך האָב עס אַרומגעשמירט מיט פעטס, האָט זשיכאַריאָוו זיך צוגעהערט און געזאָגט:

— דאָס לופטשיקל קוויטשעט ניט, איז אומעטיקער געוואָרן!

געקומען פון באָד, לייגט מען זיך אין די שטויביקע און שמוציקע געלעגערס, — שמוץ און שלעכטע רייכעס האָבן אין אַלגעמיין קיינעם ניט געאַרט. ס׳איז געווען אַ מענגע נישטיקע קלייניקײַטן, וואָס האָבן געשטערט צו לעבן, מ׳האָט זיי לײַכט געקענט אָפּראַמען, נאָר קיינער האָט עס ניט געטאָן.

אָפט האָט מען גערעדט:

— קיינער האָט קיין ראַכמאָנעס ניט אַף די מענטשן, ניט גאָט, ניט זיי אַלייִן...

נאָר ווען מיר, איך און פּאַוועל, האָבן אויסגעוואַשן דעם שטאַרבנדיקן דאַווידאָוון, וואָס איז געווען אײַנגעזצן צעפרעסן פון אינזעקטן און ברוד, האָט מען פון אונדז געמאַכט אַ געלעכטער, אַראָפּגענומען פון זיך די העמדער און פאַרגעלייגט, מיר זאָלן זיי אַרומזוכן, מע האָט אונדז גערופן בעדער און אין אַלגעמיין געטריבן פון אונדז כויזעק, פּונקט ווי מיר וואָלטן אָפּגעטאָן עפּעס אַ שענדלעכע און זייער לעכערלעכע זאַך.

פון ריזלעך ביז גרויסטאָנעס איז דאַווידאָוו געלעגן אַף די נאַרעס, פאַרגאַנגען זיך אין אַ דויערנדיקן הוסט, אַראָפּגעשפּיגן מיט שטיקלעך שמעקנדיק בלוט. ניט אַרײַנטרעפנדיק אין צעבער מיט די פּאָמעניעס, האָט זיך דאָס בלוט געשמיצט אַפן פּאָל. בײַנאַכט האָט ער געוועקט די מענטשן מיט געשרייען פון היץ.

קימאַט אַלע טאָג פלעג מען זאָגן:

— מע וואָלט אים באַדאַרפט אָפּפירן אין שפּיטאָל!

נאָר אין אָנהייב האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאווידאָוו האָט א נאָכטערמיניקן פּאס־פּאָרט, דערנאָך איז אים געוואָרן בעסער, און צום סאָף האָט מען באשלאָסן:

— סיווי וועט ער אינגיכן שטארבן!

ער אַליין האָט צוגעזאָגט:

— כ׳וועל ניט פארציִען!

ער איז געווען א שטילער הומאָריסט און האָט זיך אויך אַלעמאָל באמיט צע־טרייבן דעם ביטערן לאנגווייל פונעם ווערקשטאט מיט שפּאסעריי — לאָזט אראָפּ־הענגען דאָס טונקעלע ביינערדיקע פּאָנעם, און מיט א פּייפנדיקער שטים רופט ער אויס:

— אוילעם, הערט די שטים פון דעם, וואָס איז דערהויכט געוואָרן אף די נארעס...

און האָט קונציק געזאָגט עפּעס א טרויעריקע שטוסעריי:

— אינדערהויך דאָ, אין מײַן נעסט,
ליג איך אין געהאקטע וווּנדן,
וואנצן זײַנען מײַנע געסט,
טאראקאנעס — מײַנע קונדן.

— ער פאלט ניט אראָפּ בא זיך! — איז מען געווען אין היספּײַלעס.

אמאָל פלעג איך מיט פּאוולען זיך פארקלײַבן צו אים — ער פלעג זיך וויצלען אָנגעשטרענגט:

— מיט וואָס מעכאבעד זײַן, טײַערע געסט? מיט א שפּינעלע א פרישינקס, עפשער, האָט איר אפּעטיט?

אויסגעגאנגען איז ער לאנגזאם, און דאָס האָט אים זייער דערעסן, ער פלעג ריידן מיט אופריכטיקן פארדראָס:

— סע שטארבט זיך ניט, פּאָשעט אן אומגליק!

זײַן ניט מוירע האָבן פארן טויט האָט זייער געשראָקן פּאוולען, ער פלעג מיך וועקן באנאכט און פלעג שעפּטשען:

— מאקסימיטש, ער איז, דאכט זיך, געשטאָרבן... אָט שטארבט ער באנאכט אוועק און מיר וועלן ליגן קעגן אים. אך, גאָט מײַנער! כ׳האָב אזוי מוירע פאר מייסים...

אָדער ער פלעג ריידן:

— נו, וואָס חאָט ער געלעבט, צוליב וואָס? קיין צוואנציק יאָר ניט אוועק, און ער שטארבט שוין...

איינמאָל אין א לעוואָנעדיקער נאכט האָט ער מיך אופגעוועקט און, קוקנדיק דערשראָקן מיט אויסגעראטשעטע אויגן, האָט ער געזאָגט:

— הער זיך אײַן!

אף די נארעס האָט געכריפּעט דאווידאָוו, אײַליק און דײַטלעך ריידנדיק:

— גיב נאָר אהער, גי־יב...

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן שלוקערצן.

— ער שטארבט, איך זאָג דיר, אָט וועסטו זען! — האָט זיך פּאוועל געהיצט. איך האָב א גאנצן טאָג געפירט אף זיך שניי פון הויף אין פעלד ארויס, ביז

געווען שטארק פארמאטערט, מיר האָט זיך געגלוסט שלאָפן, נאָר פאוועל האָט מיך געבעטן:

— שלאָף ניט, איך בעט דיך, ווי קריסטוס איז דיר ליב, שלאָף ניט!

און פּלוצעם איז ער אופגעשפּרונגען אף די קני מיט א ווילדן געשריי:

— שטייט אוף, דאווידאָוו איז געשטאָרבן!

ווער־ניט־ווער איז אופגעשטאנען, פון די געלעגערס האָבן זיך אופגעהויבן עט־לעכע פיגורן, ס'האָבן זיך געלאָזט הערן קאַסדיקע פראַגעס.

קאפּענדיוכין איז ארופגעקלעטערט אף די נארעס און פארכידעשט געזאָגט:

— ער איז טאקע אינדערעמעסן געשטאָרבן, אפּאָנעם... כאָטש ער איז נאָך א װארעמינקער...

ס'איז געוואָרן שטיל, זשיכאריאָוו האָט זיך איבערגעציילעמט און, וויקלענדיק זיך אין דער קאָלדרע, האָט ער געזאָגט:

— נו, וואָס, א ליכטיקע יענע־וועלט זאָל ער האָבן!

עמעצער האָט פאָרגעלייגט:

— מע וואָלט אים געדארפט ארויסטראָגן אין פירהויז...

קאפּענדיוכין איז אראָפּ פון די נארעס, האָט פארקוקט אין פענצטער.

— זאָל ער ליגן ביז אינדערפרי, ער האָט לעבעדיקערהייט אויך קיינעם ניט געשטערט...

פאוועל האָט, באהאלטנדיק דעם קאָפּ אונטערן קישן, געיאָמערט.

און סיטאנאָוו האָט זיך ניט אופגעכאפּט.

XV

ס'זיינען צעגאנגען די שנייען אין פעלד, ס'זיינען צעגאנגען די ווינטערדיקע וואָלקנס אין הימל, פאלנדיק אף דער ערד אין נאסן שניי און רעגן. אלץ לאנג־זאמער איז די זון דורכגעגאנגען איר באטאָגיקן וועג, ווארעמער איז געוואָרן די לופט, ס'האָט זיך געדוכט, אז ס'איז שוין אָנגעקומען די פרילינגדיקע פריילעכקייט, באהאלט זיך אויס אין א שפּאס ערגעץ הינטער דער שטאָט אין די פעלדער און וועט אינגיכן א פלייץ טאָן אין שטאָט אריין. אין די גאסן איז א ברוין־געלע בלאָטע, בא די טראָטוארן לויפן ריטשקעס, אף די אָפּגעגאנגענע ערטער פון דעם ארעסטאנטן־פּלאַץ שפּרינגען פריילעך ארום שפּערן. אויך אין די מענטשן באמערקט זיך א שפּערישע פארהאוועטקייט. איבערן פרילינגדיקן גערויש, קימאט אומופהערלעך פון אינדערפרי ביז אינאָוונט, פליסט דער גרויסטאָנעסדיקער גלאָקן־קלאנג, וויגנדיק דאָס הארץ מיט ווייכע שטויסן — אין אָט דעם קלאנג איז, ווי אין די רייד פון אן אלטן מאן, באהאלטן עפּעס באליידיקטס, סע דוכט זיך, אז די גלעקער ריידן אלץ מיט א קאלטער פארומערטקייט:

— געווע־ען, געווען אזוינס, געווע־ען...

אין מיין נאָמען־טאָג האָט מיר דער ווערקשטאט געשענקט א קליינינק שיין־אָנגעשריבן בילד פון אלעקסייען, גאָטס מענטשן, און זשיכאריאָוו האָט געהאלטן אן ערנסטע רעדע, וואָס איך האָב פארגעדענקט:

— ווער ביסטו? — האָט ער גערעדט, שפּילנדיק מיט די פינגער, אונטערגע־הויבן די ברעמען. — ניט מער ווי אַ ייִנגל, אַ יאָסעם, דרײַצן יאָר אַלט, און איך בין עלטער פון דיר פיר מאָל אַזויפיל קימאַט און איך ליוב דיך, באַגיטיק דיך דערפאַר, וואָס דו שטייסט צו אַלץ ניט מיט אַ זײַט, נאָר מיטן פּאָנעם! אַזוי זאָל־סטו שטיין שטענדיק, דאָס איז גוט!

ער האָט גערעדט וועגן גאָטס קנעכט און זײַנע מענטשן, נאָר דער אונטערשייד צווישן די מענטשן און די קנעכט איז מיר געבליבן אומפאַרשטענדלעך, און אויך אים איז ער, ווי עס ווײַזט אויס, געווען ניט קלאָר. ער האָט גערעדט לאַנגווײַליק, דער ווערק־שטאַט האָט אונטערגעלאַכט, איך בין געשטאַנען מיט דער איקאָנע אין די הענט, זייער גערירט און צעמישט, ניט געוווּסט, וואָס זאָל איך טאָן. ענדלעך, האָט קאַ־פּענדיוכין מיט פאַרדראָס אויסגעשריגן צום רעדנער:

— הער שוין אויף צו פאַרפּלען איבער אים, די אויערן זײַנען אים שוין אַפילו בלוי געוואָרן.

דערנאָך האָט ער מיך אַ פּאַטש געטאָן אין פּלייצע און אויך געזאָגט אַ וואָרט ליוב:

גוט איז אין דיר דאָס, וואָס דו ביסט מיט אַלע מענטשן אַן אייגענער, און ניט נאָר שלאָגן דיך, נאָר אָפּזידלען דיך איז שווער, אַז ס'איז אַפילו דאָ פאַרוואָס.

אַלע האָבן אַף מיר געקוקט מיט ווילע אויגן, מילד אויסלאַכנדיק מײַן פאַר־לעגנהײַט, נאָך אַביסל וואָלט איך זיך צערעוועט פון דער אומגעריכטער פרייד צו פילן, אַז איך בין אַ מענטש אַ נייטיקער פאַר אָט די לײַט. און פּונקט האָט דעם פרימאָרגן דער פּריקאַשטשיק געזאָגט אין קלייט צו פּיאָטער וואַסיליעוון, ווינקענ־דיק אַף מיר מיטן קאָפּ:

— ניט קיין אָנגענעם יאַטל און טויג ניט צו גאָרניט!

ווי שטענדיק, בין איך פון אינדערפרי אַוועק אין קלייט, נאָר נאָך האַלבן טאָג האָט מיר דער פּריקאַשטשיק געזאָגט:

— גיי אַהיים, וואַרף אַראָפּ דעם שניי פון דאַך און שלאָג אָן דעם קעלער...

וועגן דעם, אַז ס'איז הײַנט מײַן נאָמען־טאָג, האָט ער ניט געוווּסט.

איך בין געווען זיכער, אַז קיינער ווייסט ניט דערפון. ווען די גראַטוליר־צערעמאָניעס אין ווערקשטאַט האָבן זיך פאַרענדיקט, האָב איך זיך איבערגעטאָן, בין אַרויסגעלאָפן אין הויף, אַרופגעקלעטערט אַפן דאַך פון דער שטאַל שטאַל אַראָפּצוּוואַרפן דעם געדיכטן שווערן שניי, וואָס ס'האָט אין דעם ווינטער אָנגעשאָטן אַ מענגע. נאָר פון צע־טראָגנקײַט האָב איך פאַרגעסן עפענען די טיר פונעם קעלער און האָב זי פאַרוואַלגערט מיט שניי. אַראָפּגעשפּרונגען אַף דער ערד און דערזען דעם טאָעס, האָב איך זיך טייקעף אַ נעם געטאָן אָפּשאַרן דעם שניי פון דער טיר. אַ פּײַכטער, האָט ער זיך שטײַף צו־נויפגעקלעפּט, די הילצערנע לאָפּעטע האָט אים גענומען מיט שווערקײַט, קיין אײַזערנע איז ניט געווען, און איך האָב צעבראָכן די לאָפּעטע פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען דער פּריקאַשטשיק האָט זיך באַוויזן אין דער פאָרטקע. ס'האָט זיך באַרעכטיקט דער רוסישער שפּריכוואָרט: „די צאָרע גייט פוסטריט נאָך דער פרייד".

— אַזוי־וי, — האָט אָפּשפּעטעריש געזאָגט דער פּריקאַשטשיק, צוגייענדיק צו

מיר, — עכ, — ביסטו אנ ארבעטער, דער שווארציאַר זאָל דיכ נעמענ! אָט וועל איכ דיר א קנאק טאָנ איבער דײַנ דולנ קאָפּ.

ער האָט זיכ פארמאָסטנ אפ מיר מיטנ העלצל פונ דער לאָפּעטע, איכ האָב זיכ אָפּגערוקט אונ א זאָג געטאָנ בייז:

— איכ האָב זיכ דאָכ בא אײַכ פארדונגענ ניט פאר קיינ הויפער...

ער האָט מיר א שלײַדער געטאָנ מיטנ שטעקנ צו די פיס, איכ האָב אָנגעכאַפּט א קנויל שניי אונ אימ א וואָרף געטאָנ אינ פּאָנעמ ארײַנ. ער איז אוועקגעלאָפנ פאַרשקענדיק, אונ איכ האָב געוואָרפנ די ארבעט אונ בינ אוועק אינ ווערקשטאט. אינ עטלעכע מינוט ארומ איז פונ אויבנ אראָפּגעלאָפנ זײַנ קאלע, א מויד מיט א ליידיק פּאָנעמ אינ פרישטשעס.

— מאקסימיטשנ ארופ!

— איכ גיי ניט, — האָב איכ געזאָגט.

לאריאָניטש האָט א פרעג געטאָנ שטיל אונ פארוווּנדערט:

— וואָס הייסט — דו גייסט ניט?

איכ האָב אימ דערציילט, אינ וואָס סע גייט. אָנגעכמורעט פארזאָרגט, איז ער אוועק ארופ, זאָגנדיק צו מיר מיט האלבנ קאָל:

— אײַ, ביסטו, ברודער, אנ אזעספּאָנעמ...

דער ווערקשטאט האָט זיכ צעהודעט, זידלענדיק דעמ פּריקאשטשיק. קאפּענדיוּ־כינ האָט געזאָגט:

— נו, איצט וועט מענ דיכ ארויסיאָגנ!

דאָס האָט מיכ ניט געשראָקנ. מײַנע באציִונגענ מיטנ פּריקאשטשיק זײַנענ שוינ לאנג געוואָרנ אומדערטרעגלעכ — ער האָט מיכ פײַנט געהאט אקשאָנעסדיק אונ אלע מאָל ביטערער, איכ האָב אימ אויכ ניט געקאָנט לײַדנ, נאָר איכ האָב געוואָלט פארשטיינ, פארוואָס באציט ער זיכ צו מיר אזוי אומגעלומפּערט.

ער פלעג פאנאנדערוווארפנ איבערנ פּאָל פונ דער קלייט מאטבייעס. אויסקערנ־דיק, פלעג איכ זיי געפינענ אונ צונויפלייגנ אפ דער סטויקע אינ דער שאָל, וווּ ס'זײַנענ געלעגנ גראָשנס אונ קאָפּיקעס פאר בעטלער. וויבאלד איכ האָב זיכ אָנ־געשטויסנ, וואָס סע באטײַטנ אָט די אָפטע געפינסנ, האָב איכ געזאָגט צומ פּריקאשטשיק:

— אומזיסט ווארפט איר מיר אונטער געלט!

ער איז אָנגעצונדנ געוואָרנ אונ האָט אומפּאָרזיכטיק זיכ צעשריגנ:

— דו לערנ מיכ ניט, איכ וויס, וואָס איכ טו!

נאָר באלד האָט ער זיכ פאריכט:

— וואָס הייסט — איכ ווארפ אונטער אומזיסט? זיי פאלנ אליינ...

ער האָט מיר פארבאָטנ צו לייענענ ביכער אינ קלייט, זאָגנדיק:

— ס'ניט פאר דײַנ סייכל! וואָס — גרייטסט זיכ אפ א פירזאָגער, פוסטע־פּאסניק דו!

ער האָט ניט אופגעהערט זײַנע פרווונ צו פאקנ מיכ מיט א צוואנציקאָפּיקענעמ, אונ איכ האָב פארשטאנענ, אז אויב די מאטבייע וועט בייסנ פארקערנ דעמ פּאָל זיכ פארקײַקלענ אינ א שפּארונע, וועט ער זײַנ זיכער, אז איכ האָב זי געגאנווועט.

דערנאָכדעם האָב איך אים נאָכאַמאָל פאַרגעלייגט אוועקוואַרפן די שפּיל, נאָר דעם זעלבן טאָג האָב איך, צוריקקומענדיק פון טראַקטיר מיטן אָקרעפּ, געהערט, ווי ער רעדט איין דעם ניט לאַנג אָנגעקומענעם שאָכנס פּריקאַשטשיק:

— דו לערן אים אָן צוגאַנגוועגע א פּסאַלטער — אינגיכן וועלן מיר באַקומען פּסאַלטערס, דריי קערב...

איך האָב פאַרשטאַנען, אז די רייד גייט וועגן מיר, — ווען איך בין אריין אין דער קלייט, זיינען זיי ביידע געקומען אין פאַרלעגנהייט, און אויך אויסער דעם סימען האָב איך געהאַט א גרונט זיי כוישעד צו זיין אין א לעפּישעוואַטער פאַרשווערונג קעגן מיר.

דעם שאָכנס פּריקאַשטשיק האָט שוין ניט דאָס ערשטע מאָל געדינט בא אים. ער האָט זיך גערעכנט פאַר א פלינקן הענדלער, נאָר ער האָט געליטן אפ טרינקזוכט. אפ דער צייט פון זיין שיקערטרינקען פלעג אים דער באַלעבאָס ארויסטרייבן, און דערנאָך פלעג ער ווידער נעמען צו זיך אָט דעם זאַפּט־אָרעמען און קליינקרעפּטיקן מענטשן מיט די כיטרע אויגן. אויסערלעך א ווייכער, אַן אונטערטעניקער צום באַלעבאָס מינדסטן זשעסט, האָט ער שטענדיק געשמייכלט צו זיך אין בערדל אריין מיט א קלוגיטשקן שמייכעלע, האָט ליב געהאַט זאָגן א שאַרף ווערטל, און פון אים האָט געטראָגן מיט יענעם פאַסקודנעם רייעך, וואָס הערט זיך פון מענטשן מיט פוילע ציין, כאָטש זיינע ציין זיינען געווען ווייס און שטאַרק.

איינמאָל האָט ער מיך שרעקלעך פאַרכידעשט: ער איז צוגעגאַנגען צו מיר ליב שמייכלענדיק, און פּלוצלינג האָט ער פון מיר אראָפּגעשלאָגן דאָס היטל און אָנגעכאַפּט פאַר די האָר. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן שלאָגן, פון דער גאַלעריי האָט ער מיך אריינגעשטויסן אין קלייט און זיך אלץ געפּלייסט אומוואַלגערן מיך אפ די גרויסע קיאָטן, וואָס זיינען געשטאַנען אפן פּאָל — ווען דאָס גיט זיך אים איין, וואָלט איך צעקנאַקט די גלאָזן, צעבראָכן די שניצערייַ און וואָלט אוודאי צעדראַפּעט די טייערע איקאָנעס. ער איז געווען זייער שוואַך, און מיר איז געראָטן אים בייקומען, נאָר דערנאָכמאָל האָט אָט דער בערדיקער מאַנצבל, צו מיין גרויסן וווּנדער, זיך ביטער צעוויינט, איז דערביי געזעסן אפן פּאָל און געווישט די צעשלאָגענע נאָז.

און דעם צווייטן פרימאָרגן, ווען אונדזערע באַלעבאַטים זיינען ערגעץ אוועק, און מיר זיינען געווען אליין, האָט ער פריינטלעך געזאָגט צו מיר, רייבנדיק מיט א פינגער דעם בייל אפן נאָז־צווישן און הארט אונטערן אויג:

— מיינסט, דאָס האָב איך מיטן אייגענעם ווילן און כיישעק זיך ארופגעוואָרפן אפ דיר? איך בין ניט קיין נאַר, כ׳האָב געוווּסט, אז דו וועסט מיר געבן קלעפּ, איך בין א מענטש א שוואַכער, א טרינקענדיקער. דאָס האָט מיר דער באַלעבאָס געהייסן: גיב אים, זאָגט ער, א כיילעק און זע, ער זאָל בייסן געשלעג וואָס מער קאַליע מאַכן בא זיך אין קלייט, זאָלן זיי האָבן שאָדן! און אליין וואָלט איך זיך ניט אָנגעהויבן: אָט ווי דו האָסט מיר די צורע צעמאָלט...

איך האָב אים געגלייבט און האָב ראַכמאָנעס געקריגן אפ אים, איך האָב געוווּסט, אז ער לעבט הונגערנדיק מיט א פרוי, וואָס שלאָגט אים. דאָך האָב איך א פרעג געטאָן:

— און ווען מע צווינגט דיך אָפּסאַמען אַ מענטשן, וואָלסטו געסאַמט?

— ער קען צווינגען, — האָט דער פּריקאַשטשיק געזאָגט שטיל, מיט אַ נעבעכ־דיק שמייכעלע, — ער קען...

אינגיכן נאָך דעם האָט ער מיך געפּרעגט:

— הער זיך איַין, איך האָב ניט קיין גראָשן, אינדערהיים איז ניטאָ וואָס צו פרעסן, דאָס וויַיב שעלט זיך, שלעפּ צו, גוטער ברודער, באַ זיך פון לאַגער אוועלכע ניט איז איקאָנע, און איך וועל זי פאַרקויפן. אַ? שלעפּ צו, אַ? אָדער אַ פּסאַלטער?

— איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם שוכוואַרג־מאַגאַזין, דעם קלויסטער־וועכ־טער. ס'איז מיר געקומען דער געדאַנק: ער וועט מיך אויסגעבן, אָט דער מענטש! נאָר אָפּזאָגן איז געווען שווער, און איך האָב אים געגעבן אַן איקאָנע. צושלעפּן אַ פּסאַלטער, וואָס האָט געקאָסט עטלעכע רובל, האָב איך ניט געפּויעלט באַ זיך, דאָס האָט מיר אויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן פאַרברעכן. וואָס קאָן מען טאָן? אין דער מאָראַל איז שטענדיק פאַרשטעקט די אַריפמעטיק. די הייליקע נאַיִווקייַט פונעם „סטאַטוט וועגן שטראָפן קרימינעלע" גיט זייער גוט אויס אָט דעם קליינינקן סעק־רעט, הינטער וועלכן ס'באַהאַלט זיך דער גרויסער ליגן פון אייגנטום.

אַז איך האָב דערהערט, ווי מייַן פּריקאַשטשיק גיט אַריַין אָט דעם געפלאָגטן מענטשן דעם געדאַנק, ער זאָל מיך אונטערריידן צוגאַנווענען אַ פּסאַלטער — האָב איך זיך דערשראָקן. ס'איז געווען קלאָר, אַז מייַן פּריקאַשטשיק ווייסט, אַז איך בין אַ גוטער אַף זייַן כעזשבן, און אַז דעם שאָכנס פּריקאַשטשיק האָט אים דערציילט וועגן דער איקאָנע.

די ניט־אָנשטענדיקייַט פון גוט זייַן אַף אַ פרעמדן כעזשבן און אָט די פּאַס־קודנע פאַסטקע פאַר מיר — אַלץ איניינעם האָט באַ מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון אופגעבראַכטקייַט, פון עקל צו זיך און צו אַלעמען. עטלעכע טעג האָב איך זיך ביטער געפּייַניקט, וואַרטנדיק, ווען וועלן אָנקומען די קערב מיט די ביכער. ענד־לעך, זייַנען זיי אָנגעקומען. איך צענעם זיי אינעם לאַגער, צו מיר קומט אַרייַן דעם שאָכנס פּריקאַשטשיק און בעט, איך זאָל אים געבן אַ פּסאַלטער.

דענסטמאָל פרעג איך אים:

— דו האָסט אָפּגעטראָגן צו מייַנעם וועגן דער איקאָנע?

— אָפּגעטראָגן, — האָט ער געענטפערט מיט אַ דערשלאָגענער שטים. — איך, ברודער, קען ניט באַהאַלטן קיין זאַך...

דאָס האָט מיך איבערראַשט, איך האָב זיך צוגעזעצט אַפן פאָל און אויסגע־ראַטשעט אַף אים די אויגן, און ער האָט גענומען אַפּגיך עפּעס בעבען, אַ צע־מישטער, אַ שרעקלעך נעבעכדיקער:

— פאַרשטייסט, דייַנער האָט זיך אַליין אָנגעשטויסן, דאָס הייסט, מייַן באַלע־באָס האָט זיך אָנגעשטויסן און דערציילט דייַנעם...

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער — זיי האָבן מיר אָפּגעטאָן, אָט די מענטשן, און איצט איז מיר אָנגעגרייט אַן אָרט אין דער קאָ־לאָניע פאַר מינדעריעריקע פאַרברעכער! אויב אַזוי — איז שוין אַלצייַנס! אויב זיך טרינקען, איז אַף אַ טיפן אָרט. איך האָב אַרייַנגעשטופּט דעם פּריקאַשטשיק אין

די הענט א פסאַלטער, ער האָט אים באַהאַלטן אונטערן פּאַלטאָ און איז אַוועק, נאָר גלייך זיך אומגעקערט, און דער פּסאַלטער איז א פאַל געטאָן מיר צו די פיס. און דער מענטש האָט אַוועקגעשפּאַנט, זאָגנדיק:

— איך נעם ניט! מע קען אומקומען מיט דיר...

איך האָב ניט פאַרשטאַנען די ווערטער — פאַרוואָס קען מען אומקומען מיט מיר? נאָר איך בין זייער געווען צופרידן, וואָס ער האָט ניט גענומען דעם בוך. נאָכדעם האָט מײַן קליינינקער פּריקאַשטשיק אָנגעהויבן קוקן אף מיר נאָך מיט מער בייזקייט און פאַרדאַכט.

דאָס אַלץ האָב איך זיך דערמאַנט, ווען לאַריאָניטש איז אַוועק אַרויף. ער האָט זיך געזאַמט ניט לאַנג און האָט זיך אומגעקערט נאָך מער דערשלאָגן און שטיל, ווי שטענדיק, און פאַרן אָוונטברויט, אויג אף אויג, האָט ער מיר געזאָגט:

— איך האָב זיך געסטאַרעט, מע זאָל דיך אָפּלאָזן פון דער קלייט, אָפּגעבן אין ווערקשטאַט. ס'איז ניט אַרויס! קוזמאַ וויל ניט, ביסט אים זייער ניט צום האַרצן...

אין שטוב האָב איך געהאַט א סוינע, דעם פּריקאַשטשיקס קאַלע, א מיידל א שפּילעוודיקס איבער דער מאָס. מיט איר האָט זיך געשפּילט די גאַנצע יונגוואַרג פונעם ווערקשטאַט, אָפּגעוואַרט אף איר אין פירהויז, אַרומגענומען. זי פלעג זיך דערפון ניט באַליידיקן, נאָר שטיל אונטערקוויטשען, ווי א קליין הינטל. פון אינדערפרי ביז אינאָוונט האָט זי געקײַט, אירע קעשענעס זײַנען שטענדיק געווען אָנגעשטאָפּט מיט האָניק-לעקעכלעך, מיט פלעצעלעך, די קינבאַקן האָבן זיך אָן אויפהער באַוועגט. קוקן אף איר פוסט פּאָנעם מיט די אומרויִקע גרויינקע אייגעלעך איז געווען ניט אַנגענעם. מיר און פּאַוולען פלעג זי פאָרלייגן רעטענישן, וואָס האָבן שטענדיק באַהאַלטן א גראָבינקע אומפאַרשעמטקייט, פלעג אונדז איבערגעבן שנעל־ריידענישן, וואָס פלעגן זיך צונויפגיסן אין עפּעס אַן אומלײַטיש וואָרט.

איינמאָל האָט איר איינער פון די באַיאָרטע מײַסטערס געזאָגט:

— אײַ, ביסטו, מיידל, אומפאַרשעמט!

זי האָט האָפערדיק אָפּגעענטפערט מיט די ווערטער פון א פאַרשײַטער ליד:

— אז א מיידל טוט זיך שעמען —
טויג זי ניט, מע זאָל זי נעמען...

איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אַזא מיידל, זי איז מיר געווען דערווידער און האָט מיך געשראָקן מיט אירע גראָבע רייצענישן. זעענדיק, אז די דאָזיקע רייצענישן זײַנען מיר ניט זיס, איז זי געוואָרן וואָס אַמאָל פרעכער.

איינמאָל אין קעלער, ווען איך מיט פּאַוולען האָבן איר געהאָלפן פּאַרען פעסלעך פון אונטער קוואַס און אוגערקעס, האָט זי אונדז פאָרגעלייגט:

— איר ווילט ייִנגלעך, וועל איך אײַך אויסלערנען קושן זיך?

— איך קען בעסער פאַר דיר, — האָט איר פּאַוועל געענטפערט מיט א געלעכטער, און איך האָב איר געזאָגט, זי זאָל גיין זיך קושן צו איר כאָסן, און האָב עס געזאָגט ניט זייער פרײַנטלעך. זי איז אין כּעס געוואָרן.

— אַך, ס׳אַרא גרוביאַן! אַ פרײַלן איז מיט אים ליבלעך, און ער קערט אָפּ די נאָז. זאָגט נאָר, ס׳אַרא צאָרע דאָס איז!

און זי האָט צוגעגעבן, דראָענדיק מיט אַ פינגער:

— נו, וואַרט, איך וועל עס דיר געדענקען!

פּאַוועל האָט איר אויך געזאָגט, אונטערהאַלטנדיק מיך:

— דער כאָסן וועט דיר שוין געבן, אַז ער וועט געווירע ווערן פון דײַן צעלאָזנקייט.

זי האָט מיט פאַראַכטונג פאַרקנייטשט דאָס פּרישטשעוואַטע פּאָנעם.

— איך האָב קיין מוירע ניט פאַר אים! מיט מײַן נאַדן וועל איך אַ צענדליק געפינען, בעסערע אַסאַך. אַ מויד ביז דער כאַסענע איז די סאַמע צײַט אַפּ אַ הור-ליע טאָן.

און זי האָט אָנגעהויבן הוליען מיט פּאַוולען, נאָר איך האָב פון דעמלט אָן גע-קריגן אין איר אַן אומדערמידלעכע מאָסערטע.

אין דער קלייט איז געוואָרן אַלץ שווערער. איך האָב איבערגעלייענט אַלע קלויס-טער־ביכער. מיך האָבן שוין מער ניט פאַרכאַפּט די וויקוכים און די שמועסן פון די פּירזאָגער, — זיי האָבן קעסיידער גערעדט וועגן איינעם און דעם זעלבן. נאָר פּיאָטער וואַסיליעוו האָט ווי פריִער מיך צוגעצויגן מיט זײַן וויסן דאָס טונ-קעלע מענטשלעכע לעבן, מיט זײַן קענען ריידן אינטערעסאַנט און מיט ברען. אַמאָל פלעג זיך מיר טראַכטן, אַז אָט פּונקט אַזאַ־אָ איז אַרומגעגאַנגען אי-בער דער ערד דער נאָווי עלישאָ, אַן איינזאַמער און אַ נעקאָמע־אָנגעלאָדענער.

נאָר יעדעס מאָל, ווען איך האָב גערעדט מיטן אַלטן אָפנהאַרציק וועגן מענטשן, וועגן מײַנע געדאַנקען, פלעג ער, נאָך דעם, אַז ער פלעג וויל צוגעלאָזט אויס-הערן, אָפּטראָגן מײַנע רייד צום פּריקאַשטשיק, און יענער איז אָדער ער פלעג מיך באַליידיקנדיק אויסלאַכן, אָדער בייז שעלטן.

איינמאָל האָב איך געזאָגט דעם אַלטן, אַז ניט זעלטן פאַרשרײַב איך זײַנע רייד אין אַ העפט, וווּ ס׳זײַנען באַ מיר פאַרשריבן פאַרשיידענע געדיכטן, אַרויסזאָ-גונגען פון ביכער. דאָס האָט דעם פּירזאָגער שטאַרק דערשראָקן, ער האָט זיך גיך אַ שאָקל געטאָן צו מיר און אָנגעהויבן אומרויִק פאַנאַנדערפרעגן:

— צו וואָס טוסטו עס? דאָס, קליינער, טויג ניט! צום פאַרגעדענקען? ניין, וואַרף עס אַוועק! ס׳אַרא מאָדנער דו ביסט! דו ווײַז מיר אָט די פאַרשרײַבעכצן דײַנע, אַ?

ער האָט מיך לאַנג און אײַנגעשפּאַרט אײַנגערעדט, איך זאָל אים אָפּגעבן די העפט אָדער זי פאַרברענען, און דערנאָך האָט ער גענומען זיך שושקען מיטן פּריקאַשטשיק.

ווען מיר זײַנען געגאַנגען אַהיים, האָט מיר דער פּריקאַשטשיק שטרענג גע-זאָגט:

— דו מאַכסט דאָרטן עפּעס פאַרשרײַבונגען — איז זאָל דאָס באַ מיר מער ניט זײַן! געהערט? דערמיט פאַרנעמען זיך נאָר שפּיאָנען.

איך האָב אומפאָרזיכטיק אַ פרעג געטאָן.

— ווי־זשע איז מיט סיטאַנאָוון? ער פאַרשרײַבט אויך.

— אויך? אַזאַ לאַנגער לעקיש...

אָפגעשוויגנ היפש לאנג, האָט ער אומגעווינלעכ ווייכ פאָרגעלייגט:

— הער נאָר, באַווייַז מיר דייַנ העפט אונ סיטאנאָווס אויכ — ווערסט דערפאר קריגנ א האלב קערבל! נאָר מאכ עס אזוי, אז סיטאנאָוו זאָל ניט וויסנ, שטילערהייט...

ער איז, ווייַזט אויס, געווענ זיכער, אז איכ וועל אויספירנ זייַנ פארלאנג, האָט מער ניט גערעדט קיינ וואָרט אונ איז אוועקגעלאָפנ פאָרויס פונ מיר אפ די קורצע פיסלעכ.

אינ שטוב האָב איכ דערציילט סיטאנאָוונ וועגנ דעמ פריקאשטשיקס פאָרשלאג, יעווגעני האָט זיכ אָנגעכמורעט.

— האָסט אומזיסט געפלאפלט... איצט וועט ער שוינ עמעצנ אָנלערנענ ארויסגאנוועגנ די העפטנ בא מיר אונ בא דיר. ווייַז מיר אהער דייַנע, וועל איכ באהאלטנ... אונ דיכ וועט ער גיכ ארויסשטויסנ, זייַ באוואָרנט!

איכ בינ געווענ זיכער דערינ — אונ האָב באשלאָסנ אוועקגיינ, ווי נאָר די באבע וועט זיכ אומקערנ אינ שטאָט, — זי האָט דעמ גאנצנ ווינטער געלעבט אינ באלאכנא, פארבעטנ צו עמעצנ לערנענ מיידלעכ פלעכטנ שפיצנ. דער זיידע האָט ווידער געלעבט אינ קונאווינאָ, איכ בינ צו אימ ניט געגאנגענ, אונ אויכ ער פלעג, זייַענדיק אינ שטאָט, מיכ ניט באזוכנ. איינמאָל האָבנ מיר זיכ צונויפגעשטויסנ אפ דער גאס, ער איז געגאנגענ אינ א שווערנ שאָפנ־פוטער, וויכטיק אונ לאנגזאמ, ווי א גאלעכ, איכ האָב זיכ מיט אימ באגריסט, ער האָט מיכ אָנגעקוקט פונ אונטער דער דלאָניע אונ פארקלערטערייט געזאָגט:

— א, דאָס ביסטו... ביסט איצטער א גאָטשמירער, יאָ, יאָ... נו, גיי, גיי! — האָט מיכ אָפגעשטופט פונעמ וועג אונ איז פונקט אזוי וויכטיק אונ לאנגזאמ אוועק ווייַטער.

די באבע האָב איכ געזענ זעלטנ. זי האָט געארבעט אָנ אופהער, געהאָדעוועט דעמ זיידנ, וואָס האָט אונטערגעקרענקט אפ זקיינישנ שוואכזינ, האָט זיכ געפּאָרעט מיט די קינדער פונ די פעטערס. באזונדערס אסאכ זאָרג האָט איר פארשאפט סאשע, מיכאילס זונ, א שיינער יונג, א טרוימער אונ א ביכער־ליבהאָבער. ער האָט געארבעט אינ די פארבערייַענ, אָפט אריבערגייענדיק פונ איינ באלעבאָס צומ צווייטנ, אונ אינ צווישנ־צייַטנ איז ער געזעסנ בא דער באבענ אפנ האלדז, רויִק אויסווארטנדיק, ביז זי וועט אימ קריגנ א נייַ אָרט. אפ איר האלדז איז אויכ געהאנגענ סאשעס שוועסטער, וואָס האָט ניט־געראָטנ כאסענע געהאט פאר א שיקערנ האנטווערקער, אונ ער פלעג זי שלאָגנ אונ טרייַבנ פונ שטוב.

באגעגענענדיק זיכ מיט דער באבענ, פלעג איכ אלצ באוווסטזיניקער קלייַבנ היספּייַלעס פונ איר נעשאָמע, נאָר איכ האָב געפילט, אז אָט די שיינע נעשאָמע איז שוינ פארבלענדעט פונ ווונדער־מייַסעס אונ ניט פייִק צו זענ, קאָנ ניט פארשטיינ די דערשייַנונגענ פונ דער ביטערער ווירקלעכקייַט, אונ מייַנ אומרו, מייַנע אופרעגונגענ זייַנענ איר פרעמד.

— מע דארפ לייַדנ, אָליאָשא.

דאָס איז אלצ, וואָס זי האָט מיר געקענט ענטפערנ אפ מייַנע דערציילונגענ וועגנ די העסלעכקייַטנ פונ לעבנ, וועגנ די מאטערנישנ פונ די מענטשנ, וועגנ דער בענקשאפט — וועגנ אלצ, וואָס האָט מיכ אזוי געערגערט.

איך בין געווען שלעכט צוגעפּאסט צום געדולדיקן ליַידן, און טאָמער האָב איך אמאָל יאָ ארויסגעוויזן אָט די מידע פון א בעהיימע, א בוים, א שטיין — האָב איך זי ארויסגעוויזן צוליב אויספּרווון זיך, צוליב דעם, איך זאָל וויסן דעם פּארנעם פון מיַינע קויכעס, דעם גראד שטאנדפעסטיקיַיט מיַינעם אפ דער ערד. אמאָל מאכט זיך, אז אויס נארישער בעריאקישקיַיט, אויס קינע צום קויעכ פון די דערוואקסענע, פּרווון מינדעריעריקע אופהייבן און הייבן אפילע אופ מאסעס, וואָס זיַינען צו שווער פאר זיַיערע מוסקולן און ביינער, פּרובירן בארימעריש, ווי דערוואקסענע גווארן, זיך ציילעמענ מיט צווייפודיקע געוויכטן.

איך האָב דאָס אויך אלצ געטאָן אין דירעקטן און אין איבערגעטראָגענעם זין, פיזיש און גיַיסטיק, און נאָר אדאנק עפּעס א צופעליקיַיט האָב איך זיך ניט אונטערגעריסן אפ טויט, ניט צעקאליטשעט זיך אפן גאנצן לעבן, וויַיל קיין זאכ צעקאליטשעט ניט דעם מענטשן אזוי שרעקלעכ, ווי סע קאליטשעט אים געדולד, אונטערטעניקיַיט צו דער קראפט פון די אויסערלעכע באדינגונגען.

און אויב איך וועל סאָפקאָלסאָפ זיך פונדעסטוועגן לייגן אין דער ערד א צעקאליטשעטער, וועל איך — ניט אָן שטאָלצ — זאָגן אין מיַין לעצטער שאָ, אז גוטע מענטשן, האָבן א יאָר פערציק ערנסט זיך געמיט אויסצוקרומען די נעשאָמע מיַינע, נאָר זייער איַינגעשפּארטע מי איז געווען ניט זייער געראָטן.

אלצ אָפטער פלעג מיך אָנכאפּן א שטורעמדיקער פארלאנג צו לעצעווען, פארוויַילן מענטשן, צווינגען זיי לאכן. מיר פלעג זיך עס איַינגעבן, איך האָב געקענט דערציילן וועגן די סאָכרים פון אונטערשטן מארק, פאָרשטעלנדיק זיי אין געשטאלטן, באוויַיזן ווי פויערים און פויערטעס פארקויפן איקאָנעס, ווי פלינק דער פריקאשטשיק נארט זיי אָפּ, ווי די פירזאָגער שפּארן זיך.

דער ווערקשטאט פלעג לאכן, ניט זעלטן פלעגן די מיַיסטערס ווארפן די ארבעט, קוקנדיק ווי איך שטעל פאָר, נאָר דערנאָכ פלעג לאריאָניטש שטענדיק מיר אייצען:

וואָלסט עס גליַיכער אלצ וויַיזן נאָכן אָוונטברויט, שטערסט ארבעטן...

פארענדיקט די „פאָרשטעלונג”, פלעג איך זיך דערפילן גרינג, ווי אראָפּגעוואָרפן א לאסט, וואָס האָט מיך געדריקט. אפ א האלבער שאָ, אפ א שאָ פלעג איך קאָפּ ווערן אנגענעם פּוסט, און דערנאָכ פלעג ווידער דוכטן, אז דער קאָפּ איז מיר פול מיט שארפע קליינע צוועכעס, זיי רירן זיך דאָרטן, ווארעמענ זיך אָן.

ארום מיר האָט אופגעזאָטן עפּעס א קויטיקע קאשע, און איך האָב געפילט ווי איך צעקאָכ זיך פאמעלעכן אין איר.

ס'פלעג זיך טראכטן:

„ניט שוין־זשע איז דאָס גאנצע לעבן אזאמינס־אָ? און איך וועל לעבן אזוי, ווי אָט די מענטשן, וועל ניט געפינען, וועל ניט זען קיין בעסערס?”

— ווערסט בייז, מאקסימיטש, — האָט מיר געזאָגט זשיכאריאָוו, אופמערקזאם מיך אָנקוקנדיק.

סיטאנאָוו פלעג מיך אָפט פרעגן:

— וואָס איז עס מיט דיר?

דאָס לעבן האָט פּאראקשנט און גראָב אָפּגעווישט אין מיַין נעשאָמע זיַינע איי־

געגע בעסטע געשריפטסן, גיפטיק פארבײַטנדיק זיי מיט עפּעס אַן אומנוציקן מיסט — כ'האָב בייז און אײַנגעשפּאַרט זיך אָקעגנגעשטעלט זײַן געוואַלט, איך בין געשוויגן איבער דעם זעלבן טײַך, ווי אַלע, נאָר מיר איז די וואַסער געווען קעלטער און זי האָט מיך ניט אַזוי לײַכט געהאַלטן, ווי אַנדערע — צײַטנווײַז פלעג מיר דוכטן אַז איך זינק אין עפּעס אַ טיף.

די מענטשן האָבן זיך באַצויגן צו מיר אַלץ בעסער, מע האָט ניט געשריגן אָפּ מיר, ווי אָפּ פּאַוולען, ניט אַרומגעיאָגט מיך, מיך האָט מען גערופן באַם פּאָטער־נאָמען — דערמיט אונטערצושטרײַכן די אַכטונג צו מיר. דאָס איז גוט, נאָר ס'איז געווען אַ ווייטעק צו זען, ווי די מענטשן טרינקען אָן אַ שיר בראָנפן, ווי עקלדיק זיי זײַנען שיקערערהייט, און ווי קרענקלעך ס'איז זייער באַציִונג צו פרויען, כאָטש איך האָב פאַרשטאַנען, אַז בראָנפן און פרויען זײַנען די איינציקע פאַרווײַלונגען אין דעם לעבן.

אָפט פלעג זיך מיר דערמאָנען מיט טרויער, אַז די קליגסטע, דרייסטע נאַטאַליע קאָזלאָווסקאַיאַ פלעג אויך ריידן, אַז די פרוי איז אַ פאַרווײַלונג.

נאָר ווי־זשע, אויב אַזוי, איז מיט דער באַבען? און מיט דער קעניגין מאַרגאָ?

וועגן דער קעניגין פלעג איך זיך דערמאָנען מיט אַ געפיל, וואָס איז נאָענט צו שרעק, — זי איז געווען אַזוי פרעמד אַלעמען, ווי איך וואָלט זי געזען אין כאָלעם.

איך האָב צופיל געגומען טראַכטן וועגן פרויען און האָב שוין געשטעלט פאַר זיך די פראַגע: צי זאָל איך ניט גיין אין דעם נאָענטסטן יאָנטעוו אַהין, וווּהין אַלע גייען? דאָס איז ניט געווען קיין פיזישער באַגער, — איך בין געווען געזונט און האָב זיך געמיִעסט, נאָר צײַטנווײַז האָט זיך ביז ווילדקײַט געוואָלט אַרומנעמען עמעצן אַ מילדן, אַ קלוגן און אָפנהאַרציקן, אָן אַ שיר לאַנג ריידן, ווי מיט אַ מאַמען וועגן דעם, וואָס באַאומרויִקט די נעשאָמע.

איך בין מעקאַנע געווען פּאַוולען, ווען ער פלעג מיר באַנאַכט דערציילן וועגן זײַן ראָמאַן מיטן שטוב־מיידל פון אַנטקעגן.

אָט, ברודער, אַן אײַנפאַל: מיט אַ כוידעש צוריק האָב איך אין איר געשלײַדערט מיט שניי, זי איז מיר ניט געפעלן געווען, און איצט — זיצסטו אָפּ דער באַנק, דריקסט זיך צו איר צו — און ס'קאָן גאָר קיינער טײַערער ניט זײַן!

— וועגן וואָס רעדט איר?

— וועגן אַלץ, פאַרשטייט זיך. זי מיר — וועגן זיך, און איך איר — אויך וועגן זיך. נו, מיר קושן זיך... נאָר זי איז אַן ערלעכע... זי, ברודער, איז אַ שרעק, וואָס פאַר אַ מין ווילע זי איז!.. אײַ, רויכערסטו, ווי אַן אַלטער סאָלדאַט!

איך האָב אַסאַך גערויכערט. דער טאַבעק פלעג פאַרשיקערן און אָפּטעמפּן די אומרויִקע געדאַנקען, די צערודערטע געפילן. בראָנפן האָט באַ מיר, צו מײַן גליק, געוועקט אַ ווידערגעפיל מיט זײַן רייעך און טאַם, פּאַוועל, אָבער, האָט געטרונקען גערן, און אַז ער פלעג זיך אָנטרינקען, פלעג ער יאָמערלעך וויינען:

— אַהיים וויל איך, אַהיים! לאָזט מיך אָפּ אַהיים...

ער, איז, געדענקט זיך מיר, געווען אַ יאָסעם, פּאָטער און מוטער זײַנען אים פרי אָפּגעשטאָרבן, קיין ברידער, קיין שוועסטער זײַנען ניט געווען, צו אַ יאָר אַכט האָט ער שוין געלעבט באַ פרעמדע מענטשן.

אינ אָט דער שטימונג פונ אומרויִקער אומצופרידנקייט, וואָס איז נאָכ מער אופגערייצט געוואָרנ דורכ די רופנ פונעמ פרילינג, האָב איכ באשלאָסנ ווידעראמאָל אָנקומענ אפ א דאמפער, אראָפּלאָזנ זיכ ביז אסטראכאנ אונ אנטלויפנ קיינ פערסיע.

כ׳געדענק ניט, פארוואָס עפּעס קיינ פערסיע, עפשער נאָר דערפאר, ווייל מיר זיינענ זייער געפעלנ געוועננ די סאָכרימ פערסנ אפנ ניזשעגאָראָדער יאָרמארק: זיצנ אזוינע שטיינערנע געצנ, אויסגעשטעלט אפ דער זונ די געפארבטע בערד, רויכערנ רויִק קאליאנ, אונ אויגנ בא זיי גרויסע, טונקעלע, אלצוויסנדיקע.

איכ וואָלט געוויס ערגעצ אנטלאָפנ, נאָר אינ דער פאסכע־וואָכ, ווענ א טייל מייסטערס איז אוועקגעפאָרנ אהיימ, אינ זייערע דערפער, אונ די איבערגעבליבענע האָבנ געשיקערט, האָב איכ, שפאצירנדיק אינ א זוניקנ טאָג איבערנ פעלד בא דער אָקא, באגעגנט מיינ באלעבאָס, דער באבעס פלימעניק.

ער איז געגאנגענ אינ א לייכטנ גרויענ פאלטאָ, די הענט אינ די הויזנ־קעשענעס, אינ די ציינ א פאפיראָס, דער הוט אפנ נאקנ. זיינ אנגענעמ פּאָנעמ האָט צו מיר פריינטלעכ געשמייכלט. ער האָט געהאט א צוציִענדיקנ אויסזענ פונ א מענטשנ א פרייענ, א פריילעכנ, אונ אויסער אונדז ביידנ איז אינ פעלד קיינער ניט געווענ.

— א, פעשקאָוו, מיט קריסטוסעס ווידערופשטיינ!

מיר האָבנ זיכ צעקריסטאָסעוועט, ער האָט געפרעגט, ווי מיר לעבט זיכ, אונ איכ האָב אימ אָפנהארציק דערציילט, אז דער ווערקשטאט, די שטאָט אונ אלצ אינ אלגעמיינ איז מיר נימעס געוואָרנ, אונ איכ האָב באשלאָסנ פאָרנ קיינ פערסיע.

— הער אופ, — האָט ער געזאָגט ערנסט, — צו וועלכנ שווארציאָר טויג דיר די דאָזיקע פערסיע? דאָס, ברודער, איז מיר באקאנט, אינ דיינע יאָרנ האָט זיכ מיר אויכ געגלוסט אנטלויפנ צו אלדע רוכעס!..

מיר איז געפעלנ געוואָרנ, וואָס ער ווארפט זיכ אזוי וווילעריש מיט רוכעס. אינ אימ האָט געשפילט עפּעס א גוטס, א פרילינגדיקס, עפּעס איז ער אינגאנצנ געווענ ווילעריש פארבראָכנ אפ א זייט.

— רויכערסט? — האָט ער געפרעגט, דערלאנגענדיק א זילבערנעמ פאָרטסיגאר מיט דיקע פאפיראָסנ.

נו, דאָס האָט מיכ שוינ אינגאנצנ באזיגט!

— אָט וואָס, פעשקאָוו, גיי צו מיר באנייס א קאָנ! — האָט ער פאָרגעלייגט. — איכ, ברודער, האָב דאָס יאָר אָנגענומענ פּאָדריאדנ אפנ יאָרמארק אפ א קערבלעכ פערציק טויזנט — פארשטייסט? איז אָט, וועל איכ דיכ איינאָרדענענ אפנ יאָרמארק טאקע, וועסט בא מיר זיינ א מינ אופזעער, וועסט צונעמענ פארשיידענע מאטעריאלנ, אכטונג געבנ, אלצ זאָל צו דער צייט זיינ אפ אנ אָרט, אונ די ארבעטער זאָלנ ניט גאנווענענ — ס׳גייט? געהאלט — פינפ א כוידעש אונ א פיאטאק אפ מיטיק! די ווייבער גייענ דיר ניט אָנ, אינדערפרי אוועק, איננאָוונט צוריק, — די ווייבער בלייבנ אויסנ! נאָר — זאָג זיי ניט, אז מיר האָבנ זיכ געזענ! פראָסט קומ צו גייג זונטיק אפ דער פאָמינער אונ — אנ עק!

מיר האָבנ זיכ צעזעגנט, ווי גוטע־פריינט, צומ אָפשייד האָט ער מיר א דריק

געטאָנ די האנט אונ, אוועקגייענדיק, האָט ער אפילע פונדערווײַטנס פרײַנטלעכ צוגעפאָכעט מיטנ הוט.

ווענ איכ האָב געזאָגט אינ ווערקשטאט, אז איכ גיי אוועק, האָט עס אינ אָנהייב ארויסגערופנ בא דער מערהײַט א באדויערנ, וואָס איז מיר געווענ אנגענעמ, באזונדערס איז אופגערודערט געווענ פאוועל.

— נו, באטראכט נאָר, — האָט ער מיט פאָרווורפ גערעדט, — ווי ווועסטו עס לעבנ מיט פויערימ פארשיידענע נאָכ אונדז? טעסלערס, מאליארעס... עכ דו! דאָס רופט זיכ — פונ א דיאקאָנ א פאָנאָמאר...

זשיכאריאָוו האָט געוואָרטשעט:

— א פיש זוכט וואָס טיפער, א בעריע א יונג — וואָס ערגער...

די ארויסבאגלייטונג, וואָס דער ווערקשטאט האָט מיר אײַנגעאָרדנט, איז געווענ טרויעריק אונ נודנע.

— געוויס, לויִנט אויספרווונ אי דאָס, אי יענצ, — האָט זשיכאריאָוו, געל נאָכנ אויסניכטערנ זיכ, גערעדט, — נאָר גלײַכער איז פאראמאָל אונ שטײַפער זיכ פארטשעפענ פאר עפעס וואָס איינס...

— אונ שוינ אפ א גאנצ לעבנ, — האָט שטיל צוגעגעבנ לאריאָניטש.

נאָר איכ האָב געפילט, אז זייערע רייד זײַנענ אויסגעמאטערט אונ נאָר ווײַל מע מוז, — דער פאָדעמ, וואָס בינדט מיכ מיט זיי, איז מיטאמאָל אזוי ווי איבערגעפוילט געוואָרנ אונ האָט זיכ צעריסנ.

אפ די אייבערשטע נארעס האָט זיכ געדרייט דער שיקערער גאָגאָליעוו אונ געכריפעט:

— זאָל זיכ מיר נאָר פארוועלנ — זעצט מענ אײַכ אלעמענ אינ טורמע ארײַנ. איכ ווייס א סאָד. ווער גלייבט דאָ אינ גאָט? א־הא־א...

ווי שטענדיק, זײַנענ צו דער וואנט געשטאנענ צוגעשפארט אָנזיכטיקע ניטדערמאָלטע איקאָנעס, צו דער סטעליע זײַנענ געווענ צוגעקלעפט די גלעזערנע קײַלעכער. באמ פײַער האָט מענ שוינ לאנג ניט געארבעט, מיט די קײַלעכער האָט מענ זיכ ניט גענוצט, א גרויער שיכט סאזשע אונ שטויב האָט זיי צוגעדעקט. אלצ ארומ האָט זיכ אזויפיל פארגעדענקט, אז מיט פארמאכטע אויגנ זע איכ אינ דער פינצטער דעמ גאנצנ קעלער, די אלע טישנ, די סלוייִקעס מיט פארב אפ די פענצטערברעטער, בינטלעכ פענדזלענ מיט האלטערלעכ, איקאָנעס, דעמ צעבער מיט די פאָמעניעס אינ ווינקל, אונטערנ קופערנעמ האנטפאס, וואָס איז ענלעכ אפ דער קאסקע פונ א פײַערלעשער, אונ גאָגאָליעווס אראָפגעהאנגענעמ נאקעטנ פוס פונ די נארעס, א בלויענ, ווי דער פוס פונ א דערטרונקענעמ.

ס'האָט זיכ געוואָלט וואָס גיכער אוועקגיינ, נאָר אינ אונדזער ראסיי האָט מענ ליב פארציִענ טרויעריקע מינוטנ. אז מענטשנ געזעגענענ זיכ, איז ווי זיי וואָלטנ אָפריכטנ א ליטורגיע נאָכ א געשטאָרבענעמ.

זשיכאריאָוו האָט מיר געזאָגט, צונויפרוקנדיק די ברעמענ:

— אונ אָט דעמ בוכ „דעמאָנ" קאָנ איכ דיר ניט אָפגעבנ, — ווילסט פאר אימ צוואנציק קאָפיקעס?

דער בוכ איז געווענ מײַנ אייגנטומ — דער אלטער בראנדמייסטער האָט אימ

מיר אוועקגעשענקט, ס'איז מיר געווען א שאָד אָפּגעבן לערמאָנטאָווון. נאָר ווען איך האָב אביסל א באַליידיקטער זיך אָפּגעזאָגט פון געלט, האָט זשיכאַריאָוו דווקא אַרײַנגעלייגט די מאטבייע אין בײַטעלע און פעסט געמאָלדן:

— ווי דו ווילסט זיך, דעם בוך גיב איך ניט אָפּ! ס'א בוך ניט פאר דיר, דאָס איז אזא בוך, וואָס מיט אים קענסטו זיך גרינג אַרײַנשלעפּן אין א זינד...

— אָבער מע פארקויפט דאָך אים אין מאגאזינען, איך האָב געזען!

נאָר ער האָט מיט נאָך מער איבערצײַגונג מיר געזאָגט:

— דאָס איז א קלייניקײַט, אין די מאגאזינען פארקויפט מען פיסטאָלעטן אויך...

אזוי איז שוין לערמאָנטאָוו בא אים געבליבן.

גייענדיק ארוף געזעגענען זיך מיט דער באַלעבאָסטע, האָב איך זיך אין פּירהויז צונויפגעטראָפן מיט איר פּלימעניצע, זי האָט געפרעגט:

— מע זאָגט — דו גייסט אוועק?

— איך גיי אוועק.

— ווען דו גייסט ניט אוועק, טרײַבט מען דיך ארויס, — האָט זי מיר געגעבן צו וויסן ניט זייער העפלעך, דערפאר דורכויס אופריכטיק.

און די באַטרונקענע באַלעבאָסטע האָט געזאָגט:

— זײַ געזונט, זאָל דיר קריסטוס בײַשטיין — ביסט ניט קיין ווויל ייִנגל, און אזעסניק! כאָטש איך האָב פון דיר גאָרניט אזוינס ניט געזען, נאָר אַלע זאָגן — ביסט ניט קיין ווילער!

און זי האָט זיך פּלוצעם צעוויינט, ריידנדיק דורך טרערן:

— ווען ס'וואָלט איצט געלעבט דער פארשטאָרבענער, מײַן זיס מאנדעלע, די טײַערע נעשאָמע, וואָלט ער דיר אַרײַנגעלייגט א כיילעק, אַרײַנגעוואָרפן א דעכט מעסטל באָכענצעס — און וואָלט דיך איבערגעלאָזט, ניט געטריבן, ניין! און הײַנט איז אַלץ אוועק אנדערש: ווי נאָר עפּעס ניט אזוי, איז באַלד — וואָן־וואָן, ארויס! אָך, און וווהין וועסטו, ייִנגעלע, זיך אהינטאָן, צו וואָס וועסטו זיך צוטוליען?

XVI

איך פאָר מיטן באַלעבאָס אף א שיפל איבער די גאסן פונעם יאָרמארק, צווישן די שטיינערנע קלייטן, וואָס זײַנען פארגאָסן פון גרויסוואסער ביז דער הייך פון די צווייטע שטאָקן. איך זיץ בא די וועסלעס, דער באַלעבאָס אפן הינטערטייל רודערט אומגעשיקט, טיף אַרײַנזעצנדיק די רודער־וועסלע אין וואסער. דאָס שיפל דרייט זיך אומגעלומפּערט, פארקערעווענדיק פון גאס אין גאס איבער דעם שטילן מוטנע־פארקלערטן וואסער.

— עך, איז הײַנט הויך דאָס וואסער, דער טײַוול זאָל עס נעמען! וועט פאר־האַלטן די ארבעט, — וואָרטשעט דער באַלעבאָס, רויכערנדיק א ציגאר, דער רויך פון איר שמעקט מיט סמאַלענעס פון געוואנט.

— שטילער, — שרײַט ער דערשראָקן, — מיר פאָרן ארויף אף א לאמטערן! אויסגעקומען מיטן שיפל, זידלט ער זיך:

— נו, האָט מען אונדז געגעבן א שיפל, מענווואָלים!..

ער ווייַזט מיר די ערטער, וווּ ס'וועלן זיך אָנהייבן, באַלד ווי דאָס וואַסער וועט אָפּפאַלן, די אַרבעטן פון רעמאָנטירן די קלייטן: ביז בלוי אויסגעגאָלט, מיט אונ־טערגעשאָרענע וואָנצעס און א ציגאַר אין מויל, איז ער אָפּ קיין פּאָדריאַטשיק ניט ענלעך. ער טראָגט א לעדערנע קורטקע, הויכע שטיוול ביז די קני, איבערן אַקסל — א יאַגדטאַש, צווישן די פּיס שטעקט א טייַערע צוויירעריקע לעבעל־ביקס, ער רוקט אומרויִק איבער אַלע ווינקלען ... די עלטערע היטל, רוקט עס אָן אַפּ די אויגן, בלאָזט אָן די ליפּ און קוקט באַזאָרגט אַרום און אַרום, שלאָגט אַרופּ דאָס היטל אַפּן נאַקן, ווערט יינגער און שמייכלט אין די וואָנצעס, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַנגענעמס — און ס'גלייבט זיך ניט, אַז ער האָט אַזאַך אַרבעט, אַז דאָס לאַנגזאַמע פאַלן פונעם וואַסער באַאומרויִקט אים — אין אים שפּילט, קענטיק, א כוואַליע פון אומזאַכלעכע געדאַנקען.

און מיך דערדריקט א שטילער פאַרוואונדערונגס־געפיל: ס'איז אַזוי מאָדנע צו זען אָט די טויטע שטאָט, די גלייַכע רייען געבייַדעס מיט פאַרמאַכטע פענצטער — א שטאָט דורכויס א פאַרגאָסענע מיט וואַסער און אַזויווי א שווימענדיקע פאַרביי אונדזער שיפל.

דער הימל איז גרוי. די זון האָט זיך פאַרפּלאָנטעט אין די וואָלקנס, נאָר זעלטנ־וועז אדורכלויכטנדיק דורך זייער געדיכטעניש מיט א גרויסן ווינטערדיק־זילבער־נעם פלעק.

דאָס וואַסער איז אויך גרוי און קאַלט. דער שטראָם זייַנער איז ניט באַמערק־לעך. סע דוכט זיך, אַז ער איז פאַרגליווערט, איז אייַנגעשלאָפן אייננעם מיט די ליידיקע הייַזער, מיט די רייען קלייטן, וואָס זייַנען אָפּגעפאַרבט אין ברודיק־געלן קאָליר. ווען דורך די וואָלקנס קוקט די ווייַסלעכע זון, ווערט אַלץ אַרום ליכטיקער, דאָס וואַסער שפּיגלט אָפּ דעם גרויען געוועב פונעם הימל, — אונדזער שיפל הענגט דאַן אינדערלופטן צווישן צוויי הימלען. די שטיינערנע געבייַען הייבן זיך אויך אונטער און שווימען קוים באַמערקלעך צו דער וואָלגע, צו דער אָקאַ. אַרום דעם שיפל וויגן זיך צעשלאָגענע פעסער, קאַסטנס, קוישן, שפּענער און שטרוי, אַמאָל שווימט דורך, ווי א טויטע שלאַנג, א שטאַנג אָדער א קלאָץ.

ווי־ניט־ווי זייַנען די פענצטער אָפן, אַפּ די דעכער פון די קראָם־גאַלערייען טריקנט זיך גרעט, סטאַרטשענ פילץ־שטיוול. פון א פענצטער קוקט אַפּ דעם גרויען וואַסער א פרוי. צו א שפּיץ טשוהונענ זייַלעכל פון א גאַלעריי איז צוגעבונדן א שיפל, זייַנע רויטע באָרטנס שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער פעט און פליי־שיק.

ווינקענדיק מיטן קאָפּ אַפּ די דאָזיקע סימאָנים פון לעבן, דערקלערט מיר דער באַלעבאָס:

— דאָ וווינט דער וועכטער פונעם יאַרמאַרק. קריכט אַרויס פונעם פענצטער אַפּן דאַך, זעצט זיך אין א שיפל און פאָרט, גיט אַכטונג — צי זעען זיך ניט ערגעץ קיין גאַנאָווים? און אויב קיין גאַנאָווים זייַנען ניטאָ, גאַנוועט ער אַלייִן...

ער רעדט פויל, רויִק, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַנדערש. אַרום איז שטיל, וויסט

און אומגלויבלעך, ווי אין א כאָלעם. די וואָלגע און די אָקא האָבן זיך צונויפ־געגאָסן אין א ריזיקער אָזערע. אין דער ווײַט, אפ א האָריקן בארג, שײַנט קאָ־ליריק די שטאָט, איינגאנצן אין סעדער, וואָס זײַנען נאָך טונקל, נאָר די קנאָספּן פון די ביימער זײַנען שוין אָנגעדראָלן. און די סעדער קליידן אָן די הײַזער און די קלויסטערס אין א גרינבלעך־ווארעמען פעלץ. איבערן וואסער שפּרייט זיך געדיכט א פאסכע־געקלאנג, מע הערט, ווי סע הודעט די שטאָט, און דאָ איז, ווי אפ א פארגעסענעם צווינטער.

אונדזער שיפל דרייט זיך צווישן צוויי רייען שווארצע ביימער, מיר פאָרן מיט דער הויפּט־ליניע צום אלטן סאָבאָר. דער ציגאר שטערט דעם באלעבאָס, פאר־שטעלט אים די אויגן מיט עסעריקן רויך. דאָס שיפל [טיצעט זיך אלע ווײַלע מיט דער נאָז אָדער מיטן באָרטן אין שטאמען פון ביימער, — דער באלעבאָס כידעשט זיך א צערײַצטער:

— אזא פאסקודנע שיפל!

— הערט אוף צו פראוועו.

ווי־זשע קען מען? — וואָרטשעט ער. — אויב אין א שיפל זײַנען דאָ צוויי, איז אלעמאָל אזוי — איינער רודערט, דער צווייטער פראוועט. אָט קוק: די כינע־זישע רייען...

איך קען דעם יאָרמארק שוין לאנג אפ דורכ און דורכ, איך קען אויך אָט די קאָמישע רייען מיט די לעפישע דעכער. בא די ווינקלען דעכער זיצן, פארלייגט די פיס, גיפּסענע פיגורן פון כינעזער. ס'איז געווען אזא פאל אמאָל, אז איך מיט מײַנע כאוויירים האָבן מיר געוואָרפן אין זיי מיט שטיינער, און בא עטלעכע כינעזער האָב איך טאקע אָפּגעשלאגן די קעפ, די הענט, נאָר איך שטאָלציר שוין ניט דערמיט...

— נישטיקײַטן, — זאָגט דער באלעבאָס, טײַטנדיק אפ די רייען. — ווען מע גיט מיר, איך זאָל עס בויען...

ער פּײַפט, אריבערוקנדיק דאָס היטל אפן נאקן.

און מיר קומט דער געדאנק, אז ער וואָלט אויסגעבויט אָט די שטיינערנע שטאָט פונקט אזוי לאנגווײַליק, אפ דעם זעלבן נידעריקן אָרט, וואָס די וואסערן פון צוויי טײַכן פארגיסן עס פון יאָר צו יאָר, און וואָלט אויסגעטראכט פונקט אזוינע כינעזישע רייען...

דערטרונקען דעם ציגאר אונטערן באָרטן, האָט ער אים באגלייט מיט א שפּײַ פון עקל און רופט זיך אָן:

— אומעטיק, פעשקאָוו! אומעטיק. געבילדעטע מענטשן פעלן, זיך דורכריידן — ניטאָ מיט וועמען. ווילסט זיך א באָרים טאָן — איז פאר וועמען? ניטאָ קיין מענטשן, אלץ טעסלערס, מוליערס, פויערים, זשוליקעס...

ער קוקט רעכטס פון דער ווײַסער מעטשעט, וואָס האָט זיך שיין ארויסגעהויבן פון וואסער אפן בערגל, און זעצט פאָר, ווי ער זאָל זיך דערמאנען פארגעסנס.

— איך האָב אָנגעהויבן ביר טרינקען, רויכערן ציגארן, לעבן מײַסע־דײַטש. די דײַטשן, ברודער, זײַנען א געשעפטלעך פאָלק, אזוינע הינערשע כײַעס! ביר — איז אן אנגענעמע באשעפטיקונג, נאָר צו ציגארן האָב איך זיך נאָך ניט צוגע־

ווינט! רויכערסט זיך אָן, און דאָס ווײַב וואָרטשעט: וואָס שמעקט עס פֿון דיר, ווי פֿון א רימער? יאָ, ברודער, מיר לעבן, מיר קליגן זיך... נו, פּראָווע שוין אַליין...

אוועקגעלייגט די וועסלע אפן באָרטן, נעמט ער די ביקס און שיסט אין א כי־נעזער אפן דאך — דעם כינעזער האָט עס ניט געשאט, דער שרויט האָט באזייט דעם דאך און די וואנט, אופהייבנדיק אינדערלופטן שטויביקע רויכלעך.

— ניט געטראָפן, — אנערקענט דער שיסער אָן באדויער און לייגט ווידער אריין אין ביקס א פּאטראָן.

— ווי האלט עס בא דיר מיקויעך מיידלעך — האָסט שוין פארפאסט דעם טאָ־נעס? ניין? און איך האָב צו דרייַצן יאָר שוין געפּראָוועט ליבע...

ער דערציילט, ווי א כאָלעם, די געשיכטע פון זיין ערשטער ליבע צו א דינסט־מיידל פון אן ארכיטעקטאָר, בא וועלכן ער האָט געלעבט, ווי א שילער. שטיל פּאטשט דאָס גרויע וואסער, באוואשנדיק די ווינקלען פון די געבייַען, הינטערן סאָבאָר בלישטשעט שוואך די וואסער־ויסטעניש, וווּ־ניט־ווּ איבער איר הייבן זיך ארויס שווארצע ריטלעך פון לאָזע.

אינעם איקאָנעמאָלערישן ווערקשטאט האָט מען אָפּט געזונגען א סעמינא־רישע ליד:

— בלויער יאַם,
שטורעם־יאַם...

לאנגווייליק צום שטארבן קער ער זיין, אָט דער בלויער יאַם...

— כ'בין קיין נעכט ניט געשלאָפן, — רעדט דער באלעבאָס. — ס'פלעג טרעפן, איך שטיי אוף פון בעט און שטיי בא דער טיר, ציטער, ווי א הינטל — א קאַלט הויז געווען! באנאכט פלעג דער באלעבאָס צו איר קומען, געקענט מיך דאָרט פּאקן, נאָר איך האָב זיך ניט געשראָקן און...

ער רעדט פארקלערט, ווי באטראכטנדיק אן אלטן, אָפּגעניצעוועטן מאלבעש — צי קען מען אים אָנטאָן נאָכאמאָל צי ניין?

— זי האָט מיך באמערקט, האָט זיך דערבארעמט, צעעפנט די טיר און רופט: קום, קום, נארעלע...

איך האָב געהערט אסאך אזוינע דערציילונגען, זיי האָבן מיר דערעסן, כאָטש ס'איז געווען אין זיי אן אנגענעמער שטריך, — וועגן זייער ערשטער „ליבע" האָבן קימאט אלע מענטשן גערעדט אָן בארימערייַ, אָן שמוץ, נאָר אָפטער מילד אזוי און טרויעריק, אז איך האָב פארשטאנען: דאָס איז געווען דאָס בעסטע אינעם דערציילערס לעבן. אנדערע האָבן, דאכט זיך, טאקע מער קיין גוטס אפ זייער לעבן ניט געוווּסט.

לאכנדיק און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, רופט אויס דער באלעבאָס מיט כידעש:

— און דעם ווייַב וועסטו עס ניט דערציילן, ניין, ניין! דאכט זיך, וואָס איז דאָ אזוינס? און דאָך וועסטו ניט דערציילן! אָט א געשיכטע...

ער דערציילט ניט מיר, נאָר זיך אליין. ווען ער זאָל שווייַגן, וואָלט איך גע־רעדט, — אין אָט דער שטילקייַט און לײַדיקייַט מוז מען ריידן, זינגען, שפּילן אפ

א הארמאָניקע, אניט קאָנסטו אנשלאָפּן ווערן אף שטענדיק מיט א שווערן שלאָף אין אָט דער טויטער שטאָט, וואָס איז פארזונקען אין גרויען, קאַלטן וואסער.

— צום אלעם ערשטן — האָב ניט כאסענע פרי! — לערנט ער מיך. — כאסענע האָבן איז, ברודער, אן איניען פון א גוואלדאָוונער וויכטיקייט! לעבן קאָנסטו, ווי דיר געפעלט און ווי דיר געפעלט — ס'איז דיין זאך! לעב זיך אין פּערסיע, ווי א מאכמעדאנער, זיי זיך אין מאָסקווע א גאַראָדאָווי, גאנווע, בידעווע — אלץ לאָזט זיך פאריכטן! אָבער א ווייב — דאָס איז, ברודער, ווי דער וועטער, דאָס לאָזט זיך ניט פאריכטן... ניין! דאָס איז דיר, ברודער, ניט קיין שטיוול — ארויפגענומען און אוועקגעוואָרפן...

דאָס פּאָנעם בא אים האָט זיך געענדערט, ער האָט געקוקט אין דעם גרויען וואסער, צוגעכמורעט די ברעמען, געריבן מיטן פינגער די האָריקע נאָז און געבעבעט:

— נ־יאָ, ברודער... האלט קאָפּ! עמעס, דו בייגסט זיך אין אלע זייטן, און שטייסט פּאָרט גלייך... נו, פונדעסטוועגן — פאר איטלעכן איז אָנגעגרייט זיין פּאסטקע...

מיר פאָרן אריין אין די קוסטעס פון דער מעשטשערסקער אָזערע, זי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער וואָלגע.

— רודער שטילער, — שעפּטשעט דער באלעבאָס, אָנצילנדיק די ביקס אין די קוסטעס...

דערשאָסן עטלעכע מאָגערע וואסער־לויפערס, קאָמאנדעוועט ער:

— לאָמיר פאָרן קיין קונאווינאָ! איך וועל דאָרטן בלייבן ביז אינאָוונט, און דו וועסט זאָגן אינדערהיים, אז איך האָב זיך פארהאלטן מיט די פּאָדריאטשיקעס...

ארויסגעזעצט אים אף איינער פון די גאסן פון דער סלאָבאָדע, וואָס איז אויך פארטרונקען געווען פונעם גרויסוואסער, קער איך זיך אום מיטן יאַרמארק אף דער סטרעלקע, קניפּ אָן דאָס שיפל און, זיצנדיק אין דעם, קוק איך אפן צונויפגוס פוןביידע טייכן, אף דער שטאָט, אף די דאמפערס, אפן הימל. דער הימל איז, ווי א פּרעכטיקער פליגל פון א ריזיקן פויגל, אינגאנצן אין ווייסע פעדערן פון וואָלקנס. אין די בלויע בלויזן צווישן די וואָלקנס ווייזט זיך די גאָלדענע זון, און מיט איין בליק צו דער ערד ענדערט זי אלץ אף איר, אלץ ארום באוועגט זיך מונטער און זיכער, דער גיכער שטראָם פונעם טייך טראָגט לייכט די אָנצאָלי־קע רונגען פליטן. אף די פליטן שטייען פעסט־בערדיקע פויערים, קערעווען מיט לאנגע וועסלעס און מאכן קוילעס איינער אפן אנדערן, אף א באגעגנטן דאמפער. א קליינער דאמפער שלעפּט קעגן שטראָם א ליידיקע בארזשע, דער טייך טראָגט אים אָפּ, ווארפט אים, ער דרייט מיט דער נאָז, ווי א העכט, און סאָפּעט, איינ־שפּארנדיק זיך פאראקשנט מיט די רעדער אין וואסער, וואָס לויפט אים האסטיק אנטקעגן. אף דער בארזשע, אראָפּגעהאנגען די פיס איבערן באָרטן, זיצן אקסל צו אקסל פיר פויערים — איינער איז אין א רויט העמד — און זינגען א ליד. די ווערטער הערט מען ניט, נאָר איך קען די ליד.

מיר דוכט זיך, אז דאָ, אף דעם לעבעדיקן טייך, ווייס איך אלצדינג, אלץ איז מיר נאָענט. און איך קאָן אלץ פארשטיין. און די שטאָט, וואָס ליגט הינטער מיר

א פארטרונקענע — איז א בייזער כאָלעם, דעם באַלעבאָס אַן אויסטראַכטעניש, וואָס איז פונקט אזוי ווייניק פארשטענדלעך, ווי ער אליין.

צוזאַט זיך אָנגעקוקט אף אַלץ, קער איך זיך אום אהיים, פילנדיק זיך א דערוואקסענער מענטש, וואָס איז פייִק צו יעדער ארבעט. אונטערוועגס קוק איך פונעם קרעמל־בארג אף דער וואָלגע, — פונווייַטן, פונעם בארג זעט די ערד אויס ריזיק־גרויס און זאָגט צו געבן אַלץ, וואָס סע קען זיך פארגלוסטן.

אינדערהיים האָב איך ביכער; אין דער דירע, וווּ ס'האָט געוווינט די קעניגנ מארגאָ, לעבט איצט א גרויסע מישפּאָכע: פינף פרייַלנס, איינע שענער פון דער אַנדערער, און צוויי גימנאזיסטן, — זיי גיבן מיר ביכער. מיט דאָרשט לייען איך טורגעניעוון און כידעש זיך, ווי אַלץ בא אים איז פארשטענדלעך, פּראָסט און הארבסטיק־לויטער, ווי ריין סע זייַנען זייַנע מענטשן, און ווי ווויל ס'איז אַלץ, וועגן וואָס ער לאָזט אונדז מילד צו הערן.

איך לייען פּאָמיאלאָווסקיס „בורסע" און כידעש זיך ווידער: דאָס איז מאָדנע ענלעך אפן לעבן פון דעם איקאָנעמאָלערישן ווערקשטאַט, מיר איז אזוי גוט באַקאַנט די פארצווייפלונג מאכמעס לאַנגווייַל, וואָס זידט איבער אין אכזאָריִעסדיקן צולאָכעס.

ס'איז גוט געווען צו לייענען די רוסישע ביכער, אין זיי האָט זיך שטענדיק געפילט עפּעס באַקאַנטס און טרויעריקס, ווי צווישן די ביכער וואָלט פארהוילן געלעגן פארשטאָרבן א גרויסטאָנעסדיקער גלאָקן־קלאַנג, — עפּנסט נאָר דעם בוך, קלינגט עס שוין שטילינקערהייט...

„די טויטע נעפּאַשעס" האָב איך איבערגעלייענט אָן כיישעק; די „שריפטן פון טויטן הויז" — אויך אזוי. „טויטע נעפּאַשעס", א „טויט הויז", „טויט", „דרייַ טויטן", „לעבעדיקע רעליקוויעס" — אָט די איינארטיקייַט אין די נעמען פון די ביכער האָט ניטווילנדיק אָפּגעשטעלט די אויפמערקזאמקייַט, אויפוועקנדיק אַן אומקלאָרן פייַנטשאַפט־געפיל צו אזוינע ביכער. „דער צייכן פון דער צייַט", „טראָט נאָך טראָט", „וואָס דארף מען טאָן", „די כראָניק פונעם דאָרף סמורינאָ" זייַנען מיר אויך ניט געפעלן געווען, ווי אויך אַלע אנדערע ביכער פון דעם שניט.

נאָר ס'זייַנען מיר זייער געפעלן געווען דיקענס און וואלטער־סקאָט. אָט די אווטאָרן האָב איך געלייענט מיטן גרעסטן פארגעניגן צו צוויי, צו דרייַ מאָל איין און דאָס זעלבע בוך. די ביכער פון וו.־סקאָט פלעגן דערמאַנען א יאָנטעוודיקע מיטיק־דינסט אין א רייַכן קלויסטער — אביסל לאַנג און לאַנגווייַליק, דערפאר שטענדיק פייַערלעך. דיקענס איז פאר מיר פארבליבן, ווי א שרייַבער, פאר וועלכן איך בייג זיך מיט אכטונג, — דער דאָזיקער מענטש האָט וווּנדערלעך באַגריפן די זייער שווערע קונסט פון ליבע צו מענטשן.

אָוונט־צייַט פלעג זיך אפן הויז־גאַנעק צונויפנעמען א גרויסע קאָמפּאַניע: די ברידער ק., זייערע שוועסטער, מינדעריעריקע, דער קורנאָסער גימנאזיסט וויאטשעסלאוו סעמאשקאָ; אמאָל פלעג קומען איינע א פרייַלן פּטיצינא, א טאָכטער פון עפּעס א וויכטיקן טשינאָווניק. מע האָט גערעדט וועגן ביכער, וועגן לידער, — דאָס איז געווען נאָענט, פארשטענדלעך אויך מיר. איך האָב געלייענט מער, ווי זיי אַלע. נאָר אָפטער פלעגן זיי דערציילן איינע די אנדערע וועגן דער גימנאזיע, האָבן זיך

באַקלאָגט אַפ די לערער. הערנדיק זייערע דערציילונגען, האָב איך זיך געפילט פרייַער פאַר די כאַווײרים, ס'האָט מיך שטאַרק געכידעשט דער קויעך פונ זייער געדולד, נאָר איך בינ זיי פונדעסטוועגנ מעקאַנע געווענ — זיי לערנענ זיך!

מייַנע כאַווײרימ זייַנענ געווענ עלטער פונ מיר, נאָר מיר אַליינ האָט זיך אויסגעוויזנ, אַז איך בינ דערוואַקסענער פונ זיי, רייַפער אונ געניטער פונ זיי. דאָס האָט מיך אַביסל געענגט — איך האָב זיך געוואָלט פילנ נעענטער צו זיי. איך פלעג קומענ אַהיימ שפּעט אינאָוונט, אינ שטויב, אינ בּרוד, אָנגעלאָדנ מיט אייַנדרוקנ פונ אַנ אַנדער שניט, ווי זייערע אייַנדרוקנ, וואָס זייַנענ אינ טאָכ געווענ אייַנאַרטיק. זיי האָבנ אַסאַך גערעדט וועגנ פרייַלנס, האָבנ זיך פאַרליבּט אַמאָל אינ איינער, אַמאָל אינ אַנ אַנדערער, האָבנ זיך געפּרוּווט פאַרפאַסנ געדיכטנ, — ניט זעלטנ האָט זיך אינ דער אַרבּעט געפאָדערט מייַנ הילפ. איך האָב גערנ זיך פּראַקטיקירט אינ ווערסיפיקאַציע, האָב גרינג צוגעקליבּנ גראַמענ, נאָר די געדיכטנ פלעגנ, כ'ווייס ניט פאַרוואָס, זיך בּאַ מיר שטענדיק בּאַקומענ הומאָריסטישע, אונ די פרייַלנ פּטיצינאַ, וואָס איר זייַנענ די געדיכטנ מייַנסטנס צוגעטראָגנ געוואָרנ, פלעג איך ניט אַנדערש פאַרגלייַכנ נאָר מיט גאָרטנוואַרג — מיט אַ ציבּעלע.

סעמאַשקאָ פלעג צו מיר זאָגנ:

— וואָס זייַנענ עס פאַרא געדיכטנ? דאָס זייַנענ שטיוול־צוועכעס.

ניט וועלנדיק אָפּשטיינ פונ זיי אינ קיינ שום זאַכ, האָב איך זיך אויכ פאַרליבּט אינ דער פרייַלנ פּטיצינאַ. כ'געדענק ניט, אינ וואָס דאָס האָט זיך בּאַ מיר אויסגעדריקט, נאָר פאַרענדיקט האָט זיך עס שלעכט: איבּער דעמ פוילנ גרינעמ וואַסער פונ דער זוועזדינער סאַזשעלקע איז געשוואומענ אַ דיליע, אונ איך האָב פאָרגעלייגט דער פרייַלנ זי דורכפירנ אַפ דער בּרעט. זי האָט אייַנגעשטימט. איך האָב צוגעפירט די בּרעט צומ בּרעג אונ זיך אַפ איר אַנידערגעשטעלט. מיכ איינעמ האָט זי געהאַלטנ גאַנצ גוט. נאָר ווענ די רייַכ אויסגעסטראָצלטע פרייַלנ, אײַנגאַנצנ אינ שפּיצנ אונ סטענגעס, האָט זיך גראַציעז אַ שטעל געטאָנ אַפ דעמ צווייטנ עקנ בּרעט, אונ איך האָב זיך שטאָלצ אָפּגעשטויסנ מיטנ שטעקנ פונ דער ערד, האָט די פאַרשאָלטענע דיליע זיך צעהוידעט אונטער אונדז, אונ די פרייַלנ האָט זיך אונטערגעטוקט אינ דער סאַזשעלקע אַרייַנ. איך האָב זיך ריטעריש אַ וואָרפ געטאָנ נאָכ איר, האָב זי שנעל אַרויסגעשלעפּט אַפנ בּרעג, — די שרעק אונ דער גרינער סאַזשעלקע־שליימ האָבנ אַ טעל געמאַכט פונ מייַנ דאַמעס שייַנקייַט.

דראָענדיק מיר מיטנ נאַסנ פויסטל, האָט זי געשריגנ:

— דאָס האָסטו מיך אומיסטנ דערטרונקענ!

זי האָט ניט געגלייבּט אינ דער אופריכטיקייַט פונ מייַנ פאַרענטפערונג אונ האָט פונ דעמלט אָנ זיך בּאַצויגנ צו מיר פייַנטלעכ.

אינ אַלגעמיינ האָט זיך אינ דער שטאָט געלעבּט ניט זייער אינטערעסאַנט. די אַלטע בּאַלעבּאָסטע האָט זיך בּאַצויגנ צו מיר אומפרייַנטלעכ, פּונקט ווי פריִער. די יונגע האָט געקוקט אַפ מיר מיט פאַרדאַכט. וויקטאָרושקע, וואָס איז נאָכ געלער געוואָרנ פונ די קלייַענ, האָט, אַ שטענדיק בּאַליידיקטער פונ עפּעס, געפּאָרשקעט אַפ אַלעמענ.

צייכנ־ארבעט איז באמ באלעבאָס געווענ אסאכ. ניט בלקייעכ בײַצוקומענ זי אײנײנעמ מיטנ ברודער, האָט ער פארבעטנ זיכ צו הילפ מײַנ שטיפ־פאָטער.

איינמאָל בינ איכ געקומענ פונעמ יאָרמארק פרי, אזייגער פינפ אונ, אריינגייענדיק אינ עסצימער, האָב איכ דערזענ א מענטשנ, וואָס איכ האָב אימ לאנג פארגעסנ, באמ טיש, באזײַט מיטנ באלעבאָס. ער האָט מיר דערלאנגט די האנט.

— גוטנ אָוונט...

איכ בינ צעמישט געוואָרנ פאר אומגעריכטקײַט, מיטאמאָל, ווי א פײַער, האָט אופגעפלאקערט די פארגאנגענהײַט, אָפגעסמאלעט דאָס הארצ.

— האָט זיכ אזש דערשראָקנ, — האָט דער באלעבאָס אויסגעשריגנ.

דער שטיפ־פאָטער האָט געקוקט אפ מיר מיט א שמייכל אפנ שרעקלעכ־אָפגעצערטנ פאָנעמ. זײַנע טונקעלע אויגנ זײַנענ געוואָרנ נאָכ גרעסער, אינגאנצנ איז ער געוואָרנ אנ אָפגעריבענער, א צעקוועטשטער. איכ האָב א שטופ געטאָנ די האנט אינ זײַנע דינע, הייסע פינגער.

— נו, אָט, האָבנ מיר זיכ ווידער באגעגנט, — האָט ער געזאָגט, הוסטנדיק.

איכ בינ אוועק אנ אָפגעשוואכטער, ווי מע וואָלט מיכ צעמאזיקט.

צווישנ אונדז האָט זיכ אײַנגעשטעלט עפּעס אזויגע פאָרזיכטיקע אונ אומקלאָרע באציִונגענ — ער פלעג מיכ רופנ באמ נאָמענ אונ פאָטער־נאָמענ, האָט מיט מיר גערעדט ווי מיט א גלײַכנ.

— אז איר וועט גייִנ אינ קלייט, איז זײַט אזוי גוט, קויפט מיר א פערטל פונט טאבאק לאפערמ, א מייע גילזנ וויקטאָרסאָנ אונ א פונט געקאָכטע וורשט.

דאָס געלט, וואָס ער פלעג מיר געבנ, איז אלעמאָל געווענ אומאנגענעמ אָנגעווארעמט פונ זײַנ הייסער האנט. ס'איז קיינ סאָפעק ניט געווענ, אז ער האָט די טשאכאָטקע אונ האלט שויג אפ דער ערד נאָכ אלעמענ. ער האָט עס געוווסט אונ גערעדט מיט א רויִקער באס־שטימ, פארדרייענדיק דאָס שארפע, שווארצע בערדל:

— מײַנ קרענק איז קימאט אומעגלעכ אויסצוהיילנ. כאָטש אויב מע זאָל עסנ אסאכ פלייש, קאָנ מענ זיכ פאריכטנ. עפשער וועל איכ זיכ פאריכטנ.

געגעסנ האָט ער מוירעדיק פיל, געגעסנ אונ גערויכערט פאפיראָסנ, ארויסלאָזנדיק זיי פונעמ מויל נאָר בייסנ עסנ. איכ האָב אימ אלע טאָג געקויפט וורשט, שינקע, סארדינענ, נאָר דער באבעס שוועסטער פלעג פעסט אונ שאָדנ־פריידיק דערופ זאָגנ:

— דעמ טויט וועסטו מיט פארבײַסנס ניט אָנהאָדעווענ, אימ וועסטו ניט אָפנארנ, ניינ!

די באלעבאטימ האָבנ זיכ באצויגנ צומ שטיפ־פאָטער מיט באליידיקנדיקער אופמערקזאמקײַט, האָבנ אימ אקשאָנעסדיק געייצעט אויספרוווּנ די אָדער יענע רעפוּע, נאָר הינטער די אויגנ האָבנ זיי אימ אויסגעלאכט.

— אנ אדלמאנ! די ברעקלעכ, זאָגט ער, דארפ מענ אָפטער אראָפקערנ פונ די טישנ, פליגנ מערנ זיכ פונ די ברעקלעכ, — פלעג די יונגע באלעבאָסטע דערציילנ. אונ די אלטע האלט איר אונטער:

— ווי דענ, אנ אלדמאנ! דאָס סורדוטל איז אינגאנצנ דורכגעריבנ, גלאנצט אזש,

און ער רײַבט עס אָלץ מיטן בערשטל. אַן איבערקלײַבער — ס'זאָל אים קיין שטױ־בעלע ניט זײַן!

און דער באַלעבאָס פּלעג זיי טרייסטן:

— האָט צײַט, כײַעס הינערשע, ער וועט אײַנגיכן שטאַרבן!..

אָט די אומזיניקע פּײַנטלעכע באַציִונג פון מעשטשאַנעס צום אדלמאַן האָט מיך ניטווילנדיק דערנענטערט מיטן שטיפ־פאָטער. דער מוכאָמאָר איז אויך א פּאַס־קודנער שוואָם, איז ער כאָטש שיין!

די געזעלשאַפט פון אָט די מענטשן האָט אים געשטיקט, צווישן זיי איז ער ענלעך געווען אַף א פיש, וואָס איז צופעליק אַרײַנגעפאַלן אין א הינער־שלאַק. א לעפישער פאַרגלײַך, ווי לעפיש ס'איז געווען אָט דאָס גאַנצע לעבן.

איך האָב אָנגעהויבן געפינען אין אים שטריכן פון „דער גוטער זאַך" — דעם מענטשן, וואָס איך קאָן אים ניט פאַרגעסן: אים און די קעניגן פלעג איך באַצירן מיט אַלדעם בעסטן, וואָס די ביכער האָבן מיר געגעבן, זיי פלעג איך אוועקגעבן דאָס ציכטיקסטע אין מיר, אַלע פאַנטאַזיעס, וואָס דאָס לייענען פלעג אין מיר אופוועקן. דער שטיפ־פאָטער איז געווען אויך אַזאַ פרעמדער און אומגעליבטער מענטש, ווי „די גוטע זאַך". ער האָט זיך געהאַלטן מיט אַלעמען אין הויז גלײַך, האָט קיינמאָל ניט אָנגעהויבן ריידן דער ערשטער, פלעג ענטפערן אַף פראַגעס עפּעס אַף א באַזונדערן אויפן העפלעך און קורץ. מיר איז זייער געפעלן געווען, ווי'אַזוי ער לערנט דעם באַלעבאָס: שטייט באַם טיש צונויפגעבויגן אין צווייען, און, קלאַפּנ־דיק מיטן טרוקענעם נאָגל איבערן דיקן פּאַפּיר, גיט ער רויִק צו פאַרשטיין:

— דאָ דאַרף מען צונויפבינדן די קראָקוועס מיט א שליסל. דאָס וועט אָפּשטעלן דעם דרוק אַף די ווענט, אַנדערש וועלן די קראָקוועס צעשפּאַרן די ווענט.

— ריכטיק, דער טײַוול זאָל עס נעמען! — האָט דער באַלעבאָס געבעבעט, און נאָכדעם, אַז דער שטיפ־פאָטער גייט אוועק, זאָגט אים דאָס ווײַב:

— ס'איז פּאַשעט צו באַוווּנדערן, ווי דו דערלויבסט עס, מע זאָל דיך לערנען.

ס'פלעג זי באַזונדערס אופרעגן, ווען דער שטיפ־פאָטער פלעג נאָכן אָוונט־עסן רייניקן די ציין און שווענקען דאָס מויל, אַרויסבייגנדיק דעם שאַרפן גאָרגל־קנאָפּ.

— לויט מײַן פאַרשטאַנד, — זאָגט זי מיט א זויערער שטים — איז פאַר אײַך, יעווגעני וואַסיליעוויטש, שעדלעך אַזוי פאַרבייגן דעם קאָפּ!

העפלעך שמייכלענדיק, פרעגט ער:

— פאַרוואָס־זשע?

— נו... אָט אַזוי...

מיט א ביינערן שטעקעלע נעמט ער זיך פּוצן די בלויליכע נעגל.

— וואָס זאָגט איר, ער פּוצט זיך נאָך די נעגל? — איז די באַלעבאָסטע צע־טראָגן. — שטאַרבט, און האָט נאָך דאָס אין זינען...

— עכע־כע! — זיפצט דער באַלעבאָס. — וויפל נאַרישקײַט ס'איז אַף אײַך אָנ־געוואַקסן, כײַעס הינערשע...

— וואָס רעדסטו עס אַזוינס? — ווערט דאָס ווײַב אופגעבראַכט.

און באַנאַכט באַקלאָגט זיך די אַלטע הייס פאַר גאָט:

— גאָטעניו, אָט האָט מען מיר אָנגעהאנגען אפֿן האלדז דעם צעפּוילטן — אָט דעם־אָ, און וויקטאָרושקע בלײַבט ווידער אין א זײַט.

וויקטאָרושקע האָט אָנגעהויבן נאָכמאכן דעם שטיפֿ־פּאָטערס מאנירן, זײַן לאַנג־זאמן גענגל, די זיכערע באוועגונגען פֿון די פּריצישע הענט, זײַן אויפֿן באזונדערס גרויסארטיק צו פֿארבינדן דאָס האלדזטיכל און פֿײַן, ניט טשאווקענדיק, עסן. ער האָט געהאלטן אין איין פֿרעגן:

— מאקסימאָוו, ווי איז אף פֿראנצויזיש א קני?

— מע רופֿט מיך יעווגעני וואסיליעוויטש, — דערמאנט אים דער שטיפֿ־פּאָטער רויק.

— נו, רעכט! און א ברוסט?

באם אָוונט־עסן קאָמאנדעוועט וויקטאָרושקע צו דער מוטער:

— מא מער, דאָננע מוא זאנקאָר פּעקל־פֿלייש!

— אך, דו פֿראנצויזל! — קלײַבט נאכעס די מוטער.

דער שטיפֿ־פּאָטער קײַט דאָס פֿלייש געלאסן, ווי א טויבשטומער, קוקט ניט אף קיינעם.

איינמאָל האָט דער עלטערער ברודער געזאָגט צום ייִנגערן:

— איצט, וויקטאָר, אז דו האָסט זיך אויסגעלערנט פֿראנצויזיש, פֿעלט דיר נאָך פֿארשאפֿן זיך א געליבטע...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען דער שטיפֿ־פּאָטער האָט, געדענק איך, שווײַגנדיק א שמייכל געטאָן.

און די באַלעבאָסטע האָט, אן אופּגעבראכטע, א וואָרף געטאָן דעם לעפֿל אפֿן טיש און זיך צעשריגן אפֿן מאן:

— ווי שעמסטו זיך ניט פֿאר מיר מיט אזוינע פּאסקודנע רייד?

אמאָל פֿלעג דער שטיפֿ־פּאָטער ארײַן צו מיר אין פּירהויז. דאָרטן, אונטער די טרעפּ, וואָס פֿירן צום בוידעם, פֿלעג איך שלאָפֿן. אף די טרעפּ, קעגן די פֿענצ־טער, פֿלעג איך לייענען.

— איר לייענט? — פֿרעגט ער, ארויסאָטעמענדיק דעם רויך; אין דער ברוסט בא אים האָבן געצישעט האַלעוועשקעס. — וואָס איז עס?

איך ווײַז דעם בוך.

— אך, — זאָגט ער, נאָך דעם, אז ער כאַפּט א קוק אפֿן טיטל, — דאָס האָב איך, דאכט זיך, געלייענט! איר ווילט רויכערן?

מיר רויכערן, קוקן דורכן פֿענצטער צום שמוציקן הויף, ער זאָגט:

— א גרויסער שאָד, וואָס איר קענט זיך ניט לערנען, איר האָט, דאכט זיך, פֿייִקייטן...

— אָט לערן איך זיך, לייען...

— דאָס איז ווייניק. ס'איז נייטיק א שול, א סיסטעם...

ס'האָט זיך געוואָלט אים זאָגן:

„איר, מײַן האר, זײַט דורכגעגאנגען א שול, א סיסטעם, און וואָס איז דער טאכלעס?״

נאָר ער, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן וועגן מײַנע געדאנקען, גיט צו:

— אז מע פאַרמאָגט כאַראַקטער, גיט די שול אַ גוטע דערציִונג. דאָס לעבן קאָנען באַוועגן נאָר זייער גראַמעטנע מענטשן...

נאָר איינמאָל האָט ער מיר געזיפֿצט:

— איר וואָלט גלײַכער געדאַרפֿט אַוועק פֿון דאַנען. כ'זע דאָ ניט פֿאַר אײַך קיין זין און קיין נוץ...

— מיר געפֿעלן די אַרבעטער.

— און... מיט וואָס־זשע?

— ס'איז מיט זיי אינטערעסאַנט.

— מעגלעך...

אין איינמאָל האָט ער געזאָגט:

— ס'אַרא מיסט, אייגנטלעך, די באַלעבאַטים אונדזערע זײַנען, מיסט...

כ'האָב זיך דערמאָנט, וויאַזוי און ווען די מוטער מײַנע האָט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט, און האָב זיך ניט ווילנדיק אָפּגערוקט פֿון אים. שמייכלענדיק, האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— איר טראַכט אַנדערש?

— אַזוי.

— נו, יאָ... איך זע עס.

— דער באַלעבאָס געפֿעלט מיר פֿונדעסטוועגן.

— יאָ, ער איז טאַקע אַ גוטער יונג... נאָר אַ לעכערלעכער...

מיר האָט זיך געוואָלט ריידן מיט אים וועגן ביכער, נאָר ער האָט, אַפּאָנעם, ניט ליב געהאַט קיין ביכער און האָט ניט איינמאָל מיר געראָטן:

— לאָזט זיך ניט אַרײַן אַזוי שטאַרק, אין די ביכער איז אַלץ צוגעפּאַרבט, פֿאַרקריפּלט אין דער אָדער אין יענער זײַט. די מערהײַט פֿון די, וואָס שרײַבן די ביכער, זײַנען מענטשן פֿון דעם סאָרט, ווי אונדזער באַלעבאָס — קליינע מענטשן...

אַזוינע אַרויסזאָגונגען האָבן מיר אויסגעוויזן צו זײַן דרייסט און האָבן מיך אונטערגעקויפֿט.

איינמאָל האָט ער מיך אַ פֿרעג געטאָן:

— איר האָט געלייענט גאָנטשאַראָוון?

— „פֿרעגאַט פּאַלאַדאַ".

— זי איז שטאַרק לאַנגווײַליק, די „פּאַלאַדאַ", נאָר אין אַלגעמיין איז גאָנטשאַראָוו דער קליגסטער שרײַבער אין רוסלאַנד. איך אײַך אײַך איבערלייענען זײַן ראָמאַן „אָבלאָמאָוו". דאָס איז דער סאַמע ערנסטער און דרייסטער בוך בײַ אים. און אין אַלגעמיין אין דער רוסישער ליטעראַטור — דער בעסטער בוך...

וועגן דיקענסן האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז פּלאַפּלערײַ, איך פֿאַרזיכער אײַך... אָט אין די בײַלאַגעס צו דער צײַטונג „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" דרוקט זיך זייער אַ אינטערעסאַנטע זאַך „דער ניסויִען פֿונעם הייליקן אַנטאָני" — אָט דאָס לייענט איבער! איר האָט, דאַכט זיך, ליב דעם קלויסטער און די אַלע קלויסטער־מײַסעס. „דער ניסויען" וועט אײַך זײַן נוצלעך...

ער האָט מיר אַליין געבראַכט דאָס פּעקל בײַלאַגעס, איך האָב איבערגעלייענט

פלאָבערס סייכלדיקע ארבעט. זי האָט מיר דערמאנט אָנצאָליקע לעבנס־באשרייבונגען פון די הייליקע, עפּעס פון די געשיכטעס, וואָס דער פּירזאָגער פלעג דערציילן, נאָר קיין באזונדער טיפן איינדרוק האָט זי ניט ארויסגערופן. אסאך מער זיינען מיר געפעלן געוואָרן „די מעמוארן פון אופיליאַ פיימאלי, דעם כייעס־צוימער", וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געווען אין די זעלבע ביילאגעס.

אז איך האָב דעם שטיף־פאָטער דעריבער זיך מוידע געווען, האָט ער רויִק באַמערקט:

— הייסט עס, אז פאר אייך איז נאָך צו פרי לייענען אזוינע זאכן! נאָר פאַרגעסט ניט דעם בוך...

אן אנדערמאָל פלעג ער זיצן מיט מיר לאנג, ניט ריידנדיק קיין וואָרט, נאָר אונטערהוסטנדיק און אויסגייענדיק מיט רויך. זיינע שיינע אויגן ברענען ניט היימלעך. איך קוק שטילערהייט אף אים און פארגעס, אז אָט דער מענטש, וואָס שטארבט אזוי ערלעך און פראָסט, אָן קלאָגעריי, איז אמאָל געווען נאָענט צו מיין מוטער און פלעג זי באליידיקן. איך האָב געוווסט, אז ער לעבט מיט עפּעס א נייטערן, און האָב וועגן איר געטראכט מיט אומפארשטיין און באדויער: וויאזוי איז איר ניט דערווידער ארומצונעמען אָט די לאנגע ביינער, קושן אָט דאָס מויל, פון וועלכן סע שמעקט מיט פוילעניש? פונקט אזוי, ווי ס'פלעג זיך מאכן מיט דער „גוטער זאך", צערעדט זיך דער פאָטער אומגעריכט וועגן עפּעס ביז גאָר זיינס:

— איך האָב ליב יאָג־הינט, זיי זיינען נאריש, נאָר איך האָב זיי ליב. זיי זיינען זייער שיין. שיינע פרויען זיינען אָפּטמאָל נאריש...

ניט אָן שטאָלץ טראכט איך מיר:

„ווען דו זאָלסט קענען די קעניגן מארגאָ!"

— בא אלע מענטשן, וואָס לעבן לאנג אין איין הויז, באקומען די פּנעמער איין אויסזען, — האָט ער איינמאָל געזאָגט. איך האָב עס פארשריבן אין מיין העפט.

איך האָב געוואַרט אף די שפּרוכן, ווי אף א גליקלעכער גאָב, — ס'איז אנגענעם געווען צו הערן אזוינע אומגעוויינלעכע ווערטער־באהעפטן אין א שטוב, וווּ אלע האָבן גערעדט מיט א פארבלאָזער שפראך, וואָס איז פארגליווערט געוואָרן אין אויסגעריבענע, איינארטיקע פאָרמען.

דער שטיף־פאָטער האָט קיינמאָל מיט מיר ניט גערעדט וועגן דער מוטער, אפילע איר נאָמען, דאכט זיך, קיינמאָל ניט דערמאנט. דאָס איז מיר זייער געפעלן געווען, האָט געוועקט א געפיל, ענלעך אף אכטונג צו אים.

עפּעס איינמאָל האָב איך אים געפרעגט וועגן גאָט, — כ'געדענק ניט, וואָס פּינקטלעך; ער האָט א קוק געטאָן אף מיר און זייער רויִק געזאָגט:

— איך ווייס ניט, איך גלייב ניט אין גאָט.

איך האָב זיך דערמאָנט וועגן סיטאנאָוו און דערציילט וועגן אים, נאָר דער שטיף־פאָטער האָט, אויסהערנדיק מיך אופמערקזאם, מיט דער זעלבער רויִקייט באַמערקט:

— ער כקירעט, און דער, וואָס כקירעט, גלייבט פונדעסטוועגן אין עפּעס... און איך גלייב פראָסט ניט!

— און מע קען דען אזוי?

— פארוואָס דען ניט? אָט זעט איר דאָך — כ'גלייב ניט...

איך האָב געזען איינס — ער שטאַרבט. שווער צו זאָגן, צי ס'האָט מיר באַנק געטאָן, נאָר צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט אַ שאַרפן און נאַטירלעכן אינ־טערעס צו אַן אויסגעייענדיקן נאָענטן מענטשן, צום סאָד פון טויט.

אָט זיצט אַ מענטש, באַרירנדיק מיך מיט אַ קני, אַ הייסער, אַ דענקענדיקער. ער צעשטעלט מיט זיכערקייט די מענטשן לויט די ליניעס פון זיינע באַציִונגען צו זיי, רעדט וועגן אַלץ, ווי איינער, וואָס האָט מאַכט צו מישפּטן און באַשטימען, — אין אים איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס איז נייטיק פאַר מיר, אָדער שטרייכט אונטער דאָס, וואָס ס'איז מיר אומנייטיק. דאָס איז אַ באַשעפעניש פון אומבאַגרייפלעכער קאָמ־פּליצירטקייט, אַ באַהעלטעניש פון אַן אומענדלעכן וויכער געדאַנקען. ווי איך זאָל זיך צו אים ניט באַציִען, איז ער דאָך אַ טייל פון מיר אַליין, לעבט ערגעץ אין מיר, איך טראַכט וועגן אים. און דער שאָטן פון זיין נעשאָמע ליגט אויף מיין נעשאָמע. מאָרגן וועט ער אינגאַנצן פאַרשווינדן, אינגאַנצן, מיט אַלץ, וואָס סע איז באַהאַלטן אין זיין קאָפּ, אין זיין האַרץ, וואָס איך, דאַכט זיך מיר, קאָן לייענען אין זיינע שיינע אויגן. ווען ער וועט ניט ווערן, וועט זיך צעריסן איינער פון די לעבעדיקע פעדעם, וואָס פאַר־בינדן מיך מיט דער וועלט, וועט איבערבלייבן אַ געדעכעניש, נאָר — זי איז אינגאַנצן אין מיר אויף שטענדיק באַגרענעצט, אומפאַרענדערלעך. און דאָס לעבעדיקע, פאַרענ־דערלעכע — וועט ניט בלייבן...

נאָר דאָס זיינען געדאַנקען, און הינטער זיי ליגט אַזוינס, וואָס איז ניט אויס־צודריקן עס מיט קיין ווערטער, וואָס געבוירט און נערט זיי, וואָס צווינגט הער־שעריש זיך צוקוקן צו די דערשיינונגען פונעם לעבן, פאָדערט פון יעדערער פון זיי ענטפער — צו וואָס?

כ'וועל, דאַכט זיך, אייגיכן זיך אַנידערלייגן, איר ווייסט, — האָט דער שטיפ־פאָטער געזאָגט איינמאָל אין אַ רעגנדיקן טאָג. — אַזאַ נאַרישע שוואַכקייט! און קיין זאַך גלוסט זיך ניט...

אויפן צווייטן טאָג, באַם אָוונטיקן טיי, האָט ער באַזונדערס זאָרגעוודיק אָראָפּ־געשאַרט פון טיש און פון די קני די ברעקלעך ברויט, האָט באַזײַטיקט פון זיך עפּעס אומזיכטיקס, און די אַלטע באַלעבאָסטע האָט, קוקנדיק אויף אים פון אונטערן שטערן, געזאָגט צו דער שנור, שעפּטשענדיק:

— קוק, ער פליקט זיך אַרום, רייניקט זיך...

אין צוויי טעג אַרום איז ער ניט געקומען צו דער אַרבעט, און דערנאָך האָט די אַלטע באַלעבאָסטע מיר דערלאַנגט אַ גרויסן ווייסן קאָנווערט מיט די ווערטער:

— נאַ, נעכטן נאָך האָט עס אַ ווייבל געבראַכט, צו האַלבן טאָג, נאָר כ'האָב פאַרגעסן אָפּגעבן. אַ פיינינק ווייבעלע, נאָר וואָר קער זי זיך דיר אָן — דאָס ווייס איך ניט, כ'לעבן!

אין קאָנווערט, אויף אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ בלאַנק פון שפּיטאָל, איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיעס:

„אַז איר וועט האָבן פרייע צייט, קומט אַריין זיך זען. איך בין אינעם מאַר־טינאָווער. יע. מ."

אויפן צווייטן טאָג, אינדערפרי, בין איך געזעסן אין דער שפּיטאָל־פּאַלאַטע, אויף

דעם שטיפֿ־פֿאָטערס קויקע, און זײַנע פּיס אין די גרויע אראָפּגעפּאַלענע שקאַר־פּעטקעס האָבן געסטארטשעט דורך די פרענטן פון דעם אָנלען. די שיינע אויגן האָבן, מוטנע בלאָנדזשענדיק איבער די געלע ווענט, זיך אָפּגעשטעלט אַף מײַן פּאָנעם און אף די קליינע הענט פון דעם מיידל, וואָס איז געזעסן צוקאָפּנס אף א טאבורעט. זי האָט אנידערגעלייגט די הענט אפן קישן, און דער שטיפֿ־פאָטער האָט זיך געריבן אין זיי מיט א באק, צעעפנט דאָס מויל. דאָס מיידל איז געווען א פולינקס, אין א טונקעלן, גלאטן קלייד. איבער איר לענגלעכן פּאָנעם זײַנען לאנגזאם אראָפּגערונען טרערן. די נאסע, בלויע אויגן האָבן, ניט אָפּרײַסנדיק זיך, געקוקט אין פּאָנעם דעם שטיפֿ־פאָטער, אף די שארפע ביינער, אף דער גרויסער פארשפיצטער נאָז און טונקעלן מויל.

— א גאָלעך וואָלט מען באדארפט, — האָט זי געשעפּטשעט, — און ער הייסט ניט... פֿארשטייט ניט גאָרניט...

און, אראָפּגענומען די הענט פונעם קישן, האָט זי זיי צוגעדריקט צו דער ברוסט, ווי צו טפילע טאָן.

אף א מינוט איז דער שטיפֿ־פאָטער געקומען צו זיך, האָט א קוק געטאָן צו דער סטעליע, ערנסט אָנגעכמורעט און, ווי עפּעס זיך דערמאנענדיק, דערנאָך צו־גערוקט צו מיר זײַן אויסגעדארטע האנט:

— איר? א דאנק. אָט זעט איר... כ'פיל זיך נאריש... זייער...

דאָס האָט אים אײַנגעמידט, ער האָט פארמאכט די אויגן, איך האָב א גלעט געטאָן זײַנע לאנגע קאלטע פינגער מיט די בלויע נעגל, דאָס מיידל האָט שטיל א בעט געטאָן:

— יעווגעני וואסיליעוויטש, שטימט אײַן, איך בעט אײַך!

— אָט, באקענט זיך, — האָט ער ארויסגערעדט, אָנווײַזנדיק אף איר מיט די אויגן. — א וווילער מענטש...

איז אנשוויגן געוואָרן, אלץ ברייטער צעעפענענדיק דאָס מויל, און פּלוצעם האָט ער אויסגעשריגן הייזעריק, ווי א ראָב, האָט זיך גענומען ווארפן אף דער קויקע, אראָפּשלאָגנדיק די קאָלדרע, שארנדיק ארום זיך מיט די הוילע הענט. דאָס מיידל האָט אויך א געשריי געטאָן, פארשטופט דעם קאָפּ אין צעקנייטשטן קישן.

געשטאָרבן איז דער שטיפֿ־פאָטער גיך. געשטאָרבן — און באלד שענער געוואָרן.

איך בין ארויס פון שפּיטאָל אונטער דער האנט מיטן מיידל. זי האָט זיך גע־שאָקלט, ווי א קראנקע, געוויינט. אין דער האנט בא איר איז געווען א טיכעלע, צונויפגעקוועטשט אין א קנוילעכל. אָפּט צולייגנדיק דאָס טיכל צו די אויגן, האָט זי עס יעדער מאָל צונויפגעקנוילט אלץ שטײַפער און געקוקט דערויף, ווי ס'וואָלט געווען דאָס טײַערסטע און דאָס לעצטע בא איר.

פּלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעדריקט צו מיר, זאָגנדיק מיט פאָרוווּרף:

— אפילע ביז ווינטער ניט דערלעבט... אך, גאָט מײַנער, גאָט מײַנער! וואָס־זשע איז דאָס אזויגס?

דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט א האנט, א נאסע פון טרערן.

— א גוטן. ער האָט אײַך זייער געלויבט. די לעווײַע איז מאָרגן.

— באגלייטן אײַך אהיים?
זי האָט זיך אומגעקוקט.
— צו וואָס? איצט איז טאָג, ניט באַכט.
פון הינטערן געסל־ראָג האָב איך איר נאָכגעקוקט א ווײַלע — זי איז געגאַנגען שטיל, ווי א מענטש, וואָס האָט ניט וווהין זיך צו אײַלן.
ס'איז געווען אויגוסט, פון די ביימער זײַנען שוין געפאַלן בלעטער.
איך האָב קיין צײַט ניט געהאַט צו באגלייטן דעם שטיפ־פאָטער אפן צווינטער, און איך האָב מער קיינמאָל דאָס מיידל ניט געזען...

XVII

אלע פרימאָרגן, זעקס אזייגער, פלעג איך גיין צו דער ארבעט, אפן יאָרמארק. דאָרטן פלעגן מיך באגעגענען אינטערעסאנטע מענטשן: דער טעסלער אָסיפ, א גרויינקער, ענלעך אפן ניקאָלײַ דעם גאָטגעפעליקן, א געשיקטער ארבעטער און א וויצלער, דער האָרבאטער דאכדעקער יעפימושקע; דער פרומער מולער פיאָטער, א פארטראכטער מענטש, וואָס האָט אויך דערמאנט א הייליקן; דער שטוקאטור גריגאָרי שישלין, א בלאָנדבערדיקער, א בלוי־אויגיקער שיינער יונג, וואָס האָט זיך געלויכטן מיט שטילער גוטסקײַט.
איך האָב געקענט אָט די מענטשן אין מײַן צווייטן פעריאָד לעבן באם צייכנער. אלע זונטיק פלעגן זיי קומען אפ דער קיך, געזעצטע, וויכטיקע, מיט אנגענעמע ריידן, מיט נײַע, פאר מיר באטאמטע ווערטער. די אלע סאָלידע פויערים האָבן מיר דעמלט אויסגעוויזן דורכויס ווילע. איטלעכער איז געווען פאר זיך אינטערעסאנט, אלע האָבן זיי זיך צום גוטן אויסגעטיילט פון די בייזע גנייווישע און שיקערע מעשטשאנעס פון דער סלאָבאָדע קונאווינאָ.
מער ווי אלע איז מיר דעמלט געפעלן געווען דער שטוקאטור שישלין. איך האָב זיך אפילע געבעטן צו אים אין ארטעל, נאָר ער האָט, קראצנדיק זיך די גאָלדענע ברעם מיטן ווײַסן פינגער, מיר אָפגעזאָגט:
— ס'איז פאר דיר צו פרי. אונדזער ארבעט איז ניט קיין גרינגע. ווארט צו א יאָר, צוויי...
דערנאָך האָט ער, פארווארפנדיק דעם שיינעם קאָפּ, א פרעג געטאָן:
— וואָס, סע לעבט זיך דיר ניט פויגלדיק? גו, ס'גאָרניט, לײַד צו, נעם זיך צוזאמען שטארקער, אין זיך אליין, דענסטמאָל ווערסטו אויסהאלטן!
איך ווייס ניט, וואָס אָט די גוטע אייצע האָט מיר געגעבן, נאָר איך האָב זי מיט דאנקבארקײַט פארגעדענקט.
זיי פלעגן אויך איצט קומען צו מײַן באלעבאָס יעדן זונטיק אינדערפרי, זיך צעזעצן אפ די בענק ארום דעם קיך־טיש און, ווארטנדיק אפן באלעבאָס, אינטערעסאנט שמועסן. דער באלעבאָס גריסט זיך מיט זיי רוישיק און פריילעך, דריקנדיק די שטארקע הענט, און זעצט זיך אינעם ווינקל אויבנאָן. ס'באווײַזן זיך רעכנברייטלעך, א פעקל געלט, די פויערים צעלייגן אפן טיש זייערע רעכענונגען, צעקנייטשטע נאָטיץ־ביכלעך, — ס'הייבט זיך אָן דער אויסצאָל פאר דער וואָך.

ווי־צלענדיק זיכ אונ שיטנדיק מיט ווערטלעכ, פלײַסט זיכ דער באַלעבאָס זיי אָפּנאַרנ, אונ זיי — אים. אַנ אַנדער מאָל צעקריגט מענ זיכ גאַנצ שטאַרק, נאָר אָפּטער לאַכט מענ אײנײנעמ.

— עכ, ליבער מענטש, ביסטו אַ זשוליק, אַ געבוירענער! — זאָגנ די פויערימ צומ באַלעבאָס.

ער ענטפערט מיט אַ פאַרשעמט געלעכטערל:

— נו, אונ איר, כּלומרשט, כײַעס היגערשע, זײַנט אויכ גענוג זשוליקעוואַטע!

— ווי־זשע אַנדערש, פרײַנט־לעבנ? — איז זיכ יעפימושקע מוידע, אונ דער ערנסטער פיאָטער זאָגט:

— נאָר דערפונ לעבסטו, וואָס דו גאַנוועסט, אונ וואָס דו אַרבעטסט אויס — גייט פאַר גאָט אונ פאַרנ קייסער...

— איז אָט האָב איכ טאַקע כיישעק אײַכ אַרומפליקנ! — לאַכט דער באַלעבאָס.

זיי האַלטנ אים אונטער גוטמוטיק:

— אָפּפרײַערנ הייסט עס?

— אָפּדאַצנ?

גריגאָרי שישלינ דריקט צו מיט די הענט צו דער ברוסט די היפשע באָרד אונ בעט זינגעוודיק:

— ברידער, אונ טאָמער לאָמיר פרוווּנ אונדזערע געשעפטנ אָפּטאָנ פּראָסט, אָנ שווינדלערײַ? לעבנ ערלעכ — איז דאָכ אַזוי וווּיל, אַזוי רויִק, אַ? מענטשנ האַרציקע, אַ?

זײַנע בלויע אויגנ טונקלענ, ווערנ פײַכט. געווענ איז ער אינ די מינוטנ וווּנדערלעכ וווּיל. אַלע פילנ זיכ אַזויווי אַביסל צעמישט פונ זײַנ ביטע, אַלע קערנ זיכ אָפּ פונ אים פאַרשעמט.

— אַ פויער וועט אַפּ קיינ טאָכ ניט אָפּנאַרנ, — וואָרטשעט דער לײַטיש־פאָנעמדיקער אָסיפּ מיט אַ זיפצ, ווי באַדויערנדיק דעמ פויער דערפאַר.

אויסגעבויגנ איבערנ טיש דעמ סטולעוואַטנ רוקנ, זאָגט געדיכט דער טונקעלער מולייער:

— זינד איז ווי בלאָטע, — וואָס ווײַטער, אַלצ קלעפּיקער.

אונ אינ טאָנ צו זייערע רעדעס פרעפּלט דער באַלעבאָס:

— איכ — וואָס בינ איכ? איכ רופ זיכ אָפּ, ווי מע רופט זיכ אָנ...

אָפּגעפילאָזאָפירט, פרוווט מענ זיכ ווידער באַשווינדלענ איינער דעמ אַנדערנ, אונ נאָכנ צערעכענענ זיכ גייט מענ פאַרשוויצטע אונ פאַרמאַטערטע פאַר אָנשטרענגונג אינ טראַקטיר אַרײַנ טרינקענ טיי, פאַרבעטנדיק מיט זיכ דעמ באַלעבאָס.

אויפנ יאָרמאַרק האָב איכ געדאַרפט אַכטונג געבנ, די דאָזיקע מענטשנ זאָלנ ניט גאַנווענענ קיינ צוועכעס, קיינ ציגל, קיינ ברעטער. איטלעכער פונ זיי האָט אויסער דער אַרבעט בײַ מײַנ באַלעבאָס געהאַט זײַנע אייגענע פּאָדריאַדנ אונ איטלעכער האָט געזוכט, וויִאַזוי צוצושלעפּנ בײַ מיר פונ אונטער דער נאָז וואָס ניט איז פאַר זײַנ געשעפט.

זיי האָבנ מיכ באַגעגנט ליבלעכ, אונ שישלינ האָט געזאָגט:

— געדענקסט, האָסט זיך געבעטן צו מיר אין ארטעל? און איצט — אָט ווער־היין ס׳האָט דיך ארופגעשווענקט, וועסט זײַן איבער מיר אן עלטערער, א?

— נו, נו, — האָט זיך אָסיפּ געווערטלט. — היט און באוואך, קיין אויג ניט פארמאַך!...

פּיאָטער האָט אומפרײַנטלעך געזאָגט:

— אוועקגעשטעלט א יונגן בושל אפּ אָנפירן מיט אלטע מײַז...

מײַנע פליכטן זײַנען מיר געווען מוירעדיק צו לאַסט. ס׳איז מיר געווען א כאר־פע פאר די דאָזיקע מענטשן — זיי אלע, האָט אויסגעוויזן, ווייסן עפּעס באזונדערס גוטס, וואָס קיינער אויסער זיי ווייסן ניט, און איך דארף אפּ זיי קוקן, ווי אפּ גאַ־נאָווים און שווינדלער. די ערשטע טעג איז מיר געווען שווער מיט זיי, נאָר אָסיפּ האָט עס גיך באמערקט און איינמאָל, פון אויג אפּ אויג, האָט ער מיר געזאָגט:

— אָט וואָס, יאַטל, דו בלאָז זיך ניט אָן, ס׳איז איבעריק, — פארשטייסט?

איך האָב, נאַטירלעך, גאָרניט פארשטאַנען, נאָר כ׳האָב דערפילט, אז דער אל־טער פארשטייט די אומגעלומפּערטקייט פון מײַן לאגע, און בא מיר האָבן זיך מיט אים גיך אײַנגעשטעלט אָפנהארציקע באציונגען.

ער פלעג מיך לערנען ערגעץ אין א ווינקעלע:

— צווישן אונדז, אויב דו ווילסט וויסן, איז דער הויפּט־גאנעוו דער מוליער פּעטרוכע. ער איז א מענטש מיט א גרויסער פאמיליע, א גײַציקער. אפּ אים גיב גוט אכטונג, ער מעסט זיך ניט קיין זאך, אלץ טויג אים: א פונט צוועכעס, א צענדליק ציגל, א זעקל קאַלך — אלץ דערלאַנג אהער! א מענטש איז ער א ווילער, א פרומער צו גאָט, מיט געדאַנקען שטרענגע און א גראַמעטנער, נו, אָבער גאַנ־וועגען האָט ער ליב. בא יעפימושקען איז דאָס לעבן — אין ווײַבער, ער איז א שטילער, פאר דיר אן אומשעדלעכער. ער איז אויך א קלוגער, די הויקערס זײַנען אלע ניט קיין נאראָנים! נאָר אָט גריגאָרי שישלין — דער איז א טאַמעוואַטער, ניט נאָר פרעמדס נעמט ער ניט, ער איז גרייט אייגנס אוועקגעבן. ער ארבעט אינ־גאַנצן אפּ פוסט, אים קאָן יעדער איינער אָפּנארן, און ער — קאָן ניט! ער באַ־גייט זיך אָן סייכל.

— ער איז א גוטער?

אָסיפּ האָט א קוק געטאָן אפּ מיר אזויווי פונדערווײַטנס און האָט געזאָגט פאר־געדענקלעכע ווערטער:

זיכער, א גוטער! פאר א פוילן איז גוט זײַן — גאָר א פּראָסטע זאך. גוטסקײַט, באַכער, פּאָדערט ניט קיין סייכל.

— נו, און דו אליין? — האָב איך אָסיפּן געפרעגט. ער האָט א שמייכל געטאָן און האָט געענטפערט:

— איך בין, ווי א מיידל, אז כ׳וועל זײַן א באבע, דעמאָלט וועל איך וועגן זיך דערציילן, האָב צײַט דערווײַל! אניט — איז טו א זוך מיטן אייגענעם סייכל, וווּ בין איך ערגעץ פארבאהאַלטן, — אנו, טו א זוך!

ער האָט אומגעוואָרפן אלע מײַנע פאָרשטעלונגען וועגן אים און זײַנע פרײַנט. מיר איז געווען שווער צו צווייפלען אין דער עמעסדיקײַט פון זײַנע כאראַקטעריס־טיקעס, — איך האָב געזען, אז יעפימושקע, פּיאָטער, גריגאָרי האַלטן, אז אָט דער אלטער מיטן כאָשעוון אויסזען איז קליגער און באהאוונטער אין אלע לעבנס־

זאכן, ווי זיי אליין. זיי האָבן זיך מיט אים געזעגנט ווען אַלץ, אויסגעהערט זײַנע אייצעס אופמערקזאַם, אַרויסגעוויזן אים אַלערליי צייכנס פון אַכטונג.

— זײַ אַזוי גוט און גיב אונדז אַן אייצע, — בעטן זיי אים, אָבער נאָך איינער אַזאַ באַקאָשע, אַז אָסיפּ איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער מולער שטיל געזאָגט צו גריגאָריען:

— אַ יערעטיקער.

און גריגאָרי האָט שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— אַ פּאַיאַץ.

דער שטוקאַטור האָט מיך פרײַנטלעך געוואָרנט:

— דו האָב אין זינען, מאַקסימיטש, מיטן אַלטן מוז מען לעבן פּאָרזיכטיק, ער וועט דיך אין איין האַלב שאָ אַרום פינגער אַרומוויקלען! אַזוינע אָט אַלטיטשקע איינגעגעסענע — איז זאָל גאָט היטן, ווי שעדלעך זיי זײַנען!

איך האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער ערלעכסטער און פרימסטער מענטש איז דער מולער פּיאָטער. ער האָט וועגן אַלץ גערעדט קורץ, מיט וואָג, זײַן געדאַנק פלעג זיך אָפּטער פאַר אַלץ אָפּשטעלן אַף אַזוינע זאַכן, ווי גאָט, גענעם און טויט.

— עך, ברידער־כעוורע, ווי דו זאָלסט זיך ניט שלאָגן, וווהין סע זאָל דיך ניט טראָגן, נאָר דעם קייווער און דעם צווינטער וועסטו ניט מײַדן!

שטענדיק האָט אים ווײ געטאָן דער בויך, און ס'פלעג זיך מאַכן טעג, ווען ער האָט איינגאַנצן ניט געקענט עסן, אַפילע אַ קליין שטיקל ברויט פלעג בא אים אַרויסרופן ווייטעקן ביז קראַמפּ און פײַנלעכע נודנעקײַט.

דער הויקער יעפימושקע האָט אויך אויסגעוויזן גוט און ערלעך, נאָר שטענדיק לעכערלעך, אַמאָל — טאַמעוואַטע, אַפילע דול, ווי אַ שטיל נאַרעלע. ער פלעג זיך שטענדיק פאַרליבן אין פאַרשיידענע פרויען און האָט וועגן אַלע גערעדט מיט די זעלבע ווערטער:

— איך זאָג אײַך, ניט קיין ווײַבל, נאָר אַ בלימל אין סמעטענע, מײַן וואָ־אָרט!

ווען די שמײַדיקע קונאַווינער מעשטשאַנקעס פלעגן קומען וואַשן די פּאָלן אין די קלייטן, פלעג יעפימושקע זיך אַראָפּלאָזן פונעמ׳ דאַך, און שטעלנדיק זיך ערגעץ אין אַ ווינקל, פלעג ער שטיין און מורקען, פאַרזשמורענע די גרויע, לעבעדיקע אויגן, צעציִענדיק דאָס גרויסע מויל ביז די אויערן.

— ס'אַרא יאָדערדיקע ווײַבעלע גאָט האָט מיר צוגעשיקט, אַזאַ פרייד האָט אַראָפּגעגעבן צו מיר. נו, איז עס אַ בלימל אין סמעטענע, ווי זאָל איך גאָר דעם גוירל דאַנקען פאַר אַזאַ געשאַנק? איך קאָן דאָך פון אַזאַ מין שיינקײַט אַ לעבעדיקער פאַרברענט ווערן!

אין אָנהייב פלעגן די ווײַבער לאַכן פון אים, אויסרופנדיק איינע צו דער אַנדערער:

— זעט נאָר, ווי דער הויקער צעגייט עס, אַ, טאַטעלעך!

די אָפּשפּעטערײַ פלעג דעם דאַכדעקער קיין האָר ניט אַרן, זײַן ברייטבאַקיק פּאָנעם ווערט שלעפעריק, ער רעדט ווי פון היץ, זיסע ווערטער רינען, ווי אַ שי־קערער שטראָם, און הייבן אָן פאַרשיקערן די פרויען. צום סאָף רופט זיך אָן עמעצער פון די עלטערע מיט פאַרוווּנדערונג צו די כאַווערטעס:

— איר הערט זיך נאָר איַין, ווי דער פויער מאטערט זיך, ווי א יונגער באָכער!

— זינגט, ווי א פויגל...

— אָדער ווי א בעטלער אפ די קלויסטער־טרעפּ, — גיט זיך ניט אונטער אב אקשנטע.

נאָר יעפימושקע איז ניט ענלעך געווען אפ קיין בעטלער. ער איז געשטאַנען פעסט, ווי א געפּאקטער פניאַק, זיַין קאָל האָט געקלונגען אלץ רופנדיקער, די ווערטער זיַינען געוואָרן אלץ פאַרנאַרנדיקער, די וויַיבער האָבן שוין געהערט שוויַיגנדיקערהייט. ער איז טאקע אינדערעמעסן אזויווי צעגאַנגען אין מילדע פאַר־שיקערנדיקע רייד.

ענדיקן ענדיקט זיך עס דערמיט, אז אין דער ציַיט פון נאָך אָוונט־עסן אָדער נאָכן פאַרשאַבאַשעווען זאָגט ער פאַרווונדערט צו די כאווירים, שאָקלענדיק מיטן שווערן, ווינקלדיקן קאָפּ:

— נו, א וויַיבעלע א זיס, א מעכיַיעדיקס — דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זיך צוגערירט צו אזוינס!

דערציילנדיק וועגן זיַינע ניצכוינעס, נעמט זיך יעפימושקע ניט איבער, כויזעקט ניט פון דער באַזיגטער, ווי דאָס טוען געוויינלעך אנדערע, — ער צעגייט נאָר פאַר דאנקבאַרקיַיט און פרייד, און די גרויע אויגן זיַינע פאַרברייטערן זיך פון היספּיַילעס.

אָסיפּ שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט:

— ווי שעפּסטו עס זיך ניט אויס! דאָס וויפלסטע יאָר גייט דיר?

— דאָס יאָר גייט מיר דאָס פערטע נאָך פערציק. נאָר דאָס איז גאָרניט! היַינט בין איך אפ א יאָר פינף יינגער געוואָרן, ווי כ'וואָלט זיך אין א טיַיך אויסגע־באָדן, אין לעבעדיקער וואסער, בין גאָר געזינטער געוואָרן, אפן הארצן — א דוך־קיַיט! ניין, זאָגט־נאָר, ס'אַרא פרויען ס'זיַינען דאָ אפ דער וועלט, א?

דער מולער זאָגט צו אים שטרענג:

— אז דו וועסט אריבערשפּאַנען דעם פינפטן צענדליק, געדענק — ביטער און געזאלצן וועלן דיר זיַין דעמלט די מיִעסע געוווינשאפטן דיַינע!

— האָסט גאָר קיין בושע ניט, יעפימושקע! — זיפצט גריגאָרי שישלין.

און מיר פלעג דוכטן, אז דער שיינער שטוקאַטור פאַרגינט ניט דעם הויקער זיַין דערפאָלג.

אָסיפּ קוקט אפ אלעמען פון אונטער די גליַיך פאַרקריַיזלטע זילבערנע בּרעמען און ווערטלט זיך:

— יעדער ליזע האָט אירע קאפּריזן, איינע האָט ליב בופעטן און בעטן, א צווייטער איז געפעלן קארעלן און בראַסלעטן, און אלע ליזעס ווערן מיט דער ציַיט עלטער־באַבעס...

שישלין איז געווען א באַוויַיבטער, נאָר דאָס וויַיב זיַינס איז געבליבן זיצן אין דאָרף. ער פלעג זיך אויך פאַרקוקן אפ די פּאָלן־וועשערנס. אלע זיַינען זיי געווען גליַיך צוגענגלעך, יעדע פון זיי האָט געזוכט א זיַיטיקן „פאַרדינסט". צו דעם מין פאַרדינסט האָט מען זיך אין דער הונגעריקער סלאָבאָדע באַצויגן פונקט

אזוי פראָסט, ווי צו יעדער אנדער ארבעט. נאָר דער שיינער פויער האָט ניט געטשעפּעט די פּרויען, ער האָט נאָר געקוקט אף זיי פונוויטנס מיט א באזונדער מינ בליק, ווי ער וואָלט באדויערנ עמעצנ — זיך אָדער זיי; ווענ זיי פלעגנ אָנ־הייבנ אים פּארטשעפּענ, רייצנ, פלעג ער מיט א פארשעמט געלעכטערל זיך אָפּרוקנ:

— גייט צו אלדע...

— וואָס טוסטו עס, נארעלע? — כידעשט זיך יעפימושקע, — ווי לאָזט מענ עס דורכ א צופאל?

— איכ בינ א באווייבטער, — דערמאנט גריגאָרי.

— אונ דאָס ווייב וועט דענ וויסנ?

— א ווייב דערוויסט זיך שטענדיק, טאָמער האָסטו געלעבט ניט ערלעכ, וועסט זי, ברודער, ניט אָפּנארנ!

— פונוואנענ קאָנ זי וויסנ?

— דאָס איז מיר ניט באוווסט, פונוואנענ, נאָר זי מוז זיך דערוויסנ, אויב נאָר זי אליינ האָט ערלעכ געלעבט. טאָמער, ווידער, לעב איכ ערלעכ, אונ זי האָט געזינדיקט, וועל איכ זיך וועגנ איר דערוויסנ.

— אָבער וויאזוי? — שרייט יעפימושקע. נאָר גריגאָרי כאזערט רויִק איבער:

— דאָס איז מיר אומבאוווסט.

דער דאכדעקער צענעמט די הענט, אנ אופגעבראכטער:

— נא דיר אזוינס! ערלעכ, אומבאוווסט... עכ, דו קאָפּ!

שישלינס ארבעטער, זיבנ מאנ, האָבנ זיך באצויגנ צו אים פראָסט, ניט געפילט אינ אים קיינ באלעבאָס, אונ הינטער די אויגנ האָבנ זיי אים אָנגערופנ קאלב. גע־קומענ צו דער ארבעט אונ זעט, אז זיי פוילנ זיך, נעמט ער א סאָקאָלאָק, א לאָ־פּעטע אונ נעמט זיך ארטיסטיש ארבעטנ אליינ, ליבלעכ אויסשרייענדיק:

— לייגט זיך אָנ, כעוורע, ווארעמער!

איינמאָל האָב איכ, אויספירנדיק דעם באלעבאָס א בייזנ אָנזאָג, אויסגערעדט גריגאָריענ:

— שוואכע ארבעטער בא דיר...

ער האָט זיך אזויווי פארכידעשט:

— נו, טאקע?

— די דאָזיקע ארבעט וואָלט מענ באדארפט נאָכ נעכטנ ביז האלבנ טאָג פאר־ענדיקנ, אונ זיי וועלנ היינט אויכ ניט פארטיק ווערנ.

דאָס איז עמעס, אז זיי וועלנ ניט פארטיק ווערנ, — האָט ער איינגעשטימט, אונ נאָכ א שווייגנ האָט ער פאַרזיכטיק געזאָגט:

— איכ זע, פארשטייט זיך, נאָר ס'טראָגט דאָס הארצ ניט זיי אונטערצוטרייבנ — ס'איז דאָכ אלצ אייגענע, פונ איינ דאָרף מיט מיר. נעמ, ווידער, אזוי די זאכ: גאָט האָט באפוילנ — אינעמ שווייס פונעם פּאָנעם עס דיינ ברויט, איז דאָכ עס, הייסט עס, אלעמענ אָנגעזאָגט, דיר, מיר, אונ מיר מיט דיר האָרעווענ ווייניקער פאר זיי, — נו, איז עפּעס ניט אנגענעמ זיי אונטערצוטרייבנ.

ער האָט געלעבט פארטראכט. גייט איבער די ליידיקע גאסנ פונעם יאָרמארק,

און פּלוצעם שטעלט ער זיך אָפּ אַף איינעם פון די בריקן פונעם קרייז־קאַנאַל, שטייט לאַנג בא די פּאָרענטשעס און קוקט אין וואַסער, אין הימל, אין דער ווייט הינטער דער אָקאַ. פאַקסט אים, פרעגסט:

— וואָס איז?

— האַ? — כאַפּט ער זיך אוף מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל. — אַזוי זיך... זיך אָפּגע־שטעלט, געקוקט אַביסל...

— ווייל, ברודער, איז אַלץ איינגעאָרדנט בא גאָט, — רעדט ער אָפּט. — דער הימל, די ערד, טייכן גייען, דאַמפּפערס לויפן; זעצסט זיך אַף אַ דאַמפּפער, און וווּ־הין דו ווילסט זיך: קיין ריאַזאַן, קיין ריבינסק, קיין פּערם, ביז אַסטראַכאַן! אין ריאַזאַן בין איך געווען, נישקאָשע פון אַ שטעטל, נאָר אַן אומעטיקס, אומעטיקער ווי ניזשני. ניזשני איז בא אונדז אַ ברען אַ יונג, אַ פריילעכער! אויך אַסטראַכאַן איז אומעטיקער. אין אַסטראַכאַן איז דעריקער אַסאַך קאַלמיקן פאַראַן, און איך האָב עס ניט ליב. כ׳האָב ניט ליב קיין שום מאָרדוואַ. אָט די קאַלמיקן, די פּערסן, דייטשן און אַלע אַנדערש־געבוירענע פעלקערלעך דאָרטן...

ער רעדט לאַנגזאַם, זיינע ווערטער טאַפּן פּאָרזיכטיק אָן דעם איינשטימיק דען־קענדיקן מענטשן און געפינען אים שטענדיק אין דעם מוליער פּיאָטער.

— ניט קיין אַנדערש־געבוירענע זיינען זיי, נאָר פרעמד־געבוירענע, — רעדט פּיאָטער זיכער און בייז. — פרעמד צו קריסטוסן זיינען זיי געבוירן, און פרעמד צו קריסטוסן לעבן זיי...

גריגאָרי ווערט לעבעדיקער, שיינט.

— אַזוי צי אַזוי, נאָר איך, ברידערלעך, האָב ליב אַ ריין פאָלק, דאָס רוסישע פאָלק, דאָס אויג זאָל קוקן גלייך! קיין זשידעס האָב איך אויך ניט ליב, און איך פאַרשטיי אפילו ניט, צוליב וואָס דאַרף גאָט אַלערליי פעלקערלעך. קונציק איז עס איינגעאָרדנט...

דער מוליער גיט צו כמורנע:

— קונציק, נאָר ס׳איז עפּעס אַזויוי איבעריקס פאַראַן היפּשלעך!..

צוגעהערט זיך אַ צייט צו זייערע רייד, מישט זיך אַריין אָסיפּ אָפּשפּעטעריש און בייסיק:

— איבעריקס איז דאָ, אָט די רייד אייערע זיינען אינגאַנצן איבעריק. עך, איר, שמאָכטע! ניטאָ אַף אייך קיין בייטש קיין רעכטע.

אָסיפּ האַלט זיך באַזונדער, פאַר־זיך, נאָר מע קען ניט פאַרשטיין, מיט וואָס איז ער איינשטימיק, קעגן וואָס וועט ער אַרויסטרעטן. אַמאָל קומט אויס, אַז ער איז גלייכגילטיק מאַסקים מיט אַלע מענטשן, מיט אַלע זייערע געדאַנקען. נאָר אָפּ־טער זעט מען, אַז אַלע האָבן אים דערעסן, ער קוקט אַף די מענטשן, ווי אַף האַלב־דולע, און טוט אַ זאָג צו פּיאָטערן, גריגאָריען, יעפימושקען:

— עך, איר, הינטלעך כאַזוירשע...

זיי שמייכלען, ניט זייער פריילעך און גערן, נאָר זיי שמייכלען.

דער באַלעבאָס פלעג מיר אַרויסגעבן אַף ברויט אַ פּיאַטאַקל אַ טאָג. דאָס איז געווען קאַרג, כ׳פלעג אַביסל צוהונגערן. זעענדיק עס, פלעגן די אַרבעטער מיך פאַרבעטן פרישטיקן און אָוונטברויט עסן מיט זיי, און אַמאָל פלעגן אויך די

פּאָדריאַטשיקעס מיכ רופֿנ אינ טראַקטיר טיי טרינקענ. איכ פֿלעג זיכ ניט לאָזנ בעטנ, מיר איז געפֿעלנ געווענ צו זיצנ מיט זיי, הערנ די לאַנגזאַמע רייד, די מאָדנע דערציילונגענ. זיי פֿלעג פֿאַרשאַפֿנ פֿאַרגעניגנ מײַנ באַלעזנקײַט אינ די קלויסטער־ביכער.

— האָסט זיכ אָנגעשלונגענ מיט ביכלעכ צוזאַט, שטײַפֿ אָנגעשלאָגנ די וואָליע, — זאָגט אָסיפּ, אופֿמערקזאַמ באַטראַכטנדיק מיכ מיט די קאָרנבלימלדיקע אויגנ, ס'איז שווער צו כאַפּנ זייער אויסדרוק. די שוואַרצאַפּלענ באַ אימ איז ווי זיי האַלטנ קעסיידער אינ שמעלצנ זיכ, אינ צעגיינ.

— דו היט עס אָפּ, קלײַב זיכ אָנ א קניפּל, ס'קומט צונוצ. ווּעסט אויסוואַקסנ — גיי פֿאַר א מאָנאַכ טרייסטנ דאָס פֿאָלק מיט ווערטער, אָדער — פֿאַר א מיליאָנער...

— א מיסיאָנער, — פֿאַריכט אימ דער מוליער מיט א באַליידיקטער שטימ.

— וואָס? — פֿרעגט אָסיפּ.

— מיסיאָנער — זאָגט זיכ, ווייסט עס דאָכ! אונ ביסט ניט טויב...

— נו, גוט, פֿאַר א מיסיאָנער, מיט יערעטיקער זיכ קריגנ, אָדער פֿאַר א יערעטיקער פֿאַרשרײַב זיכ, אויכ א ברויט־שטעלע! אז מע האָט סייכל, קענ מענ אויכ מיט יערעטישקײַט זיכ דורכלעבנ...

גריגאָרי לאַכט אינ פֿאַרלעגנהײַט, אונ פּיאָטער רעדט אינ דער באָרד ארײַנ:

— אָט, קישעפֿמאַכער לעבנ אויכ ניט שלעכט, גאָטלייקענער אַלערליי...

נאָר אָסיפּ ענטפֿערט אָפּ אַפֿנ אָרט:

— א קישעפֿמאַכער איז ניט קיינ גראַמעטנער. פֿאַר א קישעפֿמאַכער איז גראַמעטע אַנ איבעריקע זאַכ.

אונ ער דערציילט מיר:

— אָט, זע, הער: אינ אונדזער וואָלאָסט האָט געלעבט אַנ עלטערער מענטש איינער, טושקאַ האָט מענ אימ גערופֿנ, אַנ אויסגעדײיווערט פּויערל, א לײדיקס. געלעבט — ווי א פֿעדער, אַהער — אַהינ, ווּהינ דער ווינט בלאָזט, ניט קיינ אַרבעטער, ניט קיינ לײדיקגייער! אָט האָט ער איינמאָל פֿונ לאַנג פּוסטעפּאַסעווענ זיכ אוועקגעלאָזט גאָט בעטנ אונ זיכ אַרומגעבלאָנקעט צוויי יאָר צײַט, אונ דערנאָכ האָט ער זיכ פֿלוצעמ באַוויזנ אינ א נײַעמ אויסזענ: האָר — ביז די אַקסלענ, אַפֿנ קאָפּ א סקופֿייקעלע, אַפֿנ קאָרפּוס — א ברוינ־געל ריאַסקעלע פֿונ טײַוול־הויט; קוקט אַפֿ אַלעמענ, ווי אַנ אָקונ, אונ פֿאָדערט אַקשאָנעסדיק: טוט טשוווע, פֿאַרשאָלטענע! אונ פֿאַרוואָס טאַקע ניט טשוווע טאָנ, איבערהויפּט — די ווײַבער? אונ דאָס געשעפֿט האָט אָנגעהויבנ גיינ: טושקאַ איז זאַט, טושקאַ איז שיקער, טושקאַ איז מיט ווײַבער איבער דער מאָס צופֿרידנ..

דער מוליער שלאָגט איבער בייז:

— צי דאָס איז וויכטיק, וואָס ער איז שיקער אונ זאַט?

— וואָס־זשע אַנדערש?

— וויכטיק איז דאָס וואָרט!

— נו, אינ זײַנע ווערטער האָב איכ זיכ ניט פֿאַרטיפֿט, מיט ווערטער בינ איכ אַליינ רײַכ מער, ווי מע דאַרף.

— טושניקאָוונ, דמיטרי וואַסיליעוויטשנ, קענענ מיר גאַנצ גוט, — זאָגט באַליי־

דיקט פּיאָטער, אונ גריגאָרי האָט אַראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ אונ קוקט צו זיכ אינ גלאָז אַרײַנ.

— איכ שפּאָר זיכ ניט, — גײט אָסיפּ אָפּ אַ שאָלעכ, — דאָס דערצײל איכ אַלצ אונדזער מאַקסימיטשנ מיקויעכ די פֿאַרשײדענע שטעגנ־װעגנ צומ ביסנ...

— מיט אַנדערע װעגנ קאָנ מענ אינ טורמע אויכ אָנקומענ...

— אונ נאָכ װי! — שטימט אָסיפּ אײַנ. — ניט יעדער סטעזשקע איז אַ מיטל צו קריגנ דאָס גאַלעכשע היטל, מע דאַרפֿ װיסנ, װי פֿאַרקערעװענ...

ער רײצט זיכ שטענדיק אַביסל מיט די פֿרומע לײַט — מיטנ שטוקאַטור אונ מיטנ מולער. ס'קאָנ זײַנ, אַז ער האָט זײ ניט ליב, נאָר ער באַהאַלט עס פֿלינק; זײַנ באַציִונג צו מענטשנ איז אינ אַלגעמײנ שװער צו כאַפּנ.

אָפּ יעפֿימושקענ קוקט ער, דאַכט זיכ, װײכער, גוטהאַרציקער. דער דאַכדעקער לאָזט זיכ ניט אַרײַנ אינ קײנ שמועסנ װעגנ גאָט, עמעס, װעגנ סעקטעס, װעגנ דער ביטערקײַט פֿונ מענטשנס לעבנ — אינ אָט די באַליבטע געשפּרעכנ פֿונ זײַנע פֿרײַנט. אָװעקגעשטעלט דעמ שטול מיט אַ זײַט צומ טיש — דער שטול־רוקנ זאָל ניט שטערנ דעמ הויקער — טרינקט ער געלאַסנ טײ, אַ גלאָז נאָכ אַ גלאָז, נאָר פּלוצעמ שפּיצט ער זיכ אָנ, באַקוקנדיק דעמ רויכיקנ צימער, זיכ אײַנהערנדיק אינ דעמ אומגעאָרדנטנ גערויש פֿונ די קוילעס, שפּרינגט אויפֿ אונ װערט פֿאַרשװוּנדנ. דאָס באַטײַט, אַז אינ טראַקטיר איז אַרײַנ עמעצער, װאָס יעפֿימושקע איז אימ שולדיק אַ כויװ, אונ קרעדיטאָרנ פֿאַרמאָגט ער — אַ געזונטנ צענדליק, אונ אַזױװי אײניקע גיבנ אימ קלעפּ, — מאַכט ער פּיס באַצײַטנס.

— זײַנענ אינ קאַס, נאַראָנימ, — פֿאַרשטײט ער זײ שלעכט. — װענ איכ האָב געלט, װאָלט איכ דענ ניט אָפּגעגעבנ?

— אַכ, דו צװײַג פֿאַרדאַרטער, ביטערער... — באַגלײט אימ אָסיפּ אַרויס.

אַנ אַנדער מאָל זיצט יעפֿימושקע לאַנג, פֿאַרטראַכט, זעט ניט, הערט ניט גאָרניט. זײַנ ברײטבאַקיק פּאָנעמ װערט װײכער, די גוטע אויגנ קוקנ נאָכ מער גוט.

— װעגנ װאָס 'סטו זיכ פֿאַרטראַכט, דינסט־מענטש? — פֿרעגט מענ אימ.

— איכ טראַכט, װעג איכ בינ רײַכ, עכ, האָב איכ מיר כאַסענע מיט דער סאַמע ריכטיקער פּריצע, מיט אַנ אַדל־פֿרוי, אָפּ מײַנ װאָרט, מיט אַ פּאָלקאָװניקס אַ טאָכטער, אַשטײגער, אונ ליב װאָלט איכ זי געהאַט — גרויסער גאָט! לעבעדיקערהײט װאָלט איכ לעבנ איר פֿאַרברענט געװאָרנ... װײַל ס'איז געװענ, ברידער, אַ פֿאַל, איכ האָב געדעקט אַ דאַכ באַ אַ פּאָלקאָװניק אָפּ דער דאַטשע...

— אונ ער האָט געהאַט אַ טאָכטער אַנ אַלמאָנע, — מירנ שוינ געהערט! — שלאָגט אימ פּיאָטער איבער אומפֿרײַנטלעכ.

נאָר יעפֿימושקע רײַבט מיט די דלאָניעס די קני, שאָקלט זיכ, בויערנדיק מיטנ הויקער די לופֿט, אונ זעצט פֿאָר:

— ס'פֿלעג טרעפֿנ, זי גײט אַרויס אינ סאָד, אינגאַנצנ אַ װײַסע אונ אַ גרויסאַרטיקע, איכ קוק אָפּ איר פֿונ דאַכ אונ — צו װאָס טויג מיר די זונ, אונ — צו װאָס די ליכטיקע שײַנ? אָט, װי אַ טויב, װאָלט איכ איר צו די פּיס אַראָפּגעפֿלויגנ! פֿראָסט — אַ הימלדיקע בלומ אינ סמעטענע! מיט אַזאַ־אָ האַרנטע איז דאָכ טאַקע רעכט, דאָס גאַנצע לעבנ זאָל זײַג אײנ נאַכט!

— און וואָס וואָלט איר געפּרעסן? — פרעגט פּיאָטער שטרענג. נאָר יעפימושקע ווערט ניט צעמישט.

— גרויסער גאָט! — רופט ער אויס. — אַסאַך דארפן מיר? אויסער דעם — איז ז׳ דאָך רייַך...

אָסיפּ לאַכט:

— און ווען וועסטו שוין, יעפימושקע, זיך אַמאָל צעטרענצלען אין אָט די גע־שעפטן, צעטרענצלער דו?

אויסער פּרויען רעדט יעפימושקע ניט וועגן קיין זאַך. און אַן ארבעטער איז ער ניט קיין גלייַכמעסיקער: אַמאָל ארבעט ער אויסגעצייכנט, גיך, אַמאָל ווידער, — גייט עס בא אים ניט, דאָס הילצערנע העמערל ניטעוועט די קאַמען פויל, ניט אַקו־ראַט, איבערלאָזנדיק שפּארונעס. פון אים שמעקט שטענדיק מיט אייל, מיט דזעגעכץ, נאָר ער האָט זייַן רייעך, א געזונטן און אַן אנגענעמען. ס׳דערמאַנט דעם רייעך פון א פרישׂ אָפּגעהאַקטן בוים.

מיטן טעסלער איז אינטערעסאַנט צו ריידן וועגן אַלץ; אינטערעסאַנט, נאָר ניט זייער אנגענעם. זייַנע ווערטער באַומרויִקן שטענדיק דאָס האַרץ, און ס׳איז שווער צו פאַרשטיין, ווען ער רעדט ערנסט, און ווען אין א שפּאַס.

מיט גריגאָריען, ווידער, איז אַמבעסטן צו ריידן וועגן גאָט, ער האָט עס ליב און איז דעריין פעסט.

— גרישע, — פרעג איך, — דו ווייסט: פאַראַן מענטשן, וואָס גלייבן ניט אין גאָט!

ער שמייכלט רויִק:

— וואָס הייסט?

— זיי זאָגן: ס׳איז ניטאָ קיין גאָט!

— אָ! אָט וואָס? דאָס ווייס איך.

און, זיך אָפּפאָכנדיק מיט דער האַנט פון עפּעס אַן אומזיכטיקער פליג, זאָגט ער:

— נאָך דאָוויד האַמעלעך, געדענקסטו, האָט געזאָגט: „ס׳רעדט דער אָנזיניקער אינעם האַרצן זייַנעם: ניטאָ קיין גאָט״, אָט נאָך ווען אָנזיניקע האָבן וועגן דעם גערעדט! אָן גאָט איז אומעגלעך זיך צו באַגיין...

אָסיפּ איז ווי איינשטימיק מיט אים:

— נעם נאָר אָפּ בא פעטרוכען גאָט, וועט ער דיר ווייַזן, ווער עלטער איז!

שישלינס שיין פּאָנעם ווערט שטרענג. איבערקלייַבנדיק די באָרד מיט די פינגער מיט פאַרטריקנטן קאַלך אויף די נעגל, רעדט ער סוידעסדיק:

— גאָט זיצט אין יעדן לייַב. דער געוויסן און דער גאַנצער אינערלעכער קערן — איז פון גאָט!

— און די זינד?

— די זינד זייַנען פונעם לייַב, פונעם סאָטן! די זינד! — ס׳איז פונדרויסן. ווי פּאָקן, ניט מער! ס׳זינדיקט אַמשטאַרקסטן יענער, וואָס טראַכט אַסאַך וועגן זינד, דערמאַן זיך ניט אין קיין זינד — וועסטו ניט זינדיקן! די געדאַנקען וועגן זינד גיט אַרייַן דער סאָטן, דער האַר פונעם לייַב...

דער מוליער צווייפלט.

— עפּעס איז עס ניט אזוי, דאכט זיך...

— אזוי! גאָט איז אָנזינדיק, און דער מענטש איז די געשטאַלט און דער אָנבליק זײַנער. זינדיקן זינדיקט די געשטאַלט, דאָס לײַב, אָבער דער אָנבליק קאָן ניט זינדיקן, ער איז דאָך — אָנבליק, גײַסט...

ער שמייכלט זיגעריש, און פּיאָטער וואָרטשעט:

— דאָס איז, דאכט זיך, ניט אזוי...

— און נאָך דײַן מיינונג, — פרעגט אָסיפּ דעם מוליער, — איז וועסטו ניט זינדיקן — וועסטו ניט טשוווע טאָן, וועסטו ניט טשוווע טאָן — וועסטו ניט געראַטעוועט ווערן?

— אזוי זעט אויס פעסטער, מיין איך! וועסטו דעם טײַוול פּארגעסן, וועט דיר גאָט ניט ליב זײַן, — פלעגן די אלטע זאָגן...

שישלין איז ניט קיין טרינקער, ער ווערט שיקער פון צוויי גלעזלעך. דאָס פּאָנעם ווערט אים דעמלט ראָז, די אויגן — קינדעריש, דאָס קאָל זינגט.

— ברידער מײַנע, ווי וואויל דאָס אלץ איז! אָט לעבן מיר, ארבעטן צוביסלעך, זײַנען גאָט צו דאנקען, זאט, — אך, ווי וואויל!

ער וויינט, די טרערן רינען אים אראָפּ אױף דער באָרד און לויכטן זיך אזוי ווי די פּערל פון די האָר, ווי גלעזערנע פּאטשערקעס.

זײַנע אָפטע לויבגעזאנגען דעם לעבן און אױף די גלעזערנע טרערן זײַנען מיר געווען ניט אנגענעם, — די באבע מײַנע פלעג לויבן דאָס לעבן איבערצײַגנדיקער, פּראָסטער, ניט אזוי צודרינגלעך.

די דאָזיקע אלע געשפּרעכן האָבן מיך געהאלטן אין קעסיידערדיקער אָנשטרענגונג, וועקנדיק אן אומקלאָרן אומרו. איך האָב שוין געהאט איבערגעלייענט אסאך דערציילונגען וועגן דעם פּויער און געזען, ווי שארף ניט ענלעך ס'איז דער בוך־פּויער אפן דעם לעבעדיקן. אין די ביכלעך זײַנען אלע פּויערים אומגליקלעך — די גוטע און די שלעכטע, אלע זײַנען זיי אָרעמער פון די לעבעדיקע אין ווערטער און געדאנקען. דער בוך־פּויער רעדט ווייניקער וועגן גאָט, וועגן סעקטעס, וועגן קלויסטער — מער וועגן נאטשאלסטווע, וועגן ערד, וועגן עמעס און די שווערקייטן פון לעבן. וועגן פרויען רעדט ער אויך ווייניקער. ניט אזוי גראָב, פרײַנטלעכער אסאך. פאר דעם לעבעדיקן פּויער איז די פרוי — א פארווײַלונג, נאָר א פארווײַלונג א געפערלעכע. מיט א פרוי דארף מען שטענדיק כיטרעווען, אניט וועט זי נעמען די אויבערהאנט און וועט פארפּלאָנטערן אפּ א גאנץ לעבן. דער פּויער פונעם ביכל איז אָדער שלעכט, אָדער גוט, נאָר ער איז שטענדיק אינגאנצן דאָ, אין ביכל. און די לעבעדיקע פּויערים זײַנען ניט גוט, ניט שלעכט, זיי זײַנען וווּנדערלעך אינטערעסאנט. ווי דער לעבעדידער פּויער זאָל זיך פאר דיר ניט אויסריידן — פילט זיך שטענדיק, אז אין אים איז נאָך עפּעס געבליבן, נאָר אָט דער רעשט איז דורכויס פאר אים, און אין אָט דעם ניט־ארויסגעזאָגטן, באהאלטענעם — ליגט עפּשער, דער איקער.

פון אלע בוך־פּויערים איז מיר אמערסטן געפעלן געווען פּיאָטער פונעם „טעסלער־ארטעל". ס'האָט זיך מיר פארוואָלט איבערלייענען די דערציילונג פאר מײַנע

פרײַנט, און איך האָב דעם בוך געבראַכט מיט זיך אױף יאַרמאַרק. ס׳פֿלעג מיר אָפֿט אױסקומען נעכטיקן אין דעם אָדער יענעם אָרטעל. אַן אַנדער מאָל דערפֿאַר, װײַל איך פֿלעג פֿאַרן טאָג זיך אױסמאַטערן, און ס׳איז קײן קױעך ניט געװען צו גײן אַהײם.

װען איך האָב געזאָגט, אַז אָט האָב איך אַ בוך װעגן טעסלערס, האָט עס אַלעמען לעבעדיק פֿאַרינטערעסירט, און אָסיפּ באַזונדערס. ער האָט גענומען דעם בוך בײַ מיר פֿון די הענט, האָט אים איבערגעבלעטערט, אומצוטרױליך שאָקלענדיק מיטן איקאָנע־ענלעכן קאָפּ.

— טאַקע אינדערעמעסן װעגן אונדז, דאַכט זיך, געשריבן! אַזױנע שעלמעס! װער האָט געשריבן — אַ פּאָרעץ? נו. איך האָב אַזױ טאַקע געטראַכט. פּריצים און טשינאָװניקעס זײַנען אױף אַלץ בערײעס! װי גאָט קען זיך ניט אָנשטױסן, דאָרט איז דעם טשינאָװניק אַלץ קלאָר, דערױף לעבן זײ...

— ניט פֿאָרזיכטיק רעדסטו, אָסיפּ, װעגן גאָט, — טראָגט פּיאָטער אַרײַן זײַן באַמערקונג.

ס׳מאַכט ניט אױס! פֿאַר גאָט איז מײַן װאָרט װײניקער, אײדער מיר אױף פֿליך אַ שנײַעלע אָדער אַ רעגן־טראָפּן. דו קלעם זיך ניט, מיר מיט דיר װעלן צו גאָט ניט דערלאַנגען...

ער האָט זיך פּלוצעם אומרויִק צעשפּילט, צעװאָרפֿנדיק שאַרפֿע װערטלעך, װי אַ קרעמען פֿונקען, אַראָפּשערנדיק מיט זײ, װי מיט אַ שערל, אַלץ, װאָס האָט זיך אָקעגנגעשטעלט. אין פֿאַרלױף פֿון טאָג האָט ער עטלעכע מאָל געפֿרעגט:

— לײענען מיר, מאַקסימיטש? ס׳אַ זאַך, ס׳אַ זאַך! דאָס איז ריכטיק צוגעטראַכט.

נאָכן פֿאַרשאַבאַשעװען איז מען אװעק װעטשערע עסן צו אים אין אָרטעל, און נאָך דער װעטשערע האָט זיך באַװיזן פּיאָטער מיט זײַן אַרבעטער אַרדאַליאָן, און שושלין — מיט אַ יונגן באָכער פֿאָמאַ. אין דער שטאַל, װוּ דער אָרטעל איז געשלאָפֿן, האָט מען אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, און איך האָב אָנגעהױבן לײענען. מ׳האָט געהערט שװײַגנדיק, זיך קײן ריר ניט געטאָן, נאָר אינגיכן האָט אַרדאַליאָן זיך אָנגערופֿן בײז:

— נו, פֿאַר מיר איז שוין גענוג!..

און איז אװעק. דער ערשטער איז אײנגעשלאָפֿן געװאָרן גריגאָרי מיט אַ פֿאַרװוּנדערט־צעעפֿנטן מױל, נאָך אים זײַנען אײַנגעשלאָפֿן די טעסלערס, נאָר פּיאָטער, אָסיפּ און פֿאָמאַ האָבן זיך צוגערוקט צו מיר און געהערט מיט אָנשטרענגונג. אַז איך האָב פֿאַרענדיקט לײענען, האָט אָסיפּ טײקעף פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ — לױט די שטערן האָט שױן געקערט זײַן אָרום אַ האַלבער נאַכט.

פּיאָטער האָט געפֿרעגט אין דער פֿינצטער:

— צו װאָס־זשע איז עס אָנגעשריבן? קעגן װעמען?

— איצט — שלאָפֿן! — האָט אָסיפּ געזאָגט, אַראָפּנעמענדיק די שטיװל.

פֿאָמאַ האָט זיך שװײַגנדיק אָפּגערוקט אין אַ זײַט.

פּיאָטער האָט איבערגעכאַזערט מאָנענדיק:

— איך זאָג — קעגן װעמען איז עס אָנגעשריבן?

— זיי ווייסנ שוינ! האָט אָסיפ ארויסגערעדט, זיך אײַנלייגנדיק שלאָפנ אפ זײַנע ברעטער.

— אויב ס׳ס איז קעגנ די שטיפ־מאמעס, איז עס איינגאנצנ א פוסטע מײַסע: דערפונ וועלנ די שטיפמאמעס בעסער ניט ווערנ, — האָט דער מוליער גערעדט זײַנס. — אונ קעגנ פיאָטערנ, — איז עס אויך אומזיסט, ער האָט געזינדיקט — וועט ער ענטפערנ! פאר א רעציכע — איז אינ סיביר, אונ אנ עק! א ביכל איז אנ איבעריקע זאך בא אזא זינד... אנ איבעריקע, דאכט זיך, א?

אָסיפ האָט געשוויגנ. דענסטמאָל האָט דער מוליער צוגעגעבנ:

— זיי האָבנ ניט וואָס צו טאָנ, לייגנ זיי זיך ארײַנ אינ פרעמדע געשעפטנ! ווי די ווײַבער, אז זיי קלײַבנ זיך צונויפ. א גוטנ, צײַט שלאָפנ...

ער האָט זיך אפ א מינוט פארהאלטנ אינעם בלויענ קווּאדראט פונ דער אָפענער טיר אונ האָט א פרעג געטאָנ:

— אָסיפ, וואָס מיינסטו?

— אוי? — האָט זיך דער טעסלער אָפגערופנ שלעפעריק.

— נו, גוט, שלאָפ...

שישלינ האָט זיך איבערגעקערט אפ דער זײַט, דאָרט, ווו ער איז געזעסנ. פאָמא האָט זיך געלייגט אפנ צעריבענעם שטרוי לעבנ מיר. די סלאָבאָדע איז געשלאָפנ. פונדערווײַטנס האָט זיך געלאָזט הערנ א געפײַפ פונ א לאָקאָמאָטיוו, א שווערער ראש פונ טשוהונענע רעדער, א געקלאנג פונ בופערס. אינ שטאל האָט מענ פארשיידנקוילעסדיק געכראָפעט. איך האָב זיך געפילט ניט גוט, — איך האָב געוואָרט אפ וועלכע ניט איז געשפרעכנ, ערשט, — גאָרניט.

נאָר פלוצעמ האָט זיך אָסיפ צערעדט שטיל אונ דײַטלעך:

— איר, כעוורע, גלייבט ניט די אלע מײַסעס, איר זײַט יונג, איר האָט נאָך אסאך צו לעבנ, זאמלט זיך אייגענעם פארשטאנד! אייגענער סייכל אביסל באַשטייט פאר פרעמדס א פולע שיסל! פאָמא, דו שלאָפסט?

— ניינ, — האָט זיך פאָמא אָפגערופנ גערנ.

— אָט אזוי־אָ! איר זײַט ביידע גראמעטנע, טאָ לייענט, נאָר גלייבנ זאָלט איר ניט. זיי קאָנענ דרוקנ, וואָס זיי ווילנ, ס׳איז בא זיי אינ די הענט!

ער האָט ארויפגעלאָזט די פיס פונעמ ברעטערנעמ בריקל, זיך אײַנגעשפארט מיט די הענט אינ ראנד פונ דער ברעט אונ, אנ איבערגעבויגענער צו אונדז, האָט ער פאָרגעזעצט:

— א ביכל — וויאזוי דארפ מענ עס פארשטײַנ? ס׳איז א מעסירע אפ די מענטשנ, א ביכל! ס׳הייסט, אָט קוקט, ווער ער איז דער מענטש, א טעסלער דאָרטנ צי עמעצער אנ אנדערער, אונ אָט דער־אָ איז א פּאָרעצ, — איז ער שוינ גאָר אנ אנדער מענטש! א ביכל שרײַבט זיך ניט אומזיסט, נאָר עמעצנ צו פארטיידיקנ...

פאָמא האָט געזאָגט גערדיכט:

— פיאָטער האָט ריכטיק געטאָנ, וואָס ער האָט דערהארגעט דעמ פאָדריאטשיק!

— נו, דאָס רעדסטו שוינ אומזיסט, א מענטשנ דערהארגענענ איז קיינמאָל ניט ריכטיק. איך ווייס, דו האָסט גריגאָריענ ניט ליב, נאָר אָט די געדאנקענ ווארפ

אוועק. מיר אלֿע זײַנען ניט קיין רײַכע מענטשן, הײַנט בין איך א באַלעבאָס, מאָרגן —ווידער אן ארבעטער...

— איך רייד ניט וועגן דיר, פעטער אָסיפּ...

— דאָס איז אלצײַנס...

דו ביסט א גערעכטיקער...

— ווארט, איך וועל דיר דערציילן, צו וואָס איז די פארפאסונג אָנגעשריבן, — האָט אָסיפּ איבערגעשלאָגן פּאָמאס הארבע ווערטער, — דאָס איז זייער א כיטרע פארפאסונג! אָט האָסטו א פּאָרעץ אָן דעם פּויער, אָט האָסטו א פּויער אָן דעם פּאָרעץ! איצט קוק: דעם פּאָרעץ איז שלעכט, און דעם פּויער איז אויך ניט גוט. דער פּאָרעץ איז שוואך געוואָרן, דול געוואָרן! און דער פּויער איז געוואָרן א בארימער, א שיקער, א קרענקלעכער, א באַליידיקטער — אָט וואָס ס'איז געוואָרן! פּאנשטשינע־צײַט בא די פּריצים איז, קומט אויס, געווען בעסער: דער פּאָרעץ האָט זיך באהאלטן הינטערן פּויער, דער פּויער — הינטערן פּאָרעץ, און ביידע זײַנען געווען זאט, רויִק... מע קאָן ניט זאָגן, ס'איז טאקע ריכטיק, אז בא די פּריצים האָט זיך געלעבט רויִקער. די פּריצים לוינט ניט, דער פּויער זאָל זײַן אָרעם; זיי איז באקוועם, ווען ער איז פארמעגלעך, נאָר האָט ניט קיין סייכל. אָט וואָס זיי טויג. איך ווייס עס, איך האָב דאָך אליין אף פּאנשטשינע קימאט פערציק יאָר אָפּגעלעבט, בא מיר אף דער פּעל איז אסאך פארשריבן.

איך האָב זיך דערמאנט, אז פּונקט אזוי האָט גערעדט וועגן די פּריצים דער פּורמאן פּיאָטער, וואָס האָט זיך דעם האלדז איבערגעשניטן, און ס'איז מיר געווען זייער ניט אנגענעם, וואָס אָסיפּס געדאנקען פאלן זיך צונויף מיט די געדאנקען פון יענעם בייזן אלטן.

אָסיפּ האָט אָנגערירט מיט דער האנט מײַן פוס, פּאָרזעצנדיק:

— ביכלעך און אלערליי פארפאסונגען דארף מען פארשטיין! אומזיסט טוט קיינער גאָרניט. דאָס קומט נאָר אויס אזוי פונויבן, אז ס'איז אומזיסט. אויך ביכלעך שרײַבט מען ניט אומזיסט, נאָר דעם קאָפּ צו פארטומלען. אלץ טוט זיך מיט א סייכל, אָן סייכל וועסטו קיין שײַטל האָלץ ניט צעהאקן, קיין נוס ניט צעקנאקן...

גערעדט האָט ער לאנג, זיך געלייגט און ווידער אופגעשפּרונגען, שיטנדיק שטילינקערהייט זײַנע געטאָקטע גלײַכווערטלעך, אין פינצטערניש און שטילקײַט.

— מע זאָגט: דער פּאָרעץ און דער פּויער זײַנען פרעמדע מענטשן. דאָס איז אויך ניט ריכטיק. מיר זײַנען די זעלבע לײַט, נאָר פון דער אונטערשטער זײַט. ווען דער פּאָרעץ האָט זיך געלערנט אין די ביכלעך, זײַנען מיר געגאנגען אָן שיכלעך, דערצו איז באם פּאָרעץ דער הינטן ווײַסער — דאָס איז סאכאקל די מײַסע. ניי־ייִנ, כעוורע, צײַט, די וועלט זאָל זיך א נעם טאָן לעבן אף א נײַעם אויפן, די אלֿע פארפאסונגען דארף מען אוועקווארפן, לאָזן צורו; זאָל זיך איטלעכער א פרעג טאָן: ווער בין איך? א מענטש. און ווער איז ער? אויך א מענטש. וואָס־זשע דען, אויב אזוי: ער איז בא גאָט אָנגעלייגט מער, ווי איך? ניי־ייִנ, אין די אָפּצאָלן פאר גאָט זײַנען מיר ביידע גלײַך...

ענדלעך, צו אינדערפרי, אז דער אופגאנג האָט פארלאָשן אלע שטערן, האָט אָסיפּ צו מיר געזאָגט:

— האָסט געזען, וואָס פאַר א מין פארפאסער איך בין? אָנגערעדט אזוינס, וואָס איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געטראכט! איר, כעוורע, גלייבט מיר ניט, ס׳נעמט זיך בא מיר מער פון ניט שלאָפן, איידער פון ערנסט. ליגסט, ליגסט — און קלערסט זיך אויס עפּעס אזוינס צוליב צײַט־פארטרײַב: ערגעץ ניט הי, און ניט דאָ האָט אמאָל געלעבט א קראָ, געפלויגן פון פעלד צו פעלד, פון פלויט צו פלויט, ביז זי האָט אָפּגעלעבט איר וועלט, און ס׳איז אָפּ איר געקומען דער טויט: געפּייגערט די קראָ — און אויס, ניטאָ. וואָס ליגט דערין פאַר א זין? ניטאָ דערין קיין זין... אנו, לאָמיר א שלאָף טאָן: צײַט באַלד אופשטיין...

XVIII

ווי דער הייצער יאַקאָוו אין זײַן צײַט, אזוי האָט אָסיפּ אין מײַנע אויגן זיך ברייט צעוואקסן און פארשטעלט פאַר מיר אַלע מענטשן. אין אים איז געווען עפּעס זייער נאָענטס צום הייצער, נאָר איינצײַטיק האָט ער מיר דערמאָנט דעם זיידן, דעם פירזאָגער פּיאָטער וואסיליעוו, דעם קעכער סמורי, און, דערמאנענדיק אָט די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך אזוי פעסט אײַנגעקלאַמערט אין מײַן זיקאָרן, האָט ער איבערגעלאָזט אין אים זײַן טיפע צייכענונג, זיך אײַנגעגעסן אין אים, ווי אָקסיד אינעם קופּער פון א גלאָק. ס׳האָט זיך געלאָזט מערקן, אז ער פארמאָגט צוויי מינים געניג פון געדאַנק: באטאָג בא דער ארבעט, פאַר מענטשן, זײַנען די באוועגלעכע, פּראָסטע געדאַנקען זײַנע זאכלעכ און מער פארשטענדלעכ, ווי די, וואָס באווײַזן זיך בא אים בייס אָפּרו, אָוונט־צײַט, ווען ער גייט מיט מיר אין שטאָט ארײַן, צו זײַן באקאנטער, א הענדלערקע מיט לאטקעס, און אין די נעכט, ווען אים שלאָפט זיך ניט. ער האָט באזונדערע, באנאכטיקע געדאַנקען, פילזײַטיקע, ווי פײַער אין א לאמטערן. זיי לויכטן זיך גוט, נאָר ווו איז זייער ריכטיק פּאָנעם, וועלכע זײַט פון דעם אָדער יענעם געדאַנק איז אָסיפּן נעענטער און טײַערער?

ער האָט מיר אויסגעוויזן אסאך קלוגער פאַר אלע מענטשן, וואָס איך האָב ווען־ניט־איז באגעגנט, איך בין געגאנגען ארום אים אין דער זעלבער שטימונג, ווי ארום דעם הייצער יאַקאָוו. ס׳ווילט זיך דערגיין, פארשטיין דעם מענטשן, און ער גליטשט זיך, דרייט זיך, און — מע קען אים ניט פאקן, אין וואָס איז באהאלטן זײַן עמעס? וואָס אין אים קען מען גלייבן?

איך געדענק, ווי ער האָט מיר געזאָגט:

— טו אליין א זוך, ווו בין איך באהאלטן, אנו, טו א זוך!

מײַן אייגנליבע איז אָנגערירט, נאָר אָנגערירט איז מער, ווי די אייגנליבע, — פאַר מיר איז לעבנס־וויכטיק צו פארשטיין דעם אלטן.

בא זײַן גאנצער אומבאגרײַפלעכקײַט — איז ער פעסט. ס׳האָט געדוכט, אז ווען ער לעבט נאָך הונדערט יאָר, וועט ער אלץ בלײַבן דער זעלבער. וועט זיך אײַנהיטן אומגעוואקלט צווישן די מוירעדיק ניט־שטאנדהאפטיקע מענטשן. דער פיר־זאָגער פלעג בא מיר ארויסרופן פונקט אזא אײַנדרוק פון פעסטקײַט, נאָר זי איז מיר געווען ניט גאָר אנגענעם; אָסיפּס פעסטקײַט איז אן אנדערע, זי איז מער אנגענעם.

די וואקלדיקייט פון די מענטשן ווארפט זיך צו שארף אין די אויגן, זייערע פּאַקוסדיקע שפּרונגען פון איין לאגע אין אַן אנדערער פּלעגן מיך אראָפּשלאָגן פון טראָפּ. איך בין שוין מיד געוואָרן פון כידעשן זיך אָפּ אָט די אומדערקלערלעכע שפּרונגען, און זיי האָבן צוביסלעך געלאָשן מיין לעבעדיקן אינטערעס צו די מענטשן, האָבן געשטעלט אין פאַרלעגנהייט מיין ליבע צו זיי.

איינמאָל, אין אָנהייב יול, איז צום אָרט, וווּ מיר האָבן געארבעט, האסטיק צוגעפאָרן א צעשטעכערטע דראָזשקע, אָפּ דער קעלניע איז געזעסן און וויסט געשלערקערצט דער אָנגעזויפּענער פּורמאַן, א בערדיקער, אָן א היטל און מיט א צעהאקטער ליפּ. אין דער דראָזשקע האָט זיך צעלייגט, א שיקערער, גריגאָרי שישלין. אים האָט געהאַלטן אונטער דער האנט א גראָבע, רויטבאַקיקע מויד אין א שטרויענע היטעלע מיט א העל־רויט שלייפל און גלעזערנע קארשן, מיט א שירעם אין דער האנט און אין גומענע קאלאָשן אָפּ די באָרוועסע פיס. פאָכנדיק מיטן שירעם און שאָקלענדיק זיך, האָט זי געלאַכט און געשריגן:

— שיידים! דער יאָרמאַרק איז פאַרמאַכט, ניטאָ קיין יאָרמאַרק, און זיי פירן מיך אָפּן יאָרמאַרק!

א צעקנייטשטער, א צעכראסטעטער, איז גריגאָרי אראָפּגעקראָכן פון דער דראָזשקע, האָט זיך געזעצט אָפּ דער ערד און מיט טרערן געמאָלדן אונדז, די צושויער:

— אָפּ די ק־קני שטיי איך — איך האָב שווער געזינדיקט! א טראכט געטאָן און געזינדיקט — אָט! יעפּימושקע זאָגט: גרישע! גרישע — זאָגט ער... ער זאָגט עס ריכטיק, און איר — זייט מוחל מיר! איך קען אייך אַלעמען מעכאַבעד זיין. ער זאָגט ריכטיק: איינמאָל לעבן מיר... מער ווי איינמאָל איז ניט מעגלעך.

די מויד איז זיך פאַרגאַנגען פאַר געלעכטער, האָט געטופּעט מיט די פיס, קעסיידער פאַרלוירן די קאלאָשן, און דער פורמאַן האָט אומפּריינטלעך געשריגן:

פאָרן מיר ווייטער! כאַמולעס — קומט פאָרן! דאָס פערד שטייט ניט!

דאָס פערד, אַן אַלטע דערשלאָגענע שקאַפּע, איינגאַנצן אין זייפּ, איז געשטאַנען ווי פאַרגראָבן, און אַלץ אינאיינעם איז געווען ניט איבערצוטראָגן לעכערלעך. גריגאָריעס ארבעטער האָבן זיך אַזש געקאַטשעט, אָנקוקנדיק דעם באַלעבאָס, זיין אויסגעפּוצטע דאַמע און דעם צעדולטן פורמאַן.

נאָר פאָמאַ איינער האָט ניט געלאַכט, ער איז געשטאַנען אין דער טיר פון קלייט באַזייט מיט מיר און געברעדט:

— ס'האָט פון אים ארויסגעשפּארט דער כאַזער... און אינדערהיים האָט ער א ווייב, א שיי־יינע פרוי!

דער פורמאַן האָט אַלץ געיאָגט, מע זאָל פאָרן. די מויד איז אראָפּ פון דער דראָזשקע, האָט אונטערגעהויבן גריגאָריען, און נאָך דעם, ווי זי האָט אים איינגעלייגט זיך באַ די פיס, האָט זי אויסגעשריגן מיט א מאַך דערצו מיטן שירעם:

— אוועקגעפאָרן!

מיט גוטמוטיקע שפּאָט־ווערטלעך איבערן באַלעבאָס און מיט קינע צו אים האָבן זיך די מענטשן גענומען צו דער ארבעט נאָך פאַמאָס געשריי. אים איז, ווייזט אויס, געווען ניט אָנגענעם צו זען גריגאָריען אין אַזאַ כויזעק־צושטאַנד.

— רופט זיך — באַלעבאָס! — האָט ער געמורמלט. — ווייניקער פון אַ כוידעש געבליבן צו אַרבעטן, מירן פאָרן אין דאָרף... האָט ער ניט אויסגעהאַלטן...

מיר איז געווען אַ פאַרדראָס אַף גריגאָריען, — אָט די מויד מיט די קאַרשן איז געווען אַזוי באַליידיקנדיק לעפּיש באַזייט מיט אים.

איך האָב אָפּט געטראַכט: פאַרוואָס איז גריגאָרי שישלין — אַ באַלעבאָס, און פּאַמאַ טוטשקאָוו — אַן אַרבעטער?

אַ קרעפּטיקער ווייסער יונג, אַ קוטשעראַווער, מיט אַ שפּאַרבער־נאָז און גרויע קלוגע אויגן אַפן קיילעכדיקן פּאָנעם, איז פּאָמאַ ניט ענלעך געווען אַף קיין פּויער, — ווען מע טוט אים פּיין אָן, וואָלט מען אים אָנגענומען פאַר אַ סויכערס אַ זון פון אַ גוטער מישפּאָכע. דאָס איז געווען אַ מענטש אַ כמורנער, האָט גערעדט ווייניק, זאַכלעך. אַ גראַמעטנער, האָט ער געפירט דעם פּאַדריאַטשיקס געשעפטן, צונויפגעשטעלט רעכנ־פּלענער, געקענט צווינגען די כאַווייירים אַרבעטן מיט דערפאָלג, נאָר אַליין האָט ער געאַרבעט אָן כיישעק.

— איינגאַנצן מיט דער אַרבעט וועסטו אייביק ניט פאַרטיק ווערן, — פלעג ער זאָגן רויק. וועגן ביכער פלעג ער זיך אָפּרופן מיט גרינגשעצונג:

— אָפּדרוקן קען מען אַלצדינג, איך קען דיר אויסטראַכטן, וואָס דו ווילסט, ס'אַ קלייניקייט...

נאָר ער פלעג זיך צו אַלץ אופמערקזאַם צוהערן, און טאָמער האָט אים עפּעס אינטערעסירט, פלעג ער אויספרעגן אויספירלעך און איינגעשפּאַרט, שטענדיק טראַכטנדיק וועגן עפּעס זיינס, אַלץ אויסמעסטנדיק מיט זיין מאָס.

איינמאָל האָב איך געזאָגט צו פּאָמאַן, אַז ער וואָלט געדאַרפט זיין אַ פּאַדריאַטשיק, ער האָט זיך פויל אָפּגערופן:

— דרייען מיט גרויסע טויזנטער — נו, דאָס איז נאָך עפּעס אהער־אהין... נאָר אייסעקן זיך מיט מענטשן איבער גראָשנס — דאָס איז אַ פּוסטע מייסע. ניין, איך וועל זיך נאָך צוקוקן אַ שטיקל צייט און וועל אַוועק אין מאָנאַסטיר, אין אָראַנקי. איך בין אַ שיינער, אַ שטאַרקער, וועל עפּשער געפעלן ווערן אַ וועלכער ניט איז סויכערטע, אַן אַלמאָנע? ס'מאַכט זיך אַמאָל: איינער אַ סערגאַצקער באָכער האָט אין צוויי יאָר אַרייַנגעכאַפּט זיין גליק, האָט כאַסענע געהאַט, און נאָך מיט אַ מיידל, אַ היגער, אַ שטאָטישער. מע האָט געטראָגן אַן איקאָנע איבער די הייזער, האָט זי אים דערזען...

דאָס איז בא אים געווען אַ באַטראַכטע זאַך, — ער האָט געוווּסט אַסאַך דערציילונגען וועגן דעם, וויאַזוי מענטשן זיינען פון מאָנאַסטירישער מאָנאַכישקייט אַרויס אַף אַ גרינגן וועג. מיר זיינען די דערציילונגען זיינע געווען ניט צום האַרצן, ס'איז מיר אויך ניט געפעלן געוואָרן פּאָמאַס געדאַנקען־גאַנג. נאָר איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר.

ס'האָט זיך געענדיקט דער יאָרמאַרק, און פּאָמאַ איז אומגעריכט פאַר אַלעמען אָנגעקומען אין אַ טראַקטיר פאַר אַ קעלנער. כ'וועל ניט זאָגן, אַז דאָס האָט פאַרכידעשט זיינע כאַווייירים, נאָר זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַציִען צום באָכער מיט כויזעק. אין אַ יאָנטעוו־טאָג, מע קלייַבט זיך גיין טרינקען, רעדט מען איינער צום אַנדערן מיט אַ שמייכל:

— הײַדא צו אונדזער לאקיי!

אַרײַנגעקומענע אין טראַקטיר, שרײַט מען באַלעבאַטיש:

— היי, קעלנער! קוטשעראַווינקער, קום נאָר אַהער!

ער גייט צו און פרעגט, אופהייבנדיק דעם קאָפּ:

— וואָס באַפוילט איר?

— דערקענסט ניט קיין באַקאַנטע?

— ניטאָ קיין צײַט צו דערקענען...

ער האָט געפילט, אַז די כאַווייִרים פאַראַכטן אים, ווילן טרײַבן איבער אים קאַטאָוועס, און ער האָט געקוקט אַף זיי מיט לאַנגווײַליק־אויסוואַרטנדיקע אויגן. דאָס פּאָנעם פלעג בא אים ווערן אַ הילצערנס, נאָר ס׳האָט געדוכט, אַז סע רעדט:

— נו, גיכער, לאַכט שוין...

— טרינק־געלט געבן? — פרעגט מען אים.

מע גראָבט זיך אין די בײַטעלעך אומיסטן לאַנג, און מע גיט ניט קיין קאָפּיקע בית.

איך האָב געפרעגט בא פּאָמאַן: ווי־זשע איז עס מיט אים געשען — האָט זיך געקליבן ווערן אַ מאָנאַך, און איז געוואָרן אַ לאַקיי?

— אַ מאָנאַך ווערן האָב איך זיך ניט געקליבן, — האָט ער געענטפערט, — און פאַר אַ לאַקיי בין איך אַוועק ניט אַף לאַנג...

אַ יאָר פיר שפּעטער האָב איך אים באַגעגנט אין צאַריצין, אַלץ נאָך אַ קעלנער אין אַ טראַקטיר. און דערנאָך האָב איך איבערגעלייענט אין אַ צײַטונג, אַז פּאָמאַ טוטשקאָוו איז אַרעסטירט פאַר אַ פּרווו צו מאַכן אַ גנייווע מיט אופברעכן.

באַזונדערס האָט מיך געפּלעפט די געשיכטע מיטן מוליער אַרדאַליאָן — דעם בעסטן און עלטסטן אַרבעטער אין פּיאָטערס אַרטעל. אָט דער פּערציקיאָריקער פויער, אַ שוואַרצבערדיקער און אַ פריילעכער, האָט אויך ניטווילנדיק געוועקט די פראַגע — פאַרוואָס איז עפּעס ניט ער באַלעבאָס, נאָר פּיאָטער? בראָנפן האָט ער זעלטנווײַז געטרונקען און פלעג זיך קימאַט קיינמאָל ניט אָנטרינקען שיקער. די אַרבעט האָט ער געקענט אויסגעצייכנט, האָט געאַרבעט מיט ליבע, די ציגל זײַנען געפלויגן אין די הענט בא אים, ווי רויטע טויבן. באַזײַט מיט אים האָט דער קראַנקער און פּיסנער פּיאָטער אויסגעזען, ווי גאָר אַן איבעריקער מענטש אינעם אַרטעל. ער פלעג זאָגן וועגן דער אַרבעט:

— איך בוי פאַר לײַטן הײַזער שטיינערנע, און פאַר זיך — אַ טרונע אַ הילצערנע...

אַרדאַליאָן פלעג, לייגנדיק מיט פריילעכן ברען די ציגל, אויסרופן:

— עבמאַ, אַרבעט, כעוורע, פאַר גאָטס קאָוועד וועגן!

און פלעג אַלעמען דערציילן, אַז דעם קומענדיקן פרילינג פּאָרט ער קיין טאָמסק, דאָרטן האָט זײַן שוואָגער גענומען אַ גרויסן פּאָדריאַד — אַ קלויסטער בויען און רופט אים צו זיך פאַר אַן אופזעער.

— דאָס איז בא מיר אַ באַשלאָסענע זאַך. קלויסטערס בויען — דאָס האָב איך ליב! — פלעג ער זאָגן, און פלעג מיר פּאָרלייגן: — הײַדאַ מיט מיר! אין סיביר,

ברודער, איז פאר א גראמעטנעם מענטשן זייער פּראָסט, דאָרטן איז גראַמעטע — אַ טרומף!

איך פלעג אײַנשטימען, און ארדאליאָן פלעג אויסשרײַען זיגעריש:

— נו, אָט! דאָס איז אַן איניען, ניט קיין שפּאַס...

צו פּיאָטערן מיט גריגאָריען פלעג ער זיך באַציִען מיט גוטמוטיקן שפּאָט, ווי א דערוואקסענער צו קינדער, און פלעג זאָגן צו אָסיפן:

— באַרימער, נאָר זיי ווײַזן איינער פארן אנדערן זייער סייכל, ווי זיי וואָלטן שפּילן אין קאָרטן. איינער: — אָט פון וואָס פאר א קאָלירן מײַנע זײַנען, דער צווייטער: — און איך האָב אַלע טרומפן!

אָסיף זאָגט אומבאַשטימט:

— ווי־זשע אנדערש? באַרימערײַ איז א מענטשלעכע זאַך, אַלע מיידלעך גייען מיט דער ברוסט פאָרויס...

— אַלץ אָט און אָט, גאָט און גאָט, און אַליין — קלײַבט מען די פּויטעקע! — הערט ניט אויף ארדאליאָן.

— נו, גרישע וועט ניט אָנקלײַבן...

— איך רעד וועגן מײַנעם. גיי זיך מיט גאָט, אויב אזוי, אין וואַלד, אין דער וויסטעניש... עך, איז מיר דאָ נימעס, פרילינג לאָז איך זיך אוועק קיין סיביר...

די ארבעטער האָבן גערעדט מיט קינע צו ארדאליאָנען:

— ווען מיר האָבן אזא געלעגנהײַט, ווי א שוואָגער, וואָלטן מיר זיך אויך פאר סיביר ניט דערשראָקן.

און פּלוצעם איז ארדאליאָן פארפאַלן געוואָרן. זונטיק אוועק פון ארטעל, און א טאָג דרײַ האָט קיינער ניט געוווּסט, ווו ער איז.

מיט אומרו האָט מען געפּרוווט זיך אָנשטויסן:

— עפּשער האָט אים עמעצער געפּאַטערט?

— צי ער האָט זיך געבאָדן און איז דערטרונקען געוואָרן?

נאָר יעפימושקע איז געקומען און געמאָלדן א פארשעמטער:

— ארדאליאָן הוליעט!

— וואָס ליגנערסטו! — האָט פּיאָטער אויסגעשריגן מיט אומצוטרוי.

— הוליעט, שיקערט פּראָסט, ווי א שײַער וואָלט זיך אָנגעצונדן און ברענט פון דער סאַמע מיט, ווי דאָס געליבטע ווײַב וואָלט אים אוועקגעשטאָרבן...

— ער איז אַן אַלמען! ווו איז ער?

פּיאָטער איז א צעקאַסטער אוועק ראַטעווען ארדאליאָנען, נאָר יענער האָט אים צעמאַזיקט.

דעמלט האָט אָסיף שטײַף צונויפגעקוועטשט די ליפּן, פארוקט די הענט טיף אין די קעשענעס און געמאָלדן:

— איך וועל צוגיין א קוק טאָן, וואָס איז דאָרטן, אזא ווילער פּויער...

איך האָב זיך אָנגעבונדן נאָך אים.

— אָט האָסטו דיר א מענטש, — האָט אָסיף גערעדט, גייענדיק, — לעבט, לעבט, אַלץ איז, דאַכט זיך, גוט, און מיטאַמאָל פארײַסט ער דעם עק און לאָזט זיך לויפן איבער אַלע פּוסטענישן. זע, מאַקסימיטש, זאָלסט זיך לערנען...

מיר זײַנען אַרײַן אין איינעם פֿון די וואָלוועלע הײַזלעך אינעם „לוסטיק־פֿרײַלעכן קוגאווינער דאָרף". אונדז האָט באַגעגנט אַ גנײַוויִשע אַלטיטשקע. אָסיפֿ האָט זיך אַ ווײַלע געשעפּטשעט מיט איר, און זי האָט אונדז אַרײַנגעפֿירט אין אַ קליין ליידיק צימער, אַ טונקלס און אַ קויטיקס, ווי אַ שטאַל. אויף אַ בעטל איז געשלאָפֿן צעלייגט אַ גרויסע, דיקע פֿרוי. די אַלטע האָט זי אַ שטויס געטאָן מיטן פֿויסט אין זײַט און געזאָגט:

— אַרויס, דו, זשאַבע, אַרויס!

די פֿרוי איז אויפֿגעשפּרונגען אַ דערשראָקענע, רײַבנדיק זיך מיט די דלאָניעס דאָס פּנים, פֿרעגנדיק:

— גאָט! ווער איז דאָס? וואָס איז דאָס?

— אויסשפּירערס זײַנען געקומען, — האָט בייז געזאָגט אָסיפֿ.

די פֿרוי האָט אַן אָכע געטאָן און איז פֿאַרשוווּנדן.

ער האָט זי באַגלייט מיט אַ שפּײַ און געגעבן מיר צו פֿאַרשטיין:

— פֿאַר אויסשפּירער האָבן זיי מוירע ערגער, ווי פֿאַר שיידים...

די אַלטע האָט אַראָפּגענומען פֿון דער וואַנט אַ קליינעם שפּיגל און אויפֿגעהויבן אַ שטיקל שפּאַליר.

— קוקט, ס'איז דער?

אָסיפֿ האָט אַ קוק געטאָן דורכן שפּאַלט אין ווענטל.

— סאַמע ער! טרײַב אַרויס פֿון דאָרטן דאָס מיידל...

איך האָב אויך אַ קוק געטאָן אין שפּאַלט: פּונקט אין אַזאַ ענגער קאָנורע, ווי די, אין וועלכער מיר זײַנען געווען, אויפֿן ברעט פֿון אַ פֿענצטער מיט פֿעסט פֿאַרמאַכטע לאָדן, האָט געברענט אַ בלעכענער לאָמפּ, לעבן אים איז געשטאַנען אַ נאַקעטע טאָטערקע מיט קאָסאָקע אויגן, פֿאַרנייענדיק אַ העמד. הינטער איר האָט זיך אויף צוויי קישנס אויפֿן געלעגער דערהויבן אַרדאַליאָנס אָנגעדראָלן פּאָנעם, ס'האָט געסטאַרטשעט זײַן שוואַרצע פֿאַרפּלאָנטערטע באָרד. די טאָטערקע האָט אַ ציטער געטאָן, אַראָפּגעוואָרפֿן אויף זיך דאָס העמד, איז אַוועק פֿאַרבײַ דעם געלעגער און פֿאַרלוצעם זיך באַוויזן אין אונדזער צימער.

אָסיפֿ האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און ווידער אויסגעשפּיגן:

— אוי, דו אומפֿאַרשעמטע זאַך!

— אַליין אַלטע נאַר! — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ געלעכטער.

און אָסיפֿ האָט זיך צעלאַכט, דראָענדיק איר מיטן פֿינגער.

מיר זײַנען אַריבער אין דער טאָטערקעס קאָנורע, דער אַלטער האָט זיך געזעצט אויפֿן געלעגער אַרדאַליאָנען צופֿוסנס, לאַנג אָן דערפֿאָלג אים געוועקט, און ענער האָט געפֿרעפּלט:

— נו, רעכט... וואַרט צו, מירן גיין...

ענדלעך האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט, ווילד אַ קוק געטאָן אויף אָסיפֿן, אויף מיר, האָט פֿאַרמאַכט די רויטע אויגן און האָט אויסגעמוקעט:

— נו, נו...

— דו, וואָס איז עס מיט דיר? — האָט אָסיפֿ געזאָגט רויִק, אָן פֿאָרוווּרף, נאָר מיט פֿרייִלעך.

— זיך פארדרייט,— האָט, כריפּענדיק און הוסטנדיק, דערקלערט אַרדאַליאָן.
— וואָס איז עס?
— אַזוי...
— עפּעס איז עס ניט גוט, דאַכט זיך...
— וואָס קאָן שוין דאָ זיין גוטס...
אַרדאַליאָן האָט גענומען פון טיש אַן אָנגעהויבענע פלאַש בראָנפן און אָנגעהויבן טרינקען פון העלדזל, דערנאָך פאַרגעלייגט אָסיפּן:
— ווילסט? דאָ דאַרף זיין אויך עפּעס צום פאַרבייסן...
דער אַלטער האָט זיך אַריינגעגאָסן אין מויל אַביסל בראָנפן, אַראָפּגעשלונגען, זיך פאַרקנייטשט און גענומען אופמערקזאַם קייען אַ שטיקל ברויט, און דער מוטנע אַרדאַליאָן האָט פויל גערעדט:
— אָט, מיט אַ טאָטערקע זיך פאַרבונדן. ס'איז אַלץ— יעפימושקע, אַ יונגע טאָטערקע, זאָגט ער, אַ יעסוימע פון קאַסימאָוו, זי האָט זיך אויסגעקליבן אַפן יאָרמאַרק.
פון דער וואַנט האָט מען געזאָגט פריילעך אין אַ צעבראָכענער שפּראַך:
— טאָטערקע— בעסער! ווי אַ יונגע הון. טרייב אים וואָן. ניט אַ טאַטע דיינע...
— אָט טאַקע די־אָ,— האָט אַרדאַליאָן אויסגערעדט, קוקנדיק טעמפּ צו דער וואַנט.
— כ'האָב געזען,— האָט אָסיפּ געזאָגט.
אַרדאַליאָן האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו מיר:
— אָט, ברודער, ווי איך האַלט...
איך האָב זיך געריכט, אַז אָסיפּ וועט אָנהייבן מוסרן אַרדאַליאָנען, לערנען אים, און יענער וועט אַ פאַרשעמטער טשוווע טאָן. נאָר זיי זיינען געזעסן באַנאַנד, אַקסל צו אַקסל, און האָבן גערעדט רויק, מיט קורצע ווערטער. ס'איז זייער אומעטיק געווען צו זען זיי אין אָט דער טונקעלער, ברודיקער קאָנורע. די טאָטערקע האָט אַריינגערעדט דורך דער שפּאַרונע אין וואַנט לעכערלעכע ווערטער, נאָר זיי האָבן זיך ניט איינגעהערט. אָסיפּ האָט גענומען פון טיש אַ וואָבלע, אָנגעקלאַפּט זי אין שטיוול און אָנגעהויבן אַקוראַט אַראָפּשיילן די הויט, פרעגנדיק:
— דאָס געלט האָסטו איינגאַנצן פאַרקנאַקט?
— איך האָב נאָך עפּעס בא פּעטרוכען...
— זע נאָר, זאָלסט כאָטש קומען צו זיך. דאַרפסט איצט פאָרן קיין טאָמסק...
— וואָס־זשע וועט שוין זיין, אין טאָמסק...
— האָסט זיך דען באַטראַכט אַף נייַ?
— ווען פרעמדע זאָלן רופן...
— וואָס איז?
— און דאָ— אַ שוועסטער, אַ שוואָגער...
— נו?
— אַ קנאַפּער פאַרגעניגן צו אייגענע גיין דינען.
— באַלעבאַטים זיינען אַלע אַלציינס.
— פונדעסטוועגן...

זיי האָבן גערעדט אזוי פריינטלעך־ערנסט, אז די טאָטערקע האָט זיי אופגע־הערט צו פארטשעפּען, איז אריין אין צימער, האָט שווייגנדיק אראָפּגענומען פון דער וואנט דאָס קלייד און איז אוועק.

— א יונגע, — האָט אָסיפּ געזאָגט.

ארדאליאָן האָט א קוק געטאָן אף אים און אָן פארדראָס געזאָגט:

— ס'אלץ יעפימושקע, דער אומרו; קיין זאך, אויסער ווייבער, ווייסט ער ניט. און די טאָטערקע איז א פריילעכע, דרייט א קאָפּ...

— געדענק, וועסט זיך ניט אויסדרייען, — האָט אים אָסיפּ געוואָרנט, דערקייט די וואָבלע און זיך געגומען געזעגענען.

צוריקוועגס האָב איך בא אָסיפּן געפרעגט:

— צו וואָס ביסטו געגאנגען צו אים?

— א קוק טאָן, א באקאנטער מענטש. כ'האָב אסאך אזוינע מייסעס געזען — א מענטש לעבט, און מיטאמאָל, ווי ער וואָלט זיך פון א טורמע ארויסגעריסן, — האָט ער איבערגעכאַזערט, וואָס ער האָט שוין אמאָל געזאָגט. — ציטערן דארף מען פארן טרונק בראָנפן!

נאָך אין א מינוט ארום האָט ער געזאָגט:

— און אָן דעם — איז לאנגווייליק!

— אָן בראָנפן?

— נו, יאָ! טרינקסט אויס, איז ווי ס'וואָלט גאָר א נייע ערד זיך באוויזן אונ־טער דיינע פיס...

ארדאליאָן האָט זיך ניט אויסגעדרייט. אין עטלעכע טעג ארום איז ער געקומען צו דער ארבעט, נאָך אינגיכן איז ער ווידער ניט געוואָרן, און פרילינג האָב איך אים באגעגנט צווישן די באָסיאקעס — ער האָט ארומגעהאקט דאָס אייז ארום בארזשעס באם ברעג. מיר האָבן זיך באגעגנט גוט און זיינען אוועק אין א טראקטיר טיי טרינקען, און באם טיי האָט ער זיך בארימט:

— געדענקסט, ס'ארא ארבעטער איך בין געווען, א? איך מעג פראָסט זאָגן: אין מיין פאך — א כימיקער! געקענט הונדערטער פארדינען...

— נאָר האָסט ניט פארדינט?

— טאקע ניט פארדינט! — האָט ער מיט שטאָלץ אויסגעשריגן. — איך שפּיי אף דער ארבעט!

ער האָט זיך געהאלטן צעכראסטעט, מענטשן אין טראקטיר האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע שארפע רייד מיט אופמערקזאמקייט.

— געדענקסט, וואָס דער שטילער גאנעוו פּעטרוכע האָט געזאָגט וועגן דער אר־בעט? פאר לייט א געמויערט הויז, פאר זיך — א טרונע א הילצערנע. אָט האָסטו זי — די גאנצע ארבעט!

איך האָב געזאָגט:

— פּעטרוכע איז א קראנקער, ער האָט מוירע פארן טויט.

נאָר ארדאליאָן האָט זיך צעשריגן:

— איך בין אויך א קראנקער, עפּשער איז בא מיר די נעשאָמע ניט מיט אלעמען!

אינ יאָנטעוו־טעג פלעג איכ זיכ אָפטלעכ אראָפלאָזנ פונ שטאָט צו דער „מיליאָנער" גאס, ווו די באָסיאקעס האָבנ זיכ אופגעהאלטנ, אונ האָב געזענ, ווי גיכ ארדאליאָנ ווערט אנ אייגענער מענטש אינ דער „גאָלדענער ראָטע". סאכאקל א יאָר צוריק א פריילעכער אינ ערנסטער, איז איצט ארדאליאָנ געוואָרנ עפּעס שרײַעריש, האָט געקריגנ א באזונדער צעלייגט גענגל, האָט געקוקט אפ מענטשנ האָזעדיק, ווי ער וואָלט ארויסרופנ אלעמענ אפ א קריג אונ א שלאכט, אונ האָט זיכ אלצ בארימט:

— דו קוק זיכ נאָר צו, ווי מענטשנ נעמענ מיכ דאָ אופ, — איכ בינ דאָ, ווי א מינ אטאמאנ!

ער האָט ניט געקארגט דאָס פארדינטע געלט, האָט מעכאבעד געווענ די באָסיאקעס, אינ געשלעג זיכ געשטעלט אפ דער זײַט פונעמ שוואכנ, אונ אָפט פלעגער ארויסרופנ:

— כעוורע, ניט ריכטיק! מע דארפ האנדלענ ריכטיק!

אזוי האָט מענ אימ טאקע א נאָמענ געגעבנ — דער ריכטיקער! אימ איז דאָס געווענ זייער געפעלנ.

איכ האָב זיכ פלײַסיק צוגעקוקט צו די מענטשנ, וואָס מיט זיי איז געווענ געדיכט אָנגעשטאָפּט דער אלטער אונ קויטיקער שטיינערנער זאק פונ דער גאס. דאָס זײַנענ אלצ געווענ מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעבראָכנ פונעמ לעבנ. נאָר ס'האָט אויסגעדאכט, אז זיי האָבנ געשאפנ זייער אייגנ לעבנ, אנ אומאָפּהענגיקס פונ באלעבאטימ אונ א פריילעכס. זאָרגלאָזע, בראווע, פלעגנ זיי מיר דערמאנענ דעמ זיידנס דערציילונגענ וועגנ בורלאקעס, וואָס פלעגנ זיכ גרינג פארוואנדלענ אינ גאזלאָנימ אונ נעזירימ. אז קיינ ארבעט איז ניט געווענ, האָבנ זיי זיכ ניט געמיעסט צו פארנעמענ זיכ מיט קליינע גנייוועלעכ פונ בארזשעס אונ דאמפערס. נאָר דאָס האָט מיכ ניט געארט, — איכ האָב געזענ, אז דאָס גאנצע לעבנ איז דורכגענייט מיט גנייווע, ווי אנ אלטער קאפטנ מיט גרויע פעדעמ, אונ אינ דער זעלבער צײַט האָב איכ געזענ, אז די דאָזיקע מענטשנ ארבעטנ אמאָל מיט גוואלדיקנ ברענ, קארגנ ניט די קויכעס, ווי דאָס פלעג זיכ מאכנ בא אײַליקע אָנלאָדונגענ, אפ סרייפעס, בייס אײַזגאנג. אינ אלגעמיינ האָבנ זיי געלעבט יאָנטעוודיקער, ווי אלע אנדערע מענטשנ.

נאָר אָסיפ, אז ער האָט באמערקט מײַנ כאווערשאפט מיט ארדאליאָנענ, האָט ער מיכ פאָטערלעכ געוואָרנט:

— אָט וואָס, נעשאָמע מײַנע, ביטער, דאר צווײַגעלע, וואָס ביסטו עפּעס מיט דער מיליאָנער גאס אזוינע ענגע גוטע־פרײַנט? זע, זאָלסט ניט געשעדיקט ווערנ...

איכ האָב אימ געזאָגט, ווי איכ האָב געקענט, אז מיר געפעלנ די דאָזיקע מענטשנ — לעבנ אָנ ארבעט אונ פריילעכ.

— ווי די פייגל אונטערנ הימל, — האָט ער מיכ איבערגעשלאָגנ מיט א שמייכל. ס'איז דערפאר, ווײַל זיי זײַנענ פויליאקעס, נישטנ, ארבעט איז פאר זיי א צאָרע.

— אָבער וואָס האָט מענ פונ דער ארבעט? מע זאָגט דאָכ: פונ ארבעט ערלעכער פארמאָגט מענ ניט קיינ הײַזער הערלעכע!

מיר איז גרינג געווען צו זאָגן אַזוי. איך האָב צו אָפּט געהערט דאָס דאָזיקע גלייכוווערטל און האָב געפילט זיין ריכטיקייט. נאָר אָסיפּ איז אַפּ מיר אופגעבראַכט געוואָרן און האָט זיך צעשריגן:

— ווער רעדט עס אַזוי? שוטים און פּוליאַקעס, און דו, צוציק, דאַרפסט זיך אַפילע ניט צוהערן! אַזאַ מייסע! אָט אַזוינע נאַרישקייטן ריידן ניט פאַרגינער, שלימאַזלניקעס, אָבער דו — נעם פריער אָן אַפּ זיך פעדערן, און דערנאָך וועסטו זיך לאָזן פליען! און וועגן דיינע כּאַווערשאַפטן וועל איך דערציילן דעם באַלע־באָס — נעם ניט פאַר אומגוט!

און ער האָט דערציילט. דער באַלעבאָס האָט פאַר אים אין די אויגן מיר געזאָגט:

— דו, פּעשקאָוו, וואַרף די מיליאָנע אַוועק! דאָרטן זיינען גאַנאָווים, פּראָס־טיטוטקעס, און פון דאָרטן איז איין וועג — אין טורמע, אין שפּיטאָל אַריין. וואַרף עס אַוועק!

איך האָב אָנגעהויבן באַהאַלטן מיינע באַזוכן אַפּ דער מיליאָנער גאַס, נאָר אין־גיכן ביך איך געצוווּנגען געווען זיך אָפּזאָגן פון זיי.

איינמאָל בין איך געזעסן מיט אַרדאַליאָנען און מיטן כאַווער זיינעם ראָ־ביאָנאָק אַפן דאַך פון אַ שטאַל אין הויף פון איינעם אַ נאַכטלעגער. ראָביאָנאָק האָט טשיקאַווע דערציילט אַונדז, וויאַזוי ער האָט צופוס זיך געשלעפּט פון ראָס־טאָוו קיין מאָסקווע. דאָס איז געווען אַ סאָלדאַט אַ סאַפּיאָר, אַ געאָרגי־קאַוואַלער, אַ הינקענדיקער — ביים דער טערקישער מילכאָמע האָט מען אים צעשעדיקט אַ קני. אַ נידעריקער, אַ געפּאַקטער, האָט ער אין די הענט פאַרמאָגט אַ שרעקלעכן קויעך, אַ קויעך אַן אומנוצלעכן פאַר אים, ארבעטן האָט ער ניט געקענט מאַכמעס זיין הינ־קענדיקייט. פון עפּעס אַ שלאַפקייט זיינען אים אויסגעפאַלן די האָר אַפן שאַרבן און אַפן פּאָנעם, — זיין קאָפּ האָט, ווירקלעך, דערמאָנט דעם קאָפּ פון אַ ניי־געבוירענעם.

אופגלאַנצנדיק מיט די ברוין־געלע אויגן, האָט ער גערעדט:

— נו, אָט, סערפּוכאָוו: אַ גאַלעך זיצט אין אַ סעדל הינטער די שטאַכעטן; פּאָטערל, זאָג, איך, שענקט עפּעס אַ טערקישן העררוי...

שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, זאָגט אַרדאַליאָן:

— נו, לייג, לייג...

— וואָ־זשע לייג איך! — פרעגט ראָביאָנאָק ניט באַליידיקט, און מיין פריינט וואָרטשעט באַלערנדיק און פויל:

— ביסט נישט קיין ריכטיקער מענטש! וואָלסט זיך געדאַרפט בעטן פאַר אַ וועכטער. הינקענדיקע דינען אַלעמאָל פאַר וועכטער, און דו שליאָנדרעוועסט אַרום אומזיסט, און נאָר דו לייגסט...

— דאָס טו איך דאָך, מע זאָל לאַכן, צוליב וואָס לייג איך דען — צוליב פריי־לעכקייט:

— פון זיך אַליין דאַרפסטו לאַכן...

אַפן הויף, ווו עס איז געווען קויטיק און טונקל, כאָטש דער וועטער איז גע־ווען אַ טרוקענער, אַ זוניקער, האָט זיך באַוויזן אַ פרוי און האָט אויסגעשריגן, פאָכנדיק מיט עפּעס אַ שמאָכטע:

— ווער קויפֿט אַ קלײדל? הײַ, כאַוועדטעס...

פֿון די הויז־שפּאַרונעס זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿרויען און ענג אַרומגערינגלט די פּאַרקויפֿערן. איך האָב זי באַלד דערקענט — ס׳איז די וועשן נאַטאַליע! איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דאַך, נאָר זי, ווי נאָר זי האָט אָפּגעגעבן דאָס קלײדל פֿאַר דער ערשטער פֿאָרגעלייגטער פּרײַז, האָט זי באַלד שטיל גענומען אַוועקגײן פֿון הויף.

— גוט מאָרגן, — האָב איך זי פֿרײדיק באַגריסט, אָניאָגנדיק באַלד נאָכן טויער.

— און ווײַטער וואָס׳טו זאָגן? — האָט זי געפֿרעגט און אַ קאָסע בליק געכאַפּט אויף מיר. און פּלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ קאַסדיקן אויסגעשריי:

גאָט, דערבאַרעם זיך! וואָס טוסטו דאָ?..

מיך האָט געריסן און צעמישט איר דערשראָקענער אויסגעשריי. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך דערשראָקן פֿאַר מיר: שרעק און כידעש האָבן זיך אַזוי דײַטלעך אויסגעדריקט אויף איר קלוגן פּאָנעם. אפֿילו האָב איך איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך לעב ניט אויף דער גאַס, און קום נאָר אַמאָל צו גיין אַ קוק טאָן.

— אַ קוק טאָן? — האָט זי אויסגעשריגן מיט שפּאָט און כּעס. — וואָס איז עפּעס, וווהין קוקסטו עס? דורכגייער אין די קעשענעס און ווײַבער אין די בוזעמס אַרײַן?

דאָס פּאָנעם איז איר געווען צעקנייטשט, אונטער די אויגן זײַנען געלעגן געדיכטע שאָטנס, די ליפּן זײַנען שלאַבעריק אַראָפּגעפֿאַלן.

באַם אַרײַנגאַנג אין טראַקטיר האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— קום, איך וועל דיך פֿונדעסוועגן מיט טיי! אָנגעטאָן ריין, ניט דער היגער גאַנג, נאָר עפּעס גלייב איך דיר ניט...

נאָר אין טראַקטיר האָט זי מיר שוין אַזויווי יאָ געגלייבט און, אָנגיסנדיק טיי, האָט זי גענומען ריידן לאַנגווײַליק וועגן דעם, אַז זי האָט זיך ערשט מיט אַ שאָ צוריק אויפֿגעכאַפּט און האָט נאָך ניט געגעסן, ניט געטרונקען.

— און נעכטן האָב איך זיך געלייגט שיקער־לאָט, כ׳געדענק שוין גיט: ווו האָב איך געטרונקען, מיט וועמען?

ס׳איז מיר געווען אַ ראַכמאָנעס אויף איר, ניט אַנגענעם פֿאַר איר, און ס׳האָט זיך געוואָלט פֿרעגן, ווו־זשע איז איר טאָכטער? און זי, אַז זי האָט אַ טרונק געטאָן בראָנפֿן און הייסן טיי, האָט זי זיך צערעדט מיט דער באַקאַנטער ווילערישקייט און גראָב, ווי אַלע פֿרויען פֿון דער גאַס. נאָר אַז איך האָב זי געפֿרעגט וועגן דער טאָכטער, האָט זי, מיטאַמאָל אַן אויסגענישטערטע, אויסגעשריגן:

— און צו וואָס דאַרפֿסטו עס וויסן? ניין, ליבער, די טאָכטער מײַנע וועסטו ניט קריגן, ניין!

זי האָט אויסגעטרונקען נאָך און האָט געזאָגט:

— די טאָכטער האָט מיט מיר ניט וואָס צו טאָן. איך בין ווער? אַ וועשן. וואָס בין איך פֿאַר אַ מוטער? זי איז אַ געבילדעטע, אַ געלערנטע. אַזוי איז עס, ברודער! זי איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון מיר צו אַ רײַכער כאַווערטע, פֿאַר אַ לערערן, דאַכט זיך...

געשוויגן א ווײַל און ניט הויך געפרעגט:

— אָט ווי! א וועשן געפעלט אײַך ניט? און א לעב־פרוי געפעלט?

אז זי איז פון די „לעב־פרויען", דאָס האָב איך, פארשטייט זיך, באלד גע־זען — קיין אנדערע פרויען זײַנען דאָ ניט געווען. נאָר ווען זי האָט עס אליין גע־זאָגט, האָבן פאר כארפע און ראכמאָנעס זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן, ס'האָט מיך אזוי ווי אָפּגעבריט פון דעם באוווסטזײַן, אז דאָס איז געשען מיט איר — ניט לאנג צוריק אזא דרייסטער, אומאָפּהענגיקער און קלוגער!

— עך, דו, — האָט זי געזאָגט, א קוק טוענדיק אַפ מיר מיט א זיפצ. — גיי אוועק פונדאנען! איך בעט דיך און איך אייצע דיר — רוק זיך ניט אהער, וועסט אומקומען!

דערנאָך האָט זי שטיל און ווי אליין צו זיך אָנגעהויבן ריידן, בייגנדיק זיך איבערן טיש און עפּעס צייכענענדיק מיט א פינגער אפ דער טאצ:

— און וואָס האָט בא דיר פאר א באטרעף מײַן אייצען און בעטן? אז א לײַב־לעכע טאָכטער האָט ניט געוואָלט הערן. איך שרײַ צו איר: קאָנסט ניט אוועקוואַרפן אן אייגענע מוטער, וואָס טוסטו? און זי — כ'וועל זיך אופהענגען, זאָגט זי. אין קאַ־זאן אוועקגעפאָרן, לערנען זיך פאר אן אקושאָרקע וויל זי. נו, גוט... און וואָס־זשע טו איך? און איך — איז אָט וואָס איך טו... צו וואָס זאָל איך זיך צוטוליען... צו א ליאדע דורכגייער...

אנשוויגן געוואָרן, האָט זי לאנג געטראכט וועגן עפּעס, שאָקלענדיק מיט די ליפּן אָן קלאנג, און האָט, ווײַזט אויס, פארגעסן אָן מיר. די ווינקלען פון די ליפּן האָבן זיך אראָפּגעלאָזן, דאָס מויל האָט זי אויסגעבויגן, ווי א סערפּ, און ס'איז געווען א ווייטעק צו קוקן, ווי סע ציטערט אופ די הויט אפ די ליפּן, און די צאַפּ־לענדיקע קנייטשעלעך ריידן וועגן עפּעס שטום. דאָס פּאָנעם אירס איז געווען קינ־דעריש־באליידיקט. פון אונטערן טיכל האָט זיך ארויסגעשלאָגן א פּאסמע האָר און איז געלעגן אפ דער באק, פארבייגנדיק זיך צום קליינינקן אויער. אין דער שאָל מיטן אָפּגעקילטן טיי האָט א קאַפּ געטאָן א טרער, די פרוי האָט עס באמערקט, אָפּגערוקט די שאָל און שטײַף פארמאכט די אויגן, ארויסדריקנדיק נאָך צוויי טרע־רעלעך, דערנאָך האָט זי אויסגעווישט דאָס פּאָנעם מיטן טיכל.

איך האָב מער קיין געדולד ניט געהאט צו זיצן מיט איר לענגער, איך בין שטיל אופגעשטאנען.

— א גוטן!

— א? גיי, גיי צום טײַוול! — האָט זי זיך אופגעכאפּט, ניט קוקנדיק אפ מיר, האָט, ווײַזט אויס, פארגעסן, ווער ס'איז דאָ מיט איר.

איך האָב זיך אומגעקערט אין הויף, צו ארדאליאָנען. ער האָט געוואָלט גיין מיט מיר כאפּן ראקעס, און מיר האָט זיך געוואָלט דערציילן אים וועגן דער פרוי. נאָר ער און ראָביאָנאָק זײַנען שוין אויך דאך ניט געווען. ביז איך האָב זיי גע־זוכט איבערן געפלאָנטעטן הויף, האָט זיך אַפ דער גאס אָנגעהויבן א ראש פון א סקאנדאל, — א געוויינלעכע זאך אפ דער גאס.

איך בין ארויס פון די טויערן און האָב זיך באלד צונויפגעשטויסן מיט נאטא־ליען, — כליפּענדיק, ווישנדיק מיטן קאָפּ־טיכל דאָס צעשלאָגענע פּאָנעם, פאריכטנ־

דיק מיט דער צווייטער האנט די צעפּאטלטע האָר, איז זי בלינד געגאנגען איבערן טראָטואר, און נאָך איר האָבן געשפּאנט ארדאליאָן און ראָביאָנאָק. ראָביאָנאָק האָט גערעדט:

— פאַרפאָר איר נאָכאמאָל, פאַרפאָר!

ארדאליאָן האָט אָנגעיאָגט די פרוי, פּאָכנדיק מיטן פויסט. זי האָט זיך אויסגעקערעוועט צו אים מיט דער ברוסט, דאָס פּאָנעם אירס איז געווען שרעקלעך, די אויגן האָבן געברענט מיט סינע.

— נ־נא שלאָג! — האָט זי אויסגעשריגן.

איך האָב זיך איינגעקלאַמערט אין ארדאליאָנס האנט. ער האָט מיט כידעש א קוק געטאָן אף מיר.

— וואָס ווילסטו?

— טשעפּע ניט, — האָב איך קוים אויסגערעדט.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— זי איז דיינע א געליבטע? איי, נאטאכע, געפּאקט דאָס מאָנאַכל!

ראָביאָנאָק האָט אויך געלאַכט, פּאַטשנדיק זיך איבער די קליבעס, און זיי האָבן מיך אַזוי נאָך לאַנג געבראָטן אין הייסן קויט, — ס'איז געווען אַן עמעסע פּיין! נאָר ביים זיי האָבן זיך דערמיט פאַרנומען, איז נאטאליע אַוועק, און איך בין, ענגדלעך, ארויס פון געדולד און האָב א זעץ געטאָן ראָביאָנאָקן מיטן קאָפּ אין דער ברוסט אריין, אים איבערגעקערט און אנטלאָפן.

זינט יענעם טאָג האָב איך א צייט ניט אריינגעשמעקט אף דער מיליאָנער, נאָר ארדאליאָנען האָב איך נאָכאמאָל געזען — באגעגנט אים אף א פּאראָם.

— ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט ער געפרעגט מיט פרייד.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אז מיך עקלט צו דערמאנען זיך, ווי ער האָט געשלאָגן נאטאליען און האָט מיך שמוציק באליידיקט, האָט זיך ארדאליאָן גוטמוטיק צעלאַכט.

— ס'דען געווען ערנסט? דאָס האָבן מיר דיך נאָר אין א שפּאַס אַזוי אָפּגעוואַשן! און זי — פאַרוואָס זאָל מען זי ניט שלאָגן, אז זי איז — א גאסן־פרוי? ווייבער שלאָגט מען, און אזוינע איז אוואדע ניטאָ וואָס צו שאנעווען! נאָר ס'איז געוויס פּוסטע קאַטאָוועס! איך פאַרשטיי דאָך — א פויסט איז ניט קיין לערער!

— און וואָס האָסטו זי צו לערנען? מיט וואָס ביסטו בעסער?

ער האָט מיך ארומגענומען פאַר די אַקסלען, א טרייסל געטאָן און געזאָגט מיט א געלעכטערל:

— דאָס איז דאָך אונדזער שאנד, וואָס קיינער איז פאַר קיינעם ניט בעסער... איך, ברודער, פאַרשטיי אלץ אי פונדרויסן, אי פון דער אויסגעקערטער זייט, אלץ! איך בין ניט דאָס דאָרף...

ער איז געווען אונטער א גלעזל, פריילעך, האָט געקוקט אף מיר מיט מילדן באדויער פון א גוטן לערער אף א שילער — א צעטראָגענעם קאָפּ...

... אמאָל פלעג זיך מיר באגעגענען פּאַוועל אָדינצאָוו. ער איז געוואָרן נאָך האָפערדיקער, האָט זיך אָנגעטאָן, ווי א פראַנט, האָט גערעדט מיט מיר פונויבן אראָפּ און קעסיידער פירגעהאלטן:

— צו וואָס פאר אַן ארבעט האָסטו זיך עס גענומען — ווערסט פארפאלן ווערן! אָט די פויערים...

דערנאָך פלעג ער טרויעריק דערציילן נײַס פונעם לעבן אינעם ווערקשטאַט.

— זשיכאריאָוו פלאָנטערט זיך אלץ מיט אָט דער קו. סיטאַנאָוו האָט, וויַזט אויס, הארצקלעמעניש, טרינקט אָן א שיר. און גאָגאָליעוון האָבן וועלנ אופגע־געסן, אַפ סוויאַטקעס איז ער געפאָרן אהיים, און דאָרטן האָבן אים וועלפ א שי־קערן אופגעגעסן!

און פארגייענדיק זיך אין א פריילעכן געלעכטער, האָט פּאוועל קאָמיש געפּאַנ־טאַזירט:

— האָבן אים אופגעגעסן — און זײַנען אויך אלע שיקער! פריילעכע אזעלכע גײען זיי אום איבערן וואלד אַפ די הינטערשטע פיס, ווי געלערנטע הינט, וויִען. און אין א מעסלעס ארום זײַנען זיי אלע געפּייגערט!..

איך האָב געהערט און אויך געלאַכט, נאָר כ׳האָב געפילט, אז דער ווערקשטאַט מיט אלץ, וואָס איך האָב דאָרטן איבערגעלעבט, איז ווײַט פון מיר. דאָס איז גע־ווען א קאפל טרויעריק.

XIX

ווינטער איז אפּן יאָרמארק קיין ארבעט ניט געווען. אינדערהיים האָב איך, ווי פריִער, אויסגעפילט אָן א צאָל קליינע פליכטן. זיי האָבן אָפּגענומען דעם גאַנצן טאָג, נאָר די אָוונטן פלעגן בלײַבן פרײַ. איך האָב ווידער געלייענט אפּן קאָל פאר די באלעבאָטים די אומאנגענעמענע פאר מיר ראָמאַנען פון „ניוואַ“ און „מאָס־קאָווסקי ליסטאָק“, נאָר באַנאַכט האָב איך זיך פארנומען מיט גוטע ביכער און האָב געפּרוּווט שרײַבן לידער.

איינמאָל, ווען די פרויען זײַנען אוועק צו גאַנצנאַכט, און דער באלעבאָס איז, פילנדיק זיך ניט מיט אלעמען, געבליבן אינדערהיים, האָט ער מיך געפרעגט:

— וויקטאָר לאַכט, אז דו, פעשקאָוו, שרײַבסט קלוימערשט לידער, איז עס טאַקע ריכטיק? אנו, טו א לייען!

אָפּזאָגן איז געווען ניט אנגענעם, איך האָב איבערגעלייענט עטלעכע לידער. זיי זײַנען אים, אַפּאָנעם, ניט געפעלן געוואָרן, נאָר ער האָט פונדעסטוועגן גע־זאָגט:

— רײַב, רײַב! ווערסט עפּשער ווערן א פושקין. האָסט געלייענט פושקינען?

Домового-ли хоронят,
Ведьму-ль замуж выдают?[1]

— אין זײַן צײַט האָט מען נאָך געגלייבט אין שטוב־רוכעס, נו, אליין האָט ער, מיין איך, ניט געגלייבט; נאָר פראָסט — געטריבן שפּאַס. יאָ, יאָ, ברודער, — האָט ער פארטראַכטערהייט אויסגעצויגן, — וואָלסט זיך געדארפט לערנען; נאָר ׳סט פאר־

1 א מאַכשייפע גיט מען אויס דאָרטן, צי א רוּעך מע באַגראָבט?

שפּעטיקט! דער רועכ ווייסט עס, וויאַזוי דו וועסט לעבן... די העפּט דייַנע פאַר־שטעק וואָס ווייַטער, אַניט וועלן זיך די ווייַבער צוטשעפּען — וועלן אויסלאַכן... ווייַבער, ברודער, האָבן עס ליב — פאַרן האַרצן פאַרטשעפּען...

זינט אַ געוויסע צייַט איז דער באַלעבאָס געוואָרן שטיל, פאַרטראַכט און האָט זיך אַלץ אומזיכער אַרומגעקוקט; און אַ קלוגע פונעם גלעקל האָט אים געשראָקן. אַמאָל פלעג ער פּלוצעם קרענקלעך אופגערעגט ווערן איבער פּוסטע זאַכן, פלעג שרייַען אַף אַלעמען און אַוועקלויפן פון דער היים, און שפּעט באַנאַכט פלעג ער זיך אומקערן אַ שיכּורער... ס'האָט זיך געפילט, אַז אין זייַן לעבן איז פאָרגעקומען עפּעס, וואָס קיינעם, אויסער אים, איז עס ניט באַוווּסט, האָט אים אונטערגעריסן דאָס האַרץ, און איצט האָט ער געלעבט ניט זיכער, ניט גערן, נאָר עפּעס אַזוי פאַר געוווינשאַפט.

אין די יאָנטעוו־טעג, פון מיטיק ביז נייַן אַזייגער, פלעג איך גיין שפּאַצירן. אין אָוונט פלעג איך זיצן אין טראַקטיר אַף דער יאַמסקאַיער גאַס. דער באַלעבאָס פון טראַקטיר, אַ דיקער און שטענדיק אַ שוויציקער מענטש, האָט שרעקלעך ליב געהאַט געזאַנג. דאָס האָבן געוווּסט די זינגער פון קימאַט אַלע קלויסטער־כאָרן און פלעגן זיך צונויפקומען בייַ אים. ער פלעג זיי מכבד זייַן פאַר די לידער מיט בראָנפן, ביר, טיי. די זינגער זייַנען אַן אוילעם אַ שיכּורער און ווייניק אינטערע־סאַנטער. זינגען פלעגן זיי אָן כיישעק, נאָר צוליב קיבעד, און קימאַט שטענדיק עפּעס קלויסטערדיקס; נאָר אַזויווי די גאָטספּאָרכטיקע שיכּורים האָבן געהאַלטן, אַז פאַר קלויסטער־זאַכן איז אין טראַקטיר ניט דאָס אָרט, פלעג דער באַלעבאָס זיי פאַרבעטן צו זיך אין צימער, און איך האָב געקענט הערן זייער געזאַנג נאָר דורך דער טיר. נאָר ניט זעלטן פלעגן אין טראַקטיר זינגען דאָרפישע פּויערים, האַנט־ווערקער — דער טראַקטיר־באַלעבאָס פלעג אַליין אַרומזוכן זינגער איבער דער שטאָט, זיך צעפרעגן וועגן זיי אין די מאַרק־טעג בייַ אָנגעפאָרענע פּויערים און זיי אייַנלאַדן צו זיך.

דער זינגער פלעג זיך שטענדיק זעצן אַפן שטול בייַ דער סטויקע פונעם בופעט, אונטערן פעסל בראָנפן — זייַן קאָפּ פלעג זיך צייכענען אַפן דעק פונעם פעסל, ווי אין אַ קייַלעכיקער ראַם.

בעסער ווי אַלע, און שטענדיק עפּעס אַזוינע באַזונדערס טייַערע לידער, פלעג זינגען דער קלייניניקער, דאַרער רימער קלעשטשאָוו; אַ מענטש אַ געקוועטשטער, אַ געקנייַטשער, אין קנוילן רויטע האָר; דאָס נעזל בייַ אים האָט געגלאַנצט, ווי בייַ אַ מעס, די ברעקעלעך אויגן זייַנען געווען שלעפעריק און אומבאַוועגלעך.

אַמאָל פאַרמאַכט ער זיי, שפּאַרט זיך אָן מיטן נאַקן צום דעק פונעם פעסל, שטעלט אויס די ברוסט, און אַף אַ שטיל, אַלץ באַזיגנדיק טענאָרל הייבט ער אָן מיט שנעל־ריידעניש:

— עך, אַז דער נעפּל איז אַראָפּגעפאַלן אַפן ריינעם פעלד,
און אַז ס'האָט דער נעפּל צוגעדעקט דעם ווייַטן וועג...

דאָ שטעלט ער זיך אופ, שפּאַרט זיך אָן מיטן קריזש אָן דער סטויקע, איבער־

געבויגנ אפ הינטנ, אונ צעלאָזט זיכ הארציק, דאָס פּאָנעמ פארהויבנ צו דער סטעליע:

— עכ, אונ וווהינ, וווהינ איצט גיינ,
ווו זאָל איכ דאָ דעמ גלייכנ שליאכ געפינענ?

א שטימ האָט ער געהאט א קליינינקע, אָבער אנ אומדערמידלעכע; זי נייט דורכ דעמ טויבנ, פארטונקלטנ געפילדער פונעמ טראקטיר מיט א זילבערנער סטרונע. טרויעריקע ווערטער, קרעכצנ, אויסגעשרייענ נעמענ איינ די הערצער פונ אלע מענטשנ — אפילע שיקערע ווערנ פארוווּנדערט־ערנסט, קוקנ שווייגנדיק צו די טישנ פאר זיכ, אונ מיר רייסט דאָס הארצ, איבערגעפילט מיט יענעמ מעכטיקנ גע־פיל, וואָס גוטע מוזיק וועקט שטענדיק, באַרירנדיק ווונדערלעכ די טיפנ פונ דער נעשאָמע.

אינ טראקטיר ווערט שטיל, ווי אינ א קלויסטער, אונ דער זינגער איז א מינ גוטער גאלעכ. ער פריידיקט ניט, נאָר טוט, ווירקלעכ, פונעמ גאנצנ הארצנ טפילע פאר אלע מענטשנ, טראכט ערלעכ אפנ קאָל וועגנ אלע מאטערנישנ פונעמ אָרעמענ מענטשנ־לעבנ. פונ אומעטומ קוקנ אפ אימ בערדיקע מענטשנ, אפ די כייישע פּענעמער פינטלענ פארקלערט קינדערשע אויגנ, אמאָל הערט זיכ עמעצנס א זיפצ, אונ דאָס שטרייכט גוט אונטער די באַזיגנדיקע קראפט פונ דער ליד. אינ אזוינע מינוטנ פלעג מיר שטענדיק דוכטנ, אז די מענטשנ לעבנ מיט א פאלש, אויסגעטראכט לעבנ, אונ דאָס עכטע מענטשלעכע לעבנ — אָט איז עס!

זיצט זיכ אינ א ווינקל די דיקפארצעפדיקע הענדלערקע ליסוכע, אנ אומפאר־שעמטע לעב־פרוי, דער קאָפּ איז איר באהאלטנ אינ די פעטע פּלייצעס אונ זי וויינט, וואשט שטילערהייט אינ טרערנ אירע פרעכע אויגנ. ניט ווייט פונ איר האָט זיכ אָנגעוואלגערט אפנ טיש דער טריבער אָקטאוויסט מיטראָפאָלסקי, א האָריקער יונג, ענלעכ אפ אנ ארויסגעטריבענעמ דיאקאָנ; מיט גרויסע אויגנ אפנ שיקערנ פּאָ־נעמ, — קוקט אינ גלעזל בראָנפנ פאר זיכ, נעמט עס, טראָגט צו צומ מויל אונ שטעלט עס ווידער אפנ טיש, פאָרזיכטיק אונ אָנ געררויש, — קאָנ עפעס נישט אויס־טרינקענ.

אונ אלע אינ טראָקטיר זיינענ אָפּגעשטאָרבנ, ווי זיי זאָלנ זיכ צוהערנ צו עפּעס, וואָס איז לאנג פארגעסנ, וואָס איז געווענ זיי טייער אונ נאָענט.

אז קלעשטשאָוו, נאָכנ פארענדיקנ די ליד, לאָזט זיכ באַשיידנ אראָפּ אפנ שטול, זאָגט צו אימ דער טראקטיר־באלעבאָס מיט א שמייכל פונ פארגעניגנ, דערלאנגענ־דיק א גלאָז בראָנפנ:

— נו, ס׳איז גוט, פארשטייט זיכ! כאָטש דו דערציילסט מער, ווי דו זינגסט, נאָר ביסט א מייסטער, וואָס איז דאָ צו ריידנ! אנדערש וועט קיינער ניט זאָגנ!..

קלעשטשאָוו טרינקט דעמ בראָנפנ ניט געכאפט, הוסט אָפּ פאָרזיכטיק אונ זאָגט שטיל:

— אָפּזינגענ קענ איטלעכער, ווער ס׳האָט נאָר א שטימ, אָבער ווייזנ, אוועלכע איז די נעשאָמע פונ דער ליד, — דאָס איז נאָר מיר געגעבנ!

— נו, נעמ זיכ ניט איבער פונדעסטוועגנ!

— ווער ס'האָט ניט מיט וואָס, יענער נעמט זיכ ניט איבער, — רעדט דער זינגער אַלצ אַזוי שטיל, נאָר נאָכ פאַראַקשנטער.

— האַלטסט זיכ גרויס, קלעשטשאָוו! — שרייַט אויס דער טראַקטירניק מיט פאַרדראָס.

— העכער, ווי די נעשאָמע מייַנע, האַלט איכ זיכ ניט...

אונ אינ ווינקל ריטשעט דער טריבער אָקטאַוויסט:

— וואָס פאַרשטייט איר אינ געזאַנג פונ אָט דעמ העסלעכנ מאַלעכ, איר וועֿרעמ, איר שימל?

ער איז שטענדיק אונ מיט אַלעמענ געווענ ניט אייַנשטימיק, האָט זיכ מיט אַלעמענ געשפּאַרט, אַלעמענ באַשולדיקט, אונ קימאַט יעדער יאָנטעוו האָבנ אימ אַכזאָריִעסדיק דערפאַר געשלאָגנ די זינגער אונ איטלעכער, ווער ס'האָט געוואָלט, ווער ס'האָט געקענט.

דער טראַקטירניק האָט ליב קלעשטשאָווס לידער, נאָר קאָנ ניט פאַרטראָגנ דעמ זינגער אַלײנ; קלאָגט זיכ פאַר אַלעמענ אָפּ אימ אונ זוכט אָפּנ געלעגנהייַטנ צו באַליידיקנ דעמ רימער, כויזעק מאַכנ פונ אימ: דאָס ווייסנ אַ די שטענדיקע באַזוכער פונעמ טראַקטיר, אַ קלעשטשאָוו אַלײנ.

— אַ גוטער זינגער, נאָר מיט גייַווע, מע דאַרפ זי אימ אַרויסשלאָגנ, — זאָגט ער, אונ אַנדערע געסט זייַנענ מיט אימ אייַנשטימיק.

— דאָס איז ריכטיק, דער יונג האָט גייַווע!

— מיט וואָס האָט ער זיכ איבערצונעמענ? די שטימ איז פונ גאָט, ער האָט זי ניט פאַרהאָרעוועט! אונ ווי גרויס איז די שטימ? — לאָזט ניט אָפּ דער טראַקטירניק פאַראַקשנט.

דער אוילעמ, וואָס איז מאַסקימ, זאָגט אימ נאָכ:

— ריכטיק, דאָ ווירקט ניט די שטימ, נאָר מער — די קענטעניש.

איינמאָל, אַז דער זינגער איז נאָכנ אָפּקילנ זיכ אַוועק, האָט דער טראַקטירניק גענומענ אייַנריידנ די ליסוכע:

— אָט דו, מאַריע יעוודאָקימאָווגע, וואָלסט געדאַרפט זיכ אַ שפּיל טאָנ מיט קלעשטשאָוונ, אַ טרייסל טאָנ אימ אַ קאַפּעלע, אַ? וואָס קאָסט עס דיר?

— ווענ איכ בינ ייִנגער, — האָט די הענדלערקע געזאָגט מיט אַ שמייכל.

דער טראַקטירניק האָט הייס אונ הילכיק זיכ צעשריגנ:

— וואָס קאָנענ די יונגע? אָט דו גיב זיכ אַ נעמ! אונ מירנ קוקנ, ווי ער וואַרפט זיכ אַרומ דיר! אינ בענקשאַפט אימ אַרייַנטרייַבנ, אָט וואָלט ער זיכ צעזונגענ, אַ? גיב זיכ אַ נעמ, יעוודאָקימאָווגע, כ'וועל דיר אָפּדאַנקענ, וואָס?

נאָר זי האָט זיכ ניט גענומענ. אַ גרויסע, אַ פעטע, האָט זי, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגנ אונ איבערקלייַבנדיק מיט די פינגער די פראַנדזנ פונעמ טיכל אָפּ דער ברוסט, איינאַרטיק אונ פויל גערעדט:

— דאָ דאַרפ מענ אַ יונגע. ווענ איכ בינ ייִנגער, נו — וואָלט איכ זיכ ניט פאַרטראַכט...

קימאַט שטענדיק האָט דער טראַקטירניק זיכ געפלייַסט אָנצושיקערנ קלעשטשאָווג,

נאָר יענער האָט זיך אָפּגעזונגען א צוויי־דריי לידער, אויסגעטרונקען פאר יעדערער צו איין גלאָז, זאָרגעוודיק ארומגעוויקלט דעם האלדז מיט א געשטריקטן שארף, שטיפּ אָנגעדרוקט דעם קארטוז אפן פאטלאטן קאָפּ און איז אוועק.

ניט זעלטן פלעג דער טראקטירניק אויסזוכן קעגנער פאר קלעשטשאָוון, דער רימער זינגט אויס א ליד, לויבט ער אים אָפּ און זאָגט שטארק צעטראָגן:

— דאָ איז, אגעוו, נאָך איינער א זינגעוודיקער געקומען! אנו, ווייזט, וואָס איר קענט, זייט אזוי גוט!

יענער פלעג אמאָל ווייזן א גוטע שטים, נאָר איך ווייס ניט קיין פאל, אז עמעצער פון קלעשטשאָווס קעגנער זאָל זינגען אזוי פראָסט און הארציק, ווי ס׳האָט געקענט זינגען אָט דער קליינינקער ניט שיינער רימער.

— נו, יאָ, — האָט גערעדט דער טראקטירניק ניט אָן באדויער, — דאָס איז, פארשטייט זיך, גוט! דעריקער — א שטים איז דאָ, נאָר אָט — א נעשאָמע...

דער אוילעם לאכט:

— ניין, דעם רימער וועט מען ניט בייקומען, ווייזט אויס!

און קלעשטשאָוו קוקט אפּ אלעמען פון אונטער די רויטע געשטיקלטע ברעמען און זאָגט צום טראקטירניק העפלעכסט רויק:

— איר טרייבט אומזיסטע שפיל. אין פארגלייך מיט מיר וועט איר קיין זינגער ניט געפינען, ווייל מיין גאָב — איז פון גאָט!

— מיר אלע זיינען פון גאָט...

— איר זאָלט פאטערן א פארמעגן אפּ ווייַן, וועט איר סייווי ניט געפינען...

דער טראקטירניק ווערט רויט און בעלעבעטשעט:

— מע קאָן ניט וויסן, מע קאָן ניט וויסן...

און קלעשטשאָוו דערווייזט אים אקשאָנעסדיק:

— נאָך וועל איך אייך זאָגן, אז געזאנג איז ניט דאָס זעלבע, אשטייגער, וואָס הענער־געשלעג...

— איך ווייס! וואָס טשעפּעסטו זיך?

— איך טשעפּע זיך ניט, איך דערווייז נאָר: ווען א ליד איז א שפיל, איז זי שוין פונעם טייוול!

— גענוג שוין! בעסער זינג עפּעס...

— זינגען קען איך שטענדיק, אפילו אין שלאָף, — איז קלעשטשאָוו גרייט, הוסט אָפּ פּאָרזיכטיק און הייבט אָן זינגען.

און אלע פּוסטע קלייניקייטן, דאָס גאנצע מיסט פון ווערטער און מיינען, גאָר דאָס געמיינע, טראקטירישע — פארשווינדט וואונדערלעך, ווי רויך, אפ אלעמען ווייעט א שפּראך פון אן אנדער לעבן — א פארקלערטס, א זויבערס, פול מיט ליבע און טרויער.

איך בין מקאנע געווען אָט דעם מענטשן, אָנגעשטרענגט מקאנע געווען זיין טאלאנט, זיין מאכט איבער די מענטשן — ער האָט זיך אזוי וואונדערלעך גענוצט מיט אָט דער מאכט! מיר האָט זיך געוואָלט אסאך ריידן מיט אים, נאָר איך האָב זיך ניט געקענט איינשטעלן צוגיין צו אים, — קלעשטשאָוו האָט געקוקט אפ אלע־מען מיט ווייסלעכע אויגן אזוי מאָדנע, ווי ער וואָלט קיינעם פאר זיך ניט געזען.

און ס'איז געווען אין אים עפּעס, וואָס איז מיר געווען ניט אנגענעם, האָט גע־שטערט אים ליב קריגן, — און געוואָלט האָט זיך ליב האָבן אָט דעם מענטשן ניט באַר דעמלט, ווען ער האָט געזונגען. ס'איז געווען ניט אנגענעם צו קוקן, ווי ער ציט ארופּ זקייניש דעם קאַרטוז אפן קאָפּ, און ווי אומיסטן, מע זאָל זען, קוטעט ער דעם האַלדז מיטן רויטן געשטריקטן שאַרף, וועגן וועלכן ער פלעג זאָגן:

— דאָס האָט מיר די געליבטע מײַנע אויסגעשטריקט, א מיידעלע איינס...

ווען ער האָט ניט געזונגען, האָט ער זיך וויכטיק געבלאָזן, געריבן מיט א פינגער די טויטע, געפרוירענע נאָז, און אף די פראַגעס געענטפערט איינטראַפּיק, אומגערן. אז איך האָב זיך צוגעזעצט צו אים און וועגן עפּעס א פרעג געטאָן, האָט ער אפילע אָן א בליק אין מײַן זײַט געזאָגט:

— טראָג זיך ווײַטער, יאַטל!

אסאך מער איז מיר געפעלן געווען דער אַקטאַוויסט מיטראָפּאָלסקי. ארײַן אין טראַקטיר, גייט ער דורך צום ווינקל מיטן גאַנג פון א מענטשן, וואָס טראָגט א גרויסע מאַסע, רוקט אָפּ דעם שטול מיט א שטויס פונעם פוס און זעצט זיך, צע־לייגט די עלנבויגנס אפן טיש, אופגעלייגט אף די דלאָניעס דעם גרויסן פּאַטלאַטן קאָפּ. אויסגעטרונקען שוויַיגנדיק א צוויי־דרײַ גלעזעלעך, הוסט ער אָפּ הילכיק. אַלע קערעווען זיך אויס צו אים מיט א ציטער, און ער, אָנגעשפּאַרט מיטן קין אין די דלאָניעס, קוקט ארויסרופעריש אף די מענטשן. די גריווע פון ניט־צעקעמ־טע האָר האָט ווילד באַשאָטן זײַן אָנגעדראָלן, ברוין־גרוי פּאָנעם.

— וואָס קוקט איר? וואָס זעט איר? פרעגט ער פלוצעם מיט זעצנדיקע ווערטער.

אמאָל ענטפערט מען אים:

— א וואַלד־רוער זען מיר!

ס'פלעג זיך מאַכן אָוונטן, ווען ער פלעג טרינקען שוויַיגנדיק און שוויַיגנדיק אוועקגיין, שווער שאַרקענדיק מיט די פיס, נאָר עטלעכע מאָל האָב איך געהערט, ווי ער פלעג ארויסטרעטן מיט שטראָף־רייד צו די מענטשן מײַסע־נאָווי.

— איך, מײַן גאָטס געטרײַער דינער, דעק אופּ אײַערע זינד, ווי יעשײַע אין זײַן צײַט! ווי צו דער שטאָט אריעל, ווו זשוליקעס און עלערליי מענוואָלים עקלדיקע לעבן אינעם קויט פון די נידערטרעכטיקע גלוסטונגען זייערע! ווי צו די זעגל־פליגלען פון דער ערד, דען זיי טראָגן איבער די וועגן פון דער וועלט מענטשעלעך לעצט־מיִעסע — דאָס מיינ איך אײַך, שיקורים, פרעסער, אָפּ־וואָרף ניוועדיקער, — ס'איז גאָר אײַך ניט איבערצוציילן, פאַרשאָלטענע, און סע נעמט אײַך די ערד ניט אין די אינגעווייד אירע!

זײַן קאָל האָט אזוי געהודעט, אז די שויבן אין די פענצטער האָבן אזש גע־קלונגען, — דאַכט איז דעם אוילעם זייער געפעלן געווען, און מע פלעג דעם נאָווי אונטערהאַלטן:

— ער קנאַקט געזונט, דער פּאַטלאַטער הונט!

מיט אים איז געווען לײַכט זיך צו באַקענען, — מע האָט אים נאָר באַדאַרפט פאַרלייגן עפּעס נעמען אין מויל; ער האָט פאַרלאַנגט א קאַראַפין בראָנפן און א פּאָרציע אָקסענעם לעבער מיט רויטן פעפער, זײַן באַליבט מאכל. עס פלעג רײַסן

דאָס מויל און אַלע געדערים. ווען איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר זאָגן, וואָס פּאַרוואָס דאַרף מען לייענען, האָט ער מיר גרויזאַם און האַרט אין פּאָנעם אַריין געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— צו וואָס לייענען?

גאָר, דערזען מיין פאַרלעגנהייט, איז ער ווייכער געוואָרן און האָט אויסגעהודעט.

— קויהעלעס האָסטו געלייענט?

— געלייענט.

— לייען קויהעלעס! מער גאָרניט. דאָרטן איז גאָר די כאָכמע פון דער וועלט. נאָר באַראַנעס קוואַדראַטנע פאַרשטייען זי ניט — ס'הייסט, קיינער פאַרשטייט ניט... ווער ביסטו — דו זינגסט?

— ניין.

— פאַרוואָס? מע דאַרף זינגען. ס'איז די סאַמע לעפּישע באַשעפטיקונג.

פונעם שכייניש טיש האָט מען אים געפרעגט:

— און דו אַליין אָט — זינגסט?

— יאָ, איך בין אַ פוסטעפּאַסניק, — נו?

— גאָרניט.

— דאָס איז ניט קיין נייס. אַלע וויסן, אַז בא דיר אין קאָפּ איז ניטאָ גאָרניט. און ס'וועט קיינמאָל גאָרניט זיין. אָמיין!

אין דעם טאָג האָט ער גערעדט מיט אַלעמען און אויך מיט מיר, פאַרשטייט זיך; כאָטש נאָך אַ צוויי־דריי מאָל פונדעסטוועגן האָט ער גענומען זיך באַציִען צו מיר ווייכער, און האָט אפילע איינמאָל מיט אַ שאַטירונג פון כידעש געזאָגט:

— איך קוק אָפּ דיר און פאַרשטיי ניט: וואָס ביסטו, ווער ביסטו און צו וואָס ביסטו? כאָטש — מעגסט זיך גיין צו אַלדע רוכעס!

צו קלעשטשאָוון האָט ער זיך באַצויגן אומפאַרשטענדלעך: געהערט אים מיט אָפּענעם פאַרגעניגן, אַמאָל אפילע מיט אַ מילדן שמייכל, נאָר האָט זיך מיט אים ניט באַקענט און געגן גערעדט וועגן אים גראָב, מיט פאַראַכטונג:

— דאָס איז אַ באַלוואַן! ער קען עטעמען, ער פאַרשטייט, וואָס ער זינגט, און פאָרט איז ער — אַן אייזל!

— פאַרוואָס?

— לויט דער נאַטור.

מיר האָט זיך געגלוסט אַ שמועס טאָן מיט אים, ווען ער איז ניכטער, נאָר אַ ניכטערער האָט ער נאָר געמוקעט, קוקנדיק אָפּ אַלץ מיט פאַרנעפּלטע, בענקענדיקע אויגן. פון עמעצן בין איך געוווירע געוואָרן, אַז אָט דער אָפּן גאַנצן לעבן שיקער־דער מענטש האָט זיך געלערנט אין דער קאַזאַנער אקאַדעמיע, האָט געקענט זיין אַן אַרכיִערייִ, — איך האָב דעריבער ניט געגלייבט, נאָר איינמאָל האָב איך, דערציילנדיק אים וועגן זיך, דערמאָנט דעם נאָמען פון בּיסקאָפּ כריסאַנף. דער אָקטאַוויסט האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— כריסאַנף? איך קען אים. מיין לערער און גוטווינטשער. אין קאַזאַן, אין דער אַקאַדעמיע, — כ'געדענק! כריסאַנף — הייסט גאָלדענער קאָליר, ווי דאָס

איז ריכטיק געזאָגט בא פאמווא בערינדא. יאָ, ער איז געווען גאָלד־קאַלידיק, כריסאנפ!

— און ווער איז עס פאמווא בערינדא? — האָב איך געפרעגט, נאָר מיטראָפּאָלסקי האָט קורץ געענטפערט:

— ניט דײַן אײסעק.

אינדערהיים האָב איך זיך פארשריבן אין העפט: „אומבאדינגט לייענען פאמווא בערינדא". מיר האָט זיך געדוכט, אז טאקע בא אָט דעם בערינדא וועל איך געפינען אן ענטפער אף דער מענגע פראגעס, וואָס מוטשעט מיך.

דער זינגער האָט זייער ליב געהאט באנוצן נעמען, וואָס זײַנען מיר אומבאקאנט, מאָדנע וואָרט־באהעפטונגען. דאָס האָט מיך זייער אויפגערעגט.

— דאָס לעבן איז דיר ניט אניסיע! — טוט ער א זאָג.

איך פרעג:

— ווער איז די אניסיע?

— א נוצלעכע, — ענטפערט ער, און מײַן צעמישקייט פארוויילט אים.

אָט די ווערטלעך און דאָס, וואָס ער האָט זיך געלערנט אין דער אקאדעמיע, האָבן מיך געצווונגען צו קלערן, אז ער ווייסט אסאך, און ס'איז געווען א גרויסער פארדראָס, וואָס ער וויל וועגן קיין זאך ניט ריידן. און אז ער רעדט יאָ, איז עס אומפארשטענדלעך. און עפשער, האָב איך ניט געוווּסט, ווי צו פרעגן בא אים?

נאָר דאָך פלעג ער עפּעס איבערלאָזן אין דער נעשאָמע בא מיר, מיר פלעגן געפעלן די שיקערע דרייסטקייט פון זײַנע שטראָף־רייד, וואָס זײַנען געבויט געווען לויטן גאנג פון יעשייַע האנאָווי.

— אָ, אומציכטיקייט און איפעש פון דער ערד! — פלעג ער ריטשען. — די ערגסטע זײַנען בא אײַך דערהויכט, און די בעסטע — געטרוידעפּט. ס'וועט אָנקומען א שרעקלעכער טאָג, און איר וועט כאראָטע האָבן אף אײַערע מײַסים, נאָר ס'וועט שוין זײַן שפעט, שפעט!

הערנדיק דאָס דאָזיקע רעווען, פלעג איך זיך דערמאנען די „גוטע זאך", די וועשן נאטאליע, וואָס איז אומגעקומען אזוי פארדריסלעך און גרינג, די קעניגן מארגאָ אין דער כמארע פון די ברודיקע רעכילעסן, — כ'האָב שוין געהאט וואָס צו דערמאנען זיך...

מײַן קורצע באקאנטשאפט מיט דעם מענטשן האָט זיך פארענדיקט מיט א קוריאָז.

פרילינג האָב איך אים באגעגנט אין פעלד, לעבן די לאגערן, ער האָט געשפאנט ווי א ווערבליוד, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אן איינזאמער און אן אָנגעדראָלענער.

— שפאצירסט? — האָט ער געפרעגט הייזעריק. — לאָמיר גיין צוזאמען. איך שפאציר אויך. איך, ברודערל מײַנס, בין קראנק, יאָ...

עטלעכע טריט זײַנען מיר געגאנגען שווײַגנדיק, און פלוצעם האָבן מיר אין א גרוב פון א געצעלט דערזען א מענטשן: ער איז געזעסן אפן דעק פון דער גרוב, איבערגעבויגן אף א זײַט, אָנגעשפארט מיט אן אקסל אף דער וואנט פונעם

גראָבן. די פּאַלטאָ איז אים פון איין זײַט אַרופגעפּאָרן העכער די אויערן, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אַראָפּנעמען און ניט געקענט.

— אַ שיקערער, — האָט דער זינגער באַשלאָסן, זיך אָפּשטעלנדיק.

נאָר אונטער דער האַנט בײַ דעם מענטשן, אַפן יונגן גראָז, האָט זיך געוואַל־געֶרט אַ גרויסער רעוואָלווער, ניט ווײַט פון אים — אַ היטל, און דערבײַ אַן אָקאָרשט אָנגעהויבענע פלאַש בראָנפן — איר פּוסט העלדזל האָט זיך פאַרגראָבן אין די גרינע גרעזלעך. דאָס פּאָנעם דעם מענטשנס איז געווען שעמעוודיק פאַרבאַהאַלטן אין פּאַלטאָ.

בײַ אַ מינוט זײַנען מיר געשטאַנען שווײַגנדיק, דערנאָך האָט מיטראָפּאָלסקי, ברייט צעשטעלנדיק די פיס, געזאָגט:

— ער האָט זיך דערשאָסן.

איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש איז ניט שיקער, נאָר טויט. אָבער דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז ס'האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן. כ'געדענק, איך האָב ניט געפילט ניט קיין שרעק, ניט קיין מיטלייד, קוקנדיק אַפן גרויסן גלאַטן שאַרבן, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטערן פּאַלטאָ, און אַפן בלויען אויער, — ס'האָט זיך ניט געגלייבט, אַז אַ מענטש זאָל אין אַזאַ מילדן פרילינג־טאָג זיך נעמען דאָס לעבן.

דער אַקטאַוויסט האָט שטאַרק געריבן מיט די דלאָניעס זײַנע ניטגעגאָלטע באַקן, ווי ס'וואָלט אים זײַן קאַלט, און האָט געכריפּעט:

— אַ באַיאָרטער. דאָס ווײַב איז אַנטלאָפן, אָדער ער האָט פאַרשווענדט פרעמד געלט...

מיך האָט ער אוועקגעשיקט אין שטאָט נאָך פּאָליציי, און אַליין האָט ער זיך צוגעזעצט אַפן ראַנד פון דער גרוב, אַראָפּגעלאָזט אין איר די פיס, פרירנדיק זיך געקוטעט אין שטאַרק־אָפּגענוצעוועטן מאַנטל. געגעבן צו וויסן אַ גאָראָדאָווױ וועגן דעם זעלבסטמערדער, בין איך אַפּגיך געקומען צו לויפן צוריק, נאָר פאַר דער צײַט האָט דער אַקטאַוויסט אויסגעטרונקען דעם געשטאָרבענעמס בראָנפן און האָט מיך באַגעגנט, פּאָכנדיק מיט דער ליידיקער פלאַש.

— אָט וואָס ס'האָט אים אוועקגעפּאַטערט! — האָט ער געריטשעט און מיט אַ צאָרנדיקן זעץ אין דער ערד האָט ער צעקנאַקט די פלאַש אַף פּיצלעך.

באַלד נאָך מיר איז געקומען צו לויפן דער גאָראָדאָווױ, האָט אַרײַנגעקוקט אין גרוב, אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך איבערגעציילעמט אומאַנטשלאָסן און געפרעגט דעם זינגער:

— ווער ביסטו אַזוינער?

— ניט דײַן אייסעק...

דער פּאָליציאַנט האָט אַ קלער געטאָן און געפרעגט איידעלער:

— וואָס־זשע הייסט עס — דאָ איז אַ מעס, און איר זײַט שיקער?

— שוין צוואַנציק יאָר, אַז איך בין שיקער! — האָט דער זינגער געזאָגט מיט שטאָלץ און דערבײַ אַ זעץ געטאָן זיך מיט דער דלאָניע אין ברוסט.

איך בין געווען זיכער, אַז מע וועט אים אַרעסטירן פאַרן אויסגעזשליאָקעטן בראָנפן. פון דער שטאָט זײַנען אָנגעלאָפן מענטשן, אַף אַ דראָזשקע איז געקומען

צו פֿאָרן א שטרענגער קוואַרטאַלנער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין גרוב, אונטערגע־הויבן די פּאַלטאָ אפֿן זעלבסטמערדער און אים פֿאַרקוקט אין פּנים אַרײַן.

— ווער האָט דער ערשטער דערזען?

— איך,— האָט געזאָגט מיטראָפּאָלסקי.

דער קוואַרטאַלנער האָט א קוק געטאָן אויף אים און דראָענדיק אויסגעצויגן:

— א־א, א גוט מאָרגן, מײַן הער!

ס'זײַנען זיך צונויפֿגעקומען צושויער א צענדליק אָנדערהאַלבן. פּאַרסאָפּעטע, אופֿגעלעבטע, האָבן זיי זיך געדרייט אַרום דער גרוב, אַרײַנקוקנדיק; עמעצער האָט אויסגערופֿן:

— דאָס איז פֿון אונדזער גאַס א טשינאָווניק, איך קען אים!

דער אַקטאָוויסט איז, שאָקלענדיק זיך, געשטאַנען פֿאַרן קוואַרטאַלנעם, דעם קאַרטוז אַראָפּגענומען, און האָט זיך מיט אים געשפּאַרט, אומדײַטלעך, טויב אויס־שרײַענדיק עפּעס ווערטער. דערנאָך האָט דער קוואַרטאַלנער אים א שטויס געטאָן אין דער ברוסט. ער האָט זיך א שאָקל געטאָן, זיך צוגעזעצט. דענסטמאָל האָט דער פּאָליציאַנט ניט־געכאַפּט אַרויסגענומען פֿון קעשענע א שטריקל, געבונדן דערמיט דעם זינגער די הענט, וועלכע ער האָט אונטערטעניק און צוגעווינט באַ־האַלטן הינטערן רוקן. און דער קוואַרטאַלנער האָט גענומען שרײַען מיט קאָס אויף די צושויער:

— אַוועקט! מ־מיסט...

ס'איז געקומען צו לויפֿן נאָך איינער, אן אַלטינקער גאָראָדאָוווי מיט נאַסע רויטע אויגן, דאָס מויל צעעפֿנט פֿאַר מידקייט, ער האָט גענומען אין דער האַנט אן עק פֿונעם שטריקל, מיט וועלכן דער אַקטאָוויסט איז געווען געבונדן, און האָט אים פּאַמעלעך אַוועקגעפֿירט אין שטאָט אַרײַן.

איך בין אויך אַוועק פֿון פֿעלד א דערשלאָגענער. אין זיקאָרן האָבן מיט א הילכנדיקן עכאָ געקלונגען די שטראָפֿנדיקע ווערטער:

— ווײ דער שטאָט אַריָעל!

און פֿאַר די אויגן איז א דריקנדיק בילד: א פּאָליציאַנט נעמט אַרויס, ניט־געײַלט, פֿון דער שינעל־קעשענע א שטריקל, און דער מוירעדיקער נאָווי פֿאַרלייגט אונטערגיביק די רויטע, האָריקע הענט הינטערן רוקן און קרייצט איבער די הענט־לעפּל זייערע מיט געווינשאַפֿט און קענטעניש...

אינגיכן בין איך געווירע געוואָרן, אַז דעם נאָווי האָט מען אַרויסגעשיקט פֿון שטאָט מיטן עטאַפּ, און נאָך אים איז פֿאַרשוווּנדן קלעשטשאָוו,— האָט גוט כאַסענע געהאַט און איז אַריבערגעפֿאָרן וווינען אין אויעזד, וווּ ער האָט געעפֿנט א רימער־וואַרשטאַט.

... איך האָב אַזוי פֿלײַסיק געלויבט דעם רימערס געזאַנג פֿאַרן באַלעבאָס, אַז איינמאָל האָט ער געזאָגט:

— מע דאַרף צוגיין א הער טאָן...

און אָט זיצט ער באַ א טישל אַנטקעגן מיר, מיט פֿאַרוווּנדערט אופֿגעהויבענע ברעמען, מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן.

אפֿן וועג צום טראַקטיר האָט ער מיך אויסגעלאַכט, אין טראַקטיר האָט ער

די ערשטע מינוטן אַלץ געכויזעקט פון מיר, פונעם אויל֞עם און די שטיקנדיקע רייכעס. ווען דער רימער האָט אָנגעהויבן זינגען, האָט ער שפּאָטיש א שמייכל געטאָן און גענומען אָנגיסן ביר אין גלאָז, אָנגעגאָסן ביז דער העלפט און זיך אָפּגעשטעלט, געזאָגט:

— אָהאָ.. אָט א שעד!

די האַנט זײַנע האָט גענומען ציטערן, ער האָט שטי֞לינקערהייט אוועקגעשטעלט די פלאַש און גענומען אָנגעשטרענגט זיך אײַנהערן.

— י־יאָ, ברודער,— האָט ער געזאָגט, אָפּזיפצנדיק, ווען קל֞עשטשאָוו האָט אופגעהערט זינגען.— ער זינגט, ווירקל֞עך... דער טײַוול זאָל אים נעמען! ס׳איז מיר אַזש הייס געוואָרן...

דער רימער האָט ווידער אָנגעהויבן זינגען, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, קוקנדיק צו דער סטעל֞יע:

— פון א דאָרף, דורך פרײַען פעלד, קעגן פאַרנאַכט
א יונג מיידל האָט געשפּאַנט מיטן ברייטן של֞יאַך.

— ער זינגט,— האָט דער באַל֞עבאָס געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און שמייכל֞ענדיק.

און קל֞עשטשאָוו פאַרגייט זיך, ווי א פײַפל:

— אים דאָס מיידל אַזא ענטפער דערמל֞ט גיט:
א יעסוימע בין איך, קיינער דאַרף מיך ניט...

— גוט,— שעפּטשעט דער באַל֞עבאָס, פינטלענדיק מיט די רויט־געוואָרענע אויגן,— פּ־פו, טײַוול... גוט.

איך קוק אף אים און פריי זיך. און די יאָמערנדיקע ווערטער פון דער ל֞יד באַזיגן דעם ראַש פון טראַקטיר, קל֞ינגען אַלץ שטאַרקער, שענער, האַרציקער:

אונדזער דאָרף־ל֞עבן איז פינצטער און געמיין,
רוישן הול֞יאַנקעס בא ל֞ײַט,— איך זיץ אַליין.
אָרעם בין איך, אוי, פאַרל֞אָזן אָן א שיר,
ווער א רעכטער יונג זיך אומקוקן אף מיר?
פאַר א דינערן אַן אַל֞מען רופט צו זיך,
וויל איך זיך ניט אונטערגעבן אַזוי גיך!..

דער באַל֞עבאָס מײַנער האָט זיך אומפאַרשעמט צעוויינט,— זיצט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און שמאָרעט מיט דער הויקערדיקער נאָז, און אף די קני אים קאַפּען טרערן.

נאָך דער דריטער ל֞יד האָט ער געזאָגט, אַן אופגערודערטער און א צעקנאָטעטער:

— איך קאָן דאָ מער ניט זיצן,— כ׳ווער דערשטיקט, רייכעס אַזוינע, צום טײַוול... ל֞אָמיר פאָרן אַהיים!..

נאָר אין גאַס האָט ער פאָרגעל֞ייגט:

— היידא, פעשקאָוו, אין א האָטעל אַרײַן, מירן צובײַסן — און גאָר... ס׳ווילט זיך ניט אהיים!..

ניט באַדונגענע פריער, האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין א שליטן און דעם גאַנצן וועג געשוויגן, און אין האָטעל האָט ער, ווי ער האָט נאָר פאַרנומען א טישל אין א ווינקל, באַלד אָנגעהויבן, זיך אומקוקנדיק, מיט האַלבן קאָל מיט קאַס און בענק־שאַפט:

— ער האָט מיך צעטרייבערט, אָט דער צאַפּ... אַזאַ אומעט אָנגעטריבן... ניין, אָט דו לייענסט, כקירעסט, נאָר זאָג מיר, וואָס איז עס פאַר א טײַוולשע אָנשיקעניש? לעבסט, לעבסט, פּערציק יאָר אָפּגעלעבט, א ווײַב, קינדער — און ניטאָ מיט וועמען אויסריידן א וואָרט. אַן אַנדער מאָל גלוסט זיך אופּרודערן די נעשאָמע, פאַנאַנדערריידן זיך מיט עמעצן, און ס׳איז ניטאָ מיט וועמען! פּרוּווסט ריידן מיט איר, מיטן ווײַב — דערגייט ניט צו איר... וואָס קער זיך עס איר אָן! זי האָט קינדער... נו, די ווירטשאַפט, אירע זאַכן. זי איז דער נעשאָמע מײַנער פרעמד. א ווײַב איז א פרײַנט — ביזן ערשטן קינד... ווי דער שטייגער. און זי איז בא מיר, אין אַלגעמיין... נו, זעסט אַליין... ניט צום פּײַפל, ניט צום טאַנץ... אַזוי — אומ־באַלעבט פלייש, נעם אײַך דער שוואַרציאָר! אומעטיק, ברודער!..

ער האָט מיט קראַמפּ אויסגעטרונקען דעם קאַלטן, ביטערן ביר, האָט געשוויגן א ווײַלע, אופשוויבערנדיק די לאַנגע האָר, און ווידער זיך צערעדט.

— אין אַלגעמיין, ברודער, די מענטשן זײַנען פּאַסקודניאַקעס! אָט רעדסטו דאָרטן מיט די פּויערים, דאָס און יענץ... איך פאַרשטיי — אַסאַך ניט ערלעכקײַט. שווינדל — ריכטיק, ברודער... גאַנאָווים דורכויס! און דו מיינסט, אַז דײַן וואָרט דערגייט? קיין מאָנעלע ניט! יאָ, זיי — פּיאָטער, אָסיפּ, — ס׳איז זשוליקעס! זיי דערציילן מיר אַלץ, און אויך, ווי דו זאָגסט אַרײַן וועגן מיר, און אַלץ... וואָס, ברודער?

איך האָב געשוויגן א געפּלעפּטער.

— אָט דאָס איז עס! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט מיט א שמייכל. — דו האָסט ריכטיק זיך געקליבן אוועק קיין פּערסיע, דאָרט וועסטו כאָטש קיין זאַך ניט פאַרשטיין — א פרעמדע שפּראַך! אָבער אַפּ אַן אייגענער שפּראַך — איז הוילע ני־דערטרעכטיקײַט!

— אָסיפּ דערציילט וועגן מיר? — האָב איך געפרעגט.

— נו, יאָ! און וואָס האָסטו געמיינט? ער רעדט מער ווי אַלע, דער פּלאַפּלער. ער, ברודער, איז א רעכטער כעוורעמאַן... ניין, פּעשקאָוו, וואָרטער דערגייען ניט. דער עמעס? צו וועלכע רוכעס דאַרף מען אים? ס׳איז דאָס זעלבע, ווי א שניי אין האַרבסט — אַראָפּגעפאַלן אין בלאָטע און צעגאַנגען, איז געוואָרן מער בלאָטע. גלײַ־בער שווײַג...

ער האָט געטרונקען ביר, א גלאָז נאָך א גלאָז, און, ניט ווערנדיק שיקער, האָט ער גערעדט אַלץ מער גיך און צערייצט:

— דאָס שפּריכוואָרטל זאָגט: א וואָרט איז ניט קיין נאָל, שווײַגן גילט אַלע־מאָל. עכ, ברודער, אומעט, אומעט... ריכטיק האָט ער געזונגען: „אונדזער דאָרפּ־לעבן איז פינצטער און געמיין". א יאָסעם איז דער מענטש...

ארומגעקוקט זיך און נאָך שטילער זיך צערעדט:

— אָט האָב איך זיך געהאַט אָפּגעזוכט... אַ האַרצנס־פריַינט, אַ פרוי איינע האָט זיך מיר דאָ באַגעגנט, אַן אַלמאָנע, דעם מאַן אירן האָט מען אַפּ סיביר פאַרמישפּעט פאַר פאַלש געלט — זיצט נאָך דאָ אין טורמע. איך האָב זיך באַקענט מיט איר... קיין געלט האָט זי ניט קיין קאָפּיקע, נו, איז, פאַרשטייסטו, פאַרנעמט זי זיך... אַ מעקלערן האָט מיך באַקענט מיט איר... איך קוק זיך צו — ס'אַרא ליבער מענטש! אַזאַ שיינע, פאַרשטייסט, אַ יונגע... פּאַשעט מערקווירדיק! איין מאָל, צוויי מאָל. דערנאָך זאָג איך צו איר: ווי־זשע־איז עס, זאָג איך, דער מאַן דיַינער איז אַ זשור־ליק, אַליין פּירסטו זיך ניט ערלעך — צו וואָס־זשע פאָרסטו נאָך אים קיין סיביר? וויַיל זי, מוזסטו וויסן, גייט נאָך אים, — אין פאַרשיקונג, יאָ, יאָ... איז אָט זאָגט זי צו מיר: אַוועלכער ער זאָל ניט זיַין, סיַיווי האָב איך אים ליב, פאַר מיר איז ער גוט! עפּשער האָט ער עס צוליב מיר געזינדיקט? און איך זינדיק מיט דיר צוליב אים. ער דאַרף, זאָגט זי, געלט, ער איז אַן אַדלמאַן און איז געוווינט צו גוט לעבן. ווען, זאָגט זי, איך זאָל זיַין איינע מענטש, וואָלט איך געלעבט ערלעך. איר, זאָגט זי, זיַינט אויך אַ ווילער מענטש, און איר געפעלט מיר זייער, נאָר רעדט ניט מיט מיר וועגן דעם... — טיַיוול!.. איך האָב איר אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט — אַכציק רובל מיט עפּעס — און זאָג: אַנטשולדיקט, זאָג איך... איך קאָן מיט איַיך ניט מער, איך קאָן ניט! בין אַוועק, און אָט...

ער האָט געשוויגן אַביסל, מיטאַמאָל דערפילט זיך שיקער, און אַן אָפּגעפאַלע־נער זיך צעבעלעמעטשעט:

— זעקס מאָל בין איך בּאַ איר געווען... קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס דאָס איז אַזוינס! נאָך זעקס מאָל, אַוואַדע, בין איך צוגעגאַנגען צו איר קוואַרטיר... ז'כ ניט איַינגעשטעלט אַריַינגיין... ניט געקענט! איצט איז זי אַוועקגעפאָרן...

ער האָט אַרופגעלייגט די האַנט אַפן טיש, און שפּעטשענדיק, באַוועגנדיק מיט די פינגער, האָט ער געזאָגט:

— גאָט באַוואָרן, טאָמער טרעף איך זי ווידער... גאָט באַוואָרן! דענסטמאָל איז אַלץ צום טיַיוול! קום אַהיים... קום!

מיר זיַינען אַוועק. ער האָט זיך געשאָקלט און געוואָרטשעט:

אָט ווי, ברודער...

מיך האָט די געשיכטע, וואָס ער האָט דערציילט, ניט פאַרכידעשט — מיר האָט שוין לאַנג אויסגעוויזן, אַז מיט אים וועט געשען עפּעס אומגעוויינלעכס.

נאָר איך בין געווען זייער דערשלאָגן פון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט גע־זאָגט וועגן לעבן, באַזונדערס פון זיַינע ווערטער וועגן אָסיפן.

XX

דריַי זומערס האָב איך דורכגעלעבט ווי אַן אופזעער אין דער טויטער שטאָט, צווישן ליידיקע געבייַען, אַכטונג געגעבן, ווי די אַרבעטער צעברעכן האַרבסט־ציַיט די לעפּישע געמויערטע קלייטן, און פּרילינג בויען זיי פונקט אַזוינע נאָכאַמאָל.

דער באַלעבאָס האָט אַסאַך געזאָרגט, איך זאָל ווי געהעריק פאַרדינען זיַינע

פינפ רובל. טאָמער האָט מענ אינ קלייט איבערגעלייגט דעמ פאָל, — האָב איכ געדארפט ארויסנעמענ פונ דעמ גאנצנ שעטעכ אירנ די ערד אפ אנ ארשינ אינ דער טיפ. די באָסיאקעס פלעגנ פאר דער ארבעט קריגנ א קערבל, איכ — גאָרניט; נאָר, זייענדיק פארנומענ מיט דער ארבעט, פלעג איכ ניט באווייזנ אכטונג געבנ אפ די מוליערס, אונ זיי פלעגנ אָפשרויפנ די טיר־שלעסער, די הענטלעכ, גאנווענענ אלערליי קלייניקייטנ.

סיי די ארבעטער, סיי די פּאָדריאטשיקעס פלעגנ זיכ פלייסנ מיכ אָפנארנ, עפּעס צוגאנווענענ, האָבנ עס געטאָנ קימאט אָפנ, ווי אויספירנדיק עפּעס א לאנגווייליקע פליכט, אונ פלעגנ קיינ האָר ניט זיינ אינ קאס, טאָמער האָב איכ זיי געפּאקט. זיי פלעגנ זיכ נאָר וווּנדערנ:

— לייגסט מי פאר פינפ קערבלעכ, ווי פאר צוואנציק, א געלעכטער צו קוקנ!

איכ פלעג אָנווייזנ דעמ באלעבאָס, אז, אויסשפּילנדיק אפ מיינ ארבעט א קערבל, פארלירט ער שטענדיק צענ מאָל אזויפיל. ער פלעג דערופ זאָגנ, אונטערפינטלענדיק מיט אנ אויג:

— פיינ, מע קענ די אָנשטעלנ!

איכ האָב פארשטאנענ, אז ער איז מיכ כוישעד אינ מיטהעלפנ די גנייוועס. דאָס האָט בא מיר ארויסגערופנ א ווידערגעפיל צו אימ, נאָר ס'האָט ניט באליידיקט. אזוי איז די אָרדענונג: אלע גאנווענענ, אונ דער באלעבאָס אליינ האָט אויכ ליב צו נעמענ פרעמדס.

באקוקנדיק נאָכנ יאָרמארק די קלייטנ, וואָס ער האָט גענומענ אפ רעמאָנט, אונ דערזעענדיק א פארגעסענעמ סאמאָוואר, געפעס, א טעפּיכ, א שער, אונ אמאָל א קעסטל אָדער א שטיק סכוירע, — פלעג דער באלעבאָס זאָגנ, שמייכלענדיק:

— שטעל צונויפ א צעטל פונ די זאכנ אונ טראָג אָפ אינ לאגער!

אונ פונ לאגער פלעג ער פירנ די זאכנ צו זיכ אהיימ, צווינגענדיק מיכ צו עטלעכע מאָל איבערמאכנ דאָס צעטל.

איכ האָב ניט ליב קיינ זאכנ, מיר האָט זיכ קיינ זאכ ניט געוואָלט האָבנ, אפילע ביכער האָבנ מיכ באלעסטיקט. איכ האָב גאָרניט ניט געהאט אויסער א קליינ בענדל בעראנזשע אונ הייגעס לידער. כ'האָב געהאט כיישעק פארשאפנ זיכ פושקינענ, נאָר דער איינציקער בוקיניסט אינ שטאָט, א בייזער אלטיטשקער, האָט פארלאנגט פאר פושקינענ צופיל געלט. דאָס מעבל, די טעפּיכער, שפּיגלענ אונ אלצ, וואָס האָט פארוואלגערט דעמ באלעבאָס קווארטיר, איז מיר ניט געפעלנ געווענ, האָט אופגערעגט מיט דער שווערער אומגעלומפערטקייט, מיט די רייכעס פונ פארב אונ לאק, מיר זיינענ אינ אלגעמיינ ניט געפעלנ געווענ די באלעבאטימס צימערנ. זיי האָבנ דערמאנט קופערטנ, אָנגעפּאקעוועטע מיט אומנוציקס, איבעריקס. אונ ט'איז געווענ דערווידער, וואָס דער באלעבאָס שלעפּט פונ לאגער פרעמדע זאכנ, פארגרעסערט אלצ דאָס איבעריקע ארומ זיכ. אינ די צימערנ פונ דער קעניגנ מארגאָ איז אויכ געווענ ענג, דערפאר אָבער שיינ.

דאָס לעבנ אינ אלגעמיינ האָט מיר אויסגעוויזנ לעפּיש, צעדרייט, איבערפול מיט אָפענער נארישקייט. אָט בויענ מיר איבער די קלייטנ, אונ פרילינג וועט דער

גרויסוואסער זיי פארטרינקען, ארופשפארן די פאָלן, צעקרימען די דרויסן־טירן. אז דער וואסער וועט אָפּפאלן, וועלן נעמען פוילן די באלקעס. פון יאָר צו יאָר אין פארלויף פון יאָרצענדליקער פארגיסט דער וואסער דעם יאָרמארק, פירט איבער די געביַיען, די ברוקן. די דאָזיקע יאָר־יערלעכע פארפלייצונגען מאכן אַן גרויסע שאָדנס, און אלע ווייסן, אז די פארפלייצונגען וועלן פון זיך אליין ניט באזיַיטיקט ווערן.

אלע פרילינג שניַידט דער איַיזגאנג אראָפּ בארזשעס, צענדליקער קליינע שיפן, די מענטשן אָכצן אביסל און בויען נייַע שיפן, און דער איַיזגאנג ברעכט זיי ווי־דער. ס'ארא אומגעלומפּערטע שטויסעניש אַפּ איין אָרט!

איך פרעג וועגן דעם בא אָסיפן, כידעשט ער זיך און לאכט:

— אך, דו שטאָרך, ווי ער שטאָרכעט עס אומעטום. וואָס גייט דיר דאָס אלץ אָן? וואָס איז דיַין אייסעק, א?

נאָר באלד טאקע רופט ער זיך אָן ערנסטער, ניט לעשנדיק, פונדעסטוועגן, דאָס פיַיערל פון שפּאָט אין די בלויע, גאָר ניט ווי בא אן אלטן, לויטערע אויגן:

— דאָס האָסטו ריכטיק באמערקט! כאָטש ס'איז דיר איבעריק, נאָר ס'קאָן, עפשער, צונוץ קומען! אָט נאָך וואָס באמערק...

און ער דערציילט מיט טרוקעניקע ווערטער, רייַך צעשיטנדיק אין זיי וויצ־אויסדרוקן, אומגעריכטע פארגליַיכן און אלערליי ווערטלעך:

— אָט קלאָגן זיך מענטשן: ס'איז דאָ ווייניק ערד, און די וואָלגע רייַסט פרילינג די ברעגן, טראָגט אוועק די ערד, לייגט זי אָפּ אין איר געלעגער אין זאמד־בענק. דערנסטמאָל קלאָגן זיך אנדערע: די וואָלגע ווערט פלאך! די פרילינג־שטראָמען און די זומערדיקע רעגנס גראָבן גראָבנס אויס יארן, — גייט עס ווידער פון דער ערד אריבער אין טיַיך!

ער רעדט אָן מיטלייד, אָן בייזקיַיט, נאָר אזויווי מיט האנאָע פון זיַין וויסן אסאך טיַינעס צום לעבן, און כאָטש די ווערטער זיַינע שטימען מיט מיַינע געדאנ־קען, איז דאָך מיר ניט אנגענעם זיי צו הערן.

— און נאָך באמערק — סרייפעס...

איך דערמאן זיך, אז ס'איז, דאכט זיך, ניט געווען קיין איין זומער, אַפּ יע־נער זיַיט וואָלגע זאָלן ניט ברענען די וועלדער. אלע יאָר אין יול איז דער הימל פארצויגן מיט א מוטנע־געלן רויך, א רויטע זון, וואָס האָט פארלוירן די שטראלן, קוקט אַפּ דער ערד, ווי א קראנק אויג.

— וועלדער איז א קלייניקיַיט, — זאָגט אָסיפּ, — דאָס איז פארמעגן פריצישער, קאזיאָנער, די פויערים האָבן קיין וועלדער ניט. ס'ברענען שטעט — איז עס אויך ניט קיין וויכטיקע מיַיסע, — אין די שטעט ווינען רייַכע, זיי באדויערן איז ניטאָ וואָס! דו נעם די דערפער — וויפל דערפער פאַר א זומער ווערן פארברענט! אוואדע ניט ווייניקער פון הונדערט, — אָט דאָס איז א שאָדן!

ער לאכט שטיל.

— אסאך גוטס, און ווייניק נוץ! און ס'באקומט זיך בא מיר מיט דיר, אז ניט פאַר זיך ארבעט דער מענטש, ניט פאַר דער ערד, נאָר פאַר פיַיער און וואסער!

— וואָס־זשע לאַכסטו?

— און פאַרוואָס ניט? אַ סרייפע וועסטו מיט אַ טרער ניט פאַרלעשן, און אַ פאַרזלייצונג וועט פון ט־ערן נאָך שטאַרקער ווערן.

איך ווייס, אַז אָט דער אַלטער מיטן בעקאָוועדיקן אויסזען איז דער קליגסטער מענטש פון אַלע, וואָס איך האָב געזען, נאָר וואָס־זשע האָט ער ליב, און וואָס האָט ער פײַנט?

איך טראַכט וועגן דעם, און ער לייגט אַלץ ווײַטער צו אין מײַן שײַטער טרוקענע ווערטעלעך:

— דו גיב נאָר אַ קוק, ווי ווייניק די מענטשן שפּאָרן זייערע קויכעס, סײַ אייגענע, סײַ פרעמדע, אַ? דער באַלעבאָס, אשטייגער, ווי ער יאָגט עס דיך אַרום? און דער בראָנפן, וואָס ער קאָסט עס אָפּ דער וועלט? ניט אויסצוציילן, ס'איז העכער פון יעדן געלערנטן פאַרשטאַנד... אַז אַ שטיבל ברענט אָפּ, קאָן מען שטעלן אַ צווייטס, נאָר אָט אַז אַ רעכטער פייער קומט אום אומזיסט — דאָס קען מען ניט פאַריכטן! אַרדאַליאָן, אשטייגער, אָדער גרישע — ווי ער האָט עס אופגעפלאַקערט! ער איז אַ נאַרישעוואַטער, אָבער דערפאַר אַ האַרציקער פייער, אָט דער גרישע! זעצט מיט רויך, ווי אַ גאַרב שטרוי, ווײַבער זײַנען אָפּ אים אָנגעפאַלן, ווי ווערעם אָפּ אַ דערהאַרגעטן אין וואַלד.

איך פרעג אים — אָן פאַרדראָס, מיט נײַגער:

— צו וואָס דערציילסטו דעם באַלעבאָס מײַנע געדאַנקען?

רויִק און אפילע ליב גיט ער צו פאַרשטיין:

— קעדיי ער זאָל וויסן, ס'אַרא מינע שעדלעכע געדאַנקען דו האָסט. מע דאַרף דיך לערנען. ווער וועט דיך לערנען, אויסער באַלעבאָס? גיט פאַר שלעכטקײַט דערצייל איך אים, נאָר פאַר מיטלייד צו דיר. אַ ייִנגל ביסטו ניט קיין נאַר, נאָר אין קאָפּ באַ דיר פּראָוועט שטיק אַ רוען. גאַנווע עפּעס — וועל איך שווײַגן, צו מיידלעך גיי — וועל איך אויך פאַרשווײַגן, טאָמער וועסטו אויסטרינקען, — וועל איך אויך ניט זאָגן! נאָר וועגן דײַנע אַזעלנע וועל איך שטענדיק איבערגעבן דעם באַלעבאָס, אָט, מעגסט עס וויסן...

— מער רייד איך ניט מיט דיר!

ער האָט געשוויגן אַ ווײַל, געקאַלופּעט מיט אַ נאָגל די סמאָלע פון דער דלאָניע, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אָפּ מיר מיט די מילדע אויגן און געזאָגט:

— לײַגסט, וועסטריידן! מיט וועמען נאָך קענסטו ריידן? ניטאָ מיט וועמען...

דער ציכטיקער, פּינקטלעכער אָסיפּ ווײַזט מיר אויס ענלעך אפּן הייצער יאַקאָוו, וואָס איז גלײַכגילטיק צו אַלץ.

אַמאָל דערמאַנט ער מיר דעם פּירזאָגער פּיאָטער וואַסיליעוו, אַן אַנדער מאָל דעם פאָרמאַן פּיאָטער, ציַטנווײַז ווײַזט זיך אין אים עפּעס געמיינזאַמס מיטן זיידן, — אַזוי אָבער אַנדערש איז ער ענלעך אָפּ אַלע אַלטע לײַט, וואָס איך האָב געזען, אַלע זײַנען זיי געווען וווּנדערלעך־אינטערעסאַנטע, נאָר כ'האָב געפילט, אַז לעבן מיט זיי איז ניט מעגלעך — שווער און עקלדיק. זיי עסן אויס, דאַכט זיך, די

נעשאָמע, זייערע קלוגע רייד דעקן צו דאָס האַרץ מיט ברוינעם זשאַווער. אָסיפּ איז א גוטער? ניין. א שלעכטער? אויך ניט. ער איז א קלוגער — אָט דאָס איז מיר קלאָר, נאָר, פאַרוווּנדערנדיק מיט זײַן בייגעוודיקייט, האָט דער דאָזיקער סייכל מיך אָפּגעטייט, און סאָפּקאָלסאָפּ האָב איך געקומען פילן, אַז ער איז מיר ביז גאָר פּייַנטלעך.

אין דער נעשאָמע האָבן מיר געקומען אופזידן שוואַרצע מאַכשאָווועס:

„אַלע מענטשן זייַנען פרעמדע איינע די אַנדערע, — באַ די אַלע ליבלעכע ווערטער און שמייכלען, — און אַלע אַף דער ערד זייַנען פרעמדע. קיינער, אַפּאָנעם, איז מיט איר ניט פאַרבונדן מיט א שטאַרקן ליבע־געפיל. נאָר די באַבע מייַנע האָט ליב צו לעבן און האָט אַלץ ליב, די באַבע און די פרעכטיקע קעניגן מאַרגאָ".

אַמאָל פלעגן אָט די געדאַנקען און ענלעכע צו זיי זיך צונויפנעמען אין א געדיכטער כמאַרע, לעבן פלעג ווערן ענג און שווער, און ווי לעבט מען אַנדערש, ווּהין גייט מען? אַפילעריידן איז ניטאָ מיט וועמען, אויסער אָסיפּן. און איך האָב אַלץ אָפטער גערעדט מיט אים.

ער פלעג אויסהערן מייַנע הייסע פלאַפלערייַ מיט אָפענעם אינטערעס, פלעג איבערפרעגן, עפּעס האָט ער געוואָלט אַרויסבאַקומען, און פלעג רויִק זאָגן:

— דער פיקהאָלץ איז אייַנגעשפּאַרט, נאָר אָן סאַקאָנע, קיינער האָט פאַר אים קיין מוירע ניט! מייַן האַרצלעכע אייצע דיר: גיי אין מאָנאַסטיר, וועסט דאָרטן לעבן ביז צו א געוויסן עלטער — וועסט מיט גוטן געשפּרעך די דאַווענער טרייסטן, דיר וועט זייַן רויִק, און די מאָנאַכן וועלן האָבן פּאַרנאָסע! מייַן האַרצלעכע אייצע, צו די וועלטלעכע געשעפטן ביסטו, ווייַזט אויס, ניט צוגעפּאַסט, צי וואָס...

אין מאָנאַסטיר האָט זיך מיר ניט געוואָלט גיין, נאָר כ'האָב געפילט, אַז איך דריי זיך אין א פאַרקישעפטן קרייַז פון אומפאַרשטענדלעכס. א בענקשאַפט האָט גענאָגט. דאָס לעבן איז ענלעך געוואָרן אַף א האַרבסטיקן וואַלד, — די שוואָמען האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט, טאָן איז אין פּוסטן וואַלד ניטאָ וואָס און סע דוכט זיך, אַז דו קענסט אים שוין אַף דורך און דורך.

איך האָב ניט געטרונקען קיין בראָנפן, זיך ניט געטומלט מיט קיין מיידלעך, — די ביכער האָבן מיר פאַרביטן אָט די ביידע מינים פאַרשיקערונג. אָבער וואָס מער איך האָב געלייענט, אַלץ שווערער איז מיר געווען צו לעבן אַזוי ליידיק און אומנוציק, ווי די מענטשן, לויט מיר האָט געדוכט, האָבן געלעבט.

איך בין אָקאָרשט אַלט געוואָרן פופצן יאָר, נאָר אַן אַנדער מאָל האָב איך זיך שוין געפילט ווי א באַיאָרטער מענטש. איך בין אַזויווי אינערלעך אופגעפּוישט און שווער געוואָרן פון אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, איבערגעלייענט און אין אומרו איבערגעקלערט. אַרייַנקוקנדיק אין זיך, פלעג איך די ווינונג פון מייַנע אייַנדרוקן געפינען ענלעך אַף א פינצטער קעמערל, וואָס איז ענג און ווי ניט איז אָנגעפּראָפּט מיט פאַרשיידענע זאַכענישן. אַף פאַנאַנדערקלייַבן זיך אין זיי איז ניט געווען ניט קיין קויעך, ניט קיין קענטעניש.

און אַלע שווערע זאַכן, כאָטש זיי זייַנען געווען אייגענע, זייַנען אָבער געלעגן ניט פעסט, האָבן זיך געשאָקלט און געהוידעט מיך, ווי וואַסער הוידעט א קיילע, וואָס שטייט ניט פעסט.

איך האָב ניט ליב געהאט און ס'זײַנען מיר געווען דערווידער אומגליקן, שלאָפּקײַטן, קלאָגערײַ. אז איך פלעג זען אכזאָריעס — בלוט, קלעפ, אפילע נאָר וואָרט־כויזעק איבער א מענטשן, — פלעג עס בא מיר ארויסרופן אן אָרגאנישן עקל. ער פלעג גיך אריבערוואקסן אין א מין קאלטן צאָרן, און כ'פלעג זיך ווארפן שלאָגן, ווי א כײַע, — און דערנאָך פלעג מיר זײַן א כארפע ביז ווייטעק.

אמאָל פלעג זיך אזוי הייס גלוסטן צענעריקן דעם פײַניקער, און איך פלעג זיך אזוי בלינד ווארפן אין געשלעג, אז נאָך איצט דערמאן איך זיך מיט כארפע און פארדראָס וועגן אָט די אָנפאלן פון פארצווייפלונג, וואָס פלעגן מיר קומען פון אָנמאכט.

אין מיר האָבן געלעבט צוויי: איינער, אז ער איז געווירע געוואָרן פון צופול נידעריקײַט און ברוד, איז ער אביסל דערשראָקן געוואָרן דערפון, און, דערדריקט פונעם וויסן דאָס וואָכעדיק־שוידערלעכע, האָט ער אָנגעהויבן זיך באַציִען צום לעבן, צו די מענטשן מיט אומצוטרוי, מיט פארדאכט, מיט אָנמעכטיקער ראכמאָנעס צו אלעמען און אויך צו זיך אליין. אָט דער מענטש האָט געטרוימט וועגן א שטיל, איינזאם לעבן מיט ביכער, אָן מענטשן, וועגן א מאָנאסטיר, א וואלד־שטיבל, אן אײַזנבאן־בײַדל, וועגן פערסיע און א שטעלע פון א נאכט־וועכטער ערגעץ עק־שטאָט. וואָס ווייניקער מענטשן, וואָס ווײַטער פון זיי...

דער צווייטער, געצײַלעמט פונעם הײליקן גײַסט פון די ערלעכע און קלוגע ביכער, האָט געזען די זיגערישע קראפט פונעם וואָכעדיק שוידערלעכן, געפילט, ווי לײַכט אָט די קראפט קאָן אים אָפּרײַסן דעם קאָפ, צעקוועטשן דאָס הארץ מיטן שמוציקן קנאפל, און האָט אָנגעשטרענגט זיך געווערט, צונויפגעציפּעט די ציין, צונויפגעדריקט די פויסטן, שטענדיק גרייט אפ קריג און שלאכט. די ליבע פון אָטאָ דעמ־אָ איז געווען טעטיק, און, ווי דאָס האָט געפאסט פאר א מוטיקן העלד פון א פראנצויזישן ראָמאן, פלעג ער צום דריטן וואָרט ארויסכאפן די שפאגע פון שייד און זיך שטעלן אין דער שלאכט־פּאָזיציע.

ס'איז געווען בא מיר אין יענער צײַט א גיפטיקער פײַנט, א הויפער פון איינעם א שאנד־הויז אפ קלײן־פּאָקראָווער גאס. איך האָב זיך באקענט מיט אים איינמאָל אינדערפרי, גייענדיק אפן יאָרמארק: באם טויער פונעם הויז האָט ער פון א דראָזשקע געשלעפּט א טויט־שיקער מיידל. אָנגעכאפּט זי פאר די פיס אין אראָפּגעפאלענע זאָקן, אנטבלויזט זי ביזן גארטל, האָט ער זי אומפארשעמט געצופּט, געהוקעט, געלאכט, געשפּיגן איר אפן לײַב, און זי האָט, אראָפּהעפּענדיק פון דער דראָזשקע, א צעקנייטשטע, א בלינדע, מיט אן אָפן מויל, פארוואָרפן הינטערן קאָפּ די ווייכע און אזויווי אויסגעלינקטע הענט, זיך געשלאָגן מיטן רוקן מיטן נאַקעטן און בלויען פּאָנעם אינעם זיץ פון דער דראָזשקע, אינעם פיס־טרעפל — און איז ענדלעך אנידערגעפאלן אפן ברוק מיט א זעץ פונעם קאָפּ אין די שטיינער.

דער פורמאן האָט א שמיץ געטאָן דאָס פערד און איז אוועק, און דער הויפער האָט זיך אײַנגעשפּאנט אין דעם מיידלס פיס און, אָפּטרעטנדיק הינטערווײַלעכס, האָט ער זי אוועקגעשלעפּט אפן טראָטואר, ווי א טויטע. ווי א משוגענער, האָב איך זיך א לאָז געטאָן און, צו מײַן גליק, לויפנדיק אוועקגעוואָרפן, צי ניט־ווילנדיק פארלוירן דעם קלאפּטערדיקן וואטערפאס, און דאָס האָט געראטעוועט

דעם הויפער און מיך פון א גרויסער אומאנגענעמלעכקייט. א זעץ געטאָן דעם הויפער אין אימפעטיקן אָנלויף, האָב איך אים אומגעוואָרפן, בין ארופגעשפרונגען אפן גאנעק און געגומען פארצווייפלט צופן דאָס הענטל פונעם גלעקל. ס'זיינען ארויסגעלאָפן עפּעס ווילדע מענטשן, איך האָב גאָרניט געקענט דערקלערן, — און בין אוועק, אופהייבנדיק דעם וואטערפּאס.

באַם אראָפּפאָר האָב איך אָנגעיאָגט דעם פורמאן. ער האָט אפ מיר א קוק געטאָן פון דער קעלניע-הייך און באגיטיקנדיק געזאָגט:

— ביסט אים פלינק פארפאָרן!

איך האָב אים געפרעגט: וויאזוי האָט ער עס דערלויבט דעם הויפער פייניקן דאָס מיידל? — ער האָט געענטפערט רויק און מיט פאראכטונג:

— לויט מיר — מעגן הינט זי עסן! די הערן האָבן מיר באצאָלט, ווען זיי האָבן זי ארופגעזעצט אפ דער דראָזשקע, — וואָס-זשע גייט עס מיר אָן, ווער וועמען סע שלאָגט?

— און ווען מע דערהארגעט זי?

— אזוי גיך הארגעסטו אוועק אזא-אָ, — האָט דער פורמאן געזאָגט, ווי ער וואָלט שוין ניט איינמאָל געפּרווט הארגענען שיקערע מיידלעך.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך אלע פרימאָרגן געזען דעם הויפער, כ'גיי איבער דער גאס, און ער קערט דעם ברוק אָדער זיצט אפן גאנעק, ווי ער וואָלט וואַרטן אפ מיר. איך גיי צו אים צו, ער שטייט אוף, פארשארצט די ארבל און גיט מיר וואָרענענדיק צו וויסן:

— נו, באלד צעברעך איך דיר די ביינער!

ער איז געווען אלט א יאָר פערציק. א קליינינקער, א קרומפיסיקער, מיט א בויך פון א טראָגעדיקער פרוי, קוקט ער אפ מיר, שמייכלענדיק מיט שטראלנדיקע אויגן, און ס'איז געווען מעשונעדיק ביז שוידער צו זען, אז די אויגן בא אים זיינען גוטע, פריילעכע. שלאָגן זיך האָט ער ניט געקענט, דערצו זיינען בא אים די הענט געווען קירצער ווי מיינע, — נאָך א צוויי-דריי פרווון פלעג ער אָפּטרעטן, זיך צוקוועטשן מיטן רוקן צום טויער און זאָגן מיט כידעש:

— נו, ווארט, וועסט נאָך לייזן!..

די דאָזיקע געשלעגן האָבן מיר דערעסן, און איך האָב אים איינמאָל געזאָגט:

— הער נאָר דו, טיפּעש איינער, לאָז מיך צורו, איך בעט דיך!

— וואָס-זשע שלאָגסטו זיך? — האָט ער מיט פאָרוורף געפרעגט.

איך האָב אים אויך געפרעגט, פארוואָס איז ער אזוי עקלדיק זיך באגאנגען מיטן מיידל.

— און וואָס ארט עס דיך? ס'א ראכמאָנעס אפ איר?

— געוויס א ראכמאָנעס.

ער האָט געשוויגן א ווייל, אויסגעווישט די ליפּן און געפרעגט:

— און אפ א קאַץ איז דיר אויך א ראכמאָנעס?

— נו, אפ א קאַץ אויך...

דעמלט האָט ער מיר געזאָגט:

— ביסט א נאר, א זשוליק! ווארט, איך וועל דיך נאָך אָנלערנען...

איך האָב ניט געקענט ניט גיין איבער דער גאַס — דאָס איז געווען דער קירצ־סטער וועג. נאָר כ'האָב אָנגעהויבן אופשטיין פריִער, קעדיי ניט באַגעגענען זיך מיט אָט דעם מענטשן, און דאָך האָב איך אים אין עטלעכע טעג אַרום דערזען — ער איז געזעסן אַפן גאַנעק און האָט געגלעט אַ רויִך־קאָלירטע קאַץ, וואָס איז גע־לעגן אַף די קני בא אים, נאָר אַז איך בין צוגעגאַנגען צו אים אַף אַ דריַי טריט, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן פונעם אָרט, האָט אָנגעכאַפּט די קאַץ פאַר די פיס און פון צעפּאָכטער האַנט זי אַ קנאַק געטאָן מיטן קאָפּ אין דער טומבע אַזוי, אַז ס'האָט אַף מיר אַ שפּריץ געטאָן מיט וואַרעמס, — אַ קנאַק געטאָן, צוגעוואָרפן די קאַץ מיר צו די פיס און זיך אַריַינגעשטעלט אין פאַרטקע מיט אַ פרעג:

— וואָס?

— נו, וואָס זאָל מען טאָן? מיר האָבן זיך געקײַקלט איבערן הויף, ווי צוויי הינט. און דערנאָך, זיצנדיק אין בוריאַן, וואָס אַפן אַראָפּפאָר, מעשוגע פאַר פּײַן, וואָס עס איז אומעגלעך זי אויסצודריקן, האָב איך געביסן די ליפּן ניט צו רעווען, ניט צו שרײַען... אָט דערמאַנסטו זיך וועגן דעם, און אַ פאַרציטערטער פון פּײַנ־לעבן עקל כידעשסטו זיך: ווי בין איך עס ניט אַראָפּ פון זינען, ניט דערהאַרגעט קיינעם?

צוליב וואָס דערצייל איך אָט די גרוילן? קעדיי איר זאָלט פון זיי וויסן, גנע־דיקע הערן, זיי זײַנען דאָך ניט אַריבער, ניט אַוועק! אײַך געפעלן אויסגעטראַכטע פּכאָדים, ס'געפעלן שוידער, שיין דערציילטע, פאַנטאַסטישע שרעקן רודערן אײַך אַנגענעם אוף, און איך אָט ווייס פון ווירקלעך־שרעקלעכע זאַכן, וואָכעדיק־שוידער־לעכע, און איך האָב אַ רעכט, וואָס קיינער קאָן בא מיר ניט אַוועקנעמען, אומאַנ־גענעם צערודערן אײַך, דערציילנדיק וועגן זיי, איר זאָלט זיך דערמאָנען, וויאַזוי איר לעבט און מיט וואָס איר לעבט.

נידעריק און קויטיק איז אונדזער אַלעמענס לעבן, אָט אין וואָס עס גייט!

איך האָב זייער ליב מענטשן און וואָלט קיינעם ניט געוואָלט פאַרשאַפן קיין פּײַן, נאָר מע טאָר ניט זײַן סענטימענטאַל און מע טאָר ניט פאַרבאַהאַלטן דעם שוידערלעכן עמעס אין קאָליריקע ווערטער פון צוגעפּוצטע ליגנס. צום לעבן! צום לעבן! מע מוז אין דעם אַרײַנטראָגן אַלדאָס גוטע און מענטשלעכע, וואָס ס'איז פאַראַן אין אונדזערע הערצער און מויכעס.

...באַזונדערס פלעג מיך דול מאַכן די באַציִונג צו דער פרוי. אָנגעלייענט מיט ראָמאַנען, האָב איך געקוקט אַף דער פרוי, ווי אַפן בעסטן און באַדײַטנדיקסטן אין לעבן. די מיינונג האָט אין מיר פאַרפעסטיקט די באָבע מיט אירע דערציילונגען וועגן דער גאָט־געווינערין און דער איבערקלוגער וואַסיליסע, די אומגליקלעכע וועשן נאַטאַליע און יענע הונדערטער, טויזנטער אופגעכאַפּטע בליקן, שמייכלען, מיט וועלכע די פרויען, די מוטערס פון לעבן, באַצירן עס, אָט דאָס לעבן, וואָס איז אַזוי אָרעם מיט פריידן, אָרעם מיט ליבע.

לויב דער פרוי האָבן געזונגען די ביכער פון טורגעניעוו, און מיט אַלץ, וואָס איך האָב געוווּסט ווילס וועגן פרויען, האָב איך באַפּוצט די געשטאַלט פון דער טיפּ אין זיקאָרן אײַנגעשניטענער קעניִגן. היינע און טורגעניעוו האָבן באַזונדערס פיל קאָסטבאַרקייטן געגעבן פאַר דעם.

אומקערנדיק זיך אָוונט־צו פונעם יאַרמאַרק, פֿלעג איך זיך אָפּשטעלן אויף באַרג, בײַ דער וואַנט פונעם קרעמל, און קוקן, ווי הינטער דער וואָלגע לאָזט זיך אַראָפּ די זון, אין די הימלען פֿליסן פֿײַערדיקע טײַכן, ס'רויטלט און ס'בלויט דער ליבער ערדישער טײַך. אין אַזוינע מינוטן פֿלעג די גאַנצע ערד אויסזען ווי אַ ריזיקע אַרעסטאַנטן־באַרזשע; זי איז ענלעך אויף אַ כאַזער, און אַן אומזיכטיקער דאַמפּער שלעפּט זי ערגעץ פֿויל.

נאָך אָפּטער האָט זיך געטראַכט וועגן דער גרויסקייט פון דער ערד, וועגן שטעט, וואָס זײַנען מיר באַוווּסט געוואָרן פון ביכער, וועגן פֿרעמדע לענדער, וווּ מע לעבט אַנדערש. אין די ביכער פון די פֿרעמדלענדישע שרײַבער איז דאָס לעבן געווען אויסגעמאָלט ריינער, ליבער, ניט אַזוי שווער, ווי דאָס דאָזיקע, וואָס האָט פּאַמעלעך און איינאַרטיק געזאָטן אַרום מיר. דאָס פֿלעג שטילן מײַן אומרו, וועקן אַקשאָנעסדיקע טרוימען וועגן דער מעגלעכקייט פון אַן אַנדער לעבן.

און ס'האָט זיך קעסיידער געדוכט, אַז אָט וועל איך באַגעגענען עמעצן אַ פּראָסטן, קלוגן מענטשן, און ער וועט מיך אַרויספֿירן אויף אַ ברייטן, קלאָרן שליאַך.

איינמאָל בין איך געזעסן אויף אַ באַנק בײַ דער וואַנט פון קרעמל, האָט זיך האַרט לעבן מיר באַוויזן דער פּעטער יאַקאָוו. איך האָב ניט באַמערקט, ווי ער איז צוגעגאַנגען, און האָב אים ניט באַלד דערקענט. כאָטש מיר האָבן אין פֿאַרלויף פון עטלעכע יאָר געוווינט אין איין שטאָט, נאָר באַגעגנט האָבן מיר זיך זעלטן, צופֿעליק און קורץ.

— אָט ווי ס'האָט דיך אויסגעצויגן! — האָט ער געזאָגט שפּאַסיק און מיך דערבײַ אַ שטורכע געטאָן. מיר האָבן זיך צערעדט, ווי פֿרעמדע, נאָר לאַנג באַקאַנטע מענטשן.

פון דער באָבעס דערציילונגען האָב איך געוווּסט, אַז פֿאַר די יאָרן איז דער פּעטער יאַקאָוו אינגאַנצן רויִנירט געוואָרן, האָט אַלץ פֿאַרלעבט, פֿאַרהוליעט. ער האָט געדינט ווי אַ געהילף פונעם עלטסטן אויפֿן עטאַפּנעם הויף, נאָר די דאָזיקע דינסט האָט זיך אויסגעלאָזן שלעכט: דער עלטסטער איז קראַנק געוואָרן, און דער פּעטער יאַקאָוו האָט אָנגעהויבן אײַנאָרדענען בײַ זיך אין וווינונג הוליאַנקעס פֿאַר די אַרעסטאַנטן. דאָס איז באַוווּסט געוואָרן, מ'האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע און איבערגעגעבן אין געריכט, באַשולדיקט, אַז ער לאָזט די אַרעסטאַנטן אויף באַנאַכט אין שטאָט אַרויס „אַ הוליע טאָן". קיינער פון די אַרעסטאַנטן איז ניט אַנטלאָפֿן, נאָר איינעם האָט מען גראָד געפּאַקט אין דער מינוט, ווען ער האָט מיט גרויס פֿלײַס געשטיקט עפּעס אַ דיאַקאָן. די אויספֿאָרשונג האָט זיך געצויגן לאַנג, נאָר צום געריכט איז די זאַך ניט דערגאַנגען, — די אַרעסטאַנטן און די אויפֿזעערס האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצוהעלפֿן דעם גוטהאַרציקן פּעטער פון אָט דער געשיכטע. איצט האָט ער געלעבט אָן אַרבעט, אויף די מיטלען פונעם זון, וואָס האָט געזונגען אין רוקאַווישניקאָווס קלויסטער־כאָר, אַ באַרימטן כאָר צו יענער צײַט. וועגן דעם זון האָט ער גערעדט מאָדנע:

— ער איז בײַ מיר געוואָרן אַן ערנסטער זייער, אַ וויכטיקער! אַ סאָליסט. טאָמער באַוויַיזט ניט דערלאַנגען צו דער צײַט דעם סאַמאָוואַר, אָדער די קליידער אויסבערשטלען, — איז ער אין קאַס! אַן אַקוראַטער באָכער און האַלט זיך ריין...

דער פעטער אַלײן איז שטאַרק אַלט געוואָרן, האָט אויסגעזען אײַנגאַנצן פֿאַר־ברודיקט, אָפּגעקראָכן און צעווייקט. זײַנע פֿריילעכע קוטשערן זײַנען שטאַרק שי־טער געוואָרן, די אויערן האָבן געסטאַרטשעט, אָפּ די אויגן־וויַיסלעכער און אָפּ דער סאַפּיאַנענער הויט פֿון די געגאָלטע באַקן האָט זיך באַוויזן אַ געדיכטע נעץ רויטע אָדערלעך. געררעדט האָט ער וויצלדיק, נאָר ס'האָט געדוכט, אַז אין מויל בײַ אים ליגט עפּעס און שטערט דער צונג, כאָטש די צײַן זײַנען געווען גאַנצע.

כ'האָב זיך דערפֿרייט מיט דער מעגלעכקייט זיך דורכצורייִדן מיט אַ מענטשן, וואָס האָט געקענט לעבן פֿריילעך, האָט אַסאַך געזען און דאַרף אַסאַך וויסן. ס'האָבן מיר זיך שאַרף דערמאַנט זײַנע פֿאַרשײַטע, לעכערלעכע לידער, און ס'האָבן אָפּגע־קלונגען אין זיקאָרן דעם זיידנס ווערטער וועגן אים:

— ווי דאָוויד האַמײלעך — אין געזאַנג, און ווי אווישאָלעם — אין דער נאַ־טור — אַ שלאַנג!

איבערן בולוואַר פֿאַרבײַ אונדז איז געגאַנגען אַ ציכטיקע פּובליקע: גרויסאַר־טיקע דאַמעס, טשינאָווניקעס, אָפֿיצערן. דער פֿעטער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אָפּגעריבענער האַרבסטיקער פּאַלטאָ, אַ צעקנייטשטן קאַרטוז, רויטלעכע שטיוול און האָט זיך אַלץ אײַנגעצויגן, קענטיק, זיך געשעמט פֿאַר זײַן קאָסטיום. מיר זײַנען אַוועק אין אײנעם אַ טראַקטיר פֿונעם פּאָטשײַנער יאַר, האָבן פֿאַרנומען אַן אָרט בײַ אַן אָפֿענעם פֿענצטער צום מאַרק.

— איר געדענקט, ווי איר האָט געזונגען:

— אַ בעטלער האָט אויסגעהאַנגען אָנעטשעס טריקענען,
האָט זיי אַ בעטלער אַ צווייטער געגאַנוועט.

אַז איך האָב אויסגערעדט די ווערטער פֿון דער ליד, האָב איך פּלוצעם צום ערשטן מאָל דערפֿילט זייער אָפּשפּעטערישן זין, און מיר איז געקומען דער גע־דאַנק, אַז דער פֿריילעכער פֿעטער איז בייז און קלוג.

נאָר ער האָט, אָנגיסנדיק בראָנפֿן אין קעלישעק, פֿאַרטראַכטערהייט געזאָגט:

— יאָ, מע האָט אַ לעב געטאָן, געפּראַוועט שטיק, נאָר — ווייניק! אָט די ליד איז ניט מײַנע. ס'האָט זי פֿאַרפֿאַסט אײנער אַ לערער פֿון אַ סעמינאַריע, ווי האָט ער געהייסן, דער פֿאַרשטאָרבענער? פֿאַרגעסן. מיר זײַנען מיט אים געווען גוטע־פֿרײַנט, ער איז געווען ניט קיין באַווײַבטער. די טרינקזוכט האָט אים געפּאַטערט. גע־שטאָרבן, דערפֿרוירן געוואָרן. וויפֿל מענטשן האָבן דאָס לעבן פֿאַרטרונקען פֿאַר מײַן געדענקען — ניט אויסצוציילן! דו טרינקסט ניט? האָב צײַט. דעם זיידן זעס־טו אָפּט? ניט קיין פֿריילעכער אַלטער. גייט, דאַכט זיך, פֿון זינען אַראָפּ.

אויסגעטרונקען, האָט ער אופֿגעלעבט, זיך אויסגעגלײַכט, געוואָרן יינגער און גענומען ריידן פֿלינקער.

כ'האָב אים געפֿרעגט וועגן דער געשיכטע מיט די אַרעסטאַנטן.

— האָסט געהערט? — איז עס אים געווען טשיקאַווע. ער האָט זיך אומגעקוקט און מיט אַ שטיל קאָל גענומען ריידן:

— וואָס־זשע, אַז אַרעסטאַנטן? איך בין זיי ניט קיין ריכטער. איך זע —

מענטשן, ווי מענטשן, און זאָג צו זיי: ברידער, לאָמיר לעבן כאַווריש, לאָמיר לעבן פריילעך. ס'פאַראַן, זאָג איך, אזא ליד:

קיין שיקזאַל דאַרף די פרייד פאַרשטערן!
קיין פּלאָג, ווי שווער זי זאָל ניט זײַן,
געלעכטער קאָן אונדז ניט פאַרווערן.
א נאַר איז, ווער עס וויינט פאַר פּײַן...

ער האָט זיך צעלאַכט, אַרויסגעקוקט אינ פענצטער אפּן טונקל־געוואָרענעם יאַר, וואָס איז באַשטעלט געווענ איבערנ דנאָ מיט האַנדל־רונדוקלעך, און האָט ווײַטער גערעדט, פאַרכטנדיק די וואָנצעס:

— זיי, פאַרשטייט זיך, זײַנען צופרידן. אינ טורמע איז אומעטיק. נו, איז אָט, ווי נאָר פאַרענדיקט מיטנ איבערקוק, איז באַלד צו מיר. בראָנפּנ, פאַרבײַסנ. אמאָל מײַנע, אמאָל — זייערע, און ס'האָט זיך צעהוידעט, צעשפּילט די מאַמעניו ראַסיי!... איך האָב ליב געזאַנג, טענצ, און צווישנ זיי זײַנען פאַראַנ אויסגעצייכנטע זינגער און טענצער, וווּנדערלעך! אנ אַנדערער איז אינ קאַנדאַלן, נו, — אינ זיי וועסטו קיינ טאַנצ ניט גיינ, פלעג איך דערלויבנ אַראָפּנעמענ די קאַנדאַלן. דאָס איז עמעס, כאָטש זיי קענענ אַליינ אַראָפּנעמענ אָנ א קאָוואַל, ס'א פלינקער אוילעם, וווּנדערלעך! נאָר אז איך פלעג זיי קלוימערשט אַרויסלאָזנ אינ שטאָט אַרײַנ ראַבעווענ — דאָס איז שטוסערײַ, דאָס איז אפילע געבליבנ ניט דערוויזנ...

ער איז אַנשוויגנ געוואָרנ און האָט א קוק געטאָנ אינ פענצטער, אינ יאַר, ווו די אַלטוואַרגער האָבנ געהאַלטנ אינ פאַרשליסנ זייערע רונדוקעס. דאָרט האָט גע־בריאַזגעט דאָס אײַזנ פונ די ריגלענ, האָבנ געקוויטשעט פאַרזשאַווערטע טיר־אַנג־לענ, זײַנען געפאַלנ עפּעס ברעטער, הילכיק הוקענדיק. דערנאָך האָט ער, פריילעך אונטערפינטלענדיק צו מיר, שטיל פאָרגעזעצט:

— דעם עמעס געזאָגט, איז געווענ איינער, וואָס פלעג טאַקע אָפּט אַוועקגיינ באַנאַכט. ניט קיינ קאַנדאַלניק, נאָר פּראָסט א גאַנעוו א היגער, א ניזשעגאָראָדער. ניט ווײַט, אפ דער פּעטראָווקע, האָט געוווינט זײַנ געליבטע... און מיטנ דיאַקאָנ די געשיכטע איז אויכ פאָרגעקומענ דורכ א טאָעס: מע האָט אפּנ דיאַקאָנ געמיינט, אַז ס'א סויכער. ס'איז געווענ באַנאַכט. ווינטער, א זאַווערוכע, אַלע — אינ פּעלצנ, גיי, אינ אײַלעניש, קלײַב זיך דאָ פאַנאַנדער, ווער איז א סויכער, ווער — א דיאַקאָנ.

דאָס האָט בא מיר אַרויסגערופנ א געלעכטער, ער האָט זיך אויכ צעלאַכט, זאָגנדיק:

— אינדערעמעסנ! דער רועכ קענ זיך דאָ פאַרנאַנדערקלײַבנ...

דאָ איז דער פעטער אומגעריכט און מאָדנע לײַכט אינ קאַס געוואָרנ, האָט אָפּגעשטופּט דעם טעלער מיטנ פאַרבײַסנ, אומצופרידנ פאַרקנייטשט דאָס פּאָנעם, פאַרוויכערט א פּאַפּיראָס און טויב זיך צעמורמלט:

— גאַנווענע איינע בא די אַנדערע, דערנאָכ כאַפּנ זיי איינע די אַנדערע, זעצנ אינ טורמעס, אינ סיביר, אינ קאַטאָרגע, נו, און וואָס האָב איך דאָ צו טאָנ? איך שפּײַ אפ אַלעמענ... איך האָב מיר מײַנ נעשאָמע.

פאר מיר איז אופגעשטאנענ דער פאטלאטער הייצער, — ער פלעג אויכ אָפט זאָגנ „איכ שפּיי״. אונ ער האָט אויכ געהייסנ יאקאָוו.

— וועגנ וואָס טראכסטו ? — האָט דער פעטער ווייכ א פרעג געטאָנ.

— ז׳איז איַיכ געווענ א ראכמאָנעס אפ די ארעסטאנטנ ?

— אפ זיי איז גרינג ראכמאָנעס צו קריגנ. פאראנ צווישנ זיי אזוינע מענטשנ, וווּנדערלעכ ! אנ אנדער מאָל קוקסטו אונ טראכסט : איכ בינ דאָכ, אייגנטלעכ, זיינ פיאטע ניט ווערט, כאָטש איכ בינ א נאטשאלניק איבער אימ ! קלוגע רוכעס, פלינקע...

דער וויַינ אונ די זיכרוינעס האָבנ אימ ווידער אנגענעמ אופגעוועקט. אָנגע־שפּארט מיטנ עלנבויגנ אָנ פענצטער־ברעט, פאָכנדיק מיט דער געלער האנט, מיטנ ניט־דערוויכערטנ פאפּיראָס צווישנ די פינגער, האָט ער זיכ לעבהאפטיק צערעדט :

— איינער אָנ אנ אויג, א גראווירער אונ א זייגערמייַסטער, איז געמישפּעט גע־וואָרנ פאר פאלש געלט אונ איז אנטלאָפנ. האָסטו געמעגט הערנ, ווי דאָס האָט גערעדט ! פייַער ! מאמעש ער זינגט, ווי א סאָליסט. גיט מיר צו פארשטיינ, זאָגט ער, פארוואָס די מעלוכע מעג שטעמפּלענ געלט, אונ איכ ניט ? גיט אימ צו פאר־שטיינ ! קיינער קענ עס אימ ניט געבנ צו פארשטיינ, קיינער ניט, אונ איכ — אויכ ניט. אונ זייַנ בינ איכ איבער אימ א נאטשאלניק ! א צווייטער, א בארימטער מאָס־קווער גאנעוו, א שטילינקער אזא, א פראנט, א צוכט, — יענער פלעג ריידנ העפ־לעכ. מענטשנ, זאָגט ער, ארבעטנ ביז טעמפּ צו ווערנ, אונ איכ וויל עס ניט. איכ, זאָגט ער, האָב עס אויסגעפּרווט : ארבעטסט, ארבעטסט, ווערסט פאר מידקייַט א קלאָצ, טרינקסט זיכ אָנ פאר א גראָשנ, א צוואנציקער פארשפּילסטו אינ קאָרטנ, א פיאטאקל א נעקייווע פאר ליבע, דערנאָכ ביסטו ווידער הונגעריק אונ אָרעמ. ניינ, זאָגט ער, איכ באטייליק זיכ ניט אינ דער שפּיל...

דער פעטער יאקאָוו האָט זיכ אָנגעבויגנ צומ טיש אונ פאָרגעזעצט, רויט ביז צומ שייטל, אופגערעגט אזוי, אז אפילע זייַנע קליינע אויערנ האָבנ געציטערט :

— זיי, ברודער, זייַנענ ניט קיינ נאראָנימ, זיי אורטיילנ ריכטיק ! גייט זי צומ טייַוול, די גאנצע פאָרדרייעניש. א בייַשפּיל : וויאזוי האָב איכ געלעבט ? א כארפּע צו דערמאנענ זיכ, — אלצ ברעקלעכווייַז, געגאנווועטערהייט. צאָרעס — אייגענע, אָבער פרייד — געגאנוועטע ! דאָס שרייַט דער טאטע — מע טאָר ניט, דאָס שרייַט דאָס ווייַב — מע דארפ ניט, דאָס האָסטו אליינ מוירע צו קוילענ א קערבל. אזוי האָב איכ פארשלאָפנ דאָס לעבנ — אונ בינ אפ דער עלטער בא מיינ זונ א לאקיי. וואָס איז דאָ צו פארבאהאלטנ ? איכ בינ, ברודער, שטיל פאָלגנדיק, אונ ער אפ מיר מאכט קוילעס, ווי א פאָרעצ. זאָגנ זאָגט ער — פאָטער, אונ איכ הער — לאקיי ! ווי־זשע, בינ איכ טאקע צוליב דעמ געבוירנ געוואָרנ, האָב איכ צוליב דעמ זיכ ארומגעוואלגערט, איכ זאָל דעמ זונ מייַנעמ דינענ ? אויב אפילע ניט צוליב דעמ — איז צו וואָס האָב איכ פאָרט געלעבט, אססאכ פארגעניגנ האָב איכ געהאט ?

איכ האָב אימ אויפמערקזאמ געהערט. אומגערנ אונ ניט האָפנדיק אפ קיינ ענטפער, האָב איכ פונדעסטוועגנ געזאָגט :

— איכ אָט ווייס אויכ ניט, וויאזוי צו לעבנ...

ער האָט א שמייכל געטאָנ :

— נו, ווער ווייס עס? כ'האָב נאָך ניט געזען אזויגע, וואָס זאָלן וויסן! אזוי, מענטשן לעבן, ווי ווער ס'איז געווינט...

און ער האָט זיך ווידער צערעדט באַליידיקט, קאָעסדיק:

— ס'איז געזעסן בא מיר פאַר א פאַרגוואַלדיקונג א מענטש איינער פון אָריאָל, אַן אדלמאַן, אַן אויסגעצייכנטער טענצער, פלעג ער אַלעמען לאַכנדיק מאַכן. ער האָט געהאַט א ליד וועגן וואַנקען:

— וואַנקע, שפּאַנסט איבערן צווינטער —
דאָס איז זייער פּראָסט:
עטוואָס ווייַטער פונעם צווינטער
שטעקט ארויס די נאָז!..

איז, מיינט איך, אז דאָס איז גאָר ניט צום לאַכן, נאָר ס'איז עמעס! ווי דו זאָלסט זיך ניט דרייען, ווייַטער פונעם צווינטער וועסטו ניט ארויסשמעקן. און אויב אזוי, איז מיר אַלציינס: לעבן ווי אַן ארעסטאַנט אָדער ווי א נאַטשאַלניק איבער ארעסטאַנטן...

ער איז מיד געוואָרן פון ריידן, האָט גענומען א טרונק בראָנפן און אריינגעקוקט פויגלש, מיט איין אויג, אין ליידיקן קאַראַפין, שווייַגנדיק פאַרויכערט נאָך א פּאַפּיראָס, לאָזנדיק דעם רויך אין די וואָנצעס אריין.

— ווי דו זאָלסט זיך ניט שלאָגן, וועסטו זיך צו גאָרניט ניט דערשלאָגן, דעם קיווער און דעם צווינטער וועט קיינער ניט מייַדן, — פלעג אָפט זאָגן דער מוליער פּיאָטער, וואָס איז גאָר ניט ענלעך געווען אפן פּעטער יאַקאָוו. וויפל אזוינע און ענלעכע גלייַכווערטלעך איך האָב שוין געוווּסט!

מער האָט זיך גאָרניט געגלוסט פרעגן באַם פּעטער. ס'איז געווען אומעטיק מיט אים, און ס'איז געווען א ראַכמאָנעס אף אים. ס'האָבן מיר זיך אַלץ דערמאַנט זייַנע ווילערישע לידער און אָט דער קלאַנג פון דער גיטאַרע, וואָס האָט דורכגעזאַפּט מיט פרייד דעם ווייכן טרויער. איך האָב אויך ניט פאַרגעסן דעם פרייַלעכן ציגאַן, ניט פאַרגעסן, און קוקנדיק אף דער אָפּגעריבענער פיגור פונעם פּעטער יאַקאָוו, האָב איך ניטווילנדיק געטראַכט:

„צי געדענקט ער, ווי מע האָט דערקוועטשט ציגאַנען מיטן צייַלעם?"

ס'האָט זיך ניט געוואָלט וועגן דעם פרעגן.

איך האָב געקוקט צום יאַר, וואָס איז ביז די ראַנדן געווען אָנגעגאָסן מיט פּייַכטן אווגוסטיקן טונקל. פונעם יאַר איז אופגעשטאַנען א רייעך פון עפּל און דיניעס. איבערן שמאָלן אריינפאָר אין שטאָט האָבן זיך געצונדן לאַמטערנס, אַלץ איז געווען אף דורך און דורך באַקאַנט: אָט וועט באַלד זיך צעהודען דער דאַמפער אף ריבינסק, און דער צווייטער — אף פּערם...

— מע דאַרף פונדעסטוועגן גיין, — האָט דער פּעטער געזאָגט.

בא דער טיר פון טראַקטיר האָט ער, טרייסלענדיק מיר די האַנט, שפּאַסיק בעייצעט:

— זייַ ניט אזוי צעקלעמט, קלעמסט זיך שטאַרק, א? טו א שפּייַ! ביסט נאָך א יונגינקער. דעריקער געדענק: „קיין שיקזאַל דאַרף די פרייד ניט פאַרשטערן". נו, זייַ געזונט. איך דאַרף צו אוספּעניע!

דער פריילעכער פעטער איז אוועק און איבערגעלאָזט מיך נאָך מער פארפלאָנטערט דורך זיינע רייד.

איך בין אוועק צו דער שטאָט, בין ארויס אין פעלד. ס'איז געווען א פולע לעוואָנע, איבערן הימל זיינען געשווומען שווערע וואָלקנס, אָפּווישנדיק מיט שווארצע שאָטנס מיינע שאָטנס פון דער ערד. ארומגעגאנגען די שטאָט מיטן פעלד, בין איך געקומען צו דער וואָלגע, אפן אָטקאָס, דאָרטן זיך אנידערגעלייגט אפן שטויביקן גראָז און געקוקט לאנג אפן טייך, צו די לאָנקעס, אפ דער אומבאוועגלעכער ערד. איבער דער וואָלגע האָבן זיך לאנגזאם געשלעפּט שאָטנס פון וואָלקנס; אריבערגעשפאנט אין די לאָנקעס אריין, ווערן זיי ליכטיקער, ווי אויסגעוואשן אין דער וואסער פונעם טייך. אלץ ארום שלאָפט אפדערהאלב, אלץ איז צוגעשטיקט, אלץ באוועגט זיך עפּעס אָן כיישעק, פאר שווערן מוז, און ניט פאר פלאמיקער ליבע צו באוועגונג, צו לעבן...

און סע גלוסט זיך אזוי געבן א גוטן זעץ מיטן פוס דער גאנצער ערד און זיך אליין, אז אלץ, און איך אליין, זאָל זיך פארדרייען אין א פריידיקן וויכער, אין א יאָנטעוודיקן טאנץ פון מענטשן, וואָס זיינען פארליבט איינער אין דעם אנדערן, אין אָט דעם לעבן, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן צוליב אן אנדער לעבן, — א שיינס, א מונטערס, אן ערלעכס...

ס'האָט זיך געטראכט:

— מע מוז עפּעס טאָן מיט זיך, אניט וועל איך אונטערגיין...

אין כמורנע הארבסטיקע טעג, ווען ניט נאָר דו זעסט ניט, נאָר דו פילסט ניט די זון, פארגעסט גאָר אין איר, — אין הארבסטיקע טעג איז ניט איינמאָל אויסגעקומען ארומצובלאָנקען איבערן וואלד. שלאָגסט זיך אראָפּ פון וועג, פארלירסט אלע סטעזשקעס, איז אז דו ווערסט סאָפּקאָלסאָפּ מיד זיי צו זוכן, פארציפּעסטו די ציינ און לאָזסט זיך גיין גלייך דורך דער געדיכטעניש איבער פוילן צווייגן־ברוך, איבער וואקלדיקע זומפּ־בערגלעך — און צום סאָף קומסטו שטענדיק ארויף אפ א וועג!

אזוי טאקע האָב איך באשלאָסן.

דעם זעלבן יאָר הארבסט בין איך אוועקגעפאָרן קיין קאזאן מיט דער געהיימער האָפענונג, אז, עפשער, וועל איך דאָרט ערגעץ אָנקומען זיך לערנען.

רעדאקטאָר — ג. זשיצ.
טעכנישער אָנפירער — ש. בוימ.
קאָרעקטאָרנ — ב. שוכמאנ, ע. מעלניקאָווא.

פאפיר 60X92—1/16—36 קג. 19 דרוק־
בויגנ. 23,81 דיסקאָנט־אווט.־בויגנ. טיראַזש
2000 עקז. באפולמ. פונ הויפטליט 8067.
באשט. נומ. 1728. פארלאג־נומ. 516.
שטאָטליט נומ. 1431. נקמפ אוססר, 11־טע
דרוקעריַ אופט, בערדיטשעוו. אָפגעגעבנ
אינ זאצ 9/V—1940. אונטערגעשריבנ
צומ דרוק 9/VI—1940 י.